This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש
היימלאַנד

2

1971

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כודעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

עלפטער יאָרגאַנג

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פיסאַטעל“

מאָסקווע

2

פעוורואַל

1971

БИБЛИОТЕКА
Дома еврейской книги
ЭКЗЕМПЛЯР
ВЫДАЧЕ НЕ ПОДЛЕЖИТ

אינהאַלט

פּובליציסטיק

זײַט

אַלבערט בעליאַיעוו. וויאַזוי די אַמעריקאַנער „סאָוועטאָלאָגן“ פּרוּוון אַרויסשטעלן די סאָוועטישע ליטעראַטור אין אַ קרומען שפּיגל 3

קעגן דער מילכאָמע, פֿאַר פֿרײַנטשאַפֿט צווישן די פֿעלקער פֿונעם נאָענטן מיזרעך. די דריטע טרעפֿונג פֿון פֿאַרשטענדעניש . . 11

אונדזער רעפּליק. ב. איציק. פֿעלערן אין אַ נײַער אויפֿלאַגע . 15

טריבונע פֿון לעבן

כאַיִם מאַלטינסקי. פֿון מײַן זשיטקאָוויטשער העפֿט (ליריִשער רעפּאָרטאַזש) 16

ניקאָלײַ גלאַזקאָוו. אַ רײַזע קיין ביראָבידזשאַן 20

מאָטל גרוביאַן. דער קישעף פֿון איינעם אַ זומער . . . 23

שיפֿרע כאָלאָדענקאָ. אַ טאָפּאָל און אַנד. לידער . . . 38

אויף די שפּורן פֿון געשעענעס. קורצע פֿאַרצייכענונגען פֿון מ. גאָלדבּיך, יעלענע בערמאַן, מוישע גאָלדבערג 41

פּאַוולאָ טיטשינע (צו זײַן 80־טן געבורטסטאָג). די לעווײַע פֿון אַ פֿרײַנט (פֿראַגמענטן פֿון אַ פּאָעמע) 46

הערשל פּאָליאַנקער. ייִצכאָק סאַנטאָס און זײַנע יאָרשים (ראָמאַן). צייכענונגען פֿון ה. אינגער 50

יאַנקעוו שטערנבערג. וועגן נאַטור־מאָטיוון אין דער דיכטונג; לידער פֿונעם בוך „ליד און באַלאַדע אויף די קאַרפּאַטן“ . 100

מאָזי קאָבריאַנסקי. דרײַ און דרײַסיק. — אַבושל (דערציילונגען) 106

יוסעף געגערמאַן. בריוו און אַנד. לידער 117

יורי ריטכעו. קאַקאָט און זײַנע ציפֿערן (דערציילונג) . . 119

מישע מאָגילעוויטש. אָסיען און אַנד. לידער 130

יאַנקל יאַקיר. די לעוואָנע קוקט דורך אַ בריל (דערציילונג) . 131

שלוימע טשערניאַווסקי. ליבשאַפֿט. — אַ זומער־רעגן (לידער) 143

מייער יעלין. בלוט און וואָפֿן 144

אַרן ווערגעליס. פֿון ליבע־ציקל (לידער) 160

ווערק פֿון אונדזערע לייענער 163

אויף היסטאָרישע טעמעס. הילעל אַלעקסאַנדראָוו. רוסלאַנד — אונדזער היימלאַנד 166

וולאַדימיר אָגניעוו. ליטעראַטור און קינאָ 173

נאָטיצן פֿון אַ ייִדישן בוקיניסט. ל. פּאָדריאַטשיק. „בחינת עולם“ 178

קאָמענטאַרן פֿון רעדאַקציע 182

ז. קאַהאַן. דעם אָנדענק פֿון אַ גרויסן קינסטלער 183

פֿאַרשיידנס 184

נאָטיצן אויפֿן קאַלענדאַר 186

כראָניק 37, 181, 187, 188

לאָמיר זינגען נײַע לידער. דער ווײַנשלבוים. ווערטער פֿון אַ. גאָנטאַר, מוזיק פֿון מ. פּאָליאַנסקי 189

מוישע שאַפּיראָ. שמועסן וועגן ייִדישער שפּראַך 191

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

ה. אָשעראָוויטש,

אי. באָרוכאָוויטש,

א. גאָנטאַר, נאָטע לוריע,

מ. לעוו (פֿאַראַנטוו. סעקרעטאַר),

ב. מילער, י. פֿאַליקמאַן,

ס. פֿרײַ, י. ראַבין, ר. רובין.

פּובליציסטיק

אלבערט בעליאיעוו

וויאַזוי די אַמעריקאַנער „סאָוועטאָלאָגן" פּרוּוון אַרויסשטעלן די סאָוועטישע ליטעראַטור אין אַ קרומען שפּיגל

צווישן די פּילצאָליקע אַנטיקאָמוניסטישע אויסגאַבעס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָט אַ ספּעציעלע באַדײַטונג דער זשורנאַל „פּראָבלעמען פֿון קאָמוניזם". זײַענדיק אַן אָרגאַן פֿון אַ רעגירונגס־אָרגאַניזאַציע — פֿון דער אינפֿאָרמאַציע־אַגענטור „יוסיאַ", צייכנט ער זיך אויס מיט אַ ברייט אויסגעדריקטן אַנטיקאָמוניסטישן פּראָפּאַגאַנדע־כאַראַקטער און גיט דעם טאָן פֿאַר די איבעריקע אַנטיסאָוועטישע אויסגאַבעס. אין זײַן אַקציע־פֿעלד גייט אַרײַן די קאָמוניסטישע באַוועגונג בכלל, די בויונג פֿון קאָמוניזם און סאָציאַליזם אין די לענדער פֿון דעם סאָציאַליסטישן לאַגער בפֿרט. ניט קיין קליין אָרט גיט דערבײַ דער זשורנאַל אָפּ אויך די פֿראַגן פֿון דעם ליטעראַריש־קינסטלערישן לעבן אין די סאָציאַליסטישע לענדער. אָריִענטירנדיק דעם פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט פֿון דער „פֿרײַער" וועלט אויף צו אָרגאַניזירן אידעאָלאָגישע דיווערסיעס קעגן די סאָציאַליסטישע לענדער, רעקאָמענדירן די רעדאַקטאָרן צו מאַכן אינטענסיווער די אונטערגראָבערישע אַרבעט פֿריִער פֿאַר אַלץ צווישן דער שעפֿערישער אינטעליגענץ פֿון דעם ראַטנפֿאַרבאַנד.

באַ די אַנטיקאָמוניסטן רופֿט אַרויס אַ ספּעציעלע אומרויִקייט דער שטײַגנדיקער אײַנפֿלוס פֿון דער סאָוועטישער ליטעראַטור אויף דער גאָרער וועלט.

איינער פֿון די פּערמאַנענטע מיטאַרבעטער פֿון דעם זשורנאַל, ר. הינלי, האָט קאָנסטאַטירט מיט אומרו: „מיר געפֿינען זיך פֿאַרן פֿאַקט... פֿון דעם רענעסאַנס פֿונעם מאַסן־אינטערעס צו דער סאָוועטישער ליטעראַטור".

און דעריבער זשאַלעווען ניט די רעדאַקטאָרן פֿון „פּראָבלעמען פֿון קאָמוניזם" קיין אָנשטרענגונגען, כּדי צו קאָמפּראָמעטירן די ליטעראַטור פֿון דעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם, באַמיִענדיק זיך אונטערצורײַסן דעם צוטרוי צו אירע אידייִשע און קינסטלערישע ווערטן.

די רעדאַקטאָרן פֿון „פּראָבלעמען פֿון קאָמוניזם" לייגן האָפֿענונג אויף די פּילצאָליקע ביכער פֿון די אַנטיקאָמוניסטישע סאָוועטאָלאָגן פֿון דער מײַרעוודיקער וועלט. אין איינעם פֿון די איבערבליקן איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז זייערע ווערק „קאָנען אומבאַמערקט האָבן אַן אײַנפֿלוס אויף דער ענדערונג פֿון דער לאַגע אינעם ראַטנפֿאַרבאַנד גופֿא". דער צעהיצטער פֿאַנטאַזיע פֿון די אַנטיקאָמוניסטישע זנאַכערס דוכט זיך אַפֿילו „אַ מעגלעכע אַנטשטייונג פֿון סאָוועטישע פּעטעפֿיקרײַזלעך" (!).

די טערמינאָלאָגיע פֿון דעם זשורנאַל דערמאָנט די קאָמוניקאַטן פֿון אַ קריגס־פֿראָנט מיטן פּראָפֿעסיאָנעלן אינפֿאָרמאַציע־לאָשן: „פֿראָנט־אַטאַקעס", „איבערגרופּירונג פֿון די קויכעס".

די מעכאַברים פֿון די אַרטיקלען טײַנען דערבײַ

וועגן זייער „אָביעקטיווקייַט“ באַם אַנאַליזירן די דערשייַנונגען אינעם ראַטנפאַרבאַנד. זיי שווערן זיך, אַז מע דאַרף זיי גלייבן, ווייַל, זעט איר, דער זשורנאַל „פּראָבלעמען פון קאָמוניזם“ האָט ניט קיין אַנדערע מאָטיוון כּדי „אומייגננוציקע“ זאָרג פאַר דער בליִונג פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. זיי האָבן זיך אין דער לעצטער צייַט אָפּגעזאָגט פון גראָדליניקע אָפּשאַצונגען און פון דירעקטע אָנפאַלן, און זיי אַרבעטן איצט דעליקאַטער, זיי באַמיִען זיך פאָרצושטעלן זיך אַליין ווי זאָרגפעליקע „פרייַנט פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור“, און זיי דרוקן אַפילע אַמאָל אַרטיקלען מיטן קעפּל „פאַרטיידיקונג פון דעם סאָציִאַליסטישן רעאַליזם“.

די טאַקטיק און די מעטאָדן ענדערן זיך, אָבער אומפאַרענדערט בלייַבט די אַנטיסאָוועטישע סטראַטעגיע, וועלכע איז אָנגעצילט אַף צו קאָמפּראָמעטירן די סאָוועטישע ליטעראַטור, די סאָוועטישע קולטור־פּאָליטיק.

לאָמיר זיך ווענדן צו פאַקטן.

■

אָט זייַנען, צום בייַשפּיל, צוויי אַזויגערופענע „ספּעציִעלע אויפלאַגעס“ פון דעם זשורנאַל פאַרן יאָר 1968. דאָ האָט איר קלאַנגען און אַנעקדאָטן, פּליאָטקעס פון ליטעראַרישן געמויזעכץ, פאַרשיידענע „סטענאָגראַמעס“, „דעקלאַראַציעס“, וואָס זייַנען קלוימערשט צוגעשטעלט געוואָרן פון ראַטנפאַרבאַנד...

דער ציל פון אַזאַ פּראָפּאַגאַנדיסטישער קאַשע איז נאָר איינער — באַווייַזן ווי ווייַט מעגלעך „איבערצייַגעוודיק“, אַז עס זייַנען פאַראַן אָפּאָזיציִאָנעלע שטימונגען בא דער סאָוועטישער אינטעליגענץ. דער זשורנאַל שטרייַכט אונטער, אַז אין זייַנע אויספירן שטיצט ער זיך בלויז אַף פאַקטן, וואָס עס ברענגט די סאָוועטישע פּרעסע. ווי א בייַשפּיל, פאַרופט ער זיך אַף דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“ פון 9 מייַ 1968, קלוימערשט, אַז זי שרייַבט וועגן „פּילצאָליקע פּראָטעסט־בריוו און רעזאָליוציעס, וואָס עס האָט דערהאַלטן דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטנפאַרבאַנד... צווישן די, וואָס שרייַבן זיך אונטער, זייַנען דאָ מענטשן מיט מיטגלידס־ביכלעך פון דער פּאַרטיי און פון קאָמסאָמאָל“.

לאָמיר זיך ווענדן צום אַרכיוו פון דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“. קוידעמקאָל איז דעם 9 מייַ 1968 די „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“ ניט דערשינען.

צווייטנס, איז אינעם נומער, וואָס איז אַרויס דעם 8 מייַ 1968, געווען אָפּגעדרוקט א באַריכט וועגן דער זיצונג פונעם אויסגעברייטערטן סעקרעטאַריאַט פונעם פאַריין פון די סאָוועטישע שרייַבער, וועלכער האָט באַהאַנדלט די פראַגן, וואָס זייַנען געשטאַנען אַפן אַפּרעל־פּלענום (1968) פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטנפאַרבאַנד. וואָס שייַעך די „פּראָטעסט־בריוו“, וועגן וועלכע די צייַטונג שרייַבט, קלוימערשט, איז עס שוין דורכויס די פּרוכט פון דער אַנטיסאָוועטישער פאַנטאַזיע פון די הערן רעדאַקטאָרן פון דעם זשורנאַל.

אינעם אַרטיקל פון דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“ איז טאַקע דאָ א דערמאָנונג וועגן א בריוו. דאָס איז אָבער געווען א בריוו, צוגעשיקט פון דעם סעקרעטאַריאַט פון פאַריין פון די סאָוועטישע שרייַבער צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטנפאַרבאַנד מיט אַן אויסדרוק פון דער פולער אונטערשטיצונג פאַר איר אינערן־ און אויסערן־פּאָליטיק.

אָבער עפּשער איז דער דאָזיקער בייַשפּיל גאָרניט כאַראַקטעריסטיש פאַרן זשורנאַל „פּראָבלעמען פון קאָמוניזם“?

לאָמיר אויפעפענען נאָך איין נומער פונעם זשורנאַל, נו, לאָמיר זאָגן, דעם נומער, אין וועלכן עס איז אָפּגעדרוקט א לאַנג אַרטיקל פון מיכאַיִל ריווקין, פּראָפעסאָר פון פּאָליטישע וויסנשאַפטן אין א ניו־יאָרקער קאָלעדזש, אונטערן קאָפּ „די ליטעראַרישע אַרענע“.

שטרעבנדיק אַרויסצווייַזן זיך ווי א טיפער קענער פונעם ליטעראַרישן פּראָצעס אין ראַטנפאַרבאַנד, דערמאָנט דער הער ריווקין צענדליקער נעמען פון סאָוועטישע שרייַבער, ער ברענגט א מאַסע ציטאַטן פון סאָוועטישע ביכער און זשורנאַלן.

פאַרשטייט זיך, אַז מיכאַיִל ריווקין טרעט אַרויס ווי א „סימפּאַטיקער“, ווי אַן עכטער — ווי דען? — פרייַנט פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. ער שטרעבט צו דערווייַזן זייַן טעזיס וועגן די „אומדערטרעגלעכע“ באַדינגונגען פונעם לעבן אין דער סאָוועטישער געזעלשאַפט. און טאָמער ריווקינס פּערזענלעכע מיינונג איז ניט גענוג איבערצייַגעוודיק, שפּאַרט ער דרייסט אונטער זייַן געדאַנק מיט פאַרופן זיך אַף א סאָוועטישן מאָקער, און ער שרייַבט: „דער עקזיסטירנדיקער מאַצעוו, — האָט באַהויפּטעט די אַלטע (אַזוי זאָגט זיך אינעם טעקסט. — א. ב.) דיכטערן מ. אַליגער, — פאַרקריפּלט דעם סאָוועטישן מענטשן און מאַכט „אַן אויסוווּרף פון א העלד און א כוליגאַן פון א גיגאַנט“ (זשורנאַל „אָקטיאַבער“, נומער 11, יאָר 1956)“.

אַף די זייַטן 4 און 5 פון דעם דאָזיקן זשורנאַל איז טאַקע אָפּגעדרוקט די ליד פון מאַרגאַריטע אַליגער „דאָס סאַמע וויכטיקסטע“. די ליד איז געווידמעט דער אינערלעכער וועלט פון דעם

סאָוועטישן מענטשן, וועלכער איז א בויער און א קעמפער, און באפרײַענדיק זיך פון כעסרוינעס, שטרעבט ער צו נײַע הויכקײַטן:

און אומשטערבלעך וועט ווערן דער מענטש,
ער וועט אלץ דערגרייכן, אלץ באנעמען!
(בוכשטעבלעכע איבערזעצונג)

אזוי פארענדיקט זיך די ליד, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט טיפן גלויבן אין די אומויסשעפּלעכע מעגלעכקײַטן פון דעם סאָוועטישן מענטשן און פון דער סאָוועטישער אָרדענונג.

ווי לײַכט עס איז צו איבערצײַגן זיך, אז דאָס האָט קיין שום געמיינזאמס ניט מיט דעם, וואָס דער הער ריווקין שרײַבט!

עס קאָן אָבער זײַן, אז ביז דער פּובליקאציע פון הער ריווקינס ארטיקל האָט זיך דער זשורנאל ניט דערלויבט אזעלכע אומאָנשטענדיקע מעטאָדן?

לאָמיר זיך ווענדן צו נאָך אן ארטיקל. א געוויסער דאָוויד בורג באהויפּטעט, אז נאָכן יאָר 1953 איז אין ראטנפארבאנד „...אפילו דער פּרינציפּ פון פּארטייִשקײַט אוועקגעשטעלט געוואָרן אונטער א צווייפל“. און באלד קומט א ציטאטע פון דער רעדע פון ק. סימאָנאָוו אָף דער פארזאמלונג פון די מאָסקווער שרײַבער — „ליטעראטורנאיא גאזעטא“, 5 מײַ 1955.

מיר זוכן אָפּ דעם דאָזיקן נומער פון דער „ליטעראטורנאיא גאזעטא“. וואָס אזעלכעס האָט געזאָגט קאָנסטאנטין סימאָנאָוו?

און געזאָגט האָט ער אָט וואָס: „נאָכאמאָל און נאָכאמאָל מוז מען אונטערשטרײַכן: דער פּרינציפּ פון דער פּארטייִשקײַט פון אונדזער ליטעראטור, דער פּרינציפּ פון איר קעמפערישן ציל־געווענדטן אָנטייל אינעם קאמף פארן קאָמוניזם איז פאר אונדז ניט אין קיין שום מאָס דיסקוטירבאר... וועלכע־ניט־איז אָנשויונגען, וואָס האָבן א ציל אָפּצווענדן די ליטעראטור אָן א זײַט פון דעם אקטיוון קאמף פארן קאָמוניזם, זײַנען פאר אונדז אָנשויונגען, וואָס מיר ווארפן אָפּ ווי שעדלעכע, ווי פײַנטלעכע צום סאמע גײַסט פון דער סאָוועטישער ליטעראטור“.

מע וואָלט געקאָנט ברענגען נאָך א סאך ענלעכע בײַשפּילן. אָף שעקער, פאלסיפיקאציע, פארקריפּלונגען, אָף צופראוועו פאקטן האָט זיך דער זשורנאל „פּראָבלעמען פון קאָמוניזם“ געשטיצט ביז איצט און, לויט אלע ווארשײַנלעכקײַטן, וועט ער זיך אָף דעם שטיצן אויך אין דער צוקונפט.

■

דער זשורנאל פּראָקלאמירט די אומפּארטייִשקײַט פון זײַנע אָפּשאצונגען און די אָביעקטיוקײַט פון זײַנע מיינונגען.

איז אונדז אוודאי אינטערעסאנט צו דערוויסן זיך די מיינונג, אזוי צו זאָגן, פון דעם אנדערן צאד וועגן די ליטעראַרישע שאַפונגען, וועלכע רופן ארויס אַן אינטערעס בא די לייענער, און וועגן די סאָוועטישע שרײַבער, וועמענס שאַפונג דאָס פאָלק שעצט.

אָבער אָף די זײַטן פון די „פּראָבלעמען פון קאָמוניזם“ פירט זיך פון נומער צו נומער א געשפּרעך וועגן נעמען און דערשײַנונגען, וואָס האָבן א קנאַפּע שײַכעס מיט דער סאָוועטישער ליטעראַטור און מיט אירע עמעסע קינסטלערישע ווערטן.

גרויסע אַרטיקלען און אפילע „ספּעציעלע אויסגאבעס“ פון דעם זשורנאל זײַנען אָנגעשפּיקעוועט מיט לויבגעזאנגען פאר קיינעם ניט באַקאַנטע אָדער קנאַפּ באַקאַנטע סאָוועטישע בירגער (אַרײַנגערעכנט אויך די געוועזענע סאָוועטישע בירגער), וועמענס „שאַפונג“ עס גיט די אַנטיקאָמוניסטן א מאַטעריאַל, וואָס איז טויגבאַר פאר דער אַנטיסאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע.

א געוויסע צײַט האָט דער זשורנאל אימפּעטפול רעקלאַמירט א געוויסן טאַרסיס ווי דעם „פּראָמינענטסטן“ סאָוועטישן שרײַבער. מיט וואָס פאַרא שוואָכים ער האָט טאַרסיסן ניט באַשאָטן! מאַמעש טיטאַנישע באַמיִונגען זײַנען געמאַכט געוואָרן, קעדיי אָוועקצושטעלן די דאָזיקע נעבעכדיקע פיגור אַפּן ליטעראַרישן פּיעדעסטאַל אין איין ריי מיט... טשעכאָוון! דער מעכאַבער פון איינעם פון די אַרטיקלען האָט, פאַרכלינענדיק זיך פון אַנציקונג, ניט אויפגעהערט איבערצוכאַזערן: „טאַרסיס איז אַזוי ווי טשעכאָוו“, „טשעכאָוו און טאַרסיס“. אָבער דאָס איז געווען ווייניק. אין אַזאַרט פון זינגען שוואָכים האָט זיך דער זשורנאַל א לאָז געטאָן אַפילע אָוועקצושטעלן טאַרסיסן אָף איין הייך מיט לעוו טאָלסטאָיען! אַזוי איז טאַקע אָנגעשריבן געוואָרן: „מע קאָן פאַרגלײַכן טאַרסיסעס דערציילונג מיט... ל. טאָלסטאָיס „ווידע“ (!!!).

פאַרוואָס עפּעס אַזאַ ליבעניש? נו, דערפאַר וואָס טאַרסיס „פאַרדאַמט די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דעם ראַטנפאַרבאַנד, אָנהייבנדיק פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָליוציע פון 1917“, דערפאַר וואָס אין איינער פון זײַנע „דערציילונגען“ דריקן די פּערסאָנאַזשן אויס „דעם ווונטש צו קעמפן פאַר דער פולשטענדיקער פאַרניכטונג פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט“.

כאָטש גוט, וואָס דאָ האָט דער זשורנאַל זיך געאײַלט צו באַמערקן: „א סאך פון אונדז זעען אַזעלכע אידייען אויס נאַיִוו און אומגעלומפּערט“.

מיט א פאָרוואָרף טײַנעט דער זשורנאַל, אַז שוין צו פאַרטאַטשנע באַדאַרף מען ניט האַנדלען, מענטשן קאָנען נאָך כאָלילע ניט גלייבן אין די אַנטיסאָוועטישע פּראָוואָקאַציעס. מע דאַרף עס טאָן פאָרזיכטיקער, דעליקאַטער, פאַרדאַרבן די

אַטמאָספער פון אינווייניק, „ווייך מאכן" דעם סאָציאַליזם, פארסאמען די מויכעס, אראָפּפירן פון וועג, פארטרינקען די בריקן.

וואָס זשע דארף מען טאָן, קעדיי צו צעלייגן די סאָוועטישע געזעלשאפט אינעם נייטיקן אנטיקאָמוניסטישן זין? — אזא פראגע שטעלט אוועק ס. הוק, פּראָפעסאָר פון ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט. „עס זייַנען דאָ עטלעכע וועגן, אָבער דער וועג, וואָס קאָן געבן די בעסטע רעזולטאטן, דאָס איז די אנערקענונג פון א לעגאלער אָפּאָזיציע ניט נאָר גופע אין דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון סאָוועטנפארבאנד, נאָר אויך אין באצוג צו דער קאָמוניסטישער פּארטיי, מיצאד קרייַזן, וועלכע האָבן דעם צוטריט צו די מיטלען פון מאסן־אינפאָרמאציע, צו דער פּרעסע און ראַדיאָ".

דאָס איז געווען אָפּגעדרוקט זומער 1967.

די שפּעטערדיקע געשעענישן אין טשעכאָסלאָוואקיע האָבן באוויזן, אז די רעכט־אָפּאָרטוניסטישע, פייַנטלעכע צום סאָציאַליזם קויכעס האָבן געפּרוּווט דערגרייכן זייערע אנטיפאָלקישע צילן טאקע מיט אזא וועג.

עס איז ניט איבעריק צו באמערקן, אז די שמוציקע ספּעקוליאציע, וואָס דער זשורנאל „פּראָבלעמען פון קאָמוניזם" האָט אָנגעהויבן ארום טארסיסעס נאָמען, איז אויגנבליקלעך פארשטילט געוואָרן, ווי נאָר מע האָט באם דאָזיקן שריפטשטעלער צוגענומען די סאָוועטישע בירגערשאפט און מע האָט אים פארבאָטן אריינצופאָרן אין ראטנפארבאנד. דער זשורנאל האָט מיט אייַלעניש זיך גענומען אָפּטרייסלען פון זייַן העלד, באמערקנדיק מיט אומרו: „אין ליטערארישן לעבן האָט זיך באוויזן א פינצטערע נאָטע, ווען מע האָט דעם פּאטאָלאָגיש־אנטיסאָוועטישן שרייַבער וואלערי טארסיסן דערלויבט ארויספאָרן קיין אויסלאנד... און דערנאָך האָט מען צוגענומען בא אים די סאָוועטישע בירגערשאפט".

אָט וויאַזוי עס האָט זיך א דריי געטאָן דאָס רעדל. שוין ניט דער „גרויסער", ניט טשעכאָוו, נאָר דער „פּאטאָלאָגיש־אנטיסאָוועטישער שרייַבער".

טארסיס איז נייטיק געווען פאר אנטיסאָוועטישע ספּעקוליאציעס, קאָלזמאן ער האָט זיך געפונען אין ראטנפארבאנד. ווי נאָר מע האָט אים מעשאלייעך געווען פונעם לאנד, איז דער אינטערעס צו אים בא די אנטיקאָמוניסטן פארפאלן געוואָרן.

עס איז פארלאָפן א קורצע צייַט, און אף די זייַטן פון דעם זשורנאל „פּראָבלעמען פון קאָמוניזם" האָט זיך ווידעראמאָל אָנגעהויבן א טראסקערייַ. דאָס מאָל ארום דער שרייַבעכץ פון טערץ־סיניאווסקי, וועלכער איז געמישפּעט געוואָרן פארן פארלעצן די סאָוועטישע געזעצן.

אין אן ארטיקל פון די אנטיסאָוועטיסטן לאָבעדזאָן און הויוואָרד איז אנערקענט געוואָרן, אז טערצס כיבורים האָבן זיך גענומען באווייַזן אפן מייַרעוו נאָך אָנהייבנדיק פונעם 1956 אָן. אָבער אין משך פון גאנצע צען יאָר איז ניט געווען דער מינדסטער אזשיאָטאזש ארום אָט די ווערק, און דער זשורנאל „פּראָבלעמען פון קאָמוניזם" האָט זיי איינפאך ניט באמערקט. מע האָט זיך באצויגן צו זיי ווי צו געוויינלעכע אנטיסאָוועטישע פּובליקאציעס, וועלכע דערשייַנען ניט ווייניק אין דער בורזשואזער פּרעסע.

אָבער ווי נאָר דער סאָוועטישער געריכט האָט צוגעצויגן טערץ־סיניאווסקין צו קרימינעלער פאראנטוואָרטלעכקייַט, זייַנען די רעדאקטאָרן פון „פּראָבלעמען פון קאָמוניזם" פּלוצעם „זעעוודיק געוואָרן"! און ווידעראמאָל האָבן זיך א שאָט געטאָן ארטיקלען, ספּעציעלע אויסגאבעס: „טערץ איז אָן צווייפל דער פּראָמינענטסטער טאלאנט, וואָס איז דערשינען אין רוסלאנד נאָך די צוואנציקער יאָרן". מע האָט אים פארגליכן מיט לעסקאָוון, אָבער דאָס איז געווען ווייניק, און די רעדאקטאָרן פון דעם זשורנאל האָבן דערקלערט: „זייַן סאטירע שטייט אפן ניוואָ פון גאָגאָלן...". און לעסאָף האָט מען טערצן, ניט געשטויגן, ניט געפלויגן, אוועקגעשטעלט אין איין ריי מיט דאָסטאָיעווסקין.

טארסיס איז א נייַער לעוו טאָלסטאָי; סיניאווסקי — א נייַער דאָסטאָיעווסקי...

וועגן דעם ראָמאן „דאָקטער זשיוואגאָ" האָט, נאָך דעם, ווי ער איז ארויסגעגעבן געוואָרן אין אויסלאנד, דער זשורנאל „פּראָבלעמען פון קאָמוניזם" געשריבן: „...דער ראָמאן... טראָגט אין זיך עפּעס גרעסערס פון אן איינפאכער אנטיסאָוועטישער און אנטירעוואָליוציאָנערער פּאָלעמיק... זייַן יעדע שורע איז אָנגעזאפּט מיט אנטירעוואָליוציאָנערער ענערגיע", און האָט פּראָוואָקאטאָריש דערקלערט: „צי קאָן מען פּאסטערנאקן אָנרופן אומבאדינגט סאָוועטישער פּאָעט — דאָס איז א דיסקוטירבארע פראגע".

דער זשורנאל האָט אין זייַנערצייַט זיך געייַלט דעם מעכאבער פון „דאָקטער זשיוואגאָ" אָפּשיידן פון דער סאָוועטישער ליטעראטור. אָבער פּאסטערנאק דער דיכטער האָט פאר די אנטיקאָמוניסטן קיינמאָל ניט עקזיסטירט.

איצט איז דער צוגאנג אן אנדערער, אן אנדערע איז אויך די טאקטיק, מע אייַלט זיך ניט צו פּראָקלאמירן ווי „אייגענע" אפילע אזעלכע „פּאטאָלאָגיש־אנטיסאָוועטישע שרייַבער", ווי טארסיס און ענלעכע צו אים. דעם זשורנאל „פּראָבלעמען פון קאָמוניזם" איז געוואָרן לויטבארער צו באהויפּטן, אז די דאָזיקע לעצטע זייַנען קלוימערשט טאקע „עכטע" סאָוועטישע שרייַבער און, צעבלאָזנדיק דעם פּאָליטישן אזשיאָטאזש

ארום זיי, ארויסרופן באַם מײַרעוודיקן לייענער אומצוטרוי צו דער סאָוועטישער קולטור־פּאָליטיק.

„פּראָבלעמען פון קאָמוניזם" שענקט אויך אופמערקזאמקײַט די אנערקענטע סאָוועטישע שריפטשטעלער, וועמענס שאפונג האָט דעראָבערט א פארדינטע פּאָפּולערקײַט אויך אין אויסלאנד.

ניט איין מאָל האָט דער זשורנאל זיך געווענדט, צום בײַשפּיל, צו איליא ערענבורגס ווערק. דער אויסטײַטשער פון ערענבורגס שאפונג איז דאָ א געוויסער וויקטאָר ערליך, וועלכער דערקלערט מיט ביטל, אז „ערענבורג איז געווען א צו גרויסער עקלעקטיקער, קעדיי צו שאפן עפּעס־וואָס אזעלכעס, וואָס זאָל זײַן פייִק אויסצוהאלטן דעם אנאליז פון דער צײַט", און „אין אלגעמיין גערעדט, איז ערענבורג ניט מער ווי א צווייטראנגיקער קינסטלער".

מ. סוועטלאָוו ווערט אָן צערעמאָניעס דורכן זשורנאל קוואליפיצירט ווי א „ווערסיפיקאטאָר פון פערטער קאטעגאָריע".

עס איז איבעריק צו דיסקוטירן מיט די דאָזיקע צעיושעט־נידערטרעכטיקע אָפּשאצונגען.

פיל אופמערקזאמקײַט שענקט דער זשורנאל דער רעצענזירונג פון די פילצאָליקע פאָרשונגען וועגן דער סאָוועטישער ליטעראטור, וועלכע גייען ארויס פון אונטער דער פּען פון די מײַרעוודיקע „סאָוועטאָלאָגן".

אלס מעכאַברים פון די רעצענזיעס טרעטן ארויס פונקט אזעלכע „קענער פון דער סאָוועטישער ליטעראטור", ווי די „סאָוועטאָלאָגן" אליין. אזוי, לעמאָשל, רעצענזירט אירווין האָו דאָס בוך פון ד. בראון „די סאָוועטישע באַציִונגען צו דער אמעריקאנער ליטעראטור". די רעצענזיע איז, פארשטייט זיך, א פּאָזיטיווע, נאָך מער, זי פארענדיקט זיך מיט דער קאטעגאָרישער באהויפּטונג, אז אזעלכע ביכער זײַנען דעם אמעריקאנער לייענער „זייער נייטיק", אז דאָס בוך איז אָנגעשריבן „אין די בעסטע טראדיציעס פון דער הײַנטצײַטיקער ליטעראטור־וויסנשאפט" און שטעלט פאָר מיט זיך „א זאָרגפעליקע און אומפּארטייִישע פאָרשונג".

אָן אָנגעזאָפּטע מיט פּאטאָלאָגישן צאָרן צו דער סאָוועטישער קולטור און צום סאָוועטישן מענטש, איז בראונס בוך אינגאנצן אויסגעלייזדיקט פון אָביעקטיווקײַט, און עס פארשטייט זיך, אז אזא בוך האָט ניט די מינדסטע שײַכעס מיט די „בעסטע טראדיציעס פון דער הײַנטצײַטיקער ליטעראטור־וויסנשאפט". דער זשורנאל „פּראָבלעמען פון קאָמוניזם" לויבט בראונען ניט פאר וויסנשאפטלעכן צוגאנג צו ליטעראטור, נאָר פאר דער פּאָליטיק פון אנטיסאָוועטיזם, וואָס איז בולעט אויסגעדריקט אין זײַן „ווערק".

צווישן די רעצענזענטן פון „פּראָבלעמען פון קאָמוניזם" צייכנט זיך אויס מיט זײַן פלײַסיקײַט דער „סאָוועטאָלאָג" דזשאָרדזש גיביאן. אלס אָביעקט פאר זײַן אופמערקזאמקײַט דינען אָפּטער פון אלץ די ביכער וועגן דער סאָוועטישער ליטעראטור, וועלכע זײַנען באשטימט פארן ברייטן לייענער, אָדער, ווי גיביאן דריקט זיך אויס, „פאר אן אאודיטאָריע מיט אן עלעמענטארן ניוואָ פון גײַסטיקער אנטוויקלונג".

דזשאָרדזש גיביאן לויבט ספּעציעל די דערשינענע אין די פאראייניקטע שטאטן ביכער פון עלענא מוטשניק און ווערא אלעקסאנדראָווא, פאר וועלכע עס איז כאראקטעריסטיש אן אומפּארבאָרגענע טענדענציִעזקײַט באם אויסטײַטשן די געשיכטע פון דער סאָוועטישער ליטעראטור. געבויט זײַנען אָט די ביכער אויף א ניט קאָמפּליצירטער סכעמע: אויב דער שרײַבער דינט טרײַ דער זאך פון קאָמוניזם, אויב זײַנע ווערק זײַנען באשײַנט מיט די אידעאלן פון דער מארקסיסטיש־לענינישער לערע, באטײַט עס, אז אים איז זיכער „ניט געלונגען צו שאפן א הויךקינסטלעריש ווערק". אזוי, צום בײַשפּיל, באגייט זיך עלענא מוטשניק מיט מ. גאָרקיס שאפונג.

וו. אלעקסאנדראָווא גייט צו צו דער סאָוועטישער ליטעראטור הויפּטזאכלעך ווי צו „א קוואל פון סאָציִאלער און פּאָליטישער אינפאָרמאציע". די ווערק פון די סאָוועטישע שרײַבער ווערן פאָרגעשטעלט אין א גראָב פארקריפּלטן אויסזען. נעמלעך דערפאר ווערט טאקע געלויבט וו. אלעקסאנדראָוועס „פאָרשונג".

„פּראָבלעמען פון קאָמוניזם" פארנעמט זיך ניט בלויז מיט לויבן, ער קאָן אויך זידלען. און טאָן טוט ער עס בייז און אומפארשעמט. וועמען זשע זידלט מען אויף די זײַטן פון דעם דאָזיקן זשורנאל? פריִער פון אלץ — יענע מײַרעוודיקע מעכאַברים, וועלכע וואגן דערציילן אָביעקטיוו וועגן דעם לעבן אין ראטנפארבאנד אָדער קריטיקירן דעם אמעריקאנער לעבנשטייגער.

אָט, לאָמיר זאָגן, האָבן די לייענער פון פארשיידענע לענדער מיט עטלעכע יאָר צוריק באגעגנט מיט אינטערעס די מעמוארן פון סימאָנע דע באָוואר, אין וועלכע עס זײַנען דאָ אויך ניט קיין טענדענציִעזע מיינונגען וועגן דער סאָוועטישער קולטור. אין די מעמוארן איז פאראן אויך אן אנאליז פון דער סאָציִאלער אָרדענונג אין די פאראייניקטע שטאטן. „פּראָבלעמען פון קאָמוניזם" האָט רעאגירט זייער בייז אויף אָט די מעמוארן. אלס מעכאַבער פון דער „רעצענזיע" האָט מען צוגעצויגן דעם פּראָפעסאָר פונעם הארווארדער אוניווערסיטעט ה' אולאָם, וועלכער ארבעט אינעם רוסישן צענטער. מיט איראָניע, סארקאזם און צאָרן קריטיקירט אולאָם די פראנצויזישע שרײַבערן, וועלכע האָט געוואגט, צום

בײַשפּיל, דערקלערן, אַז ב. פּאַסטערנאַקס ראָמאַן „דאָקטער זשיוואַגאָ“ האָט אויף איר אָנגעוויזט א „שרעקלעכן אומעט“.

מיט גראָבע זידלערײַען האָט אולאָם זיך אַרופגעוואָרפן אויך אויף יענע זײַטלעך פון סימאָנע דע באָוואַרס בוך, ווו זי רופט זיך אָפּ נעגאַטיוו וועגן אמעריקאַנער לעבנשטייגער, ווו עס הערשט אַן אָרגאַנישע ראַסן־דיסקרימינאַציע, א קולט פון עקסצעסן.

אפילו אין קליינע דאָזעס דולדעט ניט דער זשורנאַל דעם עמעס, און די געדונגענע פעדערס פון מענטשן מיט טיטלען פון געלערנטע זײַנען גרייט לויטן ערשטן סיגנאַל צו קרוינען דעם שעקער און צעטאָפּטשען דעם עמעס.

אויסטײַטשנדיק אין א פאַרקריפּלטער פאָרם די קאָנקרעטע דערשײַנונגען אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור, אַרויסשטעלנדיק דאָס שוואַרצע ווי ס׳וואָלט קלוימערשט געווען ווײַס, האַלט דער זשורנאַל אין איין ריידן וועגן דער „אָרנטלעכקײַט“ און „אָביעקטיווקײַט“ פון זײַנע אַנטיקאָמוניסטישע מעכאַברים. וואָס אַנדערש קאָן ער טאָן? די נויט צווינגט. אויך אויפן אידעאָלאָגישן מאַרק פון מײַרעוו איז איצט אויף דער פּראָדוקציע פון די „סאָוועטאָלאָגן“ ניטאָ קיין באַזונדערער נאָכפרעג. דעריבער איז נייטיק אַן אינטענסיווע רעקלאַמע פאַר זייער סכוירע.

טיף עמאָציאָנעלע דיפיראַמבן זינגט, לעמאָשל, דזש. גיביאַן זײַנע קאָלעגן־„סאָוועטאָלאָגן“: „איך בין אַנציקט פון דער פאַרשיידנאַרטיקײַט און פון דער הויכער קוואַליטעט פון דער אינפאָרמאַציע פון די אמעריקאַנער קריטיקער, וועלכע גיבן סאָלידע אַנאַליזן פון די אַקטועלע געשעענישן, איך בין אַנציקט פון זייער כאָכמע און ערודיציע“.

דער אמעריקאַנער לעבנשטייגער זעט אויס אין דעם פּראָפעסאָרס אויגן — נו, ווי אַנדערש? — ווי דער בעסטער אין דער וועלט, און ער רעקאָמענדירט אים אינטענסיוו פאַר די איבעריקע פעלקער.

פאַרשטייט זיך, אַז גיביאַנען איבלט ניט א שפּיל צו טאָן זיך אין „אָביעקטיווקײַט“. ער פאַרלייקנט ניט, צום בײַשפּיל, דאָס, וואָס אין אמעריקע זײַנען נאָך דאָ, ווי עס ווײַזט זיך אַרויס, אויך אומצופרידענע מיטן לעבן, אָבער ער מאַכט קלאָר, אַז אין די פאַראייניקטע שטאַטן זײַנען מיטן לעבן ניט צופרידן נאָר די ביטניקעס, און דאָס בלויז דערפאַר, וואָס זיי זײַנען קראַנקע מענטשן, מאַכמעס זיי באַנוצן מאַריהואַנע...

גיביאַנס שוואָכים פאַרן אמעריקאַנער לעבנשטייגער, פאַר דער מאָראַלישקײַט און ערלעכקײַט פון דער אמעריקאַנער געזעלשאַפט זעען אויס ציניש, ווען אין די אויערן פון דער גאַנצער מענטשהײַט הילכן די שאָסן פון די מערדער פונעם פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, פון זײַן ברודער, פון דעם קעמפער פאַר די רעכט פונעם נעגערישן פאָלק מאַרטין לוטער קינג, ווען די וועלט איז נאָך ניט געקומען צו־זיך פון דעם בעסטיאַלישן מאָרד פונעם סינדיקאַלן טוער יאַבלאָנסקי און פון דער צעשיסונג פון סטודענטן אין די אוניווערסיטעט־שטעטלעך...

דער הער גיביאַן זעט זײַן אויפגאַבע אויך אין דעם, אַז מע זאָל אײַנפלאַנצן בא די לייענער דעם געדאַנק וועגן דער „אָפּגעשטאַנענקײַט“ פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. ער שרײַבט: „אין פאַרגלײַך מיט דער מײַרעוודיקער ליטעראַטור פון די לעצטע יאָרן שלעפּט זיך נאָך די סאָוועטישע ליטעראַטור פון הינטן. אין די פאַראייניקטע שטאַטן, צום בײַשפּיל, איז זי געקומען צום אויסדרוק מיט א האַלבן טוץ שרײַבער, וועלכע שטעלן, אָן צווייפל, פאָר מיט זיך א גרעסערן אינטערעס, איידער עמעץ־ווער אינעם ראַטנפאַרבאַנד“.

דער פּראָפעסאָר איז זייער באַשיידן. ווער זשע האָט אים געשטערט אָנצושרײַבן, לאָמיר זאָגן, „צוויי טוץ“? אַלציינס זײַנען דאָך אויך די, וואָס גייען אַרײַן אין דעם „האַלבן טוץ“, פאַרבליבן אומבאַקאַנט. גיביאַן האָט צוגעזאָגט זיי אָנצורופן... אין זײַנע קומענדיקע אַרטיקלען.

די נעמען פון די אמעריקאַנער שרײַבער, וועלכע גיביאַן דערמאָנט אין זײַן אַרטיקל און וועלכע, ווי ער באַהויפּטעט, בענקען אין זייער שאַפונג „נאָך פאַנטאַסטישעס און היפּערבאָלישעס...“, שיידן זיך אונטער פון צענדליקער אַנדערע בלויז מיט דעם, וואָס זיי מאָלן אין זייערע ווערק אָפענער, און טאַקע אינדערעמעסן היפּערבאָליש, די סעקסועלע סצענעס, דערגייענדיק צײַטנווײַז ביז צו געוויינלעכער פּאָרנאָגראַפיע. די „אויסגעוויילטקײַט“ פון אַזאַ שאַפונג טראָגט א גאַנץ סקאַנדאַליעזן כאַראַקטער.

גיביאַן איז ניט איינזאַם אין די גרענעצלאָזע שוואָכים פאַר די „ווערק“ פון די אמעריקאַנער „סאָוועטאָלאָגן“. א געוויסער וויקטאָר פראַנק איז טיף איבערצײַגט, אַז נאָר די אמעריקאַנער „סאָוועטאָלאָגן“ זײַנען פייִק ריכטיק צו פאַרשטיין און אָפּשאַצן די דערשײַנונגען פון דער סאָוועטישער קולטור: „אַזוי ווי די רוסישע געלערנטע... זײַנען ניט בעקויעך צו געבן א געהעריקע אויסטײַטשונג פון די פאַקטן פון דער אייגענער געשיכטע און ציוויליזאַציע אויפן עמעסן וויסנשאַפטלעכן ניוואָ, מוזן די דאָזיקע אויפגאַבע נעמען אויף זיך די געלערנטע אויסער די גרענעצן פון ראַטנפאַרבאַנד“.

וואָס דאָס איז פאַר א „וויסנשאַפטלעכער ניוואָ“, האָבן מיר שוין געהאַט די מעגלעכקײַט צו זען אויבן.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט אַ באַקאַנטער סאָוועטישער שרײַבער אָפּגעדרוקט אין ניו־יאָרקער זשורנאַל „סאַטערדעי רעוויו“ אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט מיט פאַרדראָס פעסטגעשטעלט, אַז „די אַמעריקאַנער האָבן ניט די מעגלעכקייט צו לייענען סאָוועטישע ביכער אויף זייער אייגענעם לשון, ווײַל די אַמעריקאַנער פאַרלעגער קלײַבן אויס טענדענציעז די ביכער פון די סאָוועטישע שרײַבער אויף צו איבערזעצן זיי אויף ענגליש און אַרויסצוגעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן“.

דער זשורנאַל „פּראָבלעמען פון קאָמוניזם“ האָט באַשלאָסן אָפּצולייקענען די מיינונג פונעם סאָוועטישן שרײַבער, אָנקומענדיק צו דער הילף ניט פון אַן אַמעריקאַנישן, נאָר פון אַן אויסלענדישן מעכאַבער, וועלכער האָט זיך שוין פאַרעקאָמענדירט אויף די זײַטן פון זשורנאַל ווי אַן אָפּאָלאָגעט פונעם אַמעריקאַנער לעבנשטייגער.

ראָנאַלד הינגלי, אַ לערער פון דער רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור אינעם אָקספאָרדער אוניווערסיטעט, האָט מיט לוסט זיך אַ נעם געטאָן פאַר דער מעלאָכע, און אין דרייטהאַלבן יאָר אַרום נאָך דער אַרויסטרעטונג פונעם סאָוועטישן שרײַבער האָט „פּראָבלעמען פון קאָמוניזם“ אָפּגעדרוקט זײַן אַרטיקל, אין וועלכן עס ווערט געמאַכט אַ פּרוּוו אָפּצולייקענען דאָס, וואָס דער סאָוועטישער שרײַבער האָט באַהויפּטעט. דער לעצטער האָט קלוימערשט ניט פאַרשטאַנען די מעטאָדאָלאָגיע פון אַרויסגעבן די ווערק פון די סאָוועטישע שריפטשטעלער אין דער מײַרעוודיקער וועלט (אין אַרטיקל פון דעם סאָוועטישן שרײַבער האָט זיך גערעדט וועגן די פאַראייניקטע שטאַטן, און ניט וועגן דער גאַנצער מײַרעוודיקער וועלט).

הינגלי קלערט אויף דידאַקטיש, אַז די איבערזעצונגס־פּאָליטיק אין דער מײַרעוודיקער וועלט שטיצט זיך דורכויס אויף קאָמערציעלער אויסרעכענונג פון די פאַרלעגער, און די פּאָליטישע מאָטיוון שפּילן קלוימערשט ניט קיין שום ראָל.

די הערן סאָוועטאָלאָגן האָבן ליב אײַנצורײדן דעם לייענער, אַז די בורזשואַזע פאַרלעגער זײַנען אַפּאָליטיש און לאַכלוטן ניט עגאָיסטיש. פאַרופנדיק זיך אויף דער ביבליאָגראַפיע פון די איבערזעצונגען פון די סאָוועטישע שריפטשטעלער אויף דער ענגלישער שפּראַך, וועלכע ווערט געבראַכט אינעם בוך פונעם געשוואָרענעם אַנטיקאָמוניסט גלעב סטרוּווע, פּראָקלאַמירט מיסטער הינגלי: „עס איז גענוג אַן אויבערפלעכלעכער בליק, כּדי צו איבערצײַגן זיך אין דעם, אַז אין די ערשטע 30 יאָר פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור זײַנען אַלע וויפל־ניט־איז מערקבאַרע ווערק איבערגעזעצט געוואָרן אויף ענגליש“.

עס וואָלט, פאַרשטייט זיך, געווען ניט ריכטיק ניט צו באַמערקן, אַז אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט מען, פריִער פון אַלץ אַדאַנק די באַמיִונגען פון פּראָגרעסיווע פאַרלעגער, איבערגעזעצט און אָפּגעדרוקט ניט ווייניק ווערק פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. אָבער לאָמיר זיך ניט אײַלן איבערצונעמען די פרייד פון דעם ה׳ הינגלי.

גלעב סטרוּווע ברענגט אין זײַן ביבליאָגראַפיע בעסאַכאַקל עטלעכע צענדליק נעמען פון סאָוועטישע שרײַבער. עס איז אין דער ווירקלעכקייט „גענוג אַן אויבערפלעכלעכער בליק“, כּדיי צו דערזען, אַז אין דער ביבליאָגראַפיע ווערט אָנגערופן בלויז אַ גאָר קליינער טייל פון יענע „מערקבאַרע ווערק“, וועלכע זײַנען געשאַפן געוואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד „אין די ערשטע דרײַסיק יאָר פון דער ראַטנמאַכט“.

און צי זײַנען טאַקע אין דער ווירקלעכקייט ניט געווען כאָטש „פיל ווייניק מערקבאַרע“ ווערק, אַזעלכע ווי א. סעראַפימאָוויטשעס „אײַזערנער שטראָם“, ק. פּאַוסטאָווסקיס „קאַראַ־בוגאַז“, נ. אָסטראָווסקיס „וויִאַזוי דער שטאָל איז פאַרהאַרטעוועט געוואָרן“, א. פאַדייעווס „די יונגע גוואַרדיע“, די פּאָעטישע ווערק פון מ. איסאַקאָווסקי, א. טוואַרדאָווסקי און אַ סאַך אַנדערע? זיי, ווי צענדליקער אַנדערע וויכטיקע ווערק פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור, זײַנען ניטאָ אין ג. סטרוּוועס רעשימע. און דאָס איז ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ג. סטרוּוועס ביבליאָגראַפיע נעמט אַרײַן אין זיך איבערזעצונגען אויף ענגליש, וועלכע זײַנען געמאַכט געוואָרן ניט נאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער.

לאָמיר זאָגן אָפן, הינגלי האָט ניט מיט וואָס צו לויבן זיך.

אין די נאָכמילכאָמע־יאָרן, ווען דער אַנטיקאָמוניזם איז אין די פאַראייניקטע שטאַטן דערהויבן געוואָרן צו דער קאַטעגאָריע פון אַ מעלוכע־פּאָליטיק, זײַנען די איבערזעצונגען פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור שאַרף רעדוצירט געוואָרן און זײַנען געוואָרן לויט זייער טאָך ספּעציעל טענדענציעזע.

איבעריקנס, ר. הינגלי אַליין אַנערקענט, אַז „אין די איצטיקע באַדינגונגען גייט שנעל אַרויס אין ענגלישער איבערזעצונג אַוועלכע־ניט־איז פאַרהעלטנישמעסיק סקאַנדאַליעזע פאַרפאַסונג פון אַ סאָוועטישן מעכאַבער, מעג עס האָבן אַ גאַנץ צווייפלהאַפטע קינסטלערישע ווערט“. פאַרבײַגייענדיק, באַמערקט ער, אַז דאָס שנעלע דערשײַנען אין מײַרעוו פון אי. ערענבורגס „אָדליגע“

און וו. דודינצעווס „ניט מיט ברויט אליין“ האָט זיך דערקלערט מיט דורכויס פּאָליטישע מאָטיוון, ווײַל, לויט הינליס מיינונג, זײַנען די אָנגערופענע ווערק ניט מער ווי „דורכשניטלעכע פּאַרפּאַסונגען“.

די „קאָמערץ“ פון די פאַרלעגער האָט זיך ארויסגעשטעלט ווי אַן ענג פאַרבונדענע מיט דער אַנטיסאָוועטישער פּאָליטיק פון די רעגירונגס־קרײַזן פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אליין ניט ווילנדיק עס, האָט דער הער הינלי דאָס באַוויזן.

ווענדנדיק זיך צום אויבנדערמאָנטן אַרטיקל פונעם סאָוועטישן שרײַבער, שרײַבט ר. הינלי, א באַליידיקטער, וואָס אין ראַטנפאַרבאַנד האָט מען קלוימערשט ליב פּאַרצוּוואַרפן די מײַרעוודיקע פאַרלעגער און קריטיקער זייער גוזמעדיקע אויפמערקזאַמקײַט צו אַזעלכע ראָמאַנען, ווי „דאָקטער זשיוואַגאָ“: „זיי וואָלטן בעסער געוואָלט, — דערקלערט הינלי מיט גיפט, — אַז מיר זאָלן לייענען מוסטערן פון דעם אָרטאָדאָקסאַלן סאָציאַליסטישן רעאַליזם, ווי, לאָמיר זאָגן, „די נאָוועלע וועגן אַן עכטן מענטש“ פון ב. פּאָלעוואָי“.

מיט אַזאַ דערקלערונג האָט הער הינלי באַוויזן אַן איבעריק מאָל, וואָס פאַר אַ ווערט עס האָט די „אָביעקטיווקײַט“ פון זײַנע מיינונגען וועגן דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

■

„רוסלאַנד אונטער דער אָנפירונג פון אַן אַרבעטער־ און פּויערים־רעגירונג איז ניט אַזאַ, ווי עס מאָלן זי אויס אין אַמעריקע די בורזשואַזע זשורנאַליסטן, דיפּלאָמאַטן און ביזנעסלײַט“, — האָט אין יוני 1918 געשריבן דזשאָן ריד אין אַ זשורנאַל „ליבעראַטאָר“.

„קעגן רוסלאַנד פירט זיך אַ פּראָפּאַגאַנדע אינעם וועלט־מאַסשטאַב. נײַן און נײַנציק פּראָצענט פון די מאַטעריאַלן, וואָס מע דרוקט וועגן רוסלאַנד, זײַנען אָדער אַבסאָליוט ליגנעריש, אָדער טענדענציעזע“, — האָט אָפּגעמערקט אין אָקטיאַבער 1919 דער מאָלער ראָבערט מײַנאָר, וועלכער האָט זיך געהאַט אָקאָרשט צוריקגעקערט פון רוסלאַנד.

דער אַנאַליז פון די מאַטעריאַלן, וואָס ווערן געדרוקט אין זשורנאַל „פּראָבלעמען פון קאָמוניזם“, באַווײַזט, אַז די טענדענציעזע באַציִונג פון דער בורזשואַזער פּרעסע פון די פאַראייניקטע שטאַטן צו די דערשײַנונגען פון דער סאָוועטישערווירקלעכקײַט בלײַבט איבער אומפאַרענדערט. עס ענדערט זיך נאָר די טאַקטיק. די הערן אַנטיקאָמוניסטן פּראָקלאַמירן אַלץ אָפטער און אָפטער זייערע „גוטע קאַוואָנעס“ צו די לענדער פון סאָציאַליזם. פּונקט אַזוי האַנדלט אויך דער רעדאַקטאָר פון „פּראָבלעמען פון קאָמוניזם“ אַבראַם בראָמבערג. די צאָרע איז אָבער, וואָס ווייניק־וואָס עס גלייבט אין דער אָרנטלעכקײַט פון זײַנע קאַוואָנעס. פיל ענערגיע האָט אַוועקגעפּאַטערט, צום בײַשפּיל, אַ. בראָמבערג, קעדיי צו צווינגען סאָוועטישע געלערנטע אַרויסצוטרעטן אויף די זײַטן פון זײַן זשורנאַל מיט אַוועלכן־ניט־איז אַרטיקל, אויף וועלכער־ניט־איז טעמע. ער גאַראַנטירט מיטן אָפּדרוקן. אָבער... זיי שרײַבן ניט. מע האָט זיך געווענדט צו אַ סאָוועטישן אַקאַדעמיקער: שיקט, זײַט אַזוי גוט, צו אַן אַרטיקל, מיר וועלן אָפּדרוקן, מיר וועלן באַצאָלן מיט אַוועלכער איר ווילט וואַליוטע. ווי אַן ענטפער איז געקומען אַ קאַלט־העפלעכער בריוו, אין וועלכן עס איז אָנגעוויזן געוואָרן דער עמעס, וואָס איז שוין לאַנג באַקאַנט דעם רעדאַקטאָר, אַז דער זשורנאַל „פּראָבלעמען פון קאָמוניזם“ איז אַן אָפענער אָרגאַן פון „קאַלטן קריג“, ער „ספּעציאַליזירט זיך אויף אַנטיקאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, ער איז ווײַט פון אָביעקטיווקײַט און פון וויסנשאַפטלעכע קריטעריעס“. דער סאָוועטישער אַקאַדעמיקער האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג פונעם רעדאַקטאָר.

און אַ. בראָמבערג באַקלאָגט זיך ביטער אויפן סאָוועטישן פּובליקום און אויף דער סאָוועטישער פּרעסע, וואָס זיי פאַרשטייען ניט זײַנע „אויפריכטיקע“ און „הויכע“ קאַוואָנעס.

ער באַליידיקט זיך אויף דער „איזוועסטיאַ“, וועלכע האָט געשריבן, אַז דער זשורנאַל „פּראָבלעמען פון קאָמוניזם“ איז „אַ געווער אין דער אונטערגראָבערישער אידעאָלאָגישער טעטיקײַט קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד און קעגן אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער“.

אַזאַ אָפּשאַצונג האָבן די „סאָוועטאָלאָגן“ און זייער זשורנאַל קאָשער פאַרדינט. אַזוי ווי עס זאָגט דאָס רוסישע גלײַכװערטל: וואָס דו וועסט פאַרזייען, דאָס וועסטו שנײַדן.

■

קעגן דער מילכאַמע, פארפרײַנטשאפט צווישן די פעלקער פונעם נאַענטן מיזרעך

די דריטע טרעפונג פון פארשטענדעניש

אין פרעזידיום (פון לינקס אף רעכטס):
טופיק זאיאד, מ. אווי־שאול, ר. אבו־עלאטאל, ס. דזשובראן, ד. מיראָ, י. אָרפאז, ס. על קאסעם

די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד” געדענקען די אָפקלאנגען, וואָס עס האָבן געהאט די צוויי טרעפונגען פון פארשטענדעניש צווישן יִדישע און אראבישע שרײַבער און קולטור־טוער, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען אין כײַפע און טעל־אוויוו. אף דער צווייטער טרעפונג האָט דער איווריט־שרײַבער יִצכאָק אָרפאז פארגעבן א פראגע דעם אראבישן דיכטער סאלים דזשובראן וועגן דער מעגלעכקײַט פון אן ענלעכער פרײַנטשאפט־באגעגעניש אף דער אראבישער גאס. „איך בין איבערצײַגט, — האָט דזשובראן געענטפערט, — אז דער זאל אין נאצערעס וועט זײַן פול, און איך נעם זיך אונטער איבערצוזעצן די רעדעס אף אראביש”.

לעצטנס איז אין נאצערעס פאָרגעקומען די דריטע טרעפונג פון פארשטענדעניש. עפענענדיק דעם אָוונט, האָט דער אראבישער דיכטער פון נאצערעס טופיק זאיאד דערציילט וועגן די שוועריקײַטן, וועלכע די אָרגאניזאטאָרן פון דער טרעפונג האָבן באגעגנט באם אָפדינגען א זאל און וועגן דעם דרוק, וואָס די מאכט־אָרגאנען האָבן געמאכט אף די אָנטיילנעמער, קעדיי אָפצוּהאלטן די באגעגעניש.

די טעמע פונעם שמועס בעשאס דער טרעפונג איז פאָרמולירט געוואָרן אזוי: „וועגן דער צוקונפט פון די צווישנבאציִונגען צווישן ביידע פעלקער — דעם יִדישן און אראבישן — און וועגן דעם וועג צו שאָלעם”. אין זאל זײַנען בײַגעווען בא טויזנט מענטשן — מערסטנטייל יִדישע און אראבישע יוגנטלעכע פון טעל־אוויוו, יערושאָלאִים, כײַפע, פון קיבוצים און אראבישע דערפער און פון נאצערעס גופע.

נאָך טופיק זאיאדס ארײַנפיר־וואָרט זײַנען ארויסגעטראָטן אָנטיילנעמער פון דער טרעפונג פון פארשטענדעניש.

אראבישער גײַסטלעכער
אבו־עלאַטאַל

דער גײַסטלעכער אבו־עלאַטאַל האָט אין אָנהייב פון זײַן רעדע אָפּגעמערקט, אז ער איז גרייט ניט נאָר צו ריידן וועגן שאָלעם, נאָר בײַשטײַערן לע־טויוועס אים זײַן גאַנצע ענער־גיע. ס'איז געקומען די צײַט מאכן א סאָף פון דער מילכאָמע און פארהיילן די ווונדן.

ס'איז אַלגעמיין באַוווּסט, אז עס קאָן ניט זײַן קיין שאָלעם, קאָלזמאַן מענטשן הארגענען און ווערן געהארגעט. עס האָט גאַרניט די ווערט אזא שאָלעם, וואָס שטיצט זיך אַף מיליטע־רישער איבערוואָג.

צום סאָף האָט אבו־עלאַטאַל פאַרגעלייגט, עס זאָל געשאַפן ווערן א קאָמיסיע פון די אָנ־טיילנעמער פון דער טרעפונג, קעדיי זי זאָל קענען מאָביליזירן מערער מענטשן פון ביידע פעלקער צוליבן קאַמף פאַר א פרידלעכער לייזונג פונעם קאָנפליקט אפן נאָענטן מיזרעך.

פּראָפעסאָר דאן מיראָן

ניט שטענדיק האָט געהערשט דאָס געפיל פון פארדאכט צווישן די צוויי פעלקער. פאראן אַן ענלעכקײַט צווישן דעם גוירל פון דעם יידישן און פון דעם אראבישן פאָלק. מיט זיי ביידע איז געשען אין לעצטן דאָר א גרויסער און שוידער־האַפטער אומגליק — אומקום און צעשטערונג.

פּראָפעסאָר דאן מיראָן איז זיכער, אז דאָס אראבישע פאָלק פון פאַלעסטינע וועט האָבן גענוג קויעך ארויסצוגיין פון דער גאָר שווערער לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך איצט, פונקט ווי דאָס יידישע פאָלק האָט געהאַט קויעך צו בויען זײַן ווײַטערדיק לעבן נאָכן קאַ־טאַקליזם.

אין דער איצטיקער אומגע־בונג עקזיסטירט איין־איינציקע ברירע — קומען און דערלאַנ־גען איינער דעם אנדערן די האַנט. ווען ביידע פעלקער האָבן שוין קלאָר דערזען, וואָס עס באַטײַט פארניכטונג, דארפן זיי אָן שום וואַקלונגען אָפּהיטן דעם קלאַל: דאָס, וואָס דו ווילסט ניט ווינטשן זיך, טו ניט דעם צווייטן. בלויז דאָס קאָן דינען אלס באַזיס, אז מיר זאָלן האָבן די מעגלעכקײַט בויען דאָס לעבן איינער לעבן צווייטן, ווײַל אַן אנדער אלטערנאַטיוו איז — די אייביקע פארניכ־טונגס־מילכאָמע.

איבערגייענדיק צו די מיטלען אַף צו לייזן דעם סיכסעך, האָט דער רעדנער אונטערגעשטראָכן צוויי וויכטיקע פרינציפּן. דער ערשטער — אז אין ערעץ־ייִס־ראָעל זאָל זײַן א יידישע דע־מאָקראַטישע מעדינע, און אונדזער אופגאַבע איז צו קעמפן, עס זאָל ניט האָבן אין איר קיין אָרט דיסקרימינאַציע לעגאַבע די נאַציאָנאַלע מינ־דערהײַטן.

דער צווייטער פרינציפּ איז ניט ווייניקער וויכטיק פונעם פריערדיקן, דעהײַנו — אז דאָס פאַלעסטינישע פאָלק זאָל האָבן אַליין די מעגלעכקײַט צו באַ־שטימען זײַן גוירל. אויב עס וועט וועלן, זאָל עס אופשטעלן פאַר זיך א מעדינע אין ערעץ־ייִס־ראָעל, און אויב עס וועט ניט וועלן — זאָל עס ניט אופשטעלן.

אָן די דאָזיקע צוויי פרינציפּן וועט דאָס בלוט ניט אופהערן צו גיסן זיך, — האָט פאַרגע־זעצט פּראָפעסאָר מיראָן. — די רעכט פונעם אראבישן פאָלק פון פאַלעסטינע אַף זעלבסטבאַ־שטימונג קאָן מען ניט אָפּפרעגן. אָבער קעדיי צו דערגיין צו דעם, מוז מען דערגרייכן די סטאַנציע, וואָס הייסט — שאָ־לעם.

דער ייִסראָעלדיקער צוריק־צוג פון די אָקופּירטע געביטן, די אָנערקענונג פון דער מע־דינאַס ייִסראָעל מיצאַד די אראבישע לענדער און דאָס פאַרפּליכטן זיך פון דער ייִס־ראָעלדיקער רעגירונג אַנטייל־צונעמען אין דער הומאַנישער לייזונג פון דער פּליטים־פּראָבלעם — דאָס אַלץ איז דער טויער, דורך וועלכן מע קאָן דורכגיין, קעדיי צו דערגרייכן א פעסטן און גערעכטיקן שאָ־לעם אפן נאָענטן מיזרעך.

וואָס מערער עס וועלן זיך שטאַרקן די שטימען אין ביידע פעלקער פאַר קעגנזײַטיקער אָנערקענונג פון די רעכט פאַר זעלבסטבאַשטימונג, אַלץ מער וועט וואַקסן אונדזער קויעך, — האָט פּראָפעסאָר דאן מיראָן פאַרענדיקט.

אראבישער שרײַבער
מוכאַמעד נאַפּאַ

מ. נאַפּאַ האָט גערעדט וועגן דער באַציִונג פון דער ייִסראָעל־רעגירונג צו די ייִסראָעלדיקע אראבער, און באַזונדערס צו די דרוזן. ברענגענדיק פאַרשיי־דענע בײַשפּילן וועגן דער שווערער לאַגע אין געביט פון דערציִונג אין זײַן דאָרף, האָט ער, לעמאָשל, אָפּגעמערקט, אז דאָרט זײַנען פאַראַן בא 200 קינדער אין עלטער פון אָבלי־גאַטאָרישער בילדונג, וועלכע קאָנען זיך ניט לערנען.

קיינער זאָרגט ניט, אז דער געזעץ פון אָבליגאַטאָרישער בילדונג זאָל אויסגעפילט ווערן, אין דער צײַט, ווען די אויס־פילונג פונעם געזעץ פון אָב־ליגאַטאָרישער מאָביליזאַציע פארן קריג ווערט באַוואָרנט אַף אַלע 100 פּראָצענט.

מוכאַמעד נאַפּאַ האָט פאַרענ־דיקט מיט א רוף צו דער ייִסראָעל־רעגירונג, זי זאָל אויספילן דעם באַשלוס פונעם זיכערהײַטס־ראָט פון די פאַריי־ניקטע נאַציעס פארן 22 נאָיאַ־בער 1967, ווײַל נאָר אַף אזא אופן וועט מען קענען קומען צו א שאָלעם.

אראבישער דיכטער אסאם אבאסי

די אראבישע שרײַבער האָבן געטאָן אַלץ, וואָס זיי האָבן געקענט, קעדיי צו פּאָפּוליאריזירן די צוויי פארשטענדעניש־טרעפענישן, וועלכע זײַנען שוין פאָרגעקומען. געגנויע פּובליקאציעס וועגן דעם אינהאלט פון דעם גײַסט פון די באגעגענישן פון די ייִדישע און אראבישע שרײַבער און קולטור־טוער האָבן זיך באוויזן אין א ריי עגיפּטישע, ליוואנער, סירישע צײַטונגען. איך מיין, — האָט אסאם אבאסי פארענדיקט, — אז מיר דארפן גרינדן א קערפערשאפט, אין וועלכן ייִדן און אראבער זאָלן קענען ריידן צווישן זיך, ביז ס׳וועט געפונען ווערן דער וועג, וואָס וועט פירן צו שאָלעם.

איווריט־שרײַבער מאָרדכע אווי־שאול

די טרעפונג קומט פאָר אין נאצערעס, דער שטאָט, ווו מע קאָן באשײַמפּערלעך זען די אומגערעכטיקײַט פון דער רעגירונגס־פּאָליטיק לעגאבע דער אראבישער באפעלקערונג. בישכיינעס מיט נאצערעס איז אויסגעבויט נאָך א שטאָט — נצרת עלית, אין וועלכער עס איז ניט דערלויבט צו לעבן קיין אראבער. ס׳איז נייטיק מיט דער גאנצער קראפט פאָרזעצן דעם קאמף קעגן די דאָזיקע אוולעס, קעגן די רעגירער, וואָס דריקן אונטער א גאנץ פאָלק.

מאָרדכע אווי־שאול האָט פארענדיקט זײַן רעדע, פאָרלייענענדיק אן אויסצוג פון א בריוו פון די מיטגלידער פונעם קיבוץ כרט שלום, וועלכע רופן צו קעמפן פאר א גערעכטיקן שאָלעם.

דער שרײַבער האָט אונטערגעשטראָכן, אז די יוגנט — דאָס איז יענער קויעך, וואָס וועט א סאָף מאכן פון קריג, — בלויז די יוגנט, וואָס וויל ניט שטארבן פאר דער אָקופּאציע פון שארם־א־שייך און כעבראָן.

אראבישער דיכטער סאלים דזשובראן

מיר וויסן גוט, אז איר, ייִדישע שרײַבער, וואָס נעמען אָנטייל אין דער דאָזיקער טרעפונג, פּרעזענטירט די צוקונפט און דעם גוטן ווילן פונעם ייִדישן פאָלק. לאָמיר צוזאמען מיט אײַך זיך אָפּהיטן פון איבעריקע אילויזיעס און ארויסגיין פונעם שטאנדפּונקט, אז מע דארף פיל זאכן ענדערן אין דער ווירקלעכקײַט.

ווײַטער האָט סאלים דזשוּבראָן אָפּגעמערקט אייניקע איקערדיקע האנאָכעס פונעם קאמף פאר שאָלעם. ערשטנס, גייען ניט צוזאמען שאָלעם מיט אָקופּאציע. צווייטנס, קאָן קיין גערעכטער שאָלעם ניט זײַן אזוי לאנג, ווי באם אראבישן פאָלק פון פאלעסטינע איז אָפּגענומען דאָס רעכט צו בויען זײַן לעבן אין זײַן פאָטערלאנד. מעדינאס־ייִסראָעל האָט דאָס רעכט אף עקזיסטענץ אלס סוווערענע מעלוכע, אף פרײַהײַט פון נאַוויגאציע אאוו. זי דארף אנערקענט ווערן מיצאד די אראבישע מעדינעס.

סאלים דזשובראן האָט פארענדיקט מיט די ווערטער: „מיר פארטיידיקן דאָס רעכט פונעם ייִסראָעל־פאָלק, ווײַל מיר שטרעבן צו אָפּהיטן די רעכט פונעם אראבישן פאָלק אין פאלעסטינע און ווײַל מיר שטיצן אונטער דעם קאמף פאר די אינטערעסן פון יעטווידן פאָלק. אזא איז אונדזער פּאָזיציע, און אונדזער שטעלונג איז באוווּסט אין דער אראבישער וועלט און באקומט א ברייטן אָפּקלאנג".

איווריט־דיכטער יעווי

דער דיכטער יעווי האָט באטאָנט, אז די דאָזיקע ברידערלעכע טרעפונג באווײַזט, אז ס׳איז דאָ א רעאלער אויסזיכט פאר א פארשטענדעניש צווישן ביידע פעלקער אין ייִסראָעל. די אויפגאבע פון יעדן בירגער אין דער מעדינע איז — פארשטארקן זײַן קאמף פאר שאָלעם, צוזאמען מיט אלע מענטשן פון גוטן ווילן אויפבויען א בריק פון פארשטענדעניש און ניט פון מילכאָמע. דער באדינג איז: דער שאָלעם און די פארשטענדעניש דארפן זיך באזירן אפן פונדאמענט פון אנערקענונג פון די געזעצלעכע נאציאָנאלע רעכט פון ביידע פעלקער.

יעווי האָט פארענדיקט זײַן רעדע מיט א רוף צו די בײַוועזנדיקע: „קעמפט מיטן שאָוויניזם בא יעדן פון אײַך אין דער היים, און מיר וועלן אים באזיגן אין גאנצן לאנד!"

צום סאָף האָט דער דיכטער פאָרגעלייענט זײַן ליד „אכמעד".

איווריט־שרײַבער דאן בען אמאָץ

בען אמאָץ האָט גערופן די אָנטיילנעמער פון דער טרעפונג ארויסצוטרעטן מיט פראקטישע מײַסים אין דעם טאָגטעגלעכן קאמף אף צו פארוואנדלען דעם צײַטווײַליקן אָפּשטעל פון די קריגס־אָפּעראציעס אין א סטאבילן שאָלעם אפן נאָענטן מיזרעך. ער האָט אונטערגעהאלטן דעם פאָרשלאָג צו שאפן א געמיינזאמע קערפערשאפט, וואָס זאָל זיך צונויפקומען צוליב פראקטישער ארבעט.

ווײַטער האָט ער גערופן די אראבישע שרײַבער צו פארשטארקן זייער טעטיקײַט, אויסנוצנדיק ברייט די פּרעסע אף צו אינפאָרמירן די עפנטלעכ־

קײַט װעגן פאַקטן פון דיסקרימינאַציע לעגאַבע דער אַראַבישער באַפעלקערונג.

אַראַבישער דיכטער סאַמיִאַך על קאַסעם

ס. על קאַסעם האָט גערעדט װעגן דער גרויסער װיכטיקײַט פון די טרעפונגען פון פאַרשטענדעניש צװישן די ייִדישע און אַראַבישע שרײַבער, װעלכע זײַנען אַ װירקזאַמער אויסדרוק פונעם בעשוטפעסדיקן קאַמף פון די צװײ ברידערלעכע ליטעראַטורן פאַר די אינטערעסן פון די פעלקער פון נאָענטן מיזרעך.

מיט צופרידנקײַט האָט על קאַסעם אָפּגעמערקט, אַז די פריִערדיקע צװײ טרעפונגען פון פאַרשטענדעניש האָבן שוין געגעבן מאַמאָשעסדיקע רעזולטאַטן. אונטערן דרוק פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג האָבן די מאַכט־אָרגאַנען אַראָפּגענומען די ספּעציעלע צענזור אַף די װערק פון אַראַבישע שרײַבער. אַפּן לעצטן צוזאַמענפאָר פון די שרײַבער פון ייִסראָעל איז באַשלאָסן געװאָרן, אַז עס זאָלן דאָס ערשטע מאָל, נאָך 22 יאָר עקזיסטענץ פון דער מעדינע, געעפנט װערן די טויערן פונעם ייִסראָעלדיקן שרײַבער־פאַריין פאַר אַראַבישע שריפטשטעלער.

צום סאָף פון זײַן רעדע האָט סאַמיִאַך על קאַסעם גערופן די רעגירונג פון ייִסראָעל זיך שטרענג האַלטן באַ די יאַרינג־געשפּרעכן און אויספילן דעם באַשלוס פונעם זיכערהײַטס־ראַט פון די פאַראייניקטע נאַציעס װעגן דער פּאָליטישער לייזונג פונעם קאָנפליקט אַפּן נאָענטן מיזרעך.

אין זאַל

איװריט־שרײַבער אַמאָס קיינאַן

דער שרײַבער האָט געזאָגט, אַז װען ער שטעלט פאַר זיך אַליין אַלס פּאַלעסטינער אַראַבער, װעלכער האָט אויסגעקליבן פאַר זײַן װוין־אָרט ייִסראָעל, פילט ער אַ נויטװענדיקײַט ניט בלויז אין פולער גלײַכבאַרעכטיקונג מיט אַלע אַנדערע בירגער אין דער מעדינע, נאָר אויך אין דעם, אַז די רעגירונג פונעם לאַנד זאָל אָפּריכטיק שטרעבן צו שאָלעם אינעם ראַיאָן. אַמאָס קיינאַן האָט אויסגערופן, אַז ער װייסט, װי שװער עס איז צו זײַן אַ ייִסראָעלדיקער אַראַבער, װאָס װיילט אויס דעם װעג פון האָפענונג און קאַמף און ניט דעם װעג פון פאַרצװייפלונג.

קיינאַן האָט װײַטער גערעדט װעגן דער אומאָפּפרעגבאַרער רעכט פון מעדינאַס־ייִסראָעל אַף עקזיסטענץ און װעגן דער נויטװענדיקײַט, אַז דאָס פּאַלעסטינישע אַראַבישע פאָלק און די אַראַבישע מעדינעס זאָלן אַנערקענען די פולע נאַציאָנאַלע רעכט פון דעם ייִסראָעלדיקן פאָלק. ■

אין דער דיסקוסיע זײַנען אַרויסגעטראָטן אויך אַנדערע שרײַבער (ייִצחאָק אָרפּאַז, פאַוזי אַבדאַלאַ). רעזומירנדיק די באַגעגעניש, האָט דער פאָרזיצער טופיק זאיאַד גערופן די ייִדישע און אַראַבישע שרײַבער צו פאַרמערן די באַמיִונגען אין קאַמף פאַר שאָלעם, אין דער ערשטער ריי — שאַפן װערק אַף אָט דער װיכטיקער טעמע און איבערזעצן די װערק פון שרײַבער פון דער אַנדערער ליטעראַטור. דאָס װעט געבן די מעגלעכקײַט בעסער צו פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן, קעדיי דערגרייכן אַ פולקומע פאַרשטענדעניש.

עס איז אָנגענומען געװאָרן אַ באַשלוס צו שאַפן אַ טעטיקײַט־קאָמיסיע, װעלכע װעט פאָרזעצן די אַרבעט און װעט גרינדן אַ פאַרבאַנד פון ייִדישע און אַראַבישע שרײַבער מיטן ציל פון פאַרשטענדעניש, פעלקער־פרײַנטשאַפט אין קאַמף פאַר שאָלעם.

פּעלערן אין א נײַער אויפלאגע

דאָ ניט לאנג איז דערשינען א צווייטע אויפלאגע פון מ. בעלענקיס בוך „וואָס איז אזוינס טאלמוד“. אין דעם פאָרוואָרט דערקלערט דער אווטאָר, אז באם צוגרייטן די נײַע אויפלאגע האָט ער גענומען אין אכט די באמערקונגען פון דער קריטיק.

וואָלט, פארשטייט זיך, אינטערעסאנט געווען צו פארגלײַכן ביידע אויפלאגעס, אויסקלאָרן, אף וויפל עס זײַנען אויספאריכט די פריִערדיקע בלויזן. דערווײַל אָבער שווימען אוף אייניקע פּראגעס, וואָס האָבן א שײַכעס צום עצעם וויסן דעם געגנשטאנד, מיט וועלכן מ. בעלענקי פארנעמט זיך.

א) מ. בעלענקי פרעגט אַפּ אלע ביז איצט פארשפּרייטע אַפּשאצונגען פון דעם בארימטן „ספר יצירה“, אָנהייבנדיק פון סאדיע גאָען ביז צו דעם סאָוועטישן געלערנטן ט. הייליקמאן. ער דערקלערט דעם אנאָנימען אווטאָר פאר אן אַפּשפּעטער און אנטי־טאלמודיסט. מ. בעלענקי מיינט אויך, אז דער „ספר יצירה“ איז אנטשטאנען נאָך דעם, ווי דער טאלמוד איז קאנאָניזירט געוואָרן, ניט פריִער פון זיבעטן אָדער אכטן יאָרהונדערט.

פרעגט זיך: וויִאזוי האָט געקאָנט געמאָלט זײַן, אז די שעפער פונעם טאלמוד באוולי און טאלמוד יערושאלמי, וואָס האָבן געלעבט מיט גוטע עטלעכע יאָרהונדערט פריִער, זאָלן זיך מיט דעם בוך באנוצן? אָט, לעמאָשל, קאָנען מיר אין טאלמוד באוולי לייענען פאָלגנדעס: „רעב כאנינע און רעב הוישײַע פלעגן יעדן ערעוו שאבעס זיך פארטיפן אין דעם „ספר יצירה“, שאפן פאר זיך א קאלב און אים עסן“ (ר׳ חנינא ורבי הושעיא הוו יתבי כל מעלי שבתא בספר יצירה ומינרא להו עגלא תלתא ואכלו ליה. סנהדרין ס״ה, ע״ב).

ב) וועלכע פאקטישע באווײַזן פארמאָגט מ. בעלענקי צו ארגומענטירן זײַן קאטעגאָרישע מעלדונג, אז דער „ספר יצירה“ האָט ניט קיין שום שײַכעס צו דער טעאָריע פון עמאנאציע. עס איז, דאכט זיך, גענוג אופמערקזאם איבערלייענען די ערטער, ווו עס ווערן כאראקטעריזירט די צען ספירעס און וויִאזוי זיי קומען ארויס און עמאנירן (נאצלים) איינער פון דעם אנדערן, מע זאָל קומען פונקט צו א פארקערטן אויספיר.

אין דער וויסנשאפט האָבן באדײַטנדיקע פאָרשער שוין לאנג פעסטגעשטעלט, אז דער גרונטלייגער פון די עמאנאציע־אידייען אין דער ייִדישער פילאָסאָפיע איז געווען דער אווטאָר פון „ספר יצירה“ און אז אלע שפּעטערדיקע אָנהענגער פון דער טעאָריע זײַנען געווען פון אים באײַנפלוסט. לעמאָשל, אין שלוימע איבן גאבירא׳לס בוך „מקור חיים“ (דער קוואל פון לעבן) ווערט ניט נאָר ווײַטער אנטוויקלט די אידיי פון עמאנאציע, נאָר פונקט ווי דער אנאָנימער אווטאָר פון „ספר יצירה“, באנעמט אויך איבן גאביראָל די אויסיעס און די צאָלן אלס וויכטיקער בוימאטעריאל אין דעם באשאף פון דער וועלט.

ג) מ. בעלענקי באהויפּטעט, אז די קאָסמאָגאָנישע קאָנצעפּציעס אין דעם „ספר יצירה“ זײַנען געווענדט קעגן דעם דאָגמאטישן יודאיִזם פון דער טוירע און טאלמוד. אונדז ווײַזט זיך אָבער אויס, אז ניט דאָס זײַנען געווען די קאוואָנעס פון דעם אווטאָר. דער איקער־באדײַט פונעם ווערק איז דער זעלבשטענדיקער און אוניווערסאלער כאראקטער פון זײַנע אידייען. לויטן סטיל איז דאָס ווערק ניט פארבונדן מיט דער דעמלטיקער ייִדישער רעליגיִעזער ליטעראטור. עס איז אינטערעסאנט צו פארצייכענען דעם פאקט, אז עס איז ניטאָ אין אים קיין אָרט, ווו דער אווטאָר זאָל ציטירן אָדער זיך פארופן אפן טאנאך אָדער טאלמוד. און וואָס שײַעך קעגנזעצלעכע האשפּאָעס, דארף מען זיי אויך זוכן גאָר אין אן אנדער ריכטונג: אין די אידייִישע שײַכעסן צווישן דעם „ספר יצירה“ מיט די עפּיקורייער פון טאלמוד און מעדרעש.

אין דער הינזיכט איז עפּשער אין א געוויסער מאָס אינטערעסאנט דער פּרווו פון א. עפּשטיין צו דערקלערן עליִשע בען אווויע אלס אווטאָר פון „ספר יצירה“ (מקדמוניות היהודים, ווין 1887). עס זײַנען, פארשטייט זיך, ניט פאראַן קיין באווײַזן, וואָס זאָלן באשטעטיקן א. עפּשטיינס היפּאָטעזע. פאראַן אָבער ערטער אין טאלמוד און מעדרעש פון א מערקווירדיקער קרויווּשאפט צו די קאָסמאָגאָנישע קאָנצעפּציעס אין „ספר יצירה“. אזוי, צום בײַשפּיל, באגעגענען מיר אין „מדרש רבה“ די זעלבע צען פארהוילענע ספירעס (עשר ספירות בלי מה. — מדרש רבה, י״ד, כ״ד) און די זעלבע דרײַ אורסובסטאנצן: לופט, וואסער און פײַער, וואָס אין דעם „ספר יצירה“ (מדרש רבה ט׳וו כ׳ב).

ד) מ. בעלענקי טײַטשט די ווערטער „עשר ספירות בלימה“ אויס אזוי, אז דער אווטאָר האָט די צען ספירעס אָנגערופן מיטן נאָמען „בעלימא“ (בלימה). דאָס אנטשפּרעכט ניט דעם באטײַט פון די ווערטער און ווידערשפּרעכט די קאוואָנעס פון דעם אווטאָר. אין דער שפּעטערדיקער ליטעראטור האָט מען טאקע יעדע איינציקע ספירע אָנגערופן מיט א נאָמען, וואָס האָט געזאָלט כאראקטעריזירן זײַנע באזונדערע אייגנשאפטן (כאָכמע, פארשטאנד, כעסעד, גווּרע, שיינקײַט, דערהויבנקײַט אדג.). דער אווטאָר אָבער פון דעם „ספר יצירה“ האָט געהאלטן, אז די ספּירעס דארפן בלײַבן פארהוילן (בלימה). אין דעם אָרט, ווו ער דערקלערט, אז דער וועלט־באשאף האָט זיך אנטפּלעקט דורך צוויי און דרײַסיק מיסטעריעזע וועזנס, צען פארהוילענע ספירעס און צוויי און צוואנציק יעסאָדאויסיעס (עשר ספירות בלימה ועשרים ושתים אותיות יסוד), וואָרנט ער אפילע: „פארשליס דײַן מויל, נישט צו ריידן (וועגן די ספירעס. — ב. אי.) און דײַן הארץ נישט צו טראכטן, און אויב דײַן הארץ רײַסט זיך זיי צו פארשטיין, קער עס אום צו זײַן אָרט“ (ספר יצירה פ׳א מ׳ח).

כוץ דעם, דארף מען ניט זײַן קיין גרויסער באָקי אין דער פילאָסאָפישער טערמינאָלאָגיע, מע באדארף זיך נאָר פילן היימיש מיט העברעיִש, מע זאָל דעם באטײַט פון בעלימא (בלימה) ריכטיק פארשטיין.

ב. איציק

כאַיִם מאַלטינסקי

פון מײַן זשיטקאָוויטשער העפט

(לירישער רעפּאָרטאַזש)

איך וועל דעם זומער...

אזא כאלאס בא מיר —
ס׳דאכט, אז אלעמען דערעס איך.
באטראכט האָב איך זיך
אנדערש טאָן א דריי מײַן רעדל:
אין זשיטקאָוויטש — טיף אין פּאָליעסיע
וועל איך דעם זומער אין א שטוב א ייִדישער
א פענצטער דינגען,
ארויסקוקן סע זאָל אין גרינעם סעדל.
ס׳וועט דאָס מאמאָשעס דאָרט
אין ד׳אויערן מיר קלינגען,
און טאָג און נאכט מיט א שאלשעלעס
וועלן, אומפארמײַדלעך, הענער זינגען,
און הינער, גאָלדשפּינערנס,
באגינען וועלן שרײַען:
— א שלונג וואסער,
די נעשאָמע צו אָטכײַען,
דערלאנגט אונדז, די געווינערנס!..

פון געסעלעך און הויפן

דערלאנגט א האָן
אין זשיטקאָוויטש א קריי —
גלײַך אלע הענער פאָלגן נאָך,
מע מאכט אזא געשריי,
אָן איבערוף־געהילך;
שאלשעלעסדיקע שלייפן
זיך טראָגן אין דער לופט
פון געסעלעך און הויפן
ביז טשקאלאָוו־גאס
און מאָלאָדיאָזשנע־גאס
און קאָסמאָס־גאס
אין צענטער.
מײַן באלעבאָסטעס האָן —
א כאָסיד א פארברענטער,
שוין הייזעריק,
דאָך ליאַרעמט ער זיי אלעמען אריבער
און מיט מעסיקעס קרייעט ער,
פארגייט זיך, ווי א ביבער.

א סאָד פון זשיטקאָוויטש

דאָס זשיטקאָוויטשער ביסל ייִדן
פארהיטן
דעם ארט פון מאמע־לאָשן,
די זיטן און די טעווע.
ניט „בראנפן" זאָגן זיי,
נאָר „בריִמפן".
און ניט קיין „רויע איי" —
„א רעווע".
ניט „זויערע" אוגערקעס,
נאָר — „זאווערע".
און אויב ס׳צעגייט זיך ווער
מיט זײַן לעבנס־כאווערטע,
איז זאָגט מען דאָ,
אז ער האָט זי „פרעשירעט".
און אויב עס טרעפט פארקערט,
איז הייסט עס,
אז זיי האָבן זיך „פּאָמירעט".
א סאָד פון זשיטקאָוויטש
דערוויסט זיך טייקעף גאנץ פּאָליעסיע,
מע לעבט דאָ
מיט אָן אָפענער קאָרט,
אָן קונצן,
בעפארהעסיע.

ס׳שאַרִיעט

קוים־קוים נאָך וואָס עס נעמט שאריִען,
דאָס שטעטל איז אין שלאָף פארהרוזניעט.
א פייגעלע זיך הייבט אָן מיִען

1—2998

און דזינקעט, דזינקעט,
ווי אין קוזניע
דער קלײנער האמער, װעלכער װײַזט אָן
דעם גרויסן, װו אַ קלאַפּ צו געבן.
ס'צערײַסן זיך די נאַכט-געװעבן,
אַ הימל-פּאַסיקל פון װײַסקײַט
אין פענצטער אויבן זיך צעפינקלט,
און ס'פייגעלע אַליץ דזינקעט, דזינקעט
אַף דער קאַװאַדלע פונעם לעבן.

ט ש י ק א װ ע

כ'קוק אַף דער הויכער בושל-נעסט
מיט גרויס יִראַס-האַקאָװעד
און טרויִם און טראַכט:
פונוואַנען נעמט זיך באַ דער בושלעכע
און באַ דעם בושל
אַזױפיל קויכעס און אַקשאָנעס טאָג און נאַכט
די איפּעלעך צו פּילנעװען און כאַװען? —
גאַנץ פּאָשעט, װײַל עס גייט דאָ אין יערושע:
זײ לאָזן איבער דאָך אַ שײנע פרײַע װעלט
פאַר יאַרשימלעך פאַר קלײנע און ציבאַטע[1].
דעריבער מיִען זיך די מאַמע און דער טאַטע,
עס זאָלן זײַן די בושליקעס געזונטע, זאַטע, —
די ברײטע גרינע ערד און הימל-ראַכװעס
אָנקומען זאָל זײ.
כ'קוק אַף דער הויכער בושל-נעסט —
טשיקאַװע, —
און טיף אין האַרץ זיך פרײ...

מיט דעם שמיד

מיט יעכיעלן דעם שמיד
שפּאַצירן גײן איז װויל.
פאַרבײַ אַ שװעלבל פליט,
אַ זאָג יעכיעל גיט:
— די לאַסטאָװקע טראָגט
פײַער אין מויל...
קעדײ אַזוי
די שײנקײַט פון דער ערד צו פילן,
באַדאַרף מען, כ'טראַכט,
אַ שאָק מיט יאָרן
אַף פּאַליעסיע
באַם פלאַם פון האָרן
האָרעװען — זיך ניט שפּילן...

ב ע נ ק ש א פ ט

אין די זומער-אָװנטן
נעמט ברייטלעך געגעצן יעכיעל,
ער ברענגט אַרויס אַזעלכע דזיקע קלאַנגען,
פונקט װי אַ בער אין שטײַג
געגעבן װאָלט אַ בריל:
„עך, די דינאַסטיעס שמידן יִדישע
אינגאַנצן שוין אונטערגעגאַנגען
צוזאַמען מיט דער שמידערײַ-מעלאָכע.
און נאָר געבליבן איז אין מיר
דער לעץ און דער צולאָכעס, —
אַוועק די יאָרן...“
נאָר אַפּן גאַנעק זיצן לאַנג
ער קען ניט אײַנדערשטיל
און לאָזט זיך גײן
צום בײַטל פּאַמידאָרן:
„זײ װאַקסן עפּעס האַיאַר,
װי פאַרכאַלעשטע,
די רעגנס, מינהאַסטאַם,
פאַרקלאַפּן און פאַרטויבן,
די שטענגעלעך קײן טראָפּן זיך ניט
אופגעהויבן“, —
און מיט סעליטרע-װאַסער נעמט ער אַלע
קוסטיקעס
אַפּסנײַ באַגיסן און באַשװענקען,
קײן צײַט ניטאָ באַ אים
נאָך זײַנע יאָרן שמידערײַ צו בענקען.

א ב ײַ ק ע

מיסטאַמע סטאַם אַזוי,
אינמיטן טאַמעז,
באַװײַזט יעכיעל מיר אין שטאַל
אונטער אַ שמאַטע
זײַן אַלטן קוזניע-אינװענטאַר:
דעם גרויסן יאַכסנדיקן האַמער,
די לאַנגע שמידישע אָפּצװענגע,
די העמערלעך,
די קלעמערלעך, —
און טוט אַ זאָג מיט קלעמעניש
און בענקעניש:
„מײַן זײדע איז געװען אַ שמיד,
מײַן טאַטע אויך,
און איך בין אָפּגעשטאַנען דרײַסיק יאָר
באַם האָרן...
און װאָס איז פון דערײַן געװאָרן?
אין האַרץ — אַ קרענקעניש.
דער זשאַר דער גאָלדענער פאַרשאָטן איז
מיט קופּעס ערד און אַש
און צוגעדעקט מיט אַ סאָלדאַטישער פופײַקע.
אָט האָט איר אײַך אַ טרויעריקן מאָשל,
דאָ אַף פּאַליעסיע רופט מען עס
באַ אונדז —
אַ בײַקע“...

[1] לאַנגפיסיקע (ווײַסרוסיש).

קײנער װיל ניט קוקן אין איר זײַט

ניט קײן שײנעם שעם
באקומען האָט אין שטעטל
כײַע־יענטל.
צװישן פּויערטעס אין װײַסע טיכלעך
אפן מערקל דעם קאָלכאָזנעם
איז איר שאָלעכל דאָס גרויע קענטלעך.
פאר די דריבנע פּעקעלעך רעדיסקעס אירע,
פאַרן הײַפל ציבעלעס־פעדערן
איז זי גרייט איר אַלטן קאָפּ פארשעמען
און באַנעמען און באַרײַסן יעדערן.
מאמעש שיט איר אָן פאר דעם
א זשמעניע רענדלעך.
יענעמס שװער־פארהאַרעװעטע גראָשנס
זײַנען בא איר — שפּענדלעך.
װײַזט מען אף איר אָנעט און מע טײַט:
„װאַיאַקום מעלעך כאַדאָש,
א שפּאָגל־נײַע קרעמערקע,
א דורכגעװאָקסענע קארטאָפליע
מיט װײַסע װאָרצלען, טויטע;
א יידענע — א שויטע"...
און קײנער װיל אין שטעטל שוין
ניט קוקן אין איר זײַט.

װי דער פּאָזשארניק

אף דער צעטריקנטער און הויכער סאָסנע,
פון סאמע טאָג־ליכט,
שטייט װאכזאם אף זײַן גרויסער נעסט
דער בושל, דעם שנאָבל שטײַף פארפּרעסט,
און רונד־ארום באטראכט דאָס שטעטל,
װי דער פּאָזשארניק העט־אַמאָל
פון קאַלאַנטשאַ:
צי ס'האָט א בליץ ניט אָנגעצונדן
װוּ א שײַער,
צי ס'שפּילן ערגעץ קינדער ניט מיט פײַער.
נאָר גאָט צו דאנקען —
אומעטום איז שטיל און שאַ.
און האָלעװײַ אף װײַטער
זאָל ניט ערגער זײַן,
עס איז דער הימל זױבער, אויסגעלײַטערט
און קײן קאַפּייעטשניצע איז זי ניט, די זון,
און פלייצט פון פולער האַנט
מיט העלער שײַן.
דעם װױלן בושל מײַן בראָכע
אין שנאָבל ארײַן!

ד י ר ע ג ע ל ט

פארן זײַן בא אים דעם זומער
אף קװארטיר
און פאר די שאַריעראַקעס
װיל פון מיר
יעכיעל ניט קײן סאך,
עס זאָל אים אף הױצאָעס קלעקן
א האַלבן שינדלדאך
אף אַלטער שטאָל זײַנער
מיט שיפער צו באדעקן.
נישקאָשע, — שמייכל איך צו אים, —
אויב גאָט װעט שענקען אונדז
געזונט און יאָרן,
דעם זומער קינפטיקן
כ'װעל קומען פונדאָסנײַ צו אײַך צו פאָרן...
— און דעמלט, — גיט יעכיעל ברײט,
מעגושעמדיק א לאך, —
פאַלאַדיען כ'װעל
די אנדערע העלפט דאך.

פאר א רעגן

אין א נאָװענע פארעט,
מעסוקענע היצן,
עס קלײַבן זיך כמארעס
אָנגעשטאָפּטע
מיט בליצן.
א צעטומלטע מירל
אף די פענצטער קוקט,
שליסט אויס דעם כאַלאַדילניק,
דעם קוימען פארוקט:
— אוי, א דונער איז מיר,
װאָלט שוין געגעבן א פליוכע.
א זומער מיט דונערס,
ניטאָ קײן מענוכע.

נײַגעריקײַט

מײַן קלײנער זון איז אויך מיט מיר אין
זשיטקאָװיטש,
מיט מיר צוזאמען צװישן שטעטלדיקן אוילעם.
ער פרעגט מיך
(עס האָט אין אים אנטפלעקט זיך
א לינגװיסטיש פלעמל):
— װאָס זאָגט עס אונדזער באלעבאָסטע
„שיורע־קילע"?
װאָס מײנט דער קאָמישער אורעמל
מיט „טראסצע, טראסצע"?
און װאָס באטײַט עס
„שיינע צאָרעס" —
קראסיװי! נעשטשאסטיא?..

אזוי־אַ מינטערט מיך מײַן זון
און טאָרעט
א יוני־טאָג א גאנצן,
די נײַגעריקע אייגלעך זײַנע גלאנצן.

די בעריאָזע

אַף דער טשקאלאָווער גאס,
אין הויף, ווו איך לעב,
שטייט א שיינע בעריאָזע,
צעפלאָכטן די צעפּ.

איז איר ליב, ווען דער ווינט
זיך צערוישט אין איר קרוין,
עס געפעלט איר דער מאזיק —
א כוואט א פארשוין.

ווען דער ווינט די צעפלאָסענע צעפּ
איר פארשארט,
גיט א פינקל איר לײַב,
וואָס איז ווײַס און צארט.

אירע צווײַגן, ווי אָרעמס,
א בלענד גיבן רונד,
און עס קושט זיי דער ווינט
און אנטלויפט:
— זײַ געזונט!

אַף דער טשקאלאָווער גאס,
אין הויף, ווו איך לעב,
שטייט א שיינע בעריאָזע,
צעפלאָכטן די צעפּ.

מײַן שלאָף

מײַן שלאָף כ׳צעשנײַד, פונקט ווי אן עפל,
אַף צוויי טיילן:
פון צען אין אָוונט ביסקל צוויי באנאכט,
און ווײַטער שוין ביז אינדערפרי,
ווען איך בין וואך,
איך נעם זיך מײַסעלעך דערציילן
און זינג זיך, זינג זיך לידעלעך באלאכאש
און וויג זיך, וויג זיך אָן אן ענד און אָן א שיר.
עס נעמט שוין גינען אין די פענצטער.
כאָטש פלאַץ, קראפיר, —
דאָס זעכציקיאָריק אייפעלע
וויל ניט אײַנשלאָפן אין מיר.

צו ברייטע ראכוועסן

שוין אויסגעוואָקסן גרויס די בושליקעס
אין נעסט, אין בושל־וויגל.
און ס׳גייט אצינד א הייבעניש,
א קלאפעניש פון פליגל.
די מאמע בושליכע באווײַזט,
דער טאטע בושל כאזערט איבער —
ווי גרייטן זיך אין וועג ארײַן,
די ברייטע ראכוועסן אריבער.
א הייב די פליגלען — פאָך נאָך פאָך,
די בושליקעס — זיי טוען נאָך
דעם טאטן און דער מאמען.
ס׳וועט דורכגיין מער נישט ווי א וואָך,
און די מישפּאָכע פון דער נעסט
אוועקלאָזן זיך וועט
צו ווײַטן צו געראמע.

זשיטקאָוויטש, פאָליעסיע

ניקאָלײַ גלאזקאָוו

ניקאָלײַ גלאזקאָוון רופט מען אָן אין דער רוסישער ליטעראַרישער סוויווע „דער פּאָעט־רײַזנדער“. ער איז אויסגעוועז ווי א ווינקעלע אין אונדזער לאנד און געגעבן דעם לייענער עטלעכע וואָגיקע לידער־זאמלונגען: „גרינע ראכ־וועס“, „פּאָעטאָגראד“, „וועגן און שטערן“, „גרויס־מאָסקווע“ אא.

געבוירן איז ניקאָלײַ איוואנאָוויטש גלאזקאָוו אין 1919, אין דער שטאָט ליסקאָוו, לעם ניזשני־נאָווגאָראָד (הײַנט — גאָרקי).

א רײַזע קײן ביראָבידזשאַן

די מאָסקווער רוסישע פּאָעטן אירינע וואָלאָבויעווע, וולאדימיר גאָרדיִענקאָ און דער אוי־טאָר פון די דאָזיקע שורעס זײַנען, לויט א קאָמאנ־דירונג פונעם שרײַבער־פאריין, פּינקטלעכער פון דער פּראָפּאגאנדע־ביוראָ פון קינסטלערישער ליטעראטור, וואָס עקזיסטירט באם פאריין, גע־קומען אפן ווײַטן מיזרעך.

מיר זײַנען געווען אין כאבאראָווסק, קאָמסאָ־מאָלסק, סאָלנעטשנע, אמורסק און דערנאָך ווי־דער זיך אומגעקערט קיין קאָמסאָמאָלסק. דאָרט, אין דער יוגנט־שטאָט, האָבן מיר זיך געהאלטן אן אייצע ווו צו פאָרן ווײַטער. מײַנע קאָלעגן זײַנען געניגט געווען זיך זעצן אפן עראָפּלאן און אראָפּכאפּן זיך קיין אָכאָטסק. מיר האָט זיך עס ניט געוואָלט. פליִען אהין וואָלט באטײַט פא־טערן דעם גאנצן כוידעש, וואָס מיר האָבן געהאט אין אונדזער רעשוס, בלויז אף צו באזוכן איין אָרט, און איך האָב זייער געוואָלט זײַן אין בי־ראָבידזשאן.

אלע פראגן, וועלכע זײַנען אופגעשווומען פאר אונדזער קליינער בריגאדע, האָבן מיר געוויינלעך געלייזט קאָלעגיאל. פויעלן בא מײַנע פרײַנט, אז זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון אָכאָטסק און זיך לאָזן מיט מיר קיין ביראָבידזשאן, איז געווען ניט פון די גרינגע זאכן, נאָר דאָך האָט זיך דאָס מיר אײַנגעגעבן.

מיט אירינע וואָלאָבויעווע האָב איך עס אָפּ־געמאכט זייער פּאָשעט. איך האָב איר אויסגע־מאָלט א מוירעדיק בילד, וואָס פאר א שניי און וואָס פאר א קעלט עס איז אין אָכאָטסק — כ׳האָב געוווסט, אז דאָס וועט זי אָפּשרעקן. אָבער מיט וולאדימיר גאָרדיִענקאָ איז געווען שווערער, ער האָט געטרוימט וועגן אָקעאן. דאָך האָב איך אים איבערצײַגט, אז ער דארף זיך אָפּזאָגן פון זײַן פּלאן. אויב ניט, וועלן מיר אומבאדינגט בלײַבן שטעקן אין אָכאָטסק, ווײַל עראָפּלאנען פליִען אהין קליינינקע און אף א צוריק־רייס וועלן מיר דארפן ווארטן ווער ווייסט וויפל — א וואָך און עפשער גאנצע צוויי וואָכן.

די דאָזיקע באווײַזן האָבן איבערצײַגט מײַנע געשעצטע קאָלעגן, און מיר האָבן איינמוטיק באשלאָסן זיך לאָזן קיין ביראָבידזשאן, אין דער שטאָט, וואָס איז פאר אונדז אלעמען געווען א מין געהיימניס.

קיין ביראָבידזשאן זײַנען מיר אָנגעקומען בא־נאכט. דער טיפער אָסיען האָט געלאָזט וועגן זיך פילן, און ס׳איז גוט געווען, וואָס אין האָטעל „מיזרעך“ איז געווען ווארעם און געמיטלעך. אפן

ווײַטן מיזרעך איז א האָטעל עפּעס מערער, אײדער אין די מײַרעוו־געגנטן, און די מערהײַט פון זיי רופן זיך דאָ מיטן נאָמען „מיזרעך", פּונקט ווי מע וואָלט זיך ספּעציעל געזאָרגט, אַז א גאַסט זאָל ניט פאַרגעסן, אין וועלכן קאַנט ער געפינט זיך.

ניט צו אויסמעסטן די ראַכוועסן
אַפן ווײַטן מיזרעך:
הונדערט רובל איז קײן געלט ניט,
הונדערט ווערסט — קײן שטרעקע.

ס'איז טאַקע עמעס — הונדערט ווערסט איז דאָ קײן שטרעקע ניט, הונדערט רובל — קײן געלט, ווײַל די פּרײַז פונעם בילעט אַפן צוג, אַף דער שיף צי אַפן אַעראָפּלאַן וואַקסט פּראָפּאָרציאָנעל צו דעם מעהאַלעך, און שטרעקעס זײַנען דאָ מוירעדיקע.

גריבאָיעדאָווס באַוווּסטער העלד סקאַלאָזוב האָט גאָרניט געוווּסט, ווי זײַנע ווערטער „א דיסטאַנץ פון א קאָלאָסאַלער מאָס" פּאַסן פּאַרן ווײַטן מיזרעך — אַפן אָכאָטישן יאַם ווילדעוועט א שניי־וויוגע, און אין דער זעלבער צײַט ליגן מענטשן אַפן פּליאַזש ניט ווײַט פון וולאַדיוואָסטאָק. און באַם אַרײַנגאַנג אין די רעסטאָראַנען — סײַ דאָ, סײַ דאָרט — הענגט אײנע און די זעלבע שילד „מיזרעך".

האָבן מיר, הייסט עס, זיך אָפּגעשטעלט אינעם האָטעל „מיזרעך", און אַלע האָבן מיר באַשלאָסן, אַז דער דאָזיקער נאָמען האָט שוין גענומען שמעקן מיט א ליטעראַרישן שאַבלאָן, אָבער דאָס האָט ניט געשטערט אונדז געשמאַק צו שלאָפן ביז פאַרטאָג.

ווען כ'האָב זיך אופגעכאַפּט באַגינען,
האָב איך דערהערט —
ניט קײן מאַשינען,
נײן, ניט דעם רויש פון קײן אווטאָ,
נאָר טופּעניש פון פערדן־טלאָ.
מאַשינעס — ס'איז א קלאָרער איניען —
דעם מענטשן דינען
גאָרניט שלעכט,
נאָר אָנגענעם איז אין באַגינען
דערזען א פּאָשעטע דאָרפיש פערד.

יעדער שטאָטישער אײַנוווינער, וועלכער איז באַצויבערט פון דער הײַנטצײַטיקער טעכניק, ווערט איבערפולט מיט פרייד, ווען ער דערפילט דעם צויבער פון דער נאַטור, און דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, ווײַל די נאַטור און די טעכניק זײַנען ניט אַנטאַגאָניסטיש, פאַרקערט, זיי זײַנען גיכער פּאָר אַלץ גוטע פרײַנט, וואָס בענקען אײנס נאָך דעם אַנדערן.

די שטאָט ביראָבידזשאַן איז אונדז זייער געפעלן געוואָרן. אַמאָל איז דאָ געווען א פּאָלוסטאַנאָק, וואָס האָט ניט צופעליק געהייסן טיכאָנקאַיאַ — די טײַגע־שטילקײַט איז אַרײַן אין דעם נאָמען גופע.

עס טרעפט באַ אונדז, אַז ווען מע בויט נײַע שטעט, פאַרניכטעט מען די נאַטור, מע האַקט אויס שטיקער דווירעסדיקע טײַגע, דערבײַ מעלדעט מען נאָך מיט גאַדלעס: די טײַגע איז אָפּגעטראָטן! נו, און אַז אָפּגעטראָטן, וואָס זשע איז דאָ די גוטסקײַט? בעסער וואָלט דאָס גרינס ניט אָפּגעטראָטן...

אין ביראָבידזשאַן האָב איך, צום גליק, אַזעלכס ניט באַמערקט. דער פּאַרק פאַר אָפּרו אין דער דאָזיקער שטאָט איז, מעגלעך, דער בעסטער פּאַרק אינעם גאַנצן לאַנד. דאָס גראָז איז דאָ אַזוי געדיכט, אַז מע קאָן זיך אין דעם אויסבאַהאַלטן. דער פּאַרק איז ווי א וואַלד, און דאָס איז וווּנדערלעך, ווײַל א וואַלד איז בעסער, אײדער א פּאַרק. אַן אידעאַלער פּאַרק איז א פּאַרק — א וואַלד.

אין אָט דעם פּאַרק מעג מען שפּאַנען איבער די גאַזאָנען, דאָ וועט איר ניט באַגעגענען קײן אײַנגעגעסענע אופשריפטן, אַז דאָס טאָר מען ניט און יענץ טאָר מען ניט.

א געדיכט־באַשאָטנטע ביימער־אַליי פירט אונדז אַרויס צו דער בירע. דאָס איז זייער א שיינער טײַך, וואָס פליסט האַסטיק. עס האַלטן זיך דאָ אוף אָן א שיר פיש, וועלכע מע מעג טאַקע אַף דער טעריטאָריע פונעם פּאַרק כאַפּן. וועגן דעם האָב איך אַפילע אָנגעשריבן א ליד:

איבער דער בירע גייט די קעטאַ,
די פישפאַנגער זײַנען גענײטע.
שרעקט ניט די פיש,
שטיל זאָל זײַן, שאַ!
פאַרוואַרפט אויך א ווענטקע דאָ, ביטע.

דאָס וואַסער איז קאַלט,
די לופט איז דאָ פריש,
דער פאַנג וועט געוויס הײַנט געראָטן.
אַהיים וועט מען קומען געלאָדן
מיט פיש,
ס'וועט קלעקן אַף קאָכן און בראָטן.

אין דער דאָזיקער ליד האָב איך בעקיוון דערלאָזט א ייִדישע אינטאָנאַציע, ווײַל אין ביראָבידזשאַן האָב איך צווישן די פישער געטראָפן א סאַך ייִדן.

די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט ליגט אַף דער זעלבער געאָגראַפישער ברייט, ווי דניעפּראָפּעטראָווסק און וואָלגאָגראַד. די דאָזיקע שטילע שטאָט איז אַרומגערינגלט מיט שיינע סאָפּקעס און מיט דער וווּנדערלעכער גאָלדענער טײַגע. די טײַגע איז טאַקע א גאָלדענע ניט נאָר לויט איר אויסערלעכן אויסזען, נאָר אויך אין בוכ־

שטעבלעכן זיך פון וואָרט — דאָ זײַנען פאראן גאָלדטראָגנדיקע זאמדן.

ביראָבידזשאן איז א ווונדערלעכע שטאָט, וואָס וואקסט און אנטוויקלט זיך אלס אדמיניסטראטיווער צענטער. וועגן ביראָבידזשאן האָבן אלע געהערט. אָבער וועגן דער צווייטער שטאָט פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, איך מיין אָבלוטשיע, ווייסט מען זייער ווייניק, און גראָד די ווייניק־באַוווּסטע אָבלוטשיע דערוואַרט א רײַכע צוקונפט — א צוקונפט פון א גרויסן אינדוסטריִעלן צענטער, ווײַל אָבלוטשיע ליגט בא די אָפּצווײַגן פונעם קליינעם כינגאן, וואָס באַשטייען פון באַזאַלטעווע פעלדזן. פּונקט אזוי, ווי מע זאָגט איצט: באַקו — דאָס איז נאַפט, דאָנעצק — דאָס איז קוילן, אַלדאַן — דאָס איז גאָלד, מירני — דאָס איז דימענטן, אזוי וועט מען זאָגן: אָבלוטשיע — דאָס איז באַזאַלט.

אין די בערג פון קליין־כינגאן
איז באַזאַלט א סאך פאראן.
פעלדזן ציִען זיך צו הייכן —
ס'איז ניט גרינג זיי צו דערגרייכן.
אָט דער שטיין
דער בלוילעך־גרינער
גרינגער איז פון אַלומיניע,
הארטער נאָך פון גוטן שטאָל.
קומען וועט דער מענטש אמאָל
מעכטיקע זאַוואָדן בויען
פאַר דעם שטיין
דעם גרינלעך־בלויען.

דערווײַל אָבער זײַנען די זאַוואָדן, וואָס זאָלן גיסן באַזאַלט, בלויז אין פּראָיעקט. אָבער פריִער צי שפּעטער וועט די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט ווערן גאָר אן אנדערע — א געגנט פון דער מאָדערנסטער טעכניק.

טרוימענדיק וועגן דער צוקונפט פון אָבלוטשיע, האָב איך דערווײַל פארגעסן צו דערציילן וועגן אונדזערע ארויסטרעטונגען אין ביראָבידזשאן. מיר אלע דרײַ — אירינע וואָלאָבויעווע, וולאדימיר גאָרדיִענקאָ און איך — האָבן געלייענט לידער אין קולטור־פּאַלאַץ — אין א פּרעכטיק קאָמפּאָרטאַבעלער געבײַדע, אין דער רעדאקציע פון דער צײַטונג „ביראָבידזשאנער שטערן" און אין די ביבליאָטעקן. די אײַנוווינער פון ביראָבידזשאן, ווי בכלל די אײַנוווינער פונעם ווײַטן מיזרעך, האָבן ליב פּאָעזיע. פארשטאנען האָבן אונדז דאָ אלע. סײַ די אוקראַיִנישע באַפעלקערונג, סײַ די ייִדישע פארשטייט גוט רוסיש.

א סאך זאכן זײַנען אונדז דאָ געפעלן געוואָרן: דער קלימאַט, די טײַגע, די טײַכן, די קאָלווירטן, די פּלעצער און פּארקן אין שטאָט, דער ביראָבידזשאנער מוזיי, ווי אויך די נאציאָנאַלע ייִדישע מײַכאָלים, מיט וועלכע עס גרויסן זיך די היגע רעסטאָראַנען.

די אײַנוווינער פון מאָסקווע, לענינגראַד, קיִעוו, כאַרקאָוו און אנדערע גרויסע שטעט זײַנען גוט באַקאַנט מיטן שווארציאַמיקן ברעג, זומער פאָרט מען אָפּרוען אפן ריגער שטראַנד, קיין קאָקטעבעל, סאָטשי אָדער גאַגרע. נאָר זייער ווייניק מענטשן פאָרן נאָך אף אָפּרו קיין ביראָבידזשאן, ווו עס איז פאראן אזא ערשטקלאַסיקער קוראָרט, ווי קולדור.

פאַר 8 שאָ ברענגט אײַך דער „טו־114" פון מאָסקווע קיין כאַבאַראָווסק, און מיטן צוג קומט איר אהין פאַר זעקס מעסלעס. איך בין געפאָרן מיטן באַן און אויך געפלויגן מיטן עראָפּלאַן, נאָר געפעלן איז מיר פאָרן מיטן צוג. די גרויסע סיביר־מאַגיסטראַל איז ניט נאָר די סאַמע בעסטע, נאָר די סאַמע אינטערעסאַנטסטע פון אלע אײַזנבאַן־ליניעס אין דער וועלט. דער, וואָס פאָרט קיין ביראָבידזשאן מיט דער באַן, זעט ניט נאָר ביראָבידזשאן, נאָר אויך די אוראַלער וועלדער און די באַראַבינסקער סטעפּעס, די מעכטיקע טײַכן אירטיש, אָב, יעניסיי, די סיבירער טײַגע און די אָזערע בײַקאַל.

איך בין זיכער, אז אלע מענטשן האָבן ליב ארומצופאָרן, איז אויב איר ווילט זען, ווי ראַכוועסדיק און שיין עס איז אונדזער היימלאַנד, — מאַכט א רײַזע קיין ביראָבידזשאן. איך בין זיכער, אז איר וועט ניט האָבן כאַראָטע.

מאָטל גרוביאַן

דער קישעף פון איינעם א זומער

איך קאָן ניט און וויל ניט ארויסטאנצן פון דער צײַט, ווי א פילאָט טאנצט ארויס פון אן אונטערגעשאָסענעם ברענענדיקן אעראָפּלאן.

איך מוז מיט מײַן צײַט לעבן. אָפט דאכט מיר, אז זי, מײַן הערשערן, איז אזא קאפריזנע, אז ס׳איז ניט איבערצוטראָגן. איך לייג איר ארוף א האנט אפן אקסל, און זי ווארפט זי מיר אראָפּ צוריק. איך פיל מיטן גאנצן הארצן איר אָטעם, און זי רוקט זיך אָפּ פון מיר ווײַטער. איך נעם אין מײַן האנט אירע דורכזיכטיקע פינגער, קוק איר ארײַן אין די עטוואָס פײַכטע, פארנעפּלטע אויגן און זאָג צו איר: טײַערע מײַנע, דו ביסט אָפט אזא ווינטיקע, ס׳איז אָפט דיך אזוי שווער צו דערגרייכן, אז אויב גוט א טראכט טאָן, וואָלט איך שוין לאנג געדארפט דיר א זײַ־געזונט זאָגן. אָבער איין שמייכל דײַנער פון זון־אופגאנג אין פראָסטן פעלד, איין שאָרך פון דײַן זאנגען־קלייד, געזוימט מיט העל־בלויע פאסיקלעך הימל, דערשיטערט מיך און ווארפט אף מיר אָן א ציטער. מיט ווערטער איז מיר שווער איבערצוגעבן מײַן שרעק, אז ווען איך שפאציר מיט דיר אף דער בריק פון אונדזער שוימיקן פרילינג־טײַך, זאָלסטו אינמיטנדרינען ניט אָפּטאָן קיין שפּיצל און, מיר אפצולאָכעס, א שפרונג טאָן פון בריקל אין וואַסער ארײַן...

דו ביסט ענלעך צו א יאם פאר א שטורעמווינט, צו א פעלד, אײדער עס נעמט דונערן, צו פאַסאזשירן אין א לײַנער, ווען א בערקוט פאלט אָן אפן שטאָלענעם פויגל און פארפירט מיט אים א געראנגל; ענלעך צו א מאמע, וואָס ציטערט, אז איר קינד זאָל ניט ארויספאלן פון וויג; צו א יעגער מיט פארכאפּטן אָטעם, וואָס ציטערט מער, ווי דער פויגל, וואָס ער גארט אראָפּשיסן פון די צווײַגן.

און דאָך בין איך מיט מײַן צײַט גליקלעך.

גליקלעך דעמלט, ווען אן אנטקעגנקומענדיקער שנעלצוג טוט א פארבלענד מיר די אויגן, און איך, שטייענדיק אין וואגאָן באַם פענצטער, וויש און וויש די שויבן. ניט אזוי קעדיי צו זען אין זיי זיך, ווי די גרינע ערד, וואָס אנטלויפט, דיביימער און די גראָזערעס, וואָס באהאלטן זיך פון אויג.

איך בין גליקלעך, ווען אפילע דו ווײַזט זיך מיר אין דעם געשטאלט פון א הונגעריק און ניט אָנגעטרונקען, מיד פערד, וואָס פלאָנטערט קוים מיט די פיס, שוין ניט קענענדיק זיך דערווארטן צו קומען צום ברונעם און באנעצן די סארפּענדיקע ליפּן.

דעמלט בין איך קראנק.

געזונט בין איך פון דעם באוווּסטזײַן, וואָס מײַן טאָכטער שוואנגערט און וועט געבוירן א קינד; פון דעם, וואָס דער קאָסמאָנאווט האָט זיך אומגעקערט אף דער ערד; פון דעם, וואָס בא אונדז אין מאָסקווע אף ליוסינעווסקי נאבערעזשנע לעבט און שאפט מײַן פרײַנט, א מערקווירדיקער געלערנטער, ארי שטערנפעלד איז זײַן פאמיליע.

ארי זיצט באם שרײַבטיש, בא זײַן רעכן־מאשין און האָט צו טאָן מיט מיליאָנען ליכט־יאָר. ער האָט שוין אויסגעכעזשבנט, וויפל פלאַנעטן מיר קאָנען איצט באהערשן און וויפל ס׳איז אונדז אף שפּעטער געבליבן.

טו א בליק אין ארי שטערנפעלדס אויגן, און דו וועסט אויך זײַן גליקלעך.

געזונט בין איך אין דער מעסיבע פון גוטע הײַנטצײַטיקע פּאָעטן, וואָס ווייסן, אז שרײַבן דארף מען ניט וועגן קווייטעלעך און גרעזעלעך, ניט וועגן אייביקע כאלוימעס, נאָר וועגן די גרויסע אופטועך, וועגן דיר טאקע, מײַן צײַט. לעמאָשל, וועגן דעם שידעך פון דער ערד מיט דער לעוואָנע.

דער שידעך איז פאָרגעקומען, די לעוואָנע שטייט שוין אונטער דער כופּע. די אלע, וואָס זײַנען געווען קעגן אָט דער פארקנאסונג אָדער האָבן אין איר ניט געגלייבט, ווערן אויך געבעטן אף דער געהויבענער כאסענע־וועטשערע מיט מאנדל־יויך און טײַערע ניגונים.

קראַנק בין איך פון דער דערמאָנונג וועגן די שײַטערס, אַף וועלכע מ'האָט מײַן פּאָלק און אויך אַנדערע פעלקער געברענט. און נאָך מערער פון דעם, וואָס אויך אייניקע ייִדן האָבן זיך אַזוי גיך צוגעוווינט צו לעבן מיטן געדאַנק, אַז פײַער קאָן ווערן אַ דאַך און אַ שטוב פאַרן לעבן.

גאָט באַהיט! ווער וויל עס, אַז דעם פּאָלק מײַנעם זאָל זײַן שלעכט? זאָלן מײַנע אויגן אויסרינען! אָבער פון פרעמד אש קאָן דאָך ניט ווערן קיין געלעגער. פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ געראַנגל מיט דיר, וואָס איין פּאָלק האָט אונדז געבוירן? דו טײַנעסט, אַז אויך דו ביסט שטערבלעך פאַרוווּנדעט? איז דערמאָן זיך, ווי אויסגעזען עס האָט די צײַט ערשט נעכטן.

אַ פאַררייכערטע, אַ צעשוידערטע, מיטן כאַלעף איבערן האַלדז.

זי האָט געשפּאַנט איבער קאָנטינענטן און לענדער, אָנגעטאָן אין פאַרבלוטיקטער שינעל, אין פאַרבלוטיקטע שטיוול. און אויך מיך, וואָס איז קיינמאָל די גאַס ניט איבערגעגאַנגען קרום, האָט זי געצוווּנגען, איך זאָל שיסן אין אַנדערע מענטשן.

דו געדענקסט, ווי איך בין געשטאַנען פאַרטאָג אין געפרוירענעם אָקאָפּ, אין סאַמע פײַער באַ סטאַלינגראַד, און אַנומלטן האָב איך אויסגעשאָסן אין אַן איטאַליענער, און דאָס גאַנצע פעלד האָב איך פאַרבלוטיקט?

ער האָט געהאַט ערגעץ אַ מאַמע, געהאַט אַ געליבטע, געהאַט אַ טרוים צו ווערן אַן אַגראָנאָם. איבער אים און איבער זײַן גורל איז אָבער געהאַנגען די כמאַרע פון מענטשנפײַנטלעכן פאַשיזם, און איך האָב געמוזט פון אים פאַרשטעלן די וועלט. איך בין אונטער די קוילן פון אַ דײַטשישן פּולעמיאָט אַרויסגעקראָכן אַפן פעלד און האָב מײַן קאָרבן פאַרשלעפּט צו זיך אין אָקאָפּ, געוואָלט אים עפּעס זאָגן. נאָר גיי רעד מיט אַ טויטן סוינע. די סאָלדאַטן פון מײַן ווזוואָד האָבן באַ אים די שיך אַראָפּגענומען, דער קאָמאַנדיר האָט איבערגעלייענט זײַן אַרמיי־נומער אין דעם דורכגעשאָסענעם ביכעלע, דער סערזשאַנט האָט פלײַסיק מיט שניי געוואַשן די בלוט־פלעקן אַף זײַן פלאַנשעטקע — און אַלץ האָט זיך בעשאָלעם געענדיקט.

גאָט באַהיט! ווער וויל עס, אַז וועלכן־ס'ניט־איז פּאָלק זאָל זײַן שלעכט?

■

איך לויף נאָך דיר, צײַט, נאָך וועמען דען זאָל איך לויפן?

אָט גיב איך אַ קוק אַפן מאָסקווער קאַלינין־פּראָספּעקט. מויערן, ווי אויפגעפּנטע ביכער, קיין גאַס איז דאָ, עמעס, ניטאָ. דאָס וואָרט גאַס מוז און וועט פאַרביטן ווערן. דאָס, וואָס איך זע, קאָן דערווײַל אין באַדינגלעכן פאַרשטאַנד אָנגערופן ווערן „ליכט־יאַריד". די טויזנטער פענצטער און פענצטערלעך פון ווין־הײַזער און מאַגאַזינען פאַרבלענדן אַזוי די אויגן, אַז מע וויל זען זיך און נאָכאַמאָל זיך: צי איז מען ניט אַרײַן אין אַזאַ אויסטערליש וואַסער ביז די קני, צי וועט אַמאָל זיך ענדיקן דאָס אַרומשטעלן דאָס מענטשלעכע וועזן מיט אַזויפיל גלאָז, בעטאָן, עסנוואַרג, קליידער, קינדער־שפּילכלעך? צי איז טאַקע אַ מוז אַרײַנשטעלן די שויפענצטער אין הימל אַרײַן?

פאַר מיר איז דער קאַלינין־פּראָספּעקט מער ניט ווי אַ גילגל פון דער אַמאָליקער גאַס אַרבאַט. ווילט איר, טו איך אַ מאַך מיט מײַן דיכטעריש קישעף־שטעקעלע, און דאָ, אַף דעם איצטיקן פּלאַץ, וועט גאָרנישט ניט ווערן. ס'וועט בלײַבן אַ געוויינלעך שטיבל, אין אַלטער מאָסקווער הויף, ווו ס'האָט געלעבט אַ באַקאַנטע אונדזערע בעלע מיכײַלאָווּנע נײַדוס, וואָס האָט געהאַלטן אַ הײמישע רעסטאָראַציע, אין וועלכער מאַקסים גאָרקי פלעגט אַרײַנקומען.

ווען אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש וואָלט געקענט איצט דורכשפּאַצירן זיך איבער אָט דעם אין הימל קלעטערנדיקן מאָסקווער פּראָספּעקט, וואָלט ער געוויס געזאָגט עפּעס זייער וויכטיקס וועגן דעם קויעך פונעם פּאָשעטן מענטשן, ווען די מי איז פאַר אים — אַ טײַנעג.

צי לעבט נאָך הײַנט בעלע מיכײַלאָווּנע נײַדוס, ווייס איך ניט, ווײַל דעמלט, ווען איך האָב זי געקענט, איז זי שוין אַלט געווען קאָרעוו צו צוויי און נײַנציק יאָר. זי איז געווען נאָך אין לויטערן זינען מיר צו ענטפערן אַף אַלע מײַנע פראַגעס.

לעמאָשל — צי פלעגט שטיין אַ פלאַש ווײַן אַפן טיש, בײַס גאָרקי האָט געמיטיקט?.. אָדער צי איז זי צופעליק ניט קיין קרויווע פונעם ייִדישן דיכטער לייב נײַדוס?

— געהערט, געהערט אַזאַ פּאָעט, ער האָט זיך אין אָרעמקײַט געטרונקען. און וואָס איז שײַעך ווײַן צום טיש, פלעגט גאָרקי יאָ אַמאָל ברענגען אַ פאַרוויקלטע פלאַש ווײַן און גלײַך מודיִע זײַן, אַז קיין אַלקאָהאָל האָט אין ווײַן ניט געגעכטיקט. דאָס זײַנען געווען שווערע יאָרן — בירגערקריג, עפּידעמיעס, פראָסט, הונגער. און די רעסטאָראַציע האָט אונדז טאַקע שטאַרק אַף די פיס געהאַלטן.

„אונדז" — דאָס האָט בעלע מיכײַלאָווּנע געמיינט אויך איר זון שימענען, וואָס איז נאָך דעמלט געווען אַ פּיצל קינד — און איצט, גאָט צו דאַנקען, איז ער קאָנסולטאַנט איבער היסטאָרישע וויסנשאַפטן אין איינעם פון די אָפּטיילן פון דער מאָסקווער לענין־ביבליאָטעק.

סיעניאַ, סעמיאָן, סערגיי אַבראַמאָוויטש — רופט מען שימענען. און אַלע זײַנע כאַווײרים, מיטאַרבעטער פון דער ביבליאָטעק, זײַנען גרייט סיעניען פאַרלויפן אַלע וועגן. מאַכמעס דער

שלעכטער ריִע, וואָס זייער קאָנסולטאנט האָט, איז ער אפן פראָנט ניט געווען. דערפאר אָבער האָט ער ליב צו דערמאָנען, אז די לענין־ביבליאָטעק איז אויך א פראָנט, און עפשער נאָך א שווערערער, כאָטש פון הארמאטן שיסט מען דאָ ניט.

בין איך מיט אָט דעם געלערנטן מאן מיט די קורצזיכטיקע אויגן אמאָל געזעסן בא א פּארטיע שאָך. איך — דעם קאָפּ צו דער סטעליע פאריסן — ווארט אף זײַנעם א גאנג, און ער האלט לופּטיק די געלערנטע פינגער זײַנע איבערן קאָפּ פון דער קיניגן, ער גייט און גייט ניט, און דאָ מיטאמאָל — א ווארעמע האנט אף מײַן פּלייצע:

— זײַט זיך מאטריִעך און הייבט זיך אף א פּאָר מינוט אוף פון אָרט...

סיעניא איז גראָד געווען אין א שטארקן צייטנאָט און האָט קיין האָר ניט דערווידערט, וואָס זײַן מאמע האָט אים אזוי צוגעטראָפן און מיך אוועקגעשלעפּט פון דער שאָך־ברעט. בעלע מיכײַלאָוונע האָט מיך גענומען אונטערן אָרעם און מיט אירע שוין געווינטע איידעלע מאנירן מיך ארײַנגעפירט אין דעם קימאט היסטאָרישן עסצימער, וואָס וואָלט מיט אלע רעכט געקענט פארוואנדלט ווערן אין א מוזיי פון זעלטענע אלטערטימלעכקײַטן.

איך האָב באקוקט דאָס שיין־געשניצטע און עטוואָס פארשטויבטע אלטמאָדישע מעבל, דעם טורעם פון א פּאָר טוץ פּאָרצעלײַענע טעלער, וואָס האָבן דורכגעמאכט פארשיידענע אופטרייסלענדיקע צײַטן און דאָך גאנץ געבליבן, דעם שווערוואָגיקן הענגלאָמפּ מיט א סאך קרישטאָלענע פרענדז און אימיטירטע ליכט, וואָס איז, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, זינט דעם טויזנט נײַן הונדערט זיבעצנטן יאָר, קיין איינמאָל מער ניט אראָפּגעפאלן, דעם שוין לאנג שווײַגנדיקן וואנטזייגער, וועלכער פלעגט אמאָליקע צײַטן אלע האלבע שאָ אויסשפּילן דעם „באָזשע צאריא כראני" און ארײַנקריכן אין די גארגערעס מאדאם נײַדוסעס קליִענטן.

איך בין געגאנגען מיט בעלע מיכײַלאָוונע, צוריקהאלטנדיק די טריט, ווי א פארקישעפט קינד גייט מיט זײַן מאמען דורך א פרוכט־מארק, צי דורך א קראָם פון קינדער־שפּילצײַג, ווען ס׳פארכאפּט דעם אָטעם און ס׳איז זייער שווער אָפּצוקערן פון אלע ווונדער די אויגן.

ענדלעך זײַנען מיר שוין אָבער געווען אין אן אנדערן טייל פון אָט דער ניט גרויסער שיף, וואָס איבערגעבנדיק אלע שטורעמווינטן פון צײַט און דויער, איז זי ניט אונטערגעגאנגען. מיר זײַנען געשטאנען אין א קליין, מיט ביכער פארוואָרפן אלקערל, ווו אף דער סטעליע איז נידעריק געהאנגען א שטײַגל מיט א פּאָפּוגײַ, וואָס האָט אונדז אף זײַן אויפן אָפּגעגעבן א גוטמאָרגן.

צווישן אן אלטמאָדישער רוסישער עטאזשערקע און א קליין פראנצויזיש לאָמבער־טישל, מיט פּערלמוטער באזעצט, זײַנען געשטאנען צוויי היפּשע הילצערנע קאסטנס, ביז אין ברעג אָנגעשפּיקעוועטע מיט ביכער.

— אָט דאָס איז פאר אײַך, — האָט פרוי נײַדוס געזאָגט, — בא אונדז אין שטוב לייענט קיינער ניט קיין ייִדישע ביכער, און דער פּאָפּוגײַ דארף זיי אויך ניט. ער רעדט פרײַ ענגליש, דײַטש, פראנצויזיש. עמעס, דער לעקסיקאָן זײַנער איז א גאנץ אָרעמער, אָבער מײַן זון לייגט האָפּענונגען.

מאדאם נײַדוס איז געווען אָנגעטאָן אין א בליאסקענדיק שווארץ קלייד מיט בופעס, די ארבל שמאָל, אף איר געשטרײַפטן האלדז איז געהאנגען אף א שיין שווארץ שנירעלע א לאָרנעט. זי האָט געקוקט אף מיר און אף די אָנגעשפּיקעוועטע קאסטנס, ווי א נעגידעסטע אף אן אומנוצלעכן אויצער.

מײַן הונגער צו דעם ביסל ייִדישע ביכער איז געווען גרויס. פאר דער צײַט, וואָס כ׳האָב זיך אויסגעוואלגערט אין די אָקאָפּעס און שפּיטאָלן פונעם לאנד, האָט מיר זעלטן אָפּגעגליקט צו זען א ייִדישן בוך. כ׳האָב געברענט מיט נײַגער צו וויסן, וויִאזוי און פונוואנען איז אהער געקומען „נויעכס טייווע".

— מײַן פרײַנט, ווען איר וועט עפענען די קעסטלעך, וועט איר זיך אָנשטויסן, אז דאָס זײַנען בא מיר ניט קיין מאמזיירים. די צײַט האָט מיר אונטערגעוואָרפן אָט דאָס פארמעגן, אָבער, ליידער, דעם אדרעס פארפלאָנטערט. עפשער צו פרי זיי אהער מיר געבראכט. און גיכער פון אלץ פארשפּעטיקט...

די מאדאם האָט דערציילט, אז די ביכער געהערן צו אירער א פלעמעניצע קלארע, וואָס דער מאן אירער, א שלימאזל, האָט אמאָל געארבעט אין טעאטער „האבימאָ", דעמלט, ווען וואכטאנגאָוו האָט דעם „דיבוק" געשטעלט. זי, קלארע, איז געווען א שטיקל פעלדשעריצע אין א מאָסקווער שפּיטאָל, און ער — אן אקטיאָר, סופליאָר, אנטרעפּרעניאָר פון וואנדער־טרופּעס, א שטיקל כאזן און א באלדארשן און גאבע אין א שול, א מישטאדל פאר אָרעמע און יעסוימים בא דעם מאָסקווער ביקער־כוילים, א קאָכלעפל בא א צדאָקע־פּושקע, און כוץ אלעמען — אף האלב א סאָציִאליסט און אף האלב א ציִעניסט, א מין געמיש, וואָס מע זאָל זײַן מיט טויזנט קעפּ, קאָן מען ניט פארשטיין, וואָס פאר א מײַכל דאָס איז און מיט וואָס מע עסט דאָס. ביכער אָבער האָט דער מאדאמס פלעמעניצעס מאן שטארק ליב געהאט, באזונדערס דראמעס, קאָמעדיעס, אינסצענירונגען, וואָס ער פלעגט קיינמאָל ניט קויפן, אָבער אויך ניט גאנווענען. זיי פלעגן פּאָשעט בא אים בלײַבן. א סאך פון זיי — געדרוקטע

אין צען אָדער אין פופצן עקזעמפּלאַרן. און א סאַך — מיט זײַן האַנט איבערגעשריבן.

ווילט איר, האָט איר דאָ זאַסלאַווסקיס עקזעמ־פּלאַר פון „טעוויען״, און ווילט איר — פּערעץ הירשביינס „די נעווײלע״, אַווראָם גאָלדפאַדנס „קישעפמאַכערן״ און יאַנקעוו גאָרדינס „גאָט, מענטש און טײַוול״. די דראַמעס און קאָמעדיעס זײַנען, פאַרשטייט זיך, באַם איבערשרײַבן שטאַרק געענדערט געוואָרן, אָבער צום שפּילן האָט עס ניט געשאַדט, ווײַל ניט אין דער פאַרהיטונג פון־נעם אווטאָרס טעקסט איז דאָ געגאַנגען, נאָר אין קענען יויצע זײַן פאַר דעם פּריסטאַוו און פאַר דער צאַרישער צענזור.

— נעמט אײַך, מײַן פרײַנט, די פּאָר קעסט־לעך — און האָט מיר א גוטן טאָג... — מאַדאַם נײַדוס האָט דערבײַ געמאָלדן, אז טאָמער וועל איך זיך דערוועגן דערמאָנען וועגן געלט פאַר איר מאַטאָנע, זאָל מײַן פוס קיינמאָל איר שוועל ניט אַריבערטרעטן.

מיר האָבן שוין, פאַרשטייט זיך, מיט סיגניען אין יענעם טאָג די פאַרטיע שאַך ניט פאַרענדיקט. איך האָב די פּאָר קעסטלעך אַרופגעזאָטלט אף מײַנע אַקסל, די מעזוזע אַפילע קיין קוש ניט געטאָן — און אַרויס אין גאַס.

אין דרויסן איז געווען כמאַרנע. דער פאַר־וואָלקנטער הימל, האָט זיך מיר געדאַכט, וואָל־גערט זיך אויך אָן אף מײַן מאַסע, ס׳האָט גע־בליצט און געדונערט, ווי אינמיטן זומער. נאָר געהאָפט האָב איך, אז ביז דער הימל וועט זיך פאַנאַנדערקאַטשען מיט א רעגן, וועל איך שוין זײַן אין דער היים.

מײַן היים איז געווען דעמאָלט דער האָטעל „יאַקאַר״, ווו בײַס דער מילכאָמע און גלײַך נאָך דער מילכאָמע האָבן געלעבט ווײַסרוסישע און יידישע שרײַבער, אַרטיסטן, סקולפּטאָרן, מוזי־קער — די „סמעטענע״ פון דעם ביזמילכאָמע־דיקן קולטורעלן ווײַסרוסלאַנד. דאָ האָט איר גע־קענט טרעפן דעם ווײַסרוסישן שרײַבער יאַנקאָ מאַור און דעם יידישן געלערנטן און קריטיקער אורי פינקעל, דעם סקולפּטאָר זאַיר אזגור און די זינגערן ראָזע פּלאָטקינע, דעם קינסטלער מאָלקין און די אַרטיסטקע רזשעטסקאַיאַ, דעם פּראָזאַי־קער איליאַ גורסקי און דעם פּאָעט פּעטרוס גלעבקאָ. אהער פלעגן קומען רוסישע, ליטווישע און יידישע שרײַבער אַלעקסאַנדער טווארדאָווסקי און ליודאַס גירא, פּעטראַס צווירקאַ און מוישע טייף. ווער איז ניט געווען באַ אונדז „אין דער היים״, אין האָטעל „יאַקאַר״?

נאָר ווי פאַרשלעפּט מען זיך שוין אהין מיט די פּעקלעך, אז אָט־אָט ברעכט אויס א מאַבל?

און דער רעגן האָט אויסגעבראָכן, געפּלייצט, ווי פון דייזשקעס, דורכווייקנדיק מיך ביזן לעצטן פּאָדעם. דער רעגן האָט זיך געמאַכט טאַמעוואַטע און אומיסטן ניט געוואָלט וויסן, אז אף מײַנע פּלייצעס טראָג איך דעם גאַנצן אַלטן יידישן טעאַטער...

איין גליק, וואָס פון אַרבאַט ביז דער גאָרקי־גאַס איז דער מעהאַלעך ניט קיין גרויסער, און ווען איך זאָל שטעלן עטוואָס ברייטערע שפּאַן, וועט אינגאַנצן ניט צעווייקט ווערן אונדזער פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט א סאַך יאָרן זיך גע־פּײַניקט אין דעם פאַרשטויבטן אַלקערל באַ דער מאַדאַם נײַדוס.

שוין אין האָטעל, באַם אַרופשטײַגן אף די טרעפּ צו מײַן צימערל אפן דריטן שטאָק, האָט מיר מאַקסים טאַנק געהאָלפן אונטערטראָגן די פּעקלעך.

— טשאָ ניאַסיעשש?..

— סטאַרי יעווריייסקי טעאַטער.

— נו, ניאַסי, ניאַסי!.. — מאַקסים טאַנק האָט זיך צעלאַכט.

די נאַכט בין איך געשלאָפן ווי א געהאַרגעטער. אינדערפרי איז אַרײַן צו מיר אורי פינקעל. ער פלעגט אין אַזעלכע פאַלן, צוזעצנדיק זיך באַ א שאָכן, פאַרדרייען א מאַכאָרקע־ציגאַר און אויס־לאָדן זײַנע אַלע טײַנעס צו דער וועלט.

אורין האָב איך ליב געהאַט ווי דאָס לעבן פאַר זײַן היימישקייט און פיל וויסן, פאַר זײַנע גלענצנדיקע מאָנאָגראַפיעס וועגן מענדעלע מוי־כער־ספאָרים און שאָלעם־אַלייכעם, פאַר זײַן שאַפע מיט ביכער, ווו הין מײַן האַנט פלעגט ניט איין מאָל אַרײַנקריכן, פאַר זײַן קלוגן וווּנדער־לעכן איראָנישן שמייכל און פאַר דעם, וואָס ער איז געווען מײַן לערער. איצט האָב איך מיט גרויס נאַכעס צוגעקוקט, ווי מײַן בערעם ביכער האָט אורין אַרײַנגעבלאָזן א נײַע נעשאָמע. וואָ־סער א בוך אָדער העפט מיר זאָלן ניט אַרויס־נעמען פון די קאַסטנס, האָט איבער איִם אורי פינקעל שוין פון לאַנג אָנגעשריבן א מאָנאָגראַ־פיע אָדער קאָמענטירט איִם. און אויב עס זײַנען דאָ אַזעלכע, וועגן וועלכע ער האָט נאָך דערווײַל ניט געשריבן, וועט ער אינגיכן זיך אומקערן אין זײַן באַפרײַטן מינסק און טאָג און נאַכט דיקטירן די נײַע מאָנאָגראַפיעס.

■

איך טראַכט וועגן מײַנע פרײַנט, די אומגע־קומענע אין דער מילכאָמע. איך בין איצט ווי א בוים נאָך א רעגן, ווען די זון איז שוין אופ־געגאַנגען און די רעגנטראָפּנס הענגען דורכזיכ־טיקע אף צווײַגן און בלעטער, אָדער ווי א מירמלשטיין, אף וועלכן ס׳זײַנען אויסגעקלאַפּט די נעמען פון טײַערע און נאָענטע כאַווירים, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס פאַר אָט דעם הימל, וואָס הענגט איבער מיר...

צײַט מײַנע, איך בין ניט קיין בוים, וואָס פון מיר זאָלן אַראָפּפאַלן אָט די אַלע רעגנטראָפּנס,

די רייִנסטע וועזנס, וועלכע האָבן געלויכטן און לײַכטן ביז איצט אין זייערע אומשטערבלעכע אייביקע ווערק.

איך בין אויך ניט קיין מירמלשטיין, און ניט קיין מאצייווע. קלאפּ ווייניקער אויס אַף מיר רעשימעס פון געפאלענע, פארברענטע, אין גאז־אויוונס דערשטיקטע, דורך העקערס געהאנגענע.

ס׳טוט מיר שוין יעדער אייוועך ווייִ פון דײַן האמער און פון דער דאָלעטע, איך בין דאָך פּאָשעט א מענטש, וואָס זוכט צו געפינען אין די סטירעס פון דער צײַט די ראָזשינקע פון לעבן, דעם טאָך פון הישטאפּכאס־האנעפעש — פאר מוזיק, פאר מאָלערײַ, פאר שיינער ליטעראטור.

און דו, מײַן צײַט, האָסט צוגענומען בא מיר מייער ווינערן און יאשע זעלדינען, בוזי אָלעווסקין און מאָטל הארצמאנען, שמועל גאָדינערן און ארן גורשטיינען, עליע קאהאנען און מוישע כאשטשעוואצקין...

איך בין אין טרובטשעווסקער וואלד.

ס׳איז אָנהייב מילכאָמע. מײַן ראדיאָ־קעסטל הענגט אַף א בוים. אלע טאָג הער איך מאָסקווע. אונדזערע שטעט ראנגלען זיך אַף לעבן און טויט מיט דעם אין שטאָל געפאנצערטן דײַטש. דער וואלד איז פארשאָטן מיט פלוגבלעטלעך, מיט ניט אופגעריסענע סנאריאדן. אַף איינע פלוגבלעטלעך איז אָנגעמאָלט אדאָלף היטלער מיט א ציגעלע. אַף אנדערע — א רוף צו הארגענען קאָמוניסטן און ייִדן.

א „ראמע“ (אַן אויסשפּיר־אעראָפלאַן) דרייט זיך איבערן וואלד. דערנאָך קומען די „כיינקעלס“, ענלעכע אַף זילבערנע צייִלעמלעך, פּיקירן אַף אונדז, באָמבירן לאנג און מיט גוטע פאר זיי רעזולטאטן.

אָט איז אַף איינעם א וואלד־וועג, איבער וועלכן עס ציִען זיך רעלסן, אויסגעלייגטע צו דער האָלץ־באארבעטונגס־פאבריק, צעבאָמבירט אונדזערער אַן עשעלאָן מיט עסנווארג. אָרטיקע פויערים זיצן אַף דער ערד, טונקען אין עפּעס א פליסיקײַט שטיקער ברויט, דאָס זײַנען עטלעכע צעריסענע פעסער טאָמאט.

מיר באָדן זיך אין א שטיינערנער באָד — פאלט ארײַן אינמיטנדערינען א פוגאס־באָמבע. מיר טאנצן ארויס נאקעטע אין פראָסטיקן וואלד ארײַן.

געבאָדן זיך אין צעלאָזטן שניי, מיט איין קווערטל וואַרעם וואַסער דעם שניי צעלאָזן...

דערנאָך איז ווידער שטיל. בלאָנקע איך מיט מײַנעם א כאווער, מיקאָלא זאכאראָוו, איבער דעם ווײַס־פארקישעפטן טרובטשעווסקער וואלד, און מיר שטויסן זיך אָן אַף א מענטשן אין שניי. ער איז א דאָזאָר פון א שכיינעסדיקן טייל. אָנגעטאָן אין א ווײַסן מאסקיר־כאלאט, וואָס זעט אויס ווי מײַן טאטנס קיטל אפן טאלעס, וואָס ער פלעגט

אָנטאָן יאָמקיפּער, ליגט דער דאָזאָר אין שניי מיט זײַן אווטאָמאט אין די פארפרוירענע הענט.

— א ייִד?

— א ייִד.

— פונוואנען?

— פון ראָמנע. אוי, — האָט דער ייִד פאר מיר א טיפן זיפץ געטאָן, — ווען איר ווייסט...

פונוואנען זאָל איך וויסן, אז געהאט האָט ער א קראנקע פרוי אין דער היים. ווו איז זי איצט? אָט דאָ ניט ווײַט, באם ראנד פון וואלד, האָט א דײַטשישער אעראָפלאַן אראָפּגעוואָרפן א ייִדן. אראָפּגעוואָרפן א לעבעדיקן מענטשן... אָן א פאראשוט... אראָפּגעוואָרפן...

ווײַטער האָט ער מיר דערציילט, אז אין באָברויסק, ווו ער האָט א כאסענע־געהאטע שוועסטער, האָט מען בא מענדל פּינוס לעבעדיקערהייט די צונג ארויסגעריסן, ווײַל ער האָט דעם דײַטש אַף דײַטש געזאָגט, אז דער דײַטש וועט ברעכן דעם קאָפּ.

און אז אין שטעטעלע פאריטש האָט מען צוגעשטעלט זײַן שוועסטער צו א בוים. ניט צוגעשטעלט, נאָר צוגעבונדן. און זי פארגוואלדיקט. און אז זײַן פלעמעניק — דאָס צוועלפיאָריקע ייִנגעלע צאליקל האָט אליין זיך א גרוב געגראָבן. און אז אין איינעם א שטעטל האָבן די דײַטשן אלע ייִדן אין ברונעם געוואָרפן, און איינער א ייִד, וואָס האָט א טעווע געהאט שטענדיק צו לאכן, האָט אויך אפילע איצט, אין ברונעם, געשטיקט זיך פון געלעכטער. די דײַטשן האָבן זיך דערשראָקן און טייקעף אנטרונען געוואָרן...

איך קאָן דיך, צײַט מײַנע, דרייען, ווי א גלאָבוס, און זיך אין דימיען דערזען — נאָך א יונגער, בא די ברעגן פון טײַך בערעזינא... צוזאמען מיט מײַן ראָכעלען, מיט איר פאָטער און מוטער, בערען און באסיען. מײַן שווערס שטיבל שטייט אַף א הויכן בארג באם סאמע ברעג פון דער בערעזינא. בערע ציט כאיונע פון זײַנע עטלעכע שיפלעך, וואָס שטייען צוגעבונדן צו א פוילן אויסגעווייקטן סלופּטשיק באם ברעג טײַך. באזונדערס ווערט פריילעך, ווען די סטודענטן קומען אראָפּ פון די גרויסע שטעט אהיים אַף קאניקולן. ערשטקורסניקעס און אָן־פינף־מינוט־שוין־דאָקטוירים, אינזשעניערן, אדוואָקאטן — קומט מען פון קיִעוו, פון אָדעס, פון לענינגראד און מאָסקווע. איצט וועט איר קיין פּאָר וועסלעס בא בערען פאר מי־יוידייע ניט קריגן...

מײַן אורלויב־צײַט גייט דורך אמערסטן אַף די לאָנקעס און בײַטײַכיקע אָזערעס, אין הויכן און פײַכטן גראָז. מײַן קליינקאליבערנע ביקס פארשאפט מיר א יאם פארגעניגן. צי האָב איך ווען אונטערגעשאָסן א ווילד ענטל אין טשערעט פון די אָזערעס, געדענק איך ניט. נאָר מײַן האנאָע פון פילן זיך ווי א יעגער און פון דעם, וואָס קעסיידער לויפן מיר נאָך אמווייניקסטנס

א צווי צענדליק קינדער, איז מיט גאָרניט צו פאַרגלײַכן.

די צײַט גייט, אין גאָרטן וויגט זיך אין א פּרימיטיוו געפלאָכטן וויגעלע מײַן זון. אין שטוב פאַרהענגט באסיע די פענצטער מיט קאָלדרעס און שפּרייט אויס איין קאָלדרע פאַר זיך אַף דער ליימענער ערד. בערע זיצט איבער א סייפער און מורמלט שטיל עפּעס א ניגון...

עפשער פאַר דעם האָט מען אזוי ראַצכיש אומגעבראַכט אָט דאָס אַלט בענימעסדיק פאָרפאָלק. דער דײַטש האָט זיי ארויסגעפירט דרײַפיר קילאָמעטער פון שטעטל, צו שוין א גרייטער גרוב, אויסגעטאָן זיי נאַקעט און דערשאָסן.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט אזוינס, פון וועלכן מײַן נעשאָמע ווערט צעריסן. בייסן אויסלייגן די ייִדן אין גרוב מיטן פּאָנעם אראָפּ פאַרן צעשיסן, האָט מיילעך דער אײַנבינדער א זאָג געטאָן צו זײַן זון: „פּרויקע, טו זיך נעענטער א רוק צו מיר, דאָ דאַרף זיך לייגן נאָך א מענטש“.

די צײַט האָט זיך פאַר מיר צעשפּאָלטן, ווי א פאַרטיקער קאווען. ניט געקוקט אַף דער שווערער בלוטיקער מילכאָמע, וואָס האָט דעמאָלט זיך נאָך ניט געענדיקט, ניט קוקנדיק אַף די פאַרלוסטן פון מײַן פאַמיליע, — כ'האָב פאַרלאָרן דעם טאַטן, די פרוי מיט א זעקסיאָריקן זון, א שוועסטער מיט איר מאַן און צווי קינדער, — ניט געקוקט אַף די קאָרבאָנעס און אַף די אייגענע דרײַ שווערע פראָנט־וווּנדן, בין איך דאָך אינגאַנצן ניט צעבראָכן געוואָרן.

■

לאַנג בין איך שוין ניט געווען בא מײַן מאַמען. גיי איך אראָפּ פונעם וועג, ווו פון ביידע זײַטן רוישט ווייץ און קאָרן, פיר אַוועק מײַן אויג צום שטעטעלע זשאשקאָוו, וואָס ליגט באַם שליאַך צווישן קיִעוו און אומאַן. אַף וויפל ס'איז מעגלעך, באַהאַלט איך אַליין פון זיך מײַנע טרערן, די פאַרגעפילן, אז מײַן מאַמעס קייווער וועל איך אַלציינס ניט געפינען. נאָר דאָך, דאָך ליגט דאָ, איך ווייס, מײַן מאַמע.

און דערפאַר זינגט די ערד.

— דו געדענקסט, מאַמע, ווי דו האָסט זיך אמאָל געשלעפּט אַף אָט די וועגן מיט דרײַ פּיצעלעך קינדער אייפּעלעך דורך א וואַלד פון בלוטיקע שווערדן. צווי קינדער אַף די הענט און איינס בא דער זײַט. דער וועג — בלאָטיק און גליטשיק. און דו מיט די דרײַ קינדער ביסט געגאַנגען, געגאַנגען...

דערנאָך איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָבן מיר זיך געטוליעט צו דיר, מיר האָבן געהערט א הירזשען פון פערד, דאָס געשריי פון א ייִדן פון אונדזער שטעטל, וואָס די באַנדיטן האָבן ארויסגעשלעפּט אינמיטן מאַרק און מיט א שאַשקע אים די באָרד געהאַקט.

און דערנאָך האָבן מיר געזען אין אַלע פענצטער א רויטן שײַן. אַף דער שוועל, בא א שמאָלער טיר מיט א מעזוזע אפן לאַסטל, האָט דווירעלע דעם שויכעטס באַסיעכידע זיך געראַנגלט מיט א ווײַסגוואַרדייִישן זשלאָב. דווירעלע איז שטיל געבליבן... אפן בוידעם זײַנען ווײַבער און קינדער פאַרטײַעט געלעגן. מער ניט, מײַן זיידע שלוימע דער גלעזער האָט זיך דורכגעשלײַכט לעם די הירזשענדיקע פערד און איז אַוועק מיטן ברעג טײַך, אַוועק אין דער נעפּלדיקער ווײַט אַרײַן...

מאַמע מײַנע, צו דיר רעד איך, צי איך רעד צו דעם קאָרן? דער ווינט קילט מיך אָפּ, די פעלד־רייכעס קיצלען די נאָזלעכער. דער ווילן דערציילן אַלץ דער מאַמען איז גרויס, ווײַל ווער נאָך וועט מיך אזוי גוט אויסהערן און פאַרשטיין?

איך ווייס, מײַן מאַמע האָט ניט געוואָלט, איך זאָל דורכגיין אזויפיל טויטן, ניט געוואָלט, איך זאָל שרײַבן לידער, אָנגעשפּיקעוועטע מיט צאַר און שכיטע־גרויל, לידער, וואָס נעמען בא מענטשן ארויס די נעשאָמע און ניט ווייניקער בא דעם, וואָס שרײַבט זיי.

מײַן מאַמע וואָלט ניט דערווידערט, איך זאָל זײַן א פּאַשעטער גלעזער, ווי דער זיידע שלוימקע. א טאָוול גלאָז אַף דער קני און א דימענטל, און בא מענטשן ווערט ליכטיק אין די אויגן.

די מאַמע האָט געוואָלט, איך זאָל לעבן... אוואַדע לעבן. פון יענער־וועלט קומט מען ניט צו דער מאַמען אַף קייווער־אָוועס.

מײַן מאַמע הערט און טוט א כליפּע מיט א טרער פון הימל. מיר דאַכט, זי לעבט און שמייכלט צו מיר גוטמוטיק.

— פאָרסט, מײַן קינד, אהיים, פאָר. דאָרט, אינעם גרינעם שטעטל, שטייט מיסטאָמע נאָך אַלץ אונדזער שטיבל באַם מיל־טײַך. דער טאַטע איז שוין ניטאָ, דיר צו לענגערע יאָר. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם ווײַנשלבוים אונטערן פענצטער...

איך פאָר, מאַמע. דאָס שטעטל איז שוין א שטאָט, מיט נײַע גאַסן און פלעצער, מיט רעסטאָראַנען און קאַפע־הײַזער, וואָס טראָגן די נעמען „שוועלבעלע“, „לעוואַניקע אָזערע“ און אַנדערע. אָן מיר האָט זיך א שטאָט אויסגעבויט. און זע, סאַראַ שטאָט!

ווו איז די שול־גאַס, די בראַסלעווער קלויז, די אַרבעטס־בירזשע, וואָס האָט מיך אין דער וועלט אַרײַן ארויסבאַגלייט?

זיכרוינעס, צוליב וואָס אָט די זיכרוינעס? איך וועל אראָפּ זיך אויסבאָדן אין מיל־טײַך און אין איינוועגס שוין א בליק טאָן אַף אונדזער אַלט אַמאָליק אומפאַרגעסלעך שטיבל.

דאָס איז דען ווייניק? ליג איך אונטערן באַרג אפן קאמינע־געסל אין גראָז און קוק אף די דרייַ בליִענדיקע ביימער, וואָס זייַנען דאָ פארבליבן. דרייַ ביימער. איך רייַס פון זיי אָן א הויפן בלעטער און פארוק זיי צו זיך אונטערן העמדל וואָס נעענטער צום הארצן.

מאמע טייַערע, פונוואנען נעמט זיך אזא קויעך אין בלעטער, אין בלעטער פון א פאָשעטן ווייַנשלבוים? זיי מאכן צוריק יונג א מענטשן! קעדיי עס זאָל זיך מיר ניט אויסדאכטן, אז אלץ קומט פאָר אין כאָלעם, טאפ איך מיט די הענט דאָס גראָז, די ערד, אף וועלכער איך בין אויסגעוואקסן, און לויף בארג־אראָפ צו דעם נאָך ניט אויסגעטריקנטן טייַך פון מייַן קינדהייַט.

דערנאָך גיי איך בארג־ארוף שוין מיט דער לעוואָנע. איך גיי צום אמאָליקן יאר, ווו ס׳האָבן געלעבט אָרעמע, דעקלאסירטע מענטשן מיט אויסטערלישע פראָפעסיעס: קאטערינשטשיקעס און קאָרטנשפילער, פרויען־הענדלער און פערדגאנאָווים, היצלעס און נעקייוועס, וואסערטרעגער און ליוועראנטן.

איך גיי דורך לאנג אָפגעמעקטע גאסן, וואָס זייַנען שוין געוואָרן פאָלין און דאָרן. א סאך סעדער און גערטענער מיט אומבאקאנטע אייַנוווינער, מיט נייַ־געבויטע און ניט־דערבויטע הייַזער. מייַנע שיך זייַנען באדעקט מיט שטויב, דאָס פאָנעם איז אויסגעבלייכט מיט לעוואָנעשייַן.

ווו איז מייַן יוגנט?..

אָט דאָרט, אף יענער זייַט יאר, אפן הויכפעלד. איך פלעג דאָרט ליגן אין טיפן גראָז, און איצט איז דאָס גראָז נאָך טיפער געוואָרן...

■

איך בין אין דער זאָנע פון מייַן קינדהייַט. מייַן לעבן טייל איך ניט אף פיל זאָנעס, ווייַל איך מייַן קינדהייַט, לעמאָשל, איז שוין געווען די עלטער. איר האָט דען ניט געזען קינדער מיט ניט קיין קינדערישן שמייכל אין די אייגעלעך, מיט טראָפנדלעך אנגסט, וואָס דעפאָרמירן דאָס פענעמל פונעם קינד און אפילע זייַנע טנועס און באוועגונגען — די לאסט פון אָרעמקייַט רירט זיך צו צו דעם. ווילנדיק ניט ווילנדיק הייבט דאָס קינד אָן ווערן א פילאָזאָף. און אז מע טראכט א סאך, טריקנט אויס דער מויעך, קארבט זיך דער שטערן, שטעכן נאָדעלעך אין די פינגער. מע ווייַנט פון שלאָף, מע קוקט אף דער וועלט און אפן לעבן ווי דורך א זיפ. אפילע דער פרילינג זעט אויס, ווי הוילע בלאָטע. און ווען א קינד זעט אזוי די וועלט, איז עס שוין עלטער...

איך בין אין דער זאָנע פון מייַן קינדהייַט. אין מיר פלאמט עפעס גרויס און העכערס. איך הער אָן אויסטערלישע מוזיק, פון קיינעם ניט קיין אָנגעשריבענע, דורך קיינעם ניט קיין געשפילטע.

איך ציטער, האָב מוירע, אז מייַן אויער זאָל ניט פארשטאָפט ווערן, דער ווינט, וואָס דרייט זיך דאָ גאס־אייַן, גאס־אויס, זאָל אינמיטנדערינען ניט אופהערן זיך שפילן מיט די טאָפאָל־ביימער, ער זאָל צו מיר זיך לאָזן, פארטויבן מייַן הארץ.

איך ווייס ניט, פון וואָס און פונוואנען עס קומען די קלאנגען. פון בערג מיט ליים, פון אמאָליקע הייַזער, פונעם הויכן שטיינערנעם בארג, צי פון דעם אלץ זיך נאָך שלענגלענדיקן טייַכל בא דער פוסטער זשארניצקער מיל?..

אין דער שטאָט פון מייַן קינדהייַט, אין אומאן, פירט מיך ארום דאָוויד בערגעלסאָנס פידעלע, פירט מיך בארג־ארוף צו דער נייַער שטאָט, וואָס איז שוין אָן אלטע שטאָט, צו דעם הויז פון איינער א פרוי, אָן איידעלער, א גרייַז־גרויער און טויבער, אינגער האָט מען זי גערופן, וועלכע איז געווען די ערשטע לייענערן פון דאָוויד בערגעלסאָנען.

עס ציט מיך אין סאָפיעווקער פארק, צו יענעם אָרט אין טיפן גראָז, צווישן אלטע ריזיקע ביימער און קינסטלעך אָנגעוואלגערטע פעלדזן, בריקלעך און וואסערפאלן, האלב־לעוואָנע־קוואלן און פעשטשערעס און שטיקער זייַדן גריקע־פעלד, ווו דאָוויד בערגעלסאָן האָט געפונען לייב קוויטקאָן, א ליגנדיקן אין גראָז מיט זייַן העפטל לידער, און אים קיין קיִעוו אראָפגעבראכט — און אף אייביק שוין ארייַנגעפירט אין דער פאָעזיע־וועלט.

עס ציט מיך צו מייַן גוטנפרייַנט, צום לערער נאדאָלני, וואָס ווייסט גענוי די גאס, דאָס אָרט, ווו עס האָט געלעבט און געשריבן מאָרדכע ספעקטאָר. און עפשער ציט מיך אהין, צום אָסטאשאָוקע־טייַך, וואָס קאָטאָווסקי פלעגט אים אריבערשווימען און ס׳האָט מיט אים קיינמאָל גאָרנישט ניט געטראָפן. און מיט מיר האָט יאָ געטראָפן, — כ׳האָב אנומלטן אפן ברעג טייַך געלאָזט מייַנע קליידער און כאִים־נאכמען ביאַליקס א בוך לידער. די קליידער מייַנע האָט מען צוגעגאנוועט. און דעם בוך געלאָזן. בין איך מיט ביאליקן א נאקעטער געלאָפן איבער אזא לאנגער בריק איבערן טייַך!

עס ציט מיך צו דער אָזערע פון יענער זייַט סאָפיעווקע צו געפינען, זיצנדיק אף א בערגל, אין גראָז, דעם באגאבטן שרייַבער, מייַן טייַערן כאווער פייסי אלטמאן — א ייִדישער באָכער, וואָס האָט אמאָל באקומען די ערשטע פרעמיע פאר אָנשרייַבן טאראס שעוטשענקאָס ביִאָגראפיע. ווי קאָן ער זייַן בא דער אומאנער אָזערע, אז ער איז גאָר אפן פראָנט געפאלן?..

איך זוך דעם שטאָטישן סקווער מיט דעם מיליטערישן אָרקעסטער, וואָס שפילט דאָ אלע אָוונט, און יענע לעוואָנע, וואָס פלעגט אזוי פארגיסן די שוין אזוי אויך פלאקערנדיקע ביימער. איך לויף מיט א כאָפטע ייִנגלעך צום ארייַנגאנג־

טויער אין סקווער, פארעד די ציין אָשער דעם בילעטיאָר און וויל זיך אריַינכאפּן צו זען שפּילן מיכאָעלסן, און זען פולווערן צווישן די בליאַס־קענדיקע, אויסטערליש־קישעפדיקע מוזיקאַלע קיילים. איך בלײַב הענגען אָף דעם הויכן שטאָלענעם און שפּיציקן פלויט פון סקווער, ניט אהין און ניט אהער, און מײַן גאַנצע קודלע האָר איז שוין אין דער זשמעניע בא אָשערן.

איך זוך מײַן שוועסטער סאָרקעס שטוב, ערגעץ, פון יענער זײַט קינאָ־טעאַטער „קאָרסאָ", ווו די פאַשיסטן האָבן אין די קעלערס דערשטיקט אַזויפיל יידן, פרויען און קינדער...

בא מײַן שוועסטער סאָרקען, וואָס איז אויך, צוזאַמען מיט איר מאַן און קינדער, אומגעקומען, האָב איך אַמאָל צופעליק אַ ברענענדיק ליכט איבערגעקערט און אַליין זיך אָנגעכאַפּט, שיִר ניט פאַרברענט געוואָרן. בא סאָרקען אונטער די הענט איז גאָרניט געווען, מיט וואָס מיך לעשן, האָט זי אַ גאַנץ שאַפּקעלע ביכער אָף מיר ארופגעוואָרפן, מיט ביכער מיך געלאָשן.

מוזיק. זי מאַכט מיך אין דימיען פאַר אַן אַרכיטעקטאָר און פאַר אַ מאָלער, פאַר אַ סקולפּטאָר און האָלץ־שניצער, פאַר אַ ברונעם־זוכער און אַ גערטנער. אין דימיען שטעל איך אוף אַ שטוב מיט אַ שיין געפלאַנצטן גאָרטן, מאָל אָן דעם באַלעבאָס פון דער שטוב בערל קאָראַליק, אַזאַ מיטלוווּקסיקן, אין אַ שוואַרצן סורדעט, אונטער וועלכן עס זעט זיך אַ פּיקייענער זשילעט אָף אַ ניט קיין גרויס בײַכל, אַ קייטעלע פון אַ קעשענעזייגער און צוויי רויטע גראָבע הענט. איך דערמאָל ניט די בלאָע קישעלעך בא אים אונטער די אויגן און נעם זיך מאָלן די קאָראַליקעכע, זײַן איידעלע און בעעמעס צאַרטע פרוי. און סע וועט מיר אויך דערעסן. דעמלט זעץ איך אַרײַן אַ פּאָר טוץ שכיינים צו בערל קאָראַליקן, און דאָס שטיבל, וואָס ער פאַרדינגט, מאָל אָן בא איינער אַ דרויסן־וואַנט אַ וואַסער־קראַן, און אונטער אים לייג איך אַוועק אַ גרויסן שטיין, און איך לאָז גלײַך אַרויס אין דרויסן אַליין דעם באַלעבאָס, בערל קאָראַליק, אָדער די ניט־דערמאָלטע פרוי זײַנע באַליע.

— גיסט ניט אָן די עמער אַזוי פול, אַז סע זאָל איבערגיין. אַ וואָדאָפּראָוואָד מאַכן קאָסט געלט. און איר צאָלט צוויי קאָפּעקעס אַן עמער.

מיט צוויי שטאַרק פלאַטשיקע פינגער נעמט בערל בא די שכיינים די גראָשנס פאַר די עמער וואַסער. לויט זײַן אויסזען איז גרינג צו באַמערקן: ער האַלט, אַז זיי זײַנען אַלע בא אים שנאָרער.

אין גאָרטן פרעגלט באַליע מאַלינעס. דער רויך עסט די אויגן. צו וואָס דאַרף איך עס מאָלן? איך וועל בעסער אַרײַן צו נויעכל דעם זאַגאָטאָוושטשיק און הערן, ווי ער זינגט „סיזשו זאַ ריעשאָטקאָי וו טיעמניצע סיראָי".

נאָר בא נויעכלען איז שטיל. ער איז אַוועק נאָך לעדער. איז עס בעסער, כ'וועל זיך טרעפן מיט פאָליען. אַ צווײַג קלאַפּט אין פענצטער. פון ערגעץ נאָענט הערט זיך דאָס ביטערע געוויין פון פעסלען, וואָס האָט פאַרשפּעטיקט כאַסענע צו האָבן און איז פון דעם, ווײַזט אויס, געריִרט געוואָרן.

פאָליע ליגט אָף אַ הילצערן באַנקבעטל, די הענט פאַרוואָרפן צוקאָפּנס. דאָס באַנקבעטל איז פאַרוואַלגערט מיט יוכטענע פעל, וואָס דער רייעך זייערער גיט גלײַך אַ זעץ אין דער נאָז אַרײַן.

בא מײַן אַרײַנגיין גיט פאָליע גלײַך זיך אַ כאַפּ אוף. אַ לײַכטער ציטער לויפט איבער פון איר צו מיר, און מײַן מויל הייבט עפּעס אָן צו שטאַמלען:

— פאָלינקע, וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן?..

פאָליע איז עלטער פון מיר קימאַט אין צוויי מאָל. אַ געפּאַקטע, מיט אַ פול קאָפּטעלע פרוכט, די אויגן מאַמזערישע. עפּעס ווייסט זי און זאָגט ניט. איך האָב ליב זי זען אַ באָרוועסע, די האָר זאָלן זײַן אָפּן שטערן. ווען זיי פאַלן אַזוי אַראָפּ, זעט פאָליע אויס ווי אַן עמעסע ציגײַנערן, גיב איך נאָר אַ קינד אָף די הענט און אַ שפּיגעלע מיט אַ טעשל קאָרטן.

אין אומאַן האָב איך געהאַט אַ קאָרעוו. גערופן האָט מען אים צאַלי. צאַלי בעקערמאַן. ער איז געווען אַ מענטש אָן אַ גאַל, מיט אַ גוטן שעם אין דער פאַבריק פון פעלצנמאַכער. נאָר ער האָט געהאַט איין שוואַכקײַט: דאָס גלעזל. מיך האָט ער ליב געהאַט, ווי דאָס לעבן. און דערפאַר מיר אָנגעטרויט די שענסטע שליכעס.

— מע דאַרף, — זאָגט ער, — צוגיין צום כאַזן מומונטשיק און אים איבערגעבן, אַז זײַן טולופּ איז פאַרטיק.

פאַרטיק איז פאַרטיק. שטעל איך זיך אַרײַן איינמאָל אין אַ נאָכמיטיק צו אונדזער כאַזן, אָף באָלשאַיאַ פאָנטאַנאַיאַ, מיטן געדאַנק אים אָנצוזאָגן, אַז זײַן פעלץ איז פאַרטיק. אַ קלונג אין גלעקל, אַ שמאָרע מיט דער נאָז — אַ געוויסע צוגרייטונג, פון וואָס אָנצוהייבן. און ענדלעך בין איך שוין אין מומונטשיקס פּאָקאָיעס. אַ כאַזן, ניט פון די אַלטע כאַזאָנים. דאָס וואַרפט זיך גלײַך אין די אויגן: ערשטנס — אַ פּאָרטעפּיאַן בא דער סאַמע טיר, צווייטנס — אַ טישל מיט אַ גרויסן טאָפּ קווייטן, דריטנס — שאַליאַפּינס און דעם אָדעסער כאַזנס סיראָטינס פּאָרטרעטן אָף דער וואַנט. און פערטנס — זײַט מויכל, עפּעס אַ לײַכט־אָנגעטאָנענע פרוי אָפּן דיוואַנטשיק, און ער, מומונטשיק דער כאַזן, לעבן איר...

נאָר וואָס איז מײַן אייסעק?

— דאָס פעלצל, — זאָג איך, — דאָס פעלצל איז פאַרטיק...

פֿון אומדערוואַרטקײַט האָט מומונטשיק, אַפּאָנעם, ניט פֿאַרשטאַנען, וועגן וואָסער אַ פּעלצל ס'האַנדלט זיך. ער האָט זיך ניט ווילנדיק אַרויסגעריסן פֿון אַ פּאָר ווײַסע, שניי־ווײַסע וואַרעמע הענט און אַף אַ קאָל אַ זינג געטאָן: „האַמעלעך, האַיוישעוו, לאַ־דע־דאַ־דאַן, דאַן", און איז צו מיר צוגעשפּרונגען:

— וועמען דאַרפֿט איר?..

— אײַך. דאָס פּעלצל, דער טולופּ, דאָס פֿוטער, דער קאָזשוך — איז... פֿאַרטיק.

— בעקערמאַן! — האָט די פֿרוי אונטערגעזאָגט און פֿאַרענדיקט אַזוי: — דײַ מניע, פּאַזשאַלוסטאַ, באַלמאַנטאַ. ער ליגט אונטער די נאָטן...

מומונטשיק, דער גרעסטער כאַזן פֿון אומאַן, זשמערינקע, שפּאָלע, כמעלניק, פּאָקאָטילאָוו און אַנדערע שטעט און שטעטלעך, האָט מיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו דער טיר און, ווי איך האָב באַמערקט, אַ שפּײַ געטאָן אַף דער געדיכט אָנגעפּאַרבטער פּאָדלאָגע:

— ס'האָט אים אָנגעטראָגן...

גלײַך ווי איך בין שולדיק, וואָס ער האָט בײַ מײַן קאָרעוו צאַלי בעקערמאַן זיך באַשטעלט אַ לײַטישן שאָפּענעם פּעלץ. צוליב דעם בין איך געגאַנגען דורך זשליאַזנע און גריאַזנע, דורך סאַדאָווע און דוואָרצאָווע, דורכן פּאַרק און דורכן מאַרק, דורך פּאָנטאַנע און מעשטשאַנסקע, דורך דער שאָלעם־אַלייכעם־גאַס און דורך באַזעליאַנסקע, דורכן אַלטן מאַרק און דורך דער מעשטשאַנקע, דורך דער טאָרהאָוויצע, דורך דעם „טויטן בריקל", דורך דער „לינישטשע", דורכן פּופּקעס־באַרג, דורכן סקווערל, וווּ קאָטאָווסקי שטייט, דורכן פּאָזשאַרנע הויף און דורך דער ראַקאָווקע. ערגעץ אויבן, אַפֿן באַרג, ליגט אַ שטאָט און בליט מיט אַקאַציעס, מיט מײַן יוגנט, מיט מײַנע ערשטע אָנגעשריבענע לידער, מיט מײַן שטיפֿמאַמע, וואָס קוקט אַלעמאָל אַרײַן אין דעם פּעסעלע ווישניק, צי האָב איך עס שוין ווידער מיט אַ שטרוי ניט אויסגעזויגן, — ערגעץ דאָרט, אויבן, ליגט די שטאָט, און איך דאָ שטיי און פֿאַרענטפֿער זיך פֿאַר אַ כאַזן, פֿאַרוואָס עס איז שוין פֿאַרטיק זײַן שאָפּענער פּעלץ...

■

— מיכל, — זאָגט די שטיפֿמאַמע צו מײַן טאַטן, — דו ווייסט, ווער ס'האָט פֿאַרטאָג אַראָפּגעשלעפּט די קאָלדרע פֿון כײַע־לייען און פֿון ריוון, ווען זיי האָבן בײַ אונדז גענעכטיקט? מאָטל...

דער טאַטע ווייסט. ער האָט דעמלט אינדערפֿרי, ווי אַלעמאָל, אָנגעטאָן טאַלעס־און־טפֿילין, געשטעלט זיך דאַוונען, ווען מײַן שטיפֿמאַמעס פּלעמעניצעס זײַנען אַף דער ליימענער פּאָדלאָגע געשמאַק געשלאָפֿן. דערזען זיי אינגאַנצן אָפּגעדעקט, האָט ער, איך ווייס ניט פֿאַרוואָס, שטאַרק געשפּיגן.

פֿאַר מײַנע קונדייסישע שטיק בין איך אַנטלאָפֿן פֿון דער היים, צו מײַן כאַווער איציק פֿײַנגאָלד, דעם אַווטאָר פֿון אַ דערציילונג „זיבן מיט אַ האַלב רובל", שוין אָן אָפּגעדרוקטע אין אַ כאַרקאָווער ליטעראַריש בלעטל „בוי־קלאַנג". אים, איציקן, האָב איך געהאַלטן פֿאַר מײַן אַנאַטאָל פֿראַנסן.

דערנאָך האָב איך געמוזט פֿאַר מײַנע שפּיצלעך אויקער זײַן אינגאַנצן פֿון אומאַן און זיך אַרײַבערפּעקלען אין מײַן קליין געבורט־שטעטעלע אַפֿן טיקיטש־טײַך, צו מײַן שטיפֿמאַמעס פּלעמעניצעס כײַע־לייע און ריווע. דאָרט האָב איך זיך געמוזט ראַטעווען פֿון אַ מישפּעט איבער מיר פֿאַר איבערשרעקן בעני דעם קעמלמאַכער, וואָס צוליב מײַנעם אַ „סקעטש" איז דער ייִד שיר פֿון דער וועלט ניט אַוועק. איך בין געווען איבערגעטאָן אין די קליידער פֿון שאָמערס אַ וואַלדגאַזלען, מיט אַ גרינעם גאַרטל איבערגעבונדן, דאָס פּנים גרימירט מיט סאַזשע, אין די הענט אָן אַנטבלויזט מעסער. איך האָב זיך אַרײַנגעשטעלט צו בעני קעמלמאַכער שאַבייסענאַכטס, שוין נאָך ליכט אָנצינדן, און באַפֿוילן אופֿהייבן די הענט — אים און זײַן ווײַב כיניע. עמעצן האָב איך געזוכט אונטער דער מאַשין, אַף וועלכער ער פֿלעגט פֿײַלן שאָפּענע און אָקסענע הערנער. צי האַלטן נאָך בעני און כיניע ביז איצט די הענט אין דער הייך, ווייס איך ניט, נאָר, ווי געזאָגט, בין איך איבער דעם פֿון אומאַן אויסגערונען.

געפֿאָרן בין איך מיט אַ פּויערישער פֿור בײַנאַכט. דער אוקראַיִנישער סטעפּ האָט מיך געשלעפֿערט מיט פֿרישקײַט און מיט רייכעס פֿון קאָלערליי גראָזן. פֿון ערגעץ האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן די לעוואָנע. זי האָט זיך אין די רעדער געקלאַפּט, דערנאָך אַפֿן וואָגן זיך אַרופֿגעכאַפּט און זיך צו מײַן באַק געטוליעט אַזאַ קילע. דערנאָך האָט זי באַזילבערט די ווישקעס פֿון די פֿערד. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער פּויער טרײַבט פֿערד־און־וואָגן ניט אַף דער ערד, נאָר אין כאָלעם צי אין אַ קישעף־טײַך, ווו די פֿערד זינקען ביזן בויך אין שטערן.

דער פּויער האָט פֿאַרייכערט. ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן. מיר זײַנען אַריבערגעפֿאָרן אַ בריק, און דער פּויער האָט מיך אַראָפּגעלאָזט פֿון וואָגן.

צו יענער צײַט האָב איך אין מײַן געבורט־שטעטל געקענט זיך אויסקלײַבן איבער אַ צען — פֿופֿצן פּראָפֿעסיעס. ערשטנס, ווערן בײַ יאָסי בוהײַ (מײַן שטיפֿמאַמעס אַ שטיפֿברודער) אַ פּאַריקמאַכער. האָבן אָבער אַלע אין שטעטל מיך אָפּגערעדט. אַ שווערער מענטש. בײַ אים קיין האָניק וועל איך ניט לעקן. אַ גראָבעריונג און אַ שלעגער. דאָ ניט לאַנג האָט אַ קלײַענט שיקערערהייט אים באַוויזן אַ צונג. האָט ער, יאָסי בוהײַ,

אים אזא קלאַפּ געטאָן, אז וויפל מע האָט דערנאָך ניט געפּרוּווט דעם קליִענט אַף די פיס אוועקשטעלן, האָט קיין זאַך ניט געהאָלפן. יאָסי אַליין הייבט אים אוף, טוט אים אָן דאָס היטל, ווישט אים מיטן אַרבל דאָס מויל, און יענער איינמאָל נייך, פאַלט און טו אים עפּעס. מ׳האָט נאָכדעם אין שטעטל געזען יאָסי בוהײַען, ווי ער האָט געטראָגן זײַן קליִענט צום קאַרפּאָווער גאָרטן.

אָנקומען צו באָרקע דעם אָדעסער אין ווײַנקעלערל פאַר א „וויקידײַלע“, — וואָס פאַר א טאַכלעס קאָן דאָ זײַן? ווען איך בין נאָר אַראָפּ פון דער פור, האָט מיך באָרקע דערזען, ער איז געלאָפן איבערן שטעטל מיט א שטיוול אין דער האַנט, קעדיי האַרגענען זײַן דריט ווײַב, זוזיען. איר גליק איז געווען, וואָס באָרקע האָט מיך דערזען און דערקענט. קיין ליגן וויל איך ניט זאָגן: באָריען האָב איך ליב געהאַט פאַר זײַנע דערציילונגען וועגן די אָדעסער מיידלעך, וועגן זייערע טופעלקעס, ווו דאָס פוכקע פּיסעלע קריכט אַרויס, וועגן זייער קענען גיין קעגן ווינט און א כאַפּ טאָן דאָס קליידל בא די קני, וועגן זייער קענען זאָגן אַף יעדער מאַנצבל — ווילסט, איז ער מײַנער... הײַנט באָרקע דעם אָדעסערס לידער?

דער לאָמפּ ווערט פאַרלאָשן,
כ׳האָב קיין גוטס ניט גענאָסן —
און איך בלאָנקע אַרום אַף דער וועלט!
הײַנט אז איך זע ניט
מײַן טײַער זיס לעבן,
איז שוין דאָס גליק פון מיר פאַרשטעלט!

ווערסט זיך באַגיסן מיט טרערן.
צי אָט אזא ליד:

דער יאָלד איז מיר מעקאַנע,
דער יאָלד איז מיר מעקאַנע
אַף מײַן גרינג שטיקעלע ברויט...
דערפון וויל ער ניט וויסן,
אז די קעשענע איז צעריסן —
ס׳קומט מיר אָן ביטער, ווי דער טויט.

איך האָב ניט געוואָלט ווערן קיין שנײַדער, כאָטש אַף יאָסעלע נאָדלשטאָך האָט מען אין שטעטל געזאָגט, אז ער האָט א גאָלדן האַרץ. ניט אין קאַס איז ער געווען אפילע אפן העלפאַנד, וועמען ער האָט מיט א נאָדל א שטאָך געטאָן אין דער נאָז, און יענער איז אוועק צום טײַך, אָנגענומען א היפשע פּאָרציע וואַסער און באַגאָסן דעם שנײַדער. נאָך זאָגט מען אין שטעטל אַף יאָסעלע נאָדלשטאָך, אז מע האָט אים געזען שטיין אפן פענצטער מיט א שער אין דער האַנט, און ער האָט געפּרוּווט צעשערן דעם רעגנבויגן (אים האָט אויסגעפעלט א שטיקל אונטערשלאַק פאַרן בעגעד פון איינעם אָן אָרעמען ייִדישן פּאָעט, וואָס גייט אַרום קרוע־בלוע און שרײַבט לידער, האָט ער געפּרוּווט עס אַנטלײַען באַם רעגנבויגן).

מיט קיין מעשוגאָים האָב איך ניט צו טאָן, סײַ מיטן שנײַדער און סײַ מיטן פּאָעט.

איך האָב געקענט ווערן א שטריקלדרייער, אַרומגיין מיט פלאַקס אפן בויך, בא הונדערט מעטער אַף פאָרויס און פונקט אזויפיל אַף צוריק, און מיט מײַנע שטריק זאָל מיך נאָכדעם א פינצטערער דײַטש אופהענגען.

איך האָב געקענט ווערן א שאָרניק און טאָג און נאַכט טרײַבן אין דער ראָד א בלינד פערד, ווי מע האָט שפּעטער א סאַך ייִדן אין דער ראָד געטריבן...

איך האָב געקענט ווערן א כאַזן אין שול, ווען איך וואָלט נאָר געהאַט א שטים... ס׳איז געווען אָן אויסוואַל פון א סאַך מעלאָכעס און פּאַרנאָסעס: קירזשנער, זייגערמאַכער, צונויפשטעלער פון בריוונשטעלער, שאָכטים, אַפּטייקערס, וואַסערטרעגער, פּריקאַזשטשיקעס. איך האָב געקענט מאַכן רעמעלעך פאַר פאָטאָגראַפיעס, ווי מײַן זיידע אָלעוואַשאָלעם, אָדער לערנען מיידלעך שרײַבן קאַליגראַפישע ליבע־בריוו, אָדער אַרומגיין איבערן שטעטל מיט א פאָנאַר אין די הענט אין טיפע ווינטער־נעכט (צווישן אונדז זאָל עס בלײַבן, האָט אויך מײַן טאַטע א שיינע פאָר יאָר געצויגן דערפון פּאַרנאָסע.)

בא אונדז אין שטעטל האָט מען אפילע פון הוישײַנעס געקענט מאַכן א קערבל. אפן ברעג טײַך זײַנען ווערבעס געווען קעכויל־האַיאָם — איין צאָרע, וואָס הוישײַנע־ראַבע איז בלויז איין מאָל אין יאָר.

געווען מער פונדאַמענטאַלע פּאַרנאָסעס, ווי, לעמאָשל, זײַן אָן אײַנבינדער פון אַלטע און נײַע ספאָרים, באַקן מאַצעס, טראָגן שאַלעכמאָנעס, פאַרקויפן אין א הייסן זונטיק־טאָג וואַסער אפן יאַריד (מע דאַרף זיך נאָר היטן, קיין פערד זאָל דיך ניט קיין ביס טאָן, ווען דו גייסט מיט די עמער צווישן די פערד. מיט מיר אַליין האָט עס א פּאָר מאָל געטראָפן, דער פּויער האָט מיך אומיסטן אַליין צוגערופן, ער האָט געוווּסט, אז זײַנע פערד בײַסן זיך. גאָט האָט אים דערפאַר געשטראָפט: א פּאָר אומאַנער גאַנאָווימלעך האָבן אים אונטערגעוואָרפן א פּאַפּירן דרײַערל. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם וואָגן, און אין דער צײַט האָבן די גאַנאָווים אַראָפּגעכאַפּט פון וואָגן א זאַק מיט צוקער...)

ווי סע זאָל ניט זײַן, קיין מעלאָכע האָב איך זיך אין מײַן געבורט־שטעטל ניט צוגעזוכט, געזאָגט א גוטן זײַ־געזונט און געלאָזט זיך אין דער גרויסער וועלט.

■

מײַן מעשוגאַס באַשטייט אין צופיל וועלן זיך דערגרונטעווען צו קאָלערליי פאַרוואָסן. פאַרוואָס איז איין מענטש באַגאַבט און דער צווייטער טא־

לאַנטלאָז? פֿאַרוואָס דאַרף אַ קלײן ציטעריק פֿײגעלע לעבן אין דרויסן און געבוירן ווערן צוליב דעם, אַז סע זאָל טאַנצן פֿון צווײַג צו צווײַג אַפֿן בוים און פּלוצעם פֿאַרפֿרוירן ווערן און אַראָפּפֿאַלן, ווי אַ שטײנדעלע אויף דער ערד? פֿאַרוואָס דאַרף דער מענטש, וואָס לעבט ווײניקער פֿון אַ דורכשניטלעכן בוים, פֿון אײניקע פֿײגל און באַלעכאַיִם, זײַן אַזוי ניט שפּאָרעוודיק באַם אָפּגעבן זײַן מענטשלעכקײַט דער וועלט? פֿאַרוואָס גרײט דער מענטש זיך צו אַלײן די סאַמע שוידערלעכסטע קאַטאַסטראָפֿעס, טליִעס, טויטן פֿון אַלע מינים? צי דען איז קורץ די צײַט פֿון מיליאָנען יאָר, זינט די וועלט שטײט, אַז דער מענטשלעכער מין זאָל צווישן זיך שאָלעם מאַכן און אויפֿהערן אײנמאָל פֿאַר אַלעמאָל אײנער באַם אַנדערן בלוטיק אָפּרויבן דאָס לעבן?

אָט די און טויזנט אַנדערע פֿראַגעס זײַנען דאָס אָנגעצונדענע ליכט, דאָס פֿײַער, אויף וועלכן עס פֿלאַמט מײַן נעשאָמע.

און ווען סע פֿלאַמט די נעשאָמע, ווערן געבוירן לידער.

צײַט מײַנע, ווי צעריסן ביסטו געווען, ווען מײַן הײם האָט געברענט און איז אָקופּירט געוואָרן. און איך, אין סאָלדאַטסקע קלײדער, מיט אַן אויטאָמאַט אין די הענט, האָב געשפּאַנט איבער אומעטיקע וועגן, איבער וועלכע עס האָבן שוין געטראָטן סײַ אונדזערע, סײַ זײערע, סײַ, גאָט צו דאַנקען, ווידער אונדזערע פֿאָלקן.

■

ווען איך בין אָנגעקומען קײן בריסק, האָט נאָך געברענט אַרום וואָקזאַל. די שטאָט האָט זיך געהילט אין פֿינצטערניש, צום הימל האָבן זיך געריסן פּאַסמעס פֿײַער.

אין דער פֿעסטונג אַפֿן בוג זײַנען נאָך אויף די שטײנער געווען פּליאַמעס ניט אַראָפּגעוואַשן בלוט פֿון די גיבוירים, וואָס האָבן זיך דאָרט געראַנגלט ביזן לעצטן אָטעם.

אין האָטעל, וווּ מיר, אַ גרופּע ייִדישע שרײַבער און קינסטלער פֿון ווײַסרוסלאַנד, האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָט מען שלאָפֿן ניט געקענט. די זיכערקײַט מיטן לעבן איז דאָ געווען אַ צווײפֿלהאַפֿטע. דער אײגנטימער פֿון האָטעל, אַ שטאַרק אָפּשטויסנדיקער מאַן מיט אַ האַלב געגאָלטן קאָפּ, מיט קלײנע שטעכיקע אײגעלעך און, ווײַזט אויס, מיט געווער אין די קעשענעס, האָט זיך אַרומגעטראָגן ווי אַ וויכער איבער די צימערן און פֿאַרדעכטיק געקוקט אויף זײַנע געסט, ווי אויף בלוטיקע סאָנים. ס'האָט געדאַכט: אָט באַלד הײבט זיך דאָ אָן אַ שכיטע.

קײן קישנס און לײַלעכער האָט דער באַלעבאָס פֿון האָטעל אין דער נאַכט אונדז ניט געגעבן מיטן אויסרײד, אַז אונדזערע סאָלדאַטן האָבן אַלץ צוגענומען. דעריבער האָבן מיר פֿון קעלט זיך געקוטעט אין די מאַלבושים. עס איז מיר דערעסן געוואָרן אָט די אומהײמלעכע נאַכט, און איך בין אַרויס אין דרויסן.

קײן באַקאַנטע האָב איך אין שטאָט ניט געהאַט. געוווּסט האָב איך נאָר, אויף וועלכער גאַס מײַן האָטעל געפֿינט זיך און וווּ ס'איז דאָס הויז פֿון דער „וורעמענע אופּראַוולעניע" פֿון דער שטאָט. אַהין בין איך אַוועק מיטן געדאַנק איבערצוזיצן באַם אײַזערנעם אײוועלע די פּאָר שאָ ביז שאַריִען. די דעזשורסטווע אין אָט דעם אײנציקן שטאָטישן אַנשטאַלט האָבן אויפֿגעהאַלטן צוויי אָפֿיצערן און אײן סאָלדאַט. אײן אָפֿיצער האָט געדרעמלט אויף אַ הילצערנער באַנק, אונטערשפּאַרנדיק די פֿויסטן אונטערן קאָפּ. דער צווייטער איז געזעסן און גערײכערט. דער סאָלדאַט האָט געזאָדן אין אַ קעסעלע טײ.

איך האָב ניט באַוויזן אָנוואַרעמען די הענט און זיך איבערוואַרפֿן מיט אַ פּאָר ווערטער מיטן דעזשורנעם אָפֿיצער, ווי אין דער טיר האָט זיך באַוויזן אַ רײן געקלײדט ייִנגל אין אַ גימנאַזיסטישן מונדיר, אין אַ בלוי היטעלע מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק.

דאָס ייִנגל האָט קימאַט אויסגעזונגען זײַן „גוט־אָוונט" אין אַ גוטן פּויליש און געפּרוּווט עפּעס דערקלערן דעם אָפֿיצער, וועלכער האָט ניט געקענט די פּוילישע שפּראַך און באַטראַכט דאָס יאַטל מיט פֿאַרכאַסמעטע אויגן.

— ווער ביסטו און וואָס ווילסטו? — האָב איך אַ פֿרעג געטאָן.

— איך וויל איבערנעכטיקן.

— און וואָס וועסטו טאָן באַטאָג?

— באַטאָג וועל איך גײן קײן מאָסקווע. מײַנע עלטערן האָט היטלער אין וואַרשע דערהאַרגעט, די שטוב איז פֿאַרברענט, פֿון אונדזער גאַס איז ניט געבליבן קײן אײן ציגל.

— און וואָס וועסטו טאָן אין מאָסקווע?

— איך וועל זיך לערנען. איך קען פּויליש, ייִדיש, דײַטש און פֿראַנצויזיש.

— און ווער איז דײַן טאַטע?

— מײַן טאַטע פֿלעגט פֿירן ווײץ קײן דײַטשלאַנד.

— עסן ווילסטו?

— יאָ.

איך האָב אַרויסגענומען פֿון מײַן פּאָרטפֿעל אַ שטיקל ברויט מיט קעז און דערלאַנגט דעם ייִנגל. ווען ער האָט צוגעביסן און פֿאַרטרונקען מיט „קיפּיאַטאָק", וואָס דער סאָלדאַט האָט אים אָנגעגאָסן, האָט ער גענומען מיט קינדערישער כניפֿע לויבן מײַן פּאָרטפֿעל:

— אַזאַ טעקע קען מען אַפֿילע באַ אונדז אין וואַרשע ניט זען... איר זענט, קאָנטיק, אַ וויכטיקער מענטש. נעמט מיך מיט קײן ביאַליסטאָק. איך וועל אײַך העלפֿן טראָגן די טעקע...

— איך פאָר ניט קיין ביאַליסטאָק. איך בלײַב אין בריסק.

ס'האָט געטאָגט. איך האָב געהאַט אַן אופטראָג פונעם שרײַבער־פאַריין פון ווײַסרוסלאַנד צו באַגעגענען די שרײַבער — פּלייטים פון דער ברענענדיקער וואַרשע. כ'האָב געבעטן דאָס ייִנגל ניט אַוועקגיין פון דער „וורעמעני אופּראַווליע־ניע" ביז אַזייגער צוועלף באַטאָג. איך וועל צו אים קומען, און מיר וועלן באַשטימען, וואָס צו טאָן ווײַטער.

יולי האָט דאָס ייִנגל געהייסן. דער דעזשורנע אָפיצער האָט אים געזאָגט: „לאָזשיס וואָט טאַם וו אוגלו — סקאָראָ זאַווטראַק פּרינעסוט וו קאַ־ניסטראַך" („לייג זיך צו אָט דאָרט אין ווינקל — אינגיכן וועט מען ברענגען דעם פרישטיק אין קאַניסטערס"). יולי איז אַנשלאָפן געוואָרן, און איך בין אַוועק זוכן מײַנע פּלייטים — שרײַבער.

ס'האָט געדויערט דרײַ טעג און דרײַ נעכט מײַן טאָגן און נעכטיקן אין פאַרשידענע אומ־שטענדן, בײַ פאַרשידענע מענטשן, ביז ערשט אויפן פערטן טאָג, נאָך מײַנער אַ מעלדונג אין דער אָרטיקער שטאָטישער צײַטונג, האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר צענדליק פּלייטים — שרײַבער, זשורנאַליסטן, צײַטונגס־רעפּאָרטיאָרן און אַפילע פאָטאָגראַפן.

זיי אַלע האָבן זיך אָנגעגעבן פאַר שרײַבער, געהאַלטן פּלאַקערדיקע רעדעס וועגן זייער ליבע צום סאָוועטנפאַרבאַנד און געבעטן, מיר זאָלן זיי העלפן מיט געלט, מיט אַרבעט. און דעריקער מיט אַרויספאָרן קיין ביאַליסטאָק, מינסק, מאָסקווע.

צווישן אָט דעם ראַשיקן און מיך ניט איבעריק באַגײַסטערנדיקן אוילעם איז געזעסן שטיל אַ מאַן פון מיטעלן ווּקס און מיטעלן עלטער. ער איז געזעסן מיט זײַן פרוי אויף אַ בענקל בײַ דער וואַנט און געשוויגן — וועגן גאָרנישט ניט גע־בעטן. איך האָב באַמערקט אַ סאַך זילבער אין זײַנע האָר, אַ שוין טיף געקאַרבטן שטערן און זייער אָפענע אויגן.

אויסהערנדיק מײַן קורצע רעדע צו די פאַר־זאַמלטע, האָט ער שווײַגנדיק געקוועטשט זײַן פרויס האַנט, וואָס האָט אים, ווײַזט אויס, גוט פאַרשטאַנען.

אָט דער שווײַגער איז מיר גראָד געפעלן גע־וואָרן. און אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז דאָס איז דער באַוווּסטער ייִדישער שרײַבער עפראַים קאַגאַ־נאָווסקי.

פאַרשטייט זיך, אַז מער פאַר אַלץ האָב איך מײַן ענערגיע און מײַנע באַשיידענע מעגלעכ־קײַטן אָפּגעגעבן דעם איידעלן פּאַרפאָלק. איך האָב געקראָגן בילעטן קיין ביאַליסטאָק, ווו דער שטאַב פון אונדזערע שרײַבער האָט זיך געפונען, און די קאַגאַנאָווסקיס אַהין אַרויסבאַגלייט... נו, און דאָס ייִנגל?

דאָס ייִנגל האָט מיך געפונען אין מײַן שיינעם האָטעל, אויסגעציגײַנערט בײַ מיר אַ פּאָר רובל אויף אַ בילעט און טייקעף, מיט מײַנעם אַ צע־טעלע צו איינעם אַ שרײַבער, אויך אָפּגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק.

שפּעטער האָב איך פון דעם וואַרשעווער ווייץ־הענדלערס זינדל געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. אין איינעם אַ ווינטער־טאָג, ווען די גרענעץ צווישן מײַרעוו־ווײַסרוסלאַנד און ווײַסרוסלאַנד איז נאָך געווען קימאַט פאַרמאַכט, האָט זיך בײַ מיר אין שטוב, אין מינסק, געעפנט די טיר, און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן יולי. אַלץ נאָך אין דעם זעלבן מונדירל מיט די בליאַסקענדיקע קנעפּ מיט אָדלערס, דער זעלבער שאַפּקל מיטן קעפּעלע אַהין און אַהער.

— איר דערקענט מיך?

— יולי. וויאַזוי ביסטו אַריבער די גרענעץ?

— איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב דאָ אַ באַ־קאַנטן שרײַבער. זיי האָבן מיך דורכגעלאָזט. די דאָקומענטן האָט מען דורכגעקוקט איין מאָל אין באַראַנאָוויטש, דאָס צווייטע מאָל אין סטאָלבצי.

יולי איז יולי. מיר האָבן אָפּגעפרישטיקט. יולי האָט זיך באַקאַנט מיט מײַן פרוי, גלײַך גענומען זינגען פּוילישע און פראַנצויזישע לידער און גאַנץ גיך מיט אַלץ און מיט אַלעמען געוואָרן היימיש.

דער ווינטער איז געווען אַ שווערער. קאַלטע ווינטן האָבן אין גאַס די ביימער געבראָכן, די דעכער געריסן. מײַן צימער, אין וועלכן כ'האָב צו יענער צײַט געלעבט, איז געווען אַ ראַכוועס־דיקער, אָבער אינגאַנצן אָן זון. אַמאָל האָט אין דעם צימער געלעבט דער קריטיקער דונעץ, שפּעטער דער ליטעראַטור־פאָרשער קורלאַנד, אָבער פון דעם איז דער צימער בעסער ניט גע־וואָרן. מײַן גאַסט האָט געפרוירן, און ווען ער פלעגט פון שטוב אַוועקגיין, איז אים ניט געוואָרן גרינגער. איך האָב געמוזט דרינגענדיק אָפּלייגן מײַן אַרבעט, מײַנע לידער, מײַנע שטוב־איניאַנים און זיך פאַרנעמען מיטן ייִנגל. כ'האָב אים באַקליידט מיט ווינטער־זאַכן. דער נאַרקאָמפּראָס פון ווײַסרוסלאַנד האָט אַ ביסל צוגעהאָלפן. מע האָט אים אײַנגעאָרדנט אויף אַרבעט און אָנגענומען אַלס שילער אין פ. ז. או. בײַ דער מינסקער מעלוכישער טיפּאָגראַפיע.

כ'האָב נאָכגעקוקט, ער זאָל זײַן צו דער צײַט געשוירן און געבאָדן, באַזוכט צוזאַמען מיט אים די פאָרשטעלונגען אין קימאַט אַלע מינסקער טעאַטערן.

מײַן יולי, לאָזט זיך אויס, איז גאָר ניט קיין אידעאַל פון אַ קינד. ערשטנס, אין באָד. וואַשן מיר זיך, שטייען אונטערן דוש, שמײַסן זיך מיט פרישע בערעזע־בעזעמלעך. און מיטאַמאָל מײַן ייִנגל טוט אַ ציי זיך אויס אויף דער באַנק, אָן „איך בעט אײַך" אָדער אַ „זײַט מיר מוחל": „אַנו,

רײַבט מיר נאָר אָן די פּלײצע, רײַבט, רײַבט!..
וואָס, די הענט טוען אײַך ווײ?.. א שוואַכינקער".
איך האָב אָף יולין בײז א קוק געטאָן, און ער האָט מיך פאַרשטאַנען. אָבער דאָס צווײטע מאָל, ווען מ'איז ווידער געגאַנגען אין באָד, האָט יולי ווידער פאַרגעסן, ווער עלטער איז. און ווידער זיך אויסגעצויגן אָף דער באַנק. „אַנו, זײפט מיך און רײַבט מיר אָן די פּלײצע".

אין ייִדישן מעלוכע־טעאַטער פון ווײַסרוסלאַנד איז ער גאָר גיך געוואָרן אויסגעבונדן מיט אַלע אַנגאַזשירטע אַקטיאָרן און אַקטריסעס. פּלעגט ניט אַרויסקריכן בא טרעפּעלן און בא סאָקאָלאָן פון די גרימיר־צימערן. ער איז געווען אָף „דו" מיט אַלע פּאַרדינסטפולע און פֿאָלקס־אַרטיסטן פון א סאַך אַנדערע טעאַטערן.

— כאַווער טרעפּעל, הערשעלע אָסטראָפּאָליער שפּילסטו „ניטשעוואָ". מירן דיך צושטעלן צו א באַלוינונג...

און טרעפּעל פּלעגט לאַכן.

צו מיכאַס לינקאָוון, דעם סעקרעטאַר פונעם רעפּובליקאַנישן פאַריין פון שרײַבער, פּלעגט יולי אַרײַן אין קאַבינעט, ווי צו זיך אין שטוב, צורוקן א ווײכע לעדערנע קרעסלע נאָענט צו לינקאָוון און אים פּלוצעם א פרעג טאָן: „נו, מיכאַס, ווען נעמסטו מיך אַרײַן פאַר א מיטגליד פון פאַריין?.."
און מיכאַס פּלעגט לאַכן.

דאָס ייִנגל האָט עפּעס געשריבן. געבראַכט דעם פֿאָלקס־דיכטער פון ווײַסרוסלאַנד פּעטרוס בראָווקען א פּאַק פאַרשריבענע אין פּויליש בלעטער, צוגעזאָגט אָנשרײַבן א ראָמאַן און אַרויספירן אַלס הויפּט־העלד דעם שרײַבער ש־ווו, וועלכער ליגט אָפט א שיקערער בא די טירן פון רעסטאָראַן „בעלאַרוס".

אין כאַדאָשים אַרום, ווען יולי איז שוין אוועק פון מינסק, פּלעג איך טראַכטן: ווער ווייסט, ווו יולי איז איצט, ווהין האָט אים דער גורל פאַרטראָגן... ס'איז דורכגעגאַנגען אַזא בלוטיקע מילכאָמע. ער האָט געקענט אומקומען אין א צעבאָמבירטן עשעלאָן, געקענט אַלײן זײַן א סאָלדאַט צי אַן אָפיצער אין א מאַרשעווער ראָטע, געקענט פאַרכאַפּט ווערן דורך די דײַטשן און דורכן מײַדאַנעק־אויוון, ווי א ייִדיש קינד, מיטן רויך אין הימל אַוועק.

נאָר יולי לעבט. און כאָטש זײַן פירן זיך אַלס קונדעס האָט שטענדיק מיך שאָקירט, האָב איך קײנמאָל אָף אים זיך ניט געבײזערט. א קינד איז ער, וואָס דאָס מילכאָמע־פײַער האָט אים צו מיר צוגעשלאָגן; זײַנע עלטערן זײַנען געבליבן אונטער די ציגל פון דער וואַרשעווער געטאָ; מעג איך און מוז אים א סאַך זאַכן מויכל זײַן.

נאָר ווו איז יולי?

— יולי איז דאָ, — זאָגט מיר אַנומלטן מיכאַס לינקאָוו. — אָט איז פון אים א טעלעגראַמע: „מיכאַס, ווסטרעטשײַ". דאָס פאָרט יולי פון נאַמאַנגאַן קײן מאָסקווע אין אינסטיטוט פון מיזרעך־וויסנשאַפטן. ער בעט מיכאַס לינקאָוון און מיך, מיר זאָלן אים אָפּן וואָקזאַל באַגעגענען.

א ברײרע האָבן מיר געהאַט? מיר זײַנען מיט מיכאַסן אַוועק צום וואָקזאַל...

■

— וויפל פּאַרדינט אַזא שרײַבער, ווי איך?

— דרײַ טויזנט רובל א כוידעש (דאָס איז געווען אין יענע צײַטן, ווען דרײַ טויזנט האָט באַטײַט אין הײַנטיקע מאָסן דרײַ הונדערט).

— בא מיר עסט אויף דאָס פערד האָבער אָף דרײַ מיט א האַלבן טויזנט רובל.

דער דאָזיקער דיאַלאָג איז פאָרגעקומען אין דער שטאָט באָברויסק צווישן מיר און דעם פּאַרזיצער פונעם „באַלאַגאַלע־פאַריין" הענעך וויאַ.

וויאַ איז ניט קײן צונאָמען און ניט די פּאַנטאַזיע פונעם אויטאָר. אַזוי האָט דער ייִד געהײסן.

ס'איז געווען נאָך דער פּאָטערלענדישער מילכאָמע. און ייִדן, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט אין די אַלטע הײמען, האָבן בעפּײרעש געגאַרט הערן א קינסטלעריש וואָרט אין ייִדיש.

מיר, פיר ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער פון ווײַסרוסלאַנד: הירשל קאַמענעצקי, כאַיִם מאַלטינסקי, אײַזיק פּלאַטנער און דער שרײַבער פון די שורעס זײַנען אין אײנעם א שײנעם טאָג אַרײַנגעפאָרן קײן באָברויסק לײענען לידער.

מיר האָבן באַקומען א זאַל, דוכט זיך דעם קולטור־פּאַלאַץ „קאָמונע", דאָרט דורכפירן אונדזער ליטעראַרישן אָוונט. די שטאָט איז מאַמעש געווען באַקלעפּט מיט אַפישן, ברײטע און שמאָלע, לאַנגע און קורצע.

„קויפט, קויפט, קונים", קויפט בילעטן אָפן אָוונט פון די הויכגעשעצטע געסט. אין אַלע שטאָט־קיאָסקן זײַנען געזעסן יונגע שײנע מײדלעך און מיט זײערע בליצנדע אײגעלעך קוים פאַנאַנדערגעקליבן די פרײַזן און די רײ פון די בילעטן.

ס'איז קײן ווונדער ניט, ווײַל די נאַכט איז שוין צוגעפאַלן. אָט־אָט דאַרף אונדזער ליטעראַרישער אָוונט זיך אָנהײבן. אָבער א רענדל פאַר א באַלן. אַזא שטאָט, מיט קײן אײַנהאָרע אַזויפל ייִדן. און אויך ניט־ייִדן, וואָס מעגן אויך הערן לידער פון ייִדישע פּאָעטן. אין באָברויסק קען מען ייִדיש, און מיטאַמאָל — קײן נעפעש ווײַזט זיך ניט...

יעדערער פון אונדז אָף זײַן אויפן האָט אויפגענומען דעם דורכפאַל: הירשל קאַמענעצקי האָט געזאָגט, אַז ער האָט עס פאָרויסגעזען. כאַיִם מאַלטינסקי האָט פאַרגלײַכט אַזא גלײַכגילטיקײַט צו ייִדישער פּאָעזיע מיט „פּאָליטישער קורצזיכטיקײַט". אײַזיק פּלאַטנער האָט בלויז אַרויסגעבראַכט: „צו וואָס קאָן עס ברענגען?..." דער אויטאָר פון די שורעס האָט פאַרגלײגט אוועק־

שטעלן אין דרויסן, בא די טירן פון קולטור־פּאַלאַץ, אַ טישל, אַוועקזעצן אַ יונג מיידל מיט אַ פּעקל בילעטן און מיט אַן אַפישע, פאַרשטייט זיך. און נאָכדעם וועלן מיר זען, צי ברענגען מיר, צי ניט.

די טירן דאַרף מען, פאַרשטייט זיך, לאָזן אָפן. בא לעס־ברייַרע לאָזן מיר אַרײַן דעם עולם אומזיסט.

דאָס טישל איז געשטאַנען, און דאָס מיידל איז געזעסן, און די אַפישע איז געהאַנגען. נאָר קיין נאָכעס האָט מען ניט געזען. פינף פּאַרקויפטע בילעטן אַף אַ זאַל פון איבער טויזנט מענטשן איז גאָר אַ קליינע סימכע. אָבער די טירן, מיט די ליכטיקע בליץ־לעמפּ, וואָס האָבן מיט זייער שײַן זיך אַ שניט געטאָן אין גאַס אַרײַן, — דאָס איז שוין ניט קיין שפּילכל. ביפראַט דער קלוב־אָר־קעסטער האָט אַ דונער געטאָן „לאָמיר טרינקען אַ לעכאַיִם“, „האַרצעניו, ליובעניו“ און קעדויִמע נאָך אַזעלכע ניגונים. האָט דער עולם, קיין גוט־אויג ניט געבן, אַזוי אַ שפּאַר געטאָן, אַז אָפּשטעלן אים איז שוין געווען אומעגלעך. מיט בילעטן צי אָן בילעטן האָט שוין קיין ראָליע ניט געשפּילט.

מיר האָבן געלייענט ביז הייזעריק ווערן צו פופצן — צוואַנציק לידער יעדערער. זיך אַליין באַפרידיקט פאַר אַזויפיל צײַט ניט נעמען קיין וואָרט אין מויל אַרײַן. און אויך דעם עולם האָבן מיר געלאָשן די סרייפע אין האַרצן. אַ קלייניקײַט, אַזאַ מילכאָמע איבערגעלעבט...

אַף מאָרגן זײַנען מיר אַרויסגעטראָטן אין די צעכן פונעם מעטאַלורגישן זאַוואָד, וווּ ס'האָבן געאַרבעט יעסוימים, וועמענס עלטערן זײַנען אומגעקומען אַף די פראָנטן פון לאַנד, אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און טורמעס, אַף די טליִעס און אין די גריבער פון דעם אָקופּירטן ווײַסרוסלאַנד.

מע האָט אונדז באַדאַנקט מיט אַ מיטיק פון קאָטלעטן און קאַרטאָפל און פאַר יעדן צו אַ גלאָז קיסעל.

און אין אָוונט — בא די באָברויסקער באַלע־גאָלעס:

— וויפל פאַרדינט אַזאַ שרײַבער, ווי איר?

— דרײַ טויזנט רובל אַ כוידעש.

בא העגעדער וויאָ, אין זײַן קאָנטאָר, האָבן מיר דערפילט צו זיך אַ געטלעכע וואַרעמקײַט.

אַ הויכוווּקסיקער מאַנצבל מיט אַ שטאַרק אָפּגעבריטער באַק, עטוואָס ראָז און מיט אַ סאַך אָדערלעך, האָט אַרײַנגעטראָגן צוויי פאָלעס געהאַקטע אייער. נאָך אים איז נאָכגעגאַנגען אַ זייער הויכע און דאַרע פרוי, שטאַרק ענלעך אַף אַ ליימענעם קריגל, די קליבעס ברייט, פאַרקײַלע־כיקט און אויבן אַ פיציק קעפעלע. זי האָט געטראָגן צוויי פולע גראַפינען בראַנפן, שטיל זיי

אַוועקגעשטעלט באַם פאָרזיצער אַפן טיש און גלײַך נעלעם געוואָרן.

דערנאָך האָט דער פאָרזיצער אַ געשריי געטאָן צו איינעם גראָד אַ לײַטישן באַלעגאָלע (ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט): „גראָבער יונג, פאַרמאַך די טיר פון יענער זײַט!“. אַף אַ וואָגן האָט מען געבראַכט אַ מעכטיקע פאַס ביר און אַרײַנגעקאַטשעט זי צום פּרעדסעדאַטעל אין קאַבינעט.

דערנאָך זײַנען געגאַנגען אַ צען־צוועלף ווײַבער, איינע נאָך דער אַנדערער, ווי אין אַ טאַנץ, באַלאָדענע מיט טעלער פיש און פלייש און זויערע אוגערקעס. די ווײַבלעך האָבן אין קיין שום זײַט זיך ניט אַרומגעקוקט, געגאַנגען אין אַזאַ דיסציפּלינירטער ריי, ווי פייגל בייסן אָפּפליִ אָדער צוריקער פון ווײַטע לענדער.

ווען איינער פון אונדזערע כאָשעווע שרײַבער, וואָס הייסט כאַיִם, האָט שוין באַצוווּנגען דעם פאָרזיצער אָנצוגיסן אים דאָס צווייטע גלעזעלע, איז דער טיש געווען פאַרטיק, און דער ליטעראַרישער אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן.

מיר האָבן געלייענט און געלייענט. די באָברויסקער באַלעגאָלעס האָבן געשלונגען אונדזערע לידער, ווי גווירים שלינגען אוסטריצעס. די וועגענער אין הויף, אַף וועלכע די באַלעגאָלעס האָבן געבראַכט זייערע פרויען און קינדער, זײַנען געווען פוסט. די פענצטער — פאַרשטעלט דורך די, וואָס האָבן שוין אין קלוב ניט געקענט אַרײַן.

בעשאַסן לייענען האָט איינער אַ דיקלעכער ני־דעריקוווּקסיקער באַלעגאָלע געבעטן אַ וואָרט — ניט צום אָרט, פאַרשטייט זיך, און געמאָלדן, אַז ער האָט הײַנט אַפן פלייש־מאַרק געשלאָגן אַ מיליציאָנער, אַראָפּגעריסן אים די פּאָרטופּייען, שיר דעם רעוואָלווער ניט צוגענומען, דערפאַר וואָס יענער האָט אים עפּעס געזאָגט. מ'האָט דעם באַלעגאָלע איבערגעשלאָגן די רעדע, און די פּאָעטן האָבן געלייענט ווײַטער.

דערנאָך האָט איינער, דאַפקע ניט קיין באַלעגאָלע — אַ פּאָשעטער אָנטרײַבער, אַראָפּגעריסן די טישטעכער פון די טישן, אַרופּ פון אויבן און גענומען טאַנצן און פליעסקען: „זאָל לעבן זאַנוויל! זאַנוויל, זאַנוויל!“ וויפל מ'האָט דעם יונגנמאַן ניט אונטערגעזאָגט, אַז צווישן די שרײַבער איז ניטאָ קיין זאַנוויל, נאָר כאַיִם, מאָטל, אײַזיק, הירשל, — האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן.

אין טאַנץ זײַנען אַרײַן אַלע, אַפילע כאַיִם מאַלטינסקי מיט די צוויי קוליִעס און מיט דעם איינעם פוס, וואָס ער האָט פון בערלין געבראַכט.

■

געוועזן איז עס אין יאַלטע.

מאַריִע פּאַוולאָוונע, אַנטאָן פּאַוולאָוויטש טשע־כאָווס שוועסטער, האָט מיר פאַרבייט מײַן העמדל,

וואָס כ׳האָב צופעליק פארטשעפּעט אין א בוים אין טשעכאָווס סעדל. זי האָט עס באמערקט, ווען איך בין געשטאנען פארבויגן בא טשעכאָווס מוזיי־טיש, ווו עס זײַנען אמאָל געזעסן גאָרקי און שאליאפּין, קופּרין און לעוויטאן, סקיטאליעץ און רעפּין. מאריִע פּאוולאָוונע האָט פארשטאנען, אז, פון איין זײַט, איז מיר זייער צום הארצן, וואָס דעם טיפן ריס באם ארבל פון מײַן העמדל איז בא איר אין די הענט, און פון דער צווייטער זײַט, האָט זי געזען מײַן פארויטלען זיך, בייס כ׳האָב אראָפּגעצויגן איבערן קאָפּ דאָס העמדל און באם ערשטן שטאָך פון נאָדל־פּאָדעם אין אירע פינגער. זי האָט א פרעג געטאָן, אין וועלכער סאנאטאָריע איך הייל זיך אָדער רו אָפּ.

— אין שרײַבער־הויז, — האָב איך שטיל געענטפערט.

— א שרײַבער, א קינאָ־סצענאריסט, אן איבערזעצער?

— א ייִדישער פּאָעט.

דעמלט האָט מאריִע פּאוולאָוונע מיט מער צארטקײַט אופגעהויבן צו מיר די אויגן און מיט א שמייכל זיך בארימט, אז זי האָט א סאך געלייענט שאָלעם־אליכעמען, ביאליקן און פרוגן. די הײַנטיקע ייִדישע שרײַבער און פּאָעטן קען זי קימאט ניט. זי האָט מיר צוגעזאָגט א צווייט מאָל ווײַזן א פּעקל ניט־פארעפנטלעכטע בריוו פון טשעכאָוון צו לעוויטאנען און פון לעוויטאנען צו טשעכאָוון, בריוו, אין וועלכע די צוויי קינסטלער דערקלערן זיך אין מענטשלעכער ליבע, בריוו, ווו די נעשאָמעס פון אָט די גאוינים דערהייבן זיך צו דער שטארקײַט און ריינקײַט פון פײַער.

איך האָב באדאנקט מאריִע פּאוולאָוונען פאר איר גוטהארציקײַט און, פארנייגנדיק זיך פאר איר, ארויס אין סעדל.

איך האָב זיך דורכגעשפּאצירט דורך דער אליי, ווו טשעכאָוו האָט ליב געהאט שפּאצירן. איך האָב געטראכט וועגן דעם שטיקעלע זייף באם האנטפאס, מיט וועלכן דער שרײַבער האָט זיך געוואשן. געוואָלט זיך אומקערן אין שטיבל ארײַן און פארשרײַבן א פּאָר געדאנקען. ס׳האָט אָבער אין שטיבל זיך ארײַנגעשפּארט א גרויסער אוילעם, האָב איך א שטויס געטאָן די פּאָרטקע און בין אוועק בארג־אראָפּ מיט דער זייער שטויביקער און זוניקער אאוטסקער גאס, וואָס פירט צום צענטער פון דער שטאָט און צו אונדזער שרײַבער־הויז אפן בארג.

בראָניק

צוגאסט אין מאָנטעווידעאָ

פון א רײַזע קיין מאָנטעווידעאָ (אורוגווײַ) האָבן זיך אומגעקערט דער צוויי מאָל העלד פון סאָוועטנפארבאנד, גענעראל־פּאָלקאָווניק פון טאנקען־מיליטער דאָוויד דראגונסקי און דער העלד פון סאָוועטנפארבאנד פּאָלינע געלמאן.

ד. דראגונסקי און פּ. געלמאן זײַנען געווען צוגאסט בא דער פּראָגרעסיווער טעגלעכער צײַטונג „אונדזער פרײַנט", וועלכע האָט געפּײַערט איר 35־יאָריקן יובילײ. זיי האָבן געבראכט מיט זיך פאר דער באליבטער פּאָלקס־צײַטונג א הארציקן גרוס און בעסטע ווונטשן פון „סאָוועטיש היימלאנד".

שיפרע כאַלאַדענקאָ *

א טאָפּאָל

די גאנצע שטאָט איז פול מיט טאָפּאָל־זוים,
ער פליט ארום אין אלע הײַזער.
א בוים געבאָרן וויל א בוים,
און ס׳טראָגט, און ס׳טראָגט דעם זוים
דער פעד דער שנײיק־ווײַסער.

דאָס הארץ זײַנס בענקט נאָך וואלד־באראַט —
ווי ווייך און זאפטיק איז דער באָדן!
ער ווייסט דאָך ניט, אז ס׳איז א שטאָט,
און פליט ארײַן אין שפּאלטן פון די לאָדן.

דער טויט אים דראָט אף יעדן טראָט,
ער ווערט פארזונקען, ווערט צעטראָטן,
נאָר ער פארפלייצט די גאנצע שטאָט
און בלינדערהייט געפינט ער באָדן.

איך בין א מענטש, ס׳איז גרויס מײַן גליק,
און שיין איך קאָן מײַן קינד באזאָרגן,
נאָר אין מילכאָמע ווערט דערוואָרגן
מײַן גליק — צעקוועטשט ווערט, ווי א פליג.

פארטראָגן ווערט דער ווײַסער פעד,
דאָס גליק — אין רויטן פעד און שוועבל,
נו זאָגט, כ׳בין עפּשער ניט גערעכט,
ווען אף דעם קריג איך האָב פאריבל?

מיר קריכט דער ביסן פונעם האלדז,
און אָפּט בין איך א בוים מעקאָנע,
מיר גייט ניט אײַן מײַן ברויט, מײַן זאלץ,
ווען איך דערהער דאָס וואָרט „קאנאָנען“.

לאָמיר זײַן באשיידן

כ׳בין ניט דאָס אייבערשטע פון שטויסל,
ניט די וועלטישע קווינטעסענץ,
ניטאָ זיך מיט וואָס צו גרויסן,
איך בין א זינדיקער מענטש.

דערפאר עפּשער רירט מיך ביז טרערן
אלץ, וואָס אָטעמט און וואקסט,
וואָס קוקט גלײַך מיט מיר אף די שטערן,
וואָס דרייט זיך מיט מיר אף איין אקס.

באדאנקען פון הארץ כ׳וויל פון טיפן
דאָס גראָז, וואָס כ׳בייג אײַן מיט די טריט,
די טויען די פרישע, וואָס טריפן
אף זויבערער ווײַסקײַט פון צוויט.

א מאלפּע און א דיפּלאָמאט

ס׳איז אף יענער־וועלט פיל ענגער, ווי אף דער,
ווײַל באפעלקערונג איז דאָרט, פארשטייט זיך, מער.
און ס׳איז גוואלדיק דאָרט אינטערעסאנט:
אלע טקופעס לעבן האנט־בא־האנט.
לעבן לעבן זיי, פארשטייט זיך, ניט,
שטעלט זיך פאָר אזוינס אף איין מינוט:
ס׳זיצט א מאלפּע, לעבן איר א דיפּלאָמאט,
ניסלעך קנאקט זי, און ער לייענט א בלאט.
„נו, וואָס הערט זיך דאָרט אף יענער־וועלט?“
פרעגט די מאלפּע, און דערבײַ זי קוועלט.
„מענטשן זײַנען איצטער זייער, זייער קלוג,
אלץ איז ווייניק זיי, און אלץ איז ניט גענוג,
די לעוואָנע האָבן זיי פארכאפּט,
נאָר פאר זיי איז דאָס, פארשטייט זיך, קנאפּ“.

און די מאַלפּע טראַכט זיך, אַז געוויס
די לעוואָנע איז פאַרפּלייצט מיט ניס.
נאָר באַלאַנים איז פאַראַן אַ סאַך,
די לעוואָנע איז אַ קליינע זאַך:
ס'איז אַ טעלערל פון העלער שייַן,
וויניק ניסלעך קאָן אין דעם אַרייַן!
טוט זי שטילערהייט אַזוי אַ פרעג:
„און ווי האַלט עס דאָרט מיקויעך אַ געשלעג?
יענע־וועלט איז גוט באַזאָרגט מיט שטיין,
יעדער שטיין קאָן ברעכן דאָס געביין.
מיט אַ שטיינדל לעכערט מען אַ קאָפּ,
אָן אַ קאָפּ מע שאַרט זיך ניט צום טאָפּ".
און דער דיפּלאָמאַט, ער טוט אַ לאַך:
„טייטן איינעם, נו וואָס האָט עס פאַר אַ מאַכט?
קיינער האַלט איצט ניט מילכאָמע מיט קיין
שטיין,
ס'איז דייַן קאָפּל, נעבעך, זייער קליין.
גאַנצע שטעט פאַרברענט מען ביז
אַ שפּענט,
און קיין שטיין מע נעמט ניט אין די הענט.
ס'איז די גאָרע וועלט פאַר דיר ניט קלאָר,
ניט אומזיסט עס איז דייַן הויט מיט האָר..."
אָט די מייַסע כ'האָב ניט אויסגעטראַכט.
מיר געכאַלעמט האָט זי זיך באַנאַכט.
פאַרדערפאַר, וואָס טאָג־און־נאַכט איך קלער
פון וויעטנאַמער אויסגעברענטער ערד,
כ'הער אין שלאָף אַ קינדערשן געוויין,
וואָס גערירט ער וואָלט אַ מאַלפּע און אַ שטיין.

אײַך זאָגן דעם עמעס...

אַפילע אין טיפע באַנאַכטן
מיך מאַטערט אַ שווערער געדאַנק.
צו עפּעס איך וויל זיך דערטראַכטן,
און שטענדיק טוט עפּעס מיר באַנג.

און אייביק איז עפּעס מיר וויניק,
און אייביק איז עפּעס מיר קאַרג.
אײַך זאָגן דעם עמעס דעם ריינעם —
פון דייַגעס מייַן מויעך מיר דאַרט.

כ'האָב קינדווייַז געהערט פון מייַן זיידן
אַ מייַסע, וואָס האָט מיך באַראַשט:
ס'האָט אָדאָם פאַרשפּילט זייַן גאַניידן,
ווייַל עפּעלעך האָט ער גענאַשט.

פון בוים פונעם וויסן געריסן
געגעסן די זעלטענע פּרוכט.
ער זאָל זיך ניט צופיל דערוויסן —
פאַרטריבן מ'האָט אים און פאַרפלוכט.

שטענדיק טראַכט איך וועגן מאָרגן

סייַ אין פרייד און סייַ אין טרויער
הייַזער האַלט מען אין אייַן בויען,
קינדער האַלט מען אין אייַן האָבן,
און... פאַרשטייט זיך, גריבער גראָבן.

שיינע אָדעמלעך און כאַוועס,
זינט די וועלט איז נאָר געבאָרן,
האַלטן שטענדיק אין אייַן האָווען,
אַף דעם מאָרגן צו באַזאָרגן.

איך באַגיי די זעלבע אָולע,
שטענדיק טראַכט איך וועגן מאָרגן,
ווייַל אַ מענטש כ'בין גלייַך מיט אַלע.
איך פאַרגרייט און איך באַוואָרן.

נאָר בעשאַס די הייסטע דייַגעס
בלייַב איך שטיין און איך פאַרטראַכט זיך, —
כ'זאָל קיין גרעזל ניט פאַרבייַגיין,
כ'זאָל קיין מענטשן ניט פאַראַכטן.

אַ ווונטש

1

ברידער־ביימער, שוועסטער־בלומען,
שטאַרקער, שטאַרקער זיך צעוואַקסט,
נייַע דורעס וועלן קומען,
ס'דרייט די ערד זיך אַף איר אַקס.

קליינע קינדערלעך באַוווּנדערט —
אונדזער נאַכעס, אונדזער פרייד,
זאָל פאַר יעדן קינד באַזונדער
זייַן פאַרגרייט אַ נייַע קוויט.

און די אַלטע, אַלטע קוואַרים
אויך באַלוינט און אויך באַקרוינט,
ס'דאַרפן טויטע זייַן באַוואָרנט
מיט אַ בלינדיקן בוים.

2

ברידער־מענטשן, כעוורע־קלעזמער,
הייַנט מיר לעבן, מאָרגן נייַן,
אונדזער ליד זאָל קלינגען שענער,
רייַן דאַרף ווערן יעדער מייַן.

נייַע דורעס וועלן וואַקסן,
ווען ס'וועט קומען זייער ריי.
זאָל כאַטש זייער יונגן אַקסל
ניט באַשווערן אונדזער ווי.

דעמבן

אָ, באַ וועמען פרעגן,
זיך צו וועמען ווענדן, —
דורך אוועלכע וועגן
קומען אָט די דעמבן?

פון אוואָסער טאַטן,
פון אוואָסער מאַמען
שטאַמען אָט די זאַטע,
שטאָלץ-געטאָקטע שטאַמען?

דורך אוועלכע ווינטן,
באַ אוועלכן וועטער
זײַנען זיי געשליפן,
די געשניצטע בלעטער?

אויב איר וועט מיר גלייבן,
כ'וועל בעסאָד אײַך זאָגן:
אָט די דעמבן-לײבן,
ווילט זיך מיר פאַרמאָגן,

ס'ווילט זיך מיר פאַרמאָגן —
לויטערע פאַרטאָגן.

• • •

ס'איז מײַן לעבן אָף דער וועלט באַוואָרנט,
פעסט איך שטיי אונטער דער זון און שטערן,
אָף דער וועלט געבאָרן כ'בין געוואָרן,
און ס'איז קלאָר, אַז כ'וועל אַמאָל ניט ווערן,
נאָר איך האָב דאָך גאָרניט אָנגעוואָרן,
און געזען האָב איך אַזויפיל שטערן,
און געזען האָב איך די זון און די לעוואָנע,
האָב איך רעכט דעם פאָדערן און מאָנען,
מײַן פאַרמעגן זאָל זיך נאָך פאַרמערן?
און געוועזן כ'וואָלט מערער נאָך באַשיידן,
ס'זאָל דאָס האַרץ מיר פאַר מײַן קינד ניט ווי טאָן.
טאָג און נאַכט איך האַלט פון דעם אין קלערן:
כ'האָב געלאָזט עס גיין אונטער די שטערן,
כ'האָב פון דעם די שטויבעלעך געבלאָזן,
און אָף אייביק וועל איך עס פאַרלאָזן?

מײַן פאַרלאַנג

איך וויל, ס'זאָל שטענדיק גיין אַ רעגן,
כ'האָב ליב פון טראָפּנס די באַוועגונג.
ווען ערד און הימל זיי באַהעפטן,
דאַן שלאָגט מײַן האַרץ מיט נײַע קרעפטן!
איך וויל, די זון זאָל שטענדיק שײַנען,
מיך שיקערן מיט אירע ווײַנען,
מיט רײַפע שטראַלן מיך באַשפּריצן
אין טיפע זומערדיקע היצן.
נאָר ווען פון הימל שיטן שנייען,
ווי קאָן מײַן האַרץ זיך ניט דערפרייען?

אַף די שפּורן פון געשעענעם

די אויסשפּירערן פון דער „באַגאַ'אַוולענסקער רעפּובליק“

„די באַגאַיאַוולענסקער רעפּובליק“ — אַזוי האָבן אין די יאָרן פון בירגערקריג די וויַיסגוואַרדייער אַף אוראַל גערופן אין שפּאָס דעם רויט־גוואַרדייִשן אָטריאַד פונעם באַגאַיאַוולענסקער זאַוואָד (באַגאַיאַוולענסק געפינט זיך אַפן ברעג פונעם טייַך בעלאַיאַ, צווישן סטערליטאַמאַק און אופא). דער שפּאָס איז אָבער געווען פאַר זיי אַ ביטערער. דער אָטריאַד אונטער דער קאָמאַנדע פונעם גלאָזגיסער מ. קאַלמיקאָוו האָט פאַרמאָגט סאַכאַקל באַ טויזנט באַגנעטן, אָבער קלעפּ האָט ער דערלאַנגט די וויַיסגוואַרדייער אַזעלכע אומדערבאַרעמדיקע, אַז יענע האָבן פאַר אים געציטערט איימאַס־מאָוועס.

מ. קאַלמיקאָוון איז געוואָרן באַוווּסט, אַז די וויַיסגוואַרדייער גרייטן אָן ערנסטן אָנגריף אַפן אָטריאַד, קעדיי איינמאָל פאַר אַלעמאָל מאַכן צו אים אַ סאָף. האָט ער באַשלאָסן אַריַינשיקן צו זיי אין הינטערלאַנד גוטע אויסשפּירער, קעדיי געניו וויסן זייער לאַגע און זייערע פּלענער. אַלס אויסשפּירער האָט ער אָפּגעקליבן די אַקטיווע אָנטיילנעמער פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע סאָפיע גאָנטשאַרסקאַיאַ און אַקולינאַ זודאָווא.

אין אַ פּאָר טעג אַרום זייַנען די צוויי אויסשפּירערנס שוין געווען אַף דער סטאַנציע ראַיעווקע (צווישן אופא און סאַמאַרע), וווּ אין עטלעכע וואַגאָנעס האָט זיך באַזעצט דער וויַיסגוואַרדייִשער שטאַב.

אַריַין אין וואָקזאַל־בופעט, האָבן סאָפיע און אַקולינאַ צוגעזעצט זיך צו אַ טישל און באַשטעלט אַ פרישטיק. עסנדיק, האָבן זיי זיך צוגעהערט צו די שמועסן פון די אַרומיקע. נאָכן פרישטיק זייַנען זיי אַוועק אין שטאַב, וווּ עס האָבן זיי אויפגענומען אַ קאַפּיטאַן און אַ פּאָרוטשיק.

— מיר האָבן זיך דאָ געהיילט מיט קומיס, — האָבן גאָנטשאַרסקאַיאַ און זודאָווא זיך געווענדט צו די צוויי שטאַב־אָפיצערן. — איצט ווילן מיר פאָרן אַהיים. עפּשער וועט איר אונדז העלפן?

— אַהיים, צו די באָלשעוויקעס? — האָט זיך צעשריִען דער קאַפּיטאַן. — באַוויַיזט קאָרשט איַיערע דאָקומענטן, לאָמיר זען, וואָס פאַרא פייגעלעך איר זייַט.

זודאָווא האָט דערלאַנגט דעם קאַפּיטאַן אַ פּאַספּאָרט, וואָס מע האָט איר אַרויסגעגעבן ערגעץ אין אַ וויַיטן דאָרף. גאָנטשאַרסקאַיאַ האָט אַוועקגעלייגט אַפן טיש אַ צייַגעניש מיט אַן אונטערשריפט פון אַ מיליציע־קאָמיסאַר פון דער צייַטווייַליקער רעגירונג.

דער קאַפּיטאַן איז ווייכער געוואָרן און האָט מיט אַ שמייכל געפרעגט:

— עפּשער האָט איר נאָך דאָקומענטן?

גאָנטשאַרסקאַיאַ האָט אַרויסגענומען פון רידיקול אַן ענגלישע צייַגעניש.

— וואָס איז דאָס? — האָט מיט כידעש געפרעגט דער קאַפּיטאַן. — איך פאַרשטיי ניט די שפּראַך.

— מייַן מאַן, — דערקלערט גאָנטשאַרסקאַיאַ, — איז אַן אינזשעניער. מילכאָמע־צייַט האָט מען אים געשיקט אין אַ קאָמאַנדירונג קיין אַמעריקע, וווּהין איך בין מיט אים מיטגעפאָרן. דערנאָך האָבן מיר זיך אומגעקערט קיין פּעטראָגראַד, נאָר קיין רוסישן פּאַספּאָרט האָב איך נאָך ניט באַקומען.

דער קאַפּיטאַן האָט, אַפּאָנעם, קנאַפּ געגלייבט אירע רייד, האָט ער גענומען שטעלן איר פראַגן וועגן אַמעריקע, וועגן דעם לעבן פון די אַמעריקאַנער. גאָנטשאַרסקאַיאַ האָט קלוימערשט מיט האַנאָע געענטפערט אַף די פראַגן, באַאַריכעס דערציילט וועגן אַמעריקע, וועגן יאַפּאָניע, וועגן דעם, ווי זי איז צוריקוועגס געשווומען מיטן שטילן אָקעאַן. גערעדט האָט זי מיט אַזאַ קענטעניש, אַז דער קאַפּיטאַן האָט אַ זאָג געטאָן:

— לעכאַטכילע האָב איך איַיך פּאַשעט ניט געגלייבט. נאָר ווי איך זע, האָב איך אַ טאָעס געהאַט. איר זייַט דאָך אינטעליגענטע מענטשן, און וועלכער אינטעליגענט וועט דאָס גיין צו די באָלשעוויקעס?

בייס דעם שמועס זייַנען אין וואַגאָן אַריַין און אַרויס פיל אָפיצערן. דערזען די אומבאַקאַנטע פרויען, זייַנען זיי גלייַך אַנשוויגן געוואָרן. נאָר ווען דער קאַפּיטאַן האָט זיי געזאָגט, אַז זיי מעגן ריידן אָפן, האָבן זיי ראַפּאָרטירט וועגן דער לאַגע אַפן פראָנט, אָנגערופן נומערן פון די וויַיסגוואַרדייִשע טיילן, נעמען פון די אָקופּירטע יִשווים, גערעדט וועגן דער אָפּוועזנהייַט פון דיסציפּלין. דער קאַפּיטאַן האָט גוט באַמערקט,

אַז די פרויען ווײַזן קיין שום אינטערעס ניט ארויס צו די דאָזיקע שמועסן, נאָך מער איבער־צײַגט זיך, אַז זיי נאַרן אים ניט, האָט ער זיי געזאָגט:

— אײַער ביטע וועל איך אויספילן. נאָר איצט איבערגיין די פראָנט־ליניע איז געפערלעך. וואַרט איבער עטלעכע טעג דאָ אַף דער סטאַנציע, אינ־גיכן וועלן מיר פאַרנעמען מאָסקווע, וועלן שוין קיינע שוועריקײַטן ניט זײַן.

גאַנטשאַרסקאַיאַ און זודאָוואַ האָבן באַדאַנקט דעם קאַפּיטאַן פאַר דער פרײַנטלעכער און קלו־גער אייצע.

פאַרנאַכט־צו, ווען זיי האָבן געגעסן אין בופעט אָוונטברויט, איז צו זיי צוגעגאַנגען דער קאַפּיטאַן:

— די לאַגע אַפן פראָנט האָט זיך ערנסט געענ־דערט. זיצן אין ראַיעווקע טאָרט איר ניט. איר מוזט זיך צײַטווײַליק אײַנאָרדענען ערגעץ אין אַ ווײַטן דאָרף.

די „קוראָרטניצעס" האָבן געפאָלגט דעם קאַ־פּיטאַן און אוועקגעפאָרן קיין... באַגאָיאַוולענסק. זיי האָבן מיטגעטיילט דער קאָמאַנדשאַפט פונעם רויטגוואַרדייִשן אָטריאַד די ידיעה, אַז פון הינ־טער אָרענבורג און בוזולוק גייען אַהער קלענערע רויטגוואַרדייִשע אָטריאַדן, אַ טייל פון זיי האָט צווישן אופאַ און סאַמאַרע דורכגעריסן דעם פראָנט און אוועק אַף צאָפן. צווישן די ווײַסגוואַר־דייער הערשט אַ שטאַרקע אומרויִקײַט, ווײַל קיין קויכעס אַף צו פאַרנעמען אַן אָנגריף האָבן זיי ניט. די אָנפירונג פון דער „באַגאָיאַוולענסקער רעפּובּ־ליק" האָט באַשלאָסן צווואַרטן, ביז עס וועלן אָנ־קומען אַהער די רויטגוואַרדייִשע אָטריאַדן, און דערנאָך צוזאַמען מיט זיי דורכרײַסן זיך אַף צאָפן. סאָפיע גאַנטשאַרסקאַיאַ איז געשיקט געוואָרן קיין יעקאַטערינבורג, כּדי אײַנשטעלן אַ פאַרבינדונג מיט דער רויטער אַרמיי.

סאָניעס באַגלייטער איז איצט געווען דער רויטגוואַרדייער מאַקס אַראָנבערג. ער האָט אַ געוויסע צײַט געוווינט אין ענגלאַנד און פרײַ גע־רעדט ענגליש. זיי האָבן אָפּגעמאַכט, אַז מאַקס זאָל זיך אָנגעבן אַלס ברודער פון סאָפיעס מאַן. אין צוויי טעג אַרום, ווען סאָפיע מיט איר „שוואָגער" האָבן געוואַרט אַפן צוג, וואָס גייט קיין אופאַ, האָבן זיי פאַרפירט צווישן זיך הויך אַפן קאָל אַ שמועס אַף ענגליש. אַף דער סטאַנציע זײַנען גע־ווען פיל טשעכישע אָפיצערן. דערהערט, ווי מע רעדט ענגליש, זײַנען אייניקע פון זיי צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— ווי אָנגענעם עס איז צו טרעפן דאָ, אין אַזאַ ווילדער פּראָווינץ, ענגלישע דזשענטלמענער.

— מיר זײַנען ניט קיין ענגלענדער, מײַנע הערן, — האָט געזאָגט סאָפיע. — מיר זײַנען אַמעריקאַנער. מיר פאָרן דורך וולאַדיוואָסטאָק אַהיים.

די אָפיצערן האָבן זיי אויסגעדריקט מיטגעפיל, וואָס עס שטייט זיי פאָר אַזאַ לאַנגער און שווע־רער וועג. ווען צום פעראָן איז צוגעגאַנגען דער צוג, האָבן די אָפיצערן ארײַנגענומען די „אַמערי־קאַנער" צו זיך און גוט זיי אײַנגעאָרדנט. און אַז מע פאָרט אין אַן אָפיצערישן וואַגאָן, איז מען ניט בלויז באַזאָרגט מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן — מע איז אויך פרײַ פון די אָפטע באַזוכן פון פּאַט־רולן, וועלכע קאָנטראָלירן די דאָקומענטן. כּוץ דעם, איז אַ באַוווּסטע זאַך, אַז אָפיצערן, ווען זיי געפינען זיך אין אַן אייגענעם וואַגאָן, פילן זיי זיך ווי אין דער היים און פּלוידערן אָפנהאַרציק וועגן זייערע טיילן, וועגן די פאַרלוסטן, וועגן די שטי־מונגען צווישן די מאָביליזירטע אַאַוו. אַזעלכע שמועסן זײַנען פאַר אויסשפּירער אַן עמעסער געפינס!

אין טשעליאַבינסק האָבן מאַקס און סאָפיע זיך צעזעגנט מיט די אָפיצערן און אַוועק, ווי זיי האָבן געזאָגט, באַזוכן די אַמעריקאַנער געזאַנדשאַפט. ווען זיי האָבן געוואָלט ארײַנגיין אין זאַל פון ערשטן קלאַס, האָבן זיי דערהערט אַ געשריי: „ארײַנגאַנג פאַרבאָטן!" גאַנטשאַרסקאַיאַ האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסל און געפרעגט בײַ מאַקסן אַף ענגליש:

— וואָס שרײַען זיי?

— אויסלענדער! אויסלענדער! — האָט מען זיך אָפּגערופן פון אַלע זײַטן. דאָס וואָרט „אויסלענ־דער" איז דאָ געווען אַ מין קישעף־שפּרוך — גלײַך האָבן זיך צעעפנט פאַר זיי די טירן פון ערשטן קלאַס. בײַ אַ לאַנגן טיש זײַנען געזעסן עטלעכע אויסגעפּוצטע פראַנטן און געפירט אַ שמועס מיט אַ הויכגעשטעלטן מיטגליד פון דער „סיבירער רעגירונג", וועלכער האָט זיך פאַר זיי באַרימט: „פון יעקאַטערינבורג בין איך ארויס־געפאָרן מיט פערד, כּדי ניט טרעפן זיך אין וועג מיט די באָלשעוויקעס, וועלכע זיצן אַף דער סטאַנציע באָגדאַנאָוויטש און אין קאַמענסקי זאַ־וואָד". ווײַטער האָט ער דערציילט וועגן אַלע דערפער, דורך וועלכע ער איז געפאָרן פון קאַ־מענסקי זאַוואָד ביז דער סטאַנציע שומיכאַ. פאַר סאָפיע גאַנטשאַרסקאַיאַ איז די באַקאַנטשאַפט מיט אָט דעם מאַרשרוט געווען שטאַרק געוווּנטשן. דערוווּסט זיך, אַז ניט ווײַט פון וואָקזאַל געפינען זיך די מיסיעס פון ענגלאַנד, אַמעריקע, פראַנק־רײַך, איז זי אוועק אַהין מיט מאַקסן. אין וואַגאָן פון דער אַמעריקאַנער מיסיע האָט זיי אויפגענומען איינער מיטן נאָמען מילער.

גאַנטשאַרסקאַיאַ האָט ווידער איבערגעכאַזערט איר געשיכטע: זי איז געפאָרן פון אַמעריקע מיט איר מאַן, געווען אַף קוראָרט מיטן מאַנס ברודער. נאָר דאָ איז זי ארײַנגעפאַלן מאַמעש אין אַ פראָנט־ראַיאָן.

— העלפט אונדז אומקערן זיך קיין אַמערי־קע, — האָט זי געבעטן בײַ מילערן.

מילער האָט געענטפערט:

— דורך סיביר קאָן מען ניט, די רויטע וועלן אײַך ניט לאָזן. מײַן אײַצע: פאָרט קיין אופא און וואַרט דאָרט אָף בעסערע צײַטן.

מילער האָט גלײַך באַשטעלט פאַר זיי דורכלאָזשײַנען קיין אופא. אין עטלעכע שאָ ארום זײַנען זיי אוועקגעפאָרן צו דער סטאַנציע שומיכא, קעדיי דורכרײַסן זיך צום קאַמענסקי זאַוואָד. פון קאַמענסקי זאַוואָד האָבן זיי געטראָפן צום שטאַב פון דער דריטער ארמיי, וואָס האָט זיך געפונען אָף דער סטאַנציע באָגדאַנאָוויטש, פון דאָרט אוועקגעפאָרן קיין סאַראַפּול, ווו עס איז געזעסן דער שטאַב פון דער צווייטער ארמיי, וועלכע האָט זיך געגרייט צו אַן אָנגריף אין ראַיאָן פון באַשקיריע, און די אינפאָרמאַציע פון אונדזערע אויסשפּירער איז זיי שטאַרק צוניץ געקומען.

אין סאַראַפּול האָט גאָנטשאַרסקאַיאַ איבערגעלייענט אין א צײַטונג, אַז לעבן דעם דאָרף קאַראַמאַסקאַלאַ האָבן די ווײַסגוואַרדייער געכאַפּט און אופגעהאַנגען די אַקטיווע באָלשעוויטשקע גאָנטשאַרסקאַיאַ.

— פאַרשפּאָרן זיי שוין צו זוכן מיך, — האָט זי א זאָג געטאָן צו זיך. — ווי שיין זיי האָבן זיך אַליין אָפּגענאַרט...

סאָפיע גאָנטשאַרסקאַיאַ איז א טאָכטער פון א קאַנטאָניסט. איר זיידע איז געווען א ניקאָלײַעווער סאָלדאַט, וואָס האָט געמוזט אָפּדינען אין דער ארמיי 25 יאָר. דאָרט האָט מען אים געצוווּנגען צו שמאַדן זיך. דער טאַטע אירער איז געבוירן געוואָרן אין דער קאַזאַרמע. נאָכן טויט פון ניקאָלײַ I איז איר טאַטע באַפרײַט געוואָרן פון דער ארמיי. ער האָט זיך פאַרשריבן אין א ייִדישער קעהילע און מעגײַער געווען. די צאַרישע סאַטראַפּן האָבן אָפּגענומען בא אים אַלע רעכט פון א באַפרײַטן ניקאָלײַעווער סאָלדאַט.

סאָפיע גאָנטשאַרסקאַיאַ איז א מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון 1914. זי איז נאָך געווען גאָר א יונג מיידל, ווען זי איז ארײַנגעטראָטן אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, זי האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע פון 1905. אויסגעשטאַנען רעדיפעס פון די צאַרישע מאַכט־אָרגאַנען, איז זי ארויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד — אין דער שווייץ, קיין דײַטשלאַנד, אַמעריקע. אומעטום האָט זי געפירט אַן אַקטיווע רעוואָליוציאָנערע ארבעט. זי האָט זיך געטראָפן מיט די באַרימטע פירער פון דער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער־באַוועגונג ראָזע ליוקסעמבורג, קלאַרע צעטקין, אַלעקסאַנדראַ קאָלאָנטײַ אאַ. אין אַמעריקע האָט זי, אַליין א שנײַדערקע, געפירט אַן ענערגישע רעוואָליוציאָנערע אַגיטאַציע צווישן די ייִדישע האָרעפּאַשניקעס פון די שנײַדער־שאָפּן. זי איז ארויסגעטראָטן מיט רעוואָליוציאָנערע רעדעס אין ייִדיש פאַר גרויסע מאַסן ארבעטער. מיט איר אָראַטאָרישן טאַלאַנט האָט זי ארויסגערופן באַגײַסטערונג באַם דיכטער מאָריס ווינטשעווסקי.

הײַנט־צו־טאָג איז סאָפיע גאָנטשאַרסקאַיאַ א פּערסאָנעלער פּענסיאָנער.

מ. גאָלוביך,

געוועזענער שעף פון אָפּעראַטיוון אָפּטייל פונעם שטאַב פון פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד אָפן נאָמען פון וו. ק. בליוכער.

אין איינער א נאַכט

די פינצטערניש איז געווען אַזוי געדיכט, אַז מע האָט זי אָנגעטאַפּט מיט די הענט. ליאָניע איז געגאַנגען און געגאַנגען. אַמאָל האָט זיך אים געדוכט, אַז ער פאַלט אין א גרוב, אַמאָל — אַז ער פאַרטשעפּעט זיך אין די ביימער. ער האָט ארײַנגעקוקט אין דער ערשטער שטוב און דערזען צוויי שאָטנס: א פרוי און א קינד, ביידע האָבן געגעסן פון איין שיסעלע. „ארײַנגיין צי ניט?“

דאָס קינד איז ערגעץ אוועק. די פרוי האָט אויסגעלאָשן די שײַן.

מוירע האָבנדיק ארויסצוגיין פון דער באַהעלטעניש, האָט ליאָניע גענומען זיך רוקן מיט א זײַט פאַרבײַ דער הילצערנער וואַנט, ביז ער האָט זיך אָנגעשטויסן אָף א לייטער, וואָס איז געווען צוגעשטעלט צום טירל פון א בוידעם. ער האָט גענומען קריכן אָפן לייטער, נאָר פון דער וואַנט האָט זיך אָפּגעריסן אַן עמער און גענומען זיך קײַקלען מיט א טראַסק איבערן הויף.

— ווער איז דאָרט? — האָט אויסגעשריִען די פרוי, וואָס איז ארויס אָפן גאַנעק. — ווער איז דאָרט? — האָט זי איבערגעכאַזערט.

— שרעקט זיך ניט, — האָט ליאָניע שטיל געזאָגט, — שרעקט זיך ניט. אין שטוב איז געווען ליכטיק, בין איך צוגעגאַנגען. אויב איר ווילט, קאָן איך גלײַך אוועקגיין.

— וווּהין גייט איר?

— איך ווייס אַליין ניט...

— איר לויפט פונעם טויט?

— יאָ.

— ווער זײַט איר?

— אַן ארבעטער... א שטאָטישער...

ער איז מיט פאַמעלעכע טריט צוגעגאַנגען. ווען ער איז שוין געשטאַנען אָף דער שוועל און די פרוי האָט פאַרהאַנגען די פענצטער מיט א שוואַרץ קליידל, האָט ער געכאַפּט א קוק אין שטוב ארײַן. אַן ערדענער דיל, א נאַפט־לעמפּל, אַן אַלטער הילצערנער טיש מיט א באַנק. אַן אויוון, א קאָ־

מאָד. די טיר אין צווייטן צימער איז צוגעמאכט. אויב פון דאָרט וועט ארויסגיין א מאנצבל, וועט ער קאָנען אנטלויפן דורכן פירהויז. פאר א פרוי האָט ער קיין מוירע ניט. אָבער אין הויף זי ארויסלאָזן טאָר מען ניט.

— ווו איז דער באַלעבאָס?

— אף וואָס דארפט איר דעם באַלעבאָס? איך האָב דאָ קיינעם ניט, אויסער דעם מיידעלע. זי שלאָפט שוין.

— דאָס מיידעלע וועט ניט פלאפלען?

— און אויב זי וועט פלאפלען, וועט דאָס מיר אָפגיין גלאטער איידער אייַך? נאט אייַך הייס וואסער, ווארעמט אָן די פיס, וועט אייַך ווערן גרינגער, — האָט די פרוי צוגעגעבן מיט א ווייכער שטים.

זי האָט אָנגעגאָסן אין א שיסל הייס וואסער, דערנאָך אָנגעשניטן ברויט און אוועקגעשטעלט א טעלער מיט זופ. ליאָניע האָט צום עסן זיך ניט צוגערירט.

— וואָס קוקסטו אזוי? — האָט געפרעגט די באַלעבאָסטע.

— איך וויל טרעפן, וויפל יאָר איז אייַך.

— און דיר איז שוין געוואָרן אכצן? — האָט זי א פרעג געטאָן, קוקנדיק אף אים פון אויבן אראָפ, ווי אף א קליין יינגל.

— צוויי און צוואנציק.

— אזויפיל וואָלט איך דיר ניט געגעבן.

— כ׳בין זייער אויסגעצערט.

— איך הייס פיאטרע גאראָלענע. דו ביסט, אפאָנעם, פון די געלערנטע.

— א סטודענט.

— וואָס קלערסטו טאָן ווייַטער?

— איך וועל פרווון דערקלייַבן זיך צו דער ווייַסרוסישער גרענעץ. דאָרט זייַנען זומפן, וועלדער.

— איינער אליין וועסטו ניט אויסהאלטן. ס׳איז איצט ניט זומער.

— איך האָף צו באגעגענען זיך מיט פארטיזאנער.

— דו וועסט גיכער באגעגענען זיך מיט יענע, וואָס יאָגן זיך נאָך זיי.

ער האָט א קוועטש געטאָן מיט די אקסל:

— ערגער וועט מיר שוין ניט זייַן.

— דאָס איז אויך עמעס.

פון דער ווארעמקייַט אין שטוב איז ליאָניע ווי שיקער געוואָרן. די אויגן האָבן זיך אָנגעהויבן קלעפן. די באַלעבאָסטע האָט צו אים געזאָגט:

— עס אוף דעם זופ, איך וועל דיר אויסבעטן אף דער באנק.

— ניין, איך וועל אָפעסן און אוועקגיין.

— וווהין וועסטו גיין באנאכט?

ליאָניע איז אנידערגעפאלן אף דער באנק און געבליבן ליגן אין די זאכן. די אויגן האָבן זיך פארמאכט, אָבער שלאָפן האָט ער ניט געקאָנט. פאר אים זייַנען דורכגעלאָפן די לעצטע געשעענישן. סאכאקל מיט זעקס שאָ צוריק איז ער מיט זייַן פרייַנט געלעגן עטלעכע מעטער פון דער שטעכדראָט־צוים און געווארט, ביז עס וועט ווערן פינצטער. דערנאָך האָט זייַן פרייַנט איבערגעשניטן דאָס שטעכדראָט און מיט די הוילע הענט אויסגעבויגן עס, ביז ליאָניע איז דורכגעקראָכן. ווו איז ער איצט, זייַן פרייַנט? ער ליגט מיסטאמע אפן באראק־בעטל מיט הענט, צעבלוטיקטע פון די דראָטענע שטעכלקעס, און טראכט וועגן אים, צי איז ער טאקע אנטלאָפן...

ביסלעכווייַז איז ליאָניע אייַנגעזונקען אין א טיפן שלאָף.

מיטאמאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז אין הויף רעדט מען, איז ער אראָפגעשפרונגען פון דער באנק.

— וואָס האָסטו זיך איבערגעשראָקן? לייג זיך און שלאָף, — דערהערט ער דאָס קאָל פון דער באַלעבאָסטע.

ער האָט געפאָלגט און איז ווידער אייַנגעשלאָפן.

שפעטער א ביסל האָט ער דערהערט, ווי עמעצער קראצט אין פענצטער, אים האָט אפילע זיך געדוכט, אז פיאטרע איז ארויס עפענען און שושקעט זיך מיט עמעצן אין פירהויז. ווען ער האָט זיך אופגעכאפט, האָט ער דערזען פיאטרען צוזאַמען מיט א הויכן דארן באָכער, אָנגעטאָן אין א דייַטשישער אוניפאָרם און אין א שאָפן־פעלצל.

— אלגיס, — האָט דער באָכער זיך פאָרגעשטעלט און דערלאנגט ליאָניען די האנט. — איך בין געקומען נאָך דיר. וויאזוי ביסטו אנטלאָפן? ווייַזט אויס, זיי היטן אייַך שלעכט.

— צו וואָס דארפן זיי אונדז שטארק היטן, אז מיר האָבן סייַווי ניט וווהין צו לויפן, מע וועט דאָך אונדז אומעטום גלייַך דערקענען און ארויסגעבן.

— ברענג די קאצעטניקעס צו אונדז אין אָטריאַד, וועלן זיי ניט מוירע האָבן, מע זאָל זיי ארויסגעבן.

ליאָניע האָט פארשטאנען, אז פאר אים שטייט דער קאָמאנדיר פון דער פארטיזאנישער מאכנע, האָט ער געענטפערט:

— גוט, איך וועל זיי ברענגען, עס מעג מיך קאָסטן דאָס לעבן!

— וויאזוי? — האָט געפרעגט פיאטרע. — האָסט דאָך נאָרוואָס אליין זיך געראטעוועט פון א זיכערן טויט.

נאָר ליאָניע, ווי שרעקלעך עס איז אים ניט געווען אָנטרעפן ווידער אף אן עסעסאָוועץ, האָט באשלאָסן פון זייַן וואָרט זיך ניט אָפזאָגן.

— איך וועל ווי־ניט־איז דערקלייַבן זיך צו זיי.

— ווען ווילסטו זיך אומקערן אין לאגער? — האָט געפרעגט אלגיס.

— מיסטאמע איבערמאָרגן.

— ביסט א ווילער יאט. סטארע זיך ניט

אַרײַנפאלן אין זייערע הענט. אלע נאכט וועל איך ווארטן אף אײַך.

ליאָניע האָט זיך שנעל איבערגעטאָן און טייקעף געלאָזט זיך אין וועג אַרײַן. ער וועט זיך אומקערן אין לאגער נאָך ביז פארטאָג, און אין דער פינצ־טער וועט אים קיינער ניט באמערקן.

יעלענע בערמאן

ראמזיי טרעפט זיך מיט עטיען

אין דער הויפטשטאָט פון אזערבײַדזשאן — אין באקו וווינען די נאָענטסטע קרויווים פון די צוויי לעגענדארע סאָוועטישע פאטריאָטן — העלדן פון סאָוועטנפארבאנד ריכארד זאָרגע און לעוו מאנעוויטש. אין דער 46־טער באקוער שול האָבן אין מעשעך פון א ריי יאָרן געארבעט אלס פעדאגאָגן לעוו מאנעוויטשעס שוועסטער אמאליע (א לערערן פון געשיכטע) און ריכארד זאָרגעס שוועסטערקינד נאטאליע סטאָיאנאָווא (א לערערן פון מאטעמאטיק). זיי בײדע זײַנען איצט פענסיאָנערן. די שילער און פעדאגאָגן פון דער שול האָבן אײַנגעלאדן בײדע פרויען צוגאסט אף אן אָוונט און געבעטן, זיי זאָלן דערציילן וועגן די העלדן. צוזאמען מיט זיי איז געקומען אפן אָוונט אויך דער אדוואָקאט גראנט אײַראפעטאָוו, וואָס אף זײַנע הענט איז לעוו מאנעוויטש אויסגעגאנגען נאָך דעם, ווי ער איז באפרײַט געוואָרן פונעם קאָנצענטראציע־לאגער עבענזייע (עסטרײַך).

נאטאליע סטאָיאנאָווא איז אלט געווען סאכאקל זעקס יאָר, ווען זי איז מיט דער מאמען געווען בא די זאָרגעס אין שטוב. ריכארדן געדענקט זי זייער נעפלהאפט, נאָר זי האָט וועגן אים א סאך געהערט פון איר עלטערער שוועסטער. אמאליע מאנעוויטש דערציילט וועגן איר ברודער א סאך גענויער.

לעוו איז געבוירן געוואָרן אינעם ווײַסרוסישן שטעטל טשאוסי. זײַנע עלטערן האָבן געהאט זיבן קינדער — פיר ייִנגלעך און דרײַ מיידלעך. ער, ליאָווע, איז געווען דאָס פערטע קינד. אין 1908 האָבן די וועגן פון די ברידער און שוועס־טער זיך צעשיידט: אמאליע איז אוועקגעפאָרן קיין באקו צו איר ברודער מוישע, וואָס האָט גע־ארבעט אין א נאפט־קאָנטאָר, ליאָווע האָט זיך אוועקגעלאָזט צו זײַן עלטערן ברודער דעם פאָ־ליט־עמיגראנט יאקאָוו, וואָס האָט זיך געפונען אין זשענעווע.

נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע זײַנען די ברידער מאנעוויטש אוועקגעפאָרן פון זשענעווע קיין מאָסקווע. ליאָווע איז אין א שטיקל צײַט ארום געקומען קיין באקו. ער איז גלײַך אַרײַנגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פארטיי און פרײַוויליק אוועק אין דער רויטער ארמיי. דינענדיק אינעם אינטערנאציאָנאלן פאָלק פונעם באקוער סאָוועט, האָט ער זיך געשלאָגן קעגן די מוסאוואטיסטן. אין 1919 האָט מען אים געשיקט קעגן קאָלטשאקס באנדעס אלס קאָמיסאר פון א פאנצערצוג. ער איז געווען אויך אף פארטייִשער ארבעט אין סאמארע און אופא.

אין עטלעכע יאָר ארום, ווײַזט אויס — נאָך דעם, ווי ער האָט געענדיקט די אקאדעמיע אף זשוקאָווסקיס נאָמען, איז ער אף א קורצער צײַט ווידער געקומען קיין באקו. ערעוו דער מילכאָמע האָט יאקאָוו דערציילט אמאליען, אז לעוו איז אין אויסלאנד, זיצט אין טפיסע. קיין פראָטים האָט זי ניט געוווּסט.

אין א סאך יאָרן ארום, שוין נאָך דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, האָט אמאליע זיך געטראָפן מיט גראנט אײַראפעטאָוון, וואָס האָט נאָך אין מאוטהאוזער טויט־לאגער זיך באפרײַנדעט מיטן פאָלקאָווניק סטאראָסטין (אזא איז געווען מאנעוויטשעס לאגער־פסעוודאָנים).

אײַראפעטאָוו דערציילט:

— מיט צוויי טעג פארן סאָף פון דער מילכאָמע האָט זיך סטאראָסטין דערפילט זייער שלעכט. עס האָט זיך אָפגערופן זײַן פארלאָזטע שווינדזוכט־קרענק, ווי אויך די גרויסע איבערלעבונגען פון די לעצטע טעג (סטאראָסטין איז געווען דער פירער פון די קאצעטניקעס אין טויטלאגער און האָט געטאָן אלץ, קעדיי ניט דערלאָזן די היטלעריסטן צו אומברענגען הונדערטער קריגסגעפאנגענע). סטאראָסטין האָט זיך שוין מער ניט געקאָנט שטעלן אף די פיס. ווען ער האָט געהאלטן באם אויסגיין, האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל מיטיילן אין מאָסקווע, אז ער האָט זײַן כויוו אויסגעפילט...

אָט אזוי האָבן זיך אין דער באקוער שול „באגעגנט" ראמזײַ און עטיען (דאָס זײַנען די פאראָלן, מיט וועלכע זאָרגע און מאנעוויטש האָבן זיך באנוצט אין זייער אומלעגאלער טעטיקײַט). אף דער באגעגעניש האָט דער קאָלעקטיוו פון דער 46־טער באקוער שול באשלאָסן אָנרופן די פיאָנערישע דרוזשינע פון דער שול מיטן נאָמען ראמזײַ (ריכארד זאָרגע) און איינעם פון די פיאָנערישע אָטריאדן — מיטן נאָמען עטיען (לעוו מאנעוויטש).

מוישע גאָלדבערג

צום 80-טן געבורטסטאָג פון פּאוולאָ טיטשינע

דאָס ווערק, וואָס ווערט דאָ פאָרגעלייגט די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, האָט פּאוולאָ טיטשינע, דער גרויסער אוקראַיִנישער דיכטער, אָנגעשריבן אין סאַמע ברען פון דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע — אין 1942. די ליטעראַטור־קריטיק האָט איינגשטימיק אָפּגעשאַצט די פּאָעמע „די לעווייַע פון א פרייַנט“ ווי איינס פון די וואָגיקסטע פילאָסאָפישע ווערק, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין פּעריאָד פונעם אלפאָלקישן קאַמף קעגן פאשיזם. אין דער דאָזיקער פּאָעמע האָבן זיך אנטפּלעקט די בעסטע אייגנשאַפטן פון פּאוולאָ טיטשינעס באַגאַבטקייַט, מיט דער גאַנצער קראַפט האָט אופגעשייַנט זייַן מעכטיקער טאַלאַנט.

די דיכטערן דאָרע כייַקינע האָט אין די יאָרן 1946—1947 איבערגעזעצט „די לעווייַע פון א פרייַנט“ אף ייִדיש, און איינעם פון די עקזעמפּלאַרן געבראַכט דעם אווטאָר. פּאוולאָ טיטשינע, וועלכער האָט געקענט ייִדיש, האָט אופמערקזאַם איבערגעלייענט די איבער־זעצונג. אף די ראַנדן פונעם מאַנוסקריפּט זייַנען גע־בליבן אייניקע באַמערקונגען פונעם אווטאָר, גאָר קליינע ענדערונגען.

דערנאָך זייַנען די אומשטענדן געווען אַזעלכע, אז דער אָריגינאַל און די איבערגעדרוקטע עקזעמפּלאַרן פון דער איבערזעצונג זייַנען פארלוירן געגאַנגען. דאָס איז געווען נאָך מער פארדריסלעך דערפאַר, וואָס די איבערזעצונג איז געפעלן געוואָרן טיטשינען. און אָט, מיט א קליינער צייַט צוריק, שוין נאָך טיטשינעס טויט, האָט זייַן פרוי, לידיע פּעטראָוונע טיטשינע, געפונען אינעם מאַנס ארכיוו איינע פון די קאָפּיעס פון דער איבערזעצונג פון דער „לעווייַע פון א פרייַנט“.

פּאוולאָ טיטשינע האָט מיט גרויס ליבע זיך באַצויגן צום ייִדישן פאָלק און צו דער ייִדישער ליטעראַטור. ער איז דער אווטאָר פון דער ליד „צום ייִדישן פאָלק“. ס'איז ברייט באַוווּסט, ווי גלענצנדיק ער האָט איבער־געזעצט אף אוקראַיִניש אָשער שוואַרצמאַנס אלע לי־דער, פיל לידער פון דאַוויד האָפשטיין, לייב קוויטקאָ און פון אנדערע ייִדישע דיכטער. ער האָט אָנגעשריבן א ריי ארטיקלען און אָפּהאַנדלונגען וועגן דער ייִדי־שער ליטעראַטור.

דאָרע כייַקינעס איבערזעצונג פון פּאוולאָ טיטשינעס „די לעווייַע פון א פרייַנט“ באַטראַכטן מיר אלס איינע פון די אנטפּלעקונגען פון די פרייַנטלעכע געפילן, וואָס פארבינדן אונדזערע ברידערלעכע ליטעראַטורן — די ייִדישע און אוקראַיִנישע.

סטאַניסלאַוו טעלניוק,

סעקרעטאַר פון דער קאָמיסיע פון ליטעראַטור־קריטיק באַם אוקראַיִנישן שרייַבער־פאַרבאַנד.

פּ א וו ל אָ ט י ט ש י נ ע

די לעווייַע פון א פרייַנט

(פראַגמענטן פון א פּאָעמע)

דער אָוונט האָט אין שטילקייַט און אין טרויער
געביטן רויטע פארב אף טונקל־בלוי.
דעם בלויען שניי געריייניקט כ'האָב באַם טויער,
און אָפּגעשטעלט זיך... טרויעריק אזוי.
און פּלוצעם — אן אָרקעסטער יאָמערט שווער,
פארכלינעט זיך אין פראָסט, אין טיפע שנייען.
צו גרינע יעלן טוט ער זיך א קער
און טוליעט זיך צו טונקלע ביימער־רייען.

אלץ ענדערט זיך, אלץ בייַט זיך,
ווערט צעטיילט, צעריסן,
די ווונדן בלוטיקן, דער אומעט מאַטערט שווער,
מיט זאַמד באַדעקט זיך און מיט
שטויב עס ווערט פארשמיסן,
אלץ גיט זיך אָפּ דערנאָך דער קאַלטער ערד.

נאָך וועמען קלאַנגען ביטערע?
טרומייטן, טאַצן ציטערן,
און שווער דער פּויק זייַן ברייטע ברוסט
צעוויגט,
ווער איז געפאַלן דאָרט אין קריג? פארלאָשן
עס איז די ווייַט, ווי וואַסער גרין
א כמאַרע שייַנט, טונקל שטייט די וועלט,
די שייַן איז שוואַך, די שייַן איז דין.

כ'בין אופגעשפרונגען — אָט פּונקט אַזאַ
איז די נאַכט פארצווייַאָרן געווען,
ווען מיט מייַן פרייַנט כ'האָב
זיך געזעגנט,
און זייַן פערד אין פלאַם
האָט שנעל א ריס געטאָן זיך און פארשווּונדן.
און מעסלעסן
זייַנען אדורך. געוויטערס קומען...
קריג קומט אָן... מייַן פרייַנט
האָט מיר געשיקט א גרוס. דאָס גאַנצע לאַנד
האָט זיך געגרויסט מיט אים, ער האָט דעם
פייַנט
געשניטן. פון זייַן האַנט
דאָס בלוט פון דעם פאשיסט האָט זיך געגאָסן...

א שווערער קאַמף פאַר כאַרקאָוו איז געווען.
אין קלעם
עס זייַנען אונדזערע געגאַנגען, און דער קויעך
איז נאָך ניט גלייַך געווען. א גאַנצע נאַכט
מייַן פרייַנט זיך שלאָגט אין פייַער און אין רויך,
א גאַנצע נאַכט — ער איינער קעגן אַכט.
און מענטשן האָט געראַטעוועט זייַן קומען,
פאַר וועמען הענקער האָבן אָנגעגרייט א שטריק.

א דאָרף אַרויסגעריסן פון דעם סוינעס הענט,
נאָר ניט דערלֿעבט אַליין אין נײַע שטרײַטן גיין...
עס לֿערנט מיך דײַן טויט. און אינדערפֿרי
האָב איך דורך ראַדיאָ, מײַן פרײַנט, דערהערט
דײַן נאָמען.

און מיטאַמאָל האָט זיך אין בלֿיק באַ מיר
א וויג געטאָן דײַן טרונע. ווען כ׳וואָלט קאָנען
אין טרונע זעען דיך, א טויטן כאָטש דיך זען!

אלץ ענדערט זיך, און בײַט זיך, ווערט צעטיילט, צעריסן...

...עס האָט געוויגט זיך
א קאַטאַפאַלק פאַר מיר, ווי ניט אין וואָר.
די מענטשן כ׳האָב דעריאָגט און כ׳האָב פאַרקוקט זיך
אף דער פאַרמאַכטער טרונע. כאָטש ס׳איז קלאָר:
עס איז מײַן פרײַנט ניט דאָ, מ׳האָט אים באַהאַלטן
אָן מיר... דאָרט, אפֿן פראָנט... און ווידער אף א קאָל
געוויינט האָט דער אָרקעסטער.

אלץ ענדערט זיך, אלץ בײַט זיך, ווערט צעטיילט, צעריסן,
אין נײַע פאָרמען גייט אריבער אלץ.

און מאָדנע טאַצן שפילן!
שלֿאַכטלֿײַט גייען, און מיט זיי כ׳גיי אויך.
(כ׳פיל אלץ עפעס א צווייטן דאָ דערנעבן!)
איך קוק און זע: א רויטער רויך
פאַרשווינדט אף מײַרעוו... און איך וויל ניט פרעגן —
נאָך וועמען קלֿאַנגען ביטערע?
טרומייטן, טאַצן ציטערן,
און שווער דער פויק זײַן ברוסט צעוויגט, —
ווער איז געפאַלן דאָרט אין קריג?

ווער? צו וואָס באַדאַרף מען עס דאָ פרעגן?
אין טרונע לֿיגט א קעמפער. יענער, וואָס פאַר גליק
און פרײַהײַט פונעם לֿאַנד געקעמפט האָט! און פון אים
עס האָט געשטראַלט אף אונדז א העלֿע ליכט.
די שטערן גלֿיקלֿעכע פון פרײַנטשאַפט אין דער שאָ
אף מײַרעוו שײַנען... פאַשיסטן נימעסע — זיי זײַנען מער ניטאָ.
מיט נעגלֿ אונדז געריסן און געמיינט
פאַרקנעכטן אַלֿעמען. ווי טרויעריק דאָס שפילן
פון אָרקעסטער! און מיר עס דאַכט זיך: עמעץ וויינט.
ס׳וויינט אוקראַיִנע... טאַצן, יאָמערט שטילֿער!
וויינט אַזוי, ווי אַן אַלֿמאָנע וויינט,
וויינט אויס דעם ווײ פון מאַמעס, וועלֿכע גייען נאָך די טרונעס
און שטרעקן ווײנענדיקע אויס אין ווײַט די הענט...

אלץ ענדערט זיך, באַנײַט זיך, ווערט צעטיילט, צעריסן,
און בלוטיקט טיף, אין האַרצן קלאַפּט אַן אומעט שווער.
מיט זאַמד באַדעקט זיך און מיט שטויב עס ווערט פאַרשמיסן,
אלץ גיט זיך ווידער אָפּ דער גרויער, קאַלטער ערד.

עס גייט אין נײַע פאָרמען אַלֿץ אריבער,
מיט זונען־שטראַלֿן דעקט זיך שטענדיק צו.
פון קאַנט צו קאַנט א מענטש די וועלֿט גייט איבער,
קעדיי אין אייביקײַט פאַרבלֿײַבן, אין זײַן רו.
נאָר ניין, ס׳איז קאָנסעקווענט און זייער שטרענג דאָס לֿעבן,

און כאָטש עס דאַכט — ס'איז כאַאָס, אַלץ איז אַ געזעץ,
עס לערנט די געשיכטע (מע פֿלעגט זי פֿעלשן שטרעבן):
אַלץ גייט באַנאַנד — אי גליק, אי ווי ביז לעצט.
און דאָס, וואָס ס'שפּאַנט מיט שווערע טריט דאָס לעבן,
עס צייגט נאָר איינס: דאָס לעבן איז גערעכט.
טרינקסט, ברוינע כּיַע, בלוט? די וועלט וועט ניט פֿאַרגעבן,
און ס'וועט נאָך זײַן, ס'וועט זיכער זײַן שלעכט!
דײַן פֿאָלק וועט אופטרייסלען אַ שטורעם, דער געוויסן
וועט אופוואַכן, און ס'וועט אַוועק דאָס פֿאָלק אין אַ גערעכטן קריג.

אַלץ ענדערט זיך און בײַט זיך, ווערט צעטיילט, צעריסן,
די ווונדן בלוטיקן, דער אומעט מאַטערט שווער.
מיט זאַמד באַדעקט זיך און מיט שטויב עס ווערט פֿאַרשמיסן,
און נאָכדעם שטייט עס ווידער אוף פֿון דר'ערד.

אָ, אָט איז שוין אפילע דער בעסוילעם. מ'האָט אָפּגעשטעלט די פֿערד און צאַרט
די טרונע אַף די הענט גענומען (און ווי פֿערל
האָט דער שניי פֿון ביימער זיך אַ שאָט געטאָן און אומדערוואַרט
אַף וויִעס מיר געפֿאַלן). גענומען האָב איך אויך
די טרונע אונטערהאַלטן מיט מײַן אַקסל. און מיר זײַנען אַוועק,
עס האָבן מענטשן איבערגעיאָגט אונדז (דאָס לעבן
האָט געײַלט) — ווער מיט שטריק, מיט העק,
ווער מיט אַ לאָפּעטע. ס'האָט יעדערער געזוונקען
אין שניי, אַזוי ווי איך. און שוין אין פֿינצטערניש
צו די צלאָמים זײַנען מיר געקומען. מיט טויזנט פֿונקען
האָט זיך געשטאַרקט אַף נאַכט דער פֿראָסט!
מיר האָבן מיט דער שווערקײַט הייליקער
זיך צו דער גרוב דערקליבן, און אַף דער ערד
געשטעלט די טרונע, אַפּן ליים, וואָס באַ די ראַנדן איז געלעגן.

אַ פּרוי איז זיך פֿאַרגאַנגען אין געוויין,
און ס'האָט אַ צווייטע אָנגעהויבן קלאָגן: — שלאָף ניט, ליבער!
שטיי אוף, סטעפֿאַן מײַנער, שטיי אוף!
— „מיט אָט דער שווערד, —
דער רעדנער זאָגט, — מיר מוזן אָפּהאַקן
דעם קאָפּ באַם פֿײַנט! אין קריג זיך שטאַלט
דער וואָפֿן אונדזערער. און מענטשן שטאַרקע, פֿלינקע,
און פּאַרטיזאַנער דרייסטע גיבן אונדז די הענט
פֿון בערג און וועלדער! און גלעקער קלינגען.
די אופשטענדלער צענעמען זאַלן שנעל
די מעסערס הייליקע אין פּוילן, און אין די קאַרפּאַטן"...

סטעפֿאַנען האָט די גרוב פֿאַרשלונגען. מיר האָבן אָנגעהויבן
וואַרפֿן הרודעס ערד. מיט קרעכצן טויבע
די טרונע האָט געקרעכצט, און די געשרייען האָבן זיך געמישט
מיטן געוויין פֿון דער מוזיק, און ערגעץ אויבן — אַ שטערן האָט געהעלט.

און טאַצן וויינען, וויינען,
זיי וויסן, וואָס זיי מיינען,
און ס'האָט אַ פּויק געקלאַפּט, געוועקט:
פֿאַרענדיקט ערלעך האָסט דײַן וועג.

איך האָב זיך אויסגעוויינט געשמאַק אַזוי!
כ'האָב ניט געוווּסט, ווי כ'בין אַהיים דערגאַנגען.

עס איז די ערד געוועזן בלוי.
אין האַרץ געוועקט זיך האָבן רעקוויִעם־געזאַנגען...

אַלץ ענדערט זיך און בײַט זיך, ווערט צעטײלט, צעריסן,
די ווונדן בלוטיקן, דער אָטעם מאַטערט שווער.
מיט זאַמד באַדעקט זיך און מיט שטויב עס ווערט פאַרשמיסן,
און נאָכדעם שטייט עס ווידער אויף פון דר׳ערד.

ווען כ׳האָב זיך אומגעקערט אַהיים, צו מיר אין הויף,
האָב איך אין שניי אַ לאַפּעטע דערזען.
און אַזוי ביטער איז די שטילע פֿינצטערניש, און אין דער הויך
אַ גרינלעכער געבלישטשעט האָט אַ שטערן...
בלישטשעט העל און שיין! אַ שאָ אַזאַ ווען שלאָגן,
ווען מיט דער לאַפּעטע אין קיווער וועלן מיר
פאַרשיטן אַלע כײַע־ראָעס און באַגראָבן. אַלע, אַלע, אָן אַ שיר.

אַלץ הייבט זיך אויף, שטייט אויף, און וואַקסט, און שמייכלט.

איך האָב מיט קיינעם ניט גערעדט אין כאַטע.
אָף מײַן געלעגער אָף מײַן האַרטן זיך געלייגט.
און ס׳האָט דער קאַטאַפאַלק מיך אַלץ געמאַטערט.
ס׳האָט זיך געהערט:

אַלץ הייבט זיך אויף, שטייט אויף, און וואַקסט, און שמייכלט.

ס׳האָט זיך געהערט: עס גייט אין נײַע פאָרמען אַלץ אַריבער.
אַ טויטער — ווערסט ניט אויסלעשן די שײַן.

דורך אַלטע, דינע ווענט האָב איך דערהערט דאָס קאָל
פון זאַווערוכעס ווײַסע. געפאַלן איז אַ שניי
אָף פענצטער פּראָסטיקע. ווו בין איך? ווו?
איך האָב זיך אַלץ דערמאָנט, און ס׳האָט דער וויי
די וויִעס ניט געלאָזט פאַרשליסן, נאָר ס׳האָט אָן אידיי
פון פרײַהײַט, פון גערעכטיקײַט, פון לעבן
מיך אויפגעהויבן, ווי אַ קינד אַ קליינס, אָף הענט.
און איך האָב אַלץ אין ווײַטער ווײַט דערקענט:

אַז לעבן וועלן מיר — סײַ איך, סײַ דו!
ווי גרינע ווײַנטרויבן אין הייך זיך הייבן, הייבן.
און שטעט מיר וועלן בויען, און געוויס
פאַרפלאַנצן סעדער גרויסע, גרינע, גרינע.
און ס׳האָט אין נאַכט אין פינצטערער
אַ וויִגע זיך צעוויינט, ווי אַ סירענע.
איך האָב געהערט, און מיט אַזויפיל וויי
האָט מיך אַ צי געטאָן צו דניעפּרישע פּאַרטאָגן!
ס׳איז אָף דער שויב געפאַלן אַלץ אַ שניי...
פון ערגעץ ווײַט האָט זיך געטראָגן:

די טאַצן וויינען, וויינען,
זיי ווייסן, וואָס זיי מיינען,
און ס׳האָט אַ פויק געקלאַפּט, געוועקט:
פאַרענדיקט ערלעך האָסט דײַן וועג...

ייִדיש — דאָרע כײַקינע

הערשל פּאָליאַנקער

ייצחאָק סאַנטאָס און זײַנע יאָרשים

ראָמאַן

ערשטער טייל

באַם פּאַרקישעפטן קוואַל

עטלעכע ווערטער פונעם אוטאָר

אזוי פירט זיך שוין פון דאָר־דורות — אַז מע קלײַבט זיך אין ווײַטן וועג אַרײַן און מע איז שוין גרייט פאַרלאָזן די שטוב, זעצט מען זיך צו אַ ווײַלע און מע פאַרטראַכט זיך... נו און אַז מע נעמט זיך דערציילן אַ געשיכטע?

איז דען ניט קעדײַ אויך אין דעם פאַל זיך צוזעצן און גוט אַ טראַכט טאָן, וואָס וויל מען יענעם דערציילן? עס איז, דאַכט זיך, דער זעלבער וועג, און, מעגלעך, נאָך אַ שווערערער!

נאָר אויב פאַר אַ געוויינלעכער נסיעה זיצט מען שאַ־שטיל, רויִק, סטאַטעטשנע, ווי די טײַ־בעלעך, ניט אַרויסברענגענדיק קיין וואָרט, מוז מען, אַפּאַנעם, פאַר אונדזער וועג זאָגן עטלעכע ווערטער.

איך וועל דאָ דערציילן וועגן אַן אַלטן ייִדישן ישעוו, אַ שטעטל, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אין די טיפענישן פון פּאָדאָליער קאַנט און איז אַמאָל געווען אָפּגעזונדערט, אָפּגעשיידט פון דער גאַנצער זינדיקער וועלט, געשטאַנען זיך אין אַ זײַט פון די ברייטע וועגן, ווי אַ יאָסעם.

און דערציילן ווילט זיך מיר עפּשער ניט אַזוי וועגן דעם ישעוו גופא, ווי וועגן זײַנע מענטשן.

איך וועל, זעט איר, ניט אָנרופן דעם עמעסן נאָמען פונעם דאָזיקן ישעוו, און אויך ניט די נעמען פון זײַנע אײַנוווינער. מעגלעך אַפילו, אַז איך וועל ניט באַשרײַבן די געשעענישן און

פּאַסירונגען מיט אַלע זייערע דראָכים, ווײַל מיר שרײַבן דאָך, האָבן מיר געזאָגט, ניט קיין פּינקעס, נאָר א ראָמאַן, וואָס האָט זיך זײַנע גענג און געגנגלעך, זײַנע געזעצן און כאַאָסן.

דאָ ווערט באַ אונדז גיין א רייד וועגן פאַרשיידענע מענטשן, און ניט יעדערער וויל, איר זאָלט אים אָנרופן באם נאָמען, ניט יעדערער האָט כיישעק, איר זאָלט אים ארויסשטעלן פאר דער וועלט, ניט יעדערער שטרעבט צו ווערן באַרימט, און ניט יעדערער דאַרף, איר זאָלט זיך גריבלען אין זײַן נעשאָמע, ווײַל איינעם קאָן דאָס כאַלילע־וועכאַס שאַטן צום שידעך, א צווייטן — צו זײַן קאַריערע, א דריטער האָט ביכלאַל מוירע פאַר א גוט־אויג.

מאַלע פּאַרוואָס מענטשן ווילן ניט, מע זאָל זיי באַשרײַבן אין א בוך!

ווילן מיר ניט זײַן אַזוי האַרב, מירן צוטראַכטן נײַע נעמען, אָנרופן דעם יִשעוו עטוואָס אַנדערש, אויסלייגן די געשעענישן און פּאַסירונגען א קאַפּעלע... קורץ גערעדט, אַזוי, ווי געוויינלעך אין א ראָמאַן!

מע טאָר אויך ניט פאַרגעסן, אז דער מעכאַבער האָט די פולע רעכט דערציילן די געשיכטע אַזוי, אז דער אוילעם זאָל כיישעק האָבן זי דערלייענען ביזן סאָף, ניט איבערהיפּערן קיין קאַפּיטלען, ניט אַנשלאָפן ווערן, כאַלילע, אַפן זעקסטן זײַטל, ווי עס געשעט אַמאָל מיט איינִיקע ביכער.

— סטײַטש, גאַזלען! — הער איך שוין קוילעס. — סטײַטש, גייסט עפּשער אונדז דערציילן אן אויסגעטראַכטע זאַך, א באָבעמײַסע? ווילסט עפּשער ניט אויסזאָגן דעם ריינעם עמעס?

אָט דאָס, זעט איר, קימערט מיך א ביסל. עס האָט א שניט געטאָן אין אויער, א ציפּע געטאָן בא דער נעשאָמע. ווײַל טאַקע, וואָס קאָן דען זײַן ערגער פאַר א שרײַבער, ווי בייס מע וואַרפט אים אויס, אז דאָס, וואָס ער באַשרײַבט, איז א באָבעמײַסע, ניט געשטויגן, ניט געפלויגן?

און טאַקע, וואָס קאָן זײַן שענער און גלײַכער פונעם עמעס?

איז מיר געקומען צוהילף און מיך געראַטעוועט א מאָשל, וואָס איך האָב אַמאָל געהערט פון מײַן זיידן — א גרויסן ליבהאָבער פון מעשאָלים.

אָט איז ער, דער מאָשל:

אַמאָל־אַמאָל, ניט הײַנט געדאַכט, איז ארומגעגאַנגען דער עמעס איבער די גאַסן און געסלעך, איבער שטעט און שטעטלעך, לענדער און מעדינעס, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, נעבעכדיק און דערשלאָגן, מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, הונגעריק און שלעפעריק — מאַמעש א ראַכמאָנעס געווען אף אים צו קוקן. קיינער האָט אים ניט ארופגעלאָזט אף דער שוועל, ניט ארײַנגערופן צו זיך אין שטוב, קיין לעפל געקעכץ ניט געגעבן אף דערקוויקן די נעשאָמע. קיינער האָט אים אפילע קיין קווערטל וואַסער ניט ארויסגעטראָגן צו שטילן דעם דאָרשט, זיך ארומוואַשן פונעם שטויב.

ווי נאָר מע פלעגט אים דערזען, דעם בידנעם עמעס, אַזוי פלעגט מען פאַר זײַן נאָז פאַרהאַקן טיר־און־טויער, לויפן פון אים, ווו דער שווארצער פעפער וואַקסט, זיך אָפּקערן פון אים מיט ביטל און שרײַען:

— גיי דיר צו אַלדי רוכעס, שלימאַזל איינער!

אן אַנדער ברייערע האָט ער געהאַט, דער עמעס? איז ער געגאַנגען ווײַטער...

און אַזוי ווי ער גייט זיך אין געהאַקטע ווונדן, אין ביטערע אַנגסטן, באַגעגנט אים דער מאָשל.

און דער מאָשל, דאַרפט איר וויסן זײַן, איז געווען, ווי שטענדיק, פאַרפּוצט אין זײַנע גרויסאַרטיקע קליידער, האַנערדיק און שטאָלץ, מיט א פאַרהויבענעם קאָפּ — מאַלע־כיין!

מאַכט אַזוי דער מאָשל צום עמעס:

— זאָג מיר נאָר, קאַרעוו מײַנער טײַערינקער, זאָג מיר, באַלטאַכלעס, וואָס איז מיט דיר? וואָס דרייסטו זיך ארום אַזוי נעבעכדיק און דערשלאָגן? עס איז דאָך א ראַכמאָנעס אף דיר צו קוקן. וואָס איז מיט דיר געשען?

ענטפערט אים דער עמעס:

— שלעכט, ברודער־לעבן, ביטער, וואָס ערגער קאָן גאָר ניט זײַן! איך בין שוין, זעט אויס, זייער אַלט, גראָוו, אָרעם, ווײַל קיינער מיך ניט קענען, קיינער וויל פון מיר ניט וויסן, כאָטש לייג זיך אוועק און שטאַרב!

האָט דער מאָשל אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז פיס און זיך צעלאַכט:

— נאַר איינער! וואָס דרייסטו א ספּאָדעק? ניט דערפאַר, וואָס דו ביסט אַלט, האָבן דיך מענטשן ניט ליב. אָט בין איך אויך, ווי דו זעסט, ניט יונג, פונדעסטוועגן, וואָס עלטער איך ווער, אַלץ מער האָבן מיך מענטשן ליב. פאַרוואָס, וועסטו פרעגן? אָט וועל איך דיר פאַרטרויען א סאָד. מענטשן האָבן ליב, אז יעדער זאַך, וואָס דו טראָגסט זיי אונטער, זאָל זײַן שיין, עס זאָל פרייען דאָס אויג, דאָס האַרץ, די נעשאָמע, עס זאָל זײַן אפילע עטוואָס צוגעפּוצט. און אויב א געקעכטס, א מײַכל, זאָל עס האָבן א טאַם, זײַן מיט זאַלץ, צוגעפעפערט... אויב דו גלייבסט מיר ניט, וועל איך דיר גלײַך דערווײַזן. איך וועל דיר אנטלײַען פונקט אַזעלכע קליידער, ווי מײַנע, און דו

ווּעסט זען, אַז די מענטשן, וואָס זײַנען אָפּט פאַרטאָן, פאַרהאַוועט און זעען ניט די ליכטיקע שײַן, ווילן דיך אויך ליב באַקומען און גערן דיך אַרײַנלאָזן צו זיך אין שטוב, פונקט ווי מיך...
דער עמעס האָט געפאָלגט, פאַרפוצט זיך אינעם מאָשלס קליידער.
און טאַקע!
דער אוילעם האָט דערזען דעם עמעס אין אַנדערע בגאָדים, האָט ער זיך דערפרייט, גלײַך צעעפנט פאַר אים טיר־און־טויער.
זינט דעמלט אָן גייען האַנט־בײַ־האַנט דער מאָשל מיטן עמעס, און מענטשן האָבן פאַר זיי ביידן דערעכערעץ, מענטשן האָבן זיי ביידן ליב.
אַ גליקלעכע פּאָר!
ווילן מיר זיך, כאַשעווע לייענער, טאַקע גלײַך לאָזן מיט אײַך אין ווײַטן וועג אַרײַן. עפּעס דאַכט זיך מיר, אַז איר וועט קיין כאַראָטע ניט האָבן, דורכמאַכן מיט אונדז די נעסיִע — אויסהערן די געשיכטע וועגן יִיצכאָק סאַנטאָסן און זײַנע יאָרשים.

וויאַזוי איז באַשאַפן געוואָרן די וועלט

עס זײַנען פאַראַן מענטשן, וועלכע געדענקען פינקטלעך, ווי דער אייבערשטער האָט באַשאַפן זײַן וועלט, זיי טאַקע גיבן איבער מיט אַלע איינצלהײַטן, וויאַזוי דאָס איז געשען, פון וואָס ס׳האָט זיך אָנגעהויבן און מיט וואָס ס׳האָט זיך געענדיקט.
מע דערציילט, לעמאָשל, אַז ביז דעם דניעסטער איז באַם אַלטיטשקן געגאַנגען די אַרבעט שיין און פײַן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גוטן באַלמעלאָכע. אָף קיין האָר האָט ער זיך ניט אָפּגעווענדט פון זײַנע פּלענער, וואָס זײַנען באַשטעטיקט געוואָרן אין די הויכע הימלען. מיטן גראַפיק האָט עס בײַ אים געהאַלטן גאָר ניט שלעכט. אַלץ — אָפּגעמאָסטן, אָפּגעוווּיגן, דורכגעטראַכט, באַ־זיניקט. קורץ געזאָגט, אַלץ איז בײַ אים געגאַנגען ווי אַ מיזמער!
די מענטשן האָבן מאַמעש אָנגעקוועלט פון אָט דעם שטיקל אַרבעט, שיר ניט צעשמאָלצן געוואָרן פון פאַרגעניגן, קוקנדיק אָף די גרינע בערג און טאָלן, אָף די שטעט און דערפער, טײַכן און יאַמען...
דער אַלמעכטיקער, זאָגט מען, האָט פאַרויסגעזען יעדע קליינינקײַט, זיך געסטאַרעט מיט אַלע קויכעס, אַז די קומענדיקע דוירעס זאָלן צו אים קיין טײַנעס ניט האָבן, לעמײַ האָט ער דאָס ניט באַמערקט און יענץ ניט דעראַרבעט. ער האָט זיך, זעט אויס, געוואָלט פאַרדינען בײַ דער וועלט קאָוועד, געהאָרעוועט טאָג און נאַכט ווי אַן אייזל.
מע קאָן זאָגן, אַז ער האָט זיך געוואָלט אײַנקויפן אוילעמהאַבע.
כאַפּט עס דער וואַטנמאַכער, האָט ער זיך געטראַכט, אויב שוין יאָ פאַרפלאַנצן סעדער, זאָלן דאָרטן וואַקסן די בעסטע און שענסטע פּיירעס; אויב שוין יאָ מאַכן אַ יאַם, אַ טײַך, זאָלן דאָרטן שווימען די בעסטע פיש; אויב אוועקשטעלן אַ וואַלד, זאָלן דאָרטן אַרומלויפן בערן און לעמ־פּערטן, זאָלן אומפליִען די וווּנדערלעכסטע פויגלען און זינגען טאַם־גאַניידן.
אַנדערש, צוליב וואָס איז די שווערע טירכע?
ער האָט זיך געסטאַרעט אַרבעטן אַזוי, מע זאָל דערנאָך, כאַלילע, אָף אים ניט שרײַבן קיין אָנקלאָגעס, קיין מעסירעס, די קאָנטראָליאָרן און פאַרשיידענע קאָמיסיעס זאָלן אים ניט דערגיין די יאָרן.
אין די שטעט און שטעטלעך האָט ער אַפּילע פאַרפלאַנצט שיינע בולוואַרן, דורכגעשניטן גלײַכע אַלייעס, די יונגע מאַמעס זאָלן קאָנען שפּאַצירן מיט זייערע גראַגערלעך אין שאָטן אונטער די צווײַגן און ניט מוירע האָבן פאַר דער היץ. ער האָט אוועקגעשטעלט דאָ און דאָרט גראַמע בענק, ווו די אַלטע לײַט, די פּענסיאָנערן זאָלן קאָנען דרעמלען, שפּילן אַ שאָך, טרײַבן רעכילעס, אַרײַנקוקן אין אַ פרישער בלאַט, וואַרפן אַ בליק אָף אַ שיין מיידל, וואָס טראָגט זיך פאַרבײַ, ווי אַ וויכער אָף אירע דינע אָפּצאַסן, אין דעם מיני־קליידל און צינדט אונטער אָף אַ רעגע זייערע געבליטן.
בעקיצער, אַלץ האָט דער אַלמעכטיקער פאַרויסגעזען. איינס נאָר, וואָס די מענטשן ווילן דערנאָך מאַכן מיט זײַן וועלטל, איז אים ניט אָנגעגאַנגען. ער האָט געדאַרפט אוועקשטעלן אַ שיינע וועלט און זיך באַשיידן אָפּרוקן אָן אַ זײַט, אוועקגיין אין דער אייביקײַט, און פּאַטער!
דערוויַיל האָט ער, הייסט עס, פאַרקאַטשעט די אַרבל און באַוויזן אַרבעט. אַלץ איז בײַ אים געגאַנגען, ווי געזאָגט, ראַיעל, גוט און פײַן. נאָר ניט אַנדערש, ווי צוקומענדיק אַהער, צום דניעסטער־טײַך, איז אים די אוווידע נימעס־אומאָוועס געוואָרן, ער האָט זיך ספּאָטיקעט, און

עפשער גאָר געכאַפּט אַן איבעריקע קויסע, — ווער וויסט, — נאָר עפּעס האָט ער מיטאמאָל גענומען בויען בעכיפּאָזן, ווי־ניט־איז, אָן הארץ, אָן נעשאָמע, ווי עפּעס אַן עכטער פּאַרטאַטש.

אין דעם, האַלט מען, שטעקט די סיבע, וואָס גראַדע אין די דאָזיקע קאַנטן זײַנען פאַרבליבן ווינ־קעלעך, געמאַכטע אַף איין פוס, כאַפּ־לאַפּ, ווי מע זאָגט, ניט פאַר גאָט און ניט פאַר לײַט, ווינקעלעך ווילדע, גראָב־אויסגעטעסעטע — עס שלאָגט מאמעש צום הארצן. קיין מענטשישער פוס איז מאכמעס דעם דאָ ניט געטראָטן ווייסעך וויפל יאָרן, קיינער האָט דאָ פאַר זיך ניט געוואָלט קלעפּן א נעסט.

און טאַקע אינדערעמעסן, די וועלט איז געווען אזוי ברייט און געראַם, ווען זײַנען אָנגעגאַן די ווילדע ווינקעלעך? ווער האָט געדאַרפט האָבן אָט די קרומע בערג מיט די שפּיציקע פעלדזן, די טיפע יאַרן מיט די שטעכיקע קוסטעס און בוריאַנען?

זעט אויס, אַז שוין אין יענע ווײַטע צײַטן האָט ניט נאָר דער אַלמעכטיקער, מענטשן האָבן אויך געוווסט, וואָס עס הייסט אזוינס בראַק, נידעריקע סאָרטן, מאַכן אַן אָנשטעל, אָדער, ווי אַנדערע רופן דאָס — אָטשקאָווטיראַטעלסטוואָ... דערפאַר, אפּאָ־נעם, האָט מען זיך ניט געײַלט באַזעצן אין יענע מעקוימעס.

די רעדקאָלעגיע און די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד" באַגריסן פון פולן הארצן הערשל פּאָליאַנקערן אין צוזאמענהאַנג מיט זײַן 60־טן געבורטסטאָג.

מיר ווינטשן ה. פּאָליאַנקערן, ער זאָל אויך אַף ווײַטער זײַן פּרוכטבאַר אין זײַן שאַפונג.

יאָ, גיי זײַ א כאָכעם און דערגרונטעווע זיך, פאַרוואָס האָט דער מײַסטער איבערגעלאָזט אַף דער ערד א ביסל בראַק. עפשער האָט אים קיין מאַטעריאַל ניט געסטײַעט אַף פאַרענדיקן זײַן שטיקל אַרבעט? דערגיי א טאָלק, אַז זינט יענער צײַט איז שוין אַוועק א שיין ביסל יאָרן. און עפשער גאָר האָט ער בעקיוון איבערגעלאָזט די ווילדע ווינקעלעך, מע זאָל זען דעם גרויסן כילעק פון גוטס ביז שלעכטס?

נאָר וואָס דאַרף מען א סאַך ברײַען — אָט דאָ, אַף פּאָדאָליע, ניט ווײַט פונעם דניעסטער, אין א זײַט פון די שיינע שטעט און שטעטלעך, דערפער און דערפעלעך, סעדער און גערטענער, בערג און טאָלן, זײַנען געבליבן שטעקן אייניקע מעקוימעס, ווי א לעבעדיקער פּאַרוואָרף יענעם באַלמעלאָכע, וואָס האָט דאָס וועלטל געבויט און געפורעמט. און טויזנט מאָל איז גערעכט געווען איינער א כאָכעם, וואָס האָט אמאָל געזאָגט, אַז קיין שום זאַך ווערט ניט פאַרפאַלן אונטער דער זון. און וויבאַלד אזוי, זײַנען אויך די מעקוימעס ניט פאַרגעסן געוואָרן אַף אייביק.

מענטשן האָבן זיך געפּרוכפּערט און געמערט. צאָרעס און אומגליקן זײַנען זיי קיינמאָל ניט זשעדנע געווען — דאָס האָט דער איבערשטער זיי געגעבן פון דער ברייטער האַנט, ניט גע־זשאַלעוועט. און א הײַפל מענטשן, וועלכע האָבן לאַנג געזוכט א פּריטולעק, האָבן אָנגעטראָפן אויך אהער, אין דעם ווילדן, ניט־באַוווינטן ווינקל.

מענטשן, ווי באַוווסט, האָבן גאָלדענע הענט און קאָנען באַווײַזן וווּנדער. מע קאָן פון שטיין אויסשלאָגן פײַער, פון דער ערד ארויסבאַקומען געשמאַק ברויט און צום ברויט, מע האָט זיך אויסגעלערנט פאַנגען טײַכן, אפילע דעם ווינט. און וואָס קאָן ניט א מענטש אופטאָן און דערגרייכן, ווען ער צעשפּרייט די פליגלען און קיינער האַקט זיי בא אים ניט אונטער!

און ווײַל מיר האָבן זיך שוין דערוווסט, וויאַזוי עס איז באַשאַפן געוואָרן די וועלט, קאָנען מיר איצט גיין ווײַטער און א קוק טאָן אַף אָט אזא ווינקעלע, וואָס איז געבליבן, נעבעך, שטעקן ניט אהער און ניט אהין, ניט פאַר גאָט און ניט פאַר לײַט.

■

אין א זײַט פונעם ברייטן טראַקט, אָפּגעזונדערט פון די גרינע פעלדער און וועלדער, אַנט־שטייט פלוצעם פאַר אײַערע אויגן א ווינקל, וואָס האָט א פּאָנעם פון כויזעק. עפּעס גלײַך ווי אונטערערדישע קויכעס וואָלטן דאָ האָבן אָפּגעבושעוועט און איבערגעלאָזט ווו א טיפן יאַר, א געדרייטן, ווי א שלאַנג, ווו א טיפן באַרג־שפּאַלט, א קורגאַן, ווו אַוועקגעשטעלט א באַרג. בא דער זײַט פונעם באַרג האָט זיך צוגעשפּאַרט א געדיכטער, א מאָרעשכוירעדיקער וואַלד, וואָס

האָט ארויסגעשטעלט זײַן טשופּרינע פאר אַלע ווינטן און רעגנס. געדיכטע, פארפּלאָנטערטע קוסטעס, פארשלאָגענע מיט הויכן בוריאַן, לויפן אראָפּ צוזאמען מיטן יאר אהין, אראָפּ צום דניעסטער.

אָפּטער פון אַלץ איז דאָ שטיל, זייער שטיל, נאָר עס טרעפט אויך, אז עס טראָגן זיך אָן בייזע ווינטן פונעם אָפענעם פעלד און דער וואלד הייבט זיך אָן מאָרדעווען, ווי אין א קאַדאָכעס. און שטענדיק, צי ס׳איז ארום שטיל, צי ס׳איז רוישיק, נאָר עס הערט זיך ארום אָן אייַנטאָניקער געפּילדער, וואָס טראָגט זיך פון די טיפענישן פונעם געדרייטן יאר. ערגעץ דאָרטן, טיף אַף זײַן דעק, שלענגלט זיך אָן אומרויִקער שטראָם, ער טראָגט זיך א קאָכיקער און שוימיקער צווישן די פעלדזן און שטיינער, וועלכע ליגן אייביק אײַנגעזונקען אין טונקלעניש, באדעקטע מיט גרינלעכן מאָך, און פילן ניט די שטראַלן פון דער זון.

דער וואלד האָט עפּעס אויך ניט געהאט קיין פּאָנעם פון אָן עמעסן, געוויינלעכן וואלד. און, ווי עס ווײַזט אויס, איז ער אין דעם ניט געווען שולדיק. ער וואָלט זיך געוויס צעוואקסן אין דער לענג און אין דער ברייט, געצויגן זיך צו די שיינע הימלען, ווי עס פּאסט פאר לײַטישע וועלדער, האָט אָבער פּאסירט אזוי, אז די ארומיקע בערג און קורגאנעס, די קרומע פעלדזן און שפּיציקע שטיינער האָבן זיך געשטעלט אים אין וועג, צונויפגעדריקט אים, צונויפגעפּרעסט פון אַלע זײַטן, גענומען אין געפענקעניש. דערצו נאָך האָבן אים פארצוימט דעם וועג דער טיפער יאר מיט די בארג־שפּאלטן. האָט ער זיך אוועקגעצויגן לענגויס דעם יאר און די קרוטשעס. זײַנע קרוינען האָבן זיך איבערגעפּלאָנטערט, געשאפן א מין געקנויל, די שטאמען האָבן זיך אויסגעקרימט און ציִען זיך ניט צום הימל, זיי שפּרייטן זיך גאָר בא דער ערד, טוליען די קרוינען צו די בערג.

א וואלד — מאמעש א ראכמאָנעס אַף אים צו קוקן!

נאָר אזוי איז די וועלט געבויט, אז אפילע א קריפּל מוז אויך האָבן א ביסעלע כיין. האָט זיך צום וואלד צוגעשפּארט א ווײַסער פעלדז. טוסטו א קוק אַף זײַן שפּיץ, פאלט אראָפּ דאָס היטל. פונדערווײַטנס דאכט זיך גאָר, אז דאָס איז ניט קיין פעלדז, נאָר א פארבליבענע וואנט פון א ניט־דערבויטן אָדער כאָרעוו געוואָרענעם פּאלאץ.

איר קאָנט אויספאָרן א גאנצע מעדינע, וועט איר, דאכט זיך, נאָך אזא שיינעם פעלדז ניט באגעגענען.

און אזויווי מענטשן זײַנען אהער ניט געקומען באזעצן זיך אין מעשעך פון לאנגע יאָרהונ־דערטער, האָבן זיך דאָ ניט שלעכט אײַנגעאָרדנט אין די אויסגעדליבעטע נעסטן, העט אפן שפּיץ פעלדז, גרויסארטיקע אָדלערס און אנדערע מינים פויגלען, וואָס האלטן שטארק פון דער הייך און פון ראכוועס.

אָבער ניט בלויז אָט דער ניט געוויינלעכער פעלדז און די שטילקײַט ארום אים האָט צוגעצויגן אהער די פויגלען. צופוסנס פון דעם מעכטיקן ווײַסן פעלדז שלאָגט א קוואל, זויבער, ווי קרישטאָל. עפּעס אָן אויסערגעוויינלעכער און מעכטיקער שפּיגל שײַנט אונטער דער זון און אונטער דער לעוואָנע. דער קוואל איז אינגאנצן ניט ענלעך אַף יענע קוואלן, וואָס מע קאָן באגעגענען דאָ און דאָרט.

א קוואל — אָן אנטיקל!

ניט אנדערש, ווי ער זאָל זײַן פארקישעפט!

און טאקע אפאנעמעסן, איר האָט שוין אמאָל געזען אזוינס, אז זומער, בעשאס די גרויסע היצן, זאָל שלאָגן פון א קוואל אײַז־קאלטע וואסער, מאמעש די נעשאָמע צו דערקוויקן, און הארבסט און ווינטער, ווען די קעלט נעמט דורך די ביינער, שלאָגט פונעם קוואל ווארעמע וואסער, א דאמף הייבט זיך איבער אים!

אז איר טרינקט זיך אָן פונעם קוואל, דערפילט איר גלײַך, ווי די מידקײַט שטייט אָפּ פון אײַך, עס קומען צו פרישע קויכעס. עס דאכט זיך אפילע, אז מע ווערט ייִנגער און עס ווערט עפּעס ליכטיקער אין די אויגן.

די וווּנדן פארהיילן זיך גיכער, ווען מע וואשט זיך ארום מיט דער דאָזיקער וואסער. און ווער ווייסט, וואָס נאָך פארא אייגנשאפטן זי פארמאָגט אין זיך!

ניט אנדערש, ווי דעם שעם פונעם קוואל צעטראָגן די פויגלען איבער די ווײַטסטע ווײַטן. אַלע פרילינג קומען אהער נײַע טשאטעס פויגלען, זיי קענען צו זאט זיך ניט אָנטרינקען פונעם זויבערן קוואל, פארהאלטן זיי זיך דאָ לענגער, ווי ערגעץ אנדערש, פראווען אָפּ ראשיקע כא־סענעס, געפינען דאָ די שענסטע טעגער צום געזאנג.

און דאָך איז דאָס ווינקל לאנג געווען ווילד און ניט באוווינט פון קיין מענטשן.

ערגעץ ווײַט פונדאנען האָבן אַף פעלדער און וועלדער, אַף דערפער מיט שטרויענע גע־פעלצטע כאטעס זיך געלייגט ציכטיקע שנייען, עס האָבן דאָרטן זיך דורכגעטראָגן ווארעמע

רעגנס, אָנגעפּאָיעט די פּעטע ערד, דערפרייט מענטשישע הערצער. דאָ אָבער, אז עס האָט זיך דורכגעטראָגן א רעגן, האָט ער קיין גוטס ניט געבראַכט, בלויז צאָרעס און רויִנירונגען. די טיפע יארן, איבערגעפּלייצטע מיט וואסער, האָבן נאָך שטארקער צעדרויבלט די ברעגן, געמאכט פון די קורגאנעס אויסצודרייען, צעשניטן די ערד, זי אויסגעצוואָגן, אנטבלויזט די נאקעטע פעלדזן, וועלכע זײַנען אַלץ מער באדעקט געוואָרן מיט מאָך. און אפילע ווען עס קומען אמאָל אראָפּ אהער מענטשן און קוקן זיך אײַן אין דער שטיינערדיקער ערד, וואָלטן זיי זיך אויך ניט געקאָנט דאָ פאַרהאַלטן, — פון אזא ערד וועסטו קיין ברויט צו זאט ניט עסן. און מע וואָלט געוויס געגאנגען ווײַטער, זוכן א מער גאסטפרײַנטלעך ווינקל...

וואָלט דאָ כאָטש דער וואלד געהאט א פּאָנעם פון א וואלד. נאָר די בייזע זאווערוכעס און ווינטן, וועלכע האָבן זיך דאָ דורכגעטראָגן, האָבן פון די ביימער געמאכט טיל־טעל. די יאסענס און אָלכעס, די דעמבעס און בעריאָזעס האָבן זיך צונויפגעשטויסן, ווי אָף א יאריד, אויסגעקרימט און אײַנגעשרומפּן געוואָרן. די יארן און קורגאנעס האָבן זיי ניט געלאָזט זיך צעוואקסן, זײַנען די ביימער אויך געבליבן נעבעכדיקע און פריהלושעטע. די וואָרצלען האָבן ניט געקאָנט וואקסן אין דער טיף און זיך געשפּרייט איבער דער איבערגעטריקנטער שטיינערנער ערד, ווי די שלענג. נאָר די ווילדגראָזן און בוריאנען האָבן זיך דאָ געפילט גוט. זיי האָבן זיך געהויבן העכער פון א סאך ביימער...

געדאכט האָט זיך, אז דאָס ווינקל איז פארשאָלטן אָף דאָר־דוירעס, און ווער האָט געקאָנט וויסן, צי וועט אמאָל געשען א נעס און עמעצער וועט זיך דאָ באזעצן, זיך צושלאָגן צו א ברעג. אָבער א נעס איז געשען!

יִיצכאָק סאנטאָס

פון דאָר צו דאָר האָט מען איבערגעגעבן, אז דער ערשטער מענטש, וועלכער האָט באטראָטן אָט דאָס ווילדע, פון גאָט און לײַט פארגעסענע ווינקל באם דניעסטער, איז געווען יִיצכאָק סאנטאָס.

די געשיכטע זײַנע איז געווען אײַנגעהילט אין לעגענדעס, כאָטש קיינער האָט זיי ניט באשריבן. ער האָט געלעבט מיט א סאך, א סאך יאָרן צוריק. איידעס קאָנען זאָגן די עטלעכע אלטע מאָכיקע מאצייוועס אפן אלטן קליינעם בעסוילעם, וואָס האָבן זיך דאָ אלפּי־נעס פארהיט. עמעס, די צײַט האָט אָפּגעמעקט די אופשריפטן, די עפּיטאפּיעס, נאָר אז מע קוקט זיך נאָך גוט אײַן אין די אויסיעס, קאָן מען איבערלייענען אויך דעם ערשטנס, יִיצכאָקס נאָמען, וואָס איז פארקריצט אפן שטיין, דעם אָפּגעשליפענעם פון יאָרן, ווינטן און וויוגעס.

און עפּשער איז דאָס ניט דער איינציקער סימען, אז ער האָט די ערד דער ערשטער באטראָטן און זי באגאָסן מיט זײַן שווייס?

אָף איינעם פון די קורגאנעס, העט־אויבן, וווהין עס ציט זיך אוועק דער אלטער ווײַנגאָרטן, וועלכן יִיצכאָק סאנטאָס האָט אמאָל פארפלאנצט, קאָנט איר נאָך באגעגענען עטלעכע לאָזעס — גרויע, אײַנגעקאָרטשעטע, געדרייטע, ווי אָדערן אָף די אויסגעהאָרעוועטע הענט בא זקיינים. און כאָטש קיינער געדענקט ניט און ווייסט ניט, וויפל זײַנען זיי שוין אלט, די דאָזיקע לאָזעס, האלט מען פאָרט, אז דאָס זײַנען נאָך יִיצכאָק סאנטאָסעס. ער האָט זיי דאָרטן אפן בארג פארפלאנצט, און ניט געקוקט אָף זייער אלטקײַט, גיבן זיי נאָך אדהײַעם ווונדערלעכע ווײַנטרויבן, פון וועלכע מע קוועטשט די בעסטע ווײַנען.

יִיצכאָק סאנטאָס...

דאָס איז געווען, דערציילט מען, א מענטש א גוואר, א מענטש א פארליבטער אין ערד, אין שווערער אײַנגעאקשנטער מי. ער האָט טאקע מיט זײַנע יאָרשים פארוואנדלט דאָס דאָזיקע ווילדע ווינקל אין א ווונדערלעכן ווײַנגאָרטן. אָבער דאָס האָט אים אָפּגעקאָסט דאָס לעבן, און איבערגעבליבן איז נאָך אים, כוץ די בארימטע לאָזעס, זײַן גוטער שעם.

שטאמען שטאמט ער, גיט מען איבער, פון אן אלטער צעצווײַגטער יִידישער מישפּאָכע, וועמענס וואָרצלען עס שטעקן אָן אזש אין שפּאניע. אין די אלטע, אלטע ספאָרים, אין די פּינקאָסים, וועלכע האָבן זיך ערגעץ פארהיט, קאָן מען איבערלייענען וועגן דעם שווערן לעבן, וועגן די שטרײַטן און מאטערנישן פון די סאנטאָסעס.

אָף אייביק האָט זיך אײַנגעקריצט אין זיקאָרן פון דוירעס די געשיכטע פון עזראָ סאנטאָסן, דעם בארימטן ווײַנגערטלער פון אונטער מאדריד, וועמענס ווײַנטרויבן און ווײַנען עס זײַנען אמאָל געשטאנען אָף די קיניגלעכע טישן, און וועמען מע האָט געאכטעט אין דעם קאנט פאר זײַן שטאָלץ, פאר זײַן מעסירעסנעפעש, ווען ער איז געווען א סאָלדאט און פארטיידיקט זײַן ערד פון פרעמדע כאיאָלעס, פאר זײַן אופריכטיקײַט און טרײַער האָרעוואניע. דאָס איז געווען

אַ פּראָסטער, ערדישער מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט אין אַ פֿרײַער מינוט אַרײַנקוקן אין אַן אַלטן סייפֿער. דאָס גאַנצע לעבן האָט ער געזוכט, געוואָלט געפֿינען דעם עמעס, נאָר — אומזיסט. כאָטש ער פֿלעגט אַלע שאַבעס און יאָמטעוו קומען אין בייס־האַטפֿילע, ברענגען גאָטס באַדינער, וואָס עס קומט זיי, נאָר שטאַרק קיין גלייביקער איז ער ניט געווען און דערפֿאַר ניט ווייניק געליטן פֿון זײַנע גלייביקע שכיינים. ער איז געווען אַנטויִשט, עזראַ סאַנטאָס. אין דער מעדינע האָט ער געזען אַ סך פֿאַלשקײַט, אומרעכט און גזיירעס, פֿאַרוואָלגלט זײַנען געווען זײַנע אָרעמע און האָרעפּאַשנע ברידער, נאָר עפּעס האָט ער ניט געזען, אַז דער אייבערשטער זאָל זיך ווען אַרײַנמישן, אײַנשטעלן יושער, גערעכטיקײַט, זיך אָנעמען די קריוודע פֿון די געדריקטע, געפּײַניקטע, אַז ער זאָל באַשטראָפֿן די בלוטיקע רעגירער, די רײַכע, וואָס זויגן באַם קאַפּצן דעם מאַרך פֿון די ביינער. עזראַ סאַנטאָס האָט געזען, ווי די רײַכע לײַט זאָגן זיך לײַכט אָפּ פֿון זייער גאָט, פֿון זייער גלויבן, פֿון זייערע לײַבלעכע ברידער, און אויב עס לוינט זיי, גייען זיי איבער אין אַ נײַעם גלויבן, בוקן זיך פֿאַר אַ פֿרעמדן גאָט.

בעשאַס דער שרעקלעכער גזיירע אין שפּאַניע, דער בלוטיקער אינקוויזיציע, ווען שײַטערס מיט לעבעדיקע אומשולדיקע מענטשן האָבן געפֿלאַקערט אויף די פּלעצער פֿון די שטעט, האָט עזראַ סאַנטאָס צונויפֿגערופֿן אויפֿן ווײַנגאָרטן זײַנע זין און טעכטער און געוואָרנט, אַז קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן פֿאַרנייגן דעם קאָפּ פֿאַר די ראָצכים און טאַליאָנים, ניט פֿאַרלירן די מענטשלעכע ווירדע, ניט פֿאַראַטן דאָס פֿאָלק, זיך ראַנגלען ביזן סאָף פֿאַרן שטיקל ערד, וואָס איז באַגאָסן געוואָרן מיטן אייגענעם בלוט און שוויס. און אויב ער, עזראַ סאַנטאָס, וועט פֿאַרמישפּעט ווערן צום שײַטער און עמעצער פֿון די זײַניקע וועט פֿון שרעק זיך דערנידעריקן און פֿאַראַטן דעם שטאַם, די מישפּאָכע, דאָס פֿאָלק, וועט ער, עזראַ סאַנטאָס, פֿונעם אַש אויפֿשטיין און דערשטיקן דעם פֿאַרעטער...

נאָר קיינעם איז עזראָן ניט אויסגעקומען מישפּעטן, קיינער האָט ניט פֿאַרשעמט דעם פֿאָטער.

וועגן דער אַקשאָנעס און שטאָלץ פֿונעם אַלטן עזראָן האָבן זיך דערוווּסט די טאַליאָנים, און כאָטש עס איז געווען אַ שטרענגער קיניגלעכער באַפֿעל, ניט טשעפּען דעם באַרימטן ווײַנגערטלער, דעם מײַסטער, וואָס האָט גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער מעדינע, — געשלאָגן זיך פֿאַרן פֿאָטערלאַנד אויפֿן יאַם און אויף דער יאַבאָשע, שווער געהאָרעוועט אַלע זײַנע יאָרן, — איז דאָך דער אַלטער געווען צווישן די ערשטע קאָרבאָנעס פֿון דער אינקוויזיציע.

עזראַ סאַנטאָס האָט שטענדיק געלעבט מיט זײַנע שכיינים בעשאָלעם, פֿרײַנטלעך געהאָלפֿן זיי, ווי נאָר ער האָט געקענט, געאַכטעט זייערע מינהאָגים און זייער גלויבן. אָט די גרויסע פֿרײַנטשאַפֿט סאַנטאָסעס מיט זײַנע שכיינים איז טאַקע ניט געפֿעלן געוואָרן די שוואַרצע לײַט. צוערשט האָבן זיי אָנגעשיקט אַ כאָפּטע הענקער, וואָס האָבן דעם אַלטן געפּרוּווט פֿאַרטרײַבן פֿון זײַן שטיקל ערד, צעטאָפּטשען זײַנע לאָזעס, אָפּסאַמען זײַנע ווײַנען און, געווייִנלעך, אויסגעלאַכט זײַנע מינהאָגים, געוווינהײַטן, זײַן גלויבן.

עזראָ האָט דאָס ניט געקאָנט פֿאַרלײַדן. מיט דער הילף פֿון די זין און שכיינים האָט ער פֿאַרטריבן די קוילערס. די סאָנים זײַנע האָבן אָבער ניט געדרעמלט. ווען עזראָס זין זײַנען ניט געווען אין דער היים, האָט צו אים אין הויף אָפּסנײַ זיך אַרײַנגעריסן אַ כאָפּטע מענוואָלים. מע האָט דעם אַלטן ווײַנגערטלער פֿאַרשמידט אין קייטן, אַרויסגעשלעפּט אים אין דרויסן און געטריבן אַ צעבלוטיקטן איבער די גאַסן און פּלעצער, איזדיעקעוועט זיך איבער אים, געשפּיגן אין פּאָנעם...

מע האָט אים אַוועקגעפֿירט קיין מאַדריד, אויפֿן פּלאַץ, ווו עס האָט געברענט אַ שײַטער. די אינקוויזיטאָרס האָבן געמאָלדן דעם אַלטן, אַז ער קאָן זיך ראַטעווען פֿונעם פֿײַער, אויב ער וועט זיך שמאַדן, אָפּזאָגן זיך פֿון זײַן פֿאָלק. נאָר עזראָ סאַנטאָס האָט דערפֿון ניט געוואָלט הערן — ער פֿאַרקויפֿט זיך ניט, ער וועט זיך פֿון זיך אַליין ניט אָפּזאָגן, בעסער טויט, איידער פֿאַראַט...

אין יענער נאַכט האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון זייער אַלטער היים עזראָ סאַנטאָסעס זין און טעכטער, פֿאַרנומען מיט זיך די קינדער, די אייניקלעך, אײַנגעפּאַקעוועט וואָס ס'האָט זיך געלאָזט פֿונעם פֿאַרמעגן און פֿאַרלאָזט די בלוטיקע מעדינע, פֿאַרשאָלטן זי, אירע הערשער און אירע טאַליאָנים אויף דאָר־דויִרעס.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן זייערע ביטערע וואָגלענישן. מע האָט, זוכנדיק יושער, גערעכטיקײַט, אַ דאַך איבערן קאָפּ, געוואַנדערט פֿון לאַנד צו לאַנד, געטריבענע און געדרידעפּטע. ערגעץ־ווּו האָט מען זיך אָפּגעשטעלט, און ביז מע האָט געלאָזט רויִק לעבן, האָט מען זיך אויסגעבויט הײַזער, פֿאַרפֿלאַנצט נײַע ווײַנגערטנער, סעדער, שווער געהאָרעוועט אויפֿן שטיקל ערד, וואָס מע האָט מיט גרויסע צאָרעס געדונגען.

אַזוי האָבן זיך געצויגן יאָרן.

נאָר אָט זײַנען געקומען צו דער מאכט נײַע הערשער, ראָצכים, נײַע געזעצגעבער און זיך פֿלוצעם דערמאָנט, אַז די סאנטאָססעס האָבן זיך זייערע געוווינהײַטן, זייערע מינהאָגים, טראָגן אנדערע קלֿיידער, זינגען אנדערע לֿידער, ריידן אַף אַן אנדער לֿאָשן...

עס האָבן זיך אָנגעהויבן נײַע רעדיפֿעס, נײַע פֿארפֿאָלֿגונגען, און ווידער איז אויסגעקומען ווארפֿן די נעסטן, די פֿארזייטע פֿעלֿדער, די פֿארפֿלֿאנצטע סעדער און ווײַנגערטנער, די ווארשטאטן, קוזניעס, שפּאנען אין די וועגענער די פֿערד און מיט ווײַב און קינד, מיט די זקיינים און קראנקע, מיטן ביסל̄ האָב־און־גוטס זיך לֿאָזן ווײַטער זוכן א היים, ארבעט, זוכן דעם עמעס, יוישער.

דאכט זיך, מער פֿון אלֿע עזראָ סאנטאָססעס יאָרשים האָט אָפּגעגלֿיקט יִצחאָקן.

ער האָט זיך מיט זײַן מישפּאָכע, מיט עטלֿעכע גוטעפֿרײַנט פֿארקלֿיבן אין א ווײַטן קאנט, ערגעץ טיף אין אייראָפּע, אין די קארפּאטער בערג. ער האָט זיך באַזעצט אַפֿן ברעג פֿון א שוימיק טײַכל̄, צווישן גרינע וועלֿדער פֿון פֿיכטעס און שלֿאנקע יעלֿן, הויכע פֿעלֿדזן, באַוואקסענע מיט מאָך. דער ארום איז געווען בעריישעסדיק פּוסט און ווילֿד. אלֿץ האָט מען דאָ געדארפֿט אָנהייבן פֿון סאמע אָנהייב.

עפּעס איינער א רײַכער פֿירשט קורט וואלֿבע, וועמען עס האָט געהערט דער גאנצער קאנט, די ערד און די וועלֿדער, די טשערעדעס און סעדער, האָט באַגעגנט אַפֿן געדרייטן שלֿיאָך דעם קרעפּטיקן יִצחאָקן מיט זײַן מישפּאָכע און נאָך עטלֿעכע בוידן מיט מענטשן. דער פּאָרעץ האָט דערלֿויבט די אויסגעמאטערטע וואנדערער אויסזוכן זיך דאָ א ווינקל̄ אין די בערג, בויען זיך א נעסט, באַארבעטן א שטיקל̄ ערד, אויב עס וועט זיך זיי אײַנגעבן אויסקאָרטשעווען די פּניאָקעס, אָפּרייניקן די שטיינער. ער האָט צוגעזאָגט, אַז קיינער וועט זיי ניט באַאומרויִקן, ניט באַלֿיידיקן, ניט קריוודען.

באַווײַזנדיק מיט דער האנט אַפֿן דאָרעמדיקן שיפּוי פֿון א באַרג, וווּ מע האָט שוין לֿאנג אויסגעהאקט די אלֿטע דעמבעס און יעלֿן, האָט קורט וואלֿבע געזאָגט האלֿב אין שפּאס און האלֿב ערנסט:

— איך זע, אַז איר זײַנט מענטשן מיט גוטע הענט און שטארקע פּלֿייצעס. טאָ מעגט איר זיך דאָ אָפּשטעלֿן, מאכן א טאָלֿק אין אָט דעם ווינקעלֿע. וועט דאָ בײַ אײַך עפּעס אויסוואקסן אַף דער ערד, איז דאָס אַף שטענדיק אײַערס. גאָט וועט העלֿפֿן, אַז איר וועט זיך אמאָל̄ שטעלֿן אַף די פֿיס, וועלֿן מיר זיך צערעכענען. דערווײַל̄ וועט איר א פּאָר טעג אין דער וואָך מוזן ארבעטן אַף מײַנע פֿעלֿדער...

יִצחאָק סאנטאָס האָט זיך אויסגעיִישעווט מיט זײַנע פֿרײַנט. וואלֿבעס כוצפּעדיק שמייכעלֿע איז אים ניט געפֿעלֿן געוואָרן. מע וועט דארפֿן ווערן קנעכט בײַ דעם דאריקן גיוזיק, נאָר קיין אנדער ברייִרע איז ניט געווען. עס האָט זיך דערנעענטערט דער הארבסט מיט די רעגנס און קעלֿטן. ווײַטער זיך שלֿעפּן איז ניט געווען קיין קויעך, און יִצחאָק האָט געענטפֿערט:

— רעכט, זאָל̄ זײַן, ווי איר זאָגט. מיר וועלֿן זיך דאָ אָפּשטעלֿן.

האָט מען אויסגעשפּאנט די פֿערד, פֿארקאטשעט די ארבל̄, גענומען טעסען קלֿעצער, גראָבן די שטיינערדיקע ערד. ניט וויסנדיק פֿון קיין רו, האָט מען געהאָרעוועט טאָג ווי נאכט און אַפֿן שיפּוי פֿונעם קרומען פֿעלֿדזיקן באַרג אוועקגעשטעלֿט עטלֿעכע הײַזער און שטאלֿן.

יעדער וואָך האָט מען עטלֿעכע טעג געארבעט אַפֿן פֿירשטס פֿעלֿדער, דערנאָך זיך אומגעקערט אהיים, געקאָרטשעוועט פּניאָקעס, געדלֿיבעט שטיינער, ארויסגעריסן בײַם באַרג א שטיקל̄ ערד, צעאקערט עס און פֿארזייט טוווּע.

מיט אנגסטן האָט מען געכאָוועט דאָס שטיקל̄ היים.

יִצחאָק סאנטאָס האָט געבראכט מיט זיך לֿאָזעס און פֿארפֿלֿאנצט א קלֿיינעם ווײַנגאָרטן. ווען עס האָבן זיך דערנעענטערט די קעלֿטן, האָט ער צוגעדעקט מיט ערד די איידעלֿע געוויקסן. ער האָט מוירע געהאט, זיי זאָלֿן ניט פֿארפֿרוירן ווערן. עפּשער מיט דער צײַט וועלֿן זיך די לֿאָזעס דאָ אײַנבירגערן, זיך צעוואקסן. פֿרילֿינג האָט ער אופֿגעדעקט דעם ווײַנגאָרטן און דערזען, אַז די געוויקסן האָבן גאנץ גוט איבערגעווינטערט, זיך צוגעוווינט צו דער ערד. אונטער די זון־שטראָלֿן האָבן זיי זיך אָנגענומען מיט קראפֿט, געצויגן זיך צום לֿויטערן הימל̄. און בײַ יִצחאָק סאנטאָסן האָט זיך מאַמעש געפֿרייט דאָס הארץ. אין אָט די ווונדערלֿעכע געוויקסן איז ער געווען פֿארלֿיבט, ווי זײַנע אָוועס.

מיט דער צײַט האָבן זיך דאָ באַזעצט נאָך עטלֿעכע מישפּאָכעס, מע האָט אויסגעבויט נײַע הײַזער, עס זײַנען אופֿגעקומען נײַע נאכלֿעס. בײַם ברעג פֿונעם שוימיקן באַרג־שטראָם, אין א זײַט פֿון דער גרויסער רוישיקער וועלֿט, איז אויסגעוואקסן א קלֿיינינקער יִישעוו, וועלֿכן יִצחאָק סאנטאָס האָט באַקרוינט מיטן נאָמען קאָמענקע — מע זאָל̄ ניט פֿארגעסן, וויִאַזוי מע האָט בײַ די ווילֿדע פֿעלֿדזן, בײַ די שטיינער ארויסגעריסן א שטיקל̄ ערד.

אין די האַרבסטיקע שטילע פֿאַרטאָגן, ווען קורט וואַלבע פֿלעגט פֿאָרן ריַיטנדיק אין די בערג אויף יאַגד מיט אַ פּריַילעכער סוויטע, פֿלעגט ער אַמאָל פֿאַרקערעווען אַהער, אין יִישעוו, זיך אָפּ־שטעלן לעבן יִצכאָקס הייפֿל, לאַנג באַטראַכטן די באַלעבאַטישקייַט, דעם גאָרטן, זיך צוקוקן, ווי די גאַנצע מישפּאָכע — קליין און גרויס — האָרעוועט אויף דעם ברעקל ערד, און וווּנדערן זיך. פֿאַר אַזאַ קורצער צייַט האָט מען טאַקע געמאַכט אַ טאָלק פֿון דעם פֿאַרוואָרפֿענעם ווינקל.

— יִצכאָק, — האָט זיך איינמאָל אָנגערופֿן קורט וואַלבע, זיצנדיק אין זאָטל אויף זייַן פֿערד און קוקנדיק, ווי דער ברייטפּלייציקער, פֿאַרברוינטער און גראָוולעכער מענטש באַאַרבעט פֿליַי־סיק די ערד, — יִצכאָק, איך קוק אויף דיר, אויף דייַנע קינדער און שכיינים און וווּנדער זיך. מע האָט מיר געזאָגט אַמאָל, אַז אייַערע, דאָס הייסט מענטשן פֿון דייַן גלויבן, האָבן ניט ליב באַאַר־בעטן די ערד. עס ציט זיי צו האַנדל־וואַנדל, אין שטעט... זיי האָבן ליב ספֿאָרים... און דאָ זע איך גאָר עפּעס אַנדערש.

יִצכאָק סאַנטאָס האָט אויסגעגלייַכט זייַנע פּלייצעס, אָפּגעווישט מיטן אַרבל דעם געדיכטן שווייס פֿונעם פּאָנעם, אויפֿגעהויבן די גרויסע שוואַרצע אויגן אויפֿן גאַסט און ווי זייַן שטייגער צעפֿירט מיט די הענט:

— אַדוינע פּאָרעץ, איר זענט ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער, וועמען מע דערציילט אַזעלכע באָבעמייַסעס... איר זעט די הייַזלעך, די גערטענער, די סעדלעך? ווער זשע האָט זיי פֿאַר אונדז געבויט, ווער האָט די קלעצער געטעסעט? ווער האָט די פֿניאָקעס געקאָרטשעוועט? און וואָס איז שייַעך יענע, וואָס ווױנען אין די שטעט און לעבן פֿון האַנדל־וואַנדל, איז וויל איך אייַך ענטפֿערן. איר זעט אָט דעם שטראָם, די שטיינער בײַ זייַנע ברעגן? זייַנען דען די שטיינער ענלעך איינער אויפֿן צווייטן? פֿאַרשיידן זייַנען אויך אונדזערע מענטשן. נו, און די מענטשן פֿון אייַער גלויבן, אַדוינע פּאָרעץ, זייַנען דען ניט פֿאַרשיידן? אייניקע פֿאַרוויַילן זיך, לעבן אַ מעשוגענעם טאָג, רייַטן אויף גוטע פֿערד, פֿאָרן אויף יאַגד אין די בערג, אַנדערע האָרעווען מיטן בלוטיקן שווייס און האָבן ניט צו זאַט דאָס שטיקל ברויט. אַזוי איז די וועלט געבויט. וואָס קאָן מען טאָן?

קורט וואַלבע האָט זיך פֿאַרקרימט. זייַנע גרינע אייגעלעך האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט רעציכע. ער האָט געוואָלט פֿאַרהייבן דעם אַראַפּניק און דערלאַנגען דעם אַזוספּאָנעם איבערן קאָפּ פֿאַר אַזעלכע רייד, נאָר ער האָט זיך געשעמט פֿאַר זייַנע געסט, וואָס זייַנען געשטאַנען בײַ דער זייַט.

ער האָט אָפּגעמאָסטן יִצכאָקן מיט קאַס פֿון קאָפּ ביז פֿיס, ווי איינער זאָגט: „פֿאַר די ווערטער וועסטו נאָך באַקומען, שווייַן!“

אַ שמייַס געטאָן מיט האַסט דאָס פֿערד, איז קורט וואַלבע אַוועקגעריטן.

יִצכאָקס שכיינים האָבן דערשראָקן זיך אָנגערופֿן צום אַקשן:

— יִצכאָק, צוליב וואָס האָסטו מיט אים אַזוי גערעדט? דו ווייסט דען ניט, אַז ער קאָן זיך נויקעם זייַן אין אונדז?

— איך ווייס... נאָר אָפּשווייַגן האָב איך ניט געקאָנט. זאָל ער וויסן!

קורט וואַלבע איז אָפּגעריטן אַ ביסל און זיך אָפּגעשטעלט בײַם ווייַנגאָרטן, באַטראַכט די לאָזעס. ער איז געווען געפּלעפֿט פֿון די ווייַנטרויבן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אָנגיסן מיט זאַפֿט. צוגערופֿן דעם באַלעבאָס, האָט ער געפֿרעגט:

— היי, דו, יִצכאָק, וואָס איז דאָס? בעסער וואָלסטו פֿאַרזעצט קאַרטאָפֿל, די קינדער זאָלן בײַ דיר ניט געשוואָלן ווערן פֿון הונגער.

— דאָס איז ניט אייַער זאָרג, — האָט יִצכאָק אָפּגעענטפֿערט, — קאָלזמאַן מייַנע הענט דינען מיר, וועלן די קינדער בײַ מיר ניט הונגערן...

קורט וואַלבע איז אַוועקגעריטן, און די בונטע כאַליאַסטרע געסט האָט זיך געלאָזט נאָך אים. אָנגעשפּאַרט זיך אויף די הענטלעך פֿון זייערע גראָבייַזנס, זייַנען געשטאַנען די שכיינים און מיט פֿאָרוווּרף געקוקט אויף סאַנטאָסן.

— יִצכאָק, מע מעג דען אַזוי רעדן מיט אַ רעציִעך? ער קאָן דאָך אונדז אַלעמען אומברענגען. פֿאַר אים זייַנען נישטאָ קיין געזעצן און מיר זייַנען רעכטלאָז, אָפּהענגיק פֿון זייַנע מעשוגאַסן...

— נישקאָשע, — האָט זיך אָנגערופֿן יִצכאָק סאַנטאָס און זיך ווידער גענומען פֿאַר דער אַרבעט, — זאָל ער פּלאַצן פֿון פֿאַרדראָס! מיך האָט מען ניט געלערנט זיך בוקן פֿאַר קיינעם. אַזאַ מענטש בין איך — איך וועל ניט מויכל זייַן קיין כוצפּע אַפֿילע דעם אייגענעם טאַטן.

נישטאָ קיין רו אַף דער ערד

נאָך צוויי יאָר איז אוועק, דער ייִשעוו איז זיך צעוואַקסן. אַף דעם געסל, וואָס האָט זיך געצויגן לענגויס דעם באַרג־שטראָם, האָבן געפּילדערט קינדער. אין די הײַזלעך, אונטער די באַלקנס, האָבן יונגע מאַמעס געוויגט זייערע ערשטלינגען. דער ייִשעוו איז מיט יעדן טאָג געוואָרן רוישיקער, פריילעכער. אין די פאַרנאַכטן זײַנען באָכערים מיט מיידלעך געזעסן אַף די שטיינער באַם באַרג־שטראָם. זקיינים האָבן זיך געזאַמלט אין רעדלעך, גערייכערט, באַטראַכט די וועלט, גערעדט וועגן מאָשיִעכן...

דאָס לעבן איז געגאַנגען מיט זײַן געוויינלעכן גאַנג.

איז אָבער א נײַער אומגליק געשען אין דער קליינער מעדינע.

פרעמדע כאַיאָלעס האָבן זיך דערנעענטערט צו אירע גרענעצן און געדראָעט מיט סרייפעס, מיט פאַרשקלאַפונג, מיט טויט.

אָן איימע האָט ארומגעכאַפּט דעם קליינינקן ייִשעוו. ניט אַנדערש, אַז דורכדאַנען וועט דורכגיין מיט פײַער און שווערד דער סוינע.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער האַרבסט, און ייִצכאָק סאַנטאָס האָט אויסגעגראָבן די קאַרטאָפּליעס אַפן גאָרטן, אויסגעדראָשן דאָס ביסל קאָרן, צוגעדעקט די לאָזעס מיט ערד, דאָס זעלבע באַפוילן טאָן די שכיינים און קרויווים.

ער האָט גענומען מיט זיך דעם עלטערן זון, עפראַיִמען, די שכיינישע באָכערים און זיך אוועקגעלאָזט מיט זיי אין שטעטל, וואָס איז געלעגן עטלעכע צענדליק ווערסט פונעם יונגן ייִשעוו און געבעטן, מע זאָל זיי געבן געווער, ווען מען גייען זיך שלאָגן קעגן סוינע.

די שטאָט־באַלעבאַטים האָבן מיט קאָוועד באַגעגנט סאַנטאָסן און אַלע די, וואָס זײַנען געקומען מיט אים. דאָס, וואָס מענטשן, נישט הײַ־געבוירענע, ווילן זיך אײַנשטעלן פאַר דער מעדינע, האָט דערפרייט און אופגערודערט אַלעמען. דאָך האָט זיך געפונען איינער פון די עלטסטע אָפּיצערן, וואָס האָט, קוקנדיק אַף די פרײַוויליקע, געזאָגט:

— דאָס, וואָס איר זענט טרײַ אונדזער לאַנד, געפעלט מיר. צי וועט איר אָבער קענען גיין אין שלאַכט? איך האָב געהערט, אַז מענטשן פון אײַער גלויבן זײַנען פרידלעכע, איר זענט, זאָגט מען, א פאָלק פון ספאָרים און ניט פון מילכאָמע.

ייִצכאָק סאַנטאָס האָט געענטפערט פאַר אַלעמען:

— דאָס האָבן אײַך געזאָגט אַזעלכע, וואָס ווייסן ניט אונדזער געשיכטע. אונדזערע אָוועס האָבן ליב געהאַט ספאָרים, נאָר אַז מע איז אַף זיי אָנגעפאַלן, האָבן זיי געקעמפט פאַרטיידיקן זייער ווירדע. און אַזוינס איז אויך קעדײַ צו וויסן: ווי פאַרשיידן זײַנען די זעמדעלעך אַפן ברעג טײַך, אַזוי פאַרשיידן זײַנען אונדזערע מענטשן. איינע האָבן זיך טאַקע ארײַנגעלאָזט אין ספאָרים, אַנדערע — אין גרויסשטאָטישע איניאָנים, נאָר דאָס פאָלק, דאָס פּאָשעטע פאָלק, האָרעוועט שווער אַף דער ערד, ווער באַ וואַרשטאַטן, מע ווייסט די פרײַז פונעם ביטערן שטיקל ברויט.

דער אָפּיצער האָט אויסגעהערט די רייד און ווידער געזאָגט:

— ווי איך פאַרשטיי, סאַנטאָס, וווינסטו אָבער ניט באַ זיך אין לאַנד...

ייִצכאָק האָט זיך א גלײַך געטאָן און געענטפערט פעסט:

— איך באָברע זיך באַ דעם שטיקל ערד, וואָס איך האָב אָפּגעקעמפט באַם באַרג. מיט אָט די צען פינגער דעראָבער איך פאַר זיך, פאַר מײַן ווײַב און קינדער דעם ביסן, פונקט ווי די טויזנטער דײַנע לאַנדסלײַט. איך בין א מענטש, און מײַן היימלאַנד איז דאָרט, ווו מע רעכנט מיך פאַר א מענטשן, ווו מע רירט ניט אָן מײַן קאָוועד, ווו איך האָב די מעגלעכקײַט אָנווענדן מײַן קויעך, מײַנע הענט, ווו עס געפינען זיך די קוואָרים פון מײַנע נאָענטע. ניט ווײַט פון מײַן שטיקל ערד, אַפן באַרג, האָבן מיר שוין געבראַכט צו קווורע ניט איין אַלטיטשקן. ווען מײַן האַרץ פילט, אַז דאָ איז ניט מײַן היים, וואָלט איך אַהער ניט געקומען, איך וואָלט ניט מיטגענומען מײַן באַליבטסטן זון, דעם בכאָר און אָט די יונגען, וואָס שטייען פאַר דיר...

סאַנטאָס און אַלע, ווען ער האָט געבראַכט צו פירן, האָבן באַקומען געווער און אוועק אין שלאַכט. א האַלב יאָר האָט מען אינעם קליינינקן ייִשעוו, וואָס לעבן באַרג, ניט געהערט וועגן סאַנטאָסן מיט זײַנע כעוורע. מע האָט זיי שוין אַפילע באַוויינט. אָבער עס איז געקומען א טאָג און סאַנטאָס האָט זיך אומגעקערט. אומגעקערט האָבן זיך אַלע, כוץ זײַן בכאָר — עפראַיִם. דאָס פּאָנעם ייִצכאָקס איז געוועזן שוואַרץ, באַדעקט מיט טיפע קנייטשן. די וואָנצעס און די געקרײַזלטע האָר אַפן קאָפּ זײַנען געוואָרן א סאַך גראָוער, ווי פריִער. אַף זײַן לײַב האָבן נאָך ניט אינגאַנצן פאַרהיילט זיך עטלעכע טיפע ווונדן פונעם סוינעס פּיקעס.

איצט האָט קורט וואַלבע געוווסט, אַז צו ייִצכאָקן דאַרף מען זיך באַציִען מיט באַזונדערן דערעכערעץ. און אַזוי אויך צו אַלע אַנדערע, וואָס זײַנען געקומען פון שלאַכט. א שטיק צײַט האָט

קיינער זיי ניט געטריבן צום פירשט אַף אַרבעט, ניט געפּאָדערט קיין שטײַערן, ניט געטרייבערט די נעשאַמע, ווי פריִער, ביז דער מילכאָמע.

אָבער ווען ייִצכאָק סאַנטאָס האָט זיך אַרומגעקוקט צו זײַן שטיקל באַלעבאַטישקײַט, האָט ער דערזען, אַז עס איז גוט אַף צאַרעס. דער ווײַנגאָרטן איז גאָר פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן, די לאָזעס האָבן פאַרוועלקטע, טרוקענע קוים אַרויסגעזען זיך פון צווישן ווילדגראָז. מע האָט גע־דאַרפט אַלץ אָנהייבן פונדאָסנײַ. און ער האָט זיך ניט געפוילט, ווידער צוגעגרייט דאָס פעלד, פאַרזעצט נײַע לאָזעס.

ער וואָלט זיך עפשער איצט שוין ניט אַרײַנגעטאָן אינעם ווײַנגאָרטן, צופיל קויכעס האָט אָפּגענומען די מילכאָמע. נאָר אין יענעם פרימאָרגן, ווען ער איז געשטאַנען בא עפראַיִמס אָפע־נעם קייווער, האָט ער געגעבן א נײדער, אַז דעם ווײַנגאָרטן וועט ער פלאַנצן אין זײַן זונס אָנדענק.

דרײַ יאָר זײַנען אַוועק, און אַפן דאַרעמדיקן שיפּוי פונעם באַרג, צווישן שטיינער, האָט זיך צעשפּרייט א פּרעכטיקער ווײַנגאָרטן. זײַן ערשטע געדעטעניש האָט מאַמעש איבעראַשט. פון שכײנישע דערפער איז מען געקומען קוקן אַפן ווונדער, און מע האָט סאַנטאָסן געליבט אין טאָג אַרײַן.

עס איז אָהער איך אַראָפּגעקומען קורט וואַלבע, ער האָט לאַנג באַטראַכט די גאָלדענע הענגלעך ווײַנטרויבן און איז ניט בעקויעך געווען אויסצובאַהאַלטן זײַן קינע. ער האָט זיך גאָר ניט פאַרגעשטעלט, אַז אַף דעם באַרג וועלן אויסוואַקסן אַזעלכע געטלעכע געוויקסן.

דער פּאָרעץ האָט געפּאָדערט, אַז סאַנטאָס זאָל אים אָפּגעבן א העלפט פון דער געדעטעניש. ייִצכאָק איז געבליבן שטיין א געפּלעפּטער. ער האָט געקוקט אַף דעם קליינוווקסיקן, דאַרן מענטשל מיטן געלן פאַרמעטענעם פּאָנעם און מיט די קאַלטע סאָווע־אויגן. דער פּאָרעץ האָט געוואַרט, וואָס וועט ענטפערן דער ווײַנציכטלער, און ייִצכאָק האָט אַלץ געשוויגן. קורט וואַלבע איז ניט געווינט געווען לאַנג וואַרטן, ווען ער האָט עפּעס געפּאָדערט בא זײַנע אונטערטעניקע. אָט האָט ער שוין א קרומען שמייכל געטאָן און ווידער איבערגעכאַזערט זײַן פּאָדערונג.

— דאָס איז א קאָוועד פאַר מײַן כלאָפּ, אויב איך וויל געניסן פון זײַן געדעטעניש, — האָט וואַלבע צוגעגעבן.

נאָר ייִצכאָק האָט געגעבן א דריי מיטן קאָפּ אַף „ניין":

— אָט דאָס וועט ניט זײַן!..

גאָרנישט ניט געענטפערט, האָט דער פירשט געזעצט זיך אין קאַרעטע און געהייסן טרײַבן די פערד.

דער אוילעם, וואָס איז געשטאַנען דערבײַ, איז דערציטערט געוואָרן. אַלע האָבן פאַר־שטאַנען, אַז סאַנטאָסן וועט זײַן אַקשאָנעס טײַער אָפּקאָסטן. אָבער זאָגן וועגן דעם האָט קיינער ניט געוואָגט. ער איז געווען אופגערעגט. און וואָס האָט איצט שוין געקאָנט העלפן, אויב מע וועט אים זאָגן?

ייִצכאָק איז אָבער בא זיך געווען פעסט. טאָמער וועט דער פּאָרעץ זיך נעמען טשעפּען צו אים, וועט ער אָנטאָן זײַן מונדיר, זײַנע באַלוינונגען, נעמען די כעוורע, מיט וועלכע ער איז געווען אַף דער מילכאָמע, און באַשטיין אַף זײַנע רעכט. עס לעבט נאָך דער גענעראַל, וואָס האָט אים געגעבן די באַלוינונגען, עס לעבן נאָך יענע, וואָס האָבן אים געזען אין שלאַכט.

— סאַנטאָס, די שפּיל איז פאַרן טײַוול, — האָבן אים געוואָרנט די שכײנים, — מיט דעם ראָשע טאָר מען זיך נישט פאַרקריגן.

נאָר ייִצכאָק האָט דערפון ניט געוואָלט הערן. ער זשאַלעוועט ניט די געדעטעניש, ניט אין דעם גייט עס. עס קאָסט אים געזונט דעם פּאָרעצס שטעל. ער, סאַנטאָס, איז ניט קיין קנעכט. די געדעטעניש — דאָס איז בלוטיקע האָרעוואַניע, און ניט צוליב דעם, אַז מע זאָל אים דערנײַ־דעריקן, טאַפּטשען, האָט ער געפלאַנצט דעם ווײַנגאָרטן.

א פאַרביטערטער, א דערצאָרנטער, האָט ייִצכאָק גערופן אַלעמען פון ייִשעוו, קליין און גרויס, אַפן ווײַנגאָרטן, א ווײַז געטאָן אַף די שווערע הענגלעך, באַגילדעטע פון דער זון, און אויסגערופן:

— מענטשן, דאָס איז אײַערס! עסט, נעמט, וויפל דאָס האַרץ גלוסט!

דער אוילעם האָט זיך א לאָז געטאָן מיט קוישן און מיט עמערס צו די לאָזעס. קינדער האָבן געטאַנצט אַרום די קוסטעס, געגעסן, פאַרכלינעט זיך פון פאַרגעניגן, און מיט דאַנקבאַרע אויגן געקוקט אַף דעם שטרענגן, אָנגעכמורעטן באַלעבאָס, פאַר וועלכן אַלע האָבן דאָ געהאַט גרויס דערעכערעץ.

אַף מאָרגן איז געקומען צו פאָרן קורט וואַלבעס שאַליעך און געמאָלדן, אַז אַלע אײַנוווי־נער פונעם ייִשעוו דאַרפן גאַנצפרי אַרויסגיין אַרבעטן אַפן פּאָרעצס פעלדער.

אין עטלעכע טעג אַרום איז געקומען אַ נײַער באַפֿעל: די ישוווניקעס דאַרפֿן באַצאָלן פֿאַר דער ערד, וואָס זיי באַאַרבעטן, און פֿאַר דעם געהילץ, וואָס זיי האָבן אויסגעהאַקט אין די וועלדער, קעדיי אויסבויען די הײַזער, די שטאַלן...

— ייִצכאָק, מיר האָבן דיר אָבער געזאָגט, אַז מיט דעם ראָשע טאָר מען זיך נישט פֿאַר־קריגן. ער וועט אונדז אַלעמען דערגיין די יאָר, — האָבן מענטשן געטײַנעט.

נאָר סאַנטאָס האָט געשוויגן. ער האָט געגראָבן אַ טיפֿן קעלער, געמאַכט גרויסע דעמבענע פֿעסער און געשטעלט ווײַן.

דער פּאָרעץ האָט באַפֿוילן, סאַנטאָס זאָל אים צושטעלן ווײַן. נאָר דער אַקשן האָט דערפֿון אויך ניט געוואָלט הערן. אַרײַנגעפֿירט אין קעלער אַלע זײַנע שכיינים און פֿרײַנט, האָט ער געזאָגט:

— טרינקט, זשאַלעוועט ניט! ברענגט קיילים און טראָגט אַהיים די מאַשקעס, וויפֿל אײַער האַרץ גלוסט!

דרײַ טעג און דרײַ נעכט האָט דער אוילעם פֿונעם קליינינקן ייִשעוו געטרונקען, געהוליעט, געזונגען.

עלטערע לײַט האָבן דאָס צוגעקוקט און געטײַנעט:

— ייִצכאָק, די שפּיל איז פֿאַרן טײַוול...

די צײַט איז געגאַנגען, און דער פּאָרעץ האָט געטאָן די ייִשוווניקעס געבראַנטע ליידן. אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק האָט ער אָנגעשיקט נײַע שלעק, וואָס זײַנען אַרומגעגאַנגען פֿון שטוב צו שטוב און צוגענומען, וואָס ס'האָט זיך געלאָזט. די ייִשוווניקעס האָבן געוווּמען בעטן בײַ ייִצכאָקן, ער זאָל עפּעס טאָן. ער איינער קאָן פֿאַרהײַטערן זייער לעבן, זאָל ער אָדער אויספֿילן דעם פּאָרעצס באַגער, אָדער פֿאַרן ערגעץ העכער זוכן גערעכטיקײַט.

דערווײַל האָט קורט וואַלבע באַפֿוילן ייִצכאָק סאַנטאָסן מיט זײַן גאַנצער מישפּאָכע, מיט אַלע ייִשוווניקעס, זיי זאָלן אַרום פּריצישן הויף פֿאַרפֿלאַנצן אַזאַ ווײַנגאָרטן, ווי בײַ אים, בײַ סאַנטאָסן, דערצו נאָך זאָל ער אַרויסגעבן דעם סאָד פֿון מאַכן זײַן, סאַנטאָסעס, ווײַן. און ייִצכאָק האָט געענטפֿערט, אַז דאָס וועט דער פּאָרעץ בײַ אים ניט פּויעלן. די סוידעס, וויאַזוי מע פֿלאַנצט אַזעלכע ווײַנגאַרטנער, ווי מע מאַכט אַזעלכע ווײַנען, ווערן איבערגעגעבן בלויז די זין, די קינ־דער, די אייניקלעך און די בעסטע פֿרײַנט, אַזוי איז אײַנגעפֿירט בײַ די סאַנטאָסעס פֿון דאָר־דוירעס. דאָס איז דער ניידער פֿון עלטער־עלטערזיידע, פֿון דעם זיידן, פֿאָטער, און דאָס איז אויך זײַן ניידער.

ווידער נאָוונאַד

ס'איז אַוועק נאָך אַ יאָר. דער ווײַנגאָרטן האָט געגעבן גאָר אַ גרויסע גערעטעניש. דער ווײַן אין קעלער איז געוואָרן עלטער און געשמאַקער. קורט וואַלבע איז אַהער אַראָפּגעקומען, באַטראַכט די לאָזעס, די פֿעסער ווײַן אין קעלער, און אַלץ מער געכמורעט זיך. וואַלבע האָט אַזוי טאַקע געזאָגט סאַנטאָסן: אויב ער וועט ניט אויספֿילן דאָס, וואָס ער, דער פּירשט, האָט שוין עטלעכע מאָל געפֿאָדערט, וועט זײַן שלעכט.

ייִצכאָק האָט געענטפֿערט, אַז דעם סאָד, וויאַזוי מע מאַכט דעם דאָזיקן ווײַן, וועט ער איבער־לאָזן בלויז זײַנע זין, און קיין קנעכט באַם פּירשט איז ער ניט.

ווידער האָט אַ כמאַרע זיך אָנגערוקט אַפֿן קליינינקן ייִשעוו. מע האָט אַלע טאָג געוואַרט אַף אַן אומגליק.

און ייִצכאָק האָט גראָד געוואַרט אַף גליק. ער האָט אויסגעגעבן זײַן טאָכטער, זײַן ליב־לינג און טרייסט — נעכאַמקען. זי האָט געשעמט מיט איר שיינקײַט. איר שטאַלט, איר לענגלעך פֿאַרברוינט פּאָנעם, די גרויסע ליכטיקע אויגן, די שוואַרצע צעפּ ביז די קני — אַזוינס האָט מען נאָך אין ערגעץ ניט געזען.

ייִצכאָק האָט אַרויסגעקײַקלט פֿונעם קעלער עטלעכע פֿעסער ווײַן, אַרופֿגעשטעלט זיי אַף אַ פֿור און אַוועקגעלאָזט זיך אין דער גרויסער שטאָט. ער וועט פֿאַרקויפֿן דעם ווײַן און ברענ־גען דער טאָכטער כאַסענע־קליידער, מאַטאָנעס. איניינוועגס וועט ער אַרײַנגיין צו די גרויסע הערשער פֿון דער שטאָט און בעטן, מע זאָל זיך אײַנשטעלן פֿאַר אים און פֿאַר דעם ייִשעוו, זען עפּעס טאָן, אַז דער פּאָרעץ זאָל זיי לאָזן לעבן. ער האָט דאָך ערלעך פֿאַרדינט, מע זאָל אים ניט דערגיין די יאָרן.

עטלעכע טעג האָט סאַנטאָס פֿאַרבראַכט אין דער גרויסער, שיינער שטאָט, געקויפֿט פֿאַר דער טאָכטער און פֿאַרן איידעם אַנטיקלעך. ער האָט זיך אויך אַוועקגעלאָזט צו די געדוילים

מיט זײַנע אַנקלאַגעס און טײַנעס, נאָר מע האָט אים אין ערגעץ ניט צוגעלאָזט, געטריבן פֿון אַלע שוועלן, און ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז גיין זיך קלאָגן אַף א פֿאַרעץ איז פונקט דאָס זעלבע, וואָס שפּײַען קעגן דעםווינט...

און אַנטוישטער און צעבראָכענער, האָט ער זיך אוועקגעלאָזט אַהיים. וועגן דעם אומקאָוועד האָט ער געפרוווט ניט טראַכטן. דער קאָפּ איז פֿאַרנומען געווען מיט דער כאַסענע. צי האָט ער אַלץ גוט אײַנגעקויפט? צי וועט עס געפֿעלן נעכאַמקען און דעם כאַסן? אַזויפיל צאָרעס איז מען אויסגעשטאַנען, איז זאָל כאָטש די כאַסענע זײַן א פֿריילעכע, זאָל זי פֿאַרגעדענקען זיך אַף שטענדיק.

יִצכאָק סאַנטאַס איז געפֿאָרן מיט געדרייטע באַרג־וועגן, און דער פֿרילינג האָט געבושע־וועט אַף דער ערד. די וווּנדער־שיינע קאַרפּאַטן האָבן זיך באַדעקט מיט גרינס. דער דופט פֿון די ביימער, פֿון די פֿרישע גראָזן האָט מאַמעש פֿאַרשיקערט, עפּשער בעסער פֿון דעם ווײַן, וואָס יִצכאָק האָט פֿאַרקויפט און וואָס האָט אַזוי אויסגענומען אַפֿן מאַרק באַם אוילעם.

סאַנטאַס האָט געטראַכט, אַז אַט וועט ער פֿאַרטיק ווערן מיט דער כאַסענע, וועט ער זיך נעמען פֿאַרן ווײַנגאָרטן. מע וועט אָפּרייניקן פֿון שטיינער נאָך א שטיק באַרג, מאַכן נאָך פּעסער, קעדיי עס זאָל אין זיי קיין מאַנגל ניט זײַן, דער ווײַן זאָל זיך קאָנען גוט אויסשטיין. מע וועט אויך דאַרפֿן העלפֿן דער טאָכטער בויען זיך א שטוב, נעכאַמקע וועט דאָך אײַנפֿירן איר אייגענע באַלעבאַטישקײַט. א גרויסער אָל איז געפֿאַלן אַף זײַנע פּלייצעס, נאָר דאָס האָט אים בלויז געפֿרייט.

אין וועג האָט ער זיך פֿון צײַט צו צײַט אָפּגעשטעלט האָדעווען און פֿאָיען די פֿערד, נאָר ביכלאַל האָט ער געײַלט. אַפֿן האַרצן איז עפּעס געווען אומרויִק. צי איז דאָרט אַלץ אין אָרדע־נונג, אין דער היים, צי זײַנען אַלע געזונט? קיין גוטע נײַעס האָט ער ניט געפֿירט. ער האָט טאַקע אין שטאָט גאָרנישט זיך ניט דערשלאָגן, אַז מע זאָל אין יִשועו אָפּעטעמען א ביסל פֿרײַער. איז מײלע, זאָל כאָטש די כאַסענע זײַן אַן עמעסע כאַסענע, זאָל א ביסל דער אוילעם פֿאַרגעסן אין די צאָרעס. יאָ, ניט אומזיסט האָבן אים די שכיינים געוואָרנט, אַז ער הייבט אָן א שפּיל מיטן טײַוול. און נאָך האָבן זיי אים געזאָגט, ער זאָל ווייניקער לייגן האָפֿענונג אַף זײַנע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער מעדינע — אַזוי פֿירט זיך פֿון טאָמיד, אַז דו גייסט מיט דער ביקס און ראַטעוועסט די מעלוכע, לויבט מען דיך אין טאָג אַרײַן, מע באַשטעקט דיך פֿאַר דײַן מעסירעסנעפּעש מיט מעדאַלן און קרייצן, אויב דו לייגסט, געוויינלעך, ניט אַוועק דעם קאָפּ. נאָר ווײַבאַלד עס ווערט שטיל, אַזוי פֿאַרגעסט מען דיך, און קיינער דאַרף דיך ניט האָבן. און נאָך האָט מען אים געזאָגט, אַז באַם בלוטיקן סוינע איז עפּשער גרינגער געווען געווינען די מילכאָמע, איידער בא דעם פֿאַרעץ, וואָס פֿילט זיך דאָ אַף זײַן ערד, ווי א קייסער... שטענדיק וועט ער זײַן דער גערעכטער, ניט דו...

פֿאַרטאָן אין זײַנע מאַכשאָוועס, האָט סאַנטאַס ניט באַמערקט, ווי די זון האָט גענומען ני־דערן צו די הויכע בערג. נײן, נעכטיקן אונטערוועגנס איז ניט קעדײַ, מע דאַרף בעסער אונ־טערטרײַבן די פֿערד און אײַלן אַהיים, מע קער שוין לאַנג אַף אים אַרויסקוקן.

און ווידער האָבן אים געמוטשעט געדאַנקען: דער פֿאַרעץ האָט אַנומלטן איבערגעגעבן די מענטשן פֿון יִשועו, אַז מע זאָל זיך ניט דערוועגן פֿאַרזייען די פֿעלדער, באַאַרבעטן די גערטע־נער. ער וויל ניט, דער פֿאַרעץ, אַז זיי אַלע, די יִשוּווניקעס, און דעריקער אַט דער סאַנטאַס, זאָלן ווינען אַף זײַן ערד, זאָלן זיי זיך פּונדאַנען פֿאַרנעמען מיט זייערע בעבעכעס...

יִצכאָק האָט ניט געקאָנט גלייבן, אַז אַזוי וועט ער טאָן, דער פֿאַרעץ. צי דען איז ער שוין אינגאַנצן מעשוגע געוואָרן? עפּשער איז ער געווען שיקער, ווען ער האָט אַזוינס באַפֿוילן? ניט אַזוי לײַכט וועט ער זיך ספּראַווען מיט אים, מיט סאַנטאַסן, און מיט אַן איידע מענטשן, אַזויפֿיל מי האָט מען אַרײַנגעלייגט אין אַט דעם שטיקל ערד! וואָס האָט ער באַפֿוילן, דער טויגעניכץ, דער וואָלבע, מע זאָל דעם פֿרילינג ניט זייען אַף זײַן ערד? וואָס זשע זאָלן מענטשן טאָן, זיך אוועקלייגן און שטאַרבן? דער פֿאַרעץ האָט אַזוי באַפֿוילן? נײן, ניט אַזוי גיך גיט מען זיך אונ־טער! עס איז דאָ א געזעץ אין לאַנד, עס זײַנען נאָך פֿאַראַן מענטשן, עס לעבט נאָך יוישער אַף דער וועלט!

די פֿערד האָבן פֿריילעכער זיך אוועקגעטראָגן אַראָפּ־באַרג — זיי האָבן דערפֿילט דעם גערוך פֿון זייער שטאַל.

יִצכאָק האָט פֿאַרקערעוועט צום ווײַנגאָרטן, וואָס איז ניט ווײַט פֿון זײַן הויף. נאָר, גאָט מײַנער, וואָס איז דאָרט געשען? וואָס הערט ער עס פֿאַר א געיאָמער? צי עס ווײַזט זיך אים אויס? וואָס איז דאָרט, באַם אַלטן נוסנבוים, פֿאַר אַן אַנגעלויף פֿון מענטשן, וואָס האָט מען אַרומגערינגלט דעם בוים, וואָס קומט דאָרטן פֿאָר?

דאָס האַרץ האָט מוירעדיק פאַרקלעמט. ייִצחאָקן האָט זיך געדאַכט, אַז עס האָט זיך גאָר אָפּגעריסן, דאָס האַרץ.

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער פור און זיך געלאָזט לויפן אַהין, ווו די מענטשן האָבן זיך געשטויסן.

ווען דער אוילעם האָט דערזען סאַנטאָסן, איז געוואָרן שטיל, יעדערער האָט זיך גענומען אָפּרוקן אין א זײַט, מע האָט געקוקט אַף אים מיט פּאַכעד און ווייטעק.

וואָס איז דאָס? א בייזער כאָלעם? אַפן נוסנבוים איז געהאַנגען נעכאַמקע...

סאַנטאָס איז א רעגע געשטאַנען מיט צוגעמאַכטע אויגן, נאָר אָט האָט ער זיי ווידער געעפנט, געמאַכט נאָך עטלעכע שווערע טריט צום נוסנבוים און זיך באַגעגנט מיט דער טאָכ־טערס פאַרגליווערטן בליק. דער ווינט האָט קוים געוויגט איר שלאַנקן גוף, געשויבערט אירע לאַנגע האַלב־צעפלאָכטענע צעפּ, באַוועגט איר צעריסן קלייד.

— וואָס הייסט דאָס, מענטשן? וואָס איז געשען?

מע האָט געשוויגן, בלויז עטלעכע פרויען האָבן זיך צעוויינט, און עמעצער האָט געפּרוווט אײַנהאַלטן זײַן, סאַנטאָסעס, ווײַב, וואָס האָט א דולע זיך געריסן צו דער טאָכטער און שוין ניט געהאַט קיין קויעך צו קלאָגן.

עטלעכע אַלטע לײַט האָבן אַראָפּגענומען נעכאַמקען פון דער טליִע. נעכאַמקע איז געלעגן אַף דער פײַכטער ערד, און ייִצחאָק איז געשטאַנען לעבן איר, געשטאַנען צוגעשפּאַרט דעם שטערן צו דער קאָרע פונעם נוסנבוים און געהערט, ווי א שאָכן האָט שטיל דערציילט, וואָס דאָ איז געשען.

באַטאָג האָט נעכאַמקע זיך אַראָפּגעלאָזט צום גרויסן פעלדז, וואָס הענגט איבער דעם באַרג־שטראָם, און זיך געשטעלט וואַשן גרעט. די היגע פאַסטעכלעך, וואָס האָבן ניט ווײַט געהיט די טשערעדע, האָבן געזען, ווי קורט וואַלבע מיט עטלעכע פון זײַנע לײַט האָבן רײַטנדיק זיך אומגעקערט פון יאַגד. דער פאַרעץ האָט אַרופגעכאַפּט דאָס מיידל אַפן פערד און אַוועקגעטראָגן זיך מיט איר אין די בערג. ווען מע האָט אין ייִשעוו זיך דערוווּסט, וואָס עס איז געשען, האָט מען זיך אויך אַוועקגעלאָזט אין די בערג, מע האָט גענישטערט אומעטום, נאָר קיינעם ניט געפונען. ערשט פריִער מיט א פערטל שאָ האָט מען זי דערזען, נעכאַמקען, גאָר אָט דאָ, אַפן נוסנ־בוים.

אַף מאָרגן האָט דער ייִשעוו געבראַכט צו קווורע נעכאַמקען.

באַם פרישן קייווער האָט סאַנטאָס געשוואָרן, אַז זײַן בלוט וועט זיך ניט באַרויִקן, קאַלזמאַן ער וועט ניט נעמען נעקאָמע פאַר דער טאָכטערס טויט. ער האָט זיך ניט געזעצט שיווע, אַרומ־געגאַנגען ווי א דולער, מיט קיינעם קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, ווי ער זאָל זיך געזעגענען מיט דער וועלט.

אַפן דריטן טאָג, ווען די זון האָט גענומען פאַרגייען, האָט סאַנטאָס געהייסן זײַנע צוויי עלטערע זין און נעכאַמקעס כאָסן זאָטלען די פערד, געהייסן יעדערן פאַרשטעקן א האַק אין גאַרטל. אין דער היים האָט ער ניט געזאָגט, וווּהין און נאָך וואָס מע פאָרט.

שפּעט באַנאַכט איז מען אינפירן געקומען צו קורט וואַלבעס הויף, צוגעבונדן צו די ביימער די פערד, אַריבערגעקראָכן איבערן שטיינערנעם פּלויט, זיך דורכגעשמוגלט אין שלאָפצימער צום פאַרעץ, פאַרשטעקט אים דאָס מויל מיט א שמאַטע און פאַרנומען אים, א געבונדענעם, מיט זיך. דעם זעלבן שטריק, אַף וועלכער עס האָט זיך אופגעהאַנגען נעכאַמקע, האָט סאַנטאָס אַרופגע־וואָרפן אַפן האַלדז פונעם ניוזיק און אים אופגעהאַנגען אַף אַן אַלטן בוים.

נאָר דערמיט האָט נאָך סאַנטאָס ניט געשטילט זײַן צאַרן. ער האָט אונטערגעצונדן די שפּײַכ־לערס, די סטויגן. ווען אַלץ איז שוין געווען אַרומגעכאַפּט מיט פלאַמען, זײַנען די רײַטער פאַר־שוווּנדן אין דער נאַכט.

דער ייִשעוו איז ניט געשלאָפן. א שרעק האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט. מע האָט זיך ניִשט געקאָנט פאַרשטעלן, וווּהין איז עס אַוועקגעפאָרן סאַנטאָס מיט זײַנע באָנים און וואָס ער האָט אַזוינס פאַרטראַכט?

באַ דער פירטקע פון ייִצחאָקס הויף איז געשטאַנען זײַן ווײַב מיט די קלענערע קינדער. זיי זײַנען געווען שטאַרק אומרויִק און אויך ניט געוווּסט, וווּהין זײַנען אַוועק די רײַטער.

שפּעט באַנאַכט האָט זיך דערהערט א טופּען פון טלאָען אַפן וועג. באַ דער שײַן פון דער לעוואָנע האָט מען דערזען פיר רײַטער.

דער אוילעם האָט לײַכטער אָפּגעעטעמט. ייִצחאָק איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם פערד, אַרומגענומען דאָס פאַרוויינטע ווײַב, די קינדער.

איצט האָט ער ניט אויסגעזען אַזוי אומגליקלעך, ווי די אַלע דרײַ טעג, ווען ער איז דאָ אַרומגעגאַנגען א דולער. ער איז געווען כמורנע, ווי איינער, וואָס האָט זיך אַף עפּעס אַנטשלאָסן.

מענטשן זײַנען זיך צונויפגעקומען, עטלעכע האָבן געפֿרעגט:
— ווו זענט איר געווען אַלע פֿיר מיט די העק? וואָס ברענט עס אין די בערג? וואָס וועט איצט זײַן?

ייִצחאָק האָט ניט געענטפֿערט. ער האָט בלויז זיך געגומען געזעגענען מיטן ווײַב, מיט די קינדער, מיט די שכנים, געבעטן אים געבן א ניי העמדל, דאָס רעקל מיט דעם קרײַץ און מיט דער מעדאַל.

— צוליב וואָס דאַרפֿסטו דאָס? וואָס האָסטו פֿאַרטראַכט, אַקשן?

— איך וועל אַוועק אין שטאָט זיך מעלדן, — האָט סאַנטאָס געזאָגט, — איך וועל מעלדן, אַז דאָס האָב איך נעקאָמע גענומען פֿאַר מײַן קינד, און זאָל מען מיך שטעלן צום מישפּט.

— וואָס רעדסטו, ייִצחאָק, ביסט באַ די געדאַנקען? ווערסט גיין צו דער בייזער כײַע זוכן יושער? — האָט זיך צעטומלט דער אוילעם.

— קיינער דאַרף פֿאַר מיר נישט לײַדן! זאָל מען מיך מישפּטן. איך בין שולדיק, מער קיינער...

— און עפּשער וואָלט גלײַכער געווען, ייִצחאָק זאָל אַנטלויפֿן פֿונעם יישעווו? מע וועט קומען נאָך אים, וועט מען אים נישט טרעפֿן און גיין זיך צו אַלדי רוכעס?..

— נאַרישקײַטן! וועט מען זיך אין זײַן מישפּאָכע נויקעם זײַן, וועט מען צו אונדז אויסלאָזן דעם קאַס.

— זיי וועלן קיינעם נישט שאַנעווען, זיי וועלן אונדז אַלעמען אומברענגען... מע דאַרף עפּעס צוטראַכטן, און וואָס גיכער.

סאַנטאָס האָט געהערט, וואָס די מענטשן רעדן, און געשוויגן. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז צײַט צו טראַכטן איז געבליבן ווייניק. אינדערעמעסן, אַליין אַרײַנרוקן דעם קאָפּ אין דער טליִע, דערצו וועט מען נאָך ניט שאַנעווען זײַן ווײַב מיט די קינדער, עס זײַנען אויך אויסגעשטעלט די מענטשן פֿונעם קליינעם יישעוו. נײן, מע דאַרף גלײַך פֿאַרלאָזן די הײַזער, די ערד, ווידער זיך לאָזן אין דער וועלט אַרײַן. ער האָט געמיינט, אַז דאָ וועט ער געפֿינען רו, אַרבעט, גליק, און אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז ער האָט געפֿונען טויט, אומגליק. פֿאַרלירן א זון אַף דער מיל־כאָמע און א טאָכטער אַף דער טליִע... געגוג! אין וועג אַרײַן!

באַטראַכטנדיק אַזוי דעם אוילעם, פֿילנדיק, אַז אַלע, ווי איינער, זײַנען גרייט טאָן אַלץ, וואָס ער וועט הייסן, האָט סאַנטאָס זיך אָנגערופֿן:

— נו, מײַנע טײַערע, וויבאַלד אַזוי, טאָ שנעלער שפּאַנט אײַן די פֿערד אין די וועגענער און נעמט מיט זיך, וואָס ס'וועט זיך לאָזן. נאָר שנעלער. קיין צײַט איז נישט געבליבן.

און אַלע — קינד־און־קייט — האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט. מע האָט געטראָגן פֿון די הײַזער קלומקעלעך, קוישן, בעטגעוואַנט, אַנטאָן, און אַלץ אײַנגעפּאַקעוועט אַף וועגענער. צו די דראַבינעס האָט מען צוגעבונדן די בעהיימעס און ציגן. מע האָט אַוועקגעזעצט אַף די פֿורן די קינדער, די קראַנקע און אַוועקגעלאָזט זיך אין ווײַטן אומבאַוווּסטן וועג.

מיט זײַן שווערן און אויסגערעכנטן סאָלדאַטישן טראָט האָט סאַנטאָס געשפּאַנט פֿאָרויס איבערן קרומען, געשלענגלטן וועג. אויב דער אוילעם האָט אַזוי באַשטימט, אַז ער טאָר זיך ניט איבערגעבן אין די הענט פֿון די רעגירער, פֿון די פֿאַרקויפֿטע ריכטער, דאַרף מען כאָטש דעם ערשטן טאָג אַוועק וואָס ווײַטער פֿון דער פֿאַרשאָלטענער היים. געפֿירט האָט סאַנטאָס מיט ווײַטיקע און ווייניק באַטראָטענע וועגן. ער האָט געוווּסט, אַז צוליב אים קאָנען לײַדן אומשולדיקע מענטשן, און דאָס וואָלט געווען שרעקלעך, ער וואָלט זיך קיינמאָל ניט מוילכל געווען אַזוינס. דערפֿאַר האָט ער געטאָן אַלץ אַף צו פֿאַרפֿלאָנטערן די שפּורן.

סאָף טאָג האָט דער טאַבאָר זיך אַרײַנגעצויגן אין א געדיכטן וואַלד. פֿונדאַנען צו דער היים איז שוין געווען ווײַט, און מע האָט זיך געקאָנט אָפּשטעלן, איבערכאַפּן דעם אָטעם, אויס־מעלקן די בעהיימעס, אָנהאָדעווען די פֿערד און אַלײן אויך נעמען עפּעס אין מויל אַרײַן.

שויך אין וועג האָט מען זיך פֿינקטלעך דערוווּסט, ווי‌אַזוי ייִצחאָק איז זיך נויקעם געווען אין דעם ניוזיק, דעם פֿאַרעץ.

די מענטשן האָבן געקוקט אַף ייִצחאָקן מיט כשיוועס. ער, וואָס וואָלט אומזיסט קיין פֿליג אַף דער וואַנט ניט אָנגערירט, האָט אָפּגעצאָלט מיט דער ברייטער האַנט ניט נאָר פֿאַר זײַן צאַר און פֿאַרדראָס, ער האָט באַצאָלט פֿאַרן ווייטעק פֿון אַלע ייִשוווניקעס.

■

פֿאַר דעם לאַנגגן שווערן וועג האָט סאַנטאָס נאָך שטאַרקער ליב באַקומען די מענטשן, וואָס האָבן זיך פֿאַרלאָזט אַף זײַן באַראָט, געגאַנגען נאָך אים אין דער פֿרעמדער ווײַט. ער האָט שויך ניט געוווּסט פֿון קיין רו, אונטערגעשטופּט מיטן אַקסל די פֿורן, ווען מע האָט פֿאַרהריזנעט

אין בלאָטעס, אריבערגעטראָגן אף דער טריקעניש די קליינע קינדער, אונטערגעמונטערט יעדערן, ווי נאָר ער האָט געקענט.

צום סאָף פונעם צווייטן מעסלעס האָט מען זיך דערקליבן צום דניעסטער. וויבאלד אזוי, איז מען שוין, זעט אויס, אָפּגעפאָרן א פּייַנעם מעהאלעך פונעם פארלאָזטן ייִשעוו. דאָס האָט ייִצכאָקן און זייַנע באַגלייטער געפרייט. נאָר ערגער איז געווען דאָס, וואָס דער הימל האָט זיך פּלוצעם שטארק צעבייזערט, אָנגעכמורעט זיך און עס האָט גענומען גיסן א קאלטער רעגן. ייִצכאָק האָט מיט עטלעכע געזונטע כעוורע אוועקגעלאָזט זיך צום טייַך. מע האָט זיך געמוזט ארומקוקן, ווו האלט מען אין כעזשבן, זיך אויסייִשעוון, וואָס טוט מען ווייַטער.

דער דניעסטער איז געווען כמורנע, ווי אָנגעפּולט מיט בלייַ. ארום האָט מען קיין לעבעדיקע באַשעפעניש ניט געזען. באם ברעג האָט אף די צעבושעוועטע כוואליעס זיך געהוידעט א גרויסער פּליט, וואָס איז צוגעבונדן געווען צו אן אלטער ווערבע.

בא ייִצכאָקן איז אופגעקומען א געדאנק: עס וואָלט געווען א פּלאן ארוף מיט די וועגענער אפן פּליט און לאָזן זיך שווימען. דער פארטראכט איז געפעלן אלעמען.

ביז עס איז צוגעפאלן די נאכט, איז שוין דער גאנצער טאבאָר געווען אפן וואסער. בא די ראנדן פונעם פּליט האָבן מיט לאנגע דרענגלעך, זשערדיעס זיך געשטעלט די שטארקסטע מאנצבלעך און באָכערים; אף די פורן האָט מען ווי־עס־איז צוגעדעקט די קינדער און פרויען, ווייַל דער רעגן האָט אלץ געגאָסן. און מע האָט זיך געלאָזט שווימען, ס'קאָן הייסן, וווהין דאָס וואסער טראָגט.

דער שטארקער שטראָם האָט טאקע פאר דער נאכט אָפּגעטראָגן דעם פּליט אף א גרויסן מעהאלעך. כאָטש אלע זייַנען געווען דורכגעווייקט אף דורך און דורך, האָט מען דאָך זיך געפילט שטארקער, זיכערער. קיין שום טייַוול וועט זיי שוין ניט דעריאָגן, ניט אָנפאלן אף זייער שפור.

צו א נייַעם ברעג

אפן פּליט זייַנען געווען כעוורע מיט ביינער, געזונטע, שטארקע, אויסגעפּרוווטע. די צייַט, וואָס מע איז געווען אין וועג און געשווומען מיטן וואסער, האָט ייִצכאָקן נאָך מער באַפרייַנדעט מיט די מענטשן. עמעס, אייניקע ווייַבער זייַנען אָנגעפאלן אף אים, געטייַנעט, וווהין האָט ער זיי פארפירט; קעדיי זוכן דעם טויט, דארף מען דען פאָרן אזוי ווייַט? נאָר אלעמאָל האָבן זיך אין די רייד ארייַנגעמישט ייִצכאָקס זיך, די כעוורע, מיט וועמען ער איז געווען אף דער מילכאָמע, און ניט געלאָזט, מע זאָל יענעם דערגייין די יאָרן.

די כעוורע האָבן געוויינלעך געזען, ווי דער אוילעם מוטשעט זיך פון קעלט און נעץ, דעריקער די קינדער און די אלטע לייַט. האָט מען זיך געגעבן אן אייצע. מע איז אראָפּ אפן ברעג, אוועק אין א נאָענטן וואלד, אָנגעבראָכן צווייַגן און אופגעשטעלט אפן פּליט עטלעכע בייַדלעך קוריניעס. פון שטיינער האָט מען אויסגעלייגט אייוועלעך אפן פּליט, בא וועלכע מע האָט שוין געקאָנט דערווארעמען די נעשאָמעס.

דארף דען א סאך דער מענטש, וואָס איז געווינט צו אייביקע צאָרעס און וואָגלעניש? ער דערווארעמט זיך א ביסל באם שייַטער אָדער אונטער דער זון, שטילט מיט עפּעס־וואָס דעם הונגער, הערט א פּאָר פריילעכע וויצן, און עס צעשייַנען זיך שוין בא אים די אויגן, מע קאָן אים שוין ניט דערקענען!

און אז די מיידלעך הייבן נאָך אָן זינגען א טרויעריקע ליד, וואָס קאָן רירן א שטיין, — איז עס ביידע זאכן: אי מע דערמאָנט זיך נאָך מער אין די צאָרעס, אי מע פארגעסט שוין א ביסעלע אין זיי...

און דאָ, אף דעם פּליט, איז טאקע געווען אָט אזוי: מע האָט זיך געזידלט, געשאָלטן עמעצן, געלאכט, געזונגען. כעוורע האָבן געכאפּט עטלעכע גוטע פיש, האָט מען זיי אָפּגעקאָכט, פארביסן מיט אלטגעבאקן ברויט, פארטרונקען מיט א קווערטל מילך. נו, וואָס דארף נאָך א מענטש?

פון דער זייַט האָט זיך געקאָנט דאכטן, אז סאנטאָס איז גלייַכגילטיק צו דעם אלעמען, וואָס עס קומט פאָר אפן פּליט. אָבער אינדערעמעסן האָט ער זיך געמאטערט מיטן געדאנק, אז ער האָט עפשער ניט געדארפט אופהייבן דעם גאנצן אוילעם פון די איַינגעזעסענע ערטער. עפשער וואָלט געווען גלייַכער, ער זאָל זיך איבערגעבן אין די הענט פון די רעגירער און דערמיט פּאטערן אלץ — די וואָגלעניש, דאָס טראָגן זיך איבער דעם אומבאקאנטן טייַך. ער האָט דאָך פּאָרט געכאפּט אף זיך ווען־ניט־ווען בייזע בליקן, נאָר ער האָט געטראכט, אז כוץ דעם, וואָס מע וואָלט אים אומגעבראכט, וואָלט מען אויך קיינעם אינעם ייִשעוו ניט געשאנעוועט. אזוי פירט זיך: פון שטענדיק: אז עמעצער פון די ייִדן באגייט אן אוולע, באשולדיקט מען

אלעמען; אז אין א מעדינע ווערט ביטער און פינצטער, ווענדן די רעגירער דאָס פּנים אף די אומבאהאָלפענע, די דערנידעריקטע און פאַרשטויסענע. מע ווייסט, אז פאר זיי וועט זיך קיינער ניט אָנעמען די קריוודע. מע וועט אף זיי אָנרייצן די שווארצע קויכעס, די אונטערוועלט און אָפּווענדן פון זיך אף א צײַט דעם האס און דעם צאָרן...

וואָלטן פון די קלעפּ געליטן די רײַכע, אָט יענע, וואָס לעבן ברייט און זײַנען פאַרברידערט מיט אלע אנדערע רײַכע, מיט די פירשטן, און האָבן זיך שוין לאַנג אָפּגעקערעוועט פון זייערע אָרעמע, האַרעפּאַשנע ברידער. איז ניין, פון די רעדיפעס לײַדן אָרעמע לײַט, דאָס פּראָסטע פאָלק...

וועגן דעם האָט איצט געטראכט סאַנטאָס, שטייענדיק ברייט צעשטעלט די פיס אפן ראַנד פונעם פליט מיט א שווערער וועסלע, באַנאַנד מיט די יונגע כּוורע.

ער האָט געקוקט אפן הימל, וואָס האָט זיך ווידער אָנגעכמורעט. דער ווינט האָט מיט יעדער רעגע זיך געשטארקט, געריסן שטיקער פון די קוריגען און געצעלטן, אין וועלכע דער אוילעם האָט זיך באַהאַלטן. יִצחאָקס בליק האָט געגנישטערט איבער די פּוסטע ברעגן. ערגעץ ווײַט, דאָ, דאָרט האָבן זיך דורכגעוואָרפן שטרויענע דעכער פון דאָרפישע הײַזלעך. יִצחאָק האָט אָבער אלץ ניט געאײַלט זיך צושווימען מיטן פליט צו א ברעג, ער האָט געוואָלט וואָס ווײַטער פאַרקלײַבן זיך אין אָט דעם נײַעם לאַנד, וואָס האָט זיך פאר אים צעשפּרייט.

דער פליט האָט געסקריפּעט. די דורכגענעצטע שטריק, מיט וועלכע עס זײַנען געקרעמ־פּעוועט געווען די לאַנגע, ניט געטעסעטע קלעצער, האָבן צוביסלעך זיך איבערגעריבן, געפּלאַצט. און יִצחאָק האָט געטראכט, אז אינדערפרי, ווען עס וועט אופהערן גיסן דער רעגן און עס וועט ווערן א ביסל וואַרעמער, וועט מען מוזן עפּעס טאָן מיטן פליט, ער זאָל זיך ניט צעשיטן.

דער ווינט האָט אָבער אלץ מער געבושעוועט. שטאַרקער האָט געגומען שמײַסן דער רעגן. דער הימל, דער טײַך, די ברעגעס — איין שווארצער גאָס, א פינצטערער טהאָם. בלויז בליצן האָבן געשפּאָלטן די נאכט.

מענטשן האָבן זיך געטוליעט אונטער די וועגענער, געציטערט פון קעלט און פון שרעק. בעהיימעס האָבן געברעוועט, פערד האָבן געהירזשעט, געריסן זיך פון די שטריק, געטופּעט מיט די טלאָען איבער די נאסע סלופּעס. סאַנטאָס האָט שוין א טראכט געטאָן, צי האָט זיך עס ניט אָנגעהויבן דער צווייטער מאבּל.

ווידער האָט זיך צעברומט א דונער. עלטערע מענטשן האָבן מיט ציטערנדיקע שטימען גענומען דאַוונען, עפּשער וועט גאָט דערהערן. נאָר דער אייבערשטער, ווי געוויינלעך, איז געווען טויב און שטום...

א דורכגענעצטער פונעם רעגן, א טויט־מידער, האָט יִצחאָק ווידער און ווידער געוואָרנט זײַנע כּוורע, מע זאָל פעסט האַלטן די זשערדיעס אין די הענט, ווײַל דער שטורעמווינט קאָן צושלאָגן דעם פליט צום שטייניקן ברעג, צעשמעטערן אים אף שטיקלעך. וויפל מע האָט זיך ניט באַמיט אײַנהאַלטן דעם פליט אינמיטן טײַך, האָט זיך עס אלץ ווייניקער אײַנגע־געבן. אפילו בא די געזינטסטע יונגען האָבן זיך אויסגעלאָזט די קויכעס, און אינגיכן האָט שוין דער ווינט געטאָן מיטן פליט, וואָס ער האָט געוואָלט. עס איז סאַפּקאַלאָסאָף געשען דאָס, וואָס עס האָט געזאָלט געשען: דער ווינט האָט מיט זײַן גאַנצער רעציכע אונטערגעכאַפּט דעם גליטשיקן און שווערן פליט, א טראַג געטאָן אים צו די בײַבערעגיקע פעלדזן, א דריי, א זעץ, נאָך א זעץ, און די שטריק האָבן ניט אויסגעהאַלטן — דער פליט האָט זיך אָנגעהויבן צעשיטן.

איצט האָט מען געדאַרפט ראַטעווען, וואָס ס'האָט זיך געלאָזט, אראָפּקײַקלען אפן ברעג די וועגענער, אראָפּטרײַבן דאָס פּי. ביזן האַלדז אין וואַסער איז מען געשטאַנען, באַלויכטענע פון די בליצן, און געראַטעוועט דאָס ביסל פאַרמעגן. קיינער איז ניט געשטאַנען מיט צונויפגעלייגטע הענט. די געפאַר האָט אַלעמען געצווונגען פאַרגעסן אין דער קעלט, אין דער נעץ, אין דער שרעק, מע האָט געשלעפּט פון דער וואַסער די קלעצער — טאָמער וועט אויסקומען ווידער צונויפבינדן א פליט, און אזוי האָט מען אפילו ניט באַמערקט, ווי דער רעגן האָט גענומען גיסן שוואַכער, ווי ס'האָט אף מיזרעך זיך אָנגעמערקט א בלאַס פּאַסיקל סאַמע בא דער ערד. אינגיכן האָבן דאָרט צעבלישטשעט זיך די ערשטע שטראַלן פון דער זון.

דאָ, אפן שמאָלן זאַמדיקן ברעג, האָבן די מענטשן ערשט זיך גענומען אַרומקוקן. מע איז געשטאַנען פאַרמאַטערטע, דערשראָקענע, שווײַגנדיקע און געציטערט פון קעלט. מע האָט גע־קוקט אף די קורגאַנעס, וואָס האָבן, ווי הויקערס, זיך געהויבן אין סטעפּ, אף די יאַרן, פון וועלכע עס זײַנען געלאָפן מוטנע, ברויזנדיקע שטראָמען, אַרײַנגעגאָסן זיך אין צעבושעוועטן דניעסטער. אין איין אָרט איז דער ברעג געווען א פעלדזיקער, שטייל האָט געסטאַרטשעט ביזן הימל... און דער הימל האָט זיך גראָד אלץ מער באַפרײַט פון די שווארצע וואָלקנס, די זון

האָט אַלץ שטאַרקער געוואָרעמט, און אַט דאָס ווילדע אָרט האָט שוין ניט אויסגעזען אַזוי אומהיימלעך, כּוישעכדיק...

סאַנטאָס האָט אַראָפּגעשלעפּט פון זיך דאָס העמדל, עס אויסגעדרייט, געוואונדט זײַן ברייטע, האָריקע ברוסט צו דער זון. אָף זײַן מידן, פאַרוואַקסענעם פּאָנעם האָט זיך צעגאָסן אַ שמייכל:

— נו, קינדער, דאַכט זיך, אַז מיר זײַנען געקומען... מע לעבט?..

— מע לעבט? — האָט זיך באַרויגעז אָנגערופן אַן עלטערע פרוי, טוליענדיק צו זיך צוויי קינדער, וואָס האָבן געציטערט פון קעלט. — אָף אַלע אונדזערע סאָנים געזאָגט געוואָרן אַזאַ לעבן!..

— מע דאַרף ניט זינדיקן! — דאָס האָט געזאָגט עמעצער פון דער זײַט. — אַז מע איז אַרויס פון אַזאַ אומגליק לעבעדיקע, דאַרף מען דאַנקען גאָט.

דערווײַל האָט מען אָף די שטיינער, ווו ס׳האָט זיך געלאָזט, פאַנאַנדערגעהאַנגען דאָס בעטגעוואַנט, דאָס אָנטאָן — זאָל עס זיך טריקענען קעגן דער זון. עמעצער האָט אָפּגעקלאַפּט פון אַ פעלדז אַ שטיקל קיזלשטיין און גענומען אויסהאַקן פײַער.

די בעהיימעס און די ציגן זײַנען נאָך לאַנג געשטאַנען אָף איין אָרט, אַרומגעקוקט זיך אין אַלע זײַטן. נאָר אָט האָבן זיי דערזען די גרעזלעך, וואָס האָבן זיך דורכגעשלאָגן צווישן די שטיינער, און זיי גענומען ציפּען, ווי אין די גוטע צײַטן.

סאַנטאָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט באַקוקן דעם אַרום. עפּעס האָט אים דאָס דאָזיקע ווילדע ווינקל זייער שטאַרק דערמאָנט אין יענעם, פון וועלכן מע איז קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן. דאָ האָט מען, עמעס, ניט געזען קיין שוואַרצע וועלדער, ווי דאָרט, אין די קאַרפּאַטן. אָבער אָט האָט ער דערזען אין דער ווײַט אַ שטיקל וואַלד און אַ הויכן, ווײַסן פעלדז, וואָס האָט זיך אופגעג־הויבן פון צווישן די ביימער און אויסגעזען, ווי די וואַנט פון אַ כאַרעוון פּאַלאַץ. ייִצכאָק האָט זיך דערקליבן צום פעלדז. פּלוצעם האָט זיך דאָרט אופגעהויבן אַ מוירעדיקער טומל. סאַנטאָס האָט זיך ניט באַוויזן אַרומצוקוקן, ווי טויזנטער פויגלען האָבן זיך אופגעריסן פון זייערע נעסטן, פאַרבאַהאַלטענע צווישן די שטיינער, און גענומען דרייען זיך אינדערלופטן. באַלד האָט ער דערזען אויך דעם זילבערן קוואַל, וואָס האָט געשלאָגן פונעם פעלדז און געשאַפן אַ גרויסע אָזערע. צוגעגאַנגען נעענטער, האָט ייִצכאָק זיך אַ שפּיגל געטאָן אין דער קרישטאָלענער וואַ־סער, צוגעזעצט זיך אָף אַ שטייג, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט מאָך, אײַנגעהערט זיך, ווי עס זשומעט דער קוואַל.

ער האָט באַשטימט פּרווון, צי איז דאָס וואַסער געשמאַק. אַראָפּגעלאָזט זיך אָף די קני, האָט ער אָנגעשעפּט בײדע זשמעניעס און גענומען טרינקען פּאַמעלעך, פּאַרזיכטיק. גוט וואַסער איז עס געווען. ס׳איז אים פונעם טרונק ווי ליכטיקער געוואָרן אין די אויגן, די מידקײַט איז פאַרשוווּנדן, ער האָט דערפילט אַ נײַע קראַפט אין גוף.

אופגעהויבן זיך אָף אַ הויכן מאָכיקן פעלדז, האָט ייִצכאָק סאַנטאָס צוגעטראָגן די צוניפּ־געלייגטע דלאָניעס צום מויל און מיט אַלע קויכעס אויסגעשריגן צו די, וואָס זײַנען געבליבן אָפּן ברעג:

— הײַ! ה־ה־היי, גיכער קומט אַהער! גיכער!

קליין און גרויס איז געלאָפן צו אים, מע איז מיט טומל און ראַש צוגעפאַלן צום זילבערן קוואַל און געטרונקען, געטרונקען...

— סאַראַ קוואַל, אַ מעכײַע אין די ביינער!

— איך האָב נאָך אַזאַ טאַם קיינמאָל ניט געפילט!

— ווי גוטער ווײַן!..

— אַ פאַרקישעפטער קוואַל. וויפל מע טרינקט ניט, און עס גלוסט זיך נאָך!

— מע דערפילט זיך, ווי ייִנגער, — האָט עפּעס אַן אַלטער געזאָגט.

אַלע האָבן געלאַכט. אַלעמען איז דאָס געפעלן.

עמעצער האָט געבראַכט אַן עמער און אָנגעשעפּט וואַסער, אַוועקטראָגן פאַר די קראַנקע, וואָס האָבן אַהער ניט געקאָנט גיין, — זאָלן זיי זיך אויך מעכײַע זײַן. דאַכט זיך, אַז דאָס קאָן ברענגען אַ רעפוע־שליימע...

און געפונען האָט זיך אויך אַ יונגערמאַן, וואָס האָט אַ קנײטש געטאָן מיט די אַקסל און געזאָגט:

— יאָ, קינדערלעך, דאָס אַלץ איז גוט, אָבער נאָך אַזאַ טרונק וואַסער צעשפּילט זיך דער מאָגן און וויל עסן... פון וואַסער אַליין, אָן קאַשע וועסטו ניט זײַן זאַט...

סאַנטאָס האָט פאַרשטאַנען דעם ווונק.

געוויס, דאָס ביסל טוווע, וואָס מע האָט מיט זיך פאַרכאַפּט, איז אויסגעווייקט און מע וועט עס דאַרפן לאַנג טריקענען. נאָר אָף וויפל וועט זס ביכלאַל קלעקן?

א שוויַיגנדיקער, א פארדריַיגעטער, האָט ער זיך געלאָזט צוריק, צום ברעג, אלץ באַ־טראַכטנדיק דעם ווילדן ארום.

צווישן אלע זיַינע דריַיגעס איז געווען אויך אזא: וואָס טוט מען מיטן קראנקן טאטן, מיט פינכאָסן, וואָס איז געבליבן ליגן אפן ברעג. ניַינציק יאָר איז שוין אלט דער טאטע, נאָר ער האָט קיינמאָל זיך ניט געקלאָגט אפן געזונט. אפן וויַינגאָרטן, אין דער היים, האָט ער געארבעט ניט א סאך ערגער פון א יונגן. און אין וועג איז ער געוואָרן זייער אָפּגעשוואכט. צוגעקילט זיך, בייס מע איז געשווומען אפן פּליט. איצט איז ער געלעגן, דער אלטער סאנטאָס, אף די פעק, שווער געאָטעמט, ווי עס וואָלט דאָ פאר אים קיין לופט ניט געסטיַיעט.

א גרויסער אומרו האָט ייִצחאָקן ארומגעכאפּט.

פאר די לעצטע עטלעכע טעג האָט ער ווייניק געטראכט וועגן פאָטער, ווי אויך וועגן זיַין מישפּאָכע. אזויפיל מענטשן האָט ער אופגעהויבן פון זייערע איַינגעזעסענע ערטער און געלאָזט זיך מיט זיי אין אומבאוווסטן וועג, דארף מען דאָך פאר זיי זאָרגן! זיַיניקע וועלן אים מויכל זיַין, אויב עס וועט עפּעס זיַין ניט אזוי, אָבער די שכיינים, די יישוווניקעס? ער מוז זאָרגן וועגן אלעמען, יאָ, ער מוז.

ייִצחאָק האָט איַיליק געשפּאַנט אראָפּ־בארג, צום ברעג, און די שווערע אָנגעווייטיקטע שיך זיַינען געזונקען אין דער צעוויקטער געדיכטער שווארצערד.

נאָך פונדערוויַיטנס האָט ייִצחאָק באמערקט, ווי די וויַיבער האָבן זיך צונויפגעקליבן אין א רעדל און קלאָגן, דאכט זיך. א פאכעד איז אים באפאלן. וואָס נאָך איז געשען? וואָס פאר א געיאָמער אינמיטנדערינען.

דערזען ייִצחאָקן, זיַינען די וויַיבער אָפּגעטראָטן אין א זיַיט. אף די פעק, צונויפגעלייגט די אָדערדיקע, אויסגעהאָרעוועטע הענט אף דער ברוסט, מיט פארגליווערטע אויגן, געווענדטע צום הימל, איז געלעגן דער טאטע... ס'האָט געקאָנט דאכטן, אז דער אלטער האָט זיך פּאָשעט צוגעלייגט איבערכאפּן דעם אָטעם, קומען א ביסל צו־זיך נאָך אלע איבערלעבונגען. אָבער דאָס ביינערדיק־דארע פּאָנעם איז שוין געווען פארשפּיצט, די באָרד האָט געטריפעט דער ווינט... סאנטאָס האָט א דערצאָרנטער באקוקט די דערשראָקענע קינדער, די אלטע ליַיט, וואָס זיַינען געשטאנען בא דער זיַיט און געשעפּטשעט טפילע.

ער האָט שטילערהייט ארויסגעעטעמט:

— פארשפּעטיקט, ניט באשערט... — האָט ער שווער א זיפץ געטאָן, צוגעגאנגען און פאר־מאכט דעם פאָטער די אויגן.

■

דער אומדערווארטער טויט פון דעם עלטסטן יישוווניק האָט יעדן געדריקט, פארומערט. ווידער האָט געכמורעט זיך דער הימל, באטאָג צי באנאכט האָט מען געקאָנט ווידער דער־ווארטן א רעגן. מע האָט געדארפט מעקאבער זיַין דעם מעס. זאָל ער מויכל זיַין, דער טאטע, וואָס מע וועט אים ניט קאָנען באהאלטן צווישן אייגענע, וואָס די ביינער זיַינע וועלן רוען דאָ, אין אַט דער שווארצער ערד, אין אזא וויַיטן פארוואָרפענעם העק...

ווען עס האָט זיך גענומען אויסלאָזן דער טאָג און די אלטע ליַיט האָבן אויסגעשעפּט אלע טפילעס, וואָס פינכאָס האָט זיך בא זיי פארדינט, איז ייִצחאָק אוועק מיט די זין צום קורגאַן, ניט וויַיט פון קוואל, אויסגעקליבן אָן אָרט, אויסגעגראָבן דאָרט א קייווער. איַיליק און שטיל האָט מען געבראכט צו קווורע דעם אלטן. צוקאָפּנס פונעם פרישן קייווער האָט ייִצחאָק אוועק־געשטעלט א פלאטשיקן שטיין, וואָס כעוורע האָט אויסגעדלובעט פון א פעלדז. דעם פוי־ניקבאר און דעם נאָמען וועט מען ווי־עס־איז שפּעטער אויסקריצן. אָט אזוי, מע האָט נאָך ניט באוויזן קומען צו־זיך נאָכן גרויסן אומגליק, און עס איז שוין אויסגעוואקסן דאָ, אינדערפרעמד, א פרישער קייווער. דער ערשטער.

— וואָסי, וואָס סטארעט איר זיך אזוי, מיר וועלן דען לאנג דאָ פארבליַיבן? מאָרגן וועט מען זיך רוקן וויַיטער...

— ווער ווייסט? — האָט געענטפערט ייִצחאָק. זיַינע זין האָבן אויך געמאכט א בייַדל. — ווער ווייסט, וויפל עס וועט אונדז דאָ אויסקומען בליַיבן? און עפּשער וועט דאָ ווערן אונדזער היים? איך האָב שוין דאָ, אין אָט דער ערד, א קיילעק...

אף מאָרגן האָט סאנטאָס איַינגעשפּאַנט די פערד אין וואָגן און זיך אוועקגעלאָזט אין פעלד, ווו ס'האָט זיך זייער וויַיט געזען אזוי ווי א דערפל. ער איז געפאָרן צו מענטשן. מע האָט געדארפט קריגן ברויט פארן אוילעם, ביז מע וועט זיך שטעלן אף די פיס. מע האָט אויך

געדאַרפֿט האַלטן זיך אַן אייצע, צי לױנט און צי מעג מען זיך דאָ באַזעצן, אין דעם פֿאַר־װאָרפֿענעם װינקל.

אין דאָרף — עס איז טאַקע געװען אַ דערפֿל, — װען מע האָט דערהערט, אַז עס זײַנען געקומען עטלעכע מישפּאָכעס און װילן זיך באַזעצן אין יענעם פֿאַרװאָרפֿענעם װינקל, לעבן דעם װײַסן פֿעלדז, האָט מען דעם שאַליִעך אָנגעקוקט װי אַ מעשוגענעם. װאָס זשע קאָן מען דאָרטן פֿאַרזעצן צװישן די יאַרוגעס און שטײנער? װאָס װעט דאָרטן װאַקסן?

אומגעקערט האָט זיך סאַנטאָס מיט ברױט פֿאַרן אױלעם, געפֿירט אױך אַ בסורע, אַז אױב מע קלײַבט זיך דאָ באַזעצן, װעט קײנער ניט שטערן, נאָר — אָט דעם עמעס װעט ער מוזן זאָגן — נאָר קײנער אײצעט ניט אַרײַנלײגן האַרעװאַניע אין דעם שטיקל ערד, װײַל װער װײסט, צי עס װעט זיך דערפֿון עפּעס באַקומען.

װען ייִצכאָק האָט זיך אומגעקערט, איז שױן באַם ברעג געשטאַנען אַ קלײנינקער ייִשעװ פֿון בײַדלעך. דאָ און דאָרט האָבן געברענט שײַטערס. עס האָבן געקלאַפּט העק, עס האָבן געקלונגען זעגן.

„יאָ, אַ סװאָרע, אַז עס הײבט זיך אָן אַ לעבן. זאָל זײַן אין אַ גוטער שאָ", — האָט ער אַ קלער געטאָן. אַ װאָרעמקײַט האָט זיך צעגאָסן איבער זײַן האַרץ.

דעם זעלבן טאָג האָט סאַנטאָס מיט זײַנע זין און שכײנים אױעקגעלאָזט זיך צוזוכן ערגעץ צװישן די קורגאַנעס און יאַרן אַן אָרט פֿאַר אַ ייִשעװ, און טאַקע געפֿונען אַזאַ אָרט — אַפּן דאַרעמדיקן שיפּוי פֿון אַ באַרג, װאָס איז באַװאַקסן געװען מיט קוסטעס. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אהער שױן געבראַכט די ערשטע סלופּעס אױף צו בױען הײַזער, און קעדײַ ניט פֿאַרלירן קײן איבעריקע צײַט, אָנגעהױבן קאָרטשעװען די פּניאַקעס, אױסגראָבן די שטײנער און אָפּגערײניקט אַ שטיקל פּלאַץ, קעדײַ עס צו פֿאַרזײען. סאַנטאָס האָט פֿאַרגעלײגט פֿאַרפֿלאַנצן דאָ אַ װײַנגאָרטן, — װי ער האָט ניט געײַלט, אַנטלױפֿנדיק פֿון די קאַרפּאַטן, האָט ער דאָך פֿאַרכאַפּט אין אַ זאַק עטלעכע פֿון זײַנע לאָזעס.

אײניקע האָבן געקנײטשט מיט די אַקסל:

— נו אַן אַקשן! דײַנע װײַנטרױבן און דײַן װײַן האָבן דיר געבראַכט אַ סאַך נאַכעס?

— ניט אײביק װעט אַזױ זײַן, — האָט געענטפֿערט סאַנטאָס.

אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז קײנע אײצעס און פֿאַרװורפֿן װירקן ניט אױף דעם דאָזיקן מענטשן. מע האָט גוט געװוּסט, אַז ער און זײַן גאַנצע מישפּאָכע געהערן צו די אײַזערנע אַקשאָנים. אױב זײ פֿאַרטראַכטן עפּעס, װעלן זײ דאָס דורכפֿירן, עס מעג זײ אַפֿילע קאָסטן דאָס לעבן.

נאָר װער װײסט, צי איז אַקשאָנעס גוט צי שלעכט?

די סאַנטאָסעס האָבן קײנמאָל ניט געזוכט קײן גרינג לעבן. װירדיקע, שטאָלצע, האָבן זײ קײנעם ניט געקריװדעט, שטענדיק געקענט רױק קוקן מענטשן גלײַך אין די אױגן און קײנמאָל זיך ניט געבײגט פֿאַר קײן הערשער.

איז װוּ זשע האַלטן מיר אין כעזשבן?

װער געדענקט דען פּינקטלעך, װיפֿל איז שױן אַלט אָט דער ייִשעװ, װאָס האָט זיך אױסגע־צױגן לענגױס דעם קרומען יאַר און װאָס לױפֿט אַרױף־באַרג צװישן שטײנער און פֿעלדזן? װער קאָן דאָס געדענקען, אַז אַפֿילע דער פּינקטלעכסטער מענטש אין דעם דאָזיקן װינקל, דער בוכהאַלטער פֿונעם היגן אַרטעל סימכע קושניר, װאָס איז שױן פֿאַרטשאַדעט פֿון זײַנע כעזשבױנעס, — און פֿאַרצײכנט דאָך טאָגטעגלעך באַ זיך אין אַ גראָבן בוך אַלץ, װאָס ס'קומט דאָ פֿאָר, און דערצו נאָך שרײַבט ער בעשטיקע פֿון דער גאַנצער װעלט לידער צו אַלע יאָמ־טױװים, — אַז אַפֿילע ער קנײטשט מיט די אַקסל:

— איר װײסט, װאָס איך װעל אײַך זאָגן? זאָל איך אַזױ ניט װיסן פֿון קײן בײזער װעטשערע, װי איך װײס ניט...

און אױך ער, מײער שפּיגל, װאָס האָט נאָך ביז די זעקס און אכציק געצײלט זײַנע יאָר און דערנאָך פֿאַרלױרן דעם כעזשבן, װיפֿל ער איז אַלט, דער װעכטער פֿונעם װײַנקעלער, — אָט דער מײער שפּיגל, װאָס האָט זיך נאָך געשלאָגן אױף דער רוסיש־יאַפּאַנישער מילכאָמע, פֿאַרלױרן אַ פֿוס אין פּאָרט־אַרטור, באַקומען אַ געאָרגיע־קרײץ און זיצט זיך איצט גאַנצע טעג באַ דער שװעל מיט זײַנע מיליצעס, באַגלײט יעדן פֿאַרבײַגײער מיט אַ װיץ, אַ כאָכמע, און פֿרעגט זיך נאָך דערבײַ צען מאָל, װי מע הײסט, װוּהין מע גײט, און װעמענס מע איז, — אַפֿילע ער, שפּיגל, ענטפֿערט, װען מע פֿרעגט אים, װיפֿל איז אַלט דער ייִשעװ:

— וואָס? וויפֿל? אַ־אַ!..

דער אַלטער פֿאַרטראַכט זיך, שטרענגט אָן דעם הויכן, געקנייטשטן שטערן, קראַצט לאַנג די פּאַטיליצע און צעלאַכט זיך אַף א קאָל:

— כ׳ווע? איך קאָן שווערן, אז א יאָר אכציק...

— רעב מייער, גאָזלען, וואָס רעדט איר? — שלאָגן אים איבער די שכיינים. — איר הערט כאָטש, וואָס איר דאַבערט? אז איר האָט שוין, ביז הונדערט און צוואַנציק, אַריבערגעפּוציעוועט די זעקס און אכציק. און דאָ האָט נאָך געוווינט אײַער זיידע און עלטערזיידע, וואָס איז געקומען פֿון דראַזשנע, דעם קאַטאָרזשאַנס אוסטים קאַרמאַליוקס גוטערברודער, איז וואָס זשע דערציילט איר מײַסעס? וואָס דרייט איר א ספּאָדעק — אכציק!..

— איך ווייס? — ענטפֿערט מיט א ברייטן שמייכל מייער שפּיגל. — וואָס זשע, איך בין א נאַווי? זאָל זײַן, ווי איר זאָגט!

— אָט אזוי זשע רעדט! דאָרטן אפֿן אַלטן ווײַנגאָרטן וואַקסן לאָזעס, וואָס זײַנען שוין אַלט אָנדערהאַלבן מייעס יאָר. די סאַנטאָסעס האָבן זיי געכאַוועט. און וויפֿל איז אַלט דער בעסוילעם באַם קורגאַן? דאָרטן ליגן נאָך שטיינער, וואָס זײַנען אַלט בא דרײַ הונדערט יאָר...

— יאָ, טאַקע עמעס! — מוז זיך נעבעך אונטערגעבן דער אַלטער מייער שפּיגל. — נאָר ווייסט איר וואָס? טוט א פֿרעג בא די סאַנטאָסעס. יענע מוזן וויסן מער. יענע זײַנען, טײַנעט מען, די ערשטע געקומען אַף דער ערד. מע דערציילט וועגן איינעם א ייִצכאָק סאַנטאָס. ער האָט פֿאַרפּלאַנצט דאָ דעם ערשטן ווײַנגאָרטן. מיר, די שפּיגלס, זײַנען געקומען א סאַך שפּעטער. מיר זײַנען פֿון די דעראַזשנער, וואָס האָבן אמאָל געהאָלפֿן קאַרמאַליוקן און געמישפּעט געוואָרן צוזאַמען מיטן בונטאַר... אַ־אַ, אונדזערע האָבן נעבעך פֿאַר דעם קאַרמאַליוקן פֿאַרזוכט סיבירער קאַטאָרגע...

דער אַלטער מייער שפּיגל פֿאַרטראַכט זיך און גיט צו:

— דאָס קער געוויס זײַן פֿאַרשריבן אין די ספֿאָרים...

וועלכע ספֿאָרים? ווו זײַנען זיי? ס׳איז דאָ אמאָל געווען אַן אַלטער פּינקעס, וואָס איז איבערגעגאַנגען פֿון דאָר צו דאָר, דאָרטן איז אַלץ געווען פֿאַרשריבן. נאָר בעשאָס די מילכאָמעס, ווען פֿרעמדע כאַיאָלעס זײַנען דורכגעגאַנגען דורך די קאַנטן, איז ער פֿאַרברענט געוואָרן אין דער אַלטער שול צוזאַמען מיט די סייפערטוירעס, וואָס די סאַנטאָסעס האָבן אהער געבראַכט. אַלץ איז דאָ ניט איין מאָל אויסגעגלײַכט געוואָרן מיט דער ערד. און ווער האָט דעמלט געקאָנט ראַטעווען דעם פּינקעס, אז מע האָט קוים דאָס לעבן געראַטעוועט? הײַנט זיי א בעריע און דערגרונטעווע זיך, וויפֿל איז שוין אַלט דער יישעוו, וועלכן ייִצכאָק סאַנטאָס האָט אמאָל א נאָמען געגעבן אזוי, ווי עס האָט געהייסן דאָס קאַרפּאַטער דערפֿל, ווו זײַן זון איז אומגעקומען בעשאָס דער מילכאָמע, — רוזשיצע...

אייניקע מענטשן דערמאָנען זיך, אז מיט א סאַך יאָרן צוריק האָט מען אין אויעזד, גראַבנדיק זיך צווישן אַלטע קסאָוויאָדן, אויסגעזוכט א קלויסטער־בוך, ווו עס איז געווען פֿאַרשריבן מיט אויסגעבליאַקעוועטע אויסיעס, אז פֿון דער פֿרעמד האָט עס אמאָל אהער צוגעשלאָגן צום ברעג א פּליט מיט עטלעכע מישפּאָכעס פֿרעמדגלייביקע, און איינער א ייִד מיטן נאָמען ייִצכאָק סאַנטאָס איז געקומען צו די באַלעבאַטים, צו די פּאַטאַצקיס, און יענע האָבן ראַכמאָנעס געהאַט אַף די אומגליקלעכע מענטשן, וועלכע זײַנען פֿאַרטראַגן געוואָרן אהער מיט קינדער און זקיינים און געבעטן, מע זאָל זיי דערלויבן זיך באַזעצן באַם קרומען יאָר. און נאָך זיך האָט זיך דאָרטן געשריבן, אז שפּעטער האָבן די פּאַטאַצקיס געוואָלט פֿאַרטרײַבן די פֿרעמדגלייביקע פֿון זייער ערד, נאָר די מענטשן האָבן אופֿגעהויבן א בונט. עטלעכע האָט מען פֿאַרטריבן קיין סיביר, און צווישן זיי איינעם פֿון די סאַנטאָסעס. לאַנגע יאָרן איז געגאַן א גרויסער שטרײַט פֿאַר דער ערד, און כאַדאָקעס פֿון רוזשיצע האָבן זיך דערקליבן קיין פּעטערבורג, צום קייסער, זיך קלאָגן, אז מע לאָזט ניט לעבן...

שפּעטער איז אויך דער בוך פֿאַרברענט געוואָרן בעשאָס א גרויסער סרייפֿע. ווער זשע געדענקט פּינקטלעך די געשיכטע פֿונעם יישעוו?

סימכע קושניר פֿילט זיך גראָדע א ביסל שולדיק, וואָס ער האָט ניט פֿאַרצייכנט בא זיך אין בוך, וויפֿל איז אַלט דער יישעוו. עמעס, סימכע קושניר ווייסט גוט, אז עטלעכע דוירעס קושנירס האָבן דאָ געלעבט פֿאַר אים. מיט די סאַנטאָסעס קערן זיי זיך נאָר אָן גוטע שכיינים. יענע זײַנען געקומען אהער און זיך דאָ באַזעצט א סאַך פֿריִער. פֿאַרפּלאַנצט גוטע ווײַנגאַרטענער, און יעדער דריטער אײַנוווינער פֿון דעם אַלטן יישעוו האָט געהייסן סאַנטאָס. איז ווײַל די דאָזיקע פֿאַמיליע האָט געקלונגען מאָדנע, פֿרעמד, האָט מען זי איבערגעדרייט אַף סאַנטעס...

און פֿונוואַנען, וועט איר פֿרעגן, האָבן זיך אהער גענומען די קושנירס?

— לאַנג צו דערציילן, — זאָגט מיט גאַדלעס דער בוכהאַלטער, — די קושנירס האָבן אויך אַ געשיכטע, וואָס ציִען ציט זי זיך פון דער צײַט, ווען אוסטים קאַרמאַליוק האָט דאָ, אין פּאָדאָליע, געטריבערט די פּריצים, אַדירים און אַנדערע הויטשינדער... וואָס זאָגט איר? וואָס קער זיך אָן אוסטים קאַרמאַליוק צו אַן אַלטן ייִדישן ישעיוו באַם דניעסטער? וואָס קער זיך אָן דער באַרימטער אוקראַיִנישער בונטאַר מיט די קושנירס? וועל איך אײַך באַלד אײַנקורצן דערציילן.

און סימכע קושניר נעמט אַראָפּ פון דער נאָז דיברילן, פּאַרוקט אַף אַ זײַט די קעפּקע, וואָס דרייט זיך אַף זײַן קאָפּ, ער רײַבט אויס די קורצזיכטיקע אויגן, וואָס זײַנען טאָמיד מיד פון די כעזשבוינעס און פונעם שלינגען דורך די נעכט גראָבע ביכער, און ער הייבט אָן באַאַריכעס, מיט אָפּשײַ דערציילן וועגן אוסטים קאַרמאַליוקן און זײַן פרײַנטשאַפט מיט די ייִדן — באַלמעלאָכעס פון די פּאָדאָליער שטעטלעך דעראַזשנע, ליטין...

לאָזט זיך אויס, אַז די קושנירס זײַנען שוין לאַנג אַרײַן אין דער געשיכטע! זיי שטאַמען טאַקע פון דעראַזשנע. אַלע יאָרן האָבן זיי געלעבט אין דעראַזשנע און זיך פאַרנומען מיט שמידערײַ. מע האָט געאַרבעט אין די קוזניעס, אונטערגעקאָוועט פערד, בריטשקעס, וועגענער, פאַריכט באָראָנעס, סאָכעס, געקאָוועט קאָסעס, גראָבײַזנס און אַנדערע מאַכשירים פאַר די פויערים פון די אַרומיקע דערפער. און וואָס האָט מען באַ זיך אין די קוזניעס ניט געקאָנט אויסקאָוועןǃ און ביכלאַל האָבן אַמאָל געלעבט אין דעראַזשנע און אין די אַרומיקע שטעטלעך גאָלדענע באַלמעלאָכעס — בעלעכערס און שוסטערס, שנײַדערס און שאָרניקעס, סטאָליערס און טעסלעדס, שערערס און פעלצנמאַכערס.

סימכע קושניר זאָל אײַך לאַנג ניט פאַרהאַלטן, וועט ער עס מאַכן בעקיצער. כאָטש עס רעדט זיך אַזוי — בעקיצער! ער צעלייגט אַלץ אַף צוועלף טעלערלעך. אַלץ געדענקט ער גוט. די זיידעס האָבן אים אַ סאַך דערציילט וועגן קאַרמאַליוקן.

אַף אוקראַיִנע, און דעריקערשט אין פּאָדאָליע, אין די אַרומיקע וועלדער, האָט אַמאָל, — מיט אַ יאָר אָנדערהאַלבן הונדערט צוריק, עפּשער ווייניקער אַ ביסל, — געשעמט אוסטים קאַרמאַליוק מיט זײַנע בראַווע כעוורע אויפשטענדלער. מע האָט ניט געלאָזט רוען די רײַכע פּאַנעס און זיי דערגאַנגען די יאָר. אוסטים קאַרמאַליוק האָט ניט געזשאַלעוועט דאָס לעבן פאַר די בידנע פויערים, וואָס האָבן זיך געמוטשעט אַף פּאַנשטשינע. עטלעכע מאָל האָבן די צאַרישע

זשאנדארמען געכאפט דעם בארימטן בונטאר, אוסטים קארמאליוקן, געשמידט אים אין קייטן, פארשיקט אף קאטאָרגע קיין סיביר, א פּאָר מאָל פארמישפּעט צום טויט. און קארמאליוק איז אָבער געווען דרייסט און שרעקלאָז, צעריסן די קייטן, אנטלאָפן פון סיביר, זיך אויסגעדרייט פונעם טויט און ווידער זיך אומגעקערט אהיים, קיין פּאָדאָליע, אין די וועלדער, צונויפגערופן זײַנע כעוורע אופשטעטנדלער, אָנגעפאלן אף די פּריצישע פּאָסעסיעס, אָפּגענומען דאָס גוטס און צעטיילט אלץ דעם אָרעמען גראד. די דעראזשנער און ליטינער באלמעלאָכעס האָבן גוט געקענט דעם בונטאר. ער איז געווען א היגער, טאקע פון פּאָדאָליע. אָט אין יענער צײַט איז קארמאליוק געקומען צו די דעראזשנער שמידן, צו די קושנירס, און געבעטן, מע זאָל קאָוען שווערדן פאר זײַנע יונגען. און די שמידן האָבן פארקאטשעט די ארבל און אין די נעכט געשמידט שווערדן, געווער, די שוסטער האָבן גענייט פאר די פּאָווסטאנצעס שיך, שטיוול, די שנײַדער — אָנטאָן, די שאָרניקעס — זאָטלען. אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען אלץ. צענדליקער ייִדישע יונגען און יונגעלײַט פון די שטעטלעך זײַנען אוועקגעגאנגען אין די וועלדער צו קארמאליוקן, ארײַנגעטראָטן אין זײַנע מאכנעס. איינער א ייִדישער באָכער איז אפילע געווען צווישן קארמאליוקס געהילפן. און מע האָט אים צוזאמען מיטן בונטאר געמישפּעט, פארשיקט קיין סיביר אף אייביקער קאטאָרגע... זײַן פאמיליע איז געווען דאָבראָוואָלסקי. עמעס, ער איז געווען א געשמאדטער... אוסטים קארמאליוק מיט זײַנע אופשטעטנדלער האָט אופגעטרייסלט די גאנצע אימפּעריע. דער קייסער אליין האָט אָנגעפירט מיט די זשאנדארמען, וואָס מע האָט געשיקט קיין פּאָדאָליע, קעדיי כאפּן און פארניכטן דעם בונטאר מיט זײַנע מאכנעס. א סאך שפּעטער, ווען מע האָט שוין געמישפּעט אוסטים קארמאליוקן, האָט מען זיך געכאפּט: „ווער האָט געקאָוועט שווערדן, געווער פאר די בונטארן? ווער האָט בא זיך אויסבאהאלטן אוסטימען? ווער האָט גענייט שיך, אָנטאָן, זאָטלען, העמדער? און מע האָט זיך א נעם געטאָן פאר די באלמעלאָכעס פון די פּאָדאָליער שטעטלעך. הונדערטער באלמעלאָכעס, וועלכע האָבן אונטערגעהאלטן קארמאליוקן מיט זײַנע אופשטענדלער, האָט מען געשטעלט צום געריכט. א סאך פון זיי האָט מען געשמיסן אף די פּלעצער, געקאָוועט אין קייטן און פארשיקט קיין סיביר אף קאטאָרגע.

צווישן די פארמישפּעטע דעראזשנער זײַנען געווען עטלעכע קושנירס, קרויווים און באקאנטע. דערפאר איז סימכען די געשיכטע באזונדערס טײַער. און אלץ, וואָס ער דערוויסט זיך וועגן יענער צײַט, פארשרײַבט ער בא זיך אין בוך.

— אָבער איך בין א מענטש, וואָס האָט ליב דאָקומענטן, — פארענדיקט סימכע קושניר, — פּינקטלעכקײַט! איך וויל ניט, איר זאָלט מיר גלייבן אפן וואָרט. איך בין אנומלטן אוועקגעגאנגען אין היסטאָרישן ארכיוו און געבעטן, מע זאָל מיר באוויַזן די ביכער, ווו עס זײַנען פארשריבן שווארץ אף ווײַס די נעמען פון די דעראזשנער, ליטינער באלמעלאָכעס, וועלכע זײַנען געווען מיט קארמאליוקן, געהאָלפן אים, ווי מע זאָגט, אונטערגעשטעלט א פּלייצע.

איז אויב איר האָט עטלעכע פרײַע מינוט און כיישעק, קאָנט איר עס אויך איבערלייענען. בעזע האלאָשן איז דאָס פארשריבן אין די פארגעלטע פּאפּירן, וואָס געפינען זיך אין ארכיוו[1]:

„אינעם יאָר 1827, 17 טאָג אין יון, אינעם לאָקאל פונעם לעטיטשעווער אונטערשטן זעמסקי געריכט זײַנען די צוגעשטעלטע דורכן גוטבאזיצער פונעם דאָרף קאָלנאיא — דעראזשנע יאנטשעווסקי די ווײַטער אויסגערעכנטע פארברעכער געגומען געוואָרן אפן פארהער און זיי האָבן באוויזן: דער ערשטער — וואסילי מיכײַלאָוו גאוורילענקאָ (ער איז אויך קארמאליוק), וויפל ער איז אינדערעמעסן אלט, ווייסט ער ניט, נאָר אז ער איז בלויז געבוירן געוואָרן אין א שטארק שנייִקן ווינטער אין דער שטאָט זאמאָסטיע, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער עסטרײַכישער הערשאפט, שטאמט פון מעשטשאנעס, פונעם פאָטער מיכײַלאָ און פון דער מוטער, וואָס מאכמעס זי איז געשטאָרבן, ווען ער איז נאָך געווען א פּיצל קינד, געדענקט ער ניט... ער איז אויסגעוועזן אין פארשיידענע ערטער, ווי עס ווערט אָפּגעמערקט אין די באווײַזן, וואָס ער האָט געגעבן דער קאָמיסיע פון ליטינער פּאָוויט, אין פארבינדונג מיטן כשאד, אז ער האָט אָפּגעראבעוועט א מענטשן אינעם ייִשעוו אָוסיאניקי, נאָר ס'איז געווען ניט זײַן ארבעט. לויטן אורטייל פונעם מיליטערישן געריכט איז ער אומשולדיק באשטראָפט געוואָרן מיט הונדערט שמיץ אין דער שטאָט קאמענעץ־פּאָדאָלסק. און דערנאָך פארשיקט געוואָרן אף קאטאָרגע. אין עטאפּ האָט ער זיך געפונען א גאנץ יאָר. ווען מע האָט אים געבראכט אין דער שטאָט טאָבאָלסק, איז ער לויט דער פאראָרדענונג פון דער אָרטיקער נאטשאלסטווע אָפּגעשיקט געוואָרן אין דער אויעזדנע שטאָט יארוטא אין א גוראלניע, וואָס האָט זיך געפונען אין רעשוס פון איינעם אָן אָפּיצער אלעקסאנדער איוואנאָוו דוראנאָוו. ער איז דאָרט אָפּגעוועזן דרײַ כאדאָשים, דערנאָך איז ער אנטלאָפן מיט נאָך אזעלכע מענטשן, פון זײַן גלײַכן, נאָר גאָר אינגיכן האָט מען אים געכאפּט

[1] צענטראלער היסטאָרישער מעלוכע־ארכיוו פון אוקראיִנע. „אוסטים קארמאליוק". זאמלונג פון דאָקומענטן.

און אָפּגעגעבן אַף אַ קופּער־זאַוואָד. דעם אופזעער פונעם דאָזיקן זאַוואָד קען ער ניט, ווײַל ער האָט זיך דאָרט געפונען איין וואָך. נאָך דעם איז ער ווידער אַנטלאָפן, אויסגעווען אין פאַרשיידענע ערטער, זיך דערנערט מיט אויסגעבעטלט ברויט. ס׳אַוועק אַ יאָר נאָכן אַנטלויפן, און אַז ער האָט זיך דערקליבן קיין קיִעוו, האָט ער דאָ געקויפט אַ פּאָר פערד אַפן מאַרק בא אַן אומבאַקאַנטן מענטשן פאַר זײַן אייגן געלט... אַ געדונגענער פלעגט ער פאָרן אין פאַרשיידענע ערטער מיט מענטשן, וואָס ער פלעגט זיי באַגעגענען אין וועג, געווען עטלעכע מאָל אין בערדיטשעוו, אָבער קיין פעסטע סטאַנציע האָט ער ניט געהאַט בא קיינעם, ווײַל ער פלעגט זיך אָפּשטעלן אַפן מאַרק. אַזויאַרום איז פון דער צײַט, וואָס ער איז אָנגעקומען אין די היגע קאַנטן, אַוועק צוויי יאָר. געוווינט האָט ער אַמאָל אין ליטינער פּאָוויט אין נײַקאָנסטאַנטינאָווקער לוקאַ באַם ייִדן יודקאָ און אין ייִשעוו וואָלקאָווינעץ באַם ייִדן מאָרדקע. בא די דאָזיקע ייִדן האָט ער געוווינט געהיים... באַטאָג פלעגט ער זיצן אין קעלער און באַנאַכט פלעגט ער אַרויסגיין... לעם דאָרף נאָווי מײַדאַן אין וואַלד האָט ער זיך באַגעגנט מיטן געטויפטן דאָבראָוואָלסקי און מיט אַ דאָרטיקן פּויער אילקאָ. גיין פלעגן זיי מיט די וועלדער, און בייס אַן אָבלאַווע פלעגן זיי זיך באַהאַלטן אין קאָרן לעם אַלט־מײַדאַן... אַ טאָג פריִער, איידער מע האָט זיי געכאַפּט, זײַנען זיי אַלע געווען אין אַ וועלדל לעבן אַלט־הוטע... איז צוגעקומען צו זיי עפּעס אַן אַלטער אָנגעטאָן ווי אַן אָפּיצער. ווי זיי האָבן זיך מעשאַער געווען, איז עס געווען סאַמאָילאָוויטש, דער אייגנטימער פונעם דאָרף אַלט־הוטע. ער האָט זיי געפרעגט, ווער זיי זײַנען, זיי האָבן געענטפערט, אַז זיי זײַנען אייגענע מענטשן. באַנאַכט זײַנען זיי געקומען צום יונגן אָלשעווסקין... ווי נאָר זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפן, איז פּלוצעם אַרײַנגעשפרונגען אין שטוב דער פּאָרעץ יאַנטשעווסקי, אים אָנגעכאַפּט פאַר דער ברוסט, און זיי האָבן זיך אומגעוואַלגערט אַף דער ערד. ווער פון זײַנע כאַווײרים ס׳האָט געשלאָגן יאַנטשעווסקין, ווייסט ער ניט. און די ביקס, וואָס איז געווען בא אים, האָט ער געטראָגן אויסשליסלעך צוליב געיעג... די דאָזיקע באַווײַזן גיט ער אונטערן גאַלעכס האַשפּאָע וואָרהאַפּטיק, און עס כאַסמעט זיך פאַר אים — דעם ניט־גראַמאָטנעם — מיט דער פּען פונעם קאַנצעליאַריסט — איוואַן אַנטאָסעוויטש" (זײַטלעך 11—13. אָריגינאַל).

סימכע קושניר מישט איבער עטלעכע בלעטלעך און רופט זיך אָן:

— דאָס האָט איר אַ כעזשבן, הייסט עס, פון איין דאָקומענט. איצט זײַט מויכל, לייענט ווײַטער:

„אינעם יאָר 1827, 23 יון (פונעם זשורנאַל פונעם לעטיטשעווער אונטערשטן זעמסקי געריכט. וועגן אויסבאַהאַלטן קאַרמאַליוקן בא די ייִדן מאָרדקע און יודקע און וועגן קאַרמאַליוקס אָפּזאָגן זיך אַרויסצוגעבן די מענטשן, בא וועמען ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן).

„... 5־טע. דער פאַרברעכער קאַרמאַליוק באַווײַזט, אַז ער פלעגט זיך אופהאַלטן צײַטנווײַז באַם וואָלקאָווינעצער ייִדן מאָרדקאָ און באַם לוקאַ־נײַקאָנסטאַנטינאָווקער יודקאָ. דאָך ניט דאָס ווינאָרט, ניט די סימאָנים פונעם ערשטן גיט ער ניט אָן, זעט אויס, צוליב פאַרהיטן אים, און אַזויווי מיט אַזאַ נאָמען — מאָרדקאָ זײַנען פאַראַן עטלעכע אין וואָלקאָווינעץ, — דאַרף מען אַף אַ געהיימען אופן מיט אַ ספּעציִעלן שאַליִעך שיקן אַ באַפעל דעם אָרטיקן מאַכטהאָבער, אַז וויפל ייִדן מיטן נאָמען מאָרדקאָ ס׳איז דאָרט פאַראַן, זאָל ער זיי אַרויסשיקן אינעם דאָזיקן געריכט אונטער אַ געהעריקער אופזיכט, קעדיי קאַרמאַליוק זאָל אָנווײַזן דעם, בא וועמען ער האָט זיך אופגעהאַלטן..."

איצט נעמט זיך אָן מיט געדולד און לייענט נאָך אַ פּאָר דאָקומענטן.

„פונעם לעטיטשעווער אונטערשטן זעמסקי געריכט. אַ מיטיילונג אין פּאָוויט.

ס׳ווערט פאָרגעלייגט די עקאָנאָמיעס און די סאָטסקעס מאַכן אַ שטרענגע אונטערזוכונג אין די אַמטן זייערע, און אויב ס׳וועט זיך בא עמעצן פון זיי אַרויסווײַזן דער סניטקאָווער ייִדיִער דאָווידאָוויטש פאָנפאַטש, וואָס איז נייטיק לויטן איניען פונעם פאַרברעכער קאַרמאַליוק, באַלד אים נעמען אונטער אַ שטרענגן קאַראַול און אים צושטעלן אינעם דאָזיקן געריכט.

סימאָנים זײַנען בא פאָנפאַטשן פאָלגנדיקע: די הייך — 2 אַרשין 4,5 ווערשאָק, די האָר אַפן קאָפּ טונקל־בלאָנדע, אַף דער באָרד — אַ ביסל שוואַרץ, אַ לענגלעכע באָרד, אַ לענגלעכע נאָז, אַ פּאָנעם אַ דאַרס, 38 יאָר. רעדט אונטער דער נאָז. אויסער דעם, האָט דער דאָזיקער פאָנפאַטש אַ פּאַס, אַרויסגעגעבן דורכן אָרטיקן מאַגיסטראַט דעם 28 אָקטיאַבער 1825, מיטן נומער 451, 2 טאָג אין יול 1827.

דער זעמסקי איספּראַווניק וואַיציצקי, סעקרעטאַר"

„1827, 6 אויגוסט. פונעם אַלטקאָנסטאַנטינאָווער אונטערשטן זעמסקי געריכט צו דעם זעלבן אין ליטין.

דער ליטיטשעווער אונטערשטער זעמסקי געריכט פאָדערט אין א געהיימען באַפעל, וואָס האָט זיך באַקומען דעם 6 אויגוסט מיטן נומער 6349, אָפּזוכן אין צימבאַלאָווקער טראַקטאָווע קרעטשמע דעם אַרענדאַר — דעם ייִדן, זײַן נאָמען און פאָטערנאָמען איז ניט באַוווּסט..."

— אָט דאָס איז געווען יודקאָ, בא וועמען קאַרמאַליוק האָט זיך אויסבאַהאַלטן, — האָט אַרײַנגעשטעלט סימכע קושניר, ווען מע איז צוגעקומען צו דעם אָרט, — לייענט, לייענט ווײַטער, ס'איז זייער ציקאַווע...

„און נאָכדעם, ווי מע וועט אים שמידן אין האַנט- און פוסקייטן, צושטעלן אים אינעם דערמאָנטן געריכט לויט דער אײַנגעשטעלטער אָרדענונג, אָפּהיטן דערבײַ די קלאַלים, ער זאָל אין וועג ניט קומען מיט קיינעם אין באַריר. אַזוי ווי לויט די אָנגעזאַמלטע ידיעס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צימבאַלאָווקער קרעטשמע געפינט זיך אין ליטינער פּאָוויט, איז דער אָנגערופענער געריכט אײַך מודיע צוליב דעם, אַז אויב די דאָזיקע קרעטשמע געפינט זיך טאַקע אין ליטינער פּאָוויט, די דאָזיקע פאָדערונג פונעם ליטיטשעווער אונטערשטן זעמסקי געריכט אויספילן מיט אַלע פּינקטלעכקײַטן. און אויב די דערמאָנטע קרעטשמע געפינט זיך ניט אין ליטינער פּאָוויט, מודיע זײַן דעם געריכט, צו וועמען מע דאַרף זיך ווענדן וועגן דעם. וועגן דעם האָט אונדזער געריכט דעם ליטיטשעווער אונטערשטן געריכט געגעבן צו וויסן.

זעמסקער איספּראַווניק (אַן אומדײַטלעכע אונטערשריפט).
קאַנצעליאַריסט פיליפּאָוויטש".

„אינעם יאָר 1827, 6 טאָג אין אויגוסט.

די אַרויסגערופענע אינעם לאָקאַל פונעם מיטגליד פון ליטיטשעווער אונטערשטן זעמסקי געריכט אײַנוווינער און פויערים פונעם דאָרף נעטעטשינעץ-נאָווי זײַנען אויסגעפרעגט געוואָרן וועגן דער אופירונג פונעם געטויפטן וואַסילי דאַבראָוואָלסקי, און אונטער א שבועה האָבן זיי באַוויזן:

דער 1-טער מיכײַלאָ מאַקאַגאָן, 70 יאָר אַלט, דער 2-טער סטעפּאַן זאַמרי — 68, דער דריטער פעדקאָ באַגאַן — 65, דער 4-טער איוואַן מאַרגון — 66, דער 5-טער מיקיטע שקאָפּאַנד — 50, דער 6-טער איוואַן וואַסיליעוו... אַלע זײַנען לויט דער העוויזיע פאַרשריבן אינעם יישעוו נאָווי נעטעטשינצי, ניט געמישפּעט — האָבן זיך מודיע געווען, אַז זיי קענען דאַבראָוואָלסקין פון אַזא זײַט: צוריק מיט 4 יאָר אַן ערעך, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָפּגעשמאַדט אינעם שטעטל זינקאָוו, איז ער געקומען אין נאָווי-נעטעטשינצי און, דאָ כאַסענע האָבנדיק מיט דער טאָכטער פונעם שליאַכטיטש טשערנעלעווסקי, האָט ער געוווינט אין א באַזונדערער געדונגענער דירע. נאָר מיט וואָס ער, דאַבראָוואָלסקי, האָט זיך פּאַרנומען, איז זיי, די איידעס, ניט באַוווּסט. מיט צוויי יאָר צוריק אַן ערעך איז ער געגומען געוואָרן פאַר עפּעס א פאַרברעכן אין ליטיטשעווער טורמע און האָט זיך דאָרטן געפונען, ביז ס'איז אַרויס דער אַלגנעדיקסטער מאַניפעסט, דורך וועלכן ער איז באַגנעדיקט געוואָרן און אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף דער פרײַ. קומענדיק ווידער וווינען אין נעטעטשינצי, איז ער דאָ אָפּגעווען זייער א קורצע צײַט, און דערנאָך איז ער ווידער אַוועק פונעם דאָרף, און מיט וואָס ער האָט זיך פּאַרנומען, איז די איידעס ניט באַוווּסט. און דערנאָך האָבן זיי זיך שוין דערוווּסט, אַז דער פּאַרעץ סטאַראָרעפּינסקי האָט אים צוגענומען פאַר א שענקער אין כאָדאַקי, ווו ער איז געווען א קורץ שטיקל צײַט, ווי ס'זײַנען זיך מעשאַער די איידעס, ווײַל דאָס ווײַב זײַנס, וואָס איז געקומען צו אים וווינען אין כאָדאַקי, האָט זיך אין א קורצער צײַט אַרום אומגעקערט צוריק צום פאָטער און וווינט דאָ בא אים. קיין שום פאַרמעגן האָט ער, דאַבראָוואָלסקי, ניט געהאַט, אויסער דעם, וואָס ס'איז געווען אויף אים...

דורכגעפירט דעם פאַרהער בײַזיצער כמעלעווסקי".

„1827, 23 אויגוסט.

ראַפּאָרט. אין העסקעם מיטן אוקאַז פונעם דערמאָנטן געריכט פונעם 13 אויגוסט נומער 8584 איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אונטערזוכונג אין די יישווים טעראַספּאָל, בערעזאָווקע און קאַרפּאַצי לויטן איניען פונעם וויכטיקן פאַרברעכער קאַרמאַליוק. דערבײַ האָב איך די ערע צו מעלדן דעם געריכט, אַז דער ייִד גאָוריעל בערקאָוויטש, דער שענקער פון בערעזאָווקער טראַקטאָווע קרעטשמע, איז דורך מיר אונטערגעזוכט געוואָרן און אָפּגעשיקט מיטן עטאַפּ אין

לעטישעווער אונטערשטן געריכט דעם 21 אווגוסט מיטן באגלייט־צעטל נומ. 402. וואָס אָנבא־לאַנגט דער אַפּוועזנהייט פון גאוורעלס ברידער שמועל און שמערקע בערקאָוויטש, האָב איך פאַראָרדנט, מע זאָל זיי אַרויסשיקן אינעם דערמאָנטן געריכט אונטער א שטרענגן קאַראָל (אויב זיי וועלן זיך באווייזן).

ביי־זיצער באַרדשעווסקי״

„אן אָפענער בריוו. איבערשיקנדיק דערביי מיט א קאַראָל דעם ייִדן ארן שמולעוויטש קלעבאַנסקי אין דער ערשטער אַרעסטאַנטישער סטאַנציע מיטן טראַקט, וואָס פירט צו דער שטאָט ליטין, אופנעמענדיק אים און צושטעלנדיק צו אים א געזיכערטע צאָל באַגלייטער, אָפּשיקן אויך ווײַטער אַף אַזאַ אויפן, איבערגעבנדיק פון האַנט צו האַנט לויט קאַבאָלע־צעטלען, זעענדיק דערביי, אַז פון וועג אָדער פון נאַכטלעגער זאָל ער ניט קענען אַנטלויפן. ברענגענדיק אים אין דער שטאָט ליטין, אים איבערגעבן אין יענעם פּאָוויטאָווע געריכט, וווהין ס׳איז גע־מאָלדן געוואָרן וועגן אים דורך דער פּאָטשט.

אַרויסגעגעבן פון באַרער שטאָט־פּאָליציי מיט א כסימע און שטעמפּל.

דעם 10 יאַנוואַר 1828

פּאָליצמייסטער זאַוואַלניצקי״

„דעם הער ליטינער זעמסקי איספּראַווניק פונעם ביי־זיצער בענקאָווסקי א ראַפּאָרט.

די אופגעפאָדערטע לויטן אָרדער פונעם פּליכטן־אויספירער פונעם זעמסקי איספּראַוניק דעם ביי־זיצער באַרזשעווסקי פונעם 24 יון ה. י. נומ. 369 קאָפּיע וועגן דער אַלגעמיינער אונ־טערזוכונג באַם ייִדן, וואָס וווינט אין דער זאַפּיאַפּאָלסקער טראַקטאָווע קרעטשמע יאָסי יאָסי־פּאָוויטש בראָווערמאַן (ער איז אויך ליטוואַק), וואָס איז אָנגעהעריק צום איניען פונעם וויכטיקן פּאַרברעכער קאַרמאַליוק, האָב איך די ערע דערביי צוצושטעלן אײַער עקסעלענץ —

ביי־זיצער שטאַבס־קאַפּיטאַן בענקאָווסקי״

„פון לעטישעווער שטאָטישער פּאָליציי.

אין ליטינער אונטערשטן זעמסקי געריכט.

אין רעזולטאַט פון דער מיטיילונג פונעם דערמאָנטן געריכט פון 10־טן פון פּאַריקן כוי־דעש יון, נומ. 5628 איז די דורכגעפירטע דורך דער דאָזיקער פּאָליציי אַלגעמיינע אונטערזו־כונג, ווי אויך די נאָכפראַגע, וואָס ס׳איז פאַרשריבן אין דער רעוויזיע וועגן דעם לעטישעווער מעשטשאַנין דעם ייִדן כאים־קאַלמען וואָלאַשין, וואָס איז אָנגעהעריק צום איניען פונעם פאַר־ברעכער קאַרמאַליוק, דערביי ווערט אויך מיטגעטיילט דעם געריכט. אַז וועגן דער נאָכפראַגע, צי האָט דער דאָזיקער וואָלאַשין זיך ניט געמישפּעט, האָט די פּאָליציי געמאָלדן דעם היגן פּאָ־וויטאָווע געריכט און דעם שטאָט־מאַגיסטראַט צוליב דעם, ער זאָל אינגיכן מיטיילן וועגן דעם דעם אויבנדערמאָנטן געריכט.

פּליכטן־אויספירער פון גאָראָדנישטשי גוואַרדיע

שטאַבס־קאַפּיטאַן״.

„פונעם מאָהיליאָווער צום ליטינער אונטערשטן זעמסקי געריכט.

אין העסקעם מיט דער פאַראָרדענונג פונעם וויניצער זעמסקי איספּראַוניק פונעם 14־טן פון פאַרגאַנגענעם כוידעש מײַ מיטן נומ. 635 ווערט די דורכגעפירטע דורכן מיטגליד פונעם געריכט פון שטעטל פּרילוק אַלגעמיינע אונטערזוכונג וועגן דער אופירונג פונעם ייִדן אווראָם דאַווידאָוויטש סאָקאָלניצקי, וואָס איז פאַרדעכטיק לויטן איניען פונעם פאַרברעכער קאַרמאַ־ליוק, ווי אויך די ספּראַווקע וועגן דעם, וואָס ס׳איז וועגן אים פאַרשריבן אין דער רעוויזיע אינעם דאָזיקן אונטערשטן געריכט, דערביי איבערגעשיקט.

1831, 27 טאָג אין אווגוסט.

ביי־זיצער גאָבערט.

סעקרעטאַר״.

„1831, 23 אָקטיאַבער.

דער פאַרברעכער קאַרמאַליוק, בייס ער איז געשטעלט געוואָרן אויג־אויף־אויג מיט אַרן ווינייאַר, האָט אַף דער פראַגע, צי איז עס דער זעלבער אַרן, אין וועמעס הויז ער האָט זיך אײַנעם יאָר 1826 צוזאַמען מיט זײַנע כאַווייִרים אינעם שטעטל נײַקאָנסטאַנטין אויסבאַהאַלטן, באַוויזן, אַז מאַכמעס דעם צײַט־פאַרלויף קען ער דעם אים פאָרגעשטעלטן ייִדן אַרענען ניט דערקענען און ער רעכנט, אַז דאָס איז ניט ער, ווײַל יענער, אין וועמענס הויז ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן, איז אַ שוואַרצער, מיט אַ ריין געזיכט, בייס דער, וועמען ער זעט, איז אַ טונקל־בלאָנדער און אַ ביסל אַ געשטופלטער. דערבײַ האָט אויך אַרן ווינייאַר דאָ טאַקע דערקלערט, אַז דעם דאָזיקן מענטשן זעט ער הײַנט אין די אויגן דאָס ערשטע מאָל, אַז ער האָט אים קיינמאָל ניט געקענט און ער האָט קיינמאָל ניט געזען, אַז קאַרמאַליוק, ווי אויך זײַנע כאַווייִרים, זאָלן אַמאָל פאַרפאָרן צו אים אין שטוב".

„...בייס דער פאַרברעכער קאַרמאַליוק איז געשטעלט געוואָרן אויג־אויף־אויג מיט די טיווראַווער ייִדן אוורום־עליע איצקאָוויטש און אַבראַשקע דאַווידאָוויטש סאָקאָלניצקי, האָט ער דערקלערט, אַז ער האָט די דאָזיקע ייִדן קיינמאָל ניט געזען און קען זיי ניט, אין קיין אין קאָמפאַניע מיט זיי ניט געווען. דערבײַ האָבן אויך די דערמאָנטע ייִדן באַשטעטיקט, אונטערשטרײַכנדיק ספּעציעל, אַז קאַרמאַליוקן, דעם דעזערטיר קאַפּטשוק און דעם גאַלעכס זון מאַנטשינסקי קענען זיי ניט, קיינמאָל ניט געהאַט מיט זיי קיין שום באַציִונגען, אין ערגעץ קיינמאָל זיך ניט פאַרנומען מיט קיין גנייווע, אַז דער שווער זײַנער בעניע־מאָרדכע האָט אויך מיט זיי קיינמאָל קיין געשעפטן ניט געהאַט".

„...10 פויערים פונעם דאָרף טשעשקי האָבן אונטער אַ שווּע באַוויזן, אַז דעם דאָרטיקן אײַנוווינער דעם שליאַכטיטש פּאַוועל זאַרזשיצקי קענען זיי און קיין שלעכטע מײַסים האָבן זיי פון אים ניט געזען. קיין אייגענע אימעניע פאַרמאָגט ער ניט. די שענקערקע פון דער טראַקטאָווע קרעטשמע, די ייִדישקע ראַכל, יאַנקל דעם שוסטערס ווײַב, וואָס וווינט צוזאַמען מיט איר, ווי אויך יאַנקל יאָסיפּאָוויטש אַליין, גייט קימאַט שטענדיק אַרום איבער די שכיינישע ייִשוּוים צוליב פאַרדינען מיט זײַן מעלאָכע. אַלע דרײַ לעצטע פּערזאָנען זײַנען פון אָרעמען שטאַנד, אַזוי אַז זיי קאָנען זיך קוים דורכלעבן מיט זייערע מישפּאָכעס, דאָך האָט מען פון זיי קיינמאָל ניט באַמערקט קיין שלעכטע מײַסים.

...דער פאַרברעכער אוסטים קאַרמאַליוק, וואָס איז אופגעהאַלטן געוואָרן אין ליטינער שטאָטטורמע, איז פונעם 14־טן אַפן 15־טן פונעם פאַרגאַנגענעם אַפּרעל אַנטלאָפן. די סימאָנים זײַנע — היכער וווּקס, פּעסט געבויט, האָר — העל־בלאָנדע, דאָס געזיכט — אַ קײַלעכיקס, אויגן — גרויע, אין מויל אין דער אונטערשטער יאַסליע איז אַ פאָדערשטער צאָן אויסגעשלאָגן, רעדט רוסיש, פּויליש און ייִדיש. דער קאָפּ — אַ געגאָלטער, אָנגעטאָן אין אַ סוויטע פון גראָוון פּאָשעטן געוואַנט, אַ היטל מיט אַ דאַשעק פון דינעם שוואַרצן געוואַנט, 47 יאָר.

באַקומענדיק אַ ידיִע וועגן דעם פונעם פּאָדאָליער הער ציווילן גובערנאַטאָר, באַפעל איך דער שטאָטישער און זעמסקער פּאָליציי דורכצופירן אַ שטרענגע אונטערזוכונג, קעדיי אויסצוגעפינען דעם דערמאָנטן פאַרברעכער און אין פאַל, ווען מע וועט אים כאַפּן, צושטעלן אים אונטער אַ שטרענגסטן קאַראַול אין דער שטאָט ליטין. וועגן ווײַטערדיקן מיר ראַפּאָרטירן. גובערנאַטאָר".

„1835, 14 אווגוסט. פונעם לעטיטשעווער זעמסקי געריכט צו די אָנפירער פון אונטן אויסגערעכנטע דערפער און שטעטלעך.

א פאַראָרדענונג

פונעם 12־טן אַפן 13־טן פון דעם כוידעש, באַנאַכט, זײַנען אומבאַוווּסטע פאַרברעכער אָנגעפאַלן אינעם דאָרף קראַסנאָסיאָלקי אַפן הויז פון דער פּאַסעסאָרשע פּאָפּלינסקאַיאַ, באַראַבעוועט זי, צוגענומען זאַכן פון איר פאַרמעגן און געלט אַף אַ ניט קליינער סומע. ווי ס'האָבן באַמערקט פּאָפּלינסקאַיאַ און אירע באַדינער, זײַנען עס געווען מער פון 6 מענטשן. דרײַ פון זיי, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט באַראַבעווען די שטוב, זײַנען געווען אָנגעטאָן ווי שליאַכטיטשעס — אין סורדוטן, אונטערגעבונדן מיט גאַרטלען, אין גרויע שליאַכטישע היטלען, מיט ביקסן און מעסערס, און די איבעריקע, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דאָס הויז, זײַנען געווען

באוואָפנט מיט פּיקעס און זײַנען, קענטיק, געווען ייִדן. וועגן די פון זיי, וועלכע זײַנען געווען אין זאַל, איז באמערקט געוואָרן סימאָנים. איינער פון הויכן וווּקס, די האָר אפן קאָפּ העל־בלאָנדע, א לענגלעך פּאָנעם, באַ 25 יאָר אַן ערעך, אָנגעטאָן אין א סורדוט פון געלבלעכן קאָליר, אונטערגעבונדן מיט א רויטן גארטל, אין א גרוי היטל. אנדערע צוויי — פון מיטעלן וווּקס, טונקעלע האָר, קיין אנדערע סימאָנים איז ניט באמערקט געוואָרן. די פאַרברעכער האָבן נאָכן באַראַבעווען אומגעקערט זיך אין דער ריכטונג פון שטעטל דראַזשנע.

ביַיזיצער מעגערדיטש

סעקרעטאַר״

— אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ, וואָס איך האָב איבערגעשריבן פון די פאַרגעלטע פּאַפּירן אינעם אַרכיוו, — זאָגט סימכע קושניר, — לייענט, לייענט ווײַטער, וועט איר זען!

„אינעם יאָר 1835, 19 טאָג אין אווגוסט. לויטן אוקאַז פון זײַן קייזערלעכן מאַיעסטעט האָבן די מיטגלידער פונעם לעטיטשיווער זעמסקי געריכט, וואָס זײַנען אונטערגעשריבן אונטער דער פעסטשטעלונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן הײַנט־צו־טאָג אַף דער טעריטאָריע פונעם ייִשעוו קאַלנאַיאַ — דראַזשנע, האָבן, אָנקומענדיק אין שטעטל דראַזשנע, געפונען דאָס הויז, וואָס איז ענלעך צו דער באַשרײַבונג, וואָס איז געגעבן אין די באַווײַזן פונעם דזערטיר קאָפּטשוק, ווו ער, צוזאַמען מיטן פאַרברעכער קאַרמאַליוק און זײַן כאַווער אַנדריי, האָבן זיך אופגעהאַלטן. און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס הויז געהערט דעם ייִדן הערש־לייב ספּיוואַק... דער באַלעבאָס ווידער פון דעם הויז, וועמען מיר האָבן בײַס דער אונטערזוכונג אין שטוב ניט געפונען, האָט ווירקלעך א ווײַב פון דעם צווייטן הייראַט — א יונגע, מיט א פּיצל קינד, און אויך א טאָכטער פון דער ערשטער הייראַט איטע־גיטל, מיט א קלייַן קינד, און אַן עלפיאָריקע טאָכטער מעניע, פון וואָס מיר האָבן זיך פעסט איבערצײַגט אין דער ריכטיקײַט פון די באַווײַזן פונעם דזערטיר פּעטראָ קאָפּטשוק, וועלכער האָט זיך דאָרט אופגעהאַלטן.

האָבן באַשטימט: די דאָזיקע פּערזאָן־צײַגעניש, לויט די באַווײַזן פון פּעטראָ קאָפּטשוק, צוגעבן צום איניען און הערש־לייב ספּיוואַקס ווײַב מיט דער מישפּאָכע פאַרנעמען אינעם לאָקאַל פונעם געריכט און געבוי אויספרעגן זיי, און וועגן אָפּזוכן הערש־לייב ספּיוואַקן גופע און ברענגען אים אין לאָקאַל פונעם געריכט, געבן א פאַראָרדענונג דעם שרײַבער פונעם שטעטל דראַזשנע.

זעמסקי איספּראַווניק קאָוואַלעווסקי,

ביַיזיצער שימאַנאָוו״

„זשורנאַל פון 29 אָקטיאַבער פון דער ערשטער אָפּטיילונג, 2־טער טיש. וועגן דעם באַראַבעווען די פּאָסעסאָרשע פּאָפּלינסקאַיאַ דורך דעם פאַרברעכער קאַרמאַליוקס באַנדע.

דער עקסטראַקט און דער אָריגינאַל פונעם איניען, וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן אַף רעוויזיע פונעם לעטיטשעווער אויעזדנע געריכט מיט א ראַפּאָרט, וואָס איז אָנגעקומען דעם 8־טן אָקטיאַבער 1836 אונטערן נומ. 1940 וועגן די ייִדן, וואָס ווערן געהאַלטן אונטער דער וואַך אין לעטיטשעווער שטאָטישער טורמע: כאַיִם פאַליק — 25, איציקאָ אַבראַמאָוויטש קאָרף — 29, לייב דאַווידאָוויטש פורמאַן — 31, מאַרע דאַווידאָוויטש האָפּשטיין — 46, סרול באָרוכאָוויטש קיפּערמאַן — 26, הערש־לייב מאָשקאָוויטש ספּיוואַק — 44, ליבע, כאַיִם פאַליקס ווײַב — 21, פייגע טשאָרנע — 16, עטיע, יאַנקל דעם שנײַדערס ווײַב — 51, שמועל מאָשקאָוויטש טרודערמאַן — 31, און די פויערים פּראָקאָפּ אַנופריעוו פּראָציקאָוו — 26, יורקאָ סאַמקאָוו שיידיוק — 36, דאַרקע געראַסימאָווא — 40, די טאָכטער אירע — קאַטערינאַ פיליפּאָוונאַ — 20, וואַסיל קאָוואַלטשוק — 31 און סעמען פיליפּאָוו קלימאָוו — 35 יאָר לויט דער עלטער, ווי זיי האָבן אָנגעגעבן, וואָס זײַנען געשטעלט געוואָרן פאַרן געריכט פאַר אויסבאַהאַלטן דעם פאַרברעכער קאַרמאַליוק און איבערן כשאַד פון באַראַבעווען די פּאָסעסאָרשע פּאָפּלינסקאַיאַ — האָבן באַשטימט: די באַשולדיקטע אינעם דאָזיקן איניען און זייערע פאַרברעכנס זײַנען פּאָלגנדיקע: דער 2־טער) דער ייִד כאַיִם לייבאָוויטש פאַליק, וועלכן ס'האָט אויסגעגעבן קאָפּטשוק, אַז ער האָט זיך באַטייליקט צוזאַמען מיט אים, מיט קאַרמאַליוקן, און אנדערע אינעם באַראַבעווען די פּאָפּלינסקאַיאַ, וואָס איז שטאַרק פאַרלוימדעט דורך דער אַלגעמיינער אונטערזוכונג, און וואָס איז שוין געשטעלט געוואָרן פאַרן געריכט לויט פינף איניאָנים, דאַרף אפן סמאַך פונעם אַרטיקל 109 איבערגעלאָזט ווערן אין א שטאַרקן פאַרדאַכט, אַז ער האָט אָנטיילגענומען אין דער דערמאָנטער באַרויבונג... באַשטראָפן אים, פאַליקן, מיט 25 שמיץ און דערנאָך אים פאַרשיקן אין די ניקאָלײַעווער אַרעס־

טאנטסקע ראַטעס צוזאַמען מיט די 254 אַנדערע מענטשן, וואָס זײַנען באַשטימט אַהין, און, ווען ס'וועט נייטיק זײַן, אים אָפּגעבן אין מיליטער־דינסט, און אויב נאָכן באַטראַכטן וועט זיך אַרויס־ווײַזן, אַז ער טויג ניט פֿאַר אַ סאָלדאַט, אים פֿאַרשיקן קיין סיביר; דער 3־טער) איצקאָ אַבראַ־מאָוויטש קאַרף, דער 4־טער) לייבע דאַווידאָוויטש פֿורמאַן, דער 5־טער) מײַער דאַווידאָוויטש האָפּשטיין... זײַנען זייער פֿאַרדעכטיק.

...אַפֿן סמך פֿונעם אַרטיקל 3 פֿונעם 16־טן באַנד איבערלאָזן זיי אין אַ שטאַרקן כּשד פֿון באַטייליקן זיך מיט קאַרמאַליוקן אין דער באַרויבונג... אַרויסשיקן זיי אויף באַזעצן זיך אין סיביר. דעם 6־טן) סראָל באַרעכאָוויטש קיפּערמאַן... באַשטראָפֿן מיט 30 שמיץ און פֿאַרשיקן אויף באַזעצן זיך קיין סיביר. דעם 7־טן) דער ייִד הערש־לייב מאָשקאָוויטש ספּיוואַק, וואָס קאַפּשטוק האָט אַנגעוויזן וועגן אים, אַז ער האָט אויסבאַהאַלטן אים און קאַרמאַליוקן... פֿאַרשיקן ווײַנען קיין סיביר. די 8־טע) כאַים פֿאַליקס ווײַב, ליבען, אויף וויפֿל ס'איז ניט דערוויזן, אַז זי האָט זיך אין די מערדערישע טאַטן באַטייליקט... איבערגעבן אויף אַרוועס, און אין פֿאַל, אויב מע וועט זי ניט וועלן נעמען אויף אַזעלכע, פֿאַרשיקן ווײַנען קיין סיביר... די 33־טע) הערש־לייב ספּיוואַקס פֿרוי פּייגע... באַשטראָפֿן מיט 10 שמיץ און לאָזן זי אויף איר וווין־אָרט. דעם ייִד הערשקע איצקאָוויטש כאַסיט... האַלטן אונטער אַ שטאַרקן פֿאַרדאַכט. סרול קיפּערמאַנס ווײַב כײַע, קיפּערמאַנס מו־טער כאַנע האַלטן אונטער אַ כּשד... איצקאָ טענענבוים, וואָס איז פֿאַרדעכטיק, אַז ער איז יאַד־אַכעס מיט די דראַזשנער ייִדן... נאָר ס'איז ניט דערוויזן געוואָרן, פֿרײַלאָזן...״

„1837 5 יוני. מיטיילונג פֿונעם סטאַטס־סעקרעטאַר פֿונעם סענאַט א. טאַנייעוון צו בלו־דאָוון ד. נ. וועגן דעם, אַז ניקאָלײַ דער ערשטער האָט באַטראַכט דעם איניען פֿון קאַרמאַליוקס מיטבאַטייליקטע, וואָס געפֿינען זיך אונטער אַרעסט פֿונעם 1833 יאָר.

גנעדיקער הער דמיטרי ניקאָלײַעוויטש!

די ווענדונג פֿון אײַער הויכער עקסעלענץ צו מיר פֿונעם 1 יוני אונטערן נומ. 6425 וועגן דער לאַגע פֿונעם איניען, וואָס געפֿינט זיך אין סענאַט וועגן די אַרעסטאַנטן, וועלכע ווערן אָפּ־געהאַלטן אין דער שטאָט לעטיטשעוו, פּאָדאָליער גובערניע, פֿונעם 1833 יאָר פֿאַר רויבערײַ, האָב איך געהאַט דאָס גליק פֿאַרצושטעלן דעם קייסער אימפּעראַטאָר, און זײַן מאַיעסטעט איז געווען אַזוי גוט עס צו באַטראַכטן אין ס־פּעטערבורג דעם 5 יוני...

דער טרײַער דינער פֿון אײַער עקסעלענץ א. טאַנייעוו״.

— הײַנט פֿאַרשטייט איר שוין, — זאָגט סימכע קושניר, — וואָס ס'האָט זיך געטאָן נאָך דעם שיינעם פּראָצעס, נאָך דעם, ווי מע האָט דערהאַרגעט אוסטים קאַרמאַליוקן, געשמיסן און פֿאַרשיקט קיין סיביר אויף קאַטאָרגע אַזויפֿיל מענטשן, און דאָ זײַנען דאָך ווײַט ניט אַלע איבער־גערעכנט אין די פּאַפּירן, וואָס איר האָט נאָרוואָס געלייענט, — סײַ אוקראַיִנער, סײַ רוסן, סײַ ייִדן פֿון דעראַזשנע, ליטין, באַר, קאָנסטאַנטינאָוו און נאָך און נאָך שטעטלעך, דערפֿער, דערפֿלעך — מע וואָלט דאַרפֿן לייענען אַ גאַנצע „דיעלע״ פֿון הונדערטער זײַטלעך...

ווי, וויפֿל עס זײַנען דעמלט אומגעקומען אין די טורמעס, אין די עטאַפּן, ביז מע איז געקו־מען קיין סיביר!

יענע, וואָס זײַנען געבליבן אין די שטעטלעך, האָבן זיך אויך געפּילט, ווי אין די טורמעס. מע האָט ניט געקאָנט איבערטראָגן די רעדיפֿעס און געמוזט זיך צעלויפֿן, ווו דער שוואַרצער פֿעפֿער וואַקסט. הונדערטער מישפּאָכעס האָבן פֿאַרלאָזט זייערע היימען. מיטן ביסל האָב־און־גוטס, מיט ווײַבער און קינדער האָבן זיך אָרעמע באַלמעלאָכעס געשלעפּט איבער די וועגן און שטעגן פֿון אוקראַיִנע — ווער עס איז אַוועק אין די כערסאָנער סטעפּעס, אין די ייִדישע קאָלאָ־ניעס, ווער עס האָט זיך אַוועקגעלאָזט לענגאויס דעם דניעסטער. נאָר וווּהין מע איז ניט געקומען, האָט מען געטריבן. די פּאָליציי־גדוילים האָבן שטרענג באַפֿוילן, אַז ווער פֿון די אַרטיקע פּויע־רים וועט אָן אַ באַזונדערער דערלויבעניש אַרײַנלאָזן צו זיך אין שטוב די קרוויוים פֿון קאַרמאַ־ליוקס מיטהעלפֿער, יענער וועט שטרענג באַשטראָפֿט ווערן...

— און מענטשן האָבן טאַקע נעבעך גוט געבידעוועט, — דערציילט ווײַטער סימכע קוש־ניר, — אַ סאַך זײַנען געשטאָרבן אין וועג... מע זאָל לאַנג ניט ברײַען, וועל איך עס מאַכן בעקיצער. עמעצער פֿון די דעראַזשנער פּלייטים האָט זיך דערוווּסט, אַז ערגעץ אין אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל, באַם דניעסטער, צווישן יאַרוגעס און בערג, געפֿינט זיך אַן אַלטער ייִדישער ייִשעוו רוזשיצע, דאָרט לעבן און אַרבעטן אויף די ווײַנגאָרטענער, אין די שטיין־קאַריערן, ווו

מע מאכט שאַרפשטיינער און מילשטיינער, כּעוורע מיט שטאַרקע פּלייצעס, וואָס לאָזן זיך ניט שפּײַען אין דער קאַשע. זיי האָבן פאַר קיינעם קיין מורא ניט, צו זיי טשעפּען זיך וווּיניקער די זשאַנדאַרמען, דעם גראַפס שליחים דערוועגן זיך ניט אַהין אַרײַנקוקן.

האַקיצור, האָט מען זיך באַטראַכט, אַז עפּשער וואָלט געווען אַ פּלאַן אָפּזוכן דעם דאָזיקן יישעוו, דערקלײַבן זיך אַהין? באַלמעלאָכעס דאַרף מען דאָך אומעטום. מע האָט גלײַך אַרויס־געשיקט עטלעכע כאַדאָקעס זוכן דעם יישעוו. די דראַזשנער כאַדאָקעס האָבן לאַנג אומגעבלאָנ־קעט, ביז זיי האָבן אָנגעטראָפן אַף רוזשיצע. מע האָט זיי דאָ אופגענומען גוט, אָנגעהאָדעוועט, מעכאַבעד געווען מיט גוטן ווײַן. אויסגעהערט די ביטערע געשיכטע, ווי מע האָט אַזויפיל מענטשן פאַרטריבן פון די היימען, האָבן די יישוווניקעס זיך גלײַך דערמאָנט, אַז זייערע אָוועס האָט מען אויך אַמאָל אַזוי געטריבן און זיי האָבן לאַנג ניט געקאָנט געפינען קיין מאָקעם־מענוכע. כאָטש מענטשן איז מען געווען פאַרשיידענע — די דראַזשנער באַלמעלאָכעס, אָרעמע, נאָר פריילעכע, האָבן געהאַלטן פון אַ וויץ, פון אַ גלײַכוווערטל, אַ כאָכמע, און די יישוווניקעס, די סאַנטאָסעס, זײַ־נען צומיינסטנס געווען שטרענגע, קאַרגע אַפן וואָרט, האָט מען זיך דאָך גוט פאַרהאַלטן, באַ־פרײַנדעט זיך, ווײַל דער איקער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַרבעטן האָבן אַלע געקאָנט און ליב געהאַט.

דער יישעוו האָט שנעל אַ וואַקס געטאָן. נאָר וואָס מער רוזשיצע איז געוואַקסן, וואָס מער די מענטשן האָבן זיך דאָ אײַנגעפונדעוועט, אַלץ אַ גרעסערן האַס האָט עס אַרויסגערופן באַ די פּריצים. ניט איין מאָל האָבן זיי געוואָלט פאַרטרײַבן די יישוווניקעס, אויסגעטראַכט אַף זיי ווילדע בילבולים, פאַרפירט קעגן זיי פּראָצעסן.

און וואָס האָבן די רוזשיצער געקאָנט טאָן? מע האָט ווידער געשיקט צום קייסער קיין ס־פּעטערבורג כאַדאָקעס...

און אַז סימכע קושניר קומט צו צו ס־פּעטערבורג מיט די רוזשיצער כאַדאָקעס, צום גע־ריכט, וואָס דער גראַף פּאָטאָצקי האָט פאַרפירט קעגן דעם יישעוו און זײַנע אײַנוווינער, נעמט ער אַרויס, סימכע קושניר, פון זײַן טישקעסטל אַ גראָבן העפט און הייבט אָן לייענען לידער, וואָס ער האָט פאַרפאַסט וועגן יענע בייזע צײַטן...

מענטשן שטעלן אים אָפּ, פאַרקנייטשן זיך:

— סימכע, טײַערינקער, האָב אַף אונדז ראַכמאָנעס. וואָס איז דאָס פאַר אַ גראַם־שטראַם? דו דערציילסט אונדז בעסער לויט אַ סיידער די גאַנצע געשיכטע פון יישעוו.

ווערט סימכע קושניר אַ ביסעלע באַרויגעז, באַהאַלט דעם העפט מיט די גראַמען, נעמט שאָקלען מיטן קאָפּ, ווישט אויס די דיקע גלעזלעך פון דיברילן מיט אַ טיכעלע און רופט זיך אָן:

— וואָס זשע, איך בין אַ פּראָפעסאָר, איך זאָל אײַך אַלץ אויסשטעלן לויט אַ סיידער, ווי אין אַ ביכל? קיין מער עלטערע מענטשן פון מיר געדענקען עס שוין ניט, וואָס זשע ווילט איר פון מיר? און כויץ דעם, דאַרפט איר וויסן זײַן, אַז גוטס געדענקט זיך און שלעכטס וויל מען וואָס גיכער פאַרגעסן, אויסמעקן פונעם זיקאָרן. אָט זעט איר, אַז איר וועט באַ מיר פרעגן וועגן דער נײַער געשיכטע, וועל איך אײַך אַלץ דערציילן פּינקטלעך, אַזוי ווי עס איז געווען! באַ מיר אין ביכעלע איז דאָס אַלץ פאַרשריבן, אַזוי ווי אין די ביכער פון אונדזער בוכהאַלטעריע ווערט אַרײַנגעשריבן יעדער קאָפּקע, וואָס מיר האָבן פאַרדינט, וואָס מיר האָבן אויסגעגעבן, דאָס הייסט אונדזער אַרטעל.

עפּשער איז סימכע טאַקע גערעכט? זאָל ער עפּשער דערציילן וועגן רוזשיצע, וואָס האָט זיך פאַר די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר אַזוי צעשפּרייט מיט אירע באַרגיקע גאַסן און געס־לעך ניט ווײַט פונעם דניעסטער, באַם ווײַסן פעלדז אַרום דעם וווּנדערלעכן קוואַל, דערציילן וועגן די פאַבריקן־פּלאַנעטע וויינגאָרטנער, וואָס שטעמען אין דער גאַנצער אומגעגנט, און ביכלאַל וועגן די מענטשן, וואָס לעבן און אַרבעטן דאָ, וועגן די געשעענישן און פּאַסירונגען פאַר דער גרויסער, שטורמישער צײַט.

מיר מיינען, אַז אָט די געשיכטע איז קעדײַ אויסהערן פונעם אָנהייב ביזן סאָף.

צווישן גוטע שכיינים

טאָמער מיינט איר, כאַלילע, אַז דער יישעוו איז אַמאָל געווען אָפּגעזונדערט פון דער אַרומי־קער וועלט, האָט איר אַ גרויסן טאָעס. נאָר דעריקער איז ער אופגעלעבט געוואָרן נאָך דעם, ווי עס האָבן זיך דאָ באַזעצט די געוועזענע „קאַטאָרזשאַנעס“, ווי מע האָט אָנגערופן די דראַזשנער,

און ניט נאָר דערזשנער, — בּיכלאַל פּאָדאָליער ייִדן, וואָס זײַנען אין יענע ווײַטע צײַטן פאַר־טריבן געוואָרן פון זייערע נעסטן.

פון איין זײַט יאָר איז זיך צעוואַקסן רוזשיצע, און פון יענער זײַט יאָר האָט זיך געבּויט דאָס אוקראַיִנישע דאָרף לֿוקאַשיווקע.

מע איז פּאָטער געוואָרן פון די פּריצים און רײַכע באַלעבּאַטים, איז אופגעריכט געוואָרן דער קאַנט.

דער ייִשעוו פון דער זײַט יאָר און דאָס דאָרף לֿוקאַשיווקע פון יענער זײַט זײַנען זיך מיט דער צײַט אַזוי צעוואַקסן, אַז ס'איז שוין שווער געווען צו וויסן, וווּ הייבּט זיך אָן דער ייִשעוו און וווּ ענדיקט זיך דאָס דאָרף.

די קינדער האָבּן זיך געלֿערנט צוזאַמען אין שול, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן רוזשיצע. די יוגנט איז געגאַנגען נאָך דער אַרבּעט טאַנצן אין קלֿוב, וואָס האָט זיך געפונען אין לֿוקאַשיווקע. דעם קלֿוב האָט מען בּעשותּפֿעס אויסגעבּויט. אָף אַ יאַריד, אין מאַרק, גייט מען אַהין, אָפּן ווי־האָן, וואָס לֿיגט צווישן ייִדישן ייִשעוו און דאָרף. איז אין ייִדישן ייִשעוו אַ יאָמטעוו, אַ כאַסענע, קומען געסט פון לֿוקאַשיווקע, און פאַרקערט, אָף יאָמטויווים, אָף כאַסענעס אין דאָרף גייען אַ סאַך ייִשוווניקעס...

עס האָט זיך בּאַקומען אַזוי, אַז דער אַלֿטער ייִדישער בּעסוילֿעם איז געבּלֿיבּן אָף יענער זײַט יאָר, וווּ עס הייבּט זיך אָן לֿוקאַשיווקע, און ער לֿיגט מיט זײַנע אוראַלֿטע מאַציייוועס, אַרומ־געצוימט מיט אַ נידעריקן שטיינערנעם פּלויט. די דאָרפּסלֿײַט היטן אים אָפּ, ווי אַ היילֿיקײַט, לֿאָזן ניט, אַז אַ ציג, אַ בּעהיימע זאָלֿ אַהין פאַרבּלֿאָנדזשען. דער לֿוקאַשיווקער בּעסוילֿעם איז גראָד געשטאַנען מיט איין עק אין ייִשעוו, אָף דער זײַט יאָר, און מיטן גרעסטן דערעכערעץ און אָפּשײַ האָבּן זיך צו דעם היילֿיקן אָרט בּאַצויגן קלֿיין און גרויס.

אין די שיינע זומער־פאַרנאַכטן, ווען די כעוורע פונעם ייִדישן ייִשעוו און פונעם אוקראַיִ־נישן דאָרף פלֿעגן זיך בּאַגעגענען בּאַם קוואַלֿ, צי אין וואַלֿד, צי אָף די גרינע קורגאַנעס, פלֿעגן בּיז האַלֿבּער נאַכט און אָפּט בּיז בּאַגינען הילֿכן ייִדישע און אוקראַיִנישע לֿידער. און געווען איז אויך אַזוי: לֿוקאַשיווקע פלֿעגט אָנהייבּן זינגען „סטאָיִט גאָרא וויסאָקאַיאַ", האָט מען דעם ניגן

גלײַך אונטערגעכאפּט אין ייִשעוו. און עס איז געווען געווען גענוג, אַז אין די שיינע אָפּדערנאַכטן זאָל עמעצער פון די מיידלעך אין ייִשעוו אַ זונג טאָן „דו זאָלסט ניט גיין צו פּעטשײַעווער מיידעלעך“, ווי לוקאַשיווקע האָט שוין אונטערגעכאַפּט און עס איז אַוועק אַ גאַנג!

פיל פון די לוקאַשיווקער פויערים האָבן גערעדט אַף אַ יאָדערדיקן ייִדיש, און די ייִשוווניקעס האָבן גערעדט אַף אוקראַיִניש, ווי דאָס זאָל זײַן זייער מוטערשפּראַך.

אַ זײַטיקער מענטש, ווען ער פלעגט אַראָפּקומען אַהער, האָט גלײַך ניט געקאָנט פאַנאַנדערקלײַבן, צי איז דאָס איין גרויסער ייִשעוו פון ביידע זײַטן יאַר, צי איין גרויס דאָרף...

הײַנט וויפל געמישטע כאַסענעס האָט מען דאָ שוין אָפּגעשפּילט! וויפל כעוורע האָבן איבערגעשלעפּט די שיינע בלאָנדע מיידלעך אַהער, אין ייִשעוו, און וויפל באָכערים האָבן אַריבערגעפירט די שכייניש שוואַרצכיינעוודיקע מיידלעך צו זיך קיין לוקאַשיווקע!

געשען איז אַמאָל אַפילע אַזאַ געשיכטע: אַן אַלטע מאַמע האָט זיך אײַנגעאַקשנט און געפּאָדערט, אַז די טאָכטער, וואָס האָט זיך אײַנגעליבט אין אַ לוקאַשיווקער טראַקטאָריסט, זאָל פראַווען אין ייִשעוו אַ כופּע, ווי אין די אַלטע צײַטן. האָט מען געפראַוועט אַ כופּע מיט פיר שטעקנס. גאַנץ לוקאַשיווקע איז אַהער געקומען צו דער כופּע...

טרעפט אָפּט, אַז לוקאַשיווקע ספּראַוועט זיך גיכער מיטן אַראָפּנעמען די גערעטעניש — דאָס קאָרן, דעם ווייץ און אין ייִשעוו דאַרף מען עקסטרע אַראָפּנעמען די ווײַנטרויבן, קומען די שכיינים און שטעלן אונטער אַ פּלייצע; און פאַרקערט, די מענטשן פונעם ייִשעוו גייען קיין לוקאַשיווקע העלפן, ביז עס לייגט זיך אַ שניי, אויסגראָבן די קאַרטאָפל און בורעקעס. און אויב עס טרעפט אַ צאָרע — דאָס ברויט אין דאָרף געראָט ניט, קומט צוהילף דער ייִשעוו; און אַז אַפּן ווײַנגאָרטן פאַלט אויס אַ האָגל און מאַכט פון די טרויבן טיל־טעל און אַלץ גייט אַוועק מיט דער פוטער אַראָפּ, קומט שוין צוהילף לוקאַשיווקע מיט וואָס זי קען נאָר.

דעם ערשטן מײַ און דעם אָקטיאַבער־יאָמטעוו פײַערט מען בעשוטפעס, מע גייט זיך צונויף מיט די פאָנען און פּלאַקאַטן אַפּן פּלאַץ, וואָס צווישן דאָרף און דעם ייִשעוו. און נאָך דעם מיטינג, ווו עס טרעטן אַרויס פאָרשטייער פון ביידע צדאָדים, ציִען זיך די רוישיקע קאָלאָנעס מיט מוזיק און טענץ איבער די גאַסן פון לוקאַשיווקע און רוזשיצע, דערנאָך גייען צוגאַסט מישפּאָכעס צו מישפּאָכעס, מע זיצט בײַ געדעקטע טישן און מע הוליעט ביז שפּעט אין דער נאַכט. און פראַווען פראַוועט מען, אַגעוו, סײַ די אַלטע, סײַ די נײַע יאָמטויווים, און צו אַלע יאָמטויווים באַציט מען זיך מיט גרויס אָפּשײַ.

אַזוי גייט עס דאָ אַ מענגע מיט יאָרן, זינט מע איז געוואָרן נאָענטע שכיינים. און די מענטשן פון די אַרומיקע דערפער און ייִשוווים זײַנען זיי מעקאַנע.

מיט יאָרן צוריק האָט דאָ פּאַסירט אַן אומגליק. דאָס קלויסטערל, וואָס שטייט אויך איצט אַף דער „נייטראַלער זאָנע“, צווישן ייִשעוו און דאָרף, און קיינער ווייסט שוין ניט, צו וועמען קער עס זיך מער אָן — צו לוקאַשיווקע אָדער צו רוזשיצע, האָט שפּעט בײַנאַכט אָנגעהויבן ברענען. איין קליינִקײַט, דאַנילע סאַווטשוק, דער עלטסטער פּאַסטעך פון לוקאַשיווקע און אײַנצײַטיק דער סטאַראָסטע פון קלויסטער, האָט פאַרגעסן אויסלעשן די ליכט, און דאָס פײַער האָט גענומען שלינגען די בענק, די דילן, די פענצטער.

דער ערשטער האָט דערזען די סרייפע מענאַשע באָנדער, דאַנילעס אַלטער גוטערברודער, מיט וועמען מע איז געווען אין איין ראָטע בעשאַס דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע, בײַ מיקאָלקען, און שפּעטער בײַ בודיאָנין אין קאַוואַלעריע.

האָט מענאַשע באָנדער זיך מאַטריִעך געווען, אויפגעהויבן פון שלאָף דאָס גאַנצע געסל, מע האָט געכאַפּט די פּאַס מיט דער קישקע, די עמער און געלאָפן לעשן. פונעם פײַער האָט מען אַרויסגעכאַפּט די איקאָנעס, די יעוואַנגעליעס, די כאָרוגוועס, און וואָס סע האָט זיך געלאָזט. ביז דאַנילע סאַווטשוק איז געקומען צו לויפן ווי אַן אָפּגעבריטער, — ער מיט אַ כאָפּטע זײַנע שכיינים, — האָט מענאַשע מיט זײַן בריגאַדע שוין קימאַט באַוויזן אָפּלעשן דאָס פײַער. קעדיי דאַנילע זאָל ניט אַרײַנכאַפּן קיין פּסאַק פון די אַלטע לײַט, וואָס גייען אין קלויסטער, האָט מענאַשע באָנדער גענומען עטלעכע טעסלער און סטאָליער פונעם ייִשעוו און אויך מענטשן פון לוקאַשיווקע און מע האָט זיך גלײַך אַוועקגעשטעלט אַרבעטן בײַם קלויסטער און אין עטלעכע טעג אַרום געמאַכט פון אים אַ ליאַלקע.

דער עלטסטער פּאַסטעך פון לוקאַשיווקע און דער סטאַראָסטע פון קלויסטער דאַנילע סאַווטשוק איז, כאָלילע, ניט אַזאַ גלייביקער, ווי עמעצן קאָן זיך אויסווײַזן. פאַרקערט. נאָר וואָס זשע? ער האָט אַ שיינעם באַריטאָן, אַ גוטע שטים און האָט שטאַרק ליב נעגינע. האָט ער איין מאָל זיך אַרײַנגעכאַפּט אין קלויסטער, גענומען זינגען, און דעם אוילעם איז זײַן

געזאנג שטארק געפעלן געוואָרן. מע האָט אים געבעטן, ער זאָל זינגען נאָך און נאָך, ביז ער האָט זיך צוגעווינט צום איניען און פאמעלעך, בעדערעך באקומען דעם שליסל. זינט יענער צײַט עפנט ער און פארשליסט דעם קלויסטער. וויפל ער האָט זיך ניט געבעטן באם אוילעם, מע זאָל אים באפרײַען פון די פליכטן, האָט עס אים ניט געהאָלפן. מע האָט אים פארקנאסט — געמאכט פאר סטאראָסטע. ווען איז דאָס געשען? — פרעגט אים גרינגערס. ער האָט זיך געבעטן, מע זאָל צונעמען בא אים דעם שליסל, ער וויל ניט און קען ניט זײַן קיין סטאראָסטע, נאָר קיינער האָט וועגן דעם ניט געוואָלט הערן. קיין באלאָנים אף זײַן פאָסטן זײַנען ניט געווען. כאָטש ער ווייסט, דאנילע, אז פאר א געוועזענעם סאָלדאט — און ווער רעדט פאר אן אלטן בודיאָנאָוועץ, איז דאָס קיין טאכלעס ניט זיך דרייען אין קלויסטער. אָבער וואָס האָט ער געקאָנט טאָן? א מענטש איז ער, אין פלוג, א ווייכהארציקער און אז ס'קומען אלטע כאַשעווע לײַט פון דאָרף און בעטן אים, אז ער זאָל כאָטש אף א שטיקל צײַט ווערן סטאראָסטע, ביז מע וועט אונטערקלײַבן אן אנדערן, קאָן מען, ווי מע זאָגט עס, קיין אָקשן ניט זײַן.

דאנילע סאוטשוק האָט געזאָגט מענאשע באָנדער, אז ער און יענע, וואָס גייען אין קלויס-טער, וועלן קיינמאָל ניט פארגעסן, וויאַזוי דאָס שטעטל האָט געלאָשן די סרייפע, געראטעוועט דאָס ביסל פארמעגן פון קלויסטער און דערנאָך געקומען העלפן רעמאָנטירן די געבײַדע. מע וואָלט דאָך אים אופגעגעסן לעבעדיקערהייט, דאנילע סאוטשוקן, ווען עס ווערט פאר-ברענט דער קלויסטער! אין דער סרייפע איז ער דאָך געווען דער גאנצער שולדיקער... נו, דאנקען דעם אייבערשטן, וואָס ס'האָט זיך גוט געענדיקט.

פארנאכט, נאָך דעם, ווי מע האָט געענדיקט דעם רעמאָנט, איז דאנילע מיט מענאשע באָנדער געזעסן אף די ברייטע קלויסטער-טרעפּ מיט א פלאַש גוטן ווײַן, געטרונקען לעכאַים, גערייכערט א ציגאר טוטיך, און דאנילע האָט זײַן גוטנפרײַנט פארטרויט זײַנע געדאנקען. אלעמאָל, אויסטרינקענדיק א גלעזל מאשקע, האָט דאנילע פאריכט די העלע וואָנצעס, וואָס וואָלטן בעסער געפאסט פאר א בראוון קאזאק, איידער פאר אים, — אן אלטן מענטשן מיט א גוטמוטיקן פולבלעכן און שטארק צעקנייטשטן פּאָנעם און גרויסע וואסעריק-בלויע אויגן.

— יאָ, ברודערל מענאשע, האָסט מיך אָפגעראטעוועט פון אן אומגליק, — האָט דאנילע זיך געשלאָגן מיט א פויסט אין ברוסט, — ווען דער קלויסטער ווערט, גאָט באהיט, פארברענט, וואָלטן מיך די פריכאָזשאנעס אופגעגעסן מיט די פּאָטרעכעס און מיט די וואָנצעס אינייַנעם! איך וועל דיר נאָך, מענאשע, שטעלן אזא מאהאריטש, אז דו וועסט בא מיר דרײַ טעג נאָכאנאנד טאנצן א פריילעכס אינמיטן רוזשיצע!..

דאנילע האָט פארטרוילעך און כיטרע א שמייכל געטאָן:

— דו ווייסט, מענאשע, ווען איך קאָן אָפּגעבן דעם שליסל און עמעצער אנדערש ווערט אף מײַן אָרט סטאראָסטע, וואָלט איך געשטעלט אן עמער ווײַן. איך דארף דאָס האָבן, אָט דאָס אלץ? עט! וויפל איך גיי אין קלויסטער, האָב איך אים, יעסוסן, נאָר אף די איקאָנעס געזען! נאָר וואָס זשע, דער טאטע איז אהער געגאנגען, דער זיידע, גיי איך אויך... מע האָט דערציילט, אז דאָס קלויסטערל האָט געבויט מײַן עלטערזיידע. ניט קיין שלעכט הײַזל, עמעס? נו, זאָל עס שטיין. וועמען שטערט עס?

מענאשע באָנדער האָט גוט פארשטאנען דאנילען. טאקע דאָס זעלבע קאָן אויך ער, מע-נאשע, זאָגן וועגן דער אלטער קלויז. נו, און ער איז שוין גאָר קיין ארײַנגייער ניט אין קלויז. אין קלויסטער איז פוסטעלעך, און אין קלויז אויך. אפילע ניטאָ ווער עס זאָל זיך אוועקשטעלן באם אָמעד אָפדאווענען א שאבעס אָדער א יאָמטעוו. יוגנט גייט ניט. די עלטערע האָבן אויך ניט קיין כיישעק ארײַנקומען. העגנט אף דער טיר א גרויסער שלאָס. און ווען דער אלטער גאבע איז געשטאָרבן, האָט דעם שליסל גענומען מייער שפיגל. ער עפנט די קלויז בלויז בייס גרויסע יאָמטויווים, אליין איז ער דער כאזן, אליין דער שאמעס.

נו, און דער גאלעך פון קלויסטער? אניט איז דאָס דער אמאָליקער גאלעך? דער נײַער קומט אהער אראָפּ איין מאָל אין וואָך. זונטיק. עפעס א יונגער באָכער, וואָס האָט געענדיקט א סעמינאריע און מע האָט אים אראָפּגעשיקט באדינען עטלעכע קליינע פריכאָדן, דערין אויך לוקאשיווקער. א שיינער, א כיינעוודיקער גאלעך, וואָס איז ענלעך אף א פראָוויזאָר אָדער אף א גרויסשטאָטישן שערער. א יונגאטש אין די דרײַסיקער, וואָס האָט זיך פארלאָזט א קורץ קאשטאנעווע בערדל, קורצע וואָנצעס, לאנגע האָר, א פּאָנעם — בלוט און מילך. עטוואָס א שעמעוודיקער, מיידלעך קומען אין קלויסטער, קעדיי אף אים א קוק טאָן און אונטערוויינקען.

„אָטיעץ יערעמיי" — רופט מען אים. ער שעמט זיך ניט און קומט אמאָל אין קלוב, ווען ער פארהאלט זיך דאָ ביז נאכט אָדער בלײַבט נעכטיקן, — די ריאַסע, עמעס, באהאלט ער אין פּאָרטפעל, מיט וועלכן ער צעשיידט זיך ניט, די האָר באהאלט ער אונטערן קאפעליושל. ער זיצט און הערט א קאָנצערט, קוקט א נײַעם קינאָפילם, און ווען ער זעט, ווי יונגע כעווירע

מיט מיידלעך טאנצן, שטייט ער בא דער זײַט און קוועלט אָן. ווען ער שעמט זיך ניט פאר גאָט, וואָלט ער אויך אײַנגעלאַדן א מיידל טאנצן...

דער אמאָליקער, דער אלטער גאלעך, וואָס האָט זיך אָפגעטראָגן אף יענער־וועלט, פלעגט האלטן אין קלויסטער פינצטערע דראָשעס. ער האָט געשאָטן פעך און שוועבל אף די פרעמדגלייִ־ביקע, באָלשעוויקעס און קאָמיסארן, דעריקער האָט ער ניט געהאלטן פון די ארטעלן און געבעטן גאָט, זיי זאָלן זיך צעפאלן...

„אָטיעץ יערעמיי" איז שוין א גאלעך פון גאָר אן אנדער שניט. אין אלע זײַנע דראָשעס דערמאָנט ער, אז מענטשן פון אלע פעלקער זײַנען ברידער, ארבעטן אף די קאָלווירטישע פעלדער און סעדער דארפן אלע טרײַ, ווײַל א סימען האָט איר, אז יעזוס האָט ליב האָרע־פאשניקעס און האָט אמאָל געהאלטן פון יענע, וואָס האָבן גוט געארבעט... אז ער ענדיקט די דינסט אין קלויסטער, העלפט ער דאנילע סאוטשוקן צוראמען, פארשליסן די טיר, און מע לאָזט זיך גיין אהיים. אָבער פריִער פארקערעוועט מען צו געדאליע סאנטאָסן אפן ווײַנגאָרטן. דאָ באגעגנט מען די געסט גאנץ העפלעך. דער בריגאדיר פון ווײַנגאָרטן, געדאליע, בא־זעצט דאנילע סאוטשוקן מיט דעם יונגן גאלעך אף די קעסטלעך, שטעלט פאר די געסט אוועק א פולע שיסל ווײַנטרויבן פון די בעסטע סאָרטן, און מע איז זיך פאַשעט מעכײַע פון די געטלעכע פיירעס... געדאליע פארגעסט ניט מעכאבעד זײַן מיט א קווערטל יונגן ווײַן. „אָטיעץ יערעמיי" מאכט דעם אָנשטעל, אז ער טרינקט ניט, ס'איז ניט באקוועם, נאָר ליידיקט גלײַך אויס דאָס קווערטל און איז זיך מעכײַע. ער קוקט, צי גיסט מען ניט אָן נאָך א קווערטל...

אין דער מינוט פארגעסט ער, „אָטיעץ יערעמיי", אז די דאָזיקע לאָזעס האָבן אויסגע־כאָוועט יענע, וואָס האָבן זיך אמאָל אָפגעקערט פון זייער יעזוסן.

נאָר דאָס זיצן סטאם אזוי אף די קעסטלעך, אונטערן הימל, איז נאָך ניט אלץ, — מע מוז זיך ארײַנכאפן צו געדאליע סאנטאָסן אין דער ווינאָדעליע, פארזוכן א גלעזל אלטן ווײַן, דעם אויסגעשפילטן. ווי קאָן מען, זײַענדיק אין רוזשיצע, ניט ארײַנקוקן אין ווײַנקעלער? און דאָ קאָן בלויז פון די שארפע רייכעס זיך נעמען דרייען דער קאָפ אף שיקער צו ווערן.

דאָ זיצט מען אף דעמבענע פעסער, וואָס מענאשע באָנדער האָט געמאכט, מע רעדט וועגן וועלט־זאכן, וועגן דער פאָגאָדע. געדאליע סאנטאָס ברענגט האלבעאָקעדיקע קווערטלעך ווײַן פון דער נײַער גערעטעניש און רופט זיך אָן:

— אָטיעץ יערעמיי, ס'וועט אײַך גאָרנישט ניט שאטן, אויב איר וועט פארזוכן אָט דאָס קאפעלע.

— א גרויסן דאנק אײַך, געדאליע, — פרווט העפלעך אָפזאָגן זיך דער גאלעך. — זאָל גאָט היטן! איך מוז נאָך הײַנט באזוכן צוויי פריכאָדן. און ס'איז ניט באקוועם. וואָס וועלן די פריכאָזשאנעס זאָגן? ניין, ניין, א דאנק, כאווער געדאליע, בעשום־אויפן. עפשער א צווייט מאָל... — און זײַנע גרויסע ליכטיקע אויגן שײַנען, ער קוקט אף דער קוואָרט, ווי א קאץ אף סמעטענע. נאָך א לאנגער פאוזע זאָגט ער:

— ניין, קיין קוואָרט וועל איך ניט אויסטרינקען. צופילן! א גלעזל פארזוכן — דאָס איז מעגלעך...

און דאנילע סאוטשוק העלפט ארויס זײַן אלטן פרײַנט געדאליע סאנטאָסן — ער טרינקט אויס דער ערשטער.

— נו, מיילע, — טוט א מאך אוועק מיט דער האנט אָטיעץ יערעמיי, — וועט זײַן נאָך איין אווירע אף מײַן נעשאָמע. פאר אײַער געזונט! עס זאָל זײַן שטיל אף דער וועלט! בודמאָ! לעכאַיִם!..

נאָך דעם דריטן גלעזל ווערט אָטיעץ יערעמיי מעסוקן בארײדעוודיק און פארגעסט אין זײַנע פריכאָדן, אין גאָט און אין אלץ. ער לויבט אין טאָג ארײַן געדאליעס ווײַן און שווערט, אז זינט ער האָט געענדיקט די סעמינאריע, איז ער שוין געווען אין א סאך פריכאָדן, נאָר בעסער ווי אומעטום איז דאָ. סארא גוטע, הארציקע מענטשן! ווען אף דער גאנצער וועלט זאָלן לעבן אזעלכע גוטע, האָרעפאשנע און אופריכטיקע מענטשן, ווי דאָ, אין לוקאשיווקע און אין רוזשיצע, וואָלט שוין לאנג קריסטוס לעבעדיק געוואָרן און אלע צאָרעס און אומגליקן, סינע און מילכאָמעס וואָלטן ניט געסטײַעט. וואָס עמעס איז עמעס, עס זײַנען נאָך פאראַן גראָבע מענטשן. ניט יעדער סעקרעטאר פון דאָרפראט גיט אים, יערעמייען, א פערד־און־וועגעלע, ער זאָל קאָנען ארומפאָרן זונטיק אָדער יאָמטעוו איבער אלע דרײַ פריכאָדן, וואָס ער באדינט. נאָר נישקאָשע. אים העלפט ארויס זײַן וועלאָסיפעד, וואָס ער האָט זיך געקויפט אין דער קאָאָפעראציע, ער פאָרט אף אים פון איין פריכאָד צום צווייטן. און כוץ דעם, האָפט ער, אָטיעץ יערעמיי, אז מיט דער צײַט וועט ער קאָנען קויפן א מאָטאָציקל. דעמאָלט וועט אים זײַן גאָר גרינג באדינען אלע דרײַ פריכאָדן.

ווען ער דערגייט צום וועלאָסיפּעד און מאָטאָציקל, שטעלט אים אָפּ דאַנילע סאָווטשוק:

— אָטיעץ יערעמיי, זאָגט נאָר, און אײַך איז ניט פּאַרוואָרט אַרומפּאָרן אַף וועלאָסיפּעדן און מאָטאָציקלעטן? איז דאָס ניט קיין אָווירע פאַר גאָט?

— זאָל גאָט היטן! — שפּרינגט יענער אונטער פונעם פעסל און זײַנע אויגן צעשײַנען זיך נאָך שטאַרקער. — זאָל גאָט היטן!

דאַנילע קוקט אַף יערעמייען מיט כיטרע אייגעלעך, טשיפּעט מיט צווײ פינגער זײַנע לאַנגע קאַזאַקישע וואָנצעס, שמייכלט אונטער:

— עהע, און יעזוס קריסטוס איז דאָך אַרומגעפאָרן אַף אַן אייזעלע...

אָטיעץ יערעמיי פאַרקרימט זיך אַ ביסל, פאַרטראַכט זיך און ענטפערט:

— אַנדערע צײַטן — אַנדערע לידער. פריִער האָט איר געאַקערט דאָס פעלד מיט אַ סאָכע, מיט אַ פערדל, און איצט זײַנען אין אײַערע אַרטעלן טראַקטאָרס און קאָמבײַנען. ס'מאַכט ניט אויס, אַף וואָס איר פאָרט. דעריקער, איר זאָלט גלייבן אין גאָט...

— יאָ, איצט אַקערט מען מיט טראַקטאָרס, — פאַרטראַכט זיך דאַנילע, — נאָר איך וועל אײַך זאָגן, אַז אַ גוט פערד איז אויך ניט שלעכט. ווען איך מיט מענאַשע באַנדער זײַנען געווען בא סעמיאָן מיכײַלאָוויטש בודיאָנין און געזעסן אַף די גוטע פערד אין די זאָטלען, האָבן מיר זיך געפילט אַ סאַך בעסער, ווי יעזוס אַפן אייזל. אַף מײַן וואָרט! קיין בענזין האָט מען ניט געדאַרפט. אַ טאָרבע האָבער, און היידאַ! איך געדענק, ווי היינט, דאָס איז געווען אונטער פּאַדוואָלאָטשיסק, אַף דער פּוילישער גרענעץ. מיר האָבן זיך געלאָזט אין אַטאַקע. מיר פליִען אַזוי אַף די פערד מיט די שווערדן אינדערלופטן און האַקן אַף רעכטס און אַף לינקס. און דאָ איז מײַן פערד געפאַלן, ווי אַן אונטערגעשניטענס, און איך טו זיך אַ קוליע איבער דער ערד. פאַרווונדעט. גוט, וואָס מענאַשע איז געווען נאָענט.

געדאַליע סאַנטאָס ווייסט שוין, אַז וויבאַלד דאַנילע הייבט אָן דערציילן, ווי מע איז געגאַנגען אין אַטאַקע און וויאַזוי מענאַשע באַנדער האָט אים אַרויסגעפירט פונעם פײַער, איז דער בעסטער סימען, אַז מער קיין ווײַן דאַרף מען אים שוין ניט אונטערגיסן, ווײַל דער איניקעס קאָן זיך, כאַליִלע, פאַרציִען ביז נאַכט. און עס וואַרט אַף געדאַליען אַ באַרג אַרבעט!

און דאָך קאָן געדאַליע סאַנטאָס ניט בלײַבן גלײַכגילטיק, ווען מע הייבט אָן ריידן וועגן יענע יאָרן פון בירגערקריג. ער איז דאָך דעמאָלט אויך ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. אין די אַרומיקע קאַנטן האָבן געבושעוועט ווײַסע באַנדעס, און מע האָט געדאַרפט זיי אָפּשנײַדן דעם וועג, זיי זאָלן אַהער ניט קריכן. האָט מען געשאַפן אַן אָטריאַד פון זעלבשוץ, מע האָט זיך באַוואָפנט מיט וואָס ס'האָט זיך געמאַכט, און די באַנדיטן האָבן אַהער פאַרגעסן דעם וועג. דער אָטריאַד פונעם יישעוו האָט זיך שפּעטער פאַרייניקט מיטן לוקאַשיוקער אָטריאַד, זיך גוט באַוואָפנט און שוין געגאַנגען העלפן די שכײניש שטעטלעך און דערפער.

מיטן אָטריאַד פון יישעוו האָט קאָמאַנדעוועט געדאַליע סאַנטאָס. מע האָט זיך געוווּנדערט, סאַראַ דרייסטער ער איז געווען אין די גרויסע שלאַכטן. נאָר ניט אַלע האָבן זיך געוווּנדערט. ער איז דאָך העכער דרײַ יאָר געווען אַף דער מילכאָמע און געוווּסט, ווי מע האַלט אַ ביקס אין האַנט. ער האָט געשמעקט פּולווער.

יאָ, נאָר מיר זײַנען, דאַכט זיך, אַ ביסל אָפּגעגאַנגען אין אַ זײַט. דאַרף מען זיך אומקערן צוריק, ווײַל מיר האָבן אינמיטן וועג איבערגעלאָזט אונדזערע העלדן, וואָס האָבן נאָך אַ סאַך וואָס צו דערציילן.

מעכוטאָנים גייען

אין דעם אַרומיקן קאַנט האָט געדאַליע סאַנטאָס געשעמט ניט בלויז דערמיט, וואָס ער איז אין יענע ווײַטע יאָרן געווען אַן עכטער סאָלדאַט און אַלע האָבן פאַר אים אַ גרויס דרעך־בערעץ געהאַט.

געשעמט האָט ער דעריקער, ווי אַ באַרימטער ווײַנציכטלער, וואָס ווייסט גוט די סוידעס, וויאַזוי אַרומגיין אַרום די לאָזעס און ווי מע מאַכט דעם גוטן ווײַן. ער האָט די קענטעניש געיאַרשנט פונעם טאַטן, פונעם זיידן און פון די ווײַטע עלטערזיידעס. ער האָט געיאַרשנט פון זיי שטאַרקע פּלייצעס, גאָלדענע הענט צו דער אַרבעט, אַ שלאַנקע, פעסטע פיגור, אַ ברייט, אָפן פּאָנעם, וואָס איז זומער און ווינטער געווען ברוין, אַ הויכן שטערן און טיפע, טונקעלע אויגן אונטער געדיכטע ברעמען. ביז דער עלטער האָבן זײַנע שלייפן, די קורצגעשוירענע וואָנצעס ניט געוווּסט פון קיין גראָווע האָר. ער האָט אויסגעזען יונג און שטײַף,

שטענדיק פאַרטאָן אין דער אַרבעט, און מענטשן האָבן ניט געוווּסט, ווען ער רוט, ווען ער שלאָפֿט.

אין דעם ווײַנגאָרטן איז ער געווען פאַרליבט. ער איז דאָ געווען דער בריגאַדיר פון דער גרויסער אַרטעל־פּלאַנטאַציע, וואָס האָט זיך געצויגן איבערן באַרג, לענגויס דעם ברעג פון טײַך. זעלטן־ווען האָט מען געדאַליען געטראָפֿן אין שטוב. זײַן צווייטע היים איז געווען דער ווײַנגאָרטן. געדאַליע האָט דאָ קעסיידער אונטער אַ מעכטיקן לינדנבוים געהאַט אַ גוטן קורין. ווי נאָר דער פרילינג האָט זיך אָנגעהויבן און מע האָט אופגעדעקט די לאָזעס, האָט סאַנטאָס זיך באַזעצט אף זײַן דאַטשע, ווי מע האָט אין אַ שפּאַס גערופֿן זײַן קורין.

אָבער ניט בלויז דער גרויסער ווײַנגאָרטן איז געווען אונטער זײַן השגחה. ער איז טאָג ווי נאַכט אויך געווען פאַרטאָן אין קעלער, וווּ מע האָט אויסגעאַרבעט די טײַערע ווײַנען. דאָרטן האָט ער געקישעפט אַרום די פעסער און צוגעטראַכט אויך אייגענע נײַע סאָרטן.

שטענדיק איז נעכאַמע, געדאַליעס ווײַב, דערגאַנגען אים די יאָר, לעמײַ פאַרגעסט ער אין דער היים. די שטוב מוז דאָך האָבן אַ באַלעבאָס. עס איז, קיין אײַנהאָרע, דאָ אַ מישפּאָכע — צוויי זין, צוויי טעכטער. און כאָטש אַלע זײַנען שוין דערוואַקסענע און קאָנען אַוואַדע אַליין באַשטיין זייער שטעטל, דאַרף פונדעסטוועגן אַ טאַטע אויך אף זיי אַ קוק טאָן אַמאָל. נאָר דאָס האָט ניט געהאָלפֿן. ער איז געווען פאַרטאָן אין דער אַרבעט זײַנער.

דאָס ווײַב מיט די קינדער האָבן אויך געאַרבעט אפן ווײַנגאָרטן. און אַלע האָבן געוווּסט, אַז געדאַליע וועט זיי אַלץ מויכל זײַן, אָבער איינס וועט ער קיינמאָל קיינעם ניט פאַרצײַען — אויב מע וועט ניט שאַנעווען די לאָזעס. דאָס איז געווען זײַן לעבן, און אַזוי־ווי ער קלײַבט זיך ניט לעבן אייביק, מוז ער האָבן, ווער עס זאָל אים פאַרבײַטן, ווען ער וועט שטאַרבן, ציִען די גאָלדענע קייט פון די סאַנטאָסעס אף דער ערד.

אַלע זײַנע קינדער האָט ער ליב געהאַט, נאָר מער פון אַלע — די ייִנגערע, רוטע, אַ שוואַרצכייִנעוודיקע, שלאַנקע מויד מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגן, ווי די נאַכט. אָט די אויגן האָבן ניט געלאָזט רוען אַ סאַך באָכערים פון בײדע זײַטן יאָר...

דער פאָטער איז צו רוטען געווען אַ ביסל אייפערזיכטיק. נײַנצן יאָר איז זי אַלט געווען. שיין איז ווייניק צו זאָגן וועגן איר — קלוג, שאַרפזיניק, דרייסט. זי האָט געקאָנט מיט איינע עטלעכע ווערטער, אײדל, אַזוי אָפּשמײַסן אַ באָכער, אַז ער זאָל פאַרגעסן, ווי מע רופט אים. און זי האָט אויך געקאָנט דערלאַנגען אַ באָכער, וואָס איז צו איר צוגעשטאַנען, אַזאַ פּאַטש, אַז ער זאָל דערזען די באָבע פון יענער־וועלט. רוטע האָט געקענט רײַטן אפן סאַמע ביסטרע פערד, דורכטראָגן זיך ווי אַ וויכער איבערן ייִשעוו.

איינמאָל, זומער, איז איבערן ווײַנגאָרטן גאָר נידעריק דורכגעפלויגן אַן עראָפּלאַן, און אַ פּאָר פערד, געשפּאַנטע אין אַ פורגאָן, אַ געלאָדענעם מיט קעסטלעך און קוישן ווײַנטרויבן, האָבן זיך צעפּלאָכעט און אַ יאָג געטאָן אַראָפּ־באַרג, אָט־אָט וועלן זיי אַרײַן אין יאַר און אומקומען. דער אָנטרײַבער, וואָס איז געשטאַנען און גערייכערט, אַ פּאָר יאַטן, וואָס האָבן געשניטן די הענגלעך, האָבן זיך דערשראָקן אף טויט, קיין ריר זיך ניט געטאָן פון אָרט. מיטאַמאָל איז פון צווישן די לאָזעס אַרויסגעשפּרונגען רוטע סאַנטאָס. ניט מיט איר קאָל האָט זי אויסגעשריגן צו די כעוורע:

— וואָס שטייט איר ווי די דעמבעס?

זי האָט זיך פײַל־אויסן־בויגן געלאָזט נאָך די צעפּלאָכעטע פערד, דעריאָגט זיי באַם סאַמע ראַנד יאַר, אָנגעכאַפּט די צוים, מאַמעש הענגען געבליבן אף איר, און טאַקע אָפּגעשטעלט דעם פורגאָן.

אַ פּאַכעד האָט אַרומגעכאַפּט דעם אוילעם, קוקנדיק אפן פאַרפּאַליעטן מיידל מיט די צעשויבערטע שוואַרצע האָר און ברענענדיקע שוואַרצע אויגן.

— לעמעשקעס! — האָט זי זיך אָנגערופן צו די פאַרשעמטע כעווּרע. — שיר ניט געפּאַטערט אַזעלכע טײַערע אָדלערס.

מענאַשע באָנדער, וואָס האָט דאָס צוגעזען, האָט געזאָגט געדאַליען:

— דו הערסט, באַלטאַכלעס, די מאַמזערטע וואָלט גאָר געווען געדאַרפט באַ דיר געבוירן ווערן אַ באָכער.

סימכע קושניר, דער בוכהאַלטער, האָט אויסגעווישט מיטן טיכעלע די גלעזלעך פון זײַנע ברילן און געמאָלדן:

— ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן, איך האָב געמיינט, אַז כ׳וועל דאַרפֿן אַראָפּשרײַבן פונעם באַלאַנס בײדע שקאַפּעס. — צופרידן אַ שמייכל געגעבן, האָט ער צוגעגעבן: — איצט זע איך, אַז רוטע וועט אין אַ שיינעם פרימאָרגן פונקט אַזוי אָנכאַפּן באַ דער צוים דעם שענסטן באָכער פון ייִשעוו, ווי ער זאָל זיך ניט צעפּלאָכען.

נאָר אַלע האָבן גוט געוווּסט, אַז רוטע קלײַבט זיך נאָך קײנעם ניט צוימען. אַ סאַך טײַערע כּעוורע פֿון ייִשעוו און פֿון לאָקאַשיוועקע האָבן שױן ניט אײן מאָל געקלאַפּט צו איר אין טיר, און אומזיסט.

רוטע סאַנטאָס איז צו אַלע אירע מײַלעס נאָך געווען געבענטשט מיט אַ גוטער שטים. אין די שטילע פֿאַרנאַכטן, ווען דאָס מײדל איז געזעסן מיט די כּאַוועַרטעס אױף דער פּריזבע פֿון איר שטוב און מע האָט געזונגען אַ ליד, האָט זיך דער גאַנצער ייִשעוו צוגעהערט. רוטעס שטים האָט מען דערקענט צווישן אַ סאַך מײדלשע שטימען אין ייִשעוו. ניט גרינג איז אָבער געווען אײַנרעדן רוטען, זי זאָל אַרויסטרעטן אין קלוב אױף דער בינע, זי זאָל זינגען אינעם היגן כאָר. זי האָט געוווּסט, אַז דאָס וועט ניט געפֿעלן זײַן דעם פֿאָטער, וואָס האָט ניט געהאַלטן פֿון אַזעלכע זאַכן. ער האָט ניט אײן מאָל געזאָגט, אַז דאָס איז ניט פֿאַר איר — זיך אַרויסשטעלן פֿאַרן גאַנצן אױלעם ווי אַן אַרטיסטקע.

און דאָך האָט מען זי אײַנגעבעטן בעשאַס אַ פֿײַערלעכן אָוונט אין קלוב אױספֿילן עטלעכע פֿאָלקסלידער. און עס איז דערנאָך שוין אַוועק אַ גאַנג. מע האָט זי מער ניט געלאָזט רוען. דער כאָר איז געפֿאָרן אין ראַיאָן און שפּעטער אין געגנט, און מע האָט מיט זיך מיטגענומען רוטען. דערנאָך איז שוין ניט דורכגעגאַנגען אין קלוב קײן אײן פֿײַערלעכער אָוונט, עס זאָל ניט אַרויסטרעטן רוטע סאַנטאָס.

געדאַליען האָט עס שטאַרק געקימערט, נאָר ער האָט גאָרנישט ניט געקאָנט מאַכן. דערפֿאַר האָט ער געגעבן אַ ניידער, אַז ווען זײַן רוטע וועט זינגען, וועט מען אים ניט פֿאַרשלעפּן אין קלוב.

אָבער מע האָט אױך דעם דאַזיקן אקשן אינגיכן אײַנגעבראַכן. צו אים האָט זיך גענומען מענאַשע באַנדער:

— דו הערסט, אקשן, — האָט מענאַשע אַרײַנגערעדט אין געדאַליען, — ווען איך פֿאַרמאָג אַזאַ טעכטערל מיט אַזאַ מין שטימעלע, וואָלט איך אינגאַנצן פֿאַרסירעט די אַרבעט, איך וואָלט נאָר געזעסן לעבן איר און צוגעהערט זיך, ווי זי זינגט. אַלע קוועלן אָן פֿון איר, אַלע ווערן שיִער ניט צעשמאָלצן פֿון פֿאַרגעניגן, ווען זי שטײט אױף דער בינע. און דו האָסט זי נאָך קײן אײן מאָל ניט געזען אַזאַ.

— געגנוג פֿונמײַנעטוועגן, וואָס זי זינגט אין שטוב און אַפֿן ווײַנגאָרטן.

— איך מוז דיר זאָגן, געדאַליע, אַז דו ווונדערסט מיך, — איז ניט אָפּגעטראָטן פֿון אים מענאַשע, — די גאַנצע וועלט קוועלט אָן פֿון דײַנע ווײַנטרויבן, פֿון דײַן ווײַן. ווער־ווער, נאָר דו ווייסט דאָך גוט, אַז מע נעמט אַ גוט גלעזל ווײַן, גלוסט זיך גלײַך זינגען אַ ליד. ווײַן מיט נעגינע, דאַרף איך דיר זאָגן, איז ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. דאָוויד האַמעלעך און שלוימע האַמעלעך האָבן געהאַלטן, ווי דו ווייסט, פֿון ווײַנטרויבן און פֿון דער מאַשקע. האָבן זײ טאַקע ליב געהאַט זינגען... ווען ניט דער ווײַן מיט די ווײַנגאַרטענער, מײנסטו, וואָלט שלוימע צוגעטראַכט זײַן „שיר־האַשירים" און דאָוויד זײַנע פּסוקים? זעסטו שוין, אקשן אײנער, אַז נעגינע גײט אין אײן געשפּאַן מיט מאַשקע און ווײַנגאַרטענער... נאָר דו ווילסט עס ניט פֿאַרשטײן!

מענאַשע דער באַנדער האָט אים נאָך לאַנג ניט געלאָזט צורו, ביז דער אקשן האָט זיך אונטערגעגעבן, אַוועק מיט אים אין קלוב.

און ערשט דאָ האָט געדאַליע געזען, אַז ער איז טאַקע געווען אַן אײזל... ער האָט זיך גאָר ניט פֿאַרגעשטעלט, אַז רוטע קאָן אַזױ באַצױבערן דעם אױלעם. ס'האָט זיך געטאָן כּױשעך! מע האָט שיִער ניט צעטראָגן דעם קלוב, ווען זי האָט געענדיקט זינגען. געבעטן נאָך.

— נו, געדאַליע, דו זעסט דײַן צירונג? — האָט מענאַשע אַ ווונק געטאָן אױף רוטען, וואָס איז שוין געשטאַנען אַ שײַנענדיקע אַפֿן ראַנד פֿון דער בינע און זיך גענײגט פֿאַרן אױלעם, געדאַנקט פֿאַרן הײסן אופֿנאַם, — דו זעסט, באַלטאַכלעס, וואָס עס טוט זיך? אין אַ שײנעם טאָג וועט רוטע קומען צו דיר, נעמען איר ביסל פֿאַרמעגן און דיר זאָגן אַ גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע! עמעצער פֿון יענע זינגער אָדער טענצער וועט זי אַוועקפֿירן צו זיך אַהײם. און זי וועט בײַטן איר פֿאַמיליע.

— וואָס זשע ווילסטו? — האָט געדאַליע שוין אַן אױפֿגעלײגטער און מיט פֿאַרבאַרגענער גאַדלעס זיך אָפּגערופֿן. — פֿאַרזיצן ביזן גראָווון צאַפּ וועט זי בײַ מיר ניט. אַוודע וועט זי אַמאָל געפֿינען איר זיווּעג און אַוועקגײן פֿון מײַן שטוב...

און פּלוצעם זיך געכאַפּט:

— נאָר אַקעגן וואָס זאָגסטו עס מיר, מענאַשע?

דער באַנדער האָט זיך אַ ביסל פֿאַרלוירן, אַ קנײטש געטאָן מיט די אַקסל:

— מײַן בענאָק שימקע... איך האָב גאָר ניט געוווּסט, אַז ער איז אין רוטען אַזוי פֿאַרקאָכט. פֿון דער אַרמיע, לאָזט זיך אויס, האָט ער איר געשריבן בריוו...

— נו, איז וואָס?

— גאָרניט! די מאַמזיירעס דײַנע האָט שימקען אַפֿילו ניט געענטפֿערט. איך האָב זי גראָדע אַמאָל אַ פֿרעג געטאָן, רוטען, לעמײַ ענטפֿערט זי אים ניט אויף זײַנע בריוולעך, האָט זי אויף מיר אַ קוק געטאָן, אַז ס'איז מיר געוואָרן קאַלאַמוטנע.

— איז זי דאָך אַ כאַכאָמע, — האָט זיך צעלאַכט גדליה, — איז זי דאָך קליגער פֿון דיר.

— פֿאַרוואָס?

— ווײַל וואָס קער זיך עס אָן צו דיר?

— ניין, איז ניין! אָבער וואָס ווערסטו זאָגן, גדליה, מײַן שימקע איז עפּעס אַ שלעכטער באָכער? זיך אויסגעדינט, געקומען אַהיים אַ סערזשאַנט, אַ שטילער, פֿאַרמאָגט גאָלדענע הענט צו דער אַרבעט. וואָס זשע, דײַן רוטע דאַרף עפּעס האָבן די פּאָסטעפּאַסניקעס, די זינגער און טענצער?

גדליהן איז דער געשפּרעך פּריקרע געווען. ער האָט אָבער ניט געוואָלט באַליידיקן זײַן גוטנפֿרײַנט און געזאָגט:

— פֿאַרשטייסט, מענאַשע. ווייסט דאָך, אַז איך האָב דיך ליב און דײַן זון האָב איך ליב. ווען איך, לעמאָשל, בין אויף רוטעס אָרט, וואָלט שימקע מיר גלײַך געפֿעלן געוואָרן. נאָר זי פֿרעגט מיך דען אַ דייע?

— יאָ, איך פֿאַרשטיי, גדליה, נאָר פֿונדעסטוועגן, ווען מיר ווערן מיט דיר מעכוטאָנים, קרויווים? האַ? נאָך דעם, ווי מײַן לייקע איז אַוועק פֿון אונדז אין איר אייביקער רו, איז די שטוב קיין שטוב ניט, ס'איז ניטאָ אַפֿילו, ווער עס זאָל אָפּקאָכן אַ טעפּל באָרשטש. ניטאָ קיין באַלעבאָסטע אין שטוב, איז מען גוט אויף צאָרעס. און זי, רוטע... שימקע איז אין איר אַזוי פֿאַרקאָכט. זע, ווי ער קוקט אויף איר.

— מענאַשע, פֿאָלג מיך, זאָל שימקע דאָס אַלץ, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט, איבערגעבן רוטען. דאָס איז זייער איניען. מיר האָבן זיך אונדזערע דײַגעס.

גדליה סאַנטאָס האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער און זיך געכאַפּט, אַז עס איז שוין גאַנץ שפּעט און ער האָט צוגעזאָגט קומען צוגאַסט צו זײַן אַלטן פֿרײַנט קוזמאַ מאַטיאַשן, וואָס וווינט פֿון יענער זײַט יאַר, אין לוקאַשיווקע. בײַ יענעם איז הײַנט אַ יאָמטעוו. ס'האָט זיך אומגעקערט זײַן טאָכטער פֿון ווינניצע, ווו זי האָט געענדיקט דעם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, און וועט אַרבעטן אין דער היגער שול. גדליה סאַנטאָס האָט ניט איבעריקס ליב גיין צוגאַסט, נאָר צו קוזמאַ מאַטיאַשן, דעם בינענציכטלער, גייט ער אַפֿילו גערן. מיט יענעם שטילן, באַשיידענעם מענטשן האָט ער ליב שמועסן, שפּילן אַ שאָך אין אַ פֿרײַער שאָ.

אַ מעכײַעדיקער אויסגעשטערנטער הימל איז געהאַנגען איבער די ווײַנגערטענער, קורגאַנעס, איבערן ברייטן און אומרויִקן דניעסטער, וואָס האָט געשײַנט אונטער דער גרויסער גרינלעכער לעוואָנע.

אונטערהינקענדיק עטוואָס אויפֿן לינקן פֿוס, איז מענאַשע באַנדער ניט אָפּגעשטאַנען פֿון גדליהן, געגאַנגען, געשוויגן. האָט גדליה אים געזאָגט, אַז עפּשער וואָלט ער, מענאַשע, אויך אַוועק מיט אים צו מאַטיאַשן? ערשט דאָ האָט דער באַנדער זיך דערמאָנט, אַז קוזמאַ האָט אים אויך אײַנגעלאַדן צו זיך — ער מוז טאַקע גיין!

נעכאַמע איז שוין געזעסן אויף דער פּריזבע אַ יאָמטעוודיק־פֿאַרפּוצטע און אַרויסגעקוקט אויפֿן מאַן. זי איז אַוודע גרייט געווען געבן אים אַ פּעטשאַטעק, לעמײַ האָט ער זיך אַזוי פֿאַרהאַלטן אין קלוב, נאָר דערזען, מיט וועמען ער גייט, געוואָרן מילדער:

— אָ, מענאַשע! ווען מע דערמאָנט מאָשיִעכן! — האָט זי זיך אָנגערופֿן. — קום אַרײַן, וועסטו זײַן אַ גאַסט!

— אַ דאַנק, נעכאַמע, איך קאָן אַ ביסל שטיין.

— ווו זשע ווערסטו עס פֿאַרפֿאַלן, וואָס מע זעט דיך ניט?

דער באַנדער האָט פֿאַרייכערט זײַן ליולקע, אַרויסגעלאָזט אַ געדיכטן וואָלקן רויך און געענטפֿערט:

— דער קאָפּ איז פֿאַרשלאָגן, נעכאַמע. פֿריִער בין איך געווען אַ כאָלאָסטיאַק, האָב איך געהאַט אַ סאַך צײַט, ווייניק דײַגעס. אָפּגעקאָכט זיך דאָס ביסל געקעכץ, און בין מיר אַ באַלעבאָס! אויף דרײַ טעג בין איך באַוואָרנט מיטן ביסן. איצט, זינט מײַן שימקע האָט זיך אומגעקערט, דער סערזשאַנט מײַנער, בין איך געוואָרן אַ ניאַנקע.

מענאַשע האָט געשטשיפּעט זײַנע קורץ־געשוירענע געלבלעכע וואָנצעס, פֿאַריכט דעם קאָלנער פֿון דעם קיטעל, וואָס האָט אים, קענטיק, געשניטן, און פֿאַרגעזעצט:

— נאָר זאָל ער מיר זײַן געזונט, שימקע, א געראטענער באָכער, אזא יאָר אַף מיר מיט אײַך אינײנעם. טוט אלץ אין שטוב. א גוטער באַלעבאָס.

נעכאמע האָט אָפּגעמאָסטן מיטן שאַרפן בליק מענאַשען פון קאָפּ ביז פיס:

— זע נאָר, מענאשע, וואָס האָסטו זיך פאַרפוצט אינעם זונס פּרענטש מיט די מעשענע קנעפּ? עפּשער ווילסטו ווערן א גענעראַל? זעט נאָר, און הויזן גאַליפע האָסטו אויך אָנגעטאָן!.. פּאַרוואָס זשע האָסטו שוין ניט צוגעשפּעפּעט קײן שפּאָרן צו דײַנע סאַנדאַלן?

— אײַ, נעכאַמע, איר האָט פון שטענדיק ליב אָפּלאַכן, — האָט ער איבערגעשלאָגן, — מײַן שימקע טראָגט שוין ניט זײַן מונדיר, איז טראַכט איך זיך, לעמײַ זאָל דאָס פּאַרפאַלן גײן. זעט נאָר, סאַראַ טײַערער געוואַנט.

— איך זאָג דיר גאַרניט, כאַלילע, מענאַשע, — האָט זי זיך צעלאַכט, — נאָר כײַ וואָלט דײַן שימקע דיר שוין אַנטליִען זײַנע שטיוול מיטן היטל מיט דער קאָקאַרדע, וואָלסטו שוין געווען א פּאָלנער קאַוואַליער און אַלע מיידלעך פון יישעוו וואָלטן דיר נאָכגעלאָפן.

— אײַ, נעכאַמע, טשעפּעט זיך צו מיר ניט, — האָט ער זיך בא איר געבעטן, — וואָס זשע, אין די סאַנדאַלן וועט מען מיך ניט דערקענען? עס וועט מיר שאַטן? — ער האָט זיך צוגע־שפּאַרט אַף א קלאָץ, געקוקט, ווי געדאַליע פאַרפוצט זיך אין שטוב, און פאַרזיכטיק א זאָג געטאָן: — וואָס דאַרפט איר, נעכאַמע, זיך צוקוקן צו מײַן מונדיר, איר וואָלט בעסער טראַכטן וועגן א שידעך פאַר אײַער רוטען.

— מענאַשע, איז עפּשער זײַנט איר דאָס געקומען אזא פאַרפוצטער און בראַווער זיך שאַדכענען צו רוטען? דו זעסט טאַקע איצט אויס ווי א כאָסנבאָכער.

מענאַשע באַנדער האָט זיך א קרים געטאָן:

— שעמען מעגט איר זיך, נעכאַמע! איר לאַכט פון מיר.

— זאָל גאָט היטן! — האָט זי ניט געקאָנט אײַנהאַלטן דעם געלעכטער. — וואָס גייט עס דיר אָן, מענאַשע, אונדזער רוטע? דאַכט זיך, דײַן סערזשאַנט איז שוין פאַרקנאַסט.

— וואָס? פּאַר וועמען? — האָט מענאַשע זיך דערשראָקן און אַרויסגעכאַפּט די ליולקע פון מויל.

— פּאַר וועמען? פּאַר זײַן וועלאָסיפּעד! דו זעסט דען ניט, זינט ער האָט זיך אומגעקערט פון דינסט, טראָגט ער זיך אַרום איבער די גאַסן אַף זײַן וועלאָסיפּעד און סטראַשעט די גענדז אַפן בוידעם.

— אַך, אזוי גאָר! — האָט מענאַשע פרײַער אָפּגעאָטעמט. — נו, מיילע, זאָל ער אַרומפּאָרן געזונטערהייט. א יונגער באָכער, קײן ווײַב מיט קינדער האָבן אים נאָך ניט באַוועצט, מעג ער זיך פאַרווײַלן. דו ווײסט אים שוין ניט דערקענען. גאַנצע טעג און נעכט זיצט ער און לייענט ביכער. דאָרט, אין אַרמיי, האָט ער זיך אויסגעלערנט זײַן א שאָפער. אָט וועלן אָנקומען אין אַרטעל נײַע מאַשינעס, וועט ער זיך זעצן באַם רודער. ער קען גוט די מאָטאָרן פון א טראַקטאָר. ער וועט זיך זײַן שטעטל באַשטיין. גאָלדענע הענט בא אים...

— וואָרט, וואָרט, מענאַשע! — האָט זי אים אָפּגעשטעלט און זיך אײַנגעקוקט אין אים. — אַקעגן וואָס דערציילסטו עס מיר?

— איר זײַנט דאָך א מאַמע און האָט א קאַלע־מויד, און איך האָב א גוטן כאָסן... מיר זײַנען דאָך אייגענע מענטשן, — האָט ער איר אײַנגערוימט.

נעכאַמע האָט זיך געמאַכט, אַז זי פאַרשטייט ניט, וואָס דער באַנדער זאָגט, זיך אײַנגעקוקט אין דער פּולער לעוואָנע, וואָס האָט אײַנזאַם געבלאָנקעט צווישן די גרויע וואָלקנדלעך, און גלײַך זי רעדט צו עמעצן, ניט צו מענאַשע באַנדער, זיך אָנגערופן:

— אין אײנעם א שטעטל, דערציילט מען, האָט אַמאָל געלעבט א יונגערמאַן, א מעסוקענער אַקשן. וויפל קאַלעס מע האָט אים ניט גערעדט, האָט ער ניט געוואָלט הערן דערפון. געהאַלטן אין איין טרײַבן פון שטוב די שאַדכאָנים. איז צו דעם כאָסנבאָכער, דעם אַקשן, געקומען אַמאָל א שאַדכן, זיך צוגעזעצט צו אים און זאָגט:

— הערט איר, רעב לייבעשע, איך האָב פאַר אײַך א קאַלע — אַן אַנטיק. אײנע אין דער גובערניע!

— וואָס פאַר א קאַלע? — מאַכט יענער.

— פרעגט ניט! אזוינס ווי אזעלכס! א גראַפיניע.

— וואָס?.. א גראַפיניע פעלט מיר נאָר אויס! זאָל זי אײַך ברענען אַפן פײַער!

— נאָר אײנער! א ברילִיאַנט! רײַך ווי קאָרח, שיין ווי די וועלט.

— אָט דאָס זיץ איך טאַקע און קוק אַרויס אַף א רײַכער און שיינער גראַפיניע.

— נאַרישער מענטש, וועסט בא איר לעבן ווי גאָט אין אַדעס: זי פאַרמאָגט א שיינעם מאָוער, פיר דינסטן, דרײַ דראָזשקעס, צען פּאָר פערד, ווי די אָדלערס. וועסט בא איר גאָרנישט

ניט דאַרפֿן טאָן. ווי קאָנסטו זיך אָפּזאָגן פֿון אַזאַ גאָלדענער קאַלע? וועסט גאַנצע טעג אַרומ־שפּאַצירן מיט דער גראַפֿיניע אין סאָד, עסן די בעסטע פּרוכטן, טרינקען די בעסטע ווײַנען. דער מויעד וועט בא דיר ניט דאַרן, ווו פֿאַרדינט מען זיך דאָס שטיקל ברויט. זי וועט דיך אָנטאָן פֿון קאָפּ ביז פֿיס, ווי אַ קייסער. זאָג זיך ניט אָפּ פֿון אַזאַ שידעך!

— בעקיצער, — נעכאַמע האָט פֿריילעך אַ קוק געטאָן אויפֿן באָנדער, וואָס האָט געהערט מיט קאָפּ און געוואַרט, יענע זאָל ענדיקן די געשיכטע, — בעקיצער, דער שאַדכן האָט אײַנגע־בראָכן דעם אַקשן, דעם כאָסנבאָכער, און יענער האָט געזאָגט:

— מיילע, זאָל זײַן, ווי איר זאָגט. כאַפּט עס דער רוועך. גייט זאָגט איר, אײַער גראַפֿיניע, אַז איך בין מאַסקים!

— זייער גוט, — האָט זיך דערפֿרייט דער שאַדכן, — איצט איז געבליבן נאָר איין קליי־ניקײַט — אַ פֿראַגע טאָן בא דער גראַפֿיניע, צי איז זי, די קאַלע, מאַסקים...

מענאַשע איז געבליבן שטיין פֿאַרלאָרן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אָבער געוּנומען איין די הענט און געזאָגט:

— איז אָט וואָס די געשיכטע מיינט! איך פֿאַרשטיי, נעכאַמע־לעבן. נאָר איך פֿאַרשטיי אויך, אַז אַ מאַמע קאָן אַמאָל אונטערזאָגן אַ קינד, אַז אַזוי און אַזוי. איך פֿאַרשטיי, אַז הײַנטיקע קינדער נייטיקן זיך ניט אין קיין שאַדכאָנים, נאָר אַ מאַמע און אַ טאַטע דאַרפֿן אויך ניט שטיין אין אַ זײַט.

נעכאַמע האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט, אָפּגעשטעלט דעם שמייכלענדיקן בליק אויף דעם פֿאַרשעמטן באָנדער, וועמען עס האָט שטאַרק געמוליעט דער קאָלנער פֿונעם זונס קיטעל, און געזאָגט:

— מענאַשע, פֿאָלג מיך, זײַ ניט קיין ייִדענע און מיש זיך ניט אַהין, ווו מע דאַרף ניט. דו זיץ זיך און מאַך דײַנע באַרימטע פּעסער. און וואָס איז שײַך רוטען, שימקען, שידוכים, דאַרפֿסטו זיך דערמאָנען דאָס לידל „צו קיין שידעך טאָר מען זיך ניט מישן...” זיי וועלן זיך זייער שטעטל באַשטיין!

— איך פֿאַרשטיי, נעכאַמע. נאָר שימקע איז אַ שעמעוודיקער. ער שטאַרבט אַוועק נאָך רוטען און שעמט זיך עס איר זאָגן.

נעכאַמע האָט אויסגעשאָסן אַ געלעכטער, אַז געדאַליע האָט זיך אַזש דערשראָקן און אַרויסגעלאָפֿן אין הויף.

— דײַן שימקע איז אַ שעמעוודיקער? אַוואַדע! וועדליק און פֿאַדליק ער האָט נעכטן גע־לערנט אויפֿן וויהאָן אונדזער רוטען פֿאָרן אויף זײַן ליסאַפּעד, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז גאָר ניט אַזאַ שעמעוודיקער, ווי דיר דוכט זיך!

נעכאַמע האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער און זיך דערשראָקן:

— גוואַלד, וואָס בעבען מיר דאָ? קומט גיכער, מע וואַרט דאָך אויף אונדז! ס׳איז שוין אַזוי שפּעט. מענאַשע, אַנו זײַ אַזוי גוט, פֿאַריכט דײַן קיטעל מיט די גאַליפּע, און לאָמיר גלײַכער גיין. מענטשן וואַרטן דאָרט אויף אונדז!

אַ גאַסט איז געקומען

די כיינעוודיק־ראָזעלעכע לעוואָנע האָט פֿון דער ברייטער האַנט באַלויכטן דעם ייִשעוו, אַ שטיק לוקאַשיווקע, און דעריקער די געשלענגלטע סטעזשקע, וואָס לויפֿט אַרויף־אַ־באַרג צו קוזמאַ מאַטיאַשס סאָד. זי האָט אַזוי ווי געוווּסט, די לעוואָנע, די שטיפֿערקע, אַז מע דאַרף גוט באַשײַנען די סטעזשקע, ווײַל געדאַליע סאַנטאָס האָט געטראָגן אויפֿן אַקסל אַ גרויסן געפֿלאָכטענעם קויש ווײַנטרויבן, פֿון די בעסטע סאָרטן, און דערבײַ נאָך אַ בײַכיקע סולייע ווײַן, וואָס מע וואָלט געקענט שטעלן, ווי מע זאָגט עס, פֿאַר אַ קייסער.

געדאַליע גייט קיינמאָל ניט צוגאַסט מיט ליידיקע הענט. הײַנט נאָך, אַז דער גאַסט איז אַזאַ אָנגעלייגטער: לעסיע, קוזמאַס באַסיעכידקע. זי איז געקומען מיט אַ דיפּלאָם פֿון פּעדאַ־גאָגישן אינסטיטוט. פֿון אָנהייב לערנייאָר וועט זי שוין אַרבעטן אין דער היגער שול, לערנען די קינדער פֿיזיק און מאַטעמאַטיק.

קוזמאַ מאַטיאַש האָט לאַנג אויף איר אַרויסגעקוקט, זיך שטאַרק באַמרויִקט, און נאָך מער האָט זיך געזאָרגט דאָס ווײַב זײַנס, קסעניע, מע זאָל ערגעץ ניט פֿאַרשיקן אין אויסרײַסעניש די אייַן־און־אייַנציקע טאָכטער. און אַריב געדאַליע האָט ניט קיין טאָעס, האָט די זאַך מער פֿון אַלעמען געשראָקן זײַן עלטערן בעגאָק שמוליקן, וואָס איז געווען פֿאַרליבט אין לעסיען פֿון לאַנג. ווען מע שיקט זי אַוועק אויף אַרבעט ערגעץ ווײַט, וואָלט דער מאַזיק געוויס געוואָרפֿן

האקל־באקל, די קליינע עלעקטראָסטאַנציע, ווו ער איז דער מעכאַניקער, די קינאָבודקע, ווו ער דרייט צוויי מאָל א וואָך קינאָפילמען, און נאָכגעפאָרן איר אין דער וועלט אַרײַן. ער, געדאַליע, וואָלט זיך געמוזט אָפּ לאַנג צעשיידן מיט זײַן ליבלינג. און אויב לעסיע איז געקומען אהער, האָט געדאַליע זיך געהאַט מיט וואָס צו פרייען.

פונעם געדיכטן סאַד, ווו עס האָט זיך באהאַלטן קוזמאַ מאַטיאַשס הויז, האָט זיך דערטראָגן א הילכיק געזאַנג, א טומל. און נעכאַמע האָט בארויגעזז א קוק געטאָן אפן מאַן:

— מיט דיר גייך צוגאַסט! שטענדיק פארשפעטיקסטו. דער אוילעם איז דאָרט שויז, זעט אויס, מיד געוואָרן צו וואַרטן אָפּ אונדז. ניט שיין אזוי...

— נאַרעלע, — האָט געדאַליע זי בארויקט, — אָן דיר וועט מען ניט אָנהייבן די סימכע.

מע זינגט זיך גלאַט אזוי. פאַר דער וועטשערע. און וואָס דאַרפסטו זיך זאָרגן? פאַר א נויט האָבן מיר ווײַן מיט זיך, ווײַנטרויבן, קאָנען מיר זיך אליין מאַכן א סודע.

— איר הערט? — האָט זיך אַרײַנגעמישט מענאַשע באַנדער, וואָס איז די גאַנצע צײַט געגאַנגען א שווײַגנדיקער, — דאָרט טומלט זיך שטאַרק. זעט אויס, ער האָט גערופן א סאַך געסט, קוזמאַ.

— און פאַרוואָס טאַקע ניט? בא אים איז גאָר א גראַטענע טאָכטער.

— יאָ, נאָר מיר דאַכט, אז קלענער דער אוילעם, איז גרעסער די סימכע.

— וואָס זשע האָסטו מוירע, מענאַשע, ס'וועט ניט סטײַען מיט וואָס מעכאַבעד זײַן דעם אוילעם? — האָט זיך אָנגערופן נעכאַמע. — עס וועט ניט סטײַען, וועט ער ארויסקײַקלען פון קעלער א פעסעלע האָניק. זײַנע בינען האָבן הײַנטיקס יאָר געאַרבעט גאַנץ געשמאַק אָפּ דער הרעטשקע.

בא מאַטיאַשן אין שטוב האָט מען די פארשפעטיקטע געסט באגעגנט מיט טומל און פרייד. מע האָט אָפּ זיי ארויסגעקוקט און זיך ניט געזעצט צום טיש.

דאַנילע סאַווטשוק, וואָס איז געזעסן מיט א גיטאַרע, געשפּילט און אונטערגעזונגען מיט זײַן שיינעם באַריטאָן, האָט אוועקגעלייגט דעם אינסטרומענט און מיט געמאַכטן פאַרוואָרף געזאָגט:

— איבער אײַך זײַנען מיר דאָ שיר ניט געשטאָרבן פון הונגער און דאָרשט! דער ווײַן אָפּ דעם טיש איז שיר ניט פארפרוירן געוואָרן.

לעסיע מיט שמוליקן האָבן זיך געפּאָרעט בא דעם פאַטעפאָן, וואָס האָט ניט געוואָלט שפּילן. א פאַרלוירענע, א גליקלעך־צעטרייטלטע, איז לעסיע צוגעגאַנגען צו שמוליקס עלטערן און באַגריסט זיך מיט זיי.

קסעניע האָט געהאָוועט ארום דעם געגרייטן טיש. איר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אז עס פעלט נאָך עפּעס, און זי האָט צעפירט מיט די הענט, ווי זי וואָלט זיך פאַרענטפערט פאַר די געסט. זאָל מען איר מויכל זײַן, אויב עפּעס וועט זײַן ניט אזוי ווי עס דאַרף זײַן. וואָס האָט זי געקענט טאָן, אז מע האָט זי פאַרהאַלטן שפּעט אָפּ דער פערמע? די געלע סימענטאַלקע האָט געבוירן א קעלבעלע, און ביז מע האָט זיך דאָרט געפּאָרעט, איז געוואָרן נאַכט.

געדאַליע סאַנטאָס האָט אוועקגעשטעלט אפן טיש די פּעמפּיקעוואַטע סולייע, ארויסגעשאָטן ארום איר א גאַנצן בארג זאַפטיקע ווײַנטרויבן. מע האָט פארנומען די ערטער, און עס האָט זיך אָנגעהויבן די רוישיקע סימכע.

צווייען האָבן זיך דאָ באם טיש געפילט ניט אינגאַנצן גוט. דאָס איז געווען לעסיע און שמוליק. מע האָט געטרונקען פאַר איר געזונט, פאַר אירע דערפאָלגן, זי זאָל גוט לערנען די קינדער. און דערבײַ געקוקט ניט בלויז אָפּ לעסיען, נאָר אויך אָפּ שמוליקן, ווי ער וואָלט אויך געווען דער שולדיקער אינעם הײַנטיקן יאָמטעוו. לעסיע האָט זיך געשעמט פאַר די מענטשן, וואָס האָבן זי געקענט פאַר א פּיצינק מיידעלע. זי האָט ניט געוווּסט ווו באהאַלטן די אויגן. זי האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט, אָפּגעטראָטן אין א ווינקל. דאָס לענגלעכע כיינעוודיקע פּאָנעם האָט געפלאַקערט. די פלאַקסענע האָר זײַנען געווען עטוואָס צעשויבערט, געפּאַלן צו אירע בלוילעכע אויגן און דעם מיידל צוגעגעבן א יאַם מיט כיין. דאָס האַרץ האָט זיך אומרויק געשלאָגן אונטער דעם אויסגעניייטן זײַדענעם קאָפטל. זי האָט ניט געוווּסט ווו באַהאַלטן זיך פון די צווײדײַטיקע ווונטשן.

ווען באם טיש איז געוואָרן גאָר טומלדיק, נאָך דער דריטער אָדער פערטער קויסע, ווען עס איז שויך שווער געווען פאַנאַנדערקלײַבן, ווער און פאַר וואָס עס טרינקט, האָט זיך פון דרויסן דערטראָגן א געזאַנג און א טופען, א הילכיקער געלעכטער. א גאַנצע כאָפּטע יונגע מיידלעך און באָכערים, וואָס זײַנען געגאַנגען פונעם קלוב, האָט פאַרקערעוועט אהער. דאָס האָט רוטע, אייגנטלעך, פארשלעפּט אהער די גאַנצע כעווריע.

דערזען אזויפיל נײַע געסט, האָט קוזמאַ מאַטיאַש זיך א ביסעלע פאַרלוירן, עס איז ניט

געווען ווי זי באַזעצן. נאָר לעסיע האָט זיך דערפרייט, דערזען אירע כאַווערטעס און כאַוויי־רים, מיט וועלכע זי האָט זיך נאָך אין שול דאָ געלערנט.

לעסיע און שמוליק זײַנען אַרויס אַנטקעגן, באַגעגנט מיט פרייד די גאַנצע כאַליאַסטרע. אין סאָד אונטער די ביימער האָט מען גלײַך אויסגעשטעלט בענק, טעלעכע טישן. אַרויסגע־טראָגן ווײַן, פּאַרבײַסנס, און עס איז דאָ געוואָרן נאָך טומלדיקער, ווי אין שטוב.

כאַטש די לעוואָנע האָט געלויכטן, נאָר די געדיכטע צווײַגן פונעם סאָד האָבן אײַנגעש־שלונגען די שײַן. און שמוליק סאַנטאָס האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן. געפונען אין שטוב אַ לאַנגן עלעקטרישן דראָט, האָט ער אין סאָד דורכגעפירט עלעקטרע, און עס איז גלײַך אַלעמען געוואָרן ליכטיק אין די אויגן.

שמוליק האָט אוועקגעשטעלט לעבן אַ ווײַנשלבוים אויף אַ בענקל דעם פּאַטעפאָן, וואָס האָט אָנגעהויבן שפּילן. און די נײַע געסט, וואָס האָבן שוין באַוויזן אויסטרינקען און פּאַרבײַסן, האָבן זיך געלאָזט טאַנצן.

מענאַשע דער באַנדער, וואָס איז שוין געווען גאַנץ פֿײַן אונטערן גלעזל, האָט צעשפּיליעט זײַן פּרענטש און זיך גענומען אַמפּערן מיט דאַנילע סאַוטשוק, צי וועט אַמאָל, אויב עס וועט אויסברעכן אַ מילכאָמע, צוניץ קומען די קאַוואַלעריע? דער באַנדער איז געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון דעם מין מיליטער, און דאַנילע סאַוטשוק, פּאַרקערט, האָט געהאַלטן, אַז איצט וועלן אין שלאַכט דעריקערשט נייטיק זײַן טאַנקען און אַעראָפּלאַנען...

ווער ווייסט, וויפל דער קריג זייערער וואָלט זיך פּאַרצויגן, ווען מענאַשע דערזעט ניט, ווי אין קרײַז טאַנצנדיקע זײַנען אַרײַן זײַן שעמעוודיקער סערזשאַנט שימקע און געדאַליעס טאָכטער רוטע. ער האָט אַ ווונק געטאָן צו נעכאַמען, ווי אײנער רעדט: „ביסט דאָך אַ כאַכאָמע. זיי וועלן אָן אונדז זיך יאַקאָס געבן אַן אײיצע“.

האַלטנדיק זיך ניט גאָר פעסט אויף די פיס פונעם אויסגעטרונקענעם ווײַן, איז מענאַשע באַנדער צוגעגאַנגען צו קסעניען, זי געוואָלט אַרומנעמען און גיין טאַנצן, נאָר זי האָט זיך אָפּגעקערט פון אים:

— מענאַשע, טשעפּע זיך אָפּ פון מיר! מײַן קוזמאַ וועט זען, אַז איך טאַנץ מיט אַ גע־נעראַל, — האָט זי אַ ווונק געטאָן אויף דעם באַנדערס מונדיר, — וועט ער מיך אַרויסטרײַבן פון שטוב!

פון די נאָענטע געסלעך זײַנען געקומען אַהער מענטשן, זיך צוגעשפּאַרט צו די שטאַכעטן פונעם פּאַרקן, געקוקט, ווי דער אוילעם טאַנצט, און געקליבן נאַכעס.

מיטאַמאָל איז אין קרײַז געוואָרן אַ שטופּעניש, טומלדיק. דער טײַוול האָט פון ערגעץ אָנגעטראָגן אַהער סטעפּאַן טשורײַען, דעם אַמאָליקן פּאַרוואַלטער פון אוטיל־קאָנטאָרל. דאָס איז געווען אַ פּולבלעכער, געשטופּלטער פּאַרשוין מיט אַ קורץ, אײַנגעקשנט נעזל און אַ פּאָר קליינע בייזע אייגעלעך, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אונטער געדיכטע העלע ברעמען. דאָ, אין לוקאַשיווקע, האָט ער שוין אַמאָל גאַנץ שיין זיך אויסגעפּײַנט — באַגאַנוועט דאָס קאָנטאָרל, פּאַרשיקערט ביז אַ גראַשן און אָפּגעזעסן דערפאַר עטלעכע יאָר אין טורמע. אומגעקערט זיך אַהיים פון יענע ווײַטע מעקוימעס, האָט ער זיך לאַנג אַרומגעדרייט איבערן דאָרף, ניט געהאַט קיין כיישעק זיך שטעלן צו אַן אַרבעט, געוואַרט, מע זאָל אים ווידער געבן אַ שטיקל קאָנטאָרל, געווען בייז אויף דער גאַנצער וועלט, אויף גאַנץ לוקאַשיווקע, און סאָפּקאָלאָסאָך אײַנגעאָרדנט זיך אין אַ שכײנישן ראַיאָן, אין „ספּאָזיווטשע קאָאָפּעראַציע“. נאָר ווײַל אין לוקאַשיווקע לעבט זײַן אַלטיטשקע מוטער, כאַפּט זיך אַמאָל אַהער אַראָפּ סטעפּאַן טשורײַ, פּאַרטרינקט אַלץ, וואָס ער געפינט בײַ דער אַלטער, הוליעט אָפּ עטלעכע טעג אין דאָרף, כאַפּט אָפּט אַרײַן אין קאָלנער פּאָר זײַנע כוליגאַנישע שטיק, און סטײַעט ניט.

קוזמאַ מאַטיאַש האָט באַגעגנט דעם ניטגעבעטענעם גאַסט, וואָס איז שוין גוט געווען אונטערן גלעזל, געבעטן איידל גיין אַהיים זיך אויסניכטערן, נאָר יענער האָט מיט די רע־ציכעדיקע אייגעלעך אַ קוק געטאָן אָפּן באַלעבאָס און זיך אָנגערופן:

— וואָס? דו טרײַבסט מיך? טשורײַען איז דיר ניט אָנגעשטאַנען אײַנלאַדן אויף דער כאַ־סענע, צי וואָס איז דאָ באַ דיר? סטעפּאַן טשורײַ איז, הייסט עס, אַ הונט? נו, געדענקן! איך וועל אײַך אַלעמען פון דער ערד פּאַרטרײַבן. איר וועט באַ מיר מיט די ציין הריזען די שטיי־נער, איך וועל...

די רעציכע האָט זיך אין אים אַלץ שטאַרקער צעשפּילט. קוזמאַ האָט אים געוואָלט באַרויקן, נאָר יענער האָט זיך געוואָרפן שלאָגן.

שמוליק סאַנטאָס האָט עס דערזען, צוגעשפּרונגען, אַ כאַפּ געטאָן דעם שיקערס האַנט, זי פּאַרדרייט אויף צוריק, אָפּגעשלײַדערט, אַרויסבאַגלייט פון הויף. ער האָט אים געוואָלט אָנ־לערנען, נאָר דער אוילעם האָט ניט געלאָזט:

— טשעפּע ניט דעם קעלעוו, — האָט מענאַשע באַנדער געזאָגט, האַלטנדיק שמוליקן פאַרן אָרבל, — טשעפּע ניט, ער וועט אוועקגיין. דו קאָנסט אים דאָך כּאָלילע מיט איין האַנט דערהאַרגענען, דערנאָך וועסטו האָבן אַן אַרבעט רעדן מיטן פּראָקוראָר. לעמײַ דאַרפסטו עס האָבן? ברענט ער ליכטיק!

סטעפאַן טשוריַי, זידלענדיק אַלע מיט די לעצטע ווערטער, איז אַפּגעגאַן אין אַ זײַט, אַ פּאַל געטאָן אײנעם בוריאַן און זיך דאָרטן דערפילט ווי אין אַ גאַניידן. עס האָט אָבער ניט געדויערט קיין פּערטל שאָ, ווי ער האָט זיך ווידער געיאָוועט אַהער. אַ קוויטיקער, פאַרשטויבטער, מיט אַ צעשויבערטער געלער טשופּרינע און צעדראַפּעטן פּאָנעם, איז ער אַרײַן אין קרײַז, צעטריבן די, וואָס האָבן געטאַנצט:

— פאַרנעמט זיך פונדאַנען, אַלע צעגייט זיך! — האָט ער געשריגן מיט זײַן הייזעריקער שטים. — אויב טשוריַי הוליעט ניט, וועט ער קיינעם ניט לאָזן!

דאַנילע סאָוטשוק איז צוגעגאַנגען, געבעטן זיך באַרויִקן, גיין אַהיים, נאָר טשוריַי האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיך און געכאַפּט אַ שטעקן.

די פריַיען האָבן אופגעהויבן אַ געפילדער, זיך צעלאָפן אין די זײַטן.

שימקע האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס רעקל, עס איבערגעגעבן דעם פּאַטער, צוגעגאַנגען צו סטעפאַנען, אַרויסגעהאַקט פון זײַנע הענט דעם שטעקן און אים אַרויסגעשטויסן פונעם סאַד. אָבער יענער האָט ניט געלאָזט, זיך געבריקעט, געשריגן, געדראָעט אויסהאַקן די שויבן.

דאַנילע סאָוטשוק האָט געכאַפּט אַ שטריק, מע האָט געבונדן דעם שיקער און אים אָפּגעטראָגן צו דער מוטער אין הויף.

— איר וועט בא מיר אַלע נאָך שפּײַען מיט בלוט! — האָט יענער געגוואַלדעוועט. — איך וועל זיך מיט אײַך צערעכענען! שטיקער וועל איך פון אײַך שנײַדן. עס וועט קומען מײַן צײַט!..

די סימכע איז געווען אַ ביסל פאַרשטערט, כאָטש קוזמאַ האָט געבעטן ניט לייגן קיין אַכט אַף דעם הונט, פאַרגעלייגט ווידער אויסטרינקען און פאַרבײַסן, נאָר קיין כיישעק דערצו איז בא די געסט ניט געווען. אַ שווערער שטיין איז געבליבן ליגן אַפן האַרצן.

ביסלעכוויַיז האָט מען זיך אָנגעהויבן געזעגענען. ס'איז שוין געווען גאָר שפּעט, און גאַנצפרי דאַרף מען גיין צו דער אַרבעט. די יונגע כעווריע האָבן אָבער ניט געוואָלט פאַרלאָזן דעם סאַד. רוטע און לעסיע זײַנען געשטאַנען אַרומגענומען, צוגעשפּאַרט צום ווײַנשלבוים, שטילערהייט און האַרציק געזונגען, און די כעווריע האָבן אונטערגעהאַלטן.

מע האָט ניט באַמערקט, ווי די צײַט גייט, און זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען ערשט, ווען דאָרטן, אַפן דניעסטער, האָט אַ פינקל געטאָן דער ערשטער זון־שטראַל.

רייזל די פּאַטשט

וויִאַזוי האָט רייזל די פּאַטשט באַוויזן זיך דערוויסן מיט אַלע איינצלהײַטן, וואָס עס איז פאָרגעקומען בא קוזמאַ מאַטיאַשן אַף דער סימכע, ווייסט איין גאָט אין הימל. זי איז דאָך אַפילע נאָענט ניט געווען, די קליפּע! זי איז געשלאָפן בא זיך אין שטוב, ווי אַ קייסעריניע, און געזען שיינע כאַלוימעס. ווי זשע קומט עס, זי זאָל זיך וועגן אַלץ דערוויסן גאַנצפרי מיט דער ראַשטשינע?

די זון איז נאָך געשלאָפן, און רייזל איז שוין געווען אַף די פיס און האָט שוין דערציילט די שכיינים, וואָס זײַנען אַרויסגעגאַן אַף גאַטס ווערטל אויסגיסן די פּאַמוינעס, ווער, וואָס און ווען...

איצט וועט אַלץ ווערן אַ סאַד אַף גאַנץ בראַד!

רייזל די פּאַטשט — אַזוי האָט מען אין יישעוו און אין די אַרומיקע דערפער גערופן די בריוטרעגערן.

דאָס איז געווען אַ וווּקסיקע, קרעפּטיקע פרוי פון קאַרעוו די זעכציק, מיט אַ גוטמוטיק לענגלעך פּאָנעם און צווי גרויסע קאַרע אויגן, וואָס זײַנען זועלטן אײַנגעשטאַנען אַף אַן אָרט. שטענדיק איז זי געווען מיט עפּעס פאַרדרײַגעט, פאַרהאַוועט, פאַרטאָן און קיין צײַט ניט געהאַט אַפילע אָפּווישן די נאָז, דערפאַר טאַקע איז די נאָז אַ גאַנצע וואָך, כוץ זונטיק, געווען אויסגעשמירט מיט סאַזשע, און אַז עמעצער האָט איר וועגן דעם דערמאָנט, האָט זי די סאַזשע נאָר צעווישט מיטן אָרבל איבערן פּאָנעם, וואָס איז געווען שטאַרק פאַרברוינט פון דער זון און פון די ווינטן, מע האָט זי דאָך שטענדיק געזען אין דרויסן, זי האָט דאָך מיט יעדן איינעם אַף דער

גאס און אין פעלד זיך געדאַרפֿט אָפּשטעלן, פֿאַרפֿירן אַ שמועס און אויסדערציילן אַלע נײַס פֿונעם יִשעוו.

ווער נאָך, כּוץ רייזל די פּאַטשט, האָט געוווּסט, וואָס באַ יעדן קאַכט זיך און באַקט זיך? אַז איר האָט זי ניט אַרופֿגעלאָזט אויף דער שוועל, האָט זי זיך געקענט אַרײַנכאַפּן צו אײַך דורך דער הינטערטיר.

אין מעסלעס האָט איר אַלעמאָל ניט געסטײַעט סאַכאַקל אַ צוויי־דרײַ שאָ. זיך אויסדרייען פֿון איר, אַז זי האָט אײַך ערגעץ באַגעגנט, איז געווען אוממעגלעך. אויב איר וועט ניט האָבן קיין צײַט זיך אָפּשטעלן מיט איר, מאַכט ניט אויס. זי וועט אײַך באַגלייטן אַפֿילו דרײַ ווערסט און אויספֿרעגן באַ אײַך אַלץ און אויסגיסן פֿאַר אײַך דאָס ביטערע האַרץ.

מע שמועסט דאָ, אַז זי קאָן פֿאַרעדן דעם מאַלעכהאַמאָוועס אַליין.

דער היגער אוילעם שווערט, אַז מע האָט נאָך ניט געזען, דאָס מויל זאָל זיך באַ איר אַמאָל פֿאַרמאַכן. אין אַלע רינגען און בריגאַדעס, אין אַלע וואַרשטאַטן האָט מען פֿון איר מער ווי דרײַ טעג, מערסטנס אַ וואָך, ניט געקאָנט אויסהאַלטן. אוממעטום האָט זי שוין געאַרבעט. נישטאָ קיין מענטש אין יִשעוו און אין די נאָענטע דערפֿער, אײַנשליסנדיק דעם ראַיאָן, מיט וועמען זי האָט זיך ניט צעווערטלט. און אויב קיין סיבע איז דערויף ניט געווען, האָט זי זי גלײַך אַפֿן אָרט צוגעטראַכט.

אַלץ, וואָס זי האָט געוואָלט, האָט זי אויסגעפֿירט. איר עפּעס אָפּזאָגן איז געווען אוממעגלעך. מע וואָלט געשפּיגן מיט בלוט. מע האָט איר אַפֿילו אויסגעבויט אַ הויז פֿון דרײַ צימערן אָן אַ גראָשן געלט. און דער גאַנצער יִשעוו האָט דאָ געאַרבעט, געמיינט, אַז עפּשער וועט זי שוין וועלן זיצן אין שטוב און ווייניקער מאַטערן דעם אוילעם. האָט זי זיך אַריבערגעקליבן אין דער נײַער אויסגעמעבלירטער שטוב, נאָר ניט אופֿגעהערט צו ריידן!

ביכלאַל אָבער איז זי געווען אַ גרויסע האַרעפּאַשניצע, אויב זי האָט נאָר געוואָלט. אַז זי האָט געאַרבעט אַפֿן ווײַנגאָרטן, האָט זי זיך געקענט פֿאַרמעסטן מיטן שטאַרקסטן מאַנצבל, טראָגן צו די פֿורן שווערע קוישן מיט ווײַנטרויבן. די אַרבעט האָט באַ איר געברענט אונטער די הענט. נאָר וואָס זשע — דאָס רעדן האָט זי געפּאַטערט, מאַמעש אוועקגעהאַרגעט!

מע האָט זיך באַ איר געבעטן, ווי מע בעט זיך באַ אַ גאַזלען:

— רייזל, האָב גאָט אין האַרצן! נעם שוין אַמאָל אײַן שטומעניש. לאָז איבער אַ ביסל רייד אויף מאָרגן.

האָט זי זיך ניט געשעמט און געזאָגט:

— נישקאָשע, מײַנע טײַערע, זאָרגט זיך ניט פֿאַר מיר. אויף מאָרגן וועט אויך סטײַען. באַ מיר איז אַ זאַפּאַס נאָך אויף אַ יאָר דרײַסיק...

אַז מע האָט זי פֿונעם ווײַנגאָרטן, מיט גאָטס הילף, אַריבערגעפֿירט אויף דער פֿערמע און זי האָט זיך געוווּמען מעלקן די בעהיימעס, האָט זי, דאַכט זיך, פֿאַרעדט ניט נאָר די מעלקערנס און די פּאַסטעכער, נאָר אויך די בעהיימעס.

מע האָט געזאָגט, אַז זי האָט זיי אַזוי פֿאַרקלאָפּט די מויכעס, די בעהיימעס אירע, אַז זיי האָבן אופֿגעהערט געבן מילך...

איז מען געקומען צום געדאַנק, אַז מע דאַרף זי אַריבערפֿירן אין פֿעלד צו די טראַקטאָרס. דאָרטן שטייט אַ טומל פֿון די מאָטאָרן, וועט זי זיך עפּשער אָפּגעוווינען פּלאַפּלען. האָט זי אַ פּאָר טעג געשוויגן, ווײַל זי איז הייזעריק געוואָרן, איבערשרײַענדיק די טראַקטאָרס, און דערנאָך זיך צוגעפּאַסט צום טומל, — גערעדט אין די קורצע האַפּסאַקעס, ווען די מאַשינעס זײַנען אַ ביסל שטיל געוואָרן. און עס איז אַוועק אַ גאַנג!

נו, זענט איר עפּעס אַ מייווין? אָן אַנשיקעניש! מע האָט רייזלען אַריבערגעפֿירט אין דער רינג, וואָס אַרבעט אין ווײַנקעלער, וואַשט און שאָבט די פֿעסער, די פּרעסן. דאָרטן האָבן געאַרבעט פֿיר מענטשן טויבשטומע. זיי האָט עס ניט געאַרט, רייזל זאָל רעדן אַפֿילו אַ גאַנצן מעסלעס. האָט זי אָבער גאָר אײַנגיכן זיך אויסגעלערנט רעדן שטומלאָשן, — מיט די פֿינגער און מיט די ליפּן, — און די טויבשטומע זײַנען געקומען צו געדאַליע סאַנטאָסן מיט אַ גוואַלד, מע זאָל רייזלען צונעמען, זי לאָזט ניט אַרבעטן, מע קען ניט אויספֿילן דעם פּלאַן.

אַזוי־וווי אין אַרטעל האָט געהערשט אַ ברייטע דעמאָקראַטיע, זײַנען אַלע פֿאַרזאַמלונגען און זיצונגען פֿון דער פֿאַרוואַלטונג דורכגעגאַנגען באַ אָפֿענע טירן. כּוץ דעם, וואָס רייזל האָט געדעדט די גאַנצע צײַט שטילערהייט, האָט זי נאָך אָנגעהויבן אַרויסטרעטן פֿון דער טריבונע. אָפּשטעלן רייזלען איז געווען אוממעגלעך, ווײַל וועמען האָט זיך געגלוסט באַקומען די טשעכאָטקע און שרײַבן ענטפֿערס אויף אירע אָנקלאָגעס אין ראַיאָן און אין געגנט. אַז מע שטיקט דאָ די דעמאָקראַטיע, מע לאָזט ניט עפֿענען אַ מויל.

אָבער ניט נאָר אױף די זיצונגען איז זי געװען פֿול, ניט נאָר דאָרט האָט זי געשטעקט אַ פּוס אין טשאָלנט, — זי האָט ניט דורכגעלאָזט קײן אײן סימכע אין יִישעװ.

האָט מען זי ערגעץ־װוּ ניט אײַנגעלאַדן, האָט זי געגוואַלדעװעט, דערגאַן די יאָר:

— װאָס זשע, עס שטײט אײַך ניט אָן זיצן מיט רײזלען באַ אײן טיש? װאָס זשע, אָן עלנטער מענטש דאַרף זיצן צװישן פֿיר װענט אין שטוב און ניט האָבן מיט װעמען אַ װאָרט אױסצורײדן? װוּ איז דאָס געהערט געװאָרן אַזאַ אומרעכט? װאָס זשע, מענטשן װױנען אין יִישעװ אָדער כּײַעס?

און װײַל קײנער האָט זי אַלצײַנס צו זיך ניט אײַנגעלאַדן, האָט זי זיך ניט געפֿױלט און איז אַלײן געקומען. זי קומט נאָר אַרױף אױף דער שװעל, װען דער אױלעם זיצט שױן באַ געדעקטע טישן, און פּראַלט אױס, אױב ס'איז אין אָװנט:

— מײַנע טײַערע און ליבע, באַומרויִקט זיך ניט! ספּאָקאָינע! קײן בענקל דאַרף איך ניט. איך קאָן נאָך שטײן אױף מײַנע פֿיס, זײ זײַנען באַ מיר נאָך נישט אָפּגעדאַרט. קײן טעלער מיט קײן גאָפּל דאַרף איך אױך ניט, װײַל איך האָב שױן, דאַנקען גאָט, אָפּגעגעסן אין דער הײם װעטשערע... איך בין שױן אַ געגעסענע און אַ געטרונקענע. עסט געזונטערהײט, זאָל אײַך װױל באַקומען!

הײַנט גײ האָב עפּעס צו איר טײַנעס! דאַכט זיך, לײַטיש פֿון איר זײַט? זי איז שױן אַ געגעסענע און אַ געטרונקענע...

נאָך אַזעלכע רײד האָט זי קײנער ניט אַרױסגעטריבן פֿון שטוב, פֿאַרקערט, אונטערגערוקט איר אַ בענקל, דערלאַנגט אַ טעלער, נאָר געבעטן האָט מען באַ איר אײנס: זי זאָל האָבן גאָט אין האַרצן, אָננעמען אַ מױל מיט װאַסער און שװײַגן.

רײזל די פּאַטשטש האָט צוגעזאָגט. געשװיגן. עטלעכע מינוט. עס איז אָבער גענוג געװען, אַז עמעצער זאָל זי פֿאַרטשעפּען מיט אַ װאָרט, װי אַלץ איז אַװעק מיט דער פּוטער אַראָפּ. און דאָ האָט זי שױן אַפֿילו די מיליציע ניט געקענט אָפּשטעלן.

מענאַשע דער באַנדער, פֿאַר װעמען רײזל האָט געהאַט דערעכצערעץ, װײַל אַלע יאָר פֿאַריכט ער איר אָן אַ גראָשן געלט די פּעסלעך, אין װעלכע זי זײַערט אוגערקעס, פּאָמידאָרן און קרױט, האָט איר אַנומלטן געזאָגט:

— דער װאַטנמאַכער װײסט דיך, רײזל, װען האָסטו אוספּײעט האָבן צװײ קינדער? אָפּ־נעם, אַז דײַן לײזער איז געװען אַ מאַלעך, אַז ער האָט פֿון דיר געטערפּעט די דרײַ יאָר, װאָס ער האָט מיט דיר געלעבט.

און שאָקלענדיק פֿאַרדײַגעט מיטן קאָפּ, האָט דער באָנדער פֿאַרגעזעצט:

— זינט איך קען דיך, האָלטסטו ניט פֿונעם רעגלאַמענט. דו האָסט, דאַכט זיך, גאָלדענע הענט צו דער אַרבעט, און װען דו טומלסט ניט אַזױ, פֿאַרשלאָגסט יענעם ניט די באַקעס, װאָלסטו געװען דאָ דער ערשטער מענטש אין יִישעװ, און דײַן מאַן, דיר צו לענגערע יאָר, װאָלט ניט אװעקגעגאַן אַזױ פֿרי פֿון דער װעלט. מע זאָגט, אַז באַ אים איז געשװאָלן געװאָרן דער מױעך...

— װאָס בין איך שולדיק? — האָט רײזל באַרױגעזט אַ קוק געטאָן אױפֿן באַנדער. — װיפֿל יאָר גאָט האָט מײַן לײזערן געגעבן, אַזױפֿיל האָט ער געלעבט. אָט האָב איך דאָך צװײ טעכ־טערלעך, װעסטו אױף זײ גאָרנישט ניט זאָגן, האַ?

געװיס. טעכטער האָט רײזל גאַנץ גוטע. נאָר דאָס זײַנען געװען אײַזערנע שװײַגערקעס. דאָס גליק זײערס איז באַשטאַנען אין דעם, װאָס זײ זײַנען צו דער צײַט אװעקגעגאַן פֿון דער מאַמען. די עלטערע איז אװעקגעפֿאָרן קײן ביראָבידזשאַן, זיך דאָרטן באַזעצט, כאַסענע געהאַט און װױנט מיט איר מאַן און מיט די קינדער שטילערהײט, זעלטן־װען שרײַבט זי אַ קאַרטל דער מאַמען. אַהין קאָן רײזל ניט פֿאָרן, װײַל ס'איז װײַט און מע דאַרף מאַכן אַ סאַך פּערע־סיאַדקעס, און פֿאַר פּערעסיאַדקעס האָט זי מוירע... נאָר דערפֿאַר איז די יִינגערע, צינע, מער געשטראָפּט פֿון איר שװעסטער.

צינע איז אין שול געװען די בעסטע שילערן. אַז זי האָט געענדיקט די לערע, האָט דער אַרטעל זי אװעקגעשיקט קײן קיִעװ אין אַ טעכניקום, דערנאָך האָט זי זיך דערשלאָגן אין אַן אינסטיטוט און דאָרט געבליבן אַרבעטן. כאָטש קײן קיִעװ איז פֿונעם יִישעװ ניט אַזױ שטאַרק װײַט, נאָר צװײ פּערעסיאַדקעס מוז מען פֿונדעסטװעגן מאַכן. רײזל די פּאַטשטש האָט ניט שטאַרק ליב צו פֿאָרן צו צינען. דאָס הײסט, צו איר האָט זי ליב פֿאָרן, נאָר אַ מאַן האָט צינע דער רוער װײסט װאָס! מע קאָן מיט אים קײן װאָרט ניט אױסרעדן. ער איז אַ געלערנטער און אַרבעט צוזאַמען מיט צינען אין דער אָבסערװאַטאָריע, מע קוקט גאַנצע טעג און נעכט דורך אַ גרױסן שפּאַקטיװ אױף די שטערן, אױף דער לעװאָנע און מע פֿאַרשרײַבט עפּעס. װאָס פֿאַרשרײַבן זײ דאָרט, האָט נאָך דערװײַל רײזל די פּאַטשטש ניט אױסגעקלאָרט.

פון צײַט צו צײַט קומט זי פונדעסטוועגן, רייזל, צוגאַסט צו דער טאָקטער. מע נעמט זי אויף שיין, מע איז זי גוט מעכאַבעד, מע קויפט איר גאַנץ פֿײַנע מאַטאַנעס, קליידער, מע גיט איר געלט, נאָר וואָס דאַרף זי דאָס אַלץ האָבן, וואָס דאַרף זי דעם קאָווּד, אַז מע קען דאָרט ניט אויסרעדן קיין וואָרט! דער איידעם, זאָגט מען, איז דאָפּקע אַ גרויסער דאָקטער, כאָטש קיינעם היילט ער ניט, אָן איידעלער מענטש אין ברילן איז ער, און איר זאָלט געבן אַ רענדל פֿאַר איין האָר אין קאָפּ — ניטאָ! רייזלען האַלט ער אין איין זאָגן פּאַזשאַלוסטע און פּאַזשאַלוסטע, טראָגט איר אונטער אַ בענקל, נאָר וואָס זשע? רעדן — דאָס ניט! זעצט ער זיך אַוועק עסן, זאַטלט ער אָן די ברייטע נאָז מיט די ברילן און שטעקט זי גלײַך אַרײַן אין אַ בוך. הייבסטו אָן צו אים רעדן, איז עס אַלציינס ווי צום לאָמפּ. ער שווײַגט. גיט פֿון מאָל צו מאָל אַ באָמקע: „עסט, פּאַזשאַלוסטע, ס'איז געשמאַק", און שווײַגט ווײַטער.

ווײַל זי אַ רעד טאָן מיט צינען — אַ נעכטיקער טאָג! צינע טראָגט אויך ברילן, און לייגט זיך שלאָפֿן מיטן ביכל און שטייט אויף מיטן ביכל. אַזוי אַז רעד צום דאַשעק. ביידע שווײַגן זיי. און רייזל די פּאַטשט הייבט ניט אָן צו פֿאַרשטיין, ווען האָבן זיי אויספּייעט האָבן צוויי יינגלעך. גראַדע, זאָגט זי, גאָלדענע קינדער, שיינע, כיינעוודיקע, נאָר וואָס זשע — זי קאָן מיט זיי ניט רעדן, ווײַל זיי לערנען ביידע אין אַן ענגלישער שול און דאַבערן נאָר ענגליש. דאָ קאָן מען שוין גאָרנישט ניט טאָן, קיין ענגליש קען זי, נעבעך, ניט, רייזל!

זי האָט גראָד געפּרוּווט גיין אַף ציקאַוועס, זאָגט רייזל, צו דער טאָכטער און צום איידעם אַף דער אַרבעט, עפּשער וועט זי דאָרט זיך קאָנען אָנריידן מיט עמעצן, — נאָר אַ נעכטיקער טאָג! דאָרט זיצן אַלע און קוקן אַרײַן אין אַזעלכע גרויסע האַרמאַטן, מע קוקט אַף די שטערן, מע טאָר דאָרט אַפֿילע דאָס מויל ניט עפֿענען.

האָט זי אויפֿגעהערט פֿאָרן צו איר צינען, רייזל די פּאַטשט. די טאָכטער מיטן איידעם לעבן זיך שטיל, גוט און פֿײַן, און זי ווײַל זיי ניט צעשטערן דאָס מישפּאָכע־לעבן. דער איידעם, כאָטש ער איז אַ גרויסער וויסער אין די שטערן און אַן איידעלער מענטש, האָט געמאָלדן, אַז טאָמער קומט רייזל נאָכאַמאָל און וועט אים ניט לאָזן אַרבעטן, וועט ער אַוועקגיין פֿון דער שטוב. דאַרף זי אַף קאַפּאָרעס דעם געלערנטן איידעם מיט די שטערן, מיט זײַנע מאַ־טאָנעס — זי וועט בעסער זיצן אין יישעוו. דאָ פֿילט זי זיך, ניט געקוקט אַף אַלץ, ווי אַ פֿיש אין וואַסער, פֿאַר אַ מענטש מיט מענטשן גלײַך. דאָ האָט זי כאָטש מיט וועמען אויסרעדן אַ וואָרט!

יאָ, נאָר מיר האָבן זיך, דאַכט זיך, אַ ביסל אָפּגעווענדט פֿונעם איקער.

רייזל די פּאַטשט — מיט אַזאַ צונעמעניש האָט מען זי באַקרוינט שוין גאַנץ לאַנג, ווען עס האָט זיך איר נאָך אַפֿילע ניט געכאָלעמט, אַז זי וועט דאָ אַרבעטן אין יישעוו אַף דער פּאָטשט. מע האָט רייזלען אָנגערופֿן אַזוי דערפֿאַר, וואָס זי צעטראָגט גלײַך די פּאָטשט. דאָס הייסט, ווי נאָר זי הערט עפּעס אין איין עק יישעוו, טראָגט זי עס אָפּ נאָאַשפּיץ אין צווייטן עק. ווייסן ווייסט זי פֿון אַלע שווערע הערצער. ווי עס איז שוין דאָ געזאָגט געוואָרן, איז נישטאָ אין יישעוו אַזאַ ווינקל, וווּ זי האָט ניט געאַרבעט, און אַזאַ מענטש — מיט וועמען זי זאָל ניט זײַן גוט באַקאַנט. פֿאַר איר זײַנען דאָ קיין סודעס ניטאָ. מע האָט זיך פֿון איר געפּרוּווט ראַטעווען דערמיט, וואָס מע האָט זיך מיט איר צעקריגט. אָן אַנדערער וואָלט נאָך אַזאַ קרי־גערײַ ניט אַריבערגעטראָטן איַער שוועל, און רייזל די פּאַטשט האָט זיך מיט איַך געקענט גאַנצפֿרי צעקריגן, און פֿאַרנאַכט קומען אַנטלײַען אַ לעפֿל זאַלץ אָדער גאָר אויסטרינקען אַ גלעזל טיי.

אַף איר האָט מען זיך אויך ניט געקאָנט לאַנג בייזערן. ווײַל ניט געקוקט אַף דעם, וואָס מע האָט פֿון איר געליטן גרויסע צאָרעס, איז זי געווען אַ גוטע נעשאָמע. האָט עמעצער געטראָגן אַ שווערע מאַסע אַף זיך, איז זי ווי פֿון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן און אונ־טערגעשטעלט אַ פּלייצע. האָט באַ עמעצן געטראָפֿן אַן אומגליק, פֿלעגט זי די ערשטע קומען העלפֿן וויינען, שילטן, שרײַען.

אַלעמאָל, סאָף יאָר, האָט דער אוילעם שוין געזען טאָן עפּעס, אַז איר שפּײַכלער זאָל, כאָלילע, ניט זײַן ליידיק, זי זאָל זײַן באַוואָרנט מיט ברויט, מיט גאָרטנוואַרג, מיט האָלץ, זי זאָל זיך קאָנען דורכלעבן, ווײַל דער אַרטעל דער האָט געשעמט אין דער גאַנצער אומגעגנט מיט זײַן רײַכקײַט און שעפֿע. דער רועך וועט אים ניט נעמען, דעם אַרטעל, אויב רייזל די פּאַטשט און נאָך אַזעלכע, ווי זי, שוין ניט רעדנדיק פֿון די אַלטע לײַט, קאַליקעס, קראַנקע, יעסוימים, וועלן זײַן באַזאָרגט אַפֿן ווינטער מיט אַלץ, אָן וואָס אַ מענטש קאָן זיך ניט באַגיין.

קורץ געזאָגט, צו רייזלען איז מען דאָ שוין געווען געוווינט, ווי צו דעם, אַז נאָך ווינטער קומט דער פֿרילינג און נאָך פֿרילינג דער זומער.

ערנסט האָט זיך אָף איר קיינער ניט געבייזערט. עמעס, מע האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז טאַקע אַ ביסל איבער איר פּרי אוועק פון דער וועלט לייזער ווײַסמאַן, דער מאַן אירער. געווען איז דאָס אַ שטילער מענטש, מע האָט פון אים, דאַכט זיך, קיינמאָל קיין הויך וואָרט ניט געהערט. כּוץ דעם, וואָס ער האָט געאַרבעט באַ געדאַליע סאַנטאָסן אָפן ווײַנגאָרטן, און געאַרבעט ווי עס געהער צו זײַן, איז ער נאָך געווען אַ זעלטענער שאַרניק. ווען עס פֿלעגט קומען דער לאַנגער שנייִקער ווינטער, האָט לייזער זיך געזעצט אָף זײַן קליין בענקעלע נייען, מײַסטרעווען שלייעס, ווישקעס, זאַטלען.

דאָס געשפּאַן, וואָס ער פֿלעגט אויסאַרבעטן, האָט געהאַט אַ שעם איבעם גאַנצן אַרום, כאָטש שטעל עס אין מוזיי אונטערן גלאָז! דאָס איז געווען, זאָגט מען, ניט קיין שאַרניק — אַ קישעפֿ־מאַכער, אַ קינסטלער!

איז אָט אַזאַ מענטש איז באַ ריזלען פּרי געגאַנגען פון דער וועלט!

לייזער ווײַסמאַנס געשפּאַן געדענקט מען ביז איצט! פּערעץ מאַזור, לעמאַשל, דער לאַנג־יאָריקער פֿאַרזיצער פונעם אַרטעל, אַז ער פֿלעגט אַרויספאָרן אָף דער בריטשקע אין ראַיאָן, — די בריטשקע איז אויך געווען אַ שטיק צירונג — אַ היגן סטעלמאַכס אַרבעט, — מיט די פּאָר בולאַנע, פאַרפּוצטע אין לייזערס געשפּאַן, וואָס איז געווען געצאַצקעט מיט פֿאַרשיידענע בלעכ־לעך און מיט קוטעסלעך, פֿלעגן די שכיינים שיר ניט אײַנעמען די מיסע־מעשונע. אַ גרויסער אוילעם פֿלעגט זיך צונויפֿזאַמלען אַרום די פֿערד, טאַפּן די ווישקעס, די שלייעס, די פּאַסטראָמ־קעס און מיט פֿאַרווונדערונג זיך נאַכפֿרעגן:

— פּערעץ, ווו האָסטו געפּאַקט אַזאַ שיינע זבֿרויע?

פֿלעגט ער מיט גאַדלעס ענטפֿערן:

— וואָס הייסט ווו? אין לענינגראַד. דאָרטן, ווו עס זײַנען אַמאָל געווען דעם קייסערס שטאַלן... ס'איז נאָך איבערגעבליבן איין מײַסטער, וואָס קאָן מאַכן אַזאַ שטיקל אַרבעט. ביך איך צו אים געפֿאָרן און זיך אין ערד־אַפּטײל דערשלאָגן אַ נאַריאַד אָף דער זבֿרויע!

נאָר אַלע האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז לייזערס שטיקל אַרבעט.

אַזוי פֿלעגט זיך לייזער זיצן טאָג און נאַכט אָף זײַן קליין בענקעלע און קישעפֿן איבערן געשפּאַן. איינמאָל האָט ער געמאַכט אַזאַ זאָטל, וואָס ס'איז געווען אַן אוויירע אים אָנטאָן אָף אַ פֿערד. אַפּילע פּערעץ מאַזור האָט געזשאַלעוועט לייזערס זאָטל. און אַזויווי מענאַשע באַנדער און דאַנילע סאַוטשוק זײַנען אַמאָל געווען באַ בודיאָנין אין דער קאַוואַלעריע, האָט מען באַשטימט אָוועקשיקן דעם זאָטל דעם מאַרשאַל קיין מאָסקווע אַ מאַטאָנע.

און מע האָט געשיקט! און בודיאָני האָט בעפּייִרעש געענטפֿערט מיט אַ בריוו, ער האָט הייס אָפּגעדאַנקט פאַר דער מאַטאָנע און זיך נאָכגעפֿרעגט, ווער איז דער מענטש, וואָס האָט געמאַכט אַזאַ וווּנדערלעך שטיקל אַרבעט...

ביז הײַנטיקן טאָג וווּנדערן זיך מענטשן: ווי האָט לייזער געקאָנט אַרבעטן, אַז רייזל די פּאַטשטע איז געווען לעבן אים און געדרעדט און געדרעדט? זאָגט מען אָבער, אַז ער האָט בעשאַס דער אַרבעט פאַרשטעקט די אויערן מיט וואַטע. כּוץ דעם, האָט ער זיך געסטאַרעט אַרבעטן דעמלט, ווען די קליפּע איז געשלאָפֿן. דאָס, וואָס זי האָט געדרעדט פון שלאָף, האָט אים ניט געאַרט. זי האָט געדרעדט פון שלאָף שטילערהייט. ער האָט שטענדיק געשוויגן. זי האָט געדרעדט פאַר אים און פאַרן גאַנצן ישעווו.

ע, ווען זי פאַרשלאָגט טאַקע ניט לייזערן דעם קאָפּ, וואָלט ער נאָך געלעבט ביז איצט, און די באַלעבאַטישקײַט וואָלט זיך ניט געניייטיקט אין גוטן געשפּאַן פאַר די פֿערד! פאַר איר צונג האָט גאָט זי געשטראָפֿט, רייזלען, זי לעבט איינע אַליין אין אַ געראַמער שטוב, וואָס שטייט אין סאַמע פֿרונט פונעם ישעווו.

און אַז אינמיטן ישעווו שטייט אַזאַ פֿײַנע שטוב, וואָס וואָלט, דאַכט זיך, מעגן שטיין אין קיִעוו אָפן קרעשטשאַטיק אָדער אין אָדעס אָף דער דעריבאַסאָווסקע, ווועט זי עפּעס זײַן פּוסט? מע טאָר ניט פאַרגעסן, אַז אין אַזאַ אָרט, ווו מע האָט צו טאָן מיט ווײַנטרויבן און ווײַן, קומען אָפטער ווי ערגעץ אַנדערש פאַרשטייער, קאָנטראָליאָרן, באַפּולמעכטיקטע און ביכלאַל קאָ־מאַנדירטע פון פאַרשיידענע אַנשטאַלטן, וואָס דאַרפֿן האָבן פאַרבינדונג מיט דער פּראָווינץ. גע־לערנטע און קאַנדידאַטן, שוין ניט ריידנדיק פון לעקטאָרן און אַרטיסטן, און דאָס קליינינקע היגע האָטעלעכל קאָן ניט אופנעמען אַזויפֿיל געסט. און ווײַל געסט האָבן ליב אַ דאַך איבערן קאָפּ, רופֿט טאַקע אַרײַן צו זיך יעדעס מאָל פּערעץ מאַזור רייזלען די פּאַטשטע און טײַנעט מיט איר אײַן, — און אַ קלוגער, דורכגעטריבענער מענטש איז ער, פּערעץ. ער טײַנעט אָט אַזוי:

— הער אויס, מײַן טײַערע, ביז מיר וועלן דאָ אויסבויען אַ גרעסערן האָטעל, וועסטו אונדז מוזן אַמאָל מיטהעלפֿן. ס'איז געקומען אַ פאַרשטייער פון געגנט, און ער דאַרף אַ פּאָר נעכט איבערזײַן באַ דיר אין שטוב.

— אָ, מיטן גרעסטן פארגעניגן! וואָס זשע, ער וועט מיר אָפּבייַסן די שטוב?
— שאַ, וואַרט, וואַרט, כאַפּ ניט די לאָקשן פאַר די פּיש! הער, וואָס איך רעד צו דיר. שטעל זיך פֿאָר, רייזל, אַף א מינוטקעלע, אַז דער מענטש פארשטייט נאָר טערקיש... פארשטייסט? דאָס זאָג איך אקעגן דעם, זאָלסט אים ניט מאָראָטשען דעם קאָפּ. ער דאַרף האַלטן בא אונדז א לעקציע, און דער קאָפּ זייַנער דאַרף זייַן פריש. זאָלסטו האָבן ראכמאָנעס אַף דעם מענטשן און שווייַגן. ער פארשטייט בלויז טערקיש, פארשטייסט?
— וואָס זשע, פּערעץ, איך פארשטיי ניט? — ענטפערט זי מיט אַן אראָפּגעפאַלענער שטים. — און ווער האָט עס דיר געזאָגט, אַז איך דאַרף מיט אים רעדן? איך דאַרף אים האָבן אַף קאַפּאַרעס, דייַן שיינעם לעקטאָר! ער קער אַזוי זייַן א לעקטאָר, ווי איך א רעבעצן. דו מעגסט שוין זייַן באַוואָרנט, אַז איך וועל אפילע ניט א קוק טאָן אין זייַן זייַט. ער מעג זיך אויסציִען, וועל איך אים קיין איין וואָרט ניט זאָגן.
— ניין, בייק! אזוי טויג אויך נישט, רייזל! וואָס הייסט, דו וועסט צו אים ניט אויסריידן קיין וואָרט? מעגסט אים אפילע מאכן א גלאָז טיי, שטעלן א טעלערל אייַנגעמאכטס, א ביסל ווייַנטרויבן, מאכן א פּרעזשעניצע, אויב ער וועט זייַן הונגעריק. נאָר אָן איבעריקע רייד, שטומערהייט. איך בעט דיך. ער איז א קראנקער מענטש.
— זאָל זייַן ווי דו זאָגסט.
און זי האָט אופגענומען דעם גאסט, קיין וואָרט ניט ארויסגעבראכט, אפילע אים ניט געענטפערט אַף זייַן באַגריסונג.
נאָר מער ווי א פּערטל שאָ האָט רייזל זיך ניט געקאָנט אייַנהאַלטן. ווי נאָר זי האָט דעם גאסט דערלאַנגט א גלאָז טיי, אזוי איז זי ארויס מיט לאָשן.
ביז האַלבער נאכט האָט זי אים ניט געלאָזט אַן אויג צומאכן. און מער האָט ער ניט אויסגעהאַלטן. ער האָט, נעבעך, געמוזט נעמען זייַן פּאָרטפעל און אוועקגיין אין קאָנטאָר, צום וועכטער. דאָרט האָט ער זיך צוגעשפּאַרט אַפּן דיוואַן און אָפּגעשטופּט אזוי די צווייטע העלפט נאכט.
פון יענעם טאָג אָן האָט שוין פּערעץ מאזור צו איר קיינעם ניט געשיקט, סייַדן יענע נודנע קאָנטראָליאָרן און פארשטייער, אַף וועמען ער האָט געהאַט א האַרץ און זיך געוואָלט נוקעם זייַן. אָט יענע פארשוינען האָט ער געשיקט צו רייזל דער פּאָטשט נעכטיקן!..

טרעפט א געשיכטע, עס קומט אראָפּ אין יִישעוו א נייַער פארוואַלטער פון דער פּאָטשט. געווען איז גראָד זונטיק, א רו־טאָג, ווען דער אוילעם שלאָפט לענגער ווי געוויינלעך. דער נייַער מענטש, וואָס איז אָקאָרשט אראָפּגעקראָכן פון דער לאַסטמאַשין, האָט ניט געוווּסט, וווּהין מע טוט זיך א קער. און גראָד אין דער מינוט איז רייזל א צעפּאַטלטע געשטאַנען אַף דער שוועל פון איר שטוב.
דערזען אַן אומבאַקאַנטן מענטשן, האָט רייזל זיך מיט אים דערפרייט, ווי מיט מאָשיִעכן, צוגעלאָפן צו אים, באַטראַכט זייַן מונדיר, זייַן טשעמאָדאַן, אויסגעפרעגט, ווער איז ער און וואָס טוט ער דאָ, צוליב וואָס איז ער אהער געקומען און וואָס טראַכט ער איצט טאָן. דערוווּסט זיך, אַז דאָס איז דער נייַער נאַטשאַלניק פון דער פּאָטשט, האָט זי אים געהייסן אריַינגיין אין שטוב, זיך אָפּרוען, ארומוואַשן און נעמען אין מויל א גלעזל טיי מיט וואַרעניע. פארשטייט זיך, אַז זי האָט גלייַך טאַקע אויסגעלייגט אַלע נייַעס פון יִישעוו, אויסדערציילט, וואָס בא וועמען עס קאָכט זיך און וואָס בא וועמען עס באַקט זיך.
ווייַזט זיך ארויס, אַז דער נייַער שעף איז זייער א העפלעכער מענטש, אַן איידעלער, אַן אינטעליגענטער, א שטילער. ער האָט אַלץ אויסגעהערט מיט קאָפּ און קיין איין מאָל פאַר דער גאנצער צייַט ניט איבערגעשלאָגן.
רייזל די פּאָטשט איז געווען אַפּן זיבעטן הימל. זי האָט שוין לאַנג ניט געהאַט אזא פארגעניגן פון איר ריידן. געענדיקט האָט זי דערמיט, אַז זי וואָלט א באַלן געווען גיין צו דעם מענטשן ארבעטן. אַלס ווער? אַף קיין הויכע שטעלעס פרעטענדירט זי ניט. אזויווי זי ווייסט דאָ ווו א טיר עפנט זיך, און זי האָט ליב א סאַך צו גיין, וואָלט זי גאָרנישט ניט געהאַט קעגן, מע זאָל זי נעמען אין פּאָטשט פאַר א בריוטרעגער.
דער מענטש האָט געטראַכט אזוי: אויב די דאָזיקע בעט זיך אַליין אַף דער ארבעט, וועט זי שוין ארבעטן מיט לייַב און לעבן. אַזעלכע דאַרף ער האָבן, ער זוכט זיי, ווי מיט ליכט!
אַף מאָרגן צי אַף איבערמאָרגן, ווען מע האָט גאַנצפרי דערזען רייזל די פּאָטשט מיט א פולן לעדערנעם טאַש בריוו און צייַטונגען, האָט מען שיִער ניט געפּלאַצט פאַר געלעכטער. נאָר געלעכטער אהער, געלעכטער אהין, זי איז געלאָפן א פרייִלעכע, א שייַנענדיקע איבער די הייַזער, דעם אריַינגעוואָרפן אין קאָרידאָר א בלאַט, יענעם א זשורנאַל, א בריוו, א קאַרטל.

און מע האָט אָנגעהויבן האָבן פאַר איר דערעכערעץ.

מע האָט געזען, אַז דאָס איז אַרבעט, ס'איז ניט קיין קיין שפּילעכל. רייזל די פּאָטשט איז געוואָרן אַ גוטער טוער פון דער פּאָטשט. און אַזוויי פון אַלע יאָרן האַלט מען דאָ פון בריוטרעגער, ווײַל מענטשן קוקן אויף אים אַרויס, ווי אויף אַ גוטער בסורע, האָט מען אופגעהערט פון איר לאַכן.

ביסלעכווײַז איז דאָ רייזל די פּאָטשט פּאַשעט געוואָרן אַ געגאַרטער גאַסט אין יעדער שטוב. אַז זי האָט געבראַכט אַ גוט בריוול, האָט מען זי אַרײַנגערופן, באַזעצט סאַמע אויבנאָן, שיין מעכאַבעד געווען זי און געקוקט אויף איר מיט גאָר אַנדערע אויגן.

איצט האָט רייזל שוין ניט געהאַט קיין איבעריקע צײַט לענגער זיך פאַרהאַלטן אין די הײַזער, רעדן אַ סאַך, ווײַל דער יישעוו איז געווען אַ גרויסער, אַ פאַנאַנדערגעוואָרפענער, אַראָפּ אַ באַרג, אַרויף אַ באַרג, און צוויי מאָל אַ טאָג, עס האָט געמעגט דונערן און בליצן, האָט רייזל געדאַרפט זײַן אומעטום, אין יעדער ווינקל. און ווי עס איז ניט געווען שווער, איז איר די אַרבעט געפעלן. ערשטנס, האָט זי זיך געדרייט די גאַנצע צײַט צווישן מענטשן, געהאַט באַ זיי קאָוועד, און צווייטנס, איז זי די גאַנצע צײַט געווען אויף דער פרישער לופט. דאָס איז זייער נייטיק געווען פאַר אירע שוואַכע לונגען.

דאָ, האָט זי געטראַכט, אויף דער שטעלע, וועט זי זיך שוין גראָדע האַלטן.

און איר איז, לאָזט זיך אויס, געפעלן געוואָרן ניט אַזוי דאָס אַרומלויפן איבער די הײַזער, ווי דאָס לייענען די בריוו און וויסן, וואָס מענטשן שרײַבן... אינדערפרי, געקומען אויף דער פּאָטשט, אָפּגעקליבן איר פּעקל בריוו, אַרײַנגערוקט זיי אין גרויסן לעדערנעם טאַש, האָט זי זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן. אָבער ניט גלײַך צו די אַדרעסאַטן, פאַרקערט, זי איז געגאַנגען אַהיים, אַוועקגעזעצט זיך אויפן ווייכן בעט, צעלייגט די בריוו און די קאַרטלעך, אָנגעטאָן די ברילן אויף דער נאָז, וואָס איז, ווי געזאָגט געוואָרן, שטענדיק געווען אויסגעשמירט מיט סאַזשע, און געלייענט, געלייענט, וואָס מענטשן שרײַבן.

די קאָנווערטן האָבן סראַוו זיך גאַנץ לײַכט געעפנט, און יענע, וואָס זײַנען געווען גוט פאַרקלעפּט מיט קליי, האָט זי געעפנט מיט אַ נאָדל אַזוי, אַז קיינער האָט עס שפּעטער ניט געקענט באַמערקן.

איצט איז שוין דער גאַנצער יישעוו געווען באַ איר אין די הענט.

אין מעשעך פון גאָר אַ קורצער צײַט האָט רייזל די פּאָטשט שוין געוווּסט אַלע סוידעס, וואָס באַ וועמען טוט זיך, געוווּסט פון אַלע שווערע הערצער: ווער עס קלײַבט זיך כאַסנע האָבן, און ווער — געטן, וועמענס קינדער האָבן גוט אָפּגעגעבן אין די שטעט די עקזאַמענעס, און ווער עס איז דורכגעפאַלן, ווער האָט זיך אײַנגעקליבט און ווער עס האָט זיך אַנטוישט...

אָפּטלעך פלעגט איר, נעבעך, אויסקומען זיצן ביז טיף אין דער נאַכט, קעדיי דערלערנען די בריוו, און דעם צווייטן טאָג האָט זי געמוזט אַרומגיין מיטן שווערן בײַטל אויפן אַקסל, ווי אַ פּריטשמעליעטע, דאָס מויל ניט געקאָנט עפענען, קיין צײַט ניט געהאַט אָפּשטעלן זיך און אויסרעדן מיט עמעצן אַ וואָרט.

עס זײַנען געווען מענטשן, וועמען זי האָט פאַרשאָלטן די ביינער. זיי האָבן געשריבן מיט אַ מיִעסן קסאַוו, אַז די אויגן פלעגן איר אַרויסקריכן, ביז זי האָט איבערגעלייענט זייערע קאַטשערעס־לאַפּעטעס. נאָר דאָס איז נאָך געווען ווייניק, וואָס זי האָט אַליין געלייענט. זי האָט בעסאָד־סוידעס געדאַרפט איבערגעבן די שכיינים, וואָס מע שרײַבט דעם אָדער יענעם. בעסאָד־סוידעס, ווײַל מע טאָר ניט לייענען קיין פרעמדע בריוו. אין דער קאָנסטיטוציע איז דאָס פאַרשריבן...

ביסלעכווײַז זײַנען אַנטפּלעקט געוואָרן אַלע סוידעס אין יישעוו. מע האָט דאָ וועגן אַלץ געוווּסט. פיל מענטשן האָבן זיך, נעבעך, באַ רייזל דער פּאָטשט געבעטן, ווי מע בעט זיך באַ אַ גאַזלען: מיילע, זי לייענט די בריוו, זאָל זי לייענען צעזעצטערהייט, נאָר לעמײַ דאַרף זי צעפּויקן איבער דעם גאַנצן יישעוו, וואָס דאָרט שרײַבט זיך? ווו איז יושער, ווו איז מענטשלעכקײַט? זאָל זי לייענען, וויסן, נאָר האַלטן די צונג צווישן די ציין — שווײַגן!

אַ שיינע מײַסע! מער ווילן זיי גאָרניט? רייזל די פּאָטשט זאָל שווײַגן! זי לויפט זיך נעבעך אָן אַ טאָג איבערן יישעוו, אַז זי פילט ניט די פיס, אין די רעגנס, קעלטן, בלאָטעס און וויוגעס טראָגט זי בריוו, און דאָס איינציקע פאַרגעניגן אירס איז — רעדן. ווילן די כאַכאָמים, זי זאָל שווײַגן! טאַקע באַלד וועלן זיי עס באַ איר פּועלן! אַ שיינע געשיכטע, נאָר אַ קורצע — שווײַגן!

זינט די פּאָטשט עקזיסטירט אין יישעוו, איז נאָך אַזאַ בריוטרעגער ניט געווען. מאַמעש אַ פאַרגעניגן! מע האָט פאַרשפּאָרט לייענען די בריוו. רייזל די פּאָטשט פלעגט זיך נאָר באַווײַזן אויף דער שוועל, אַזוי האָט זי גלײַך אויסגעפּאַליעט:

— מאַזלטאָוו! אײַער טעכטערל האָט געבאָרן אַ פּאָרל אין אָדעס!

— אײַער איינעקל ליגט אין ווינניצע אין שפּיטאָל, נאָר שרעקט זיך ניט, די אָפּעראַציע איז דורכגעגאַן בלאַגאָפּאָלוטשנאָ!

— אײַער אײדעם האָט פּאָלוטשעט א פּרעמיע!

— אײַער פּלעמעניק איז געוואָרן א קאַפּיטאַן!.. מאַזלטאָוו! איך באַגריס אײַך!..

וואָס עמעס, איז עמעצער האָט באַקומען א שלעכטע ידיעה, האָט רײזל די פּאָטשט עס ניט אָנגעזאָגט, זאָל גאָט היטן! זי האָט ניט ליב געהאַט אָנזאָגן יענעם שלעכטע בסורעס, זי האָט געהאַט א גוט האַרץ. אַז זי האָט געבראַכט א שלעכטן בריוו, האָט מען עס גלײַך דערקענט לויט איר נאָז, לויט דעם, ווי זי האָט זיך פאַרקרימט, ווי זי זאָל זײַן שולדיק אין דעם, וועגן וואָס מע דאַרף זיך באַלד דערוויסן.

און דאָס יאָר זײַנען גראַדע אָנגעקומען אַהער, אין יִשעוו, אָן א שיר גוטע, פרײלעכע בריוו. לויט די בסורעס, האָט דער זומער געזאָלט זײַן א גאַנץ גוטער. א פרײלעכער. עס האָבן זיך אַהער געקליבן צוגאַסט א סאַך קינדער, אײניקלעך, יענע, וואָס האָבן געענדיקט די אינסטיטוטן, וואָס האָבן זיך אויסגעדינט אין דער רויטער אַרמײ, געאַרבעט אין זאַוואָדן. מע האָט אָפּגעשפּילט עטלעכע כאַסענעס, און אײניקע טעכטער האָבן זיך געקליבן צו די מאַמעס אַף קימפּעט.

מיט א באַזונדערער פרײד האָט רײזל צעפּויקט איבער דעם גאַנצן יִשעוו די נײַעס, אַז רוטע, געדאַליעס טעכטערל, נאָך גרויסע מאַכלויקעס, האָט אָנגעשריבן פון אָדעס, ווו זי לערנט זיך אַף קורסן, אַז ווען זי וועט זיך אומקערן אַהײם, וועט זי מיט מענאַשע באַנדערס בעניאָכיד, דעם שעמעוודיקן סערזשאַנט, זיך ניט באַגײן האַרב, ווי פריִער. זי גיט דאָס וואָרט...

וואָס איז שײַעך דער ליבע צווישן שמוליקן מיט קוזמאַ מאַטיאַשס טעכטערל, דער קײנעוודיקער לערערקע לעסיע, וואָס איז געפאָרן אַף אַן עקסקורסיע אַף קאַווקאַז, שרײַבט זי, אַז זי קען זיך שוין ניט דערוואַרטן דעם טאָג, ווען זי וועט זיך זעצן אין צוג, קעדײ פאָרן אַהײם. זי קאָן אָן אים, אָן שמוליקן, הײסט עס, ניט לעבן קײן אײן שאָ, און ווי נאָר זי וועט זיך אומקערן, אַזוי וועט זי בעטן טאַטע־מאַמע, מע זאָל איר דערלויבן כאַסענע האָבן מיטן באָכער.

יאָ, דאָס יאָר האָט לויט אַלע סימאָנים געזאָלט זײַן א גוט יאָר פאַר אַלעמען. מע האָט געוואַרט אַף א גוטער גערעטעניש פון ווײַנטרויבן און אַלדאָסגוטס אַף די פעלדער.

פערעץ מאַזור, דער פאָרזיצער פון אַרטעל, איז ניט אַראָפּגעקראָכן פון זײַן פערד און עס שיר ניט פאַרמאַטערט. א קלײניקײַט עפּעס — א באַלעבאָס פון אַזאַ רײַכער און באַרימטער ווירטשאַפט! ער האָט געהאַט גרויסע דײַגעס מיט דער גערעטעניש, מע וועט דאַרפן איבעראַרבעטן אַף ווײַן אַזויפיל ווײַנטרויבן!

מענאַשע באַנדער האָט פאַר זיך די ליכטיקע שײַן ניט געזען. אים איז אויסגעקומען ברענגען צו לײַט אַזויפיל פעסער און טשאַנעס פאַר דעם נײַעם ווײַן. א שפּילעכל?!

הײַנט געדאַליע סאַנטאָס? ער האָט געטאָגט און גענעכטיקט אַפן ווײַנגאָרטן, און נעכאַמע האָט אים געזידלט, געזאָגט, אַז אומזיסט האָט ער פאַר איר, פאַר נעכאַמען, כאַסענע געהאַט, געווען געדאַרפט כאַסענע האָבן פאַר דעם ווײַנגאָרטן.

כוץ דעם, איז געדאַליען פאָרגעשטאַנען אין אײן יאָר ווערן צווײ מאָל א מעכוטן, גרײטן זיך פראַווען צווײ כאַסענעס — רוטעס און שמוליקס.

ווער־ווער, נאָר אַז זי, רײזל די פּאָטשט, זאָגט, אַז צווײ כאַסענעס, ניט קײן אײנע, מעג מען איר גלײבן אַפן וואָרט. די ידיִעס נעמט זי ניט פון דער סטעליע. זי טראַכט זײ ניט אויס!..

עמעס, די לעצטע צײַט גײט רײזל די פּאָטשט אַרום מיט איר שווערן טאַש א ביסל פאַרכמורעט. די בסורעס, וואָס זי קאָן איבערגעבן די מאַמעס פון זײערע זין, וועלכע דינען אין אַרמײ, פון גרעסערע און קלענערע נאַטשאַלניקעס און קאָמאַנדירן, האַלט זי בעסאָד־סוידעס. ס'אַ סוואָרע, אַז דאָס יאָר וועלן די כעוורע ניט קאָנען קומען צו טאַטע־מאַמע צוגאַסט, ווײַל מע וועט ניט האָבן קײן אורלויב. און נאָך איז געווען געשריבן, אַז מע זאָל זיך ניט באַומרויִקן, אויב מע וועט לאַנג ניט באַקומען קײן בריוולעך... און נאָך האָבן אײניקע געגעבן צו וויסן, אַז מע זאָל זײ ניט שרײַבן, קאָלזמאַן זײ וועלן ניט צושיקן דעם נײַעם אַדרעס, און מע זאָל זיך פאַר זײ ביכלאַל ניט זאָרגן...

אָט דאָס אַלץ האָט דעם בריוטרעגער שטאַרק באַומרויִקט. וואָס הײסט דאָס? צי שמעקט ניט מיט קײן מילכאָמע? רײזל די פּאָטשט האָט שוין איבערגעלײענט א באַרג מיט בריוו און קאָן לײענען צווישן די שורעס.

אוי, עפּעס איז, דאַכט זיך, ניט גוט! עס שמעקט מיט פּולווער. שלעכטע בסורעס רײַסן זיך דורך אין די בריוו.

נאָר נײן. מע מעג זי אַפילע שנײַדן אַף שטיקער, וועט זי, רײזל די פּאָטשט, ניט אָנזאָגן די מענטשן קײן בײזע בסורעס. זאָל גאָט היטן!

(פאָרזעצונג קומט)

יאנקעוו שטערנבערג

וועגן נאטור־מאָטיוון אין דער דיכטונג

ניט לאַנג צוריק איז אינעם פאַריזשער פּראָגרעסיוון פאַרלאַג „אויפסניי“ דערשינען יאנקעוו שטערנבערגס א בוך „ליד און באלאדע אף די קאַרפּאַטן“. אייניקע לידער פונעם בוך זײַנען אונדזערע לייענער ניט באקאַנט, דעריבער גיבן מיר דאָ א ציקל פון „ליד און באלאדע אף די קאַרפּאַטן“, ווי אויך אן אויסצוג פונעם דיכטערס פאָרוואָרט צום בוך.

די לעצטע צײַט באשעפטיקט מיך זייער אונדזער שטעלונג, אונדזער באציִונג צו נאטור, ווי זי ווערט געשטאלטיקט אין דער דיכטונג. איך האָב אפילע דעם אײַנדרוק, אז אָט דער מאָמענט ווערט ווייניק באלויכטן פון אונדזער קריטיק. און ווען שוין יאָ, ווערט דאָס לעראָוו געטאָן אגעוואורכעדיק, אָן דער געהעריקער, ווי מיר דאכט זיך, פילאָסאָפישער באזינונג.

איוואן בונין, דער אויסגעצייכנטער רוסישער נאטור־באזינגער, דערמאָנט אין זײַנע זיכרוינעס א לעוואָנע־אָוונט, פארבראכט פון אים צוזאמען מיט טשעכאָוון באם ברעג פונעם שווארצן יאם. טשעכאָוו, זייער עלעגיש געשטימט אין יענעם אָוונט, האָט געזאָגט אים, בונינען: „נאָך זיבן יאָר וועט מען טשעכאָוון לייענען און דערנאָך פארגעסן. ווײַל וואָס איז אייגנטלעך דיכטונג? זילבערנע וועלן... פערלדיקער טוי...“

נייך, ניט „זילבערנע וועלן“ און ניט ענלעכע פייזאזש־מעטאפאָרן, וועגן וועלכע דער גרויסער רוסישער שרײַבער האָט אין מאָמענט פון צווייפלען אין זיך גערעדט מיט אזא ביטערער איראָניע, בין איך איצט אויסן, ווען איך באריר די טעמע פון נאטור־פּאָעזיע.

נאטור־לידער זײַנען פאר מיר פריִער פאר אלעם: דערקענטעניש.

מערקווירדיק. סײַ באם פארצײַטיקן טהילים־זינגער, סײַ באם מאָדערנעם פסאלמיסט וואָלט וויטמאן איז נאטור געוועזן: אנטפלעקונג, גרויסע באזיניקונג.

צי איז ניט טשיקאווע אין דעם צוזאמענהאנג צו דערמאָנען, אז פאר מענדעלען, גראָד פאר מענדעלען דעם שטראָפער, איז ביאליקס קרוינווערק געוועזן זײַן „הברכה“ (די סאזשלקע), און ניט די ביאליקישע בארימט געוואָרענע שטראָף־לידער.

מיר זײַנען באוווסט גאנץ באדײַטנדיקע דיכטער, וואָס עס פעלן בא זיי קימאט נאטור־מאָטיוון. בא מײַן גאנצער אכטונג צו זיי, האלט איך זיי פאר דיכטער מיט א מום. זייער וועלט־בילד איז פאר מיר דערפאר ווי אײַנגעפאסט אין א שמאָלער ראם. אויך דער דיכטער אורבאניסט קויפט זיך ניט אויס בא מיר אָן נאטור. פון מײַנע יוגנט־יאָרן איז פאר מיר גרויס וועדהארן מיט דעם, וואָס זײַנע נאטור־לידער זײַנען עפשער נאָך מעכטיקער פון זײַנע שטאָט־פייזאזשן, מיט וועלכע ער האָט זיך קוינע־שעם געוועזן באם ברייטן לייענער־אוילעם.

און טיפער געקוקט: צי איז דען דאָ אין אונדזער געמיט א קריג צווישן אורבאניזם און נאטור? ווײַל אורבאניזם, אויך בא די פאַרשריגענע אלס אורבאניסטן, איז ניט אזוי דעפּאָרמירטע ווי רעפּאָרמירטע נאטור. יעדנפאלס, די אורבאניסטישע ציוויליזאציע נעגירט ניט די נאטור, נאָר שטרײַכט זי נאָך אונטער, וואָלט איך געזאָגט. אניט וואָלט דער מענטש פון אונדזער עפּאָכע דערגאנגען צו דעם מאָנסטרועזן פארזעניש, וואָס אועלס האָט אונדז אָנגעמאָלט אין זײַנע „מארסיִאנער“.

איך בין דעריבער איבערצײַגט, אז דאָס הײַנטיקע ארײַנדרינגען אין קאָסמאָס פירט ניט צו קיין קאָנפליקט צווישן דער וויסנשאפט און דער דיכטונג, צווישן פיזיק און ליריק, ווי מע פּרווט טײַטשן, נאָר פארקערט — עס איז עפשער גראָד אן אומקער פונעם מענטש צו נאטור אין איר בערייִשעסדיקײַט, צו דער נאטור, דער געקייפּלטער אף איר אומבאגרענעצטקײַט, וואָס דער וועלטאל שטעלט מיט זיך פאָר... איז דאָך דער גרעסטער פיזיקער פון אונדזער צײַט אלבערט איינשטיין געוועזן, ווי באוווסט, אויך א — שפּינאָזיסט!

כ׳באגריס אייַך, קארפּאטן!

איר, טרעגערס פון ערדישער שיינקייַט — נישט מיפּן,
נישט גאָטהייַט-באַגריפן, —
כ׳באגריס אייַך, קארפּאטן, פון הארצן פון טיפן!

איך קום היינט צו אייַך שווער באַלאָדן מיט יאָרן,
נאָר מער מאָל געשטאָרבן — כ׳ביך מער מאָל געבאָרן,
און פעלדזיק, ווי איר, איז מייַן ווילן צו גרינען,
און פייערס צו געבן פונסנייַ צו באַגינען.

ווי וואַלד און ווי וואַסער צו רוישן און זינגען —
איך וואָלט מיך צו אייַך, ווי אַף אַרבעט פאַרדינגען.
איך שטיי בא טהאָמען און שפּיציקע ריסן,
מיר וויכטיק אויך היינט איז צו זען און צו וויסן,
אז אייַערע פלוסן, וואָס מורמלען און שרייַען,
און אימפּעטפול האָרעווען, טראָגן אויך שטיינער, —
פון דיכטונג פון מייַנער, דער שוימיקער, ריינער,
דער דורכזיכטיק-טונקלער — א שפּיגל געטרייַער.

אין צוג פאַרטאָג

די בערג שוין ווייַזן זייערע קעפּ,
געשווירענע מיט טרעפּ...
אהינטער זיי שאַריַעט אַף דער הימל-וואַנט.

דאָס ליד, וואָס שרייַבט זיך דאָרט,
אַף יענעם היליק-הויכן אָרט,
איז ווי געשריבן מיט מייַן האַנט...

דער אופבליץ

דער אופבליץ דער ערשטער פון שטערן
אָט דאָ אַף די בערג, וווּ איך שטיי,
דערמאָנט מיר אויך עפּעס פון הענער-געקריי.

דאָס אופכאַפּן עפּשער איז שווער,
נאָר גלייבט מיר, אז איך אזוי הער.

ווען איינס נאָכן צווייטן
די שטערן די פליגעלעך שוואלביש
צעשפּרייטן —

בעפייערעש, בעפייערעש דערמאָנען מיר זיי
דעם מוטיקן הענער-געקריי,
דעם הענער-געקריי דעם פארשייַטן
פון יענע נאָך אנטישע צייַטן,
ווען יונג אין דעם אוראלטן טונקל
זיי רופן זיך איבער,
און בענטשן דעם וועכטער,
דעם העלד און דעם גיבער...

די שטילקייַט-פעסטונג

אַף בארג די גרויסע שטילקייַט פון
גאנצפרי —
איצט פעסטונג גלעזערנע איז זי.
און שטרענג פארקישעפט רונד-ארום
דעם אייגענעם פארבאָרגענעם זום-זום,
וואָס וויל זייַן אָפּגעשיידט
אפילע פונעם פאסטעכס פלייט...

נאָר אָט דערגייט צו איר פון טאָל
א קינדעריש, דין הילכיק קאָל,
און דער צעשאלטער האָנען-קריי
(גלייַך מיטאמאָל פון הערצער צווי —
פון זייַנעם און פון מייַנעם אויך),
וואָס מאכט צעגייך, ווי וואקס, ווי רויך,
די שטילקייַט-פעסטונג אַפן בארג,

באשאָסענע, צעלעכערט שטארק
פון אלע מאָרגן־קוילעס אינעם טאָל,
ווו לעבן פלאַטערט אין איר שאָל
מיט יעדן מינדסטן טראָפּן זאפט,

אַז ס׳ווילט זיך קענען נעמען זי אין האנט
און כאָטש איין זופּ טאָן פון איר
צארטקייַט־קראַפט,
וואָס איבערפולט זי ביזן ראַנד.

אין געדיכטעניש פון וואלד

1

דער בארג מעג זײַן ווי הויך — מיט אים דער מענטש געווינט איז:
פון טאָמיד אָן דער נאָווי איז אַף אים געשטאנען.
פארטיפן זיך אין דער געדיכטעניש פון וואלד — צי לוינט עס?
זײַן שווײַגן, זײַן גערויש איז אויסן אונדזער אורגעפיל — דאָס אנען,
געפינט א וועג צו בלינדע דראנגען, וואָס אין בלוט דערוואכן,
אָפּווארגנדיק דאָס מענטשלעכע... מיר וואלדיש זיפצן, וואלדיש לאכן
מיט גרינע יאשטשערקעס און צוויטשערן אַף אלע פייגל־שפּראכן,
ווען נאָך, ווי הײַנט די וועווערקע, מיט שפּרונגען נאָ׳נטע, ווײַטע
פון בוים צו בוים געשפּרונגען האָבן מיר פארשײַטע — — —

2

וואָס איז וואלד?
ס׳איז דער נעס — דער גרויסער נעס פון וואקסן, וואקסן
העכער זיך אליין, ווי גלײַך א שפּרונג געטאָן זיך אַף די אייגענע אקסלען.

זײַן געשטאלט?
ביימער, ביימער, ביימער,
וואָס זיי שטייען,
שטייען,
שטייען,
און איינצײַטיק דאכט זיך, אַז זיי גייען,
גייען,
גייען
לויט א לעכאטכילעדיקן טײַוולישע־שארפן סייכלדיקן פּלאן,
ווי די רײַטערס אין דער לעגענדארישער ארמיי פון טשינגיס כאן.
ווײַל, ווי זיי, אויך יעדער בוים פון סאמע לעצטער שורע —
זיכער, זיכער אין זײַן גווורע —
פילט דעם בונד מיט דעם, וואָס העט־העט פאָרנט שפּאנט — אין קאָפּ,
טראָגט זײַן שווערע אמוניציע און ניט פאלט ארויס
פון שטרענגן טראָפּ...

3

וואָס איז וואלד
אין געדיכטעניש פון וואלד,
ווו יעדע רעגע בײַט ער זײַן געשטאלט?

הויכע באָטע־טפילע־זײַלן און פאלאצן גרוימע מיט פאָרטאלן.
קוקסט זיך אײַן — זיי ווערן גלײַך, ווי אונטער דר׳ערד פארפאלן,
ווי מיראזשן אין דער מידבער — אויס געוואָרן, זיך צערונען.
גאָרנישט פון אָט דעם, וואָס דאָ עס טראכט זיך
און עס דאכט זיך,
וועסטו נישט אנטדעקן... ווײַל דער וואלד פון זינט ער איז נישט מער דײַן וויגל —

איז נישט אויך דײַן שפּיגל,
און וואָס מער אין אים דו קוקסט זיך אײַן —
ער פאַרשלינגט דיך, ווי א ברונעם.

קום צו אים זשע מיט א האַרץ אָן אומשולד־פרומען!

מײַן באַלעבאָסטע און איר קו

א גאַנצן טאָג די קליינע שטילע פויערטע,
די שטילע, אָבער נישט פּאָרטרעטירטע,
וואָס פּאַשעט, פּאַשעט שטייענדיק איר קו, —
פון וואַנען איר געדולד און גרויסע רו?

ווי שיין זי שווײַגט! איר לאַנגער שטריק
אין האַנט
צו וויסן טוט, ווען איר בעהיימע שפּאַנט.

מיט שטריק מיט איינעם לויז געבונדן זיי —
ווער כּאַשעווער זיך האַלט פון אָט די צוויי?
מיסטאָמע זי, די שלאַנק געטאַקטע קו,
וואָס אַלע מאָל צו איר באַלעבאָסטע קוקט זיך צו

און זיך דערמאָנט אין יענער צײַט, ווען ס'האָט
דער מענטש געהאַלטן די בעהיימע פאַר א גאָט...

אין יעדן סטויג היי און סטויג שטרוי

אין יעדן סטויג היי און סטויג שטרוי,
וואָס אַלע געטורעמט, געפורעמט אזוי,
ווי בערײַש דאָס פאָלק שאַפט א
קונסטווערק־אַנטיק —

א מויער, א פעסטונג, א בריק,
און ס'דאַכט, פאַר די טוישווים אָט דאָ, אין
די בערג,

פאַרבײַטן זיי די מינאַרעטן באַם טערק;

אין יעדן סטויג שטרוי און סטויג היי,
ווען ס'הויערט דער באַרגיקער אָוונט אָף זיי, —
אין יעדן סטויג היי און סטויג שטרוי
איך זע דאָרט באַנדערען, יימאַך־שמוי,
און כ'שטעך אים אַדורך מיט מײַן בליק.

האַגאַם הוילע כאַשכעס באַגעגנט מײַן אויג,
איינצײַטיק אין פלאַמען איך זע אויך דעם סטויג,
און איך בין אין פײַער, אין סאַמע זײַן מיט,
דאָך ווען איך זוך — איך טרעף דאָרטן ניט.

און גלײַך, ווי אין כאַלעם, איך שרײַ און זיך
קריג...
איז הער איך א באַסקאָל —
מײַן אייגענער ענטפער צוריק —
וואָס זיך, ווי א גלאָק א באַלויכטענער, וויגט:
— פאַרברענט אונטער אים יעדע בריק —
עס האָט אים דאָס פײַער דערוואָרגן, דערשטיקט!

און יעדער סטויג היי און סטויג שטרוי,
וואָס אַלע געטורעמט, געפורעמט אזוי,
ווי בערײַש דאָס פאָלק שאַפט א
קונסטווערק־אַנטיק —
א מויער, א פעסטונג, א בריק, —
מיט פרידלעכער מי שמעקט, מיט לאַנקע,
מיט טוי,
און ס'דאַכט, פאַר די טוישווים אָט דאָ, אין
די בערג,
פאַרבײַטן זיי די מינאַרעטן באַם טערק...

פאַראַן דאָ א באַרג

פאַראַן דאָ א באַרג, וואָס קעסיידער כ'באַזוך אים,
אַפילו ווען נישט צו זײַן שפּיץ איך דערקלעטער,
ווען אים אויך פאַרנעפּלט א רעגנדיק וועטער.
דער דאָזיקער באַרג — עס פעלט נישט קיין שפּרוך אים.

מאַגנעטיש ער ציט צו זיך קומען און קוקן,
באַטראַכטן אים סײַ אין געזיכט, סײַ אין רוקן,
און איבער זײַן הויכפּונקט דעם בליק אַרײַנשטעקן,
און עפּעס דערזען, וואָס דעם דימיען זאָל קלעקן
זיך פאָרשטעלן דעם, וואָס זײַן באַרג־נעסט די האַרטע —
זײַן נעסט אין דער טײַגע געדיכטער פאַרשפּאַרטע —

אָט דאָ איז געווען... ער מיט נעגל מיט שארפע
פונדאַן אַף זײַן יאגד פלעגט זיך אָדלעריש ווארפן.

אָט דאָ אונטער וויגעס — פאר אים פידלען צארטע —
געזאמלט זײַן כאַיל האָט, געפּיבערט אין ווארטן
אַף שלאָכטן אַף ברייטע אין טאָל — אויך די שטערן
געצווונגען האָט, דאכט זיך, מערראגלים צו ווערן...

געשמידט אין זײַן פאנצער פון פעלדזן און וועלדער —
פון וואַר פון דער הארבסטער געשאפן לעגענדע ער.
קאָווּפאַק איז זײַן נאָמען — מײַן לייענער, איך מעלד דיר!
איז קום איך צופוסנס זײַן בארג כאָטשבי זיצן,
און אַלץ, וואָס דאָס אויג כאַפּט, אין זיך טיף פארקריצן.

פאראַן דאָ אַ בארג, וואָס קעסיידער כ׳באַזוך אים.
דער דאָזיקער בארג — עס פעלט נישט קיין שפּרוך אים!

די גרויזאַמע זעונג

אַ גאַנצן טאָג בין איך געגאַנגען אַלץ פאַזע די בארגיקע פלוסן,
וואָס קאָפּ אראָפּ ווארפן זיך, לויפן באַהערשטע פון אורפרייד־געגוסן;
אַ גאַנצן טאָג האָב איך געהערט אָט די וואַסערן ליארעמען, יובלען,
געזען זייער שוים אַף די שטיינער — אַ שוים, ווי פון טעסען און הובלען.

אַ גאַנצן טאָג האָב איך געטוקט מײַנע בליקן אין זייערע שפּיגלען,
נאָר ווען ס׳איז די שקיִע אַזוי ווי אַן אָדלער אראָפּ אַף די היגלען,
און ווען די לעוואָנע גענומען האָט שעמעוודיק וואַקסן און ווערן, —
ערשט רײַף איז אין מיר אופגעגאַנגען די זעונג די גרויזאַמע, שווערע.

נישט יונגפרויען־נימפן אין ליכטיקע נעכט דאָ באַזעצן די שטיינער,
וואָס סטאַרטשען ארויס פון די פלוסן, נאָר מענטשישע טעכטער —
בלויז הויט און בלויז ביינער —
פון געטאָ די טעכטער, וואָס נאַקעטע האָט זיי די אַרישע האָרדע
פארטריבן אהער, אין די וואַלדישע ראַוון, און דאָ זיי דערמאָרדעט.

אין שײַן פון לעוואָנע זיי קישעפן נישט מיט די האָר און מיט לידער.
די לײַבער מיט לייַם זיך פארשמירן, און דאַך שטראָמט אַ ליכט פון די גלידער,
וואָס ווער עס נאָר זעט, אַף זײַן שפּור לויפט אהער, ביז די שטיינער,
נאָר קיינעם נישט טרעפט, ווײַל די מיידלעך באַצײַטנס פארשווינדן ביז איינער.

אויך איך זע דאָס ליכט, און מײַן קעל ווערט דערשטיקט פון געוויינען פון מײַנע,
נאָר כ׳הער, ווי אין מיר יאָמערט העכער דער דײַטשישער ייִד העניריך הײַנע.

שאַטנס

שאָטנס, שאָטנס, שאָטנס זאַמלען זיך צו מיר אַף בארג,
און זיי זאָגן: דאָס אַליין איז אונדז נאָך קארג.
זײַ אונדזער נאָווי, ווער אונדזער הירט.

שאָטנס, שאָטנס, שאָטנס זאמלען זיך צו מיר אין טאָל,
און זיי זאָגן: פאסטעכער אַ סאך געווען באַ אונדז אַמאָל,
אַף דערנער מ׳האָט געפּאשעט, אַף דערנער אונדז געפירט.

שאַטנס, שאָטנס, שאָטנס זיך פאַרזאַמלען אָן א צאָל.
כאָטש זיי זײַנען אש, איז זייער שטים דאָך שטאָל:
— זײַ אונדזער בארג און ווער אונדזער טאָל!

נאָר אין מיזרעך צייכנט אָן זיך שוין א זונען־שטעגל שמאָל...

א ק וו א ר ע ל

דער הימל־עקראַן איז דאָ ברייט, טיף און גרויס.
די וואָלקנדלעך פּוכלע — זיי זעען מיר אויס
געמאָלענע קינדער־מאַלאָכים, ווי ס׳מאָלט ראַפאַעל.

נאָר אָט ניואַנסירטער עס ווערט דאָס געמעל.
דאָס גרינע שײַנט בלוילעך, און ס׳בלוילעכע גראָ —
איין פארב אין דער צווייטער פארשווינדט און איז דאָ.

אף הימלשער לײַוונט בליט בונט אקווארעל
און זעט, ווי סע האַלטן די וואַלדישע בערג
אף זייערע שפּיץ פון די פינגער דאָס פלאַטערדיק ווערק...

* * *

כ׳וואָג צו זאָגן עס. איך וואָג עס.
מיליאַסן פראַגעס.
זיפּצן פון דער טיף, מאכשאָוועס
(איצט, ווען איבער טיפער נאַכט אף בארג
מײַן גײַסט עס וואכט), —
טויכן אוף, ווי סרייפע־פונקען אין צעשיט,
טראָגנדיק דעם ווײַסן פלאַם פון אייש־לעהאָוויס...

און די אונטער מיר אף גאָרנישט הענגענדיקע „מיט"
גאַנץ וועט בלײַבן? נישט פארסארפעט ווערן?..

— — — — — — — — — — — — — — —

כ׳וואָג צו זאָגן עס. איך וואָג עס.
זיפּצן פון דער טיף, מאכשאָוועס, פראַגעס
טויכן אוף, ווי אין צעשיט די שטערן.

מאַזי קאַבריאַנסקי

דרייַ און דרייַסיק

דעם טאָג, ווען זיאמע קלייַבט זיך גיין צו דער מאַמען אין שפּיטאָל, וואַרט ער ניט, מע זאָל אים אָפּוועקן. ער כאַפּט אַליין זיך אויף גאַנצפרי, אַזוי אַז דער זיידע דאַרף אים קיין שטורכע ניט טאָן מיט דער לאַנגער שווערער האַנט, דאַרף אים ניט מוסערן.

זיאמע איז שוין צוגעוווינט צו דעם, אַז דער זיידע זאָל זיך בייזערן אַף אים, טשעפּען זיך אַף יעדער שריט און טריט — ניט אַזוי גייסטו, ניט אַזוי שטייסטו. עס פאַרדריסט אים, וואָס זייַן איינִיקל קאָן ניט איינזיצן אין שטוב, האָט טייַנעס, האַלעמייַ ער לויפט אַרום אין גאַס ווי אַ פאַרסאַמטע מויז, ווערט פאַרפאַלן ערגעץ אַפן צווייטן שטאָק.

דעם זיידן איז גוט: ווען ער וויל, גייט ער זיך אַוועק, און ווען ער וויל, קומט ער. און דו זיץ איינער אַליין אין שטוב, רעד צו די ווענט אָדער פאַרווייַל זיך מיטן גרויסאַרטיקן מעבל, וואָס מע האָט צונויפגעשלעפּט פאַראַיאָרן, ווען מע האָט זיך אומגעקערט פון דער עוואַקואַציע. ווען זיאמע זאָל כאָטש האָבן עטלעכע פּאָר פיס און עטלעכע פּאָר הענט, וואָלט דאָס דאָזיקע מעבל באַ אים גענומען שפּילן, ווי אַן עמעסער אָרקעסטער, ווייַל אַז מע זעצט זיך אַרייַן אין דעם זיידנס שטול, הייבט זי אָן אַזוי סקריפּען, אַז עס צעגייט זיך אין יעדער אייווער. פּרוּווט אָן עפן טאָן דאָס טירל פונעם אַלטן שראַנק, וועט איר דערהערן אַזאַ פּישטשען, גלייַך דאָרטן אינווייניק, אין שראַנק, וואָלטן געלעגן אַ פּאָר צענדליק קליינע קעצעלעך. וועגן דיוואַן רעדט מען שוין ניט: נאָך איידער איר ווילט זיך אַנידערלייגן, הייבן אָן קלינגען די פּרוזשינעס, ווי די גלעקער אין אַ קלויסטער. און די קיך־טיר? זי קלאַפּט, ווי אַן עמעסער פּויק. ע, ווען זיאמע זאָל קאָנען איינצייַטיק זיך צורירן צו אָט די אַלע זאַכן, זיי זאָלן אַלע מיטאַמאָל אָנהייבן שפּילן, וואָלט מען קיין קינאָ ניט באַדאַרפט האָבן.

זיאמע פאַלט אָבער באַ זיך ניט אַראָפּ. טאָמער פאַרשפּאַרט אים דער זיידע אין שטוב און עס ווערט אים נימעס אַליין צו זיצן, עפנט ער אַ פענצטער, וואַרפט אַריבער פון יענער זייַט זייַנע לאַנגע פיס, און עס ווערט פאַרקילט דאָס אָרט, וווּ ער איז געשטאַנען. עס טראָגט אים אַוועק פון געסל, ער שפּאַרט אָן אַפן שעווטשענקאָ־בולוואַר, דאָרטן, וווּ די הייַזער ליגן איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. זיאמע איז אַ פרייַער פויגל — פליט ער אַהין וווּ דאָס האַרץ גלוסט.

הייַנטיקן האַרבסט דאַרף זיאמע שוין גיין אין שול אַרייַן. ער האָט נאָך פאַראַיאָרן באַדאַרפט אָנהייבן זיך לערנען, איז די מאַמע דאָרט, אין עוואַקואַציע, פאַרשלאָפט געוואָרן, און ביז זי האָט זיך אַ ביסל פאַריכט, ביז מע האָט זיך אויסגעקליבן פאָרן, איז דורכגעלאָפן אַ יאָר. דער זיידע זאָגט: ווען ער איז געווען אין זיאמעס יאָרן, איז ער שוין צוויי זמאַן געגאַנגען אין כיידער, גוט געקענט איוורע, און זייַן איינִיקל איז אַ פּוסטע קיילע, אַ ליידיקער קאָפּ, אַ גאָרניט־שעבעגאָרניט. ער וועט אַפילע ניט וויסן, אַז מוישע ראַביינו האָט מיט אַ שטעקן געשפּאָלטן דעם יאַם און אַרויסגעפירט די יִדן פון מיצראַיִם. דער זיידע האַלט אין איין בורטשען, האָט ליב מיט זייַן מוסערן אַרויסנעמען די נעשאָמע. איר האָט עפּעס ליב, אַז אַ מענטש זאָל הייסן אַלטער? דער זיידע האָט אַזוי געהייסן, ווען ער איז אַפילע געווען אַ קליינינקער. און ליאָוקעס מאַמע, פונעם צווייטן שטאָק, רופט אים „ערעב אַלטער“.

נעכטן האָט דער זיידע זיך אַרייַנגעזעצט אין זייַן סקריפּענדיקער שטול, אַנידערגעשטעלט זיאמען צווישן די קני, מיט דער האַנט אַ שאַר

געטאָן איבער זײַן קאָפּ און א טשמאָקע געטאָן מיט די ליפּן, פּונקט ווי ער וואָלט האַלטן א צוקערקע אין מויל. ווענדליק די ברייטע באָרד האָט זיך א וואַקל געטאָן, האָט מען געקאָנט מיינען, אז „ערעב אַלטער" וועט זיך באַלד צעשרײַען, אז דער הימל וועט זיך שפּאַלטן, נאָר ער האָט גאָר קאַלטבלוטיק, שטילערהייט געזאָגט:

— זיאַמעלע, שוין צײַט אָפּשערן די פּאַטלע.

אוי, אַן אומגליק, אוי, א צאָרע! ער ווייסט אָבער, מיט וואָס מע קאָן דעם ייִנגל דערגיין די יאָרן. אַן אייגענער זיידע זאָל צוטראַכטן אַזוינס. ער געדענקט דאָך גאַנץ גוט, אז זײַן אייניקל האָט מוירע פאַר א שערער, ווי פאַר פײַער. ער ווייסט, אז ווי נאָר דער רויִצייִעך אינעם ווײַסן כאַלאַט נעמט די מאַשינקע אין האַנט, הייבן אָן בא זיאַמען ציטערן הענט און פיס, ניט בלויז דערפאַר וואָס די מאַשינקע וועט רײַסן די האָר מיט די וואָרצלען אינײַנעם, נאָר אים איז אַן אווירע דאָס טשובטשיקל, וואָס ער האָט אַזאַ צײַט אָפּגעהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ, דערצו קאָן ער ניט פאַרגעסן, וויִאַזוי ליאָווקע פּײַפער פונעם צווייטן שטאָק האָט געלאַכט, ווען מע האָט פריִער מיט צוויי כאַדאָשים בא זיאַמען אַראָפּגעכאַפּט די פּאַטלע:

— קוק אים נאָר אָן! — האָט ליאָווע אויסגעשריִען און דערבײַ געפײַפט מיט זײַן ניאָניע. — האָסט דאָך אַן אָפּגעפּליקטע קאַטשקע, ניט קיין קאָפּ! קראַקען קענסטו אויך, זיאַמע?

ניין, איידער זיך אָפּשערן, זאָל אים בעסער דער זיידע אַנידערלייגן אף דער באַנק און אים אַרײַנשמײַסן מיטן קאַנטשיק דרײַ און דרײַסיק שמיץ.

מע וואָלט טאַקע געקאָנט מיינען, אז זיאַמע האָט פאַרזוכט דאָס דאָזיקע מײַכל. ערשטנס, איז אין שטוב גאָר קיין באַנק נישטאָ, און, צווייטנס, האָט זיאַמע א לאַנגע צײַט אפילע ניט געוווּסט, וואָס איז אַזוינס א קאַנטשיק. אַלעמאָל זאָגט דער זיידע גלאַט אַזוי, אז ער וועט אים, זיאַמען, אַנידערלייגן אף א באַנק, אַראָפּנעמען די הייזלעך און וועט מיטן קאַנטשיק אים אָפּציילן ניט מער און ניט ווייניקער ווי דרײַ און דרײַסיק שמיץ, אַן אַקשן זאָל וויסן, אז מע דאַרף פאָלגן.

איינמאָל, ווען „ערעב אַלטערן" איז געווען גוט אַפּן האַרצן, ער איז דעמלט געזעסן, ווי זײַן געוווינהײַט איז, אין דער סקריפּענדיקער שטול, דער פּוטערנער זשילעט — צעכראַסטעט, די פּיס צעוואָרפן אין די זײַטן, די ברייטע באָרד האָט געדרעמלט אף דער ברוסט, און די אויגן האָבן ווי בא א שיקערן זיך געגליטשט אהער און אהין, — האָט זיאַמע דאַפקע זיך ניט געשעמט, אַליין זיך אַנידערגעשטעלט צווישן דעם זיידנס קני און שטיל געפרעגט:

— ערעב אַלטער, איר שלאָפט?

דעם זיידנס קאָפּ האָט זיך א טוק געטאָן, די באָרד האָט גענומען פויזען אף אַרויף, ער האָט, ווי דער סיידער איז, א סמאַטשקע געטאָן מיט די ליפּן און אַן אומצופרידענער א וואָרטשע געטאָן:

— דיבעק, דיר איז שוין ווידעראַמאָל ניט גוט?

— ניין, — האָט זיאַמע זיך אָנגערופן, — איך וויל וויסן, וואָס איז אַזוינס א קאַנטשיק.

— אַ! ווילסט וויסן, וועל איך דיר באַלד זאָגן. — דער זיידע האָט זיך אײַנגעמאָסטעט אין דער שטול, אַרומגענומען זיאַמען מיט בײדע הענט און, שאַרנדיק מיט די דלאָניעס איבערן קינדערשן גופּעלע, אָנגעהויבן דערציילן:

— א קאַנטשיק פלעגט מען צונויף פון דרײַ און דרײַסיק רימענדלעך, דערצו פאַרקניפּט מען א טוץ שטײַפע קניפּלעך, דערנאָך נעמט מען אַלץ אינײַנעם און מע קאָכט עס אויס אין זודיקער סמאָלע, דעמלט שוין קאָן מען שינדן די הויט פון מאַזיקים, אַקשאָנים און גלאַט אַזוי אייניקלעך.

זיאַמען איז געוואָרן א ביסעלע קאַלאַמוטנע אַפן האַרצן, ער האָט אפילע ניט געפילט, ווי דער זיידע האָט אים אָנגענומען פאַר די הענט העכער די עלנבויגנס, באַטראַכט זײַן לאַנגן האַלדז, וואָס איז געווען איבערגעפלאָכטן מיט גרינע אָדערלעך, פון דער גרינג אים א טרייסל געטאָן, און אָנגעהויבן מוסערן, אז זיאַמע איז אַן אַקשן, א שלעכטער זון — אים אַרט אפילע ניט, וואָס די מאַמע איז געפערלעך קראַנק און ליגט אין שפּיטאָל. נאָר דערמיט האָט זיך נאָך ניט געענדיקט. דער זיידע איז אופגעשטאַנען פון אָרט, גענומען שפּאַנען איבער דער שטוב, די הענט פאַרלייגט אף הינטן, זײַן פּלייצע האָט זיך אײַנגעבויגן — ס'האָט געדוכט, אז ער האָט אף איר אַרופגעלייגט א שווערע מאַסע, און דערפאַר האָבן געהילכט זײַנע טריט איבער דער גאַנצער שטוב. ער האָט צוגעזאָגט דעם אייניקל זײַנעם, אז די מאַמע וועט זיך אומקערן פונעם שפּיטאָל, וועט ער ברענגען אַן עמעסן קאַנטשיק און אַרײַנשמײַסן זיאַמען, ער ווייסט שוין אַליין וויפל.

איידער מע האָט די מאַמע צוגענומען אין שפּיטאָל, איז דער זיידע גאָרניט געווען אַזוי אָנגעדראָדלט אף זײַן אייניקל, פאַרקערט, ער פלעגט אים ברענגען צוקערקעס, אַמאָל פּאָווידלע, וואָס מע האָט אף די פּראָדוקט־קאַרטלעך געגעבן אָנשטאָט צוקער. און וויפל מאָל האָט „ערעב אַלטער" אונטערגעטראָגן זיאַמען עמעסע ווײַסע פרישע בייגל? ס'הייסט, זיאַמע שטויסט זיך אָן, פאַרוואָס דער זיידע האָט זיך אַזוי געביטן, — ער קאָן ניט פאַרגעסן, וואָס ער, זיאַמע, האָט צעדרייט די ניי־מאַשיך, אף וועלכער דער זיידע נייט פּוישטן פון אַלטע שינעלן. פון דעמלט אָן טאַקע איז ער גרייט מיימעסן זײַן אייניקל, מאַכן פון אים טיל־טעל.

זיאַמע וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן, וויאַזוי דער זיידע האָט זיך דערשראָקן, ווען ער האָט דערזען אַ נאַקעטע מאַשין — אָן אייוורים. פון אָנפאַנג האָט ער, אַלטער, אַ צוק געטאָן מיט די אַקסל, נאָכדעם אופגעהויבן די הענט אין דער הייך און געלאָזט זיך שפּאַנען, שרײַענדיק, ווי ניט מיט זײַן קאָל:

— זיאַמע, וואָס האָסטו געטאָן?!

זיאַמע איז דערשטוינט געוואָרן, ס'האָט געדוכט, אַז דאָס בלוט איז אויסגערונען פון זײַנע אָדערן. ס'איז געשטאַנען אַן אײַנגעהויקערט ייִנגעלע, וואָס איז אויסגעקנאָטן פון ווײַסער ליים. די אייגעלעך, וועלכע האָבן שטענדיק געשאָסן מיט שאַרפע שפּיזלעך, זײַנען אויסגעלאָשן געוואָרן, ער האָט פינטלענדיק זיי צוגעמאַכט, קעדיי ניט זען, ווי דער זיידע וועט אים צודעקן מיט די גרויסע שווערע הענט, ס'זאָל פון אים, פון זיאַמען, בלײַבן בלויז אַ פּלאַטשעכיקע לעמעשקע. אָן אײַנגעשרומפּענער האָט זיאַמע געוואַרט אַף זײַן שטראָף, נאָר דער זיידע האָט ניט געמאַכט פון אים קיין לעמעשקע, בלויז אַ שלעפּ געטאָן פאַר דער האַנט און מיט אים אַזאַ מאָרדעווע געטאָן, אַז באַם ייִנגל אין די אויגן האָט די גאַנצע שטוב אָנגעהויבן זיך טרייסלען.

„ערעב אַלטער" איז געוואָרן רויט ווי אַ בורעק און זיאַמע — ווײַס ווי שניי. דער זיידע האָט געקײַט די באָרד, ניט געוווּסט, וווּהין אַהינטאָן די הענט. ענדלעך האָט ער גענומען צעשפּיליען דעם רימען. איצט האָט ער שוין ניט געשריִען, נאָר מיט אַ ציטערנדיק קאָל, אײַנהאַלטנדיק די רעציכע, באַפוילן, אַז זיאַמע זאָל אַראָפּלאָזן די הייזלעך און זיך אַנידערלייגן אַפן דיוואַן. זיאַמען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די פּרוזשינעס האָבן אָנגעהויבן קלינגען, נאָך איידער ער איז צוגעגאַנגען צו אים.

דעם זיידן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זײַן אייניקל איז געוואָרן גאָר אַ קלייניקער, אַן אומבאַהאָלפן נעפּעשל, וואָס וועט אַפילע ניט קאָנען צעשפּיליען די הייזלעך. אין אַ ווײַלע אַרום האָט אָבער זיאַמע זיך אויסגעקערעוועט מיטן פּאָנעם צו אַלטערן, ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט־אָט וועט ער אָנהייבן וויינען, בעטן מעכילע, נאָר ער האָט זיך גאָר אויסגעצויגן, אופגעהויבן העכער דעם קאָפּ און גענומען ריידן:

— זיידע, לאָז, וועל איך צוריק צונויפשרויפן די מאַשין, אָט וועסטו זען, אַז זי וועט נייען.

— און טאָמער ניט, וואָס וועט זײַן? — איז אַלטער געוואָרן אויסער־זיך.

— טאָמער ניט? — האָט זיאַמע איבערגעפרעגט. — וועסטו מיך הארגענען. — ער האָט פאַרביסן די ליפּן, אַפגיך געפינטלט מיט די אויגן און באַלד זיך אויסגעקערעוועט צו דער וואַנט.

דער זיידע האָט איבערגעוואָרפן דעם רימען פון איין האַנט אין דער צווייטער, און ווײַל ס'איז אין שטוב געווען טויט־שטיל, האָט זיאַמע געכאַפּט אַ קוק אַף „ערעב אַלטערן" און האָט דערזען, ווי ער פאַרשפּיליעט צוריק אַף זיך דעם רימען. זיאַמען איז געוואָרן גרינגער, ער האָט זיך ניט אײַנגעשטעלט נעמען עפּעס טאָן, נאָר ווען ער האָט דערהערט: „אַקשן, וואָס זשע שטייסטו?" — האָט זיאַמע געכאַפּט די טאַבורעטקע, זי צוגעטראָגן צו דער מאַשין און מיט אומרויִקע אויגן באַטראַכט די אייוורים. ער האָט אַ שווערן זיפץ געטאָן און גענומען זיך צו דער אַרבעט.

זיאַמע געדענקט — ווען ער האָט אָפּגעדרייט דאָס דעקעלע, האָט ער באַלד אַ פּרוּוו געטאָן, צי וועט ער עס קאָנען צושרויפן צוריק, און אַז דאָס האָט זיך אים אײַנגעגעבן, האָט ער נאָכדעם די דאָזיקע דעטאַל אָפּגעלייגט אין אַ זײַט, איין שרײַפעלע באַשטאַט באַ דער רעכטער זײַט, דאָס צווייטע — באַ דער לינקער, ער זאָל ניט פּלאָנטען. עמעס, באַם פּיסעלע, באַ דער לאַפּקע, ווי דער זיידע רופט עס אָן, האָט זיאַמע זיך אַ ביסל אָנגעמוטשעט, נאָר ער איז דאָס אויך גיוועער געווען. זיאַמע האָט שוין געוואָלט נעמען זיך אָפּשרויפן די ציינדלעך, וואָס טאַנצן אַרויף און אַראָפּ, ווען מע דרייט דאָס רעדל, נאָר צוליב דעם דאַרף מען אָבער די מאַשין אַנידערלייגן אַף אַ זײַט און זי איז שווער מיט רוכעס, זי קאָן זיך נאָך אויסגליטשן פון די הענט, און כאָטש ס'האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט אָפּדרייען די דאָזיקע ציינדלעך, האָט ער די אַרבעט אָפּגעלייגט אַף אַ צווייט מאָל. איצט האָט ער געמיינט, אַז די צעשרויפטע מאַשין וועט ער קאָנען גיך צוזאַמענשטעלן, נאָר ווײַל דער זיידע איז געשטאַנען און געקוקט, האָבן באַ זיאַמען זיך אונטערגעזעצט די קני. דער שרויפנציִער האָט געציטערט אין האַנט, ער האָט געפילט, ווי דער זיידע שפּירט נאָך יעדער זײַן באַוועגונג, נאָר זיאַמע האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק, צוגעשטעלט דאָס דעקל אַפן אָרט, אַפריִער אַרײַנגעשרויפט איין שרײַפל מיט די פינגער, נאָכדעם מיט דעם שרויפנציִער געפּרוּווט אַפילע אונטערמורמלען אַ לידעלע, דער זיידע זאָל מיינען, אַז די דאָזיקע אַרבעט האָט באַ אים קיין שום ווערט ניט; מיטן פּיסעלע האָט ער זיך טאַקע אַ ביסל אָנגעמוטשעט, בעשום־אויפן ניט געקאָנט מיטן שרײַפעלע פּאַקן אין לעכל, ווײַל די אויגן האָבן באַ אים אָנגעהויבן שוויצן, דערצו האָט אים געשראָקן דעם זיידנס שווײַגן, זאָל „ערעב אַלטער" געווען כאָטש אויסריידן אַ וואָרט, צי אים מוסערן, האָט ער גאָר אָנגענומען אַ מויל מיט וואַסער, און שוין. ווײַזט אויס, ער האָט געמיינט, אַז ער וועט מוזן די מאַשין אַוועקטראָגן צום מעכאַניק, יענער זאָל זי פאַריכטן.

זיאַמע האָט שוין געהאַלטן באַ פאַרענדיקן די אַרבעט, אים איז געבליבן בלויז צושרויפן דאָס ניקעלירטע בלעטל, ווו די ציינדלעך שפּרינגען

ארויף און אראָפּ. דאָס איז שוין בלאָטע, ניט קיין ארבעט. זיאמע ווייסט, אז דאָס בלעטל ליגט בא אים אפן גרויסן טיש. א פרייליכער איז ער צו־געגאנגען עס נעמען. דאָס בלעטל איז טאקע גע־לעגן אפן אָרט, נאָר די צוויי שרײַפּעלעך האָבן ניט געסטײַעט. ער האָט דאָך געדענקט, אז ער האָט איין שרײַפּל אנידערגעלייגט אין דער רעכ־טער זײַט, דאָס צווייטע אין דער לינקער. וווהין זשע זײַנען זיי אהינגעקומען? זיאמען איז צו־ערשט געוואָרן הייס, נאָכדעם קאַלט, די אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן, געלאָפן איבער דער שטוב, זיי האָבן אפילע געזוכט אף דער סטעליע. פּלו־צעם האָט ער א קוק געטאָן אפן זיידן, עפּשער האָט ער זיי אומיסטן באהאלטן, נאָר דער זיידע איז דאָך די גאנצע צײַט געשטאנען באם פענצ־טער און ניט גערירט זיך פון אָרט.

זיאמע האָט זיך גענומען דרייען איבער דער שטוב, געזוכט אפילע אף דער מאַמעס עטאזשער־קע, די שרײַפּעלעך האָט ער ניט געפונען. די פּיס האָבן זיך אונטערגעהאקט, ס'האָט אָנגעהויבן עפּעס וואַרגן אין האלדז, די אויגן זײַנען וואַסער־דיק געוואָרן, א פארקלעמטער האָט ער גענומען שעפּטשען צו זיך אליין: „ווו זײַנען די שרײַפּע־לעך?", „ווו זײַנען זיי?", און שוין א ביסל היל־כיקער ארויסגעזיפּצט: „אוי, מאַמעו!".

פּלוצעם האָט ער זיך א וואָרף געטאָן אונטערן גרויסן טיש, געקראָכן אף אלע פיר, געטאַפּט מיט די הענט איבערן דיל, געזוכט אין יעדער ווינקל, טאָמער זײַנען די שרײַפּלעך אראָפּגעפאלן און זיך ערגעץ פארקײַקלט.

זיאמע האָט די שרײַפּלעך ניט געפונען. א דער־צאָרנטער איז ער געבליבן זיצן אפן פּאָל. ס'האָט אים אזוי פארקלעמט באם הארצן, נאָך א ביסל הייבט ער אָן וויינען. נאָר פּלוצעם האָט ער זיך דערמאָנט — ער האָט דאָך די שרײַפּלעך אני־דערגעלייגט אין שופלעדל, זיי זאָלן זיך ניט אראָפּקײַקלען פון טיש. ער האָט זיי באוואָרנט, און איצט זוכט ער דעם נעכטיקן טאָג. ווי א קאַץ איז ער צוגעשפּרונגען צו דער מאשיק, אופגע־עפנט דאָס קליינע שופלעדל.

— אָט זײַנען זיי! — האָט ער א דערפרייטער אויסגעשריגן. — ליגן און שווײַגן, און איך זוך זיי. — ער האָט גענומען די שרײַפּעלעך מיט ציטערדיקע הענט און געלאָזט זיך צום זיידן.

— אָט זײַנען זיי, זיידע, זיי זײַנען דאָ, דאָ, — האָט ער זיי געוויזן און זיך אומגעקערט צוריק צו דער מאשין. ער האָט גענומען דעם שרויפּנ־ציִער אין האנט, נאָר ער האָט ניט געוואָלט פּאָלגן, אלעמאָל האָט ער זיך ארויסגעגליטשט פונעם שפּעלטעלע.

זיאמע האָט צונויפגענומען אלע זײַנע קויכעס און מיט גרויס מאַטערניש צוגעדרייט דאָס בלעטל. ס'איז געבליבן בלויז ארופציִען דאָס רי־מענדל אפן גרויסן רעדל, און זאָל „ערעב אל־טער" פּרווון, צי די מאשין נייט, צי ניט.

זיאמע האָט זיך אראָפּגעלאָזט אונטער דער מאשין, גענומען זוכן דאָס גרויסע רעדל און דאָס ניט געקאָנט געפינען. אים האָט עפּעס אָנ־געהויבן שווינדלען אין די אויגן — ס'האָבן זיך געדרייט הונדערטער רעדלעך און שרײַפּעלעך. פּלוצעם איז אים געוואָרן אזוי גוט, און ער איז מיטאמאָל ערגעץ ניט געסטײַעט.

דער זיידע האָט געוואַרט, זיאמע זאָל זיך אופ־הייבן, און ניט געקאָנט זיך דערוואַרטן.

— אקשן, וואָס טוסטו דאָרט? — האָט ער גע־פרעגט און לאנגזאַם אָפּגעטראָטן פון פענצטער. פּונקט ווי עמעצער וואָלט אים א שטופּ געטאָן אין פּלייצע, איז ער האַסטיק צוגעגאנגען צו דער מאשין און דערזען דאָס אייניקל ליגן א פארכאלעשטן אף דער ערד. ער האָט אים א כאַפּ געטאָן אף די הענט, ער האָט קוים אײַנגעהאלטן דאָס קליינע נעפּעשל.

— זיאמע, זיאמעלע, וואָס איז מיט דיר? — האָט ער אים געמינטערט.

זיאמע האָט געעפנט די אויגן, דערזען דעם זיידנס באָרד, דערפילט אפילע, ווי זי קיצלט אים אין פּאָנעם. וואָס איז דער זיידע אזוי דער־שראָקן — האָט זיאמע ניט פארשטאנען. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר דער קאָפּ זײַנער האָט זיך ווידעראמאָל פארוואָרפן, די אויגן האָבן זיך פארמאכט, אים האָט זיך שטארק געוואָלט שלאָפן. פארוואָס זשע וועקט אים דער זיידע, פארוואָס טרייסלט ער אים אזוי? און זיאמע הערט זײַן קאָל פונדערווײַטנס, ווי דער זיידע וואָלט געווען ערגעץ אף א בוידעם.

ווען זיאמע האָט זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף, האָט ער דערזען א פולע שטוב מיט מענטשן. ער אליין ליגט אינעם זיידנס בעט, דער זיידע זיצט לעבן אים און שארט מיט דער האנט איבער זיאמעס אקסלען. דאָס פּאָנעם באם זיידן איז עפּעס פײַכט, די באָרד הערט ניט אוף ציטערן. די שכיינים טומלען, עפּעס רעדט מען, מע זאָגט, אז ס'איז גאָרניט, ס'איז שוין איבערגעגאנגען, ס'איז אים שוין גרינגער. און ליאָוקעס מאַמע האָט זיך אָנגעבויגן איבערן בעט.

— זיאמע, — האָט זי געזאָגט, — וואָס מאכ־סטו זיך נאריש, וואָס פּראָוועסטו פולע שטיק?

זיאמע האָט זיך פארשעמט, געמיינט, מע מו־סערט אים, האלעמײַ ער האָט פאנאנדערגעג־שרויפט דעם זיידנס מאשין, האָט ער צוגעזאָגט, אז ער וועט זיך אפילע מיט קיין פינגער מער קיינמאָל ניט צורירן צו דער דאָזיקער קליפּע.

זיאמע האלט וואָרט, און דער זיידע קאָן אָבער אדהײַעם דאָס ניט פארגעסן, ער איז בייז, ער האלט אין איין צוזאָגן, אז ער וועט מיטן קאָנ־טשיק געבן זיאמען דרײַ און דרײַסיק שמיץ.

אַבושל

די נאַכט האָט זיך שטילערהייט אַרײַנגעגאַנוועט אין שטעטל, אײַנגעהילט די געסלעך אין פינצטערניש. אַרום און אַרום איז טויט־שטיל, מע זעט ניט קיין לעבעדיקן נעפעש אין דרויסן, די פענצטער זײַנען פאַרכוישעכט, פונקט ווי די אײַנוווינער וואָלטן אַף אייביק אַנשלאָפן געוואָרן.

ס'איז שוין קימאַט אַ כוידעש צײַט, אַז די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, און פון דעמלט אָן צינדט מען ניט אָן קיין שײַן אין די שטיבער. דער טאָג איז גרויס, די נאַכט — קורץ, באַגייט מען זיך אָן אַ לאָמפּ. דעריבער ווײַזט זיך אויס, אַז דאָס גאַנצע שטעטל איז אײַנגעזונקען אין אַ טהאָם.

אָבער דער זומער וויל פון גאָרנישט ניט וויסן, טעג שטייען שיינע, מעכײַעדיקע. עס שמעקט מיט פרישע רייכעס פון די סעדער, די ביימער זײַנען שווערע, די צווײַגן, באַשאָטענע מיט עפל, בייגן זיך צו דער ערד. באַטאָג שפּיגלען זיך די עפל אין דער זון, באַנאַכט ווינקען זיי צו די שטערן, וואָס ווימלען אַפן הימל.

ווען ניט די מילכאָמע, וואָלט אַף די גאַסן געווען פריילעך, ראַשיק. מענטשן וואָלטן שפּאַצירט איבערן שאָסיי, געזעסן אין די סעדער אַף די בענק, ערגעץ וואָלט מען געזונגען, געלאַכט.

איצט זײַנען די גאַסן ליידיקע, שטומע, מע הערט בלויז, ווי אַ ווינטל בלאָנדזשעט איבער די קרוינען פון די ביימער און די בלעטער שעפּטשען שטילערהייט, מע קאָן מיינען, זיי טרײַבן רעכילעס אַף דער לעוואָנע, וואָס אַלץ וויל זי וויסן, קוקט אַרײַן אין יעדן ווינקל, וויל זען, וואָס עס טוט זיך אומעטום.

פונעם שטעטל איז געוואָרן אַ דערפל, די מאַנצבלען האָט מען צוגענומען אַף דער מילכאָמע, אַ היפּשער אוילעם האָט זיך עוואַקויִרט. אָבער ס'זײַנען נאָך געבליבן גענוג זקיינים, ווײַבער מיט קינדער, וואָס האָבן זיך פאַרטײַעט פאַר מוירע אין די שטיבער. קומט די נאַכט, שנאָרען די פאַשיסטישע אַעראָפּלאַנען בא דער סטאַנציע, פליִען אַהער צום שטעטל. אויב אַ רויבפויגל וועט זיך פאַרגלוסטן אַראָפּלאָזן אַ באָמבע, וועט פונעם שטעטל ניט בלײַבן קיין סאָריד־אופּאָליט.

דערפאַר טאַקע, ווי נאָר עס פאַלט צו די נאַכט, ווערן די גאַסן פוסט. בלויז אַבושל האָט פאַר קיינעם קיין מוירע, פאַרקערט, אים איז גאָר בעסער, וואָס מע זעט קיינעם ניט, קיינער וועט פון אים ניט אָפּלאַכן, זיך ניט רייצן מיט אים, וויל ער, קוקט אַף דער לעוואָנע, וויל ער, שטעקט ער איר אַרויס אַ צונג און מאַכט פון איר כויזעק שעבעכויזעק.

אַבושל איז ניט קיין קליין ייִנגעלע, ער איז שוין אַלט העכער צוואַנציק יאָר, אָבער אַף דער מילכאָמע נעמט מען אים ניט, ער איז טאַקע ניט קיין גיבער, נאָר קיין שוואַכער אויך ניט. אַבושל איז אַ געזעצטער באָכער, מיט אַ ברייטער ברוסט, פאַרמאָגט געזונטע פּלייצעס, אָבער ער איז געבליבן, נעבעך, באַם קינדערשן סייכל.

פריִער מיט אַ שטיק צײַט, ווען אַבושלס טאַטע, היליע דער טרעגער, האָט נאָך געלעבט, האָט מען אַבושלען געקאָנט זען אָנגעטאָן אין אַ קורץ צעכראַסטעט פּידזשאַקל, אין שמאָלבלעכע הויזן, וואָס זײַנען געווען ווי צוגעזאָטן צו זײַנע דיקע פיס, איין פּליודער העכער, דער צווייטער נידעריקער. צו דעם דאָזיקן הוילעך האָט געפּאַסט דאָס קאַרטוזל מיטן קליינעם דאַשעק, וואָס איז געזעסן אַפן שפּיץ פונעם גרויסן קאָפּ. אַרײַנגערוקט די לאַנגע הענט אין די הויזן־קעשענעס, פלעגט אַבושל מיט זײַנע אויסגעדרייטע שטיבלעטן, וואָס האָבן פאַרמאָגט פאַריסענע נעזער און קרומע אָפּצאַסן, אָנשפּאַרן, ווו דאָס שטעטל האָט אַן עק. מער פון אַלץ האָט אים געצויגן אַפן וויהאָן, דאָרטן, ווו קליינוואַרג האָט זיך געשפּילט אין קוואַטש און אין באַהעלטערלעך. אַבושל איז געווײנלעך געשטאַנען פונדערווײַטנס, בלויז געשמייכלט, ווײַזנדיק זײַנע גרויסע ווײַסע קרומע ציין, וועלכע זײַנען ווי אַרופגעקראָכן איינער אַפן אַנדערן. אים האָט ניט געאַרט, פאַרקערט, ער איז גאָר געווען צופרידן, ווען אַ יאַטל פלעגט צולויפן צו אים, אָנטאָן אים אַפן האַלדז ווישקעס, אַ שמיץ טאָן מיט דער בײַטש איבער זײַנע פיס און הילכיק זיך צעשרײַען:

— וויאָ, לעדאַשטשע שקאַפע!

אַבושל פלעגט דעמלט אַ צופרידענער זיך צעהירזשען, אַ שפּרונג טאָן ווי אַ פערד און זיך לאָזן לויפן מיט די הינטערגעסלעך, דער טאַטע זאָל ניט זען. און טאָמער פלעגט זיך פאָרט דערהערן פון ערגעץ דעם פאָטערס געשריי: „מענוול, אַהער גייִ!", האָט די „שקאַפע" אַ דערציטערטע אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די ווישקעס, איבערגעלאָזט דעם אָנטרײַבער מיט דער בײַטש און אַנטלאָפן זיך אויסבאַהאַלטן, ווײַל אַף דער הייסער מינוט אַרײַנפאַלן צום טאַטן אין די הענט וואָלט געווען אי ביטער, אי פינצטער.

טײַבעלע, אַ מיידעלע, וואָס האָט געוווינט בישכיינעס מיט אַבושלען, ווען זי פלעגט דערהערן זײַן הירזשען צי דערזען, ווי די קליינע

יאטלעך יאָגן אבושלען ווי א לאָשעק, פלעגט זי אוועקווארפן האקל־באקל, אפילע איבערלאָזן איינע אליין די קראנקע מוטער און לויפן אויסלייזן אבושלען און אים אָפפירן אהיים. טײַבעלע האָט געוווּסט — אבושל וועט זי פאָלגן, ער וועט, ווי שטענדיק, א פארשעמטער, צוגיין צו איר, מיטן ארבל ווישן זיך דאָס פארשוויצטע פאָנעם און, קוקנדיק אף איר א פארגאפטער, וועט ער זאָגן:

— טע־טע־טע, טײַבעלע.

טײַבעלע וועט דאן אויסציִען איר לאנגן האלדז, פארזשמורענדיק די אויגן, וועט זי א קוק געבן אפן שולדיקן, אומצופרידן א שאָקל טאָן מיטן קאָפ, און די געגרײַזלטע געלע האָר וועלן זיך צעשיטן איבערן שטערן, דערלאנגענדיק אזש ביז צו איר פאריסן נעזל. זי וועט גאָרנישט ניט זאָגן, נעמען אבושלען פאר א האנט און אים פירן אהיים, פונקט ווי ער, אבושל, איז דער קליינינקער, און זי — די דערוואקסענע.

טײַבעלע וועט שפאנען פארטאָן אין אירע מאכשאָוועס, און אפן כיינעוודיקן נעזל, וואָס איז געדיכט באשאָטן מיט ווייצענע קלײַענדלעך, וועלן זיך באווײַזן קליינינקע קוים־באמערקבארע נאסע טראָפנדלעך. אבושל וועט קוקן אף איר שמאָל, דאר קערפערל, אף די צעשאָטענע האָר אפן קאָפ, און איר נאָכגיין, ווי א פארקישעפטער. אזוי וועלן זיי ביידע שפרײַזן, ביז טײַבעלע וועט אויסקלײַבן אן אָרט אָדער הינטערן שטעלכל בא זיי אין הויף, אָדער אפן גאָרטן, וואָס איז פארוואקסן מיט בודיקעס און מיט קראָפעווע, און זיי וועלן ביידע זיך דאָרט אוועקזעצן. טײַבעלע מעג אפילע א שאָ ניט אויסריידן קיין וואָרט, וועט אבושל אויך זיצן און שווײַגן, ער וועט בלויז קוקן אפן מיידעלע, ווי א געטרײַער הונט קוקט אף זײַן באלעבאָס. אָבער מערסטנטייל טוט טײַבעלע א טיפן זיפץ, גיט א קוק מיט אירע ליכטיקע גרינגבלעכע אויגן אף אבושלען און הייבט אים אָן דערציילן א מײַסע נאָך א מײַסע. זי דערציילט, אז יענע נאכט האָט זי אליין געהערט, ווי די שטיינער לעם טײַך האָבן געוויינט מיט ביטערע טרערן. דערהערט א טרויעריקע מײַסע, ווערט אבושלס פאָנעם פארביטערט, די גרויסע שווארצאפלען פון די אויגן פאררוקן זיך מאמעש אונטערן שטערן, בלויז מע זעט נאָר די ווײַסלכלעך, וועלכע גלאנצן, שווענקענדיק זיך אין א וואסערל, און פון זײַן מויל רינט ארויס א דין פעדעמל סלינע. מע קאָן מיינען, אז אבושל וועט אָט־אָ באלד זיך צעוויינען ווי א קליין קינד. נאָר דאָ טוט טײַבעלע מיטאמאָל א פאטש מיט די הענטלעך איבער די בעקלעך און הייבט גאָר אָן דערציילן, אז א גאנצע נאכט האָבן אין די סעדער געשפילט קלעזמער און די ביימער האָבן געטאנצט א שער, דעריבער איז אָנגעפאלן אזויפיל בלעטער אף דער ערד. דערהערט א פריילעכע מײַסע, טוט אבושל אויך א פאטש מיט די הענט איבערן פאָנעם, צעלאכט זיך און שרײַט אויס מיט א קוויטשיקל:

— קלעזמער! אײַ, געשפילט! ביימער! אײַ, געטאנצט!

וואָס טײַבעלע זאָל אבושלען ניט זאָגן, וועט ער איר גלייבן. ער וועט זיך אפילע ניט כידעשן, אויב זי וועט אים אײַנרוימען א סאָד, אז יענע נאכט איז זי געווען אפן הימל, דאָרטן איז בא די שטערן געווען א יאריד, מע האָט דאָרטן פארקויפט שיינע שיכעלעך און מאנטעלעך, זי האָט דאָרטן געגעסן ווײַסע־ווײַסע צוקערקעס, אזעלכע זיסע און געשמאקע — טאם־גאניידן. אבושל וועט זיך קוויקן, ער וועט סמאָטשקען מיט זײַנע דיקע ליפן און מעקאנע זײַן טײַבעלען, וואָס האָט פארזוכט אזעלכע זיסע געשמאקע צוקערקעס. און אז טײַבעלע וועט אנשוויגן ווערן, וועט אבושל פלוצעם זיך אָנרופן:

— טע־טע־טע, טײַבעלע, דײַנע האָר אפן קאָפ זײַנען ווי מײַן טאטנס באָרד.

— ניט דײַן אייסעק, — וועט טײַבעלע זאָגן, א באַרויגעזע זיך אופכאפן פון אָרט און אנטלויפן, איבערלאָזנדיק אבושלען אליין.

נאָר טאָמער וועט טײַבעלע באצײַטנס ניט צונעמען אבושלען פון די כעוורע קונדייסים און דער טאטע אבושלס וועט דערזען, ווי דער טאכשיט זײַנער ארבעט אויס מעשוגענע שטיק, וועט עס גלאט ניט אָפגיין. וואָס היליע דער טרעגער זאָל אין דער מינוט ניט טאָן, וווהין ער זאָל ניט גיין, וועט ער זיך אָפשטעלן, צונויפפרעסן צוויי פויסטן, זיך צעגוואלדעווען אף דער גאנצער גאס: „ליימענער גוילעם, א בראָך צו דײַן קאָפ!“ — און זיך לאָזן יאָגן נאָך אבושלען.

היליע דער טרעגער איז געווען א ברייטביינערדיקער ייִד מיט א שווערן גוף אף אויסגעבויגענע פיס, וואָס זײַנען שטענדיק געווען אָנגעטאָן אין פארדארטע פארשטויבטע שטיוול. די לאנגע כאַליעוועס האָבן זיך געקנייטשט פון אויבן ביז אראָפ און בא די ראנדן האָבן זיך געבאָמבלט די לעדערנע אויערלעך, מע האָט געקאָנט מיינען, אז דאָס איז א צירונג, וואָס דארף באשיינען די פאָר גרויסע טרוקענע שטיוואליעס. דער טרעגערישער ברעזענטענער באלאכאָן היליעס איז טאָמיד געווען ארומגעגארטלט מיט א שטריק. מע דערציילט, אז ייִנגלווײַז איז היליע געווען א וווקסיקער און א שטאלטנער, נאָר פון זינט ער האָט אָנגעהויבן שלעפן אף זיך שווערע מאסעס, איז די פלייצע אײַנגעהויקערט געוואָרן און די ראגלאִים האָבן זיך אויסגעבויגן, ווי בא א רײַטער.

היליעס פאָנעם איז געווען ארום און ארום פארוואקסן מיט א ברייטער באָרד, בא די וואָרצלען איז זי רויט געווען, ווי פײַער, און ווײַטער זײַנען די האָר געוואקסן מיט א געל־גרוילעכן אָפגלאנץ. פון מיטן דער באָרד האָט ארויסגע־

שטעקט א האָרבאטע לאנגע נאָז, וואָס מע האָט אין איר גלײַך געקאָנט דערקענען, אז הילִיע האָט ליב מאכן קידעש און האוודאָלע אויך. ווען דער טרעגער איז געווען בעגילופן, פלעגט ער לײַכטער ווערן אף די פיס, ניט געשאָרקעט אזוי מיט די געקאָוועטע אָפּצאסן און זיך געקאָנט יאָגן נאָך זײַן טאכשיט אזוי לאנג, ביז ער האָט אים ניט פארטריבן אין שטעלכל. דאָרטן, אין שטעלכל שוין, פלעגט הילִיע בלײַבן שטיין מיט צעשפּרייטע פיס און סאָפּענדיק נעמען צעגארטלען דעם שטריק. אבושלען האָט מען שוין דעמלט ניט באדארפט מעקאנגע זײַן. עס האָבן בא אים געציטערט הענט און פיס, ער איז געשטאנען אײַנגעהויקערט, שווער געאָטעמט און געקוקט מיט צעטראָגענע אויגן, ווי דער טאטע, קײַענדיק די ליפּן, לייגט צונויף דעם שטריק פריִער אינצווייען, נאָכדעם אינפירן. אבושל האָט ניט געווארט, דער טאטע זאָל אים הייסן זיך לייגן. ער האָט אליין געוווּסט, אז מע דארף פארהייבן דאָס פּידזשאקעלע און אונטערשטעלן דעם רוקן. ער האָט זיך ניט געוווערט, ניט געבעטן ראכמים, ער האָט געוווּסט, אז עס וועט סײַווי ניט העלפן, דער טאטע מוז אויסלאָזן צו אים זײַן ביטער הארץ.

הילִיע האָט געפּאסעוועט אבושלען מיטן שטריק, טוענדיק אלעמאָל א הוקע, ווי ער וואָלט געהאקט האָלץ.

אבושל האָט ניט געשריגן — ער האָט מוירע געהאט, אז די מאמע וועט דערהערן זײַנע געשרייען און קומען צו לויפן אים ראטעווען. דעמלט וועט דער טאטע מאכן פון איר טיל־טעל. פארקריצנדיק די ציין, האָט אבושל בלויז געקרעכצט, באגיסנדיק זיך מיט שווייס. מיט יעדן שמיץ, וואָס דער טאטע האָט געגעבן, האָט אבושל זיך געבויגן נידעריקער און נידעריקער צו דער ערד, און אז עס איז אים שוין שטארק דערגאנגען צום הארצן, האָט ער א פאל געטאָן צו די שווערע אויסגעדארטע שטיוול מיט אן אײַנגעהאלטענעם געיאָמער:

— טא־א־טעלע, האָדי, זאָל שוין זײַן גענוג, טא־א־טע.

דערהערט דעם דאָזיקן פארשטיקטן געשריי, פלעגט הילִיע א שלײַדער טאָן די שטריק אף דער טאטשקע, וואָס איז געשטאנען אין שטעלכל, און ארויסלויפן אין דרויסן. א צעדולטער פלעגט ער אוועק צו דער באָבע כיוורע קויפן א פלאש סאמאָהאָן, דאָרטן טאקע, בא דער אלטער אין שטיבל, האָט ער דורכן העלדזל אויסגעגולגעט די פלאש בראנפן און דערבײַ אלעמאָל זיך פארענטפערט, אז דאָס טרינקט ער דערפאר, ווײַל דער זון האָט בא אים צוגענומען אלע האָפענונגען אין לעבן. ער, הילִיע, האָט געמיינט, אז זײַן בעניאָכיד, וואָס איז קלײנערהייט געווען א גרויסער אנטיק, אָנגעהויבן זיך אזוי גוט לערנען, וועט אויסוואקסן א מענטש, ניט דארפן אזוי בייגן דעם רוקן, ווי דער טאטע. דארף זיך טרעפן, ער זאָל אזוי קראנק ווערן, אז קוים וואָס מע האָט אים אָפּגעראטעוועט: געבליבן לעבן, — נאָר דעם זינען פארלוירן. ווילסט זיך אופהייבן אין דער הייך, כאפּט דיך אָן אן אומגליק פאר די פיס. ער, הילִיע, האָט זיך געלייגט פייגעלעך אין בוזעם, איז אָבער פאראן א גאָט אף דער וועלט, וואָס זיצט פון אויבן און פראוועט פוילע שטיק פון אונטן. פארגלוסט זיך דעם אייבערשטן ארויסווארפן א כיינדעלע, און ער נעמט צו בא אבושלען דעם סייכל און מאכט אים פאר א ליימענעם גוילעם.

וואָס זשע פאר א ברײרע האָט ער, הילִיע, געהאט? אף צעפּיקעניש דעם אלמעכטיקן, האָט ער אָנגעהויבן מאכן א צעגיס, פריִער א טאָג איבער א טאָג, נאָכדעם צוויי מאָל אין מעסלעס. שיקערערהייט האָט הילִיע געהאלטן אין איין טײַנען: „ניטאָ קיין מאזל, ניטאָ“; אז דאָס מעשוגאס באם זון וועט ער סײַווי ארויסשלאָגן. יעדן טאָג, שפּעט באנאכט, פלעגט הילִיע קומען אהיים אונטערן גלעזל, ער האָט דאפקע שטילערהייט אָנגעקלאפּט אין טיר, פּונקט ווי ער וואָלט פאר עמעצן מוירע געהאט, צי ניט געוואָלט אופוועקן דעם טאכשיט זײַנעם, אָבער זײַן ווײַב מינדל האָט ניט געײַלט עפענען, ביז זי האָט ניט באוואָרנט איר זונעלע, ער זאָל זיך ניט ווארפן דעם שיקערן מאן אין די אויגן. זי האָט אבושלען אָפּגעשיקט אפן אויוון, אים אָנגעזאָגט, ער זאָל דאָרטן ליגן ווי א סטאטעק, ביז דער טאטע וועט ניט אנשלאָפן ווערן.

אבושל האָט געפאָלגט. זיך פארקליבן אפן אויוון, האָט ער מוירע געהאט א פּיפּס צו טאָן. ער האָט מיט א פארטײַעט הארץ זיך צוגעהערט, ווי די טיר פלעגט א סקריפּע טאָן און די שווערע שטיוול נעמען אזוי שארקען און קלאפּן איבער דער שטוב, אזש די פענצטער ציטערן. מע האָט ניט געהערט, מינדל זאָל עפּעס זאָגן. זי האָט ניט געשריגן, ניט געשאָלטן זיך, בלויז געקוקט, ווי דער שיקערער פּאָכט מיט דער נעשאָמע, בעט בא איר א קוואָרט קוואס.

אבושל האָט געהערט, ווי דער טאטע זשליאָקעט, קוויקט זיך, ווי ער טוט זיך א וואלגער אף דער סאָפּקע. ערשט ווען די שטוב פלעגט פול ווערן מיט א כאָרכלענדיקן כראָפּען, האָט אבושל זיך אײַנגעשטעלט ארויפקריכן פונעם אויוון און אף די שפּיץ פינגער אוועקלויפן אין אלקער אנידערלייגן זיך אף זײַן געלעגער.

די מאמע וועט אים דעמלט אײַנדעקן, מיט א ווארעמער האנט א גלעט טאָן דעם שטערן, דעם קאָפּ, פארשטעקן גוט די קאָלדרע ארום און ארום, סע זאָל ניט בלאָזן. נאָכדעם וועט זי זיך אויסגלײַכן, דער שאָטן פון איר קליין גופעלע וועט פארגליווערט ווערן אף דער וואנט, זי וועט צונויפלייגן ביידע הענט, ווי זי זאָל זיך קלײַבן ליכט

בענטשן, און ס׳וועט זיך דערהערן א בעטנדיק שעפטשען:

— גאָט אין הימל, האָב ראכמאָנעס אף מײַן קינד, העלף מײַן איין־און־איינציקן זון, מײַן טרייסט. — זי וועט פארן גאנצן טאָג דאָס ערשטע מאָל א זיפץ טאָן, מיט ציטערנדיקע פינגער פארשארן א פאסמע האָר אונטערן אויער און זיך לייגן שלאָפן.

איינמאָל איז היליע געקומען אהיים פארפרי, דאָס איז געווען, ווען ער האָט געארבעט פאר א טרעגער אין דער היגער קאָאָפעראציע. ער האָט ניט אָנגעקלאפט שטילערהייט, נאָר מיטן פוס א זעץ געטאָן אין טיר. אבושל האָט ניט געווארט, די מאמע זאָל אים הייסן זיך באהאלטן, ער איז אליין אפגיך ארופגעקראָכן אפן אויוון, זיך פארשלאָגן אין א ווינקל. עפעס מער ווי קעסיידער האָבן בא אים דאָס מאָל געציטערט די הענט און די פיס. נאָר אומזיסט האָט ער זיך געשראָקן. דער טאטע האָט אפילע ניט געשארקעט מיט די שטיוול, ער האָט זיך אנידערגעזעצט באם טיש, געבעטן א טרונק. און, ווי אלע מאָל, האָט מינדל אים דערלאנגט א פולע קוואָרט מיט קוואס. ווען ער האָט זיך אָנגעטרונקען, האָט ער אָנגעהויבן רעדן:

— וואָס קוקסטו אזוי אף מיר, פלוינעסטע מײַנע? ביזוואנען וועסטו ראטשען אף מיר דײַנע קוקערס, ביזוואנען וועסטו זײַן שטום? — און פלוצעם האָט ער זיך צעגוואלדעוועט. — זאָג שוין עפעס! רייד! דאבער! — און מיט א פויסט א קלאפ געטאָן אין טיש.

אבושל איז דערציטערט געוואָרן, ער האָט זיך אופגעשטעלט אף די קני און דורך דער שפארונע צווישן קוימען און דער וואנט געכאפט א קוק, וואָס עס טוט זיך אין שטוב. ער האָט געזען, ווי דער טאטע שטייט א צעקאסטער, די אויגן ברענען, די באָרד ציטערט, דאָס פאָנעם איז רויט, ווי מע וואָלט עס אָפגעפארעט מיט אָקרעפ, און זי, די מאמע, האָט אײַנגעצויגן דעם קאָפ אין די אקסלען, קוקט אפן שיקערן מיט ברייט צעעפנטע אויגן און ברענגט קיין וואָרט ניט ארויס פון מויל. זי הילט זיך אלץ שטײַפער אין דער שאל, וואָס איז ארופגעוואָרפן אף די אקסלען, און ס׳ווײַזט זיך אויס, אז זי ווערט אלץ קלענער און דארער.

— וועסט עפעס זאָגן? — האָט היליע א דונער געטאָן מיט זײַן געמבע.

מינדל האָט מיט די ציטערנדיקע פינגער פארשארט א פאסמע האָר אונטערן אויער און איז פארגליווערט געוואָרן ווי א שאָטן.

— ווו איז אבושל, וואָס באהאלטסטו אים אויס פון מיר? — האָט ער א שפאן געטאָן נעענטער צו מינדלען און מיטאמאָל אפגיך גענומען צעגארטלען דעם שטריק. — וועסט זאָגן? איך פרעג דיך!

ווי נאָר ער האָט געוואָלט אופהייבן א האנט, האָט אבושל זיך צעשריגן:

— מאמע, שווײַג ניט! זאָג, מאמע! — ער איז ווי א קאץ אראָפגעשפרונגען פונעם אויוון. — אָט בין איך, טא־א־אטעלע! נא, שלאָג גיכער, די מאמע טשעפע ניט! — און ער האָט, ווי שטענדיק, פארהויבן דאָס פידזשאקל און אונטערגעשטעלט דעם רוקן.

מינדל האָט צעשפרייט די הענט, ארומגעכאפט אבושלען און אים איבערגעדעקט מיט דער שאל. ס׳האָט געדוכט, אז זי איז פלוצעם גרעסער און שטארקער געוואָרן. היליע איז נישטוימעם געוואָרן. דער שטריק איז ארויסגעפאלן פון זײַנע הענט; פלאָנטערנדיק מיט די פיס, ווי א מענטש, וואָס פארלירט די קויכעס, איז ער צוגעגאנגען צו דער סאָפקע, זיך א וואלגער געטאָן אף איר און פארביטערט ארויסגעכליפעט:

— אז איך האָב קיין מאזל ניט, איך האָב ניט!

■

אין א צײַט ארום איז היליע דער טרעגער געשטאָרבן. אבושל איז אונטערגעוואקסן. די מאמע זײַנע איז מיטאמאָל געוואָרן אײַנגעהויקערט, שטארק געעלטערט געוואָרן, און אבושל איז איר פארלאָפן אלע וועגן. אפילע ווען מע האָט באדארפט אויסווײַסן די שטוב, האָט ער גלײַך מיט דער מאמען פארקאטשעט די ארבל, אָנגעטאָן איר פארטעך, גענומען אן עמער קרײַד און געפאטשט מיט דער בארשט איבער די ווענט און איבער דער סטעליע.

אבושל איז אליין אוועק אין דער קאָאָפעראציע און געבעטן עפעס אן ארבעט. ער האָט צוגעזאָגט, אז ער וועט ארבעטן ניט ערגער ווי דער טאטע. און בעעמעס טאקע, צו דער ארבעט האָט ער זיך אויסגעטייגט. אז מע האָט געדארפט פירן מעל צו דער בעקערײַ, האָט מען געזוכט אבושלען, און אז מע האָט באדארפט אין גאָרקיך אָנהאקן האלץ, האָט מען גערופן אבושלען. און טאָמער האָט מען צו אלטע לײַט געבראכט א פורל פענקעס פון וואלד, איז אבושל אליין געקומען אראָפטראָגן און צונויפלייגן דאָס האָלץ אין שטאל ארײַן. ער האָט שוין ניט געהאט מער אין זינען לויפן אפן וויהאָן צו די יאטלעך.

ווען מינדל איז קראנק געוואָרן, האָט אבושל זי ניט געלאָזט אײַנטונקען קיין האנט אין קאלט וואסער. ער האָט אליין געשמירט די ערד אין שטוב און געוואשן דעם פאָל אין אלקער, ארײַנגעטראָגן האָלץ און געהייצט די הרובע. דאָס פלעגט ער אָפטאָן גאנצפרי, איידער ער איז געלאָפן אין דער קאָאָפעראציע ארבעטן. און זי, די מאמע, האָט אים אויך אָפגעהיט, ווי דאָס אויג אין קאָפ. פארן שלאָף פלעגט זי אים אײַנדעקן ווי א קליין קינד, געזעסן אף זײַן געלעגער, געגלעט

די קאַלדרע, מיט וועלכער ער איז געווען צוגע־
דעקט, און ביז ער איז ניט אנשלאָפן געוואָרן, איז זי פון אים אַף קיין טראָט ניט אָפּגעגאַנגען. אבושל האָט סייכל געהאַט פאַרמאַכן די אויגן, די מאַמע זאָל מיינען, אַז ער שלאָפט.

אין א ווײַלע ארום הייבט ער אָף אָן עמעס אָן צו דרעמלען און אים שטעלט זיך פאָר, אַז ער זעט פעסעלען, פײַוול דעם רימערס טעכטערל, וואָס זיצט שטענדיק אַפן גאַנעק. פעסעלע איז א שיינע, זי האָט א פּאָר אויגן, וואָס קאָנען אופֿוועקן א שטיין. אָט די גרויסע שווארצע אויגן האָבן איינמאָל א קוק געגעבן אַף אבושלען און מיט זייער בליק דערלאַנגט אים ביז אין דער נעשאָמע. פון דעמלט אָן ווייסט ער ניט, וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען. איז ער נאָר אין דער היים, גייט ער אַלעמאָל צו צום פענצטער כאַפּן א קוק, צי פעסעלע זיצט אַפן גאַנעק. טאָמער איז זי ניטאָ, שטייט זי סײַווי פאַר זײַנע אויגן, ער זעט אפילע, ווי זי דרייט זיך ארום דאָרטן בא זיך אין שטוב, ווי זי פאַרקעמט אירע שיינע שווארצע צעפּ, וואָס הענגען אראָפּ אַף דער פּלייצע און פאָלדעווען זיך ווי די שלענג. אירע בעקעלעך פלאַמען, און די לויטערע אויגן אירע האַלטן אין איין שמייכלען. אין די אָוונטן, איידער ער האָט זיך געקליבן ארויסגיין אין דרויסן, פלעגט אבושל צעקעמען זײַנע געלע פאַרפּלאָנטערטע האָר, אָנטאָן דעם טאַטנס שטיוול, וואָס זײַנען איצטער שטענדיק געווען אָפּגעפּוצט, ארופּציִען אַף זיך דעם טאַטנס יאָמטעוודיקן פּידזשאַק, און דאָס אַלץ צוליב פעסעלען — מאַמעש א גאַנצער כאָסנבאָכער. כוץ דעם, האָט ער אָנגעהויבן רייכערן, איבערהויפּט ווען פעסעלע פלעגט ארויסגיין אַפן גאַנעק. דאַ פלעגט אבושל באַלד אויסוואַקסן בא זיך אין הויף מיט א ציגאַר אין מויל. זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אָן א וואַנט פון שטעלכל, פלעגט ער פאַרוואַרפן א פוס איבער א פוס, ווײַזנדיק זײַנע אָפּגעוועקסלטע שטיוול. ער האָט ניט געקוקט אין פעסעלעס זײַט. זי זאָל ניט מיינען, אַז ער פײַנט זיך אויס פאַר איר, האָט ער געקוקט אין הימל ארײַן און געבלאָזן פון זיך מיט זײַנע דיקע ליפּן דעם רויך.

אין שטעטל האָבן זיך געפונען לייצים, וואָס האָבן זיך ניט געשעמט אָפּשפּעטן פונעם אומגליקלעכן. באַגעגנט אבושלען, האָט מען אים אויסגעשטרעקט א האַנט, געפרעגט, ווי ס'גייען זײַנע געשעפטן. אבושל האָט, מײַסע באַרדאַס, געענטפערט אַף רוסיש: „דיעלאַ אידוט, קאָנטאָרא פּישעט״[1]. נאָכדעם האָט מען געפרעגט, ווען טראַכט אבושל כאַסענע האָבן. אבושל האָט ארײַנגערוקט די הענט אין די הויזן־קעשענעס און געענטפערט גאַנץ ערנסט, אַז צו די מײַיאָמטויווים וועט ער פּראָווען א כאַסענע. אָבער אַז מע האָט זיך געוואָלט דערוויסן, ווער זשע איז די קאַלע, דעמלט האָבן אבושלס אויגן זיך אָנגעצונדן מיט א פײַערל, גענומען לויפן אהער און אהין, זײַן סייכל האָט אים פאַרטראָגן, אַז מע וויל בא אים אָפּשלאָגן פעסעלען, האָט ער פלוצעם מיט דער האַנט א וויש געטאָן דאָס פּאָנעם, זיך צעלאַכט מיט א בײַסעכיק געלעכטערל און מיט א קוויטשיקל אויסגעשריגן:

— א־א מאַקע וועל איך זאָגן!

אבושל האָט זיך אָנגעהויבן היטן. ער איז שוין ניט ארויסגעגאַנגען רייכערן א ציגאַר אין הויף ארײַן, ווען פעסעלע איז געזעסן אַפן גאַנעק. ער פלעגט ארופקריכן אַפן בוידעם, אָפּרוקן א שינדל פונעם דאַך און דורך דער שפּאַרונע קוקן אַפן מיידל וויפל אים האָט זיך געוואָלט.

איינמאָל האָט אבושל פונעם בוידעם דערזען, ווי פעסעלע איז מיט אָן עמער געגאַנגען צו דער קרענעצע. ער האָט גלײַך פאַרגעסן, אַז ער דאַרף זיך היטן. ער איז אראָפּ פון בוידעם, גענומען אָן עמער און קלוימערשט אויך געגאַנגען נאָך וואַסער. ער האָט פעסעלען איבערגעיאָגט, איז צוגעלאָפן צו דער קאָרבע דער ערשטער און אָפּגיך ארויסגעשעפּט א צעבער וואַסער. ווען פעסעלע איז צוגעגאַנגען, האָט ער פון אירע הענט גענומען דעם ליידיקן עמער און אים אָנגעפּילט פון צעבער. פעסעלע האָט זיך צעשמייכלט און אים געזאָגט א דאַנק. אבושל האָט זיך געקוויקט שטילערהייט, קיין גליקלעכערער פון אים איז דעמלט אַף דער וועלט ניט געווען, נאָר אופהייבן די אויגן האָט ער מורא געהאַט, זיי האָבן נאָר געקוקט אַף דער ערד. ער האָט ניט געזען, אַז פעסעלע קוקט אַף אים מיט כויזעק. ווען זי האָט געוואָלט צונעמען בא אים דעם עמער, האָט אבושל זיך פאַרקרימט, ווי א באַליידיקט קינד, און געזאָגט, אַז ער וועט אַליין אָפּטראָגן די וואַסער. פעסעלע האָט געפּרוווט דערווידערן, נאָר אבושל האָט אָנגעפילט אויך זײַן עמער און זיך פּאַוואָליע געלאָזט גיין אהיים מיט ביידע עמער וואַסער. פעסעלע איז אים נאָכגעגאַנגען, געהאַלטן אין איין שמייכלען און געריידט וועגן דעם, אַז אבושל איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן א שיינער באָכער. זי האָט קוים אײַנגעהאַלטן דאָס געלעכטער, און ער, אבושל, האָט געמיינט, אַז די גאַנצע וועלט איז זײַנע. ווען ס'איז אים ניט קיין ביזאָיען, צעווײַנט ער זיך פאַר טײַנעג. ער איז א באַלן געווען איר אויך עפּעס זאָגן, נאָר די צונג איז בא אים ווי צוגעוואַקסן צום גומען.

אַז אבושל איז געקומען אהיים, איז ער שטילערהייט צוגעגאַנגען צו דער מאַמען, וואָס איז געזעסן און געשטריקט האָפּט פאַר די דאָרפישע מיידלעך, פאַרזיכטיק א גלעט געטאָן זי באַם אַקסל, נאָכדעם גענומען דאָס קליינע בענקעלע,

[1] די איניאָנים גייען, די קאָנטאָר שרײַבט — א רוסישער אידיאָמאַטישער אויסדרוק.

עס אונטערגעשטעלט אונטער אירע פיס און אַליין געבליבן זיצן אַף דער ערד.

מינדל האָט ווי אַראָפּגעשלונגען אַ שווערן ביסן, זי האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, געקוקט אַף דער האַפט, אַף די שפּיזלעך מיט פאַרשמאַלטע אויגן און פאַרביסן די ליפּן, זיי זאָלן ניט ציטערן. זי האָט שטאַרק ניט געוואָלט, אַבושל זאָל זיצן אַף דער קאַלטער ערד, נאָר זי האָט אים גאָרנישט ניט געזאָגט, ווײַל זי האָט מיט אַלע איווּרים גע־פילט, אַז איר אַבושלען איז איצט זייער גוט אַפן האַרצן.

און איינמאָל, דאָס איז פאָרגעקומען אַ וואָך פאַר דער מילכאָמע, איז אַבושל אַ פאַרסאַפּעטער אַרײַן אין שטוב. ער האָט קוים איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, ווי ער וואָלט אַנטלאָפן פון עמעצן. דערזען מינדלען, איז ער שטיין געבליבן, דאָס פּאָנעם האָט זיך פּײַנלעך פאַרקרימט, ווי מע וואָלט אַ שטיק פלייש אַרויסגעריסן פון זײַן לײַב. ער האָט אויסגעשטרעקט ביידע הענט און מיט צאָרן, מיט ווייטאָק געזאָגט:

— מאַמע, וואָס האָסטו מיך געבוירן? האַ, מאַמע?

מינדל איז דערשטוינט געוואָרן, די פיס האָבן זיך באַ איר אונטערגעהאַקט. אָנגעשטרענגט אַלע קויכעס, האָט זי זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פאַרן בענקל, אַף וועלכן זי איז געזעסן, און אַ דערשלאָגענע געפרעגט:

— אַבושל, האָסט שוין עפּעס אָפּגעטאָן?

— ניין, מאַ־א־מע, איך קיינעם ניט געטשע־פּעט. איך פּעסעלען געבראַכט צוויי עמער וואַ־סער. איך גאָרניט געמיינט. איר טאַטע, פײַוויש, אַרויס פון שטוב, זיך צעגוואַלדעוועט: „וואָן פונ־דאַנען! ליימענער גוילעם! וואָן...״ און פּעסעלע באַם פענצטער געשטאַנען... געלאַכט, אוי, גע־לאַכט! — אַבושל האָט מיט ביידע הענט פאַר־שטעלט דאָס פּאָנעם און זיך ביטער צעוויינט.

...די מילכאָמע האָט זיך אַלץ דערנעענטערט צום שטעטל, מע האָט שוין געזען, ווי פאַר־שטויבטע סאָלדאַטן, דורכגענעצט אַף דורך און דורך מיט שווייס, גייען אַוועק פון דאָרטן, פונ־וואַנען עס האָט זיך ערשט ניט לאַנג געהערט אַ שיסערײַ; אויסגעמאַטערטע פערד שלעפּן פון דאָרטן די האַרמאַטן, וואָס זײַנען אַרומגעשטעקט מיט צווײַגן פון ביימער... און פלייטים, אָן אַ שיר פלייטים, פרויען מיט קינדער אַף די הענט, זקיי־נים ציִען זיך צו דער סטאַנציע און עס שלעפּט זיך נאָך זיי אַ געדיכטער שטויב. דעמלט איז אַבושל מאַמעש געוואָרן איבערגעקערט. ווער ווייסט, צי ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס ס'קומט פאָר אַף דער וועלט, נאָר ער האָט ניט געקאָנט אײַנזיצן אַף קיין אָרט, געוואָרן צעטראָגן, אַרומ־געלאָפן פון שטוב צו שטוב און זיך צוגעהערט, וואָס מענטשן רעדן. און אין יעדער שטוב האָט זיך געטאָן כוישעך, מע האָט זיך געאַמפּערט, געקריגט, אייניקע האָבן געזאָגט יאָ פאָרן, אַנ־דערע — ניט פאָרן.

מאַלקע די גרויסע, אַן אַלמאָנע מיט דרײַ קינ־דער, האָט געגוואַלדעוועט אַף דער גאַנצער גאַס, מע האָט אַפילע ניט געוווּסט, צו וועמען ווײַל זי אויסלאָזן איר ביטער האַרץ. עמעצער האָט איר געייעצט, זי זאָל נעמען אירע דרײַ קינדערלעך און זיך עוואַקויִרן. נו, נו, האָט זי עס אָנגעהויבן: „וואָס וועל איך טאָן מיט מײַנע היישעריקן אין דער פרעמדער? שטאַרבן פון הונגער קאָן איך באַ זיך אין שטוב!..״

טאָקע אין יענעם טאָג, ווען מאַלקע האָט גע־גוואַלדעוועט, האָט מינדל געזען, ווי אַבושל האָט אַרויסגעפירט די טאַטשקע פונעם שטעלכל און זיך לאַנג געפּאָרעט לעם איר, געשמירט די רע־דער. אַף מאָרגן איז ער אופגעשטאַנען קאַיאָר, שטילערהייט זיך אָנגעטאָן און, גאָרניט זאָגנדיק דער מאַמען, אַרויס פון שטוב.

ליגנדיק אין בעט, האָט מינדל געהערט, ווי אַבושל פירט אַרויס די טאַטשקע פונעם הויף. זי איז ניט געלאָפן אים פרעגן, וווהין פאָרט ער, וואָס ווײַל ער טאָן. די לעצטע צײַט טשעפּעט זי אים ניט, זי מוסערט אים אַפילע ניט, וואָס ער גייט צום אַלטן פּאַרפּאַלק, וואָס וווינט באַם קלוב, טראָגט זיי וואַסער אין שטוב אַרײַן. „ס'איז פאָרט קראַנקע מענטשן, — טראַכט מינדל. — אַבושל געפינט דעם, וועמען מע דאַרף העלפן. אין קאָאָ־פּעראַציע איז שוין קיינער נישטאָ, מע האָט שוין פון דאָרט אַלץ אַרויסגעפירט, זוכט אַבושל זיך אַרבעט, אַבי ניט אַרומגיין ליידיק״.

אָבער ווען אַבושל האָט זיך באַטאָג אומגעקערט אַהיים אַ דערשוויצטער, די באַרוועסע פיס צע־בלוטיקט, האָט מינדל אַ פליִעסקע געטאָן מיט די הענט, זי האָט געוואָלט אָנהייבן שרײַען, פרעגן, ווו איז ער געווען, נאָר אַבושל האָט מיטן אַרבל אַ וויש געטאָן דאָס פּאָנעם און אַ צופרידענער געזאָגט:

— שאַ, מאַמע! ס'איז גוט אַזוי. אײַ, גוט!

וואָס איז די גוטסקײַט, האָט מינדל ניט גע־ווּסט. דערווײַל האָט זי אַ צעטראָגענע גענומען זוכן די שיסל, געוואָלט אים דערלאַנגען וואַסער אַף זיך אַרומוואַשן, האָט אַבושל זי אופגעהאַלטן, געזאָגט, אַז ער וועט אַליין, זאָל די מאַמע צו־גרייטן עפּעס עסן.

אַזוי דרײַ טעג דורכאַנאַנד איז אַבושל קאַיאָר אופגעשטאַנען און מיט דער טאַטשקע אַרויסגע־פאָרן פון הויף. און אַפן פערטן מעסלעס, ווען מע האָט באַמבירט די סטאַנציע און זי האָט אַזוי גע־ברענט, אַז אין שטעטל איז באַנאַכט געווען ליכ־טיק ווי באַטאָג, האָט אַבושל געזאָגט דער מאַמען, זי זאָל זיך גרייטן אין וועג. מינדל האָט געזוכט טערוצים, געטײַנעט, אַז עס האַקט איר אין רוקן, דער קאָפּ ווערט איר אָקאָרשט ניט צעשפּאָלטן. נאָר וועדליק דער זון האָט געפּאַקעוועט די זאַכן,

געגרייט ברעטער אױף צו פֿאַרשלאָגן די טיר, האָט זי פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס מאָל וועט איר גאָרנישט העלפֿן.

גאַנצפֿרי האָט אַבושל צונױפֿגעלייגט די פּעקלעך אױף דער טאַטשקע, פֿאַרקלאַפּט די טיר, נאָכדעם אײַנגעמאָסטעט מינדלען אױף די פּעקלעך, זיך אײַנגעשפּאַנט אין דער טאַטשקע און אַרויסגעפֿאָרן פֿון הויף.

דעם זעלבן טאָג האָבן די דײַטשן פֿאַרנומען דאָס שטעטל. מע האָט ניט געוווּסט, צי אַבושל מיט דער מאַמען האָבן זיך געראַטעוועט, צי זײ ווײלן זיך מוזן אומקערן צוריק.

ערשט אין צוויי טעג אַרום האָבן פּאָליצײַען געפֿונען אַבושלען אַ טויטן, און גוטע מענטשן האָבן אים שטילערהייט געבראַכט צו קווּרע. אַבושלס קערפּער האָט מען געפֿונען ניט ווײַט פֿון באַרג־אָפּריס באַם טײַך. די טאַטשקע, אַ צעבראָכענע, האָט זיך געוואַלגערט אױפֿן סאַמע ברעג. צי מע האָט זיך אָנגעשטויסן, צי עמעצער האָט געזען, נאָר מע האָט דערציילט, אַז די גאַזלאָנים האָבן די טאַטשקע אַראָפּגעשלײַדערט פֿון באַרג־אָפּריס אינײינעם מיט מינדלען, און ווען אַבושל איז געלאָפֿן ראַטעווען די מאַמע, האָט מען אים דערשאָסן.

■

פֿון דעמלט אָן איז אַדורך קימאַט דרײַ צענדליק יאָר.

איצט שטייט אױף אַבושלס קייווער אַ מאַציייווע, צונױפֿגעלייגט פֿון גרויע שטיינער. די דאָזיקע שטיינער האָבן אַהער געבראַכט מאַלקע דער גרויסערס זין, זיי האָבן די מאַציייווע אויסגעלייגט מיט זייערע אייגענע הענט. אױף איין שטיין האָבן זיי אויסגעהאַקט אַזעלכע ווערטער: „אַבושל, מיר ווײלן דיך ניט פֿאַרגעסן“.

יעדער יאָר, אין איינעם און דעם זעלבן טאָג, ווען מע פֿאָרט זיך צונױף אױף קייווער־אָוועס, צו דער גרוב, ווו עס ליגן די שטעטלדיקע קדושים, קומט מען צו גיין אויך צו אַבושלס קייווער. מאַלקע דערמאָנט זיך דעמלט, ווי־אַזוי אַבושל איז אַרײַנגעגאַנגען צו איר אין שטוב, זיך אַנידערגעשטעלט אױף דער שוועל און מיט אַ שולדיק שמייכעלע געזאָגט:

– מאַלקע, אַ ראַכמאָנעס אױף דײַנע קינדער.

אױף מאָרגן קאַיאָר איז ער געקומען זי אָפּפֿירן מיט די קינדער אױף דער סטאַנציע.

און פּעסעלע דערציילט, שלינגענדיק די טרערן, אַז אַבושל האָט זי מיט דער מאַמען מאַמעש מיט גוואַלד אַרויסגעשלעפּט פֿון שטוב. ווען ניט ער, ווו וואָלטן זיי איצט געווען?

בלויז טײַבעלע, וואָס האָט אַמאָל געוווּינט בישכיינעס מיט אַבושלען און וואָס די האָר אירע זײַנען געווען ענלעך אױף היליע דעם טרעגערס באָרד, שווײַגט. זי שטייט נעענטער פֿון אַלעמען לעבן דער מאַציייווע, טוליעט זיך מיטן קאָפּ צו די שטיינער און ווישט אָפּ בישטיקע אַ טרער, וואָס איז אָנגעלאָפֿן צו די ליפּן. טײַבעלע שעפּטשעט עפּעס שטילערהייט, ס'דאַכט זיך, אַז זי דערציילט אַ נײַע מײַסע אַבושלען.

בריוו

איר ווייסט? —
אין אײַערע קעשענעס
ליגן באהאלטענע בריוו,
זייער ווײַט,
זייער שטיל,
זייער טיף.
די בריוו האָבן מיידלעך געשריבן
מיט אײַליקע פינגער
דאַן, ווען איר זײַט געווען
בעסער,
פריילעכער,
יינגער.

ליגן די בריוו
אין אײַערע קעשענעס
און זינגען
און ריידן אף זייער אייגענער שפּראַך.

דערציילן די בריוו
וועגן באַזונדערע מינוטן
אין אײַער לעבן.
וועלן זיך עפענען
די בריוו,
ווי פּאַראַשוטן,
און פאלן אף אײַערע וועגן —
איר זאָלט קיינמאָל
ניט ווערן ערגער.

טיף אין אײַערע קעשענעס
ליגן באהאלטענע בריוו,
ווי פאַרגעסענע סוידעס,
און ריידן אזוי,
ווי איר וועט מער
קיינמאָל ניט ריידן.

דער זיידע פון קאָלכאָז

ווען דער אלטער קומט פון פעלד,
זאָגט ער הויך, א ביסל מיט קאַטאָוועס:
— קינדער, מאַמעס, באָבעס,
גיט אהער די בולבעס
אפן טיש!
ווערט פריילעך,
ראַכוועסדיק און זיס
פון זײַן הויכער גוטמוטיקער שטים.
זעצט ער זיך אוועק באם טיש,
כאַפּט א קוק, צי אלע זיצן.
און דעמלט טוט ער זיך א קרים:
— ווו איז די מיזינקע?
זיצן כעוורע פריילעכע, לאַכן, עסן, טרינקען...
— בא דעם אלטן איז קעסיידער
ווי אף א וועטשערינקע!
נאָך וועטשערע
גייט דער אלטער טאַנצן:
— קינדער! ווײַבער,
גיט די הינער פּיקן!
לאַכן די קאָלכאָזניקעס:
— דער אלטער מאַכט זיך שיקער!
און דער אלטער הערט ניט אוף צו פרעגן:
— ווו איז די מיזינקע?
ברענגט מען אים דאָס אייפעלע
אין דורכזיכטיקע קליידעלעך,
אין סטענגעלעך, אין בענדעלעך, —
וואַרפט אראָפּ דער אלטער דעם קאַמזויל
און בלײַבט אין איינעם העמדל,
ווישט זיך אָפּ די וואָנצעס
און צעלאַכט זיך הילכיק.
נאָר די באָבע וואָרטשעט אונטער:
— האַלט זי פעסט,
לאָז, כאָלילע, ניט
דאָס קינד ארונטער...

פון יענע געסלעך דארפסטו אופשײַנען,
ווו ס'וואקסן ניט קיין ביימער און קיין בלומען,
ווו ס'האָט געלעבט דײַן טאטע,
אַן אָרעמער, אַ מידער,
מיט זײַנע מיצוועדיקע אויגן.
אַ באוואקסענער איז ער געזעסן
אין זײַן ווײַסן העמד
און עפּעס שטיל געזאָגט דײַן מאמען,
זיך שאָקלענדיק
צוזאמען מיטן שאָטן אף די ווענט.
פון יענע געסלעך דארפסטו אופטויכן
אַן אייגענע,
אַ הארציקע,
אַ לײַכטע —
מיט לאַנגע שווארצע האָר,
מיט אויגן פײַכטע,
מיט דײַנע פרישע צוואַנציק יאָר,
מיט דײַנע לײַכטע פיסלעך.

צו מײַן מיידל

מיט דײַן פארזאָרגטער אומרויִקער שטים —
א רויִקע,
א יִדישע,
א קליינע.
מיט שלוימעלעך,
מיט כאַזמלעך
אונטער די ביינער.
פון יענע געסלעך
דארפסטו מיך א רוף געבן,
א שלעפּ געבן באַם ארבל
און ניט דערלאָזן,
איך זאָל אינגאנצן
אונטערגיין און שטארבן.
אַף נײַע גאסן
ווערסטו מיך אוועקפירן —
דורך אופגעפּראַלטע טירן.

דײַן אָפּשפּיגלונג

דײַן פענצטער איז ליכטיק,
ניט פארהאנגען, אָפן —
דו ביסט אין דער היים,
א ביסעלע פארשלאָפן.
דו זיצסט און דו קוקסט
אין ווינקל — אין שפּיגל,
דו ביסט גליקלעך, ווי א קינד
אין א ווארעם וויגל.

איך קוק אַף דײַן פענצטער,
אָבער מיר כאַלעמט זיך דײַן טיר...
מיר זיצן און מיר טרינקען
פון גאָלדענעם געשיר,
דו שעפּטשעסט מיר אפן אויער,
דו זאָגסט מיר צו,
דו רופסט מיך, דו לאַקסט מיך:
„צעשטער מיר מײַן רו...“

יורי ריטכעו

קאַקאָט און זײַנע ציפּערן

יורי ריטכעו איז א טשוקטשע. זײַן דערציילונג וועגן דעם טשוקטשע קאַקאָט איז אן ערלעך ריין ווערק, וואָס נעמט פאר דער נעשאָמע. עס דערמאָנט אונדז, אז דער גרעסטער טייל פון דער מענטשהײַט דערשלאָגט זיך דאָס שטיקל ברויט מיט ביטערן שווייס.

דאָס, וואָס ווערט אָנגעשריבן פון א באַגאַבט־אָרנט־לעכער האַנט, איז טיפּזיניק.

קאַקאָט פארשרײַבט ציפערן אָן א שום מיין עפּעס צו באַרעכנענען, אָבער דער לייענער פארשטייט, אז קאַקאָט האָט א גרויסן כעזשבן מיט דער וועלט, טאַקע דערפאר וואָס די וועלט האָט אים ארויסגעוואָרפן פון כעזשבן. קאַקאָט איז אָרעם, פינצטער. א סאַך מענטשן געפינען זיך אין קלעם פון פינצטערע פאָרור־טיילן. קאַקאָט גייט צום שאמאַן, און ער האָפט, אז יענער וועט אָפּראַטעווען דאָס שטערבלעך־קראַנקע ווײַב זײַנס פון טויט. אָבער קאַקאָט געהערט צו דעם מין מענטשן, וועלכע לעבן ניט נאָר צוליב עסן און שלאָפן. ער קוקט, ער טראַכט, ער וויל אפילע באַנע־מען, וואָס איז אויסן אָסקאַר וויסטינג מיט דעם, וואָס ער זיצט און שרײַבט קעסיידער ציפערן. קאַקאָט אליין ווערט קראַנק אף א פײַנלעכער קרענק, ער הייבט אָן צו פארשרײַבן ציפערן אף יעדן שטיקעלע פּאַפּיר, וואָס מאַכט זיך אים אונטער דער האַנט. פאַר־שטייט זיך, אז פון דעם קומט גאָרנישט ניט ארויס!

קאַקאָט ווייסט ניט, אז א סאַך וואָלטן מיט עקל זיך אָפּגעקערט פון זײַן אָפּגעצערט, פארלײַזיקט מיידעלע, וועלכע ער האָט געבראַכט אף דער שיף. ער זיצט זיך אין דער זײַט, און צו אים דערגייט ניט, וואָס פאר א מענטש אמונדסען איז. ער איז ניט אַנ־ציקט פון דעם, וואָס דער גרויסער רײַזנדער האָט פארקאַטשעט די ארבל און שערט מיט דער שער די ווייכע פּאַטלעס האָר. קאַקאָט זיצט זיך אין א זײַט, גלײַך ווי מע אייסעקט זיך מיט א פרעמד קינד.

אָבער דערפאר ווייסט קאַקאָט גאַנץ גוט, אז עס איז גלײַכער, זײַן טעכטערל זאָל פאָרן קיין אָסלאָ זיך לערנען, ווײַל דאָס סאַמע אָרעמאַנסקע לעבן באַ די ווײַסע איז ניט געגליכן צו דער ביטערער אויס־קומעניש אין דער פינצטערער יאַראַנגע.

די דערציילונג, וואָס זעט אויס אין פלוג ווי א מײַסע וועגן א ווילדן מענטשן, איז אין טאָך גאָרניט אזא. זי לאָזט נאָכטראַכטן, זי זאָגט אונדז נאָכאַמאָל, אז אלע מענטשן זײַנען מיט וואַרעם בלוט אין די אָדערן.

די דערציילונג דערמאָנט אונדז אויך אין דעם הער־לעכן געשטאַלט פון רואל אמונדסענען און אין נאָך אזוינע שטראַלנדיקע ליכטיקע פערזענלעכקײַטן, וואָס זאָגן אונדז: טוט אזוי, ווי מיר האָבן געטאָן.

ד ע ר   א יִ ב ע ר ז ע צ ע ר.

ווען אמונדסען האָט געזאָגט, אז ער וויל נעמען קאַקאָטן פאר א קעכער אף דער „מאַד", זײַנען די טשוקטשעס געקומען אף דער שיף בעטן דעם גרויסן רײַזנדער, ער זאָל אָפּשאַפן דעם גזאר און זאָל בעסער נעמען אן אנדערן אף קאַקאָטס אָרט.

קאַקאָט גופע איז געשטאַנען אין א זײַט און געשוויגן. זײַן פּנים האָט אויסגעדריקט פאַר־טראַכטקײַט און פּײַן. זײַן בליק איז געווען אָנגעצילט אף דעם גראָען שטיינערנעם דרײַעק, וועלכער האָט ארויסגעשטאַרצט פון יאַם און מעשונעדיק זיך געצייכנט אין דער לופט, און עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אז בלויז דער געדאַנק אליין וועגן פארלאָזן אָט דעם שטיינערנעם שפּליטער, וועלכן מע רופט דאָ „האַרץ־שטיין", איז פאר קאַקאָטן ביז גאָר פּײַנלעך.

— עס איז דיר א שאָד אוועקפאָרן פונדאַנען? — האָט אמונדסען געפרעגט.

קאַקאָט האָט שווײַגנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אויב אזוי, קאָן איך נעמען אן אנדערן, — האָט אמונדסען געלאָזט וויסן.

קאַקאָט האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט, ער איז אוועק צום טראַפּ מיט דער דייע צו פארלאָזן די שיף.

— שטיי! — האָט אַמונדסען אַ געשריי געטאָן און זיך געלאָזט דערייאָגן קאַקאָטן, כאָטש אין הארצן האָט ער זיך געמוסערט דערפאַר, וואָס ער ווייזט ארויס אזא שוואַכקייט. נאָר ער האָט שוין גאָרניט געקאָנט מאַכן מיט זיך. ער האָט פּלוצעם זיך דורכגעדרונגען מיט אַ גוט געפיל צו אָט דעם מענטשן, וואָס איז אזוי ניט ענלעך צו זיינע לאַנדסלייט — די טשוקטשעס, צו די דאָזיקע אַרקטישע אָפּטימיסטן, וועלכע האָבן מוט צו שמייכלען אפילו אין דער שרעק־לעכסטער קרירע, בייס אַ הוראַגאַן־ווינט, בייס די לאַנגע ווינטערדיקע, פינצטערע הונגער־כאַדאָשים.

קאַקאַט איז שטיין געבליבן באַם טראַפּ.

— איך נעם דיך פאַר אַ קעכער! — האָט אַמונדסען געזאָגט הויך, אַז אַלע זאָלן הערן. גאַטפּרעד האַנסען, וועלכער איז געשטאַנען דערנעבן, האָט באַהאַלטן אַ שמייכל אין די וואָנצן.

און קאַקאַט האָט זיך אַריבערגעקליבן אַף דער „מאָד" אין אַ קליינער קאַיוטקע, וווּ עס איז געשטאַנען אַ בעטל און אַ טיש, וועלכער איז געווען צוגעפעסטיקט צו דעם הילצערנעם באָרט.

דעם ערשטן טאָג, ווען דער נייער קאָך איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, האָט מען פאַר אים געמאַכט אַ רעכטע שוויץ־באָד, דערנאָך האָט מען אים געגעבן ריין אָנטאָן. קאַקאַט האָט זיך אויסגעשטראָצלט אין אַ וואָלן לייבל, אין קאָרטענע פּליודערן. נאָר די נערפּע־שטיוול זיינען אים פאַרבליבן פון די פריערדיקע בעגאַדים.

וויאַזוי מע דאַרף קאָכן, האָט מען מיט אים געקנעלט אַמונדסען אַליין. אין דעם קאַמבוז האָט זיך געפונען אַ פּליטע מיט אַ סאַך קאָלערליי איינריכטונגען. גלייך לעבן דער פּליטע איז גע־שטאַנען אַ מין קישעף־קאַסטן, אין וועלכן עס האָט גאַנצענע טעג געפּריעט אַ קאַשע פון האָ־בערנע גרויפּן; די דאָזיקע קאַשע האָט די מאַנשאַפט פון דער שיף אַריינגעאַכלט מיט גרויס כיישעק. גאַנץ גיך האָט קאַקאַט זיך אויסגעלערנט פּרעגלען הירשן־פליייש, פיש, קאָכן אַ זופּ פון קאָנסערוון, מאַכן אַ קאָמפּאָט פון געטריקנטע פּרוכט. אָבער באַקן בולקעלעך האָט ער זיך בעשום־אויפן ניט געקאָנט אויסלערנען. די בולקעלעך האָט געבאַקן אַמונדסען אַליין. קאַקאַט איז געשטאַנען אין דער זייט און זיך צוגעקוקט, ווי דער וווּקסיקער לאַנגנאָזיקער נאַרוועגער אייסעקט זיך באַם טייג, ווי ער קישעפט אויס פון דעם ווייסינקע בולקעלעך, שטעלט זיי אַריין אין בראָט־קאַסטן און נעמט זיי אַרויס פון דאָרטן אופגעגאַנגענע און מעכייעדיק־ברוינלעכע.

אין די אָוונטן, נאָך דער וועטשערע, האָט קאַקאַט זאָרגעוודיק געוואַשן די הענט, מיט אַ נאַסער שמאַטקע אַרומגעווישט דאָס פּאָנעם און מיט אַ ניט געוואוגטן זייטלענדיקן טראָט זיך גע־לאָזט גיין אין דער קאַיוט־קאָמפּאַניע. פון דער ברייטער גראַמאָפאָן־קעל האָבן זיך אַרויסגעריסן מאָדנע קלאַנגען, וועלכע האָבן גענומען קאַקאָטן באַ דער נעשאָמע. די קלאַנגען האָבן אים אוועקגעטראָגן ווייט־ווייט, וווהין ער האָט מער זיך שוין ניט געוואָלט אומקערן... דאָרט איז געבליבן דער קייווער פון זיין געליבטן ווייב, דאָרט באַ פרעמדע מענטשן געפינט זיך זיין איינ־ציק טעכטערל, אַ פּרילינג־פייגעלע, אַ זון־שטראַלכל...

די ריינזנדער האָבן זיך געלאָזט וווּלגיין, זיי האָבן געשפּילט אין אומפאַרשטענדלעכע שפּילן, עפּעס געשריבן אַף פּאַפּיר־בלעטער. קאַקאַט האָט געוווּסט, אַז די צייכנדלעך אַפן פּאַפּיר זיינען ווערטער, וואָס ווערן געשריבן, ווען מע דאַרף עפּעס צו וויסן געבן עמעצן, אָדער ווען מע וויל זיך מאַכן אַ סימען, קעדיי ניט צו פאַרגעסן דאָס, וואָס מע וויל פאַרגעדענקען.

יו. ריטכעו

נאָר איין מענטש האָט שטענדיק געשריבן עפּעס אַזוינס, וואָס איז אַנדערש געווען, ווי באַ די איבעריקע מענטשן. דאָס איז געווען אָסקאַר וויסטינג. ער פלעגט זיך צוזעצן צום ראַנד פונעם גרויסן טיש און פאַנאַנדערעפענען אַ דיק בוך, אין וועלכן עס זיינען געווען אָנגעפּינטלט קליינע געטאָקטע צייכנדלעך. אָסקאַר האָט אַריינגעקוקט אין בוך מיט אָנזעעוודיקער האַנאָע, צייטנווייז האָט ער באַוועגט מיט די ליפּן, עפּעס גע־פּרעפּלט פאַר זיך. אַנומלטן האָט קאַקאַט ניט אויסגעהאַלטן און געפרעגט:

— גוטע ווערטער?

— ווו? — האָט וויסטינג אופגעצאַפּלט.

— אָט דאָ, — האָט קאַקאַט אַ טייטל געטאָן מיט זיין פינגער אין דעם זייטל, ווו עס זיינען אין שטראַמע שורעס אויסגעשטעלט געווען די אומפאַרשטענדלעכע צייכנדלעך.

— דאָס זײַנען ניט קיין ווערטער, — האָט וויסטינג געענטפערט, — דאָס זײַנען צאָלן.

וויסטינג האָט גערעדט ענגליש, קאקאַט האָט א ביסל פארשטאנען דאָס לאָשן, אָבער וואָס באטײַט דאָס וואָרט „צאָלן", — האָט ער ניט אָנגעהויבן צו וויסן. דעריבער האָט ער געפרעגט:

— וואָס הייסט עס?

— צאָלן? — האָט וויסטינג פארטראכט געפרעגט. — ווי זאָל איך דיר דאָס דערקלערן?.. זע, אָט האָסטו איין פינגער, — וויסטינג האָט דערבײַ אָנגערירט איינעם פון קאקאַטס שיינע פינגער, פון וועלכע אמונדסען אליין האָט אָפּגעשוירן די נעגל, — לעבן דעם פינגער האָסטו א צווייטן, א דריטן, א פערטן און א פינפטן... שטעל איך אוועק א ציפער פינף. ווער עס וועט דערזען דעם פינף, דער וועט גלײַך וויסן, וויפל פינגער דו האָסט... פארשטענדלעך?

— א סאך פּאָשעטער איז אָנמאָלן א האנט, — האָט קאקאַט באמערקט.

וויסטינג האָט אין פארלעגנהײַט א קוק געטאָן אפן פארזאָרגטן קאָק.

קאקאַט האָט מער גאָרנישט ניט געפרעגט, נאָר פון דענסטמאָל אָן איז אים פאר די אויגן אלץ געשטאנען דער סוידעספּולער צייכן, מיט וועלכן וויסטינג קאָן אָפּציילן זײַנע פינגער, און מאָדנע גערעגט זײַן געדאנק. עס טרעפט, אז בא דער ארבעט פארטראכט זיך קאקאַט, ער שטעלט זיך מיטאמאָל אָפּ, פארטראכט זיך און קוקט לאנג אף זײַנע הענט, דערמאָנענדיק זיך דאָס צייכנדל, וואָס איז ענלעך צו דעם האָקן פונעם גרויסן קעסטל, דאָס קליינינקע צייכנדל, וואָס נעמט אין זיך ארײַן דעם באדײַט פון אלע פינף פינגער אף א מענטשלעכער האנט.

די לינקע האנט איז פונקט אזא, ווי די רעכטע, כוץ דעם, האָט יעדער מענטש פיס, אף יעדן פוס איז פאראן פונקט אזויפיל פינגער, ווי אף די הענט. אלע פינגער רופט מען אף טשוקטשיש „קליקין", דאָס באטײַט, נעמלעך, — א מאנצבל, א מענטש פון מענערישן געשלעכט. כאָטש די פרויען האָבן פונקט אזויפיל פינגער, ווי די מאנצבלען, רופט מען עס פונדעסטוועגן „קליקין". און דאָס איז די הויפּט־צאָל: אלע גרויסע צאָלן באשטייען פון „צוואנציקער".

גרויסע צאָלן... קיין איבעריקע באדערפעניש זיי צו וויסן האָט ניט דער יאראנגע־טוישעוו. קעדיי אָבער ציילן די געהארגעטע יאם־כײַעס, סטײַען די פינגער אף די אייגענע הענט און פיס, און אין גאָר געלונגענע צײַטן זײַנען דאָ אין רעשוס די ענדגלידער פון דער גאנצער מישפּאָכע, וואָס זיצט אין ווארעמען געלעגער אָן שום מאלבושים און, דאָס הייסט, אויך אָן שוכווארג.

קאקאַט האָט זיך געבעריעט בא דער הייסער פליטע און געטראכט וועגן צאָלן. אמונדסען האָט פאר אים אופגענייט פון ווײַסן שטאָף א גרויסע קעכער־מיץ און א ספּעציעל כאלאטל, וועלכן מע האָט געדארפט טראָגן נאָר בא דער פליטע, כאָטש, לויט קאקאַטס מיינונג, ווי אויך לויט דער דייע פון זײַנע לאנדסלײַט, וואָלט אין אזא אָנטאָן געווען זייער באקוועם צו פארפאָלגן שניי־פוקסן אָדער זיך אונטערגאנווענען צו יאם־כײַעס, ווען זיי קריכן ארויס אפן אײַז. די ווײַסע מיץ איז איינע, און דאָס כאלאטל אויך איינס. פאנען צו קאָכן זײַנען געווען דרײַ. אלץ, וואָס האָט זיך געפונען אין קיך, איז געווען גרינג איבערצוציילן.

און וויסטינג זעצט זיך אלע אָוונט אוועק באם ווינקל פון טיש און שרײַבט ראק זײַנע צאָלן. דאָס זײַנען געוויס אזוינע גרויסע צאָלן, אז מע קאָן זיי גאָר אפן מויעך ניט ארופנעמען. ווער ווייסט, וויפל צוואנציקער עס קאָן זײַן? א טהאָם!

קאקאַט פלעגט שטילינקערהייט זיך דערנעענטערן צו וויסטינגן, און, ווען ער פלעגט אָנהייבן ארײַנאָטעמען אים אין אויער ארײַן, האָט יענער אומצופרידן אופגעהויבן דעם קאָפּ. דאַן רוקט זיך קאקאַט שולדיקלעך אָפּ אין דער זײַט.

איינמאָל האָט וויסטינג ניט אויסגעהאלטן און געפרעגט:

— שוין זשע איז דיר דאָס אינטערעסאנט?

— זייער אינטערעסאנט! — האָט מיט הארצקלאַפּעניש געענטפערט קאקאַט.

אָסקאר וויסטינגן איז אײַנגעפאלן א לוסטיקער געדאנק צו דערקלערן דעם דאָזיקן ווילדן טשוקטשע, וואָס די ציפערן באטײַטן. ער האָט אים געוויזן אָן איינס, א צוויי, א דרײַ און אזוי קעסיידער ביז צען. קאקאַט האָט טייקעף געכאפּט דעם טאָך פון דער זאך, נאָר ער האָט זיך אויסגעגליטשט אף די צען. אָבער דאָס האָט ניט לאנג געדויערט. אפן פינפטן אָוונט האָט קאקאַט באנומען, אז די ווײַסע מענטשן, אין אונטערשייד פון די טשוקטשעס, ציילן אף צענדליקער, ניט אף צוואנציקער.

איצט האָט קאקאַט געשריבן ציפערן אף יעדער שטיקל פּאַפּיר, וואָס איז אים נאָר ארײַנגעפאלן אין האנט, ער האָט עס געטאָן מיט אזא פלײַס, אז די ציפערן, וועלכע ער האָט געמאָלט, האָבן אויסגעזען קימאט ווי געדרוקטע. אלץ, וואָס זײַנע אויגן האָבן געזען, איז גלײַך איבערגעציילט געוואָרן: די קאָמאנדע פון „מאָד", די געסט, וועלכע האָבן באזוכט די שיף, די פעלכלעך פון די שניי־פוקסן, וועלכע אמונדסען פלעגט אויסבײַטן, די פאנאנדערגעהאנגענע אף דער

שיף־דעק פֿעלן פֿון ווײַסע בערן. אַלע שטיקלעך פּאַפּיר, וועלכע ער פֿלעגט געפֿינען, האָט קאַקאַט גוט אויסגעגלעט, קעדיי האָבן אַף וואָס אין אָוונט, זיצנדיק לעבן אָסקאַר וויסטינגן אין דער קאַיוט־קאָמפּאַניע, צו פֿאַרשרײַבן אונטער די קלאַנגען פֿון גראַמאָפֿאָן מיט ציפֿערן אַלץ, וואָס ער האָט געזען פֿאַר אַ גאַנצן טאָג.

טאָמער האָט אים פֿאָרט קיין פּאַפּירלעך ניט געקלעקט, פֿלעגט ער אַראָפּגיין פֿון דער שיף אַפֿן אײַז און מיט דער קאָטשערע צייכענען די ציפֿערן אַפֿן שניי.

די הינט פֿלעגן זיך לאָזן נאָך אים, ווייסנדיק, אַז ער האָט אַ שטיקעס צום סאַמע כּיעסדיקן אָרט אַף דער שיף, זיי האָבן פֿלײַסיק אַרומגעשמעקט די אָנגעמאָלטע ציפֿערן אַפֿן שניי, פֿאַנאַנדערגעשאַרט זיי מיט די לאַפּעס, געמיינט צו געפֿינען אונטער זיי אַ נאַשערײַ און אַנטוישטע אַוועק, קוקנדיק מיט פֿאַראַכטונג אַף דעם קעכער, וועלכער איז נאָך לאַנג דערנאָך געשטאַנען אַ פֿאַרוווּנדערטער און אַ לעקישעוואַטער באַם פֿאַנאַנדערגעשאַרטן שניי.

קאַקאַט גופֿא האָט ווי געפֿילט אַ געוויסע פֿאַרלעגנהײַט, דערפֿאַר האָט ער געשריבן די ציפֿערן, ווען קיינער זעט ניט, אָדער נאָר אין קאַיוט־קאָמפּאַניע לעבן אָסקאַר וויסטינגן; יענער פֿלעגט קוקן מיט אַ שפּאָט־שמייכעלע אַף דעם, וואָס דער קעכער איז אַזוי פֿאַרטאָן אין דער אומזיניקער אַרבעט.

— וויפֿל איז עס? — האָט וויסטינג אַנומלטן געפֿרעגט, אַ שטעק געבנדיק דעם פֿינגער אין איינער פֿון די ציפֿערן, וואָס זײַנען געווען פֿאַרשריבן אַף אַ שטיקל פּאַק־פּאַפּיר.

— דאָס איז אַלעקסאַנדער קיסק מיט זײַנע פֿערצן הינט, — האָט קאַקאַט געענטפֿערט, און ער האָט זיך קלאָר דערמאָנט, ווי דער סויכער איז הײַנט צוגעפֿאָרן צו דער שיף, ווי ער האָט אַרײַנגעהאַקט דעם שטאַק אין האַרטן שניי, איז אַרויף אַף דער פּאַלובע און גלײַך גענומען שנופּן מיט דער נאָז, ווײַל ער האָט געוואָלט דערגיין, צי עס שמעקט דאָ מיט בראַנפֿן. דערבײַ האָט קאַקאַט זיך אויך דערמאָנט, ווי ער האָט געגעבן דעם סויכער אַ פֿלעשל ברוסניקע־זאַפֿט, ווי יענער האָט עס אויסגעזשליאָקעט און זיך פֿאַרקרימט, גלײַך ער וואָלט אײַנגענומען אַ ביטערע רעפֿוּאה... נאָר וואָס מער צאָלן קאַקאַט האָט געשריבן, אַלץ ווינציקער האָפֿט האָבן זיי געהאַט, אַלץ מער האָבן זיי פֿאַרלוירן דעם צוזאַמענהאַנג מיט אַ געוויס אָרט, מיט אַ באַשטימטער געשעעניש. דעמלט האָט ער אופֿגעהערט זיי צו שרײַבן.

ווען וויסטינג האָט עס באַמערקט, האָט ער געמיינט, אַז קאַקאַטן האָט קיין פּאַפּיר ניט געקלעקט, און ער האָט אים געשענקט אַ פֿײַנעם דיקן העפֿט, וועלכן ער האָט געהיט אַף צו פֿאַרשרײַבן די מאַגנעט־באַאָבאַכטונגען.

אַ היפּש שטיקל צײַט האָט קאַקאַט צום העפֿט ניט געקאָנט זיך צורירן. אַ פֿײַנלעך פֿאָרזגעפֿיל האָט אים יעדעס מאָל אַרומגעכאַפּט, ווען ער האָט געבלעטערט די אומשולדיק־ריינע ווײַסע פּאַפּיר־זײַטלעך. ער האָט געבלעטערט דעם העפֿט און געטראַכט: „וויפֿל ציפֿערן קאָנען זיך דאָ אויסשטעלן, וואָס פֿאַרא גוזמעדיקע צאָלן די ווײַסע בלעטער קאָנען אַרײַננעמען!“ עס פֿלעגט אים פֿאַרכאַפּן דער אָטעם! און אַלץ הייבט זיך דאָך אָן פֿון אַן איינס, פֿון איין שטעקעלע, וואָס באַטײַט איינס... איין מענטש, איין פֿליג, איין הונט, איין שיף, איין קאַקאַט, איין אַמונדסען... איין טעכטערל! איין טעכטערל, וואָס איז געבליבן בײַ ווײַטע קרוויוּים, אין אַ ווײַטן, ווײַטן יישוּוו.

אין איינעם אַן אָוונט האָט קאַקאַט פֿאָרט ניט אויסגעהאַלטן. ער האָט פֿאַרמאַכט די טיר פֿון זײַן קאַיוטקע, פֿאַנאַנדערגעעפֿנט דעם העפֿט און זיך גענומען צו דער אַרבעט. מיט אַ שאַרף־אָפּגעשניצטער בלײַיקע האָט ער אַפֿן ערשטן זײַטל, פֿון אויבן, אין לינקן ווינקל, אַוועקגעשטעלט אַן „1“. ער האָט אַ שווערן זיפֿץ געטאָן, ווײַל מיט דעם איינס האָט ער געמיינט זײַן טעכטערל. פֿאַר זײַנע אויגן האָט געשוועבט אַ קליין קינדערש פּנעמל...

אַף מאָרגן האָט קאַקאַט געמאָלדן אַמונדסענען, אַז ער מוז אַף אַ צײַט פֿאַרלאָזן די שיף.

— וואָס איז געשען, קאַקאַט? — האָט אַמונדסען געפֿרעגט. — עס געפֿעלט דיר דאָ ניט?

— עס געפֿעלט מיר גרײַלעך, — האָט דער קעכער אומעטיק געענטפֿערט, — אָבער איך מוז פֿאָרן געוויר ווערן מײַן טעכטערל. מיר דאַכט זיך, אַז זי איז קראַנק.

עס איז אַוועק אַ לאַנגע צײַט. אַף דער שיף האָט מען שוין פֿאַרלאָרן אַוועלכע־עס־איז האָפֿענונג, אַז קאַקאַט זאָל אַהער ווידער קומען. מיטאַמאָל האָט ער זיך געיאַוועט אין דער קאַיוט־קאָמפּאַניע. אַלע האָבן פֿאַרוווּנדערט געקוקט אַף אים און אַף דעם קלומעק פֿון הירשן־פֿעלן, וואָס קאַקאַט האָט געהאַלטן אין זײַנע אָרעמס.

ווען מע האָט פֿאַנאַנדערגענומען די הירשן־פֿעלן, האָט מען דערזען, אַז אין קלומעק ליגט דעם קעכערס מיידעלע, אַ קינד פֿון אַ יאָר זעקס. די רײַזנדער, וועלכע האָבן שוין געזען גענוג בייזוונדער, זײַנען דערשטוינט געוואָרן: דאָס אויסגעסאָכניעטע, אײַנגעשרומפּענע קערפּערל פֿונעם קינד איז דורכויס געווען אין בלאָטערן.

אמונדסען האָט שווער אָפּגעאָטעמט און עטלעכע מאָל א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. דער־נאָך האָט ער אנטשלאָסן באַפוילן:

— הייס וואסער, זייף, ריינע האַנטעכער!

יעדערער האָט זיך באַמיט צו העלפן. איינער האָט געבראַכט א קופּערנע שיסל, א צווייטער — א גרויסע פאַן הייס וואסער, א דריטער האָט געשאָטן מיט אייצעס, אָבער אמונדסען האָט שוין פאַרקאַטשעט די אַרבל, ער האָט אָנגעטאָן א פאַרטעך און מיט א שער אָפּגעשוירן דעם מיידעלעס האָר, וואָס האָבן געשוויבלט מיט אומפליייט.

נאָר קאַקאָט איז געזעסן אַפּאַטיש, גלײַך ווי מע וואָלט דאָ געבאָדן ניט זײַן טעכטערל. ער האָט געקוקט אַף זײַן קינד און ער האָט געטראַכט, אז צאָלן האָבן נאָך אין אייגנשאַפט — זיי קאָנען פאַרקלענערט ווערן. און אָט — דאָס טעכטערל זײַנס — דאָס איז אַלץ, וואָס איז געבליבן נאָך דער שווידערלעכער קרענק, וואָס האָט אומגעבראַכט אַלע קרוויים זײַנע: די עלטערן, דאָס ווײַב, די ברידער און שוועסטער. קימאַט דעם גאַנצן יִשעוו האָט דער טויט פאַרשניטן. און די לעבן געבליבענע קאָן מען איבערציילן מיט איין „קליקין" — איין צוואַנציקער.

דאָס האָוועניש אַרום דעם קעכערס מיידעלע האָט פאַרכאַפּט די גאַנצע מאַנשאַפט. מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער איז מערי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א פּרעכטיק, פריילעך ווזן. קאַקאָט האָט אָפּט קוים געגלייבט, צי איז דאָס צויבער־מיידעלע אינדערעמעסן זײַן קינד. אָבער אירע אויגן, דער אויסדרוק פון איר פּנעמל, אירע האָר האָבן אים אַזוי דערמאָנט דאָס פאַרשטאָרבענע ווײַב זײַנס, אז ער האָט געפילט א זודיקן ווייטעק אין אַלע זײַנע גלידער.

אין די אָוונטן, ווען די מאַנשאַפט איז זיך צונויפגעקומען אין דער קאַיוט־קאָמפּאַניע, האָט מען זיך געיישעווט, וואָס מע זאָל טאָן מיט מערין אַף ווײַטער. ענדלעך זײַנען אַלע אײַנגעגאַנגען אַף דעם, אז מערי זאָל איינינעם מיט דעם סויכער טשאַרלז קאַרפּענטערס ייִנגערער טאָכטער פאָרן קיין אָסלאָ זיך לערנען. דאַן האָט אמונדסען געפרעגט קאַקאָטן, צי ער דערווידערט ניט.

קאַקאָט האָט ניט דערווידערט, ווײַל ער האָט שוין פון לאַנג באַטראַכט די זאַך. ער האָט נאָר מוירע געהאַט, אז אמונדסען זאָל ניט בײַטן דעם באַשלוס. צי דען קאָן א טאַטע אוועקנעמען זײַן טאָכטער פון א בעסער לעבן? ווער האָט אַזוי גוט געוווּסט, ווי קאַקאָט, אז דאָס סאַמע אָרעמאַנסקע אויסקומעניש באַ די ווײַסע איז ניט געגליכן מיט דעם אייביקן ביטערן הונגער דאָ, אין יאַראַנגע־יִשעוו!

קאַקאָט האָט זיך אין זײַן האַרצן געזעגנט מיט מערין אַף שטענדיק, וואָרעם ער האָט פאַרשטאַנען, אז ווען זי וועט ענדיקן לערנען זיך אין אָסלאָ, וועט זי ווערן אן אַנדער מענטש און זי וועט פאַרגעסן איר היימלאַנד. וואָס זאָל זי טאָן אין יאַראַנגע, אז אויסאַרבעטן פעלן קאָן זי ניט, ווי צו העקערן א נערפּע, ווייסט זי ניט, נייען שוכוואַרג, אן אויבערבעגעד פון פעלן פאַרן מאַן — וועט זי געוויס ניט קאָנען?..

דערפאַר וועט זי דערגיין מיט איר סייכל צום איקער פון די גרויסע צאָלן...

ווי נאָר קאַקאָט האָט א טראַכט געטאָן וועגן ציפערן, האָט ער זיך שוין ניט געקאָנט באַהערשן, ער האָט ווידער זיך גענומען צו זײַן העפט. עס איז אים אַזש הייס געוואָרן. א שווייס האָט באַגאָסן זײַן שטערן, אַקוראַט ווי ער וואָלט געטאָסקעט א פעטע הירשן־טושע, דער שפּיץ פונעם בלײַער איז געלאָפן איבערן פּאַפּיר, ווי עפּעס א לעבעדיק באַשעפענישל, און די ציפערן האָבן זיך געשטעלט איינס נאָך איינס אין גלײַכע שורעס...

פּלוצעם האָט קאַקאָט א וואָרף געטאָן דעם בלײַער. ער האָט זיך גויוער געוועגן און פאַרמאַכט דעם העפט. אָבער אפילו דורך דער דיקער הילע האָבן די ציפערן אַרויסגעשטראַלט מיט זייער קישעף־קראַפט. ער האָט געוואָלט געפינען אַזא ערטעלע, ווו ער זאָל קאָנען אוועקלייגן דעם העפט, ער זאָל אים שוין מער אין די אויגן ניט זען, די קלאָר־ווײַסע בלעטער זאָלן אים מער ניט לאָקן. ענדלעך האָט ער אַרויסגעשלעפּט דעם טשעמאָדאַן פון נערפּע־לעדער און ער האָט אונטער די זאַכן פאַרשטעקט דעם העפט.

אין די אָוונטן האָט ער זיך געזעצט וואָס ווײַטער פון אָסקאַר וויסטינגן, קעדיי דאָס גלוסטעניש צו דער שרײַבערײַ זאָל אים קיין שליטע ניט האָבן. ער האָט זיך געשפּילט מיטן טעכטערל, וואָס איז אַלץ שענער געוואָרן, ווײַל עס האָט איר זייער געקליידט דאָס אָנטאָן, וואָס יעדערער פון דער „מאָד"־מאַנשאַפט האָט פאַר איר אופגעבנייט.

גלײַכמעסיק האָט די ליוסטרע געברענט אונטער דעם סופיט, א ווײַטע מעלאָדיע איז געפלאָסן פון דער ברייטער גראַמאָפאָן־קעל, דאָס געפּעס האָט געקלימפּערט, שטיל האָט געקרעכצט די פאַלובע אונטער דעם שווערן שניי־שיכט, שטיל איז זיך געריונען די צײַט, דערנעענטערנדיק זיך צו דער שאָ, ווען אַלע גייען אוועק אין זייערע קאַיוטעס, אין זייער רו אַרײַן. נאָר איין קאַקאָט איז געווען צעטראָגן, א גרויזאַמער אומרו האָט געריפּעט אין זײַן גאַנצער זעל.

אָן שום כּיישעק איז ער געגאַנגען אין זײַן קאַיוטע. ווי אומגערן פֿלעגט ער עפֿענען די טיר, וואָס איז געווען געמאַכט פֿון דינע לײַסטלעך. אָבער קוים האָט ער באַטראַכט זײַן וווינונג, איז ער באַהערשט געוואָרן פֿון אַ פֿיבערדיקן ווילן אַרויסצובאַקומען דעם העפֿט פֿון דער באַ־העלטעניש. ס'האָט אים קוים געקלעקט קויעך דאָס ניט צו טאָן.

אינגיכן האָט דער קעכער קעכער פֿאַרשטאַנען, אַז אָסקאַר וויסטינג פֿאַרשרײַבט די צאָלן אָן שום אָרדענונג און לאַכלוטן אַנדערש, ווי זיי שטעלן זיך אויס אין קאַקאַטס מויעך און ווי ער וואָלט זיי פֿאַרשריבן אינעם דיקן העפֿט. אַזויאַרום איז די סוידעספּולע אַנטדעקונג נאָר זײַנע, דערי־בער איז נאָר אים, קאַקאַטן, צוטריטלעך דער אינהאַלט פֿון די קעסיידער וואַקסנדיקע סכומען.

דאַן האָט דער קעכער קעכער געגומען אופֿמערקזאַם צוקוקן זיך צו יעדער מענטשן אַף דער שיף. ער האָט זיך ניט צוגעהערט צו דעם, וואָס די מענטשן ריידן, ער האָט אַפֿילע אָפּט ניט גע־הערט, וואָס אַמונדסען גופֿע רעדט צו אים. ער האָט אַרײַנגעקוקט אין רײַזנדערס אָפֿן מויל, ער האָט באַטראַכט זײַן באַוועגלעכע ראָזע צונג, זײַנע גרויסע פֿעסטע ציין, און ער האָט גע־טראַכט: צי דען קאָן דער מענטש, וועגן וועלכן מע זאָגט, אַז ער האָט אויסגעפֿאָרשט אַזוינע גרויסע ערדן, אַז ער האָט אָנגעשפּאַרט אין אַזאַ דאַרעם־לאַנד, וואָס נאָך דעם איז שוין ניטאָ גאָרנישט, צי קאָן ער, דער גרויסער מענטש, אַרײַנדרינגען אין גרויסן עמעס, וואָס איז פֿאַר־באָרגן אין אומענדלעכן צאָל־אָנוווקס? מיסטאָמע איז דאָס פֿאַר אים אַ פֿאַרכאַסמעטע זאַך און ער וועט עס קיינמאָל ניט באַנעמען, ווײַל ער, אַמונדסען, זוכט אַלץ דעם סאָף... דעם סאָף פֿון דער ערד!.. די כּײַעס, די מענטשן, די געוויקסן און אַלץ, וואָס רינגלט אַרום דעם מענטשן, פֿונעם געבוירן־טאָג ביז זײַן טויט, לאָזט זיך איבערציילן. אָבער כּוץ דעם, וואָס האָט אַ סאָף, זײַנען פֿאַראַן צאָלן, און זיי האָבן קיין סאָף ניט. אַמונדסען גלייבט, אַז די ערד, די יאַמען מוזן זיך ענדיקן, דערפֿאַר קאָן ער ניט באַנעמען די אומענדלעכקײַט פֿון די צאָלן. אים איז ווילד־פֿרעמד אַזאַ זאַך, ווי דער קאַפּשווינדלדיקער ציפֿער־טורעם, און עס קאָן ניט געמאָלט זײַן, אַז ער זאָל אַמאָל געפֿינען דעם סאָף פֿון באַשאַף!..

קאַקאַט איז אַף אַזויפֿיל געווען אין קלעם פֿון זײַנע געדאַנקען, אַז ער איז געשטאַנען, האַלטנדיק אַ שיסל אין די אויסגעשטרעקטע הענט, און ניט געהערט, ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס עס רעדט צו אים אַמונדסען.

— איר זײַט טויב געוואָרן? — האָט דער גרויסער רײַזנדער אַרײַנגעשריִען אין קעכערס אויער אַרײַן.

קאַקאַט האָט מיט גרויס מיטלײַד אָנגעקוקט אַמונדסענען און ער האָט געטראַכט: „אָט דער מענטש מיט זײַן הויכער שטימע, מיט זײַן ווּוקסיקן קערפּער און מיט דער היפּשער נאָז, — איז פּאַרט ניט מער, ניט ווינציקער, ווי איינער פֿון דער גרויסער מענטשן־מישפּאָכע און מע קאָן אים ציילן, ווי מע ציילט איבער די קאָמאַנדע פֿון „מאַד“, די טוישווים פֿון גאַנץ טשוקאָטקע און פֿון אַנטקעגנדיקן ברעג, ווי מע קאָן, מיסטאַמ, איבערציילן אַלע מענטשן פֿון דער ווײַטער נאָרוועגיע, פֿונוואַנען אַמונדסען מיט זײַנע יאַם־לײַט איז געשווומען ביזדאַנען...“

— וויפֿל מענטשן וווינען אין נאָרוועגיע? — האָט קאַקאַט האַסטיק געפֿרעגט, גלײַך ווי דער גרויסער רײַזנדער האָט מוירעדיק געוואַרט אַף אָט דער פֿראַגע.

— וואַ־אַס? — איז אַמונדסען ווי מעוולבל געוואָרן פֿון אַזאַ מין קאַשע.

— וויפֿל מענטשן וווינען אין נאָרוועגיע? — האָט קאַקאַט איבערגעכאַזערט זײַן פֿראַגע.

אַמונדסען האָט זיך אַ צי געטאָן הינטערווײַלעכס, ער האָט זיך ראַפּטאָם אויסגעקערעוועט און איז אַרויס פֿון קאַמבוז.

זײַן הויכע שטים האָט נאָך אַ היפּשע צײַט זיך דערטראָגן צו קאַקאַטס געהער: אַמונדסען האָט געזידלט דעם קעכער, געשיקט אים צו אַלדי רוכעס.

קאַקאַט האָט דערוויַיל זיך אומגעקערט צו זיך אין קאַיוטע און געשווינד צונויפֿגענומען זײַנע זאַכן. איצט האָט אים אַ האָר ניט געשראָקן דער העפֿט מיט די פֿאַרשריבענע ציפֿערן. ער האָט אים אוועקגעלייגט אויבנוף, קעדיי ער זאָל קאָנען אָנטאַפּן דורך דעם נערפּע־לעדער פֿון טשעמאָדאַן די האַרטע הילע פֿונעם העפֿט.

אַמונדסען האָט מער קיין שום כּיישעק ניט געהאַט צו שמועסן מיט דעם קעכער. ער האָט צו אים געשיקט וויסטינגן, דעם מענטשן, וואָס האָט פֿאַרפֿירט קאַקאַטן אין די טיפֿעניש פֿון די צאָלן און דערבײַ אַליין ניט באַנומען דעם פֿאַרבאָרגענעם קויעך, וואָס אין זיי שטעקט...

— רואַל אַמונדסען וויל וויסן: איר וועט אַף ווײַטער זײַן דער קעכער אַף דער שיף, אָדער אײַך אָפּלאָזן אָפֿן ברעג?

...אָסקאַר וויסטינג... ער איז ניט מער, ווי אָן איינס פֿון דער גרויסער מענטשן־מישפּאָכע, וואָס מע קאָן גאַנץ ראַיעל איבערציילן... — האָט קאַקאַט געטראַכט און ער האָט געענטפֿערט:

— איך וויל אוועק פֿון דער שיף, איך וועל מיר גיין צו מײַן פֿאָלק.

אזוי האָט ער געענטפערט, און ער האָט ארופגענומען אף זײַנע אקסלען דעם טשעמאָדאַן פון נערפּע־לעדער, אין וועלכן עס איז געלעגן דער העפט מיט דעם קאראהאָד ציפערן.

זײַן טעכטערל האָט ער איבערגעלאָזט אף דער שיף. ווי דען אנדערש האָט ער געקאָנט טאָן? ער האָט קיין אייגענע יאראנגע ניט פארמאָגט, קיין קרויווים ניט געהאט. איין ברייטע איז בא אים געווען, ווערן א מאַן פון אַן איינזאמער אלמאָנע.

ניט ווײַט פון דאָרטן, ווו „מאָד" האָט געווינטערט, האָט ער טאקע געפונען אַן אָנשפּאר בא אַן עלנטער אלמאָנע. זי האָט זיך געקוואפּעט מיט די עטלעכע שטיקלעך בונטע שניט־סכוירע, מיט דרײַ קעסטלעך סוכערעס און מיט דער טאָרבע מעל, וואָס אמונדסען האָט געגעבן קאַקאָטן פאר דער ארבעט.

ווי נאָר קאקאָט האָט זיך באזעצט אין דער יאראנגע, האָט ער ארויסגענומען דעם העפט און זיך געשמאק גענומען צו דער ארבעט. ער האָט זיך דעריך ארײַנגעטאָן מיט לײַב־און־לעבן. ער האָט זיך אויסגעטאָן פון אלע דײַגעס, ווײַל ער האָט געוואָלט פארשרײַבן אזויפיל צאָלן, וויפל זײַנע קרעפטן וועלן אים דינען. דאָס געוויסן איז בא אים געווען ריין און רויִק: ער איז געקומען אין יאראנגע ניט מיט קיין ליידיקע הענט — די אלמאָנע איז געווען גאנץ צופרידן מיט איר שפּײַזער.

ווען עס פלעגט נעמען שארײַען אף טאָג, איז קאקאָט ארויסגעקראָכן פון אהינטער דעם פינצטערן געלעגער־פאָרהאנג און אין דער קאלטער העלפט יאראנגע, דאָרטן, ווו די הינט זײַנען געלעגן, האָט ער באַם נידעריקן טישל געטאָן זײַן זאך. ער האָט ניט געזען דאָס יאַגד־געצײַג, וואָס איז געהאנגען אף דער וואנט, ניט באמערקט, ווי די הינט דרייען זיך ארום אים, ווי זיי פּרוּוון א לעק טאָן זײַן נידעריק־אראָפּגעלאָזטן קאָפּ. פון צײַט צו צײַט האָט ער אָפּגעריסן דעם בליק פונעם פּאַפּיר און דורך דער אָפענער טיר געקוקט ערגעץ־ווו העכער, ווו קיין הינט זײַנען ניט געווען.

מיט א זײַטלדיקן טראָט, אומגעוואגט, פלעגט זיך שטיל ארײַנשארן דאָס ווײַב. ווען עמעצער גיט א פרעג קאקאָטן, ווי מע רופט זי, וואָלט ער געוויס אף דער פראגע ניט געקאָנט ענטפערן... ער האָט שוין אָנגעשריבן אזא מענגע צאָלן, אז די גאנצע מענטשהײַט איז אנטקעגן דעם גאָרנישט מיט נישט. ביפראט, איין מענטש. איין מענטש האָט קיין שום באטרעף ניט, זאָל אפילע דער מענטש זײַן אמונדסען אליין!

די שכיינים פלעגן אָפט ארײַנקוקן אין יאראנגע, אָבער אף קאקאָטן האָבן זיי געוואָרפן א בליק פונדערווײַטן, ווי ער וואָלט, ניט פאר קיינעם געדאכט, געשלאָגן געוואָרן פון א קלעפּיקער קראנקײַט. ער, ווידער, האָט קיין שום באדערפעניש ניט געהאט זיך צו פרײַנטלען מיט זיי. טאקע, אינדערעמעסן, וועגן וואָס האָט ער געזאָלט שמועסן מיט זיי? וועגן יאמפּלוס, וועגן אָנגעפראָרענעם אײַז, צי עפּשער גאָר וועגן די נערפּעס, וועלכע זײַנען איצט צו פרילינג־צו אלץ אָפטער ארויסגעקראָכן א קאָפּל אָפּרוען אף דעם אײַז? די אלע זאכן זײַנען אים שוין דער־ווידער געוואָרן. ער איז געווען פארבאָדן אין אַן אנדער זאך — א זאך, וועלכע איז דערהויבן און וויכטיק! דאָס נײַע ווײַב פארשטייט עס, אפּאָנעם, זייער גוט, זי האָט מיט קיין איין וואָרט ניט פאָרגעוואָרפן איר מאַן פאר זײַן מאָדנער ארבעט. פארקערט, זי באשירעמט אים פון די נײַגעריקע שכיינים, ווײַל זי האָט אַן אומקלאָר געפיל, אז דער נײַער מאַן אירער האָט גרויס זאָרג פון געהויבענע זאכן, וועלכע זײַנען ניט צוטריטלעך פאר איר און פאר אלע היגע טוישווים.

צו אָוונט־צו איז קאקאָט געווען אזוי אויסגעהוילט פון זײַן שרײַבערײַ, אז ער האָט קיין שום טאַם ניט געפילט פון די געשמאקע מײַכאָלים, וועלכע דאָס ווײַב פלעגט צוגרייטן, אדאנק דעם, וואָס זי האָט אזוי מאזלדיק געביטן מעל און סוכערעס אף אלערליי נאשערײַען.

און ווען אהינטער דעם געלעגער־פאָרהאנג האָט זיך אויסגעלאָשן דאָס פײַער, האָט קאַקאָט זיך געלייגט אָפּרוען און ער האָט געפילט דעם ווײַבס בריִענדיק־הייסע לענד, וואָרעם זי האָט זיך אויסגעבענקט נאָך מאנצבלשער צארטקײַט. דאן האָט ער גלײַכגילטיק אָפּגעטאָן זײַן מאנצבלשע פליכט, און דערבײַ האָט ער געטראכט, אז אויב דאָס מאזל וועט צושפּילן, וועט געבוירן ווערן א קינד און עס וועט ווערן מיט איין מענטש מערער אף דער וועלט. עס קאָן אָבער אויך טרעפן, אז א מענטש זאָל אין דער זעלבער רעגע שטארבן, אזויארום וועט די אלגעמיינע צאָל מענטשן בלײַבן די זעלבע; נאָר אויב אפילע די צאָל מענטשן וואקסט, איז זי סײַווי ניט אומענדלעך...

אָבער דאָס ווײַב האָט, פארשטייט זיך, ניט געטראכט גאָרנישט, ווײַל דאָס ווײַב איז דאָך געווען אַן איינפאכע פּרויענצימער.

אנומלטן האָט זי אָפּגעטשאטעוועט אזא מינוט, ווען קאקאָט איז ארויסגעגאנגען, און זי האָט ארײַנגעקוקט אין העפט. די אָנגעשריבענע מעשונעדיקע צייכנדלעך זײַנען ניט געווען

ענלעך אַף קיין שום זאַך. אָבער עס האָט דאָך פּאָרט עפּעס וואָס געשטעקט אין זיי: ניט אומזיסט איז דאָך איר מאַן געזעסן און געהאָרעוועט, ניט אומזיסט האָט ער געזיפצט און געקרעכצט, בייס ער האָט געשריבן.

זי האָט צוגעטראָגן דעם העפט נאָענט צום פּאָנעם, אַרײַנגעשטעקט אין די צייכנדלעך, נאָר דאָ האָט זי דערפילט אַף זיך אַן אָנגעצילטן קוק, האָט זי אופגעהויבן איר בליק און באַגעגנט קאַקאַטס טיף־שוואַרצע אויגן. זי האָט געמיינט, אַז ער וועט זיך בייזערן, נאָר ער האָט זיך אַפילע אַ האָר ניט געבייזערט. אין זײַנע אויגן איז געווען נײַגער און דערוואַרטונג. אָבער לויט אירע אויגן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זי הייבט ניט אָן צו באַנעמען דאָס, וואָס ער אַנטדעקט.

קאַקאַט האָט שווײַגנדיק צוגענומען דעם העפט, ער האָט אופגעבלעטערט דאָס זײַטל, ווו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, ער האָט אָנגעקוקט די ציפערן, און ער האָט דערפילט, ווי באַ אים וואַקסן פליגל און ווי די פליגל טראָגן אים אַוועק אין אַן אַנדער וועלט, צו גאָר אַנדערע, ריינע באַדאַכטונגען. דאָס ווײַב איז שטילינקערהייט אַוועק צום געלעגער.

דער פרילינג האָט צונישט געמאַכט דאָס אײַז, וואָס איז צוגעפרוירן געוואָרן צום יאָם־ברעג. די פייגל זײַנען אַוועקגעפלויגן אַף צאָפן איבער די ווײַטע אָפּגעדעקטע וואַסער־שטאָכים. עס זײַנען געקומען אַף נאַרטעס די נאָרוועגער און זיי האָבן געפרעגט, צי וויל קאַקאַט זיך געזעגענען מיט דער טאָכטער.

קאַקאַט האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ נאַרטע און איז אַוועקגעפאָרן, אָבער דעם העפט האָט ער ניט פאַרגעסן מיטצונעמען.

זײַן טעכטערל איז געוואָרן גאָר אַן אַנדערע, זי איז ניט ענלעך געווען אַף דעם אויסגעקוואָרטן מיידעלע, וואָס ער האָט מיט אַ קורצער צײַט צוריק איבערגעלאָזט אַף דער שיף. זי האָט שוין געקאָנט אַרויסברענגען עטלעכע ווערטער אַף נאָרוועגיש און זי האָט פאַרוווּנדערט געקוקט אַף איר טאַטן. זי האָט זיך פאַרזיכטיק דערנעענטערט צו אים און מיט אַ מין ראַכמאָנעס־געפיל געפרווּווט אָנרירן זײַן שיטער בערדל, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי נעבעכדיק אַנטקעגן די גרויסאַרטיקע געדיכטע בערד פון די נאָרוועגער.

קאַקאַט האָט גוט פאַרשטאַנען, ווי שווער עס וואָלט דער טאָכטער אָנגעקומען צו לעבן אין אַ יאַראַנגע. זי וואָלט ניט געקאָנט אָטעמען מיטן טשאַד פון די ברענענדיקע פעטס־קנייטלעך. זי וואָלט זיך ניט געקאָנט לייגן אינעם קלעפּעדיק־פײַכטן געלעגער, און ער איז געווען צופרידן, וואָס דאָס טעכטערל זײַנס פאָרט אַוועק אין בעסערע קאַנטן.

אָוונט־צײַט האָט זיך קאַקאַט צוגערוקט צו וויסטינגן און האָט מיט כשיוועס געעפנט זײַן העפט. אָסקאַר האָט אַהין אַרײַנגעקוקט און איז אַזוי פאַרוווּנדערט געוואָרן, אַז ער האָט אַזש אונטערגעפײַפט פון גרויס היספּײַלעס.

ער האָט גענומען דעם העפט און אַוועקגעטראָגן ווײַזן דער קאָמאַנדע. אַמונדסען אַליין האָט לאַנג געבלעטערט אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט, און דערבײַ גערעדט עפּעס זייער קלוגע ווערטער, וועלכע האָבן קיין שײַכעס ניט געהאַט צו דעם, ווי מע דאַרף קאָכן מיטיק פאַר דער מאַנשאַפט. טאַקע דעריבער האָט קאַקאַט אַפילע קיין איין וואָרט ניט פאַרשטאַנען.

איין זאַך איז קאַקאָטן פונדעסטוועגן יאָ קלאָר געוואָרן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַפילע די ווײַסע לײַט באַנעמען ניט דעם זין פון אומענדלעכקײַט. דער איניען שטעקט דאָך ניט דעריך, וואָס מע קאָן צושטעלן נאָך אָן איינס... עס איז ניט צו פאַרשטיין, ווי קאָן מען אָפּלייקענען, אַז דער באַשאַף האָט קיין סאָף ניט? דאָס הייסט שווימען אָן אַ ציל — אָן אַ זעגל און אָן אַ רודער!

די נאָרוועגישע רײַזנדער האָבן גאַנץ גיך פאַרגעסן דעם קעכערס העפט: זיי האָבן יאָ דערגרייכט זייער ציל — זיי זײַנען דורכגעשווומען דעם צאָפן־מיזרעכדיקן דורכגאַנג! פיל פון דער „מאַד"־מאַנשאַפט האָבן דורכגעמאַכט נאָך אַ גרעסערן מעהאַלעך — זיי האָבן נעמלעך פאַרענדיקט זייער רײַזע איבער די פּאָליאַרע יאַמען. רונד־אַרום אונדזער פּלאַנעטע!

קאַקאַט האָט פאַרזיכטיק צוגעמאַכט זײַן העפט און איז אומבאַמערקט אַרויסגעגאַנגען אַף דער פּאַלובע. ער איז פּאַוואָליע אַראָפּגעגאַנגען פונעם טראַפּ און אַוועקגעשפּאַנט אין דער נאַכט אַרײַן. די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע: די זון איז געשטאַנען נאָענט אַהינטער דעם ראַנד פון האָריזאָנט, אין אַזאַ שיינעם וועטער איז אַ האָזן־שפּרונג ביז צו אַ ייִשעוו.

אַזוי איז ער זיך אַוועק אין דער בלאַסלעך־רויטלעכער ליכטיקײַט פון דער נאַכט, אַזוי האָט ער פאַרלאָזן די שיף, אַף וועלכער עס וועט אַוועקשווימען אין דער ווײַטער נאָרוועגיע זײַן באַסיעכידקעלע און זי וועט אויסגעלייזט ווערן פון הונגער און קעלט, וואָס געוועלטיקן אין די יאַראַנגעס.

דאָס אײַז האָט גרינג־קלינגענדיק זיך געבראָכן אונטער קאַקאַטס טריט, זײַן אָטעם האָט זיך באַהעפט מיט דער אַלהערשנדיקער שטילקײַט, זײַנע געדאַנקען האָבן זיך געריסן פון די

געהירן, זיי האָבן געקרישט ארום אים, און נאָר ער, ער אליין, האָט דאָס רוישן געהערט. אָט פונקט אזוי ווי איצט, איז ער אויך פאראיאָרן געגאנגען דורך די אייז־הורבעס, וואָס די פריי־לינג־זון האָט אָפּגעפּאָלירט ביז גלאַנץ. ער איז געגאנגען צו דעם באַלעבאָס פון אינגדזל אראַ־קאַמטשעטשען צו דעם אַלמעכטיקן שאמאַן אקר. ער איז געווען בארימט. אַלע האָבן געוווּסט, אז ער איז א מענטשן־פריינט, און קאַקאָט האָט דאַן געהאָפּט, אז אקר וועט ראַטעווען זיין שטערבלעך־קראַנק ווייב.

דער שאמאַן האָט שוויַיגנדיק אויסגעהערט קאַקאָטס צעפּלאָנטערטע רייד און ער האָט געגעבן א מערקווירדיקע אייצע, וועלכע האָט דורכגענומען דאָס גאנצע וועזן מיט אונטערטע־ניקייט דעם ביטערן גורל: „זיי נישט באַצאַרנט, יונגערמאַן. קיין טרופּע וועט שוין דיין ווייב נישט העלפן. זי וועט אוועקשוועבן דורך די וואָלקנס, ווי עס שוועבן אוועק א סאַך און א סאַך אנדערע מענטשן. דאָ וועסטו שוין גאָרנישט מאכן. אזוי גייט דאָס לעבן, און נישט איך, נישט דו וועלן דאָס ענדערן. זיי ווייסן, אז צאָרעס זיינען אזא נויטווענדיקער טייל פונעם לעבן, ווי פרייד...” דער שאמאַן האָט נאָך גערעדט גאנץ לאַנג, און, עס קאָן זיין, אז ער האָט אפילו גע־וואָלט טרייסטן קאַקאָטן, אָבער פאר קאַקאָטס אויגן האָט געשווינדלט די אויסגעלאָשענע שיין פונעם ווייבס בליק און זיינע אויערן האָט געזעגבערט דאָס ביטערע הונגעריקע געוויין פון זיין ברעקל טאָכטער... ווי נאָר זי איז אָף דער וועלט געקומען, האָט זי שוין געוואָלט עסן, צוערשט האָט זי געשריִען אָן א שום זינען, און איר געשריי האָבן פאַרשטאַנען נאָר אירע טאַטע־מאַמע. שפּעטער האָט זי זיך אויסגעלערנט דאָס ערשטע וואָרט, וואָס האָט באַטייט — עסן.

צי שוין זשע איז דער מענטש באַשאַפן נאָר צוליב דעם, אז ער זאָל אַלע זיינע באַשערטע יאָרן זוכן א שטיקל ברויט צו שטילן דעם פּייניקלעכן הונגער און גאָרן צו געפינען א וואָרעם ווינקעלע, ווו ער זאָל אָנוואָרעמען זיינע פאַרגליווערטע גלידער?

ווען די נאכט איז אויסגעגאנגען, ווען די זון איז שוין הויך געשטאַנען איבער די אומענד־לעכע וואַסער־שטאָכים, האָט קאַקאָט זיך צוגעזעצט אָף אָן אָפּגעטייַעט בערגל. ער האָט זיך ארומגעקוקט, ווייל ער האָט פּלוצעם דערפילט א נאַגנדיקן ווייטעק אין הארצן, אקוראַט ווי עמעצער וואָלט פאר אים אויסגעשניטן א שטיק לעבעדיק לייב. ערשט איצט האָט ער ווי צום ערשטן מאָל באַנומען, אז אָף דער שיף איז געבליבן זיין טעכטערל, דער העמשעך פון אים גופע, אז דאָרטן איז געבליבן דאָס טייַערסטע, וואָס ער האָט געהאַט נאָך דעם, ווי זיין איינציק געליבט ווייב איז אוועק דורך די וואָלקנס.

קאַקאָט איז אופגעשפרונגען פונעם בערגל, ער האָט ראַפּטאָם פאַרקערעוועט און איז אוועק לעננגויס דעם יאַם־ברעג, שפרינגענדיק איבער די אָפּגעטייַעטע אייַז־הורבעס.

„מאָד” איז זיך געשוווּמען וויַיט פון ברעג, אויסמיַידנדיק די שטיינער־שפּיצן. „מאָד” האָט ניט פארנומען דאָס ביטערע געשריי, וואָס האָט ארויסגעפּראַלט פון קאַקאָטס פאַרפּייַניקט הארץ. דאָס פאָטער־געשריי איז געפאַלן, ווי א געוואָרפענער שטיין, וועלכער פאַלט אין יאַם אריין און זינקט איין אין דער טיפעניש פון די קאַלטע כוואַליעס.

קאַקאָט האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אוועקגעבלאָנקעט צו די יאַראַנגעס.

ער האָט זיך ווידער גענומען צו דער שריַיבערייַ, נאָר איצט איז אים דאָס אָנגעקומען מיט גרינגע ווערעם. עס האָט זיך אים געדוכט, אז יעדער ציפער רייַסט בא אים אָפּ א שטיק הארץ.

עס איז אים געווען אזוי באנגלעך, אז ער האָט אפילו אָנגעהויבן ארויספאָרן אָף זיין שיפל אין יאַם און גאנץ אָפּט געבראַכט פאנג אין יאַראַנגע. מע דאַרף נישט זיין קיין בעריע, קעדיי אין פרילינג צו פאנגען א נערפּע. פונדעסטוועגן איז דאָס ווייב געווען צופרידן, וואָס איר מאַן איז איצט געווען אָן עמעסער שפּייַזער.

דאָס ווייב האָט זיך געלאַשטשעט צו קאַקאָטן, און דאָס האָט בא אים ארויסגערופן טראַכ־טענישן. ער האָט אויך זייער געבענקט נאָך דער טאָכטער. איצט האָט ער, ווי קיינמאָל נישט, געשפּירט, אז ער איז זיך באַגאנגען נאריש און אומבעראַכמאָנעסדיק, וואָס ער האָט איבערגע־לאָזט דאָס טעכטערל בא ראַול אַמונדסענען. פאַרוואָס נאָגט אים אזוי די בענקעניש? ער איז דאָך געווען צעשיידט מיט דער טאָכטער, ער איז געווען איינינעם מיט איר נאָר די קורצע צייַט, וואָס דאָס ווייב האָט געלעבט, דערנאָך האָבן זי די קרוווּים צוגענומען...

מיט די צאָלן איז אים אויך געגאנגען קידער־ווידער. ער האָט ענדלעך פאַרשטאַנען, אז ווי ער זאָל זיך נישט אייַלן, וועט דער סאָף אַלציינס זיך אָפּרוקן וויַיטער און וויַיטער. דער סאָף? פאַרוואָס דען נישט? די אומענדלעכקייַט — איז דאָך אויך עפּעס א באַשטימטקייַט.

דער יאַם האָט זיך באַפרייַט פונעם אייַז־צודעק, און די בייַדאַרעס זיינען אוועק אָף מאָרזשן־יאַגד. קאַקאָט איז אריין אין אַן אָרטעל. ער האָט אָרנטלעך געפּראַצעוועט און געקראָגן זיין כיילעק פונעם פאנג. אין די ליכטיקע אָוונטן האָט ער געשריבן די ציפערן אזוי לאַנג, ביז זי,

דאָס ווײַב, פֿלעגט נעמען אַרויסברענגען לײַדנשאַפֿטלעכע זיפֿצן. דאָס דאָזיקע זיפֿצן אירס האָט אים געפֿירט צו דעם געלעגער־פֿאַרהאַנג און האָט אים אַוועקגעלייגט מיט איר.

ער האָט שוין אויסגעשריבן מער ווי אַ האַלבן העפֿט. ווי נאָר ער פֿלעגט זיך אַוועקזעצן אויפֿן אויסגעטריקנטן רוקנביין פֿון אַ וואַלפֿיש, האָט ער געוואַרט אַף אַ נעס. ער איז געווען זיכער, אַז די ציפֿערן מוזן עפּעס אַנטפּלעקן, זיי וועלן אים דערווײַזן עפּעס אַזוינס, וואָס זיי פֿאַרבאָרגן אין זיך.

נאָר די ציפֿערן האָבן געשטומט.

פֿאַר אַ זײַטיקן מענטשן זײַנען אין דעם העפֿט פֿאַרשריבן אייגפֿאַכע ציפֿערן, אָבער פֿאַר קאַקאָטן ליגן אין די שורעס אַף די בלעטער פֿונעם העפֿט: די בענקשאַפֿט נאָך דער טאָכטער, די דערמאָנונג וועגן זײַן ווײַב, אַלע זײַנע געדאַנקען — דאָס גאַנצע לעבן זײַנס.

אומבאַמערקט־גיך איז אַוועק דער זומער. פּונקט אַזוי אומבאַמערקט פֿאַר זיך האָט קאַקאָט צוגעדעקט מיט מאָרזשן־פֿעלן די יאַראַנגע. ער האָט אָנגעגרייט אין פֿעסלעך פֿעטס פֿון מאָרזשן, צורעכט געמאַכט דאָס געלעגער, עס זאָל זײַן וואַרעם צו שלאָפֿן. אָבער דער איקער איז בײַ אים געווען דער העפֿט. די אָנגעשריבענע צאָלן האָבן פֿאַרנומען דאָס לעצטע זײַטל.

אַ גרויסער אומרו האָט באַהערשט קאַקאָטן. ער האָט געפֿילט, אַז ער ווערט אָן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים דערנעענטערט צו אַלע מענטשן. און דערפֿילט האָט ער עס דאַן, ווען ער האָט באַמערקט, ווי דעם ווײַבס בויך איז קײַלעכדיק געוואָרן. קאַקאָט האָט פֿאַרווונדערט געטראַכט: „איך האָב געשריבן, אָבער דאָס לעבן איז זיך דערווײַל געגאַנגען מיט זײַן גאַנג. און אַ נײַ לעבן ווערט געבוירן אומאָפּהענגיק פֿון די טראַכטעניש וועגן זין פֿונעם לעבן, פֿון זאַכן, לעבעדיקע באַשעפֿענישן“.

ער איז צוגעלאָזטער געוואָרן צו זײַן ווײַב. ער האָט אַפֿילו געפּרוּווט ריידן מיט איר, נאָר ער פֿלעגט פּלוצעם אופֿהערן, ווײַל זײַנע געדאַנקען זײַנען געווען צוגעשמידט צו דעם פֿאַרפֿירערישן העפֿט.

■

דער ווינטער איז געקומען, אַ שנײי איז אויסגעפֿאַלן. דער יאַם איז פֿאַרקאָווערט געוואָרן מיט אײַז. בלוטיקע שפּורן פֿון דערהאַרגעטע נערפּעס האָבן זיך געצויגן צו די יאַראַנגעס.

קאַקאָט פֿלעגט אַוועקגיין פֿון דער היים באַגינען און קומען צוריק בײַ דער שײַן פֿון די שטערן. דאָס ווײַב פֿלעגט אָנצינדן דאָס פֿעטס־קנײַטל און עס אַוועקשטעלן בײַ דער שוועל. דאָס אײַז האָט פֿאַרקאָווערט דעם יאַם. איצט וועט דאָס וואַסער בלײַבן פֿאַרדעקט ביז פֿרי־לינג, און דער וועג, וועלכער האָט אַוועקגעפֿירט דאָס טעכטערל, — איז פֿאַרכאַסמעט.

קאַקאָט האָט אַזוי געבענקט, אַז ער איז אַוועק צו דעם אָרט, ווו „מאַד“ איז געשטאַנען. עס איז אָבער ניט געבליבן קיין שפּור, וואָס זאָל געווען לאָזן זען, אַז דאָ איז אַמאָל געשטאַנען דעם גרויסן רײַזנדערס שיף. די אײַז־טאָראָסן האָבן זיך געשפּרייט אַף ריזיקע שטאָכים. אַ מענטשנס אויג האָט ניט געקאָנט אַרומכאַפּן די ווײַטע ווײַטקײַטן, נאָר דער געדאַנק קאָן דערלאַנגען אַזש ביז נאָם. אַהין האָט געהאַלטן איר וועג „מאַד“. קאַקאָט איז גראָד געווען אינעם יישעוו נאָם. אַ געזעמל הילצערנע שטיבלעך — מער גאָרניט. אָבער ווו געפֿינט זיך נאָרוועגיע, ווו איז אין דער נאָרוועגיע די שטאָט אָסלאָ?

אַ ווייטעק האָט דורכגעגבערט קאַקאָטס האַרץ דערפֿאַר, וואָס ער הייבט ניט אָן צו וויסן, ווו די דאָזיקע נאָרוועגיע שפּאַרט אָן און ווו איז פֿאַרט די שטאָט אָסלאָ? די שטאָט, וואָס האָט אַוועקגענומען בײַ אים זײַן טאָכטער, וועלכע ער האָט אָנגערופֿן מיט אַזאַ ווילד־פֿרעמדן נאָמען — מערי.

און עפּשער איז ער אַליין שולדיק אין זײַנע צאָרעס? צי דען איז ניט קיין בײַזווּנדער, וואָס ער האָט זײַן אייגן קינד, זײַן בלוט און פֿלייש איבערגעלאָזט אַף דער שיף? עמעס, רואַל אַמונדסען האָט געזאָגט, אַז ווען זי וועט ענדיקן לערנען, וועט זי זיך אומקערן. אָבער אַ געבילדעטע מערי — איז שוין ניט מער קאַקאָטס טאָכטער!

די פֿײַנלעכע געדאַנקען האָבן אים אָבער ניט געמאַכט פֿאַרגעסן, אַז אין יאַראַנגע וואַרט אַף אים דאָס ווײַב. ניט פֿראָסט אַ ווײַב, נײַערט אויך אַ מענטש, אַ מענטש מיט אָן אייגענעם נאָמען, וואָס קלינגט ווייך, — וועעמנעוט — טײַך־פֿרוי איז דער טײַטש פֿון דעם נאָמען. און עס קאָן זײַן, אַז אין דער זעלבער מינוט, בעת ער טראַכט וועגן איר, קומט אַף דער וועלט אַ נײַער מענטש! וואָס זשע דרייט ער זיך דאָ אַרום אין שנײי; וואָס קריכן אים אין די געדאַנקען די גרויסע צאָלן און ער זוכט אַלץ זייער פֿאַרבאָרגענעם אינהאַלט?

דאָס מאָל איז קאקאָט אוועק צום יִשעוו אָן שום פאנג. ווי האָט ער געקאָנט לויערן נאָך א וועלכער־עס־איז כײַע, אז זײַנע געדאנקען האָבן אים אוועקגעטראָגן אזש ביז נאָרוועגיע? עס וואָלט געווען א סאך גלײַכער, ער זאָל גאָרניט אָנקוקן דאָס אָרט, וווּ „מאָד" איז געשטאנען. איצט ווייסט ער ניט, אף וואָס פאר א וועלט ער איז, אזוי צערודערט איז זײַן הארץ, אזוי ביטער איז אים אף דער נעשאָמע, אזש א שווייס האָט אים באשלאָגן.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווײַל דער אָטעם האָט אים פארכאפּט. ער האָט אראָפּגעוואָרפן דאָס לעדערנע זעקל פון דער פּלייצע און, ניט טראכטנדיק וועגן דעם, וואָס ער טוט, האָט ער פאנאנדערגעבונדן די רימענס פונעם זעקל און ארויסגענומען דעם העפט.

קאקאָט האָט איצט ניט ארײַנגעקוקט אין די פארשריבענע זײַטלעך. ער האָט דעם העפט אוועקגעלייגט אפן שניי און האָט א טראכט געטאָן: „שוין, מער וועל איך עס ניט זען..." ער איז אפילע אָפּגעגאנגען אין א זײַט, נאָר עס איז אים פּלוצעם אײַנגעפאלן: „עמעצער וועט געפינען דעם העפט, וועט זיך פארטראכטן, קוקנדיק אף די אומפארשטענדלעכע צייכנס, און ער וועט, ווי איך, פארגעסן, אז ער דארף פאנגען א נערפּע..."

ער האָט זיך אומגעקערט צו דעם אוועקגעוואָרפענעם העפט. דער דיקער העפט האָט געאָטעמט, דאָס איז געווען שרעקלעך. נאָר אין א רעגע ארום איז אים קלאָר געוואָרן, אז די בלעטער באוועגן זיך פונעם לײַכטן ווינטל, אז דער העפט איז ניט קיין לעבעדיקע באשעפעניש...

מיטן עק פונעם שטעקן האָט ער אָנגערירט דעם העפט. דער העפט האָט זיך אופגעעפנט, און די שווארצע שורעס צאָלן האָבן זיך צעטענצלט, אקוראט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט ארויסשפּרינגען פון די ווײַסע בלעטער אפן שניי. קאקאָטן האָט געשווינדלט אין די אויגן. „מע דארף עס פארניכטן!" — האָט ער באשלאָסן. ער האָט אראָפּגעוואָרפן די ביקס פון אקסל, אוועקגעלייגט די לײַזשעס און זיך אוועקגעזעצט אף זיי. דערנאָך האָט ער ארויסגענומען א שוועבעלע און עס אָנגעצונדן. ווי נאָר ער האָט צוגעטראָגן דאָס פײַערל צום אָפענעם העפט, האָט זיך גלײַך אָנגעכאפּט א ווינקל פון א בלאט. פריִער שווארץ געוואָרן, דערנאָך אופגעפלאמט מיט א העלן געלן פלאם.

א מאָדנע זאך: די בלעטער האָבן געברענט גאנץ גיך, נאָר די ציפערן האָבן זיך לאַנג געהאלטן, ווי ניט געוואָלט, אז דאָס פײַער זאָל זיי פארשלינגען.

א בלאט נאָך א בלאט פונעם שלימאזלדיקן העפט האָט געברענט. קאקאָט האָט געזען, ווי דאָס פײַער ברענט העל און ווי עס צאנקט, קוים אָפּלעקנדיק די שווארצע צאָל־צייכנס.

נאָר אָט ברענט שוין דער לעצטער בלאט אינײנעם מיט דער הילע. קאקאָט העלפט מיט זײַן שטעקן, אז דאָס פײַער זאָל גיכער בײַקומען די דיקע העפט־הילע.

ענדלעך ליגט אפן שניי א בערגעלע גרוי אש. קאקאָט האָט עס א שוויבער געטאָן מיט דעם שפּיץ פון זײַן נערפּע־שטיוול: דאָס אש איז צעווייעט געוואָרן און אפן שניי איז געבליבן א קליין גריבעלע מיט ארומגעטײַעטע ראנדן. קאקאָט האָט שווער אָפּגעזיפצט און זיך ארומגעקוקט.

די אײַז־טאָראָסן זײַנען נעענטער צוגעטראָטן. די נאכט איז צוגעפאלן. אומצאָליקע שטערן האָבן באשאָטן דעם הימל, און עס איז געווען זייער וויל, וואָס מע האָט זיי ניט געדארפט ציילן. דאָס איז געווען א פּאָשעטער אויסגעשטערנטער הימל. וויל מען, קאָן מען זאָגן — א הימל מיט שטערן, וויל מען ניט, איז פּאָשעט — שטערן אפן הימל.

קאקאָט האָט אָנגעטאָן אף זיך דאָס יאגד־געצײַג און איז אוועק צום יִשעוו. ער האָט געשפּאנט, גוט צוקוקנדיק זיך צו די אײַז־הורבעס, פּאָרויס שיקנדיק זײַן שטאָק מיטן שארפן שפּיץ, קעדיי זיך ניט אויסצוגליטשן.

ער האָט שוין פונדערווײַטנס באמערקט, אז אין דער יאראנגע איז ליכטיק, און ער האָט גיכער אוועקגעשפּאנט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי זײַן ווײַב — וועמנעוט זיצט אָנגעשפּארט אין צוקאָפּנס־קלאָץ, ווי זי האלט אונטער מיט אירע קני דעם גרויסן קײַלעכדיקן בויך און וואַרט אומגעדולדיק אף איר מאן. פאזע די יאראנגע־ווענט שטייען פעסלעך מיט נערפּעפעטס. זיי זײַנען שוין האלב ליידיק. סאזשע־שופּן הענגען אף די פּלעקער און אף די קייטן, וועלכע האלטן דעם קעסל איבערן שײַטער. די מידע הינט וועלן אופהייבן זייערע קעפּ און גלײַכגילטיק אָנקוקן דעם יעגער, וואָס איז ארײַנגעקומען אין יאראנגע.

אן איינפאך בילד, א פּראָסט־בידנע אויסקומעניש.

בא דער שוועל איז קאקאָט שטיין געבליבן. אין דער טיף פון דער יאראנגע האָט ער דערזען, אז דאָס ווײַב זיצט פּונקט אזוי, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, און ער האָט הויך געלאָזט וויסן:

— דאָס בין איך געקומען — קאקאָט!

ייִדיש — ש. גאָרשמאן

• • •

צאַרט, ווי א געזאַנג

אָסיען

ס'קומט דער געלער אָסיען אַף א געלן פערד,
און אין געלע קליידער טוט זיך אָן די ערד.
און אין געלע פלויטן בלאָזט א געלער ווינט
און א געלן פייַער אינעם סאָד צעצינדט.
טאנצן געלע ביימער אַף די געלע פיס.

הענגט א געלער מָוילעד, ווי א געלער פיש.
אונטער געלע וואָלקנס, אונטער געלן שוים
ענדיקן דאָס לעבן בלעטער אַף א בוים.

נאָר אין בלויע אויגן דייַנע האָט געברענט
א צעשטראַלטער הימל אין א בלויען העמד.

א בלויער אַפדערנאַכט, א שטילע שאָ

א בלויער אַפדערנאַכט, א שטילע שאָ
האָט זיך אין בלומען טויִקע צעגאָסן.
מיר גייען אום, פארליבטע אין דער שטאָט,
מיט אונדזערע פארלאנגען און פארדראָסן.

פון יעדן נייַעם הויז עס שמעקט מיט פרייד,
מיט זעטיקייַט פון ליכטיקן געבאָרן.

מיר זיצן אין קאפע און טרינקען טיי,
דערמאָנען זיך די דורכגעלעבטע יאָרן.
און צאַרט, ווי א געזאנג, פארגייט די זון.
ס'ווערט שטיל און לייַכט און שווערער...
און כ'וואַרט, אז עמעץ זאָגן זאָל צו אונדז:
— פארוואָס די טיי פארבייַסט איר גאָר מיט טרערן?..

אייביק איז דאָס לעבן

ווו עס פאַלט א מענטש — שטייט אוף א צווייטער.
ס'לעשט די זון זיך — באַלד א שטערן בלויט.
שנייַדט מען אָפּ דעם זאנג אַף פעלדער ברייטע —
לייגט זיך אַפן טיש א לעבל ברויט.

טריקנט אויס א קוואַל — ברעכט אויס א רעגן.
ווו עס פאַלט א בוים — א צווייטער בליט.
שטאַרבט א בויער — בלייַבט זייַן מויער לעבן.
שטאַרבט א דיכטער —
לעבן בלייַבט זייַן ליד!

א ט ר ו י ם

פונדאַנען ביז דאָרטן, פון דאָרטן צוריק —
אין טרוים איך שטעל אוף אַף פיר זייַלן א בריק.
און כ'ווייס ניט, ווו איז ער, דער „דאָ" און דער „דאָרט",
נאָר ס'דאַכט, אַפן בריק פון מייַן טרוים עמעץ פאָרט.

ווער איז ער, דער עמעץ, וואָס איילט זיך צו מיר.
ער פאָרט און ער פאָרט און פון אָרט זיך ניט רירט.
אנטקעגן דעם רייַטער כ'צינד אָנעט א ליכט,
דעם וועג זאָל ער זען, וואָס צום טרוים מייַנעם פירט.

נאָר ס'האָט זיך צעשאָטן דער בריק אומגעריכט.
דער טרוים איז צעגאנגען, ווי כיילעוו פון ליכט.

די לעוואָנע קוקט דורך א בריל

א שאבעסדיקער זומערדיקער באטאָג.

א זון א גרויסע, א קײַלעכדיקע, ווי א מאמעליגע, כאָטש נעם און צעשנײַד זי מיט א פאָדעם, שיט מיט פריסיק. דאָס שטעטל, א פארמאַראַטשעטס, דרעמלט אין שאָטן פון די צעגרינטעביימער און אין קילקײַט פון די ברינעמער.

אנו פרווו זיך אַף ציקאַוועס ארויסלאָזן פונעם שטעטל אין וועג ארײַן, ביסטו א פאַר־פאלענער. די זון גיט דיך א פאַק אין פעלד, א כמאליע און א סמאליע, און צעשמעלצט דיך, ווי א ליכט.

זעט אויס, אז אלע שפירן עס, און דעריבער רירט מען זיך ניט פון די ערטער. ווער סע כאפּט א דרעמל אין שטוב, און ווער סע דריכניעט צו אַף דער פריזבע.

די, וואָס האָבן זיך שוין אויסגעטשוכעט פונעם שלאָף, רײַבן זיך אויס איין אויג, דערנאָך דאָס צווייטע. מע קוקט זיך ארום, מע קוקט איבער די פּלויטן און אז מע זעט ניט קיינעם און מע הערט אפילע ניט קיין פּיפּס, — גענעצט מען באנײַס.

פּאמעלעכן, פּאמעלעכן הייבט מען זיך אוף פון די פריזבעס, מע שפּארט זיך אָן אין א בוים, און מע רעדט זיך איבער איינער מיטן אנדערן איבער די געדיכט־באוואקסענע שטאַ־כעטן.

...און ווידער שאַ־שטיל. ווו טוט מען זיך אהין אין אָט דעם לאַנגן פּעכיקן שאבעסדיקן נאָכ־מיטיק? עפּעס זעט אויס דאָס שטעטל אונדזערס איצטער, ווי אַן אַלטערטימלעכע פעסטונג פון מיילעך סאָבעצקיס צײַטן, ווי א פארלאָזטע כורווע, שיר־שיר ניט ווי א מידבער.

...שיקט זיך, אז מ׳עט טאקע אזוי לאָזן דאָס שטעטעלע אונדזערס, ס׳זאָל אויסגיין פון סקוטשנעקײַט? עפּעס מוז דאָך געשען. א דונער, א בליץ. עפּשער וועט באַלד א ליאַפּע טאָן א רעגן! עפּשער וועט זיך א מאַלעך אראָפּלאָזן פונעם הימל. אָדער גאָר א לאַפּיטוטניק וועט קומען צו רײַטן אַף א ווייזלטיר. עפּעס מוז געשען!

און ווידעראמאָל און איבעראמאָל דאָס נעמלעכע. פונעם הימל שיט אַלץ מיט פריסיק. אפילע אלע באשעפענישן זײַנען ארײַנגעקראָכן אין זייערע באהעלטענישן. וואָס דארפט איר מער? די מאָשיעך־פערדלעך זײַנען אויך אנטרונען געוואָרן.

מיילע די גרויסע, ווי די גרויסע, נאָר אונדז, קליינוואַרג, איז ביטער וואָס ביטערער קאָן גאָרניט זײַן. אזא ספּעקע, אזא ספּעקע! אזש די וואסער אין טײַכל איז אויסגעטריקנט און ס׳איז ניטאָ אפילע ווו זיך א פּליוסקע צו טאָן!..

אוי, איז א גרויסער נעבעך אַף אונדז! מיר פּויזען עפּעס טאקע נאָר ווי די פרעש אונטער די פּלויטן, פּאזע די ווענט. און די זון, גאָטס סאַרווערן און סאַרפּערן, סמאַליעט און טשמעליעט אונדז אָן ראכמאָנעס. די גרויסע שרײַען אָן אַף אונדז, אז מיר זאָלן זיך ניט ארומשליאָנדערן פּוסטעפּאַס און מיר זאָלן כאָטש אויסשווענקען אונדזערע פארקליאַסטערטע מײַלעכלעך מיט א בלעטל פּיירעק. נאָר מיר מאכן זיך טאַמעוואַטע און זעצן זיך אוועק אַף א מאָכיקן שטיין און וואַרטן און וואַרטן. עפּעס מוז דאָך פּארלויפן, עפּעס מוז דאָך פאָרקומען, עפּעס מוז דאָך געשען.

און זע נאָר, טאקע ווונדער איבער ווונדער! ניט אומזיסט האָט געוואַרט און געשמאכט א שטעטל מיט קינדער. ס׳איז געשען, ס׳האָט זיך געטראָפן, ס׳איז זיך פארלאָפן. איר פרעגט מיך וואָס? איר פרעגט מיך ווען? אָקאָרשט דעמלט, ווען די זון איז שוין געוואָרן פּאָמס־רויט — אַפּאָנעם פאר בושע, וואָס זי האָט אונדז אזוי אָפּגעכוימלט דעם שאבעסדיקן טאָג, איז די בסורע אראָפּגעפאַלן, נאָר ווי א צײַטיקער עפּל פונעם בוים. עפּשער האָט זי אראָפּגעבראַכט א פײַער־פויגל אָדער א ווינט. אָדער עפּשער אונדזער גרויסע קלעמעניש און בענקעניש. אָדער עפּשער

גאָר האָט זיך דער הארטנעקיקער בייזער יִידישער גאָט באָרעך־הו מעראָכעם געוועזן אַף אונדז, קינדערלעך, זײַנע הײליקע שעפּעלעך. ס׳טויג אײַך מײַסעס? זי איז געקומען, און נאָך וויִאזוי געקומען!

מאָלט אײַך, צוערשט האָט א שורשע געטאָן א בלאָט. און באַלד האָבן אַלע איבעריקע בלע־טער פון די ביימער זיך אופגעכאַפּט. דערנאָך האָט זיך א פײַערדיקער וואָלקן אופגעהויבן פון דער ערד ביז צום הימל. דאַן האָט אָנגעהויבן צו טאַראַמאַסען און הארמידערן. און קערעגע האָבן אַלע ארויסגעפּראַלט פון די שטיבער — קליין און גרויס. און א נעס, א גרויסער נעס איז געשען.

...זאָל עס דער באַל־פּינקעס פארשרײַבן לעדוירע־דוירעס. א צירק! אָן עמעסער צירק איז אראָפּגעקומען צו אונדז אין שטעטל!

■

א געזעמל! א גערודער! א הארמידער! א טאַראַראַם! אזש ס׳עקט זיך די וועלט. אַלע האָבן מיר זיך צונויפגענומען אין סאַמע מיט פונעם שטעטל. א ראָד! וואָס זאָג איך א ראָד? א גאַנצע מאַכנע!

אין סאַמע אויבנאָן זיצן אונדזערע טאַטעס און מאַמעס.

אַף די מאַמישע פֿאַדעלעקעס דאָס קלײנוואַרג.

און צווישן קלײנוואַרג און אונדזערע עלטערן האָבן זיך אײַנגעמאָסטיעט אונדזערע זיידעס און באָבעס.

מיר, געמאָרע־ און ראַשע־יינגלעך, וואָס האָבן שוין באַרעכהאַשעם דערלעבט צו זען א שפּראָציקל פון א וואָנצע אַף דער ליפּ, האָבן ארופגעקלעטערט אַף די ביימער.

און די מיידלעך די אונטערוואַקסנדיקע, די, וואָס טראָגן שוין קליידלעך מיט גארטעלעך און באַהאַלטן אויס זייערע שטײַפע בריסטלעך אונטער זייערע ציצענע קאַפּטעלעך, האָבן זיך נעבעך ניט ווו אהינצוטאָן.

זיך אויסזעצן אַף דער ערד פּאַסט ניט פאַר זיי, ווײַל אָקאָרשט מע זעט ניט שטייען זיי שוין אין שידוכים.

ארופקלעטערן, ווי מיר, אַף די ביימער, וועט מען זאָגן כאַס־וועכאַלילע, אז זיי זײַנען פאַר־שײַטע, ווי מיר, יינגלעך.

דרייען זיי זיך ארום אהין און אהער און געפינען זיך קיין אָרט ניט.

אוי, זײַנען זיי נאַריש! ווער קוקט זיך עס דען אום איצט אַף זיי, ווען ארום אונדז איז אזא וווּנדער־וועלט!

פון דעם בלויען געצעלט, וואָס האָט זיך אויגנבליקלעך באַוויזן אין סאַמע מיטן גאַס, האָט זיך ארויסגעשלײַכט א גרינגפיסיק מיידל מיט א קליין פארטעכל, וואָס האָט אָן אויסגעהעפט בלימל און צוויי גרויסע קעשענעס, און טראָגט טראָגט דאָס מיידל גרינע אקסלבענדער איבער א קורץ קליידל מיט א טוניקל.

סאַראַ טײַער מיידל! א פארשנורעוועט מײַלעכל, ווי א גראָשעלע די גריים. אויגן שוואַרצע, סמאַליענדיקע, אין וועלכע עס ברענען בענקשאַפט־פײַערלעך.

— זע נאָר, מע זעט מאַמעש די ליטקעס! — כיכיקעט אין דער זשמעניע ארײַן אונדזער שאָכן אַלטער קלאָץ. אזוי האָט ער דאָפּקע געיאַרשנט זייער א גרויסארטיקע פאַמיליע — מירמל־שטיין, נאָר פון מירמלשטיין ווייסט מען דאָ ניט. דאָס שטעטל רופט אים אַלטער קלאָץ. אפאָנעם דערפאַר, ווײַל ער איז זייער א צעווירענער, א בערישער און אַלץ טוט ער פּאַמעלעך.

— איבער אזעלכע באַל־אַוויירעניצעס איז די הייליקע שטאָט יערושאָלאַיִם כאָרעוו גע־וואָרן! — שאַמקעט א גרײַז־גרויער ייִד, וואָס האָט שוין פארלוירן דעם כעזשבן פון זײַנע אייניקלעך.

נאָכן מיידל פליִען ארויס פון געצעלט א פּאָר פערד. אַלץ הייסט פערד. פערד פון פערדנ־לאַנד! ווײַסע, ווי פּינע־מילך. מיט שיינע געקרויזטע גריוועס. אזעלכע פערד האָט געקערט אײַנשפּאַנען אין זײַן קאַרעטע עלִיאָהו־האַנאָווי, ווען ס׳איז אים נימעס געוואָרן ארומצוּוואַנדערן אַף אונדזער זינדיקער ערד און ער האָט זיך איינס־צוויי ארופגעכאַפּט אפן הימל.

און זע נאָר, זע אָקאָרשט, מע טוט נאָר א פינטל מיטן אויג, כאַפּט זי זיך ארוף, דאָס מיידל מיטן קורצן קליידל, אפן פערד און שוואַליאַם רעדלט זי זיך אדורך דרײַ מאָל, האַלטנדיק אין איין האַנט א שווערד און אין דער צווייטער האַנט א פעכער.

— אזא קלאָוטע! אַזא מאַרעוויכערקע! — גאַפט מען פון אַלע זײַטן.

נאָך איר ריַיטן ארויס א פּאָר זשוואווע יינגעלעך אף שווארצע לאַשעקלעך, און סיַי די יינגעלעך און סיַי די לאַשעקלעך האָבן טרויעריקע אויגן נעבעך. די יינגעלעך וואָלטן זיך וועלן שפּילן, און די לאַשעקלעך? אוי, ווי ס׳ווילט זיך זיי פּאשען אין גראָז!

אָבער דאָס איז ערשט נאָר א פאָרשפּיל.

וויַיל אָט יאָוועט זיך ארויס פון געצעלט א יונג מיט ביינער און אף זיַין רוקן טענצלט זיך אונטער א מאלפּעלע, א קליינס, א רירעוודיקס, נאָר עס זעט אויס צו זיַין אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן.

דאָס מאלפּעלע האלט אין די לאַפּקעלעך א קליין אָפן סידערל און לעקט מיטן צינגעלע די שורעלעך.

מע דארף פארשטיין, אז ס׳איז א מין מאלפּיש דאַוונען.

און דאָס יעיצערהאָרעדיקע מיידל אינעם קורצן קליידל און מיט דעם פארטעכל, וואָס האָט אָן אויסגעהעפּט בלימל, פארשנורעוועט די ליפּעלעך און צעפּכינקעט זיך מיט א נאַס טכינעדיק קעלעכל:

מיַינע געברידער און שוועסטערן,
כ׳בעט אינען ניט רודערן און וויטן,
דען די אָרעמע מאלפּע
טוט צום הער גאָט ביטן...

— עפּעס דאבערט זי קוידערוועלש!

— זי יאָכלט זיך, די מויד, אף אלע לעשוינעס!

— איר שפּילט זיך מיט איר? אז יענע איז געווען נאָך א שאנסאָנעטקע בא איר מאמען אין בויך.

— וואָס איז דאָס שוין פאר א מין ניַימאָדיש וואָרט שאנסאָנעטקע?

— האַ?.. א פרייַלעכע, ווילט איר זאָגן?

דאָס מאלפּעלע פּרעפּלט נאָך א ביסל מיט די לעפּצעלעך און דערנאָך לייגט עס אוועק דאָס סידערל אפן יונגאטשס פּלייצע. און אין איין אויגנבליק גיט עס א האָפּקע אפן געקרויזטן קאָפּ פונעם מיידל אינעם קורצן קליידל, און מאלט איַיך, סע לאָזט איר אָפּ א קוש גליַיך אין איר פּאר-ביק בעקל.

— נו, איז ער נישט גערעכט, דער אויסלענדישער כאָכעם, וואָס האָט געזאָגט, אז מיר גייען אלע פון די מאלפּעס... אינגאנצן, אלע קונצעלעך פון א באָסערוועדאָם.

— ווילט איר זאָגן, אז אונדזער אורפּאָטער אוראָם קומט אויך ארויס פון א מאלפּע? — בייזערט זיך דער הערער.

— און אז טאמער יאָ? ט׳ער איַינגעבן אף מיר? ס׳איז היַינט שוין בעמיַילע אלץ העפּקער פּעטרישקע.

סארא קישעפּדיק געצעלט! ס׳איז דאָרט, זעט אויס, פאראן יענע מעצאָצעס. וויַיל די צווי יידן האָבן זיך נאָך ניט באוויזן צו ספּראווען מיט אוראָם-אָווינו, ווי סע באוויַיזט זיך פון דאָרטן א ברייטפּלייציקער יונג מיט אן אוירינגל אין רעכטן אויער, וואָס פירט א בער אף א קייט.

קליינוואַרג הייבט אָן צו כליפּען. פאר שרעק ציִען אויך אריבער די וויַיבער די טיכלעך איבער די אויגן. נאָר אַלטער קלאָץ צישעט איַין אַלעמען. דאָס שווערט ער זיך מיט קאָלעריי שוועס, אז ווען ער האָט זיך אומגעקערט פונעם פעלד אהיים, האָט ער געזען מיט זיַינע אייגענע אויגן, אזוי זאָל ער דערלעבן צו זען מאָשיִעכן, ווי דער בער האָט געשפּאנט אף ביידע פיס מיט א שטעקן אין איין האנט און מיט דער צווייטער האנט האָט ער געפירט דאָס מיידל מיטן קורצן קליידל געאָרעמט.

עפּעס גלייבט מען אים יאָ, עפּעס גלייבט מען אים ניט, נאָר מ׳האָט ניט קיין צייַט איבערצו-פרעגן, וויַיל איידער וואָס, איידער ווען, גיט דער יונגאטש א קוש דעם קוועקזילבערדיקן מיידל אין איר קליין מיַילעכל, און פונעם קוש ווערט טייקעף געבוירן א גרין שלענגל, וואָס קאָרטשעט זיך אינדריַיען.

— ס׳איז שוין דאָס רעכטע שלענגל, — קרעכצט יעמערלעך א יידענע, — ס׳קער זיך אָן מי-נאסטאם א גלידשוועסטערקינדל מיט יענער שאלקהאפטיקער שלאנג, וואָס האָט אראָפּגעפירט אונדזער מוטער כאווע פונעם וועג.

אָבער קיינער הערט זי ניט. וויַיל... פּופּטערנע כאַפּט אויס דער בער באם מאלפּעכל דאָס סי-דערל און גיט עס א שליַידער צום ברייטפּלייציקן פּארשוין מיטן אוירינגל אין רעכטן אויער. און יענער גיט עס א וואָרף צו דעם מיידל, דער באל-אווירעניצע, און זי, די קלאָווטע, צוריק צום בער. און ער, דער בער, עפּנט אוף א מויל, ווי א טויער די גרייס, און שלינגט איַין דאָס סידערל, ווי א האלעשקע.

דערזען, אַז דער בער האָט אײַנגעשלונגען דאָס סידערל, גייען ביידע יונגאַטשעס אַרײַן אין גרויס צאָרן און טוען אַ שלײַדער דאָס מיידל מיטן קורצן קליידל אַפּן פּאַרביקן טעפּיך און כאַפּן פון ערגעץ־ווו אַרויס אַ זעג און נעמען זי זעגן.

— גוואַלד, ייִדן, רחמנים בני רחמנים, — יעכצט מער ווי אַלע באָבע די סאַרווערן, — וואָס שטייט איר עס ווי די סטאַטועקעס און קוקט צו, ווי די היצעלעס ווילן אומברענגען אַ ייִדיש קינד?

— פונוואַנען איז געדרונגען, אַז ס׳איז אַ ייִדיש קינד, איר זענט געווען אַף איר בריסיצע?

איך האַלט עס ניט אויס. עס ווערט מיר הייס און קאַלט. איך שפּרינג אַראָפּ פונעם בוים און לאָז זיך ראַטעווען דאָס מיידל מיטן אויסגעהעפּטן בלימל. ערשט יענע גיט אַ שפּרונג אַדורכן רעמל פון דער זעג און גיט אַ צעפּאַליע די פּאַרביקע אַרבל פון איר טוניקל, פון וועלכע עס פליִען אַרויס צוויי פּעכלדיקע געשפּרענקלטע טײַבעלעך.

אַזאַ הילולע האָט מען נאָך אין אונדזער שטעטל ניט געזען. איין יונגאַטש שפּילט אַ קאַדריל אַף אַ צעלאָמעטער קאַטערינקע. די פערד און דער בער האָבן זיך עס גאַר מיטאַמאָל צעטאַנצט. דאָס מיידל און דאָס מאַלפּעלע דרייען זיך אויך אין אַ ווילדן וויכער, און די טײַבעלעך קרײַזלען זיך איבער אירע צעלאָזענע האָר.

— באַהיט זאָל מען ווערן, אין אַ שאַבעסדיקן טאָג אַזאַ געדוידע! — שמונצערט באָבע די סאַרווערן מיט די ליפּן.

— פאַרלאָזט אײַך אַף אים, ער זיצט אויבן און פאַרשרײַבט, וואָס מיר טוען דאָ אונטן. איר׳ט מירצעשעם זען, אַז דאָס געלעכטער וועט אונדז אַרויס אַף דער נאָז.

— וואָסי, ייִדן טאָרן זיך ניט פרייען? מיר זײַנען כאַסוועכאָלילע קיין מענטשן ניט?

— ווער זאָגט דען, אַז מיר זײַנען קיין מענטשן ניט? נאָר אַזוי איז שוין דער שיינער דערעך־האָוילעם, אַז פאַר יעדן ביסל פרייד באַצאָלן מיר מיט ריקעס בלוט.

שאַ! ערשט איצט קומט די עמעסע פאַרשטעלעניש. די מאַלפּע, דער בער, וואָס האָט געפירט געאָרעמט דאָס מיידל מיטן קורצן קליידל, און זי טאַקע אַליין, אַ צעפלאַמטע, אַ לוויכטנדיקע, דאָס פערד לעבן איר און מיט די ביידע יונגאַטשעס נאָך איר, שפּאַנען אַרום צווישן אוילעם מיט גרויסע טעצלעך אין די הענט און אין די לאַפּעס און מע קליאַנטשעט אויס וואָס סע לאָזט זיך.

די קוילעס זײַנען עפּעס באַ די מענער אָנגעדראָלענע, פול מיט יאַמקיפּער־קרעכצעלעך. אויך דעם מיידלס קעלעכל איז אַ טאַכנונימדיקס, אַז סע לאַפּטשעט מיך אַזש באַם האַרץ, ווען כ׳הער, ווי זי זאָגט:

— ווער אַ געשענקעע גיט,
דעם גאָט פון צאַאַר באַהיט.

— ס׳איז נעבעך אַ קינד אַ יעסוימע, ווײַ דער מאַמען אירער! — באַוואַשט זיך אַ ייִדענע מיט טרערן.

— וואָס שטייט איר ווי די גוילעמעס און לאָזט זיך לאַנג בעטן, ווען מע דאַרף אַ מענטשן רעטן? — מוסערט מען זיך איינס דאָס אַנדערע.

ס׳איז גוט צוקוקן, ווי אויגנבליקלעך ווערן די טעצלעך פול מיט שטיקער קוגל, מאָן־פּלעצלעך, אָפּגעריבענע רומענישע לייעס, געפילטע פיש און פאַרשיידענע שאַבעס־אויבסן.

דער יונגאַטש מיטן אוירינגל אין רעכטן אויער הירזשעט אַזש פאַר פרייד. ער וואַרפט דעם מיידל מיטן קורצן קליידל אַ פּאָר שטיינדלעך אין פאַרטעכל, און זע נאָר זע, פון די שטיינ־דעלעך ווערן בלויע בלימעלעך, און דערנאָך ווערן פון די בלימעלעך נאָכאַמאָל שטיינדעלעך, און די שטיינדעלעך הייבן זיך אויף אינדערלופטן און ווערן מיטאַמאָל טראָפּעלעך וואַסער. און אַזוי אַ מינוט, און צוויי מינוט, און דרײַ מינוט. פון שטיינדעלעך ווערן בלימעלעך, טראָפּעלעך וואַסער... אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז מיר, כעוורע, וואָס זיצן אַף דיביימער, כאַפּן זיך אויף פּיטש־נאַסע, ווי די הינדעלעך.

עס לאַפּעט אַ רעגן ווי מיט צעבערס.

איך יאָג אַהיים, און, לויפנדיק, כאַפּ איך אויף שפּליטערס פון עמעצנס רייד:

— זאָלט איר וויסן זײַן, אַז דער אייבערשטער האָט אויך ליב, אַז ס׳איז פריילעך אַף דער ערד. אַ סימען — ט׳האָט ער אונדז געשיקט אַ רעגן...

■

— די לעוואָנע קוקט דורך אַ בריל.

אַזוי זאָגט אַלעמאָל די מאַמע מײַנע, ווען זי וויל, אַז איך זאָל באַנאַכט זיצן אין שטוב און ניט וואָיעווען ביז שפּעט מיט די ווײַסע־כעווריניקעס פון שטעטל.

עס דאַרף הייסן, אַז די נאַכט איז אַ מוירעדיק כּאַשכעסדיקע, אַז די פינצטערניש איז אַזוי געדיכט, אַז מע קאָן זי שנײַדן מיט אַ מעסער.

אַמאָל זײַנען דער מאַמעס ליפּן געווען רויטע און פרישע ווי די ווײַנפּערלעך, אָבער איצט זײַנען זיי שוין בלויע און פאַרוועלקטע. מײַן מאַמעס זאַפטיקע ליפּן זײַנען איצט ווי נאָר געגעבן געוואָרן אַף צו זאָגן קלאָגעוודיקע, האַרץ־נאַגנדיקע טפילעס, און דעריבער קלינגען איצט די ווערטער אירע וועגן דער לעוואָנע אַזוי טרויעריק, אַזוי האַרצקלעמענדיק.

...אַ טרויעריקע לעוואָנע און אַ טרויעריקע שאַבייסענאַכטיקע מאַמע. אַמאָל אין כיידער האָב איך געלערנט, אַז די לעוואָנע איז מוישע־ראַבײנוס פּאָנעם. איצט, פון זינט איך האָב שוין אַ שפּראָציקל פון אַ וואָנצע אַף דער ליפּ, און איך באָכער זיך שוין, ווייס איך, אַז די לעוואָנע איז ניט מער ווי אַ פאַרשטאַרטער אָנגעוואָלגער פון ערד, מיט וועלכער ס׳טוט אַ כעסעד גאָטס סאַרפּערן און סאַרווערן, די זון, און דעריבער בליאַסקעט זי באַנאַכט — אַנטלײַט אַ גמילעס־כעסעד בא דער זון, אַ ביסל ליכט, און קאַיאָר קערט זי איר אום.

איז דעריבער קוקט זי איצט אַדורך אַ בריל, דערפאַר שײַנט זי איצט אַזוי טריב, טרויעריק, זי, די אייביקע ליכט־בעטערן.

די לעוואָנע פאַרגייט קיינמאָל ניט. די לעוואָנע לעשט זיך אויס, ווי אַ זקיינע. אײַ, ווי זי קער מעקאַנע זײַן דער זון! יענע גייט אויף און פאַרגייט אַזוי שיין, אַזוי גרויסאַרטיק.

ווען איך בין אַ קינד געווען און פלעג אין די פאַרנאַכטן אײַנוירען מײַן קעפּל אין דער מאַמעס פּאָדעלעק, פלעג איך ליב האָבן צו קוקן, ווי די זון פאַרגייט אַזוי שאַרלאַך־רויט, אַזוי בלוט־פאַרביק.

אָבער פון זינט איך בין עלטער געוואָרן, קלעמט מיר דאָס האַרץ, ווען איך הער, ווי די מאַמע טכינעט ווי פאַר זיך אַליין: די זון פאַרגייט אין פלאַמען... אַלע פאַרגייען מיר אין פלאַ־מען... אַ גרעסער פלעמל, אַ קלענער פלעמל. אַלציינס ברענט מען אויס. און ווי דאָס מאָל שפּילט צו — נאָך איינעם בלײַבט נאָר אַ הרודעלע אַש און נאָכן צווייטן — אַ פּאָר פונקען אין הרו־דעלע אַש.

לויט מײַן מאַמען קומט אויס: אַ טרויעריקע לעוואָנע... אַ טרויעריקע זון... און נאָך מער אַ טרויעריקע וועלט...

אַנטלויף איך איצט פון מײַן שאַבייסענאַכטיקער טריבער מאַמען. איך טראָג זיך, ווי אַ וויכער. דאָס לויף איך אין איין אָטעם אין פעלד. אונטערן שטעטל, ווו ס׳נעכטיקן אין זייער בײַדל די ציִרק־לײַט.

און דאָס פעלד איז זיך אַ פעלד. עס לעבט זיך מיט זײַן לעבן. עס בלאָזט אַ ווינטעלע און די ביימער וויגן זייערע צווײַגן, זייערע קרוינען. זיי וויגן אויך זייערע בלעטער און די בלעטער שורשען צומאָל אַזוי מונטערנדיק און צומאָל אַזוי אַצוועסדיק. און די סטערטעס מיט פּאַפּ־שויעס גלימצערן אונטער דער בלייכער לעוואָנע־שײַן. עפּעס טאַקע נאָר ווי גאַנצע וועלדער מיט פּאַפּשויעס קלינגען מיט זייערע געל־געוואָרענע בלעטער.

איצט שפּאַן איך אַזוי שטיל מיט אַזעלכע סאַמעטענע טריט, ווי איך וואָלט אַרײַנגעשפּאַנט אין סאַמע האַרץ פון דער שטילקײַט.

אוי, ווי שאַלוועדיק! כּאָטש נעם און לייג אַוועק דײַן יינגלש האַרץ אין סאַמע מיטן פעלד, עס זאָל אײַנזאַפּן אין זיך די לאַשטשענדיקע רו פון דער נאַכט.

...פונעם בײַדל קומט זי אַרויס, דאָס מיידל, וואָס טראָגט אַ קליין פאַרטעכל, וואָס האָט אַן אויסגעהעפּט בלימל.

— וואָס וואָלען זי, שיינער קנאַבע? — איז איר קליין יאָדערדיק מײַלעכל פול מיט דײַטש־מערישע ווערטער.

ווען איך שעם זיך ניט, זאָג איך איר, אַז כ׳ווייס ניט, וואָס עס באַטײַט דאָס וואָרט „קנאַבע“. און אַז עס קומט מיר אויס, אַז סע קער זיך אָן מיט קנאַבל.

אָבער אַרום אונדז איז אַזאַ גרינע וווּנדער־וועלט און איבער אונדז אַ הויכער הימל, וועל־כער מינעט זיך, בײַט אַלעמאָל זײַנע קאָלירן. אײַ, אײַ, אַ הימל! אָט איז ער פּאָמס־רויט, און אַ רעגעטשקע שפּעטער — מאַראַנצן־רויט, און אָט איז ער שוין גאָר ווײַנשל־רויט, און פּאַר אַ נאָווינע צעליכטיקט ער זיך אַזאַ בלוי־ראָזעווער איבער אונדזערע קעפּ... און עמעץ שפּינט אונדז אַרום אַזוי שפּינוועביק־דין מיט קוים באַמערקבאַרע סאַמעטענע פעדעם. און עס קומט מיר גאָר אויס, אַז דאָס גרינגפיסיקע נאַכטיקע ווינטל שפּילט אויס אַף זיי, אַף די פעדעם, ווי אַף גילדערנע סטרונעס אַזוי טרערנשטיל און אַזוי בענקשאַפטספאַרביק אַ ניגון, וועלכער דערמאָנט דעם טרוי־לעדיקן געפלויש פון פידלען.

די לופט איז פול מיט ניגון־געציטער. און דער אָוונט איז אַזאַ דינער, אַזאַ דורכזיכטיקער

און אַ בלויער. שטיל אַרום, נאָר אין איין עק דאַרף בילן הינט און אין צווייטן עק האָנערט זיך גאַדלעסדיק אַ האָן.

— פרײַלין, — פאַליע איך אַרויס אין איין אָטעם אַ סאַמעטן וואָרט פון שאַמערס אַ ראָמאַן, — פרײַלין, נעמען זי ביטע דיזע קליינע געשענקע, — און איך לייג אַרײַן אין איר האַנט אַ בוימל־בולקעלע אַ באַשפּרענקטס מיט מעלעץ.

כראַמטשעט זי אינדערשטיל דאָס פאַרהאַרטעוועטע בוימל־בולקעלע און וויינט. עס איז מיר זייער טשיקאַווע, וואָס גראַד זי, אַזאַ מוידיכע, וואָס גאָט און לײַט גאַפן פון אירע קונצן, זי זאָל דאַרפן כליפּען און טרערן פאַרגיסן, ווי עפּעס אַ פאַרוואָרלאָזטע יעסוימע, ווען עס קומט מיר גאָר אויס, אַז זי וואָלט געדאַרפט ווי די מײַסעדיקע פּרינצעסן זיך אַרופכאַפּן אַף אַ פערד און זיך טראָגן ווי אַ וויכער.

נאָר די פערד, די מײַסעדיקע פערד האָבן זיך אויסגעראָסטיעט אין גראָז און פּריכקען גאָר מיט די נאָזלעכער, קענטיק, אַז זיי זײַנען אויך פאַרמאָרעט נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט. און אַרום איז אַלץ שטיל. נאָר דאָס גראָז שורשעט, און וויפל מײַן יונגבאַכעריש אויג פאַרנעמט, זע איך, ווי דער הימל מינעט זיך אין מילי־מיליאַסן קאָלירן. און די ערד, די יעפּאַסטויאַר, קיינדלט זיך צו אים און פאַרגייט זיך מאַמעש פון גרויס נאַכעס.

— אַז מע וויינט זיך אויס, ווערט גרינגער, — זאָגט אינדערשטיל מײַן באַנאַכטיקע באַסמאַלקע.

גיי טרעף, אַז פון אַזאַ פּרינצעסיש מײַלעכל וועלן אַרויסקומען אַזעלכע היימישלעכע טריבע רייד.

פון גרויס כידעש פאַרײַס איך אַזש דעם קאָפּ צום הימל, אַף וועלכן עס פינקלען מילי־מיליאַסן שטערן. אַזאַ אויסגעקלאָרטער הימל און אַזאַ ליכטנדיק מיידל און אַזעלכע גרויסע טרויעריקע טרערן, ווי באַבעלעך, טריפן פון אירע וויִעס. פון גרויס קלעמעניש פּרוּוו איך זיך לינדערן איר צאַר מיט יענע ווײַטע קישעף־שפּרוכן, מיט וועלכע מײַן מאַמע פלעגט מיך אײַנעמען, ווען איך פלעג זיך פאַרגיין אין אַ גרויס געוויין:

— פון דײַנע טרערן, קינד, וועלן ווערן שטערן. שטערן זײַנען דאָך, קינד מײַנס, טרערן, מענטשלעכע טרערן, וועלכע זײַנען פאַרשטאַרט געוואָרן...

אַפן הימל איז מיטאַמאָל אופגעגאַנגען אַ גרויסע קײַלעכדיקע לעוואָנע. באַם אָנהייב איז זי רויטלעך, ראָזלעך, און וואָס מער זי הייבט זיך אוף, ווערט זי געלער. אָט אַ לעוואָנע אַ שפּיצלאַפּטוערן! — טראַכט איך מיר. — עפּעס טאַקע נאָר ווי אומיסטן צעשײַנט זי זיך פּונקט דעמלט, ווען מע דאַרף ניט. נעכײַ וואָלט זי זיך באַהאַלטן איצטער, די יעפּייפיע, אונטער די וואָלקנס. גיי, אַז יענער האָט זיך גאָר פאַרגלוסט צו מאַכן אַ שפּאַציר אין דער לענג און אין דער ברייט איבער די הימלישע ראַכוועסן.

— געווען אַזאַ שיינער טאָג הײַנט, — פּרוּוו איך זי אײַנעמען, — און איר זענט געווען אַזוי שיין, ווי דעם קיניג שלוימעס געליבטע די מאַלקע שוואָ. אַזאַ טאָג וואָלט איך גענומען און אַרײַנגעלייגט אין אַ גילדערן שקעטעלע. ער זאָל קיינמאָל ניט פאַרגיין. ער זאָל בלײַבן, ווי אַן אייביק געדעכעניש, — רעד איך, ווי איינער פון די העלדן פון מײַן מאַמעס באַליבטע ראָמאַנען.

— נאַרישקײַטן, — פליסטערט זי אין דער שטילקײַט פון דער נאַכט, — אַזוי איז פון עוויג און אימער. אַפּדערנאַכט, אַז מיר גייען שלאָפן, לייגן מיר דעם איבערגעלעבטן טאָג צוקאָפּנס. אָבער אינדערפרי געפינען מיר אים שוין ניט אין ערגעץ, און עס קומט אויס, ליבער קנאַבע, אַז אַ גאַנץ לעבן זוכן מיר נאָר דעם נעכטיקן טאָג... פאַרשטאַנען?

צי איך האָב פאַרשטאַנען? עס ווערט מיר אַלץ אַזוי קלאָר, אַזש עס הייבט מיר אָן צו טונקלען אין די אויגן. ווײַל וואָס זי דערזאָגט ניט, דערזאָגט שוין איר שמייכל, וועלכער איז פּונקט אַזוי טרויעריק, ווי אירע שיינע לענגלעכע וויִעס, אין וועלכע עס נעסטן זיך טרערן.

איך דערפיל מיטאַמאָל אַזאַ היץ, עלעהיי אַ גלוטיקער וויכער האָט מיך אַרומגעכאַפּט און בריט מיר דאָס לײַב. און איך קוש אַראָפּ פון אירע ליפּן אָט די טריבע ניכטערע רייד.

— דו קושט זיך צו געשווינדיק. מע דאַרף זיך קושן פּאַמעלעכער און האַנאָעדיקער, ווי אונדזער פּאָטער יאַנקעוו האָט זיך געקושט מיט דער מוטער ראָכל, — איז זי שוין מיט מיר אַף דו.

איצט איז זי שוין אין מײַנע אויגן ניט די קונצנמאַכערן גערטרוד, ווי ס'האָט זי פאַרגעשטעלט באַטאָג דער ווערגעלעץ מיטן אוירינגל אין רעכטן אויער. נאָר זי קוקט מיר אויס, ווי אַ געשמאַק שטעטלדיק מיידל, איינע פון די מיידלעך, וועלכע די מאַמעס צוואָגן אויס פרײַטיק פאַר ליכט־בענטשן און פאַרפלעכטן זייערע צעפּ מיט גרינע סטענגעס.

אָבער זי לאָזט מיך ניט לאַנג דאַכטן און טראַכטן. זי לייגט מיר אַרײַן אין מויל אַ ווערפעלע צוקער. איז כראַמטשען מיר שוין ביידע — זי די בוימל־בולקע, און איך דאָס ציגעלע

צוקער. דערנאָך לערנט זי מיך זיך קושן, ווי יאַנקעוו האָט זיך געקושט מיט ראָכלען. גיי ווייס, וואָס זיס און געשמאַק הייסט! אויסגעריבן זיך די הויזן אין כיידער, געכאַפּט פונעם רעבן פּעטש, ווי האַלץ, און ניט געוווּסט ביזן הײַנטיקן טאָג, אַז יאַנקעוו־אָווינו איז געווען אַזאַ מומכע אַף קושעניש.

איצט אַרט אונדז שוין ביידע ניט, וואָס בא דער הימלישער יעפּייפּיע, בא דער לעוואָנע, פלאַמט אַזש דאָס פּאָנעם פאַר בושע פון אונדזערע אַווײַרעס. אַ מיצווע אַף איר, — טראַכט איך זיך, — לאָז זי ניט אַרומשליאָנדערן פּוסטעפּאַס איבערן הימל. לאָז זי זיך אויסזוכן אַ באַשערטן, אַ שטערן און זיך מיט אים לאָזן ווויִלגײַן. אַזויפיל שטערן זײַנען פאַראַן אין הימל, און אַלע אַזעלכע עלנטע, אַליייניקע. און עס גייען מיר אוף מיטאַמאָל מײַן מאַמעס כליפּענדיקע רייד: ווער האָט געזאָגט, אַז אַליין איז די נעשאָמע ריין?

די לעוואָנע גינגאָלדיקט איבער באַרג און טאָל. און מיר וואָלאָטשען זיך ביידע אין גראָז און שיטן פּריסיק. דערנאָך נעמען מיר זיך ביידע אָן פאַר די הענט און לויפן צום נאָענטן ברונעם טרינקען וואַסער. מיר האָבן זיך אַזויפיל אָנגעקושט און אָנגעליובעט, דאַרף מען זיך לעשן.

— זאָג מיר נאָר, טײַערע מײַנע, ווי רופט מען דיך טאַקע אַפּאַנעמעסן, ווען דו ביסט אָן די גלעקעלעך? — בין איך מיטאַמאָל עפּעס געוואָרן ווי קאַראַשיקער בא זיך.

— מיט די גלעקעלעך הייס איך גערטרודע, און אָן די גלעקעלעך הייס איך פּאָשעט און פּראָסט גיטעלע, — לאַכט זי מיר אַרײַן גלײַך אין מײַן צעכראַסטעטע העמד.

און אָקאָרשט מע זעט ניט, איז זי שוין לעבן ברונעם. אָט גיט זי אַ בייג דעם קרענעצע־זשוראַוול, און ער שטעלט זיך פּלוצעם אוף, ווי אַ שטאָרך צום הימל. אַרום איז שאַ־שטיל, וואָלקנס, ווי ווײַסע וואָל, שפּרייטן זיך איבער אונדזערע קעפּ. דאָס גראָז שאָרכעט, און מע הערט נאָר, ווי די מידע פערד פּריכקען מיט די נאָזלעכער.

— זע נאָר, וויפל שטערן אין ברונעם, — קושט זי מיר אַרײַן אירע ווערטער גלײַך אין מויל.

— אָר־וואָ! טאַקע אַ סאַך שטערן, — קוש איך איר אַרײַן די ווערטער צוריק אין מויל אַרײַן, — ווי קומען זיי אַהער?

— נאַריקל! — שויבערט זי מיר די האָר. — עס זײַנען אַנטרונענע שטערן. דאָס האָט זיי גאָט געשטראָפט, ווײַל ס׳האָט זיי געצויגן צו דער ערד. ס׳איז זיי געווען סקוטשנע אַפן הימל און ס׳האָט זיך זיי פאַרוואָלט אַף דער ערד. זיי האָבן געמיינט, אַז בא אונדז איז פרייִלעכער. גיי ווייס דאָרטן אויבן, אַז דאָ אונטן איז אַזוי טרויעריק.

איך קוק אַף דער לעוואָנע, זי איז מיטאַמאָל געוואָרן שאַרלאַך־רויט. רויט, ווי דאָס בלוט פון מײַן האַרץ. שיקט זיך, אַז דאָס פלאַמט איר דאָס פּאָנעם פאַר בושע פון אונדזערע ליבענישן? ווי עס זאָל ניט זײַן, נאָר אונדז האָט זי אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. מיר זעען זיך ביידע ווי אַף דער דלאָניע. בא גיטעלען איז דאָס אויסגעהאָפּטענע פאַרטעכל מיט דעם בלימעלע פּאַריסן ביז איבער די קניִעס. און בא מיר איז דאָס רעקל צעכראַסטעטע און אַ שטרוי אַ קאָטאָוועסניצע וואָיעוועט אַרום פראַנק־און־פרײַ איבער מײַן לײַב.

איז נעמען מיר זיך ביידע פאַר די הענט און שפּאַנען. עס ווילט זיך מיר מיט עפּעס אויספײַנען פאַר גיטעלען, איר ווײַזן, אַז איך בין אויך ניט פון די, וואָס צוויי פאַר אַ גראָשן. איז גיב איך ראַפּטום אַ בייג דעם קרענעצע־זשוראַוול, און ער שטעלט זיך אוף, ווי אַ שטאָרך צום הימל. און אַרום איז שאַ־שטיל, נאָר ערגעץ־ווו דרעליעוועט אַדורך די שטילקײַט דער קלינג־קלאַנג פון אַ קאָסע. דאָס קאָסעט גראָז אַ טרײַבער פון אַ טאַבון פערד, וועלכע פּאַשען זיך אַף דער באַנאַכטיקער לאָנקע. ער פּאָכט מיט דער קאָסע גיך און געשווינדיק, און די שאַרף אירע פינקלט אַקעגן דער צונטער־רויטער לעוואָנע, אַזוי אַז סע דוכט זיך מיר, אַז אײנײנעם מיטן גראָז קאָסעט ער אויך אָפּ אַ פּאָר בלייכע לעוואָנע־שטראַלן.

איך פאַרבײַס די ליפּן און גיב נאָך דעם זשוראַוול. דער עמער פאַלט אַראָפּ מיט אַ ראַש אין טיפן ברונעם אַרײַן. סע הערט זיך נאָר אַ פּליוסקען, ווי די נאַכט און דאָס וואַסער אינעם ברונעם זאָלן זיך האָבן דערפרייט איינס מיטן אַנדערן און ביידע זאָלן זיך עס נעמען שפּילן דאָרטן מיטן עמער. נאָך איין שלעפּ דעם שווערן זשוראַוול אַף צוריק, און עס רוקט זיך מיר אַרוף, אַרוף גאַנץ פּאַמעלעך און מעיושעוודיק אַ שטילער פולער עמער. איז שטעל איך מיר אַוועק דעם מעיוכעס מײַנעם אַפן ראַנד פון ברונעם און ווער גאָר מיט אים אַ גאַנצער שמעלקע. דערנאָך גיב איך בעפּיִרעש אַ נייג דעם קאָפּ צו אים, קלעפּ זיך צו מיט די ליפּן צום קאַלטן האַלץ זײַנעם און... גול... גול! און עס ווערט מיר ליכטיקער אין די אויגן. אַף אַזויפיל ליכטיק, אַז איך פאַרכלינע מיך אַזש פון נאַכעס. אַלץ הייסט זיך פאַרכלינען! מאָלט אײַך, אַז איך נעם גיטעלעס געקרויזטן קאָפּ צווישן די האַרטע דלאָניעס מײַנע און נייג אים אָן צום עמער וואַסער און

שעפּטשע פרום, ווי דער טאַנאַכישער יאַנקעוו האָט געשעפּטשעט צו דער שענסטער פון אונדזערע אימאָהעס — ראָכל:

— טרינק, טײַערע גיטעלע מײַנע! טרינק, ליבסטע מײַנע, און לעש דײַן דאָרשט.

אוי, וואָלט איך וועלן, אַז זי זאָל מיר טאַקע דאָ זאָגן, אַז דער פלאַם פון איר ליבע איז אַזוי גרויס, אַז קיין שום וואַסער אין דער וועלט איז ניט אימשטאַנד אים צו לעשן. נאָר זי שווײַגט עפּעס, מײַן גיטעלע, מיט אַזאַ טיפער טרויעריקער שווײַגעניש.

און ערשט נאָכדעם ווי זי טרינקט זיך אָן מיט אַ סאַך וואַסער, גיט זי עפּעס אַזוי אַ זאָג ווי פאַר זיך, גלײַך ווי זי וואָלט ריידן נאָר צו דער נאַכט:

— ווען צוויי געליבטע טרינקען פון איין עמער וואַסער, ווערט די וואַסער זיסער. עס איז געבענטשטע וואַסער. און אַז מע גיסט זי אויס אויף דער ערד, ווערט די ערד באַפרוכפּערט. און אַלע געוויקסן, וואָס שפּראָצן אַרויס פון איר, זײַנען דופּטיקע, ווײַל זיי האָבן דעם גערוך פון ליבע. איז גיס זשע אויס די וואַסער אויף דער ערד, זעלמעלע, — איז איר קאָל איצט אַזוי בענקשאַפטספאַרביק, ווי אַ ניגן.

איך פאָלג זי און טו אַזוי, ווי זי באַפעלט מיר, און גיס אויס דעם עמער וואַסער... און אין דער שטילקײַט פון דעם אַרום גיט עס אַ פליוכע און מע הערט, דוכט זיך, אַ מינוט שפּעטער דאָס אָפּרינען פונעם וואַסער אויף דער ערד. דאָס פרישע וואַסער טרעפט זיך אין בלאָטקעלע פון אַרום דעם ברונעם מיטן פריערדיקן עלטערן וואַסער, און כ'הער באַשײַמפּערלעך פון אונטער מײַנע טריט, ווי סע זאָל פאָרקומען אַ שמועס: „וואָס הערט זיך אין דער היים?..“ דאָס פרעגט באַ דעם נאָרוואָס אַרויסגעכליופּעטן וואַסער די בלאָטיקע נעץ, וואָס איז אויך אַמאָל געווען ברונעם־וואַסער.

נאָר איך האָב שוין צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם עמער, דעם געבענטשטן עמער, פון וועלכן ס'האָבן אָקאָרשט־אָ געטרונקען צוויי פאַרליבטע. זאָל ער דערציילן דאָרט אין ברונעם, וואָס פאַר אַ גליק ס'איז אים אויסגעפאַלן.

איך קוק אויף דער בלאָטיקער נעץ, און עס ווערט מיר מיטאַמאָל אַזוי טרויעריק. שיקט זיך, אַז מאָרגן אין דער צײַט וועט שוין דאָ ניט פאַרבלײַבן קיין שום סליד פון אונדזער ליבע? שיקט זיך טאַקע, אַז אַזוי איז שוין, ווי גיטעלע זאָגט: פון עוויג און אימער... אַפּדערנאַכט, אַז מיר גייען שלאָפן, ליגן מיר דעם איבערגעלעבטן טאָג צוקאָפּנס, אָבער אינדערפרי געפינען מיר אים שוין ניט אין ערגעץ. און עס קומט אויס, אַז אַ גאַנץ לעבן זוכן מיר נאָר די נעכטיקע טעג און די נעכטיקע נעכט. און אַלע פאַרגייען מיר אין פלאַמען. אַ גרעסערע פלעמל, אַ קלענער פלעמל, אַלציינס ברענט מען אויס, און ווי דאָס מאַזל שפּילט צו. נאָך איינעם בלײַבט נאָר אַ הרודעלע אַש. און נאָכן צווייטן — אַ פּאָר פונקען אין הרודעלע אַש.

איך זאָג ניט גאָרניט. איך שווײַג אַזוי מיט אַזאַ טיפער שווײַגעניש, און קוק נאָר אויף גיטעלען, און עס קומט מיר אויס, אַז אָט די זומערדיקע נאַכט האָט מיר אויסגעשפּינט אַ קאַלע פון זײַדענע לעוואָנע־פעדעם. און אין די אויגן ווערט מיר מילדער און ליכטיקער.

און אײַ איז דאָס אַ פאַרשײַטע לעוואָנע! איך ווייס ניט, צי פון קינע, צי פון גרויס נאַכעס האָט זי זיך אַזש מאַטריִעך געווען פון אירע הימלישע הייכקײַטן צו דעם סטויג, אויף וועלכן מיר זיצן ביידע אַזעלכע פאַרשלומערטע. און זי באַהעלט און באַזילבערט אונדז.

דער סטויג היי איז אַ פרישער, אָן ערשט אָפּגעקאָסיעטער, און ער איז אַזאַ געווירצלדיקער, אַזש די רייכעס זײַנע צעבויטען אונדז גאָרנישט אויף קאַטאָוועס. זעט אויס, אַפּאָנעם פון גרויס פרייד, וואָס די לעוואָנע איז אַזאַ נאָענטע שמעלקעכע מיט אונדז און איבער נאַכט האָט זי אונדז אַזוי שיין אויסגעשאַדכנט, ווערט מיר אַזוי גוט, אַז כ'הייב אָן פונסנײַ קושן מײַן גיטעלען. כ'לעבן, איך ווייס שוין ניט, וואָס איך קוש. די הענט אירע, אָדער די שטרויעלעך אין אירע האָר, אָדער גאָר די שפּורן פון דער נאַכט אויף אירע באַקן. כ'ווייס נאָר, כ'האָב מיך אַזוי פאַרכלינעט, אַז איך הייב אַזש אָן צו זינגען. עמעס, ס'איז ניט קיין נײַמאָדישע ליד. אָבער אַ ליד איז עס. איין קליינקײַט: ס'האָט זי נאָך געזונגען מײַן באָבע אין אירע יונגע מיידלשע יאָרן:

די לעוואָנע מיט די שטערן
האָבן אונדז געטאָן צו הערן,
ווען מיר האָבן זיך ביידע פאַרליבט.

מײַן גיטעלע גיט אַ שמאָרע מיט איר פאַריסן נעזל. קענטיק, אַז זי איז ניט צופרידן. און טאַקע באַלד זאָגט זי מיר שוין מוסער, גאָרנישט ווי קיין קאַלע, נאָר מאַמעש ווי אָן אייגן ווײַב.

ערשטנס, זאָגט זי, וואָלט אַזאַ קנאַבע ווי איך געמעגט פאַרפאַסן אַליין אַ ליד, ווײַל פונקט ווי אַ בוים צו אַ בוים איז ניט גלײַך, אַזוי איז אַ ליבע צו אַ ליבע ניט ענלעך. לויט איר קומט אויס, אַז יעטווידע ליבע געבירט זיך איר געזאַנג, און אַז די ליבעס פאַרגייען, נאָר די לידער

בלײַבן. פרײלעכע צי טרויעריקע לידער, נאָר זיי בלײַבן. די לידער אײדלען אויס די ליבע, פון א ליד באקומט זי פליגל, די ליבע, זי רײַסט זיך אָפּ פון דער ערד און פליט אין די הימלען ארײַן.

און צוויטנס... צוויטנס, האָט מײַן ליד, וואָס איך זינג, — זאָגט זי, — זײער א שלעכטן סאָף:

האלעווײַ וואָלסטו זיך געוועזן
די פיס אויסגעבראָכן —
אײדער ביסט געקומען צו מיר אין שטוב.

גיט זי מיט אזא אָנשוילעכער מינע מיר א דערלאַנג אָט די קלאָלעוואַטע שורעס, גלײַך זי וואָלט זיך איבערגעגעסן מיט א שלעכט מײַכל.

זי כליפּעט אינדערשטיל פאריבלדיק:

— זע נאָר זע, — זאָגט זי, — אזוינע שײנע, הארצרירנדיקע לידער זײַנען פאראַן אין דער וועלט, דארף אזא בלײַענדיקער יונג, ווי דו, גאָר אָנקומען צו אזא פלאַקסיווע ליד, וואָס פאסט גאָר פאר א שלימיסטן באָכער.

איך וויל זי אײַנעמען און קאָן ניט. עס פארפעלט מיר אי לופט, אי לאָשן. איך פארדעכע זיך אזש פון קלעמעניש, עפּעס שמײכל איך טאַמעוואַטע. מיט אזא מין צעגאָסענעם לײמעוואַטן שמײכל — א ניט־אהיניקן און ניט־אהעריקן.

גײ ווײס, — דערליעוועט מיך א געדאַנק, — אז מיט א טענדעווערענדעדיקער ליד קאָן מען צונישט מאכן די שײנקײַט פון אזא נאַכט. ערשט איצט גיב איך מיר אָפּ א רעכענונג, וואָס פאר א פּיסנע שפּראַך, סאַרא מין אויסגעצערט לאָשן האָט מײַן מישטײנסגעזאָגטע ליד. — פליע־וועס, — קנײַפּ איך אויס פון זיך שטיקער נעשאָמע, — גוילעם אײנער. ס'איז זיך ווי א שײַער שטרוי נאָכן דרעשן...

און עפּעס כאַפּט מיך ארום אזא געלײמטע שטאַרעניש, גלײַך ווי די הענט און פיס זײַנען ניט מײַנע.

— זע נאָר, זעלמעלע, מע גײט! — גיט מײַן גיטעלע א שפרינג אויף און גלײַכט זיך אויס איר פארשאַרט פארטעכל מיטן אויסגעהאָפּטענעם בלימל.

די געלײמטע שטאַרעניש מײַנע ווערט מיטאַמאָל אַנטרונען. איך פארגעס דעם קאָפּ, וויש אויס מיט א טראָפּעלע טוי די פארמורזעטע אויגן מײַנע און איך דערפיל, אז אָט־אָט ווער איך פארוואַנדלט אין א סטויפּ זאַלץ, ווי לאָט דעם שיקערס ווײַב.

יאָ, איך וואָלט געקאָנט שווערן, אז דער, וואָס שפּאַנט ניט געײַלט, איז אַלטער קלאָץ. איך דערקען אים לויט זײַנע קלאַפּטער־טריט. לעבן אים גײט מײַן מאַמע, עפּעס שלעפּט זי זיך, וואָלט איך זאָגן, מיט פּאַרווײנטע טריט, ווי מע גײט נאָך א לעווײַע.

איצט באַמערק איך, אז אַלטער קלאָץ איז מיר גאָר פארפוצט. ער האָט זיך אזש אויסגע־סטרויעט אין שאַבעסדיקן סורדוט. דאָס האָט ער געוואָלט זײַן, אַפּאַנעם, אָנזיכטיקער.

הינטער זיי שפּאַנען אָנגעדרודלטע, צעקאַעסטע די צירקאַטשעס, ס'הײסט דער יונג מיטן אוירינגל אין רעכטן אויער און דער ווערגעלעץ, וואָס באַטאָג איז ער א בער און באַנאַכט ווערט ער צוריק א מענטש.

— נו, איטע, כ'האָב אײַך געזאָגט, אז בא א קינד און בא א נאַר שטײט אײַן די נעוווע. איר זעט, מיר זײַנען מיט אײַך געקומען צום סאַמע סטיס. ס'איז שוין באַלד נאָך אַלעמען, — רעדט אַלטער מיט א געשפּרענקלט קאָל און די גראָווע וואָנצעס זײַנע שמײכלען, ווי ער וואָלט זיך באַלעקט פון זײַנע אײגענע רײד.

— יאָ, אײנעם דאַכט זיך, אז באַם אַנדערן לײַכט זיך, מע עפנט אויף די טיר, איז פונקט ווי בא מיר, — קרעכצט אונטער די מאַמע.

ערשט איצט דערזע איך, אז זיי טראָגן אין די הענט לאַמטערנדלעך, עלעהיי כײדער־קינדער אין די גרויסע ווינטערדיקע פארטאָגן צי אין די זינקענדיקע אָסיען־נעכט. טאַקע פונקט אזעלכע קאַבאַקלעך מיט פענצטערלעך, פון וועלכע עס קוקט ארויס אַן עלנט ליכטל.

מײַן מאַמע פארלאָזט זיך קײנמאָל ניט אָף דער לעוואָנע. זי ווײסט, אז די לעוואָנע קוקט דורך א ברילֹ.

יאָ, מײַן מאַמע איז שוין באַלד געגרעכט. א פענעצל לעוואָנע, ווי א ריפּטל פון א ניט אויס־געצײַטיקטער דיניע, בלײַכט זיך אָף די הימלישע ראַכוועסן און עפּעס טאַקע נאָר ווי אומיסטן, קעדײ נאָך מער אויסצושטעלן פאר דער וועלט איר קרועבלועוודיקײַט, יאָוועט זיך ארויס פון איר פוטערפאַס די ליכטיקע, צעפרײלעכטע סאַרווערן — די זון. א גרויסע, א וואַרעמע, ווי א וואָלעכישע מאַמעליגע, כאַטש נעם און צעשנײַד זי מיט א פאָדעם.

— נו, — גיט זיך אַלטער קלאָץ גוטברודעריש אַ לאָז צו מיר, — איך זע, זעלמעלע, אַז מיר האַלטן שוין מיט דיר אַף אַ לאַד. מע דאַרף שוין אַפילע ניט האָבן קיין כופּע־דרענגלעך, דו האָסט זיך שוין געספּראַוועט קיין אײַנהאָרע אָן כופּע־שטאַנגען.

— רעדן זי ביטע אַ ביסל געשייטער. דען מיר זײַנען ניט קיין צוויי פאַרשייטע, נײַערט צוויי פאַרליבטע, — פלאַמט דאָס אויסגעהאָפּטענע בלימעלע פון גיטעלעס פאַרטעכל אַקעגן דער שײַן פון דער אופגייענדיקער זון. און נאָר אין איר פּאָנעם איז ניטאָ קיין טראָפּן בלוט.

— וואָס דאַבערט זי, די מויד? — רעדט אַלטער צוגעלעגערט, ווי ער וואָלט געהאַט אַ פול מויל מיט וואַטע.

— זי זאָגט, אַז אײַערע רייד זײַנען צו פאַרהאָלענע און איר פאַרשוועכט מיט זיי זייערע ליבע ערלעכניסן.

— ליבע! שמיבע!.. נאַט אײַך אַ צינערנעם גראָשן פאַר אַלע ליבעס, — שיפּעט אַלטערס קאָל, ווי אַ נאַס העלצל, — ווייסט איר וואָס, איטע, אַז איך רעד פונעם וועג, קומט איר אַרויס מיט אַ בעסער לאָשן, עפּשער וועט איר זיי צוטרעפן.

איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז מײַן מאַמע איז אַזאַ באַרעמהאַרציקע. זי לאָזט זיך אַראָפּ מיט אַזויפיל אַכפּערניש אַפן סטויג היי, גלײַך ווי זי וואָלט געקניט אַפן מיזבייעך פון דער ליבע. זי שפּרייט אויס אירע מאָגערע פאַרהאָרעוועטע הענט אַף גיטעלעס קאָפּ, גלײַך ווי זי וואָלט זי ווע׳לן בענטשן. די מאַמע שמועסט אײַן גיטעלען, אַז זי זאָל זיך ניט נעמען צום האַרצן, וואָס ס׳איז זיך גראָד אַזוי פאַרלאָפן. „זי זעט ניט, — זאָגט די מאַמע מײַנע, — קיין שום היידנישעס אין דעם. יאָ, — טכינעט די מאַמע, — די ליבע האָט זיך אירע אירטומס. אָבער אַפילע זיי, די אירטומס אירע, סע הייסט די ליבע־טאָעסן, זײַנען אויך זיסע“.

איצטער האָט זיך גראָד פאַרגלוסט אַ לײַכטמוטיקן פויגל אַרײַנצוטרילן זײַן ליד צווישן מײַן מאַמעס רייד. אַ רעגע הערט זיך מײַן מאַמע צו צו דעם צוויטשערן פונעם פויגל. עס מוז זײַן אַ פאַרשפּעטיקטער נאַכטיגאַל, ווײַל ער צוויטשערט אַזוי זיס, אַז מיר אַלע זעקס הערן אים פאַרגאַפטע. סע הייסט, דער אין שאַבעסדיקן סורדוט פאַרפּוצטער אַלטער קלאָץ, דער באָכער מיטן אוירינגל אין רעכטן אויער, דער ווערגעלעך כאָצי־בער, כאָצי־מענטש, מײַן בלייכע מאַמע, גיטעלע און איך.

אַ ווינטל שויבערט מײַן מאַמעס גראָווע האָר. מיט די מאָגערע הענט, אויסגעשטרעקטע צום הימל, ווי אין אַ טפילע, קוקט זי מיר אויס ווי אַ פאַרצײַטיקע פּריסטערין...

— אַדעראַבע וועאַדעראַבע, — שמועסט מײַן מאַמע אײַן גיטעלען, — אונדז גייט ניט אָן אַפילע, פון וועלכער מישפּאָכע דו שטאַמסט און ווער זײַנען דײַנע טאַטע־מאַמע. מיר נעמען דיך אַזוי ווי דו שטייסט און גייסט. מיר זײַנען אויך אָרעמע מענטשן, זײַנען מיר. מיר פאַרמאָגן אונדזער אייגנס אַ האַלבע דעסיאַטינע ערד. און דו וועסט מיט אונדז אײַנײַנעם אַקערן און יעטן אונדזער פעלד. און אונדזער ברויט וועט זײַן דײַן ברויט, און אונדזער געצעלט וועט זײַן דײַן געצעלט.

— האָט זי פונדעסטוועגן, דאָס מיידל, עלטערן? — ווענדט זיך די מאַמע מיט אַ פאַרטערערט קאָל צו קאַלעס צאַד, ס׳הייסט צום יונג מיטן אוירינגל אין רעכטן אויער און צום ווערגעלעך וואָס איז כאָצי־בער, כאָצי־מענטש.

— ניין, — ענטפערט ער, דער ווערגעלעך, — זי איז אַ יעסוימע, אַ קײַלעכיקע יעסוימע. ניט קיין טאַטע, ניט קיין מאַמע, ניט קיין ברודער, ניט קיין שוועסטער. נאָר איך קער איר אָן אַ גליד־גלידשוועסטערקינדל, אַ מין פינפטע ראָד אין זעקסטן וואָגן, — שמייכלט ער אַ טרויעריקער.

— איז זיך עס אַוואַדע גוט. איז זיך עס טאַקע אַ מיצווע־זיווּעג. ווי זאָגט מען עס בא לײַטן, — שעפּטשעט מײַן מאַמע.

זיצט זי אַזוי, די מאַמע מײַנע, אַף דעם סטויג היי און קוקט אַף דער לאָנקע מיט פײַכטע אויגן. איז וואָס טראַכט זי, אַשטייגער, איצט, די מוטער מײַנע? זי קער טראַכטן: די זעלבע לאָנקע און, דוכט זיך, אַפילע דער זעלביקער זומער און דער הימל און דאָס דאָרף. זי איז נאָך אַף דער וועלט ניט געווען, איז דאָס דאָרף געווען אַ דאָרף און די לאָנקע אַ לאָנקע. וויפל פּאָרלעך האָבן שפּאַצירט און זיך געהאָלובעט אַף דער לאָנקע ביז איר, און וויפל וועלן דאָס נעמלעכע טון נאָך איר. און שפּעטער, אַז מע ווערט עלטער, קוויקט מען זיך נאָר מיט די דערמאָנענישן... דאָס זײַנען די פינגער, די הענט, מיט וועלכע כ׳האָב דיך אַרומגענומען, און דאָס איז דאָס מויל, מיט וועלכן כ׳האָב דיך געקושט?..

— נו, ס׳איז שוין די העכסטע צײַט, אַז דאָס מיידל זאָל זאָגן איר וואָרט, — איז שוין אַלטער קלאָץ אַ ביסל אומגעדולדיק, — ווי שטייט געשריבן בא אונדז אין די הייליקע ספאָרים: תשאלו את הנערה. פרעגט די בסולע.

נאָר גיטעלע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער פֿײַכטער באַטויעטער ערד און שווײַגט מיט א טריבער שווײַגעניש. זי איז אזוי פארטיפט אין אירע מאכשאָווס, אז זי פילט ניט, ווי דאָס פאַרטאָגיקע ווינטל לאָזט זיך ווילגיין: ניט גענוג, וואָס ער שפּילט זיך מיט די ווײַבערשע טיכלעך, פאַרווילט זיך אים נאָך צו פאַרשאַרן זייערע קליידלעך, און גיי רוף אים קנאַקניסל.

— נו, גיטל־טיכיע, גיי שוין אַרויס מיט לאָשן, — רויגעזט זיך אַלטער, — זינט איך לעב, האָב איך ניט באַגעגנט אזא מאַרעשכוירעניצע, זאָלסט זאָגן, עס זאָל א שמייכל טאָן. גלײַך ווי מע וואָלט זי אָפּגעגאָסן מיט אַן אָסיענדיקן צעבער.

און ווידעראַמאָל שטיל אַרום. מע הערט נאָר דאָס שורשען פֿון די בלעטער און דאָס צווירקערײַ פֿון די פייגל.

— איטע, — שטייט אַלטער צו צו דער מאַמען, — זעסטאָך, אז ס'איז אַרויסגעוואָרפענע רייד. דו רעדסט צום ווינט רעדסטו. יענער גייט אין איין אויער אַרײַן און דורכן צווייטן אויער אַרויס.

— פֿונדעסטוועגן צווישן איין אויער און צווייטן בלײַבט דאָך עפּעס אין קאָפּ, בלײַבט דאָך עפּעס אין האַרץ, — מורמלט די מאַמע.

— מיר קומט אויס, אז מיר ווילן מעשאַדעך זײַן היסין מיט סטריסין. אז יענע איז א גאַנצע צענצעמיענציע בא זיך. און כוץ דעם, האָב איך מיר א יערושע פֿון פאַרצײַטן, אז אַן אישע טאָר מען ניט צופיל לאַשטשען, אניט ווערט זי קאַליע.

אָבער די מאַמע הערט אים ניט. די מאַמע זעצט זיך צו לעבן גיטעלען און טוליעט זיך צו צו איר. די מאַמע רעדט אַרײַן אין איר שטיל, דין־דין, ווי אָף קאַיאַריש לאָשן. און צו מײַנע אויערן דערגייען נאָר ווייכע, צערטלענדיקע אָפּקלאַנגען פֿון אירע רייד: אז דאָס מענטשלעכע לעבן איז קורץ ווי אַן אויגנבליק. אָט איז מען דאָ און אָט איז מען ניטאָ. און אז מע דאַרף זיך אײַלן... אוי, ווי מע דאַרף זיך אײַלן! ווײַל עס פאַלן אַראָפּ די יאָרן ווי בלעטער פֿון א בוים. גוט וואָלט געווען, — העשעט שוין די מאַמע מײַנע, — ווען מע קען דאָס לעבן איבערניצעווען ווי א מאַלבעש מיטן צעריסענעם אַראָפּ און מיטן גאַנצן אַרויף. נאָר גיי... נאָר גיי... אז אַליק, וואָס ווערט מיט אזויפיל מי און טרערן פאַרזייט, ווערט פאַרוויט און פאַרגייט. — און פאַרענדיקן פאַרענדיקט זי, די מאַמע מײַנע, — אז דאָס מענטשלעכע גליק איז נאָר א כאַלעם. איז דעריבער דאַרף מען אָפּכאַפּן, ווײַל שפּעטער הערט מען ניט אויף צו זוכן די אַנטלאָפענע טעג און נעכט, וועלכע זײַנען שוין אָף אייביק אַוועק...

— וואָס שטייסטו ווי א לעמעך! — גיט זיך אַלטער א לאָז צו מיר, נאָר אָף מיך דוירעס צו זײַן. — די מאַמע דײַנע האָט שוין אָפּגעזאָגט א גאַנצע טכינע, און ער שטייט גאָר ווי אַן אויסגעמאָלקענער: אַז דו האָסט זיך געקענט אָנטישען א גאַנצע נאַכט, איז באַוויזן איצט, אז ביסט א מאַנספאַרשוין.

און צו דער מאַמען:

— וואָס רעדסטו, איטע, מיט איר אָף שיריק־מיריק־לאָשן? דו זאָג איר בעסער, אז זי איז שוין א מיידל ראָע לעכופּע און אז אזא פאַרטיע וועט זי אזוי גיך נישט געפינען.

און צו גיטעלען:

— איך זע, אז דו ביסט פֿון די האַנאָריסטע, זע איך, דו האָסט פאַריסן דאָס קורנאָסע נעזל דײַנס ביז צו די שטערן. איז זײַ וויסן, איינמאָל פאַר אַלעמאָל און קלאָפּ דיר עס גוט אַרײַן אין קאָפּ. אז א באָכער איז ווי א גלאָז, א שווענק און ווידער ריין. א מיידל איז אָבער א זײַדן טיכל, א ריר — בלײַבט א פלעק.

איך פּרוּוו עפּעס זאָגן גיטעלען. איך רוים איר אײַן א סאָד אין אויער, זי זאָל זיך ניט נעמען צום האַרצן פֿון אַלטערס זלידנע רייד. אָבער זי שטייט אזא טרויעריקע מיט א געבויגענעם קאָפּ, גלײַך ווי עס וואָלט געהאָגלט אָף איר. דאָס אויסגעהאָפּטענע בלימל אָפּן פאַרטעכל איז ווי פאַרוועלקט געוואָרן. זי שטייט א בלייכע, א פאַרקלעמטע, א צעבאָרשטענע, און זי דערמאָנט מיר איצטער אין דער כומעשדיקער מוטער כאַווע, ווען מ'האָט זי אַרויסגעטריבן פֿון גאַניידן.

— נאַרישקײַטן, — גיט זי זיך מיטאַמאָל א לאָז צו אַלטערן, — נאַרישקײַטן, — ווי קאָן עס א מענטש בא אײַערע יאָרן ריידן אזעלכע קינדערײַען? שיקט זיך, אז איר שעמט זיך פאַר קיינעם נישט.

— הו־האַ... גאָרנישט קיין שפּעטנע באַלדאַרשנטע. כלעבן, דער דובנער מאַגיד דאַרף הייצן בא איר אין אויוון, — כיכיקעט אַלטער.

— ווי זאָל איך אײַך זאָגן אזוי, אז איר זאָלט ניט אוועקגיין געקריוודעטע און פאַרשעמטע פונדאַנען, — לייגט זי אַוועק, גיטעלע, איר האַנט אָף מײַן מאַמעס אײַנגעפאַלענע אַקסלען, — אָט נעמט א ווערעמל, קריכט עס, סע לעבט אין דער פינצטערניש צענדליקער יאָרן. און

גאָרנישט. עס מיינט אויך, אז סע לעבט. און אָט א שמעטערלינגל, האָפקעט עס ארום אזא זוניקס פון בלום צום בלום. און ווי עס הוהאעוועט אזוי פריילעך מיט די צארטע סאמעטענע פליגעלעך, און לעבט בעסאכאקל איין מעסלעס... איז וואָס זשע קומט מיר, וואָס איך וויל מיר זײַן א שמעטערלינגל און פליִען פון שטעטל צו שטעטל? טוט א טראכט — אזויפיל אָרעמע און טרויעריקע שטעטלעך זײַנען פאראן בא אונדז. איז דאָך א מיצווע זיי צו ברענגען כאָטש א ביסעלע פרייד...

— קומט אויס, איטע, אז זי, דאָס שיר געוואָרענע שנירל דײַנס, איז א מין באַלשעמסקע איניקל. א גאנצע סאָרע באס טויווים. טוט אווירעס און קוויקט זיך מיט זיי, ווי מיט מיצוועס. אויב אזוי, איז פאָטער אן אייסעק. בעמיילע, א געניטע ליבע איז קיין ליבע ניט, — גלײַכט זיך אויס אלטער קלאָץ און טרייסלט אָפ די שטרויעלעך פון זײַן שאבעסדיקן סורדוט.

דער ווערגעלעץ און דער יונג מיטן אוירינגל איך רעכטן אויער הייבן אָן ראשיק צו פאדען ארום זייער צירקישן רעמאנענט. איינער שמירט די רעדער פונעם שאראבאן, א צווייטער שאַרעוועט די פערד, וועלכע פריכקען און הירזשען. גיטעלע פאָרעט זיך ארום די טײַבעלעך. דאָס גרייטן זיי זיך אלע אין וועג.

— נו, פאָרט געזונט און קומט געזונט, און אומעטום זאָלט איר באגליקן און אלעמען מיט פרייד דערקוויקן, — כליפעט די מאמע.

די מאמע און אלטער שפאנען פאמעלעך מיט מידע טריט, און איך שטיי אָפ א גרין באַטויעט בערגל און קוק צום צירקישן שאראבאן, צו מײַן באנאכטיק כאָלעם־בײַדל, וואָס האָט זיך אָקאָרשט געלאָזט אין וועג. אינלופטן פלאטערן נאָך, ווי נאכטיקע פייגל, גיטעלעס הענט — דאָס געזעגנט זי זיך אָפ פונדערווײַטנס.

עפּעס ריידן זיך איבער די מאמע מיט אלטערן. נאָר דער וועג, דער כאָכעם, שווײַגט. ער שווײַגט, ווי זײַן מאמע — די אלטע קלוגע ערד. וויפל מענטשן זײַנען שוין אָף דעם וועג געגאנגען, און וויפל וועלן נאָך גיין! נאָר ער שווײַגט, דער וועג. עפשער שווײַגט ער פון גרויס פרייד, וואָס סע לאשטשען אים מענטשישע טריט, וואָס סע פאסעווען און צעגרודעווען אים רעדער פון שווערגעוויכטיקע שאראבאנעס און פורן? און עפשער שווײַגט ער פון גאָר גרויסן טרויער, מאכמעס די טריט, וועלכע לאשטשען אים, וועלן פארגיין און זיך אויסלעשן? נאָר ער, פראָסטער דאָרפישער וועג, מיט זײַנע שיפּוּים און היגלען, וועט אלץ לעבן און איבערלעבן.

...און איך וועל שוין פון הײַנט אָן און ווײַטער, אז איך וועל מיך גיין לייגן שלאָפן, לייגן צוקאָפנס די שאבעסדיקע נאכט, און אינדערפרי וועל איך זי שוין ניט געפינען און וועל שוין, ווי מײַן גיטעלע פלעגט זאָגן, זוכן די נעכטיקע טעג און נעכט.

אָבער איינס ווייס איך שוין איצט אָף זיכער. אז איך וועל פארגייך, וועט נאָך מיר בלײַבן ניט נאָר א הרודעלע אש, נאָר אויך א פלעמל, זאָל זײַן א קליין פלעמעלע, א פיצינקס, אָבער לײַכטן וועט עס.

ליבשאַפט

אויב ס'איז דאָ אויף דער ערד אַזאַ טפילע,
אויב ס'איז דאָ אַזאַ שפּרוך אויף דער ערד,
אויב דו גלייבסט גאָר אין זיי ניט אַפילע,
האָסט זיי פּאָרט מיט דיין האַרצן דערהערט.
ס'איז געווען אָט די שאָ אַזאַ שטילע,
ס'האָט קיין בלאַט ניט געטאָן זיך קיין ריר,
ס'האָט דיין האַרץ נאָכגעזאָגט יענע טפילע,
ווען געקלאַפּט האָסט דיין ליבסטער אין טיר...
זי האָט לאַנג ניט געעפנט דיר ווידער,
האָסט געדולדיק געוואַרט, זיך דערוואַרט,

און אָט לייגט זיך איר האַנט איצט אַנידער
אויף דיין אַקסל, ווי מילד און ווי צאַרט!
העלע שויבן צינדט אָן איר נעשאָמע,
אויגן ליכטיקע — קוקסטו אַריין,
ווערסט דערטרונקען אין זייערע טהאָמען,
ווערסט פאַרכלינעט פון פרייד און פון שיין.
נאָר זיי פלאַקערן נאָך מער פאַרשייטער,
ניט סע וואַרעמט — עס ברייט זייער בליק,
אין דעם פייער איז שווער שפּאַנען ווייטער,
אין דעם פייער ניטאָ איז קיין גליק!

אַ זומער-רעגן

דעם ווינטערס אומעט טרייבט צו אַלדי רוכעס,
ווען פרילינג שיקט שעליכים אומעטום
און ביימער שטייען שוין אין גרינע טוכן
און נעמען איינס דעם אַנדערן אַרום...

און דאָרט, אין הייך, אין אויסגעקלאָרטע בלויען,
אַ לערכע זיך פאַרקליבן אין זעניט,
צעעפנט פון געזאַנג האָט זיך אַ טויער
און אויף דער ערד מיט זילבער שיט און שיט...

אין דרויסן וואַרטן אָפּ אויף מיר שוין ווינטן,
צעכראַסטעטע, צעשויבערטע פון גליק.
ווער ס'קומט פון פעלד, און ווער פון וואַלד צעגרינטן —
און פרישקייט ברענגט אין יעדן הויז און ליק.

זיי זיינען שטאָלץ מיט פרילינגדיקן ייכעס,
פון זיי, פון זיי דער יאַמטעוו הייבט זיך אָן,
זיי פילן אויס באַ צייט דאָס גרויסע שליכעס:
דעם יאַמטעוו-פלאַטער שענקען זיי דער פאָן

און וואַרפן זיך אין אירע רויטע פלאַמען,
אין מענטשן-יאַם פון יובלדיקער פרייד.
...מיט ווינטן לויפן לאָז איך זיך צוזאַמען.
ס'איז ערעוו מיי. דער יאַמטעוו קומט, ער גייט.

מייער יעלין

פונעם געשעענעם און איבערגעלעבטן הינטערן
שטעכדראָט פון קאָוונער געטאָ[1]

לעבנס-קוויטלעך

מענטשן, אַלע די, וואָס ווע‌לן לעבן נאָכן האס־ און בלוט־מאבל, זײַט אונדז מוי‌כל. אונדזערע שוואכקײַטן זײַט מוי‌כל. דאָס זײַנען דאָך מענטשלעכע שוואכקײַטן. און קומען קומען זיי פונעם אײַנגעבוירענעם, פונעם נאטירלעכן אופהאַלטונגס־דראנג, וואָס איז אייגנטימלעך יעדן לעבעדיקן וועזן.

ס'איז אונדז זייער ביטער, זייער און זייער שלעכט. יעדערער באזונדער און אלע איינעם צאפלען מיר זיך אין דער שטײַג, וווהין מע האָט אונדז ארײַנגעטריבן. אָפּהענטיקע פאַרלאָזן זיך אף ניסים. אָבער א סאך פּרוּוון עפּעס טאָן מאמאָשעסדיקס. אָפּטמאָל — ס'זאָל זיך ניט דאכטן, אז זיי פאַרלאָזן זיך אף ניסים...

אין דער גרויסער פאַרלוירנקײַט האָט פיל פון אונדז ארומגעכאפּט א מאַניע זיך צו באזאָרגן מיט צעטלעך פון קאָלערליי ארבעט־פּלעצער. אַל קאָל צאָראָ שעלוי טאָווי. אן עמעסער צײַגעניש־פיבער איז עס. מע זוכט, מע קריגט, מע בײַט זיך מיט פּאַפּירלעך. מע פּרוּווט מיטן סייכל האיאָשער פעסטשטעלן, וועלכע פון זיי זײַנען „גוטע", וועלכע — „שוואכע". דאָס הייסט, וועלכע קאָנען האָבן א שטיקל ווערט בא די היטלעראָווצעס און אף וועלכע זיי וועלן אין דער אנטשיידנדיקער רעגע זיך אפילע ניט אומקוקן.

דער אוילעם זאַמלט די קוויטלעך, וואָס מע באקומט נאָכן טאָג צוואנג־ארבעט. מע האָפט, אז אָט די קליינינקע פירקאנטיקע שטיקעלעך פּאַפּיר, אף וועלכע ס'איז ארופגעשטעלט בלויז דער

---

1 זע די פריערדיקע פובליקאציעס אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 10, 1967, נומ. 12, 1969 און נומ. 1, 1970.

שטעמפּל מיטן שפּאַרבער און האַקנקרײַץ פֿון דער אונטערנעמונג, וווּ מע האָט דעם טאָג אָפּגעהאָרעוועט, וועלן שיצן פֿון שלעכטס זייערע אייגנטימער. וואָס מער קוויטלעך, אַלץ בעסער. אַנדערע, די מער מעיוכעסע, האָבן בײַ זיך שטענדיק די באַשײַניקונג, אַז זיי זײַנען באַשעפֿטיקט אין דער ייִדישער „זעלבסטפֿאַרוואַלטונג" פֿון געטאָ. זיי מיינען, אַז דאָס וועט אי זיי, אי זייערע מישפּאָכעס באַוואָרענען פֿון אַרויספֿירעניש און אומקום. די, וועלכע טראָגן אַן אָרעמבאַנד פֿון וועלכן־ניט־איז „טשין" אין דער ייִדישער געטאָ־אַדמיניסטראַציע, שפּירן זיך שיִר ניט ווי הינטער אַן אײַזערנער וואַנט.

און דאָ האָט אַלעמענס מויכעס אײַנגאַנצן צעמישט אַ נײַע ידיִעה: דער היטלעריסטישער שטאָט־קאָמיסאַר האָט דורך זײַן מעמונע פֿאַר „יודען־אַנגעלעגנהײַטן" איבערגעגעבן דער ייִדישער געטאָ־אַדמיניסטראַציע פֿינף טויזנט צײַגענישן צו צעטיילן די האַנטווערקער, וועלכע האָבן אויף זײַן באַפֿעל זיך געהאַט רעגיסטרירט מיט אייניקע טעג צוריק. נײַע פּאַפּירלעך, נײַע דאָקומענטן...

אַ לויטערער, מעכײַעדיקער סענטיאַבער־טאָג. ווייניק מענטשן האָט מען גענומען הײַנט צו דער אַרבעט. דרייט מען זיך אַרום פּוסטעפּאַס איבער דער געטאָ. און אַז מע דערוויסט זיך וועגן די נײַע צײַגענישן, ווערט באַלד איבערפֿול דער הויף פֿון דער ייִדישער געטאָ־אַדמיניסטראַציע, וווּ עס הייבט זיך טאַקע אָן זייער פֿאַרטיילונג. כאָשעדיק איז דאָס, וואָס אַ צײַגעניש ווערט אַרויסגעגעבן אויך פֿאַר יעדן פֿאַמיליע־מיטגליד פֿונעם רעגיסטרירטן האַנטווערקער.

פֿאַרשפּרייט זיך בליץ־שנעל דער קלאַנג, אַז ניט קיין פּאָשעטע דאָקומענטן זײַנען עס, נאָר עמעסע לעבנס־קוויטלעך. ווער סע וועט אַזאַ באַזיצן, בלײַבט לעבן. ווער ניט — ווערט אַרויסגעפֿירט. מעגלעך — אויף אומקום...

פֿרומע ייִדן ווערן דערשיטערט: ס'איז הײַנט שמיני־אַצערעס! אין אָט דעם טאָג ווערט יאָר־יערלעך אין הימל אַרויסגעגעבן איטלעך איינעם זײַן, אום יאָמקיפּער געכאַסמעט, גוירל־קוויטל. דאָס מאָל געשעט עס אויף דער ערד בעפֿויעל־מאַמעש — מי לעכאַיִם, מי לעמאָוועס...

אַ צעררודערונג, אַ בעהאָלע. מאַכנעס מענטשן פֿאַרפֿלייצן דעם פּלאַץ פֿאַרן הויז פֿון דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע. מע פּרוּווט אַרײַנדרינגען אינווייניק, קעדיי צו בעטן, קעדיי צו מאָנען און פֿאָדערן פֿאַר זיך אַ צײַגעניש. מע צעטראָגט טיר־און־טויער. מע רײַסט זיך ענדלעך אַרײַן אין דער געבײַדע. גיט אַהער די לעבנס־קוויטלעך! וווּ זײַנען די טיילער?!

די „אַסקאָנים" ווײַזן איינער אויפֿן אַנדערן. איינעם פֿון זיי איז מען שיִר ניט דוירעס. אַ צווייטער ראַטעוועט זיך, שפּרינגענדיק דורכן פֿענצטער. נעמט דער אוילעם אַליין באַלעבאַטעווען: שופֿלאָדן, שאַפֿקעס ווערן אויפֿגעריסן. ניטאָ די צײַגענישן!

מע נעמט איבעררײדן, אַז פֿאַר גרויסע געלטער אָדער ווערטזאַכן קאָן מען אײַנהאַנדלען זיך אַ צײַגעניש. טאַקע בײַ די נײַע קאָהאָלשע קאָכלעפֿל. באַלד ווערט אויך דערוויזן מיט פֿאַקטן, אַז מעקוראָווים פֿון די טאַקיפֿים אין דער ייִדישער געטאָ־אַדמיניסטראַציע זײַנען שוין, באָרעכהאַשעם, פֿאַרזאָרגט מיט לעבנס־קוויטלעך. זיי און די איבעריקע אַנשיי־שלוימיינו.

דער אוילעם, שפּירנדיק, אַז עפּעס ניט גערעכטס ווערט בישטיקע אָפּגעטאָן הינטער זײַן רוקן, נעמט מיט געבײַלטע פֿויסטן פֿאָדערן גערעכטיקײַט. טײַנעס מישן זיך צונויף מיט פֿאַרצווייפֿלטע וואָרענונגען און דראָונגען אויפֿן אַדרעס פֿון די, וואָס באַגייען אַ הימלשרײַענדיקע אַוולע.

אַלץ דרייסטער ווערט אָבער אַרויסגעזאָגט די מיינונג:

— פֿאַרוואָס דאַרפֿן לעבן בלײַבן בלויז די, וועמען די דײַטשן האָבן נייטיק? וועמען זיי ווילן לאָזן לעבן?!

דערווידערט אַ פֿאַריסענע שטים:

— ס'איז פֿאַר האַנטווערקער! פֿאַר פֿאַכלײַט, וואָס אַרבעטן מיט זייער שווייס...

די דאָזיקע ווערטער האַלטן אונטער היסטערישע קוילעס:

— מיר פֿינצטערן אַ גאַנץ לעבן. מיר האָרעווען. אויף אונדז האַלט זיך די געטאָ. מעגן מיר כאָטש איין מאָל פֿון עפּעס געניסן. נאָר פֿאַר האַנטווערקער! פֿאַר פֿאַכלײַט!

שרײַט עמעצער גרילצנדיק אַלעמען אַריבער:

— אַלע ווילן לעבן, אַלע!

דער געדראַנג אַרום הויז פֿון דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע ווערט אַלץ גרעסער. מענטשן פֿאַרלירן דעם קאָנטראָל איבער זיך. די אויפֿרעגונג שטײַגט, צעוואַלגערט אַלע צוימען:

— וווּ זײַנען זיי, די מאַכערס! אויפֿהענגען זיי!

פֿאַראַן אויך אַזוינע, וואָס רופֿן צו דיסציפּלין:

— ייִדן, האַלט זיך אײַן! דײַטשן וועלן אָנלויפֿן. אַז־אָך־און־וויי וועט זײַן צו אונדז אַלעמען.

אז זיי וועלן באַלעבאַטעווען, וועט אײַך זײַן בעסער? בלוט וועט זיך גיסן, און איר וועט שווײַגן ווי די צוציקעס.

אויף דעם קומט אַן ענטפער:

— ווען אייגענע באַגייען אַן אומגערעכטיקייט, טוט שטאַרקער ווי. בעסער באַאַוולט ווערן פון פרעמדע.

ס'געפינט זיך אויך אײנער אַ מעיושעווע מיינונג, וואָס וויל באַרויִקן די געמיטער:

— מעמאַנעפּשעך, אויב די צעטלעך זײַנען באַשטימט פאַר באַלמעלאָכעס, זאָל אַזוי בלײַבן. אַזוי איז מינאַסטאַם באַשערט. מע מוז מאַשלים זײַן מיטן גזאַר. אויב אָבער עס רעדט זיך וועגן פּאַרטייִלן לויט אײַנזעעניש, פרעגט זיך: ווי אַזוי עס טאָן? מיט וואָס איז לעמאַשל, מוישע כאַשע־ווער פון טעוויען? סײַדן וואַרפן גוירל. לויט אַ לאָטעריי... ווערמענס מאַזל ס'וועט אויסטראָגן...

ס'דערהערן זיך אַנטשלאָסענע שטימען:

— ייִדן, ווער האָט רעכט צו פּאַסקענען: דער בלײַבט לעבן, יענער גייט פאַר אַ קאָרבן?!

די מענטשן־מאַסע קאָן זיך ניט באַהערשן — שוימט, ברויזט, איז קאַפּאַבל איבערקערן וועלטן. וואָס איז דער וווּנדער? דער מאַלעכהאַמאָוועס פאַרפּאַכעט זיך איבער איר מיט זײַן קאָסע, און די מילדע סענטיאַבער־זון לאָזט זיך בענימעסדיק אַראָפּ צום מײַרעוודיקן הימל־ראַנד, צינדט דאָרט אָן אַ מוירעדיק גרויסן, בלוטנדיקן מיזבייעך־שײַטער.

איך באַוויַיז זיך זעלטן אין גאַס. מײַד אויס איבעריקע באַגעגעניַשן מיט מענטשן. מע טאָר ניט וויסן, אַז אונדזער געזעלשאַפטלעך־אַקטיווע מישפּאָכע, באַקאַנט מיט איר פּראָגרעסיווער אַנשויונג און אַנטיפאַשיסטישער טעטיקייט, געפינט זיך אין געטאָ. אומקערנדיק זיך קיין קאַוונע נאָכן אומגעלונגענעם פּרוּוו זיך צו עוואַקוירן, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ווי נאָר די היטלעריסטן האָבן פאַרכאַפּט די שטאָט, האָט עס די צעבושעוועטע אָרטיקע מעשאָרסים זייערע אָנגעטראָגן זוכן אונדז אין דער היים. געזוכט און ניט געפונען. איצט, ווען זיי דערוויסן זיך...

האָק איך, ווי ווײַט מעגלעך, אינעם ווינקל, וווּ מיר האָבן אַ שטיקל אָפּדאַך געפונען. נאָר דאָ — אַן אומדערוואַרטער באַזוך. מײַנער אַ גוטערפרײַנט, אַן אָנגעזעענער בוי־ספּעציאַליסט, וואָס פאַרנעמט איצט אַ גאַנץ וויכטיקן פּאָסטן אין דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע, זוכט מיך אויף און גיט איבער בעסאָד פון די אַנדערע דירע־שכיינים אַ „האַנטווערקער־צײַגעניש".

— זײַט וויסן, — דערקלערט ער דערבײַ, — איצט זײַט איר אַ בעטאַנשטשיק. כ'האָב אײַך אַרײַנגעטראָגן אין דער ליסטע. מיט אַן עטוואָס געענדערטער פאַמיליע. מיר האָבן אופגעשטעלט נײַע ליסטעס. אַרײַנגעשטעלט פּאַרדינסטפולע מענטשן.

איך בין געפּלעפט. נעם מורמלען:

— צו וואָס? וואָס זאָל איך מיט דעם...

— אָ, רעדט ניט! — האַקט מיך איבער דער געקומענער. — מע קאָן ניט זאָגן מיט דער פולער זיכערקײַט, נאָר מעגלעך, אַז ס'איז אַ לעבנס־דאָקומענט. מיר זײַנען כוישעד, אַז די דײַטשן ווילן איבערלאָזן נאָר, ווי זיי דריקן זיך אויס, „נוצלעכע יודן". האָבן מיר באַשלאָסן: אויב אַ טייל פון דער געטאָ־באַפעלקערונג איז באַשערט צו בלײַבן לעבן, דאַרפן אינעם טייל זײַן פּאַרגעשטעלט אַלע שיכטן פון דער געזעלשאַפט. דאַרפן בלײַבן ווערטפולע, פּאַרדינסטפולע מענטשן. מע מוז זוכן אַ גערעכטע לייזונג.

— אַ גערעכטע? קאָן מען אין אַזאַ צוזאַמענהאַנג ריידן וועגן גערעכטיקײַט? — ציטער איך אויף. — און ווער קאָן פעסטשטעלן — יאָ פּאַרדינסטפול, ניט פּאַרדינסטפול? ווער האָט דאָס רעכט צו נעמען אויף זיך...

— איך וויל ניט דיסקוטירן, — האַקט מיך ווידער איבער דער געקומענער, אײַלנדיק אַוועקצוגײן. — ניטאָ מער קיין קויעך צו דיסקוטירן. פינף טויזנט צײַגענישן אויף קאַרעוו דרײַסיק טויזנט נעפאַשעס! זײַט אַ בעריע און פּאַרטיילט גערעכטיק... מיר גיבן איצט צו אײַן לעגיטימאַציע אויף אַ פאַמיליע, פאַרן מישפּאָכע־ראָש. עפּשער וועט עס גילטן אויך פאַר די איבעריקע מיט־גלידער. און פאַרגעסט ניט, אַז ס'איז אַ לעבנס־דאָקומענט.

געוויס איז מײַן גוטערפרײַנט געקומען, באַוועגט פון די בעסטע געפילן צו מיר. און איך האָב אים קימאַט ווי ניט באַדאַנקט פאַר דער אַרויסגעוויזענער אופמערקזאַמקײַט. אַוועק איז ער אַן אָנגעשטויסענער, קימאַט באַרויגעזער.

אויפן טיש איז געבליבן ליגן ניט קיין גרויס קאַרטל פון שטײַף ווײַס פּאַפּיר. אויף אים איז מיט קידעש־לעוואָנע־אויסיעס געווען אָפּגעדרוקט: „צײַגעניש פאַר יידישע האַנטווערקער". איך רעכטן ווינקל אונטן מיט קליינע בוכשטאַבן: „אונטערגעשריבן אין אופטראָג פונעם געביטס־קאָמיסאַר אין קאַווע (קאַוונאָ)־שטאָט — יאַרדאַן". קיין אונטערשריפט איז אָבער ניט געווען. אַ פּאָלשטענ־

דיק אנאַנים פּאַפּירל — אָן א נאָמען, שוין אָפּגערעדט — א פּאַטאַ. אויך שטעלן א שטעמפּל אָדער אונטערשרײַבן זיך אויף א דאָקומענט פאַר יידן האָט אונדזער יאַרדאַן העגקער געהאַלטן פאַר א פּכיסעס־האַקאָוועד.

לאַנג בלײַבט אויבנוף די „האַנטוווערקער־צײַגעניש". לאַנג דריי איך זיך אַרום א דערשיטערטער איבערן צימערל. כ'בין פון היַינט אָן א בעטאַנשטשיק. א לעבנס־קוויטל האָט מען מיר אַרײַנגעטראָגן אין שטוב. מע האָט מיך צוגערעכנט צו די „פאַרדינסטפולע" און מע וויל מיך באַוואָרענען פון אומקום. און ווו איז מײַן פרוי און קינדער? מײַן פאָטער, ברודער? און די פיל, פיל אַנדערע? בלויז פינף טויזנט פון קאָרעוו דרײַסיק בלײַבן לעבן! איך קאָן זײַן צווישן די פינף. גאָט מײַנער, ווי מײַדט מען אויס דעם ניסאָיען?

כ'האָב ווי מוירע געהאַט דאָס דאָקומענטל אין האַנט צו נעמען. עס שיר ניט געוואָלט צערײַסן. נאָר באַטראַכט זיך: עפּשער עמעצן אָפּגעבן? דערווײַל עס פאַרוקט אונטערן טיש־צודעק. פאַרוקט מיט דער שטומער באַקאָשע, ניט צו דאַרפן צו דעם אומקערן זיך אָדער גאָר אָנקומען.

דער שיקזאַל איז געווען גנעדיק צו מיר. כ'האָב אויסגעהיט זיך פון א באַגעגעניש מיט די מעכאַבלים. און טאַקע אויסגעהיט געוואָרן פונעם ניסאָיען.

גאָר אינגיכן האָבן די „צײַגענישן פאַר יידישע האַנטוווערקער", אין אונדזער אומגאַנגס־שפּראַך — „יאַרדאַן־שײַנען", פאַרלוירן זייער גילטיקײַט. די לעבנס־קוויטלעך זײַנען ווי באַטל־אומוווּטל געוואָרן.

זײַט מויכל, מענטשן, די אַלע, וואָס האָבן זיך געיאָגט נאָך די דאָזיקע קוויטלעך. פאַרורטיילט אונדז ניט פאַר אַרויסגעוויזענע שוואַכקײַטן און קליינמוט. ווענדט אָן די מידאַס־האָראַכמים פאַר באַגאַנגענע טאָיִסים און אַפילע כאַטאָיִם. טאָגטעגלעך — בעכאַל אייס אובעכאַל שאָ — קוקן מיר דעם טויט אין די אויגן. און ניט אַלע האַלטן דאָס אויס.

טרײַשאַפט

איך שטויס זיך אָפּ אָן אינעם יונגן ווײַבל, דער שכיינע אונדזערער. מיר לעבן דאָך אין איין געמיינזאַמער דירע. פאַרבײַגייענדיק, לאָזט זי שטענדיק אַראָפּ דעם בליק און דאָס פּאָנעם אירס שטאַרבט אײַנגאַנצן אָפּ.

מיר זײַנען פּײַנלעך די דאָזיקע באַגעגענישן. איך געהער לעכאָל־האַדייעס צו דער קאַטעגאָריע „אינטעליגענטן" און האָב זיך ניט צוגעשטעלט צום טויער, בייס די היטלעראָווצעס האָבן גלײַך נאָכן שליסן די געטאָ געפאָדערט, עס זאָלן זיך מאָרגן פרײַוויליק מעלדן פינף הונדערט „אינטעליגענטע, גוט געקליידעטע מענער צו אַן אינטעליגענטער אַרבעט". איר מאַן, וואָס איז געווען א פּאַשעטער עלעקטראָמאָנטיאָר, איז גאָר אײַנגעפאַלן זיך צו מעלדן. איז ער, ווי מע זאָגט איצט אין געטאָ, „אוועק מיט דער אינטעליגענטן־אַקציע". און ווי אין וואַסער אַרײַן.

פאַרן לייגן זיך שלאָפן ערעוו דער „אינטעליגענטן־אַקציע" האָבן די אײַנוווינער פון אונדזער דירע ניט צוניפגערעדטערהייט זיך געהאַט פאַרזאַמלט צו א יישעווו־האַדאַס: וואָס קאָן באַטײַטן די פאָדערונג פון די היטלעראָווצעס? זאָל מען גיין מאָרגן צום טויער אָדער ניט?

צופעליק אײַנגעקוואַרטירטע אין דער געטאָ־דירע, האָבן מיר נאָך גוט ניט געקענט איינער דעם אַנדערן. האָט מען געדאַרפט אָפּגעהיט זײַן מיט א וואָרט. און אַז מע האָט געוואָלט וויסן, וואָס איך טראַכט וועגן דעם איניען, האָב איך קורץ געענטפערט:

— איך וועל פרײַוויליק ניט גיין.

דער יונגערמאַן פונעם יונגן ווײַבל איז אָן אופגערעגטער אוועק צו זיך אין צימערל.

פאַרן אַרויסגיין יענעם פאַטאַלן פרימאָרגן צום טויער, אָנגעטאָן אין א גוטן גאַרניטער, א פריש אָפּגעראַזירטער, אונטערגעצויגענער, האָט ער מיט פאָרוווּרף צי אַפילע פאַראַכטונג א קוק געטאָן אויף מיר, ווי איינער זאָגט: א ביזאָיען ניט צו דערפילן די פליכט לעגאַבע דער געטאָ. איר זײַט דאָך אַן אינטעליגענט.

איך קאָן ניט פאַרגעסן דעם לעצטן קוק זײַנעם. נאָר אויב אויף מײַן זיקאָרן־טאַשמע איז געבליבן אָפּגעשטעמפּלט בלויז זײַן לעצטער קוק, — וואָס איז שוין צו ריידן וועגן דער, וואָס האָט איר לעבן פאַרבונדן מיטן דאָזיקן מענטשן?

מיר האָבן זיך ניט געמאַכט קיין אילויזיעס און געגלייבט די דערגאַנגענע צו אונדז קלאַנגען, אַז מע האָט אַלע אוועקגעטריבענע צו דער „אינטעליגענטער" אַרבעט אומגעבראַכט. דעם זעלבן טאָג צעשאָסן. אונדזער שכיינע, דאָס יונגע ווײַבל, וואָס האָט איר מאַן פאַרלוירן, לאָזט, קענטיק, קיינע קלאַנגען צו זיך ניט צו. זי וואַרט טאָג און נאַכט. שאָענלאַנג בלײַבט זי פאַרשטאַרט באַם פענצטער. פונעם צווייטן שטאָק, ווו מיר לעבן, האָט זי א גוטן אויסבליק אויפן געסל. קוקט זי

אויס אירע אויגן, עפּשער, וועט ער זיך באַווײַזן. ס׳איז מער ווי בענקשאַפט. מער ווי געשפּאַנטע דערוואַרטונג. זי איז צוגעדריקט, צוגעשטיקט פון עפּעס אַ מוירעדיקער קראַפט, וואָס נאָגט אויס איר כּײַעס. איר פריִער בליִענדיק פּנים איז פאַרוועלקט. און דער טרויער, דער צער אין די אויסגעלאָשענע אויגן!

די געבליבענע אין געטאָ ראַנגלען זיך פאַר זייער אויסקומעניש. גייענדיק אַף אַרבעט אין שטאָט, שאַפן זיי זיך עפּעס אײַן צום עסן. זי האַלט אויף די נעשאָמע אַדאַנק דעם קליינעם שפּײַז־רעזערוו, וואָס איר פּראַקטישער און זייער ניכטערער מאַן האָט געמאַכט באַם אַרײַנגיין אין געטאָ. און אַז דאָס ביסל שפּײַז וועט אויסגיין? זי מאַכט זיך ניט קיין כעזשבן. מײַדט אויס די צוואַנג־אַרבעט. סײַדן מע טרײַבט זי אַוועק איבערגעוואַלט. און ווידער זיצט זי אין שטוב. באַם פענצטער.

אַ סאַך יונגע ווײַבלעך, וואָס האָבן לעצטנס פאַרלוירן זייערע מענער, טרייסטן זיך. אַפילע איז געטאָ. טוליען זיך צו מאַנצבלען. זוכן בא זיי, עפּשער ניט אַזוי לאַסקעס, ווי שוץ. זי זוכט קיין זאַך ניט. זי צאַנקט.

מע האָט געפּרוווט זי באַווירקן: די שאָ, וואָס מע לעבט, מוז מען טראַכטן וועגן לעבן. מע האָט איר אַפילע געגעבן אָנצוהערעניש, אַז מאַן און ווײַב דאַרפן זיך טרײַ זײַן, איבערגעגעבן, דאַרפן אייביק זײַן. אָבער שטאַרבן, צוזאַמען אונטערגיין זײַנען זיי ניט מעכויעוו. זי הערט עס אויס און גייט צום פענצטער. אויסקוקן, וואַרטן.

גאָר איינגיכן האָט זיך אָנגערוקט די אַנטשיידונג. אין אַ קאַלטן, כמורנעם טאָג פון סאָף האַרבסט. מע האָט אונדז צונויפגעטריבן אַף אַ פּלאַץ אָפּצוקלײַבן מענטשן צו אַרבעטן „אַאוס־ווערטס״, ס׳הייסט ערגעץ אויסער דער געטאָ. דער אוילעם האָט אָבער באַלד פעסטגעשטעלט, אַז דאָרט, ווו מע זאַמלט די אָפּגעקליבענע, איז די „שלעכטע זײַט״. ניט קיין אַרבעט, דער טויט וואַרט אַף זיי.

און אַז ס׳האָט זיך דערנעענטערט די ריי פונעם יונגן ווײַבל, האָט זי, אַן אײַנגעקוטעטע אין אַ טונקעלער טוך, גאָר קיין אכט ניט געלייגט אַפן געסטאַפּאָוועץ, וואָס האָט מיטן ווונק פון דער האַנט אָנגעוויזן, וווהין ער באַשטימט יעדן איינעם פון די געטאָ־אַסירים. ניט וואַרטנדיק אַף זײַן ציַיכן, איז זי פּאָשעט געלאָפן צו דער „שלעכטער זײַט״. מיר האָבן איר נאָכגעשריִען, זי זאָל זיך אָפּהאַלטן. פון דער ביטערער דערפאַרונג האָבן מיר שוין געוווסט, אַז אַן אַליינשטייענדיקן יונגן מענטשן באַטראַכטן די דײַטשן פאַרן בעסטן אַרבעטס־עלעמענט און לאָזן, ווי אַ קלאַל, איבער אין געטאָ. זי האָט קיינעם ניט געהערט צי ניט געוואָלט גאָר הערן. ס׳האָט זי, אַוודע, געטראָגן דער געדאַנק, אַז עפּשער וועט זי דאָרט, ווו מע וועט פירן, ענדלעך, טרעפן איר מאַן. זי האָט מער קיין קויעך ניט געהאַט צו וואַרטן.

„איבערזידעלונג״

„איבערזידעלונג״ אָדער „אומזידעלונג״ — דאָס דאָזיקע דײַטשישע וואָרט האָט אַזוי זיך אײַנגעבירגערט אין דער אומגאַנגס־שפּראַך, אַזוי אַרײַן אין אונדזער אַלטעגלעכן געברויך, אַז מע שפּירט שוין אַפילע ניט די פרעמדקײַט פונעם וואָרט גופע און די האַרבקײַט פונעם באַגריף, וועלכן עס דריקט אויס.

„איבערזידעלן״, „אומזידעלן״ באַטײַט אַף דײַטש פּראָסט און פּאָשעט — איבערקלײַבן זיך אין אַ נײַ וווינאָרט, אין אַ נײַער דירע.

אַמאָל האָט זיך עס אַסאָציִירט מיט נײַע היימען, מיטן רייעך פון פרישע קאַלך און אייל־פאַרב, מיטן דופט פון בלומען, מיט דער פרייד פון כאַנוקאַס־האַבאַיִס. איצט באַטײַט עס כורבן און איימעס־מאָוועס. עס שמעקט מיט דער אָנוועזנהײַט פונעם טויט, ס׳טראָגט אָן די גרויליקע פײַכטקײַט און פינצטערניש פון קוואָרים.

„איבערזידעלונג״ — וווהין ווײַטער? מע האָט אונדז דאָך שוין „איבערגעזידעלט״ פון דער זינט דויר׳עס אײַנגעגעסטעטער היים אין געטאָ אַרײַן. דאָן אַ טייל מענטשן „איבערגעזידעלט״... אָ, מיט דעם קאָן מען גאָר ניט שאָלעם מאַכן! ציניקער זאָגן האַרב און אָן ראַכמאָנעס: „מע האָט „איבערגעזידעלט״ אַף יענער־וועלט...״

אַנדערע גלייבן דער אָפיציִעלער ווערסיע, אַז מע האָט אַרויסגעפירט אין פאַרשיידענע לאַ־גערן אַף אַרבעט. זיי האָפן... קליגערע שווײַגן, פאַרשטשעמענדיק אין זיך די ביטערע שאַנד און דעם שנײַדיקן ווייטעק.

מיט אייניקע טעג צוריק האָט מען ווידער פאַרקלענערט דעם געטאָ־שעטעך. אַ קוואַרטאַל, וואָס איז באַשטימט געוואָרן „אומצוקערן״ דער שטאָט, האָבן מיר געדאַרפט אין מעשעך פון איין שאָ באַפרײַען און „איבערזידעלן״ אין דער צענטראַלער געטאָ. מע איז געלאָפן ווי אָן אַ קאָפּ — ווער ס׳האָט געשלעפּט אַ בענקל, ווער — אַ שײַט האָלץ, ווער — אַן איבערגעקערטן טיש מיט

די פיס ארוף, אָנגעלאָדן מיט בעבעכעס. מע וויל לעבן, מע האָפט ווײַטער צו קאָנען קלאַמערן זיך אין לעבן.

בייס מע „זידעלט" אונדז איבער אויסער דער געטאָ, ווערן אָפט צעטיילט פאַמיליעס. איינעם לאָזט מען אַף אַן אָרט, א צווייטן מישפּאָכע־מיטגליד פירט מען ארויס. אין אזוינע פאַלן לאָזט מען קיין זאַך ניט מיטנעמען פון אונדזער אָרעמען סקארב.

— וואָס דאַרפט איר זיך מאַטערן, שלעפּן געפּעק? אַפן נײַעם אָרט וועט איר ווערן אויסגעהאַלטן מיט אַלדאָס נייטיקע, — פאַרזיכערן די דײַטשן.

בלײַבט איבער די פאַרורטיילטע צו גליייבן דעם טרייסטנדיקן שעקער.

פאַר איינער אַזא „איבערזידלונג" איז מיט גרויס פּאָמפּע געמאָלדן געוואָרן, אַז ווער ס'וועט פרײַוויליק זיך מעלדן צום טראַנספּאָרט, וועט באַקומען א לעבל ברויט, א שאַכטל מאַרמעלאַד, א פּעקעלע האָלענדער קעז, און זײַן מישפּאָכע וועט ניט צעטיילט ווערן. ס'האָבן זיך אײַנגעפונען פרײַוויליקע. די מענטשן האָבן געוואָלט כאָטש נאָך איין מאָל אין לעבן זאַט אָפּעסן. מעג עס זײַן — פאַרן טויט.

די מישפּאָכעס האָט מען דעמלט טאַקע ניט צעטיילט אין געטאָ, באַם ארײַנזעצן אין די געדעקטע לאַסט־אויטאָס. צעטיילט, אכזאָריעסדיק צעריסן האָט מען זיי אַף דער באַן־סטאַנציע, פאַרן ארײַנטרײַבן אין די פראַכט־וואַגאָנען.

בייס איינער א מענטשן־כאַפּעניש צו אַן „איבערזידלונג" האָט א פרוי זיך געריסן פונעם דײַטשס הענט, בעטנדיק ראַכמים זי פרײַצולאָזן.

מאַכט צו איר דער רויצייער:

— וואָס ווערסטו זיך, דומקאָפּף? פריִער צי שפּעטער, זאָוויזאָ מוזט איר אַלע אומקומען.

האָט די פרוי געענטפערט טײַנען:

— בעסער שפּעטער, האַרעלע, בעסער שפּעטער...

פאַרלוירן אינעם געווירבל

איין מאָל א כוידעש ברענגט מען אין געטאָ אַף א זונטיק די אַזויגערופענע „האָליך־בריגאַדע", וועלכע מע האָט ארויסגעפירט האַקן וואַלד ערגעץ אין דער טיף פון ליטע.

און איינמאָל, קומענדיק אין געטאָ אַף א זונטיק, האָט די בריגאַדע מיטגעבראַכט אַן איבעריקן מענטשן. דער בריגאַדיר האָט, קענטיק, אונטערגעקויפט (אַפן געטאָ־זשאַרגאָן — „אָפּגעשמאַדט") די קאָנוואָיִרן מיט א פּאָר צענדליק אייער און א שטיק שפּעק, באַקומענע פון די פּויערים, וואָס האָבן ארויסגעפירט פון וואַלד דאָס פאַרגרייטע געהילץ. א זאָרג זיי האָבן, די קאָנוואָיִרן, — זאָל נאָך איינער „ארײַן אין קאַסטן" (דאָס איז שוין א זשאַרגאָן פון די דײַטשן), וועט ווערן אַף דער וועלט מיט א ייִד ווייניקער.

א נײַער מענטש אין געטאָ. פון א נײַ אָרט אין ליטע. דער אָנבליק פונעם צוגעקומענעם ליידנס־ברודער אונדזערן האָט געכאַפּט באַם האַרצן. קליין, מאַמעש אײַנגעזונקען, אין א צעפליקט שאָפּן פּעלצל. פונעם צעשויבערטן קראַגן האָט אָנגעשטערנגט ארויסגעקוקט א מאָגער פּאָנעם, באַצויגן ווי מיט א שטײַפן ברויך־גרויען לעדער. דער שטערן שמאָל, קימאַט ביז צו די ברעמען באַדעקט מיט געדיכטע, קוטשעראַווע, פּעך־שוואַרצע האָר. און די נאָז, די צעקאַליעטשעטע נאָז האָט אומעגלעך געמאַכט, כאָטש לעפּיִערעך, אָפּשאַצן, ווי אַלט איז דאָס קליינע מענטשל. בלויז דער שוואַרצער פוך איבער זײַן אייבערשטער ליפּ און די אַף די באַקן אַראָפּגעוואַקסענע פּייעס האָבן ווי אונטערגעזאָגט: א יאַטל, א באָכערל האָט זיך צוריקגעצויגן אין ווינקל און לויערט צעשראָקן אַף איטלעך אײנעם פון די, וואָס רינגלען אים ארום.

כ'האָב מיך אויך פאַר עפּעס דערשראָקן. אָרעם, פאַריאָסעמט און פאַרפּאָלגט ברודערל אונדזערס! צו וואָס האָט מען דיך ארײַנגעבראַכט אין דער שטײַג פון די פאַרורטיילטע?

איך בין געווען אָנגעקומען אינמיטן שמועס מיט אים. אויך די צוגעשטיקטע הייזעריקלעכע שטים האָט ניט געהאָלפן געניטער פעסטשטעלן, מיט וועמען מיר האָבן צו טאָן. נאָר ענטפערנדיק עמעצן פון די אָנוועזנדיקע, האָט זיך געניי אופגעקלערט, ווי אַלט ער איז.

— מײַן סענוקאָס, טײַפּ, יאָ, מײַן זיידע געזאָגט אין טאָג פון סושאָודענען — מיר איז הײַנט באַרמיצווע.

א געמיש פון ייִדיש מיט ליטוויש. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאַפקע אין טאָג פון דער צעשיסונג איז אים געוואָרן דרײַצן. געווען איז עס אין האַרבסט, מיט קנאַפּע צוויי יאָר צוריק.

אין א מעשונעדיקן געפלעכט פון ייִדישע און ליטווישע ווערטער האָט דאָס באָכערל באַלד אופגעקלערט אויך די סיבע פון זײַן צעקאַליעטשעטער נאָז. בייס די היטלעראָווצעס און זייערע

אָרטיקע מעשאָרסים האָבן די צונויפגעקליבענע יידישע פרויען, קינדער און אלטע ליַיט פון זיַין היימשטעטל אריַינגעטריבן אין א וואלד, געבראכט פאר א גרוב און געהייסן אויסטאָן זיך, איז ער פאר שרעק געלאָפן. מע האָט אים נאָכגעשאָסן און געטראָפן אין נאָז. מע האָט זיך געיאָגט נאָך אים. איז ער פלינק ארופגעקראָכן אף א יאָדלע־בוים און זיך באהאלטן אינעם געצוויַיג. פון דאָרט געזען, ווי מע האָט אלעמען צעשאָסן, צונויפגעוואלגערט אין דער גרוב און פארשאָטן. דערנאָך...

דערנאָך האָט ער געוואָגלט איבער כוטאָרס און דערפער. די נאָז האָט שרעקלעך ווײ געטאָן, לאנג זיך ניט פארהיילט. די נאָז איז אויך געוואָרן זיַין אומגליק. אים שטענדיק ארויסגעגעבן. פויערים, וועלכע האָבן אים צוגעטוליעט, האָט ער געהאָלפן אין דער ווירטשאפט, געפאשעט בעהיימעס, כאזירים. ביז בייזע צינגער פלעגן צעטראָגן די יעדיִע, אז דער „בענאָסיס“, ס׳הייסט דער, וואָס אָן דער נאָז, געפינט זיך אין דער געגנט. פאָליצײַען פלעגן אָנלויפן אים זוכן. ער פלעגט אָבער באוויַיזן אנטלויפן, מאכמעס שלאָפן פלעגט ער שטענדיק אין שיַיער אפן היי און בייס אן אָבלאווע באוויַיזן נעלעם ווערן.

אין איינער א פראָסטיקער נאכט האָט ער זיך איַינגעבעטן באם פויער, בא וועלכן ער האָט הארבסט־ציַיט געארבעט, לאָזן אים איבערשלאָפן אין שטוב. האָט דער פויער, קענטיק, אליין ארויסגערופן פאָליציי, קעדיי פאָטער צו ווערן פון אזא, וואָס האָט אים באלעסטיקט אין דער דאָזיקער אומרויִקער ציַיט...

דאָס באָכערל האָט אָבער אונטערוועגנס צום ארעסט־שטיבל אָפגעמארקירט א גינציקע רעגע, ווען די פאָליציַיען האָבן זיך פארשמועסט, א שפרונג געטאָן אין א זיַיט, פארשוווּנדן אין קוסטעס, דאן ווידער — אין וואלד. די קוילן האָבן אים ניט דעריאָגט, א פשיטע — די צוויפיסיקע. אין לויפן האָט קיינער מיט אים זיך ניט געקאָנט פארמעסטן. אויך אין ליַידן הונגער. ער האָט געקאָנט הונגערן גאנצע מעסלעסן. ווידער האָט ער זיך אריַינגעגאנוועט אין שטאל פונעם פארעטערישן פויער. געפונען דאָרט עטלעכע אלטע פלעשער. צעהאקט זיי און די שטיקלעך גלאָז צעמישט אין די קאָרעטעס מיט דער פאָילע פאר די קי און כאזיירים. און זיך פארטיַיעט אינעם היי. ערשט ווען די בעהיימעס, זיַינע געהאָדעוועטע און געכאָוועטע בעהיימעס, האָבן גענומען מיטשען, ריטשען, קאָרטשען זיך פאר ווייטעק, וועלכן די אראָפגעשלונגענע גלאָזשטיקער האָבן פארשאפט, איז ער א צופרידענער אוועק אויספרוון דאָס מאזל אנדערשוו.

ביז ער האָט זיך אָנגעשטויסן אין דער בריגאדע פון געטאָ.

דעם באָכערלס דערשיַינען בא אונדז איז ניט געווען קיין בייזווונדער. דער לעצטער סאָריד פון א שטעטל יידן האָט ארויסגערופן טיפן מיטליַיד. אָבער ניט קיין צו גרויסן כידעש. מיר האָבן דאָך געוווּסט, אז אויסגעקוילעט זיַינען אלע יידן אין דער פראָווינץ. ווו־ניט־ווו בלאָנקען ארום פארלוירענע אינעם געווירבל יעכידים און ראנגלען זיך פאר זייער קיִעם. איצט איז איינער אזא פארוואָגלט געוואָרן צו אונדז.

מיר האָבן געהאָפט עפעס דערגיין פון אים וועגן קעמפער, וואָס זוכן און געפינען שוץ אין די וועלדער. געהאָפט, עפשער, עפשער וועט זיך לאָזן אופשטעלן א שטיקל פארבינדונג מיט זיי. ער האָט דאָך באלד צוויי יאָר געוואָגלט איבער פעלדער און וועלדער.

ליידער, זיַינען עס ווידער געבליבן פוסטע האָפענונגען.

דאָס באָכערל, שפירנדיק, אז אף אונדזערע פראגעס קאָן ער ניט געבן קיין ענטפער, האָט זיך פארלוירן, באקומען פאכעד און אָנגעשפאנט גענומען שיקלען אין די זיַיטן. האָט ער געגרייט זיך געבן א שפרונג אין א זיַיט, אנטלויפן? עטלעכע מענטשן — ווער שטייענדיק, ווער זיצנדיק, רינגלען אים ארום. ער האָט ניט געזען קיין אויסוועג. און איז טיפער איַינגעזונקען אין טולעפל.

מיר האָבן אים געלאָזט צורו. געזען, ער זאָל א ביסל קומען צו־זיך. ווי־עס־איז באקליידט, באזאָרגט אן אָרט איבערצונעכטיקן. געזען, ער זאָל אויסמיַידן שווערע קאטאָרגע־ארבעט. זאָל ער אָפכאפן אָטעם ביז צו דער קומענדיקער צאָרע, וואָס וועט אף אלעמען אראָפקומען.

ניט לאנג איז אים באשערט געווען צו געניסן פון דער פארהעלטניסמעסיקער רו הינטערן שטעכדראָט. נאָך איינער א ניַיער גרויסער כאפעניש און ארויספירעניש פון דער געטאָ־באפעלקערונג איז ער ווי איך וואסער אריַין. צי מע האָט אים געכאפט, ארויסגעפירט. אָדער, זיַיענדיק געצווינגט צו אנטרינען פון פארפאָלגער, האָט ער ווי א פלינק כיַיעלע ארויסגעכאפט זיך דורכן דראָט־צוים און אָנגעהויבן אפסניַי דאָס וואָגלען, דאָס לויערן, שפרינגען און לויפן — זיַין געראנגל פארן לעבן.

א פארלוירענער אינעם געווירבל, איז ער שפורלאָז פארלוירן געגאנגען אין אים.

גלײַכגילטיק?

די שטילע, שטאָקפֿינצטערע ווינטער־נאַכט איז געווען אײַנגעדעקט אין שנייען און ארומגעכאַפּט פֿון שנײַדיק־שאַרפֿע פֿראָסט־רייפֿן. אַף זייערע פֿאָסטנס באַם געטאָ־צוים האָבן אונטערגעפֿרוירן און געלאַנגווײַליקט זיך די וואַכלײַט. ביז ס'איז זיי נימעס געוואָרן צו פֿרירן אין דער שטילקײַט און כאַשכעס. אויך האָבן זיי אונדז, אַוואַדע, ניט פֿאַרגונען דעם צײַטווײַליקן אויסלייז, וואָס מיר האָבן געפֿונען אינעם שלאָף, און זײַנען אַרויס אין אַ געוועט: ווער וועט אויסלייגן מער מענטשן, שיסנדיק „אַף בלינד“ דורך די ווענט פֿון די שטיבער אין געטאָ. אַרויסגעלאָזט אַ צאָל קוילן און געגאַנגען קאָנטראָלירן, וויפֿל געטראָפֿענע זײַנען פֿאַראַן.

באַגינען דערוויסן מיר זיך: די קלעצער־ווענט פֿון די הײַזלעך, וואָס באַם צוים, האָבן גוט געשיצט זייערע אײַנוווינער. פֿאַראַן בלויז איין קאָרבן. עפּעס אַ בוכהאַלטער, אַן אַלטער באָכער, איז געטראָפֿן געוואָרן. און דערפֿאַר, ווײַל ער האָט בעשום־אויפֿן ניט געפֿאָלגט די צימערשכיינים — צוזאַמען מיט אַלעמען אויסציִען זיך אַפֿן דיל האַרט באַ דער וואַנט. אַן אַרײַנגעפֿלויגענע קויל דורכן פֿענצטער האָט אים געטייט אַפֿן געלעגער.

ער האָט ניט געפֿאָלגט?

כ'האָב געקענט דעם מענטשן. ניין, ניט וועגן יאָ־פֿאָלגן אָדער ניט־פֿאָלגן האָט מען געקאָנט ריידן בעשײַכעס מיט זײַן פּירונג אין געטאָ. גיכער פֿון אַלץ איז ער געווען גלײַכגילטיק — צו דער באַנאַכטיקער שיסערײַ, צו די וואָרענונגען, ווי גלײַכגילטיק ער איז געווען צו אַלץ, וואָס געשעט אַרום אונדז. איך טראַכט נאָר, צי בלויז גלײַכגילטיק?

אין געטאָ איז ער אַרײַן דעם סאַמע לעצטן טאָג, האַרט פֿאַרן אָפּשליסן זי פֿון דער גאָרער וועלט. ביז דער לעצטער רעגע איז ער געזעסן אין זײַן צימער שוין אין דער אויסגעליידיקטער פֿון מענטשן שטאָטישער דירע. איבערגעלאָזט זײַן ביסל אייגנס אַף העפֿקער, איז ער געקומען אין געטאָ ווי ער שטייט און גייט. די געטאָ־וואַך האָט אים אָנגעבייקערט די ביינער, האַלעמײַ ער האָט אַזוי לאַנג געלאָזט אַף זיך וואַרטן, און פֿאַריגלט דעם טויער.

געקומען דער לעצטער, האָט ער קיין ווינקל וווּ זיך צוטוליען ניט געפֿונען. און פּאַקטיש אויך ניט געזוכט. געוואַלגערט זיך אונטערן פֿרײַען הימל — ווו אַ טאָג, ווו אַ נאַכט. נאָר אַז די געטאָ איז דורך די „איבערזידלונגען“ אויסגעשיטערט געוואָרן, האָבן באַקאַנטע אים מיט געוואַלט אײַנגעקוואַרטירט אין אַ געמיינזאַמען צימער פֿון עפּעס אַ האַלב כאָרעווער שטוב.

פֿאַרוואָקסן, אָפּגעריסן, קויטיק און טאָמיד הונגעריק איז ער געווען. זײַנע הענט און פֿיס האָבן געציטערט. פֿון הונגער, פֿונעם פֿראָסט, וואָס האָט זיך אײַנגעגעסטעט אין זײַן גוף. דער הונגער האָט אין אונדז אַלעמען געוואָיעט, ווי אַ כײַע־ראָע, געריסן שטיקער פֿון אונדזער אינגעווייד און אַרויסגעטריבן פֿון די באַהעלטענישן — זוכן מיטלען אופֿצוהאַלטן דעם קיִעם. דער בוכהאַלטער האָט זיך אין געטאָ ניט געהאַט רעגיסטרירט און ניט באַקומען אַפֿילע די בידנע שפּײַז־נאָרמע, וואָס מע האָט אונדז אַרויסגעגעבן. ער האָט אויך אויסגעמיטן גיין אַף אַרבעט אין שטאָט, ווו מע פֿלעגט קריגן אַ צוגאָבלעך שטיקל ברויט און אַ טעלער פֿאָסטנע זופּ. האָט מען אים שוין יאָ מיט אַ קאָנוואָי געבראַכט צו דער אַרבעט, פֿלעגט ער פֿאַרגליווערט בלײַבן שטיין מיט דער לאָפּעטע, זיך פֿון אָרט ניט רירן און אַרײַנכאַפּן דערפֿאַר אַ גוטע פּאָרציע קלעפּ. איינמאָל האָט זײַן גלײַכגילטיקײַט אַרײַנגעבראַכט אין גרימצאָרן אַ יונגיטשקן וואַכמאַן. וועלנדיק אויספּלײַסן זיך פֿאַר די עלטערע קאָלעגן, האָט ער אים אַראָפּגעפּאַטשט די ברילן און צעטראָטן מיט צעיושעטער שאָדנפֿרייד. געבליבן אָן ברילן, האָט ער שוין קיין נײַע גאָר ניט געזוכט און געקוקט אַף דער וועלט מיט ווייטעקדיק־צוגעזשמורעטע אויגן.

און טאָמער האָט עמעצער באַטאָנט, אַז מיר האָבן קיין בריירע ניט, מע מוז פֿאָלגן, שלעפּן דעם יאָך, פֿלעגט ער, שוין גאָר ניט אַזוי גלײַכגילטיק, רעאַגירן:

— וואָס גייען זיי מיר אָן? זיי וויל איך קיין זאַך ניט געבן, פֿון זיי — קיין זאַך ניט נעמען.

שאַרפֿע, אַנטשיידנדיקע ווערטער. נאָר אויסערלעך — דער אויסדרוק פֿונעם צוליב הונגער אופֿגעלאָפֿענעם פּאָנעם מיט די צוויי האָריזאָנטאַלע שפּעלטעלעך אָנשטאָט אויגן, די איינטאָניקע פֿאַרבלאָזע שטים, די געצוימטע באַוועגונגען — שטענדיק די זעלבע, אָן שינויִם. אַפֿילע אין אָנוועזנהײַט פֿון היטלעראָווצעס פֿלעגט ער ניט אופּציטערן, ניט בלייך ווערן. אים זײַנען ניט אָנגעגאַנגען ניט זיי, ניט זייערע אַכזאָריִעסדיקע פּאָראָנדקעס.

צו דעם אַלעמען האָט לעצטנס געליטן דער מענטש שרעקלעכע יעסורים פֿון די געשווירן, וועלכע האָבן באַזעצט זײַן אויסגעשעפּטן קערפּער. געליטן, געשוויגן, מעדיצינישע הילף ניט געזוכט. ס'האָט אויסגעזען, אַז ער האָט געוואָלט זײַנע ליידן פֿאַרטיפֿן און בלויז פֿאַרטויבן מיט די ניגונים, וועלכע ער פֿלעגט האַלטן אין איין אונטערברומען.

זײַנע צימער־שכײנים איז אופגעפאלן, אז באליבט איז בא אים געווען דער בעשײַטע פּאָפּו־לערער כסידישער ניגן — „מפנה מה?“ — צוליב וואָס? — דער לײטמאָטיוו פון אַנ־סקיס באַווּסטער פּיעסע „דער דיבוק“. איך כאַפּ זיך, אז פאר דער מילכאָמע האָט ער גאָר ניט געהאַט קײן נעטיִע צו אײַנזאַמקײַט. ער איז געווען א בינע־ענטוזיִאַסט און באַל־נעגינע. געזונגען אין אן אַמאַטאָרישן כאָר, גענומען אָנטײל אין ליבהאָבער־ספּעקטאַקלען. מעגלעך, אז ער האָט אַלײן געשפּילט אינעם „דיבוק“. הער איך אים פארדווייקעט ציִען און אויסדרוקספול טײַטשן דעם טעקסט פונעם זעמער, מיט וועלכן עס עפנט זיך די פאָרשטעלונג: „צוליב וואָס, צוליב ווען ני־דערט די נעשאָמע אראָפּעט... דאָס נידערן, ס׳אראָפּזינקען איז נײטיק דעם ארופשטײַג...“

ניטאָ קײן ארופשטײַג, קײן דערהײבונג אָן ניסיוינעס און לײדן?

גלײַכגילטיקײַט. צי דען איז ער בלויז גלײַכגילטיק געווען צו זיך און צו דער וועלט?

ערפאַרכטיק פארנײג איך מײַן קאָפּ פארן קאָרבן פון דער פאָרגעקומענער אין דער נאַכט־שטילקײַט „בלינדער“ שיס־פאַרמעסטונג.

געבליבן באם אײגענעם גוירל

— הערט אויס, איך וויל אײַך עפּעס דערצײלן, — מאַכט צו מיר א קלײן פּיפּיק ייִדל, מיט וועלכן ס׳איז אויסגעקומען דאָ ניט לאַנג צו זײַן אָפּ צוואַנג־ארבעט. איצט זײַנען מיר צופעליק בײדע געשטאַנען אין דער ריי צו באַקומען די שפּײַז־נאָרמע. — הערט אויס, כ׳ארבעט באַשטענדיק באם טײַך־ברעג. מיר פארפעסטיקן אים מיט א געפלעכט פון ריטער. וואָס וואָלט איר געטראַכט, ווען אָנשטאָט צו ברענגען אפן שטענדיקן ארבעט־פּלאַץ, פירט מען אײַך גאָר אוועק אָפּ דער אײַזנבאַן פארפלעכטן מיט שטעכדראָט די פענצטערלעך פון פראַכט־וואַגאָנען? און נאָך דער ארבעט, אָנשטאָט צו ברענגען אין געטאָ, פירט מען אײַך אוועק אָפּ גרוזאָוויקעס ניט אַנדערש ווי אפן נײַנטן פאָרט, ווו מע שיסט מענטשן. מע פארשפּאַרט אײַך אין אן אונטער־ערדישער קאַמערע הינטער אײַזערנע גראַטעס... וואָס וואָלט איר געטראַכט? אוואַדע, אז גע־גרײט האָט איר וואַגאָנען ארויסצופירן אָפּ אומקום דעם רעשט מענטשן פון געטאָ, ווי מע האָט שוין געטאָן אין ווילנע. געטראַכט וואָלט איר אויך, אז אײַך גופע וועט מען אויך אומברענגען. קײנער גײט דאָך קײן לעבעדיקער ניט ארויס פון נײַנטן פאָרט.

שטײען מיר אזוי בא די גראַטעס, וועלכע טײלן אָפּ אונדזער קאַמערע פונעם קוים באַלויכ־טענעם קאָרידאָר. וואַרטן, מע זאָל קומען ארויספירן שיסן. און אָט דערהערן זיך טריט. א טראַמפּלען פון הילצערנע זוילן אין בעטאָן. נײן, ניט קײן דײַטשן. א מאַכנע אָפּגעריסענע, אָפּ־געשליסענע ייִדן לאָזט זיך ארײַן אין קאָרידאָר. זײ שטעלן זיך אויס אין א שערענגע און גײען צו צו אײנעם, וואָס נעמט זײ אראָפּ קײטן פון די פיס. דאַן צעקריכן זײ זיך איבער די קאַמע־רעס. אויך פארבײַ אונדז שלײַכן פארבײַ עטלעכע מאַנצבלען. כ׳דערזע א באַקאַנטן. (אָפּ אײן גאַס האָבן מיר געלעבט פאר דער מילכאָמע.) פארהאַלט ער זיך און פרעגט דערשטוינט:

— וואָס טוט איר דאָ?

— מע האָט אונדז געבראַכט. אפן וואָקזאַל האָבן מיר פארגראַטעוועט מיט שטעכדראָט פענצטערלעך פון פראַכט־וואַגאָנען. מיסטאָמע אָפּ ארויסצופירן די געטאָ, — ענטפער איך און שטעל די קאַשע: — און איר וואָס טוט?

— מיר, מיר ברענען טויטע... — ענטפערט ער. — מײסים ברענען מיר. די צעשאָסענע... יאָ, אוואַדע ליקווידירט מען די געטאָ. ווי אומעטום. און דאָ וועט מען נאָך ארבעטן. לעבן... עפשער בײַטן מיר זיך? איך — אָפּ אײַער, איר — אָפּ מײַן אָרט. אײַער קאַמערע איז, געוויס, ניט פארשלאָסן. די דײַטשן קאָנטראָלירן נאָר די אַלגעמײנע צאָל מענטשן. קײן נעמען האָבן מיר דאָ ניט. אפילע ניט קײן נומערן. עפשער בײַטן מיר זיך? דאָ איז מען געזיכערט מיט א פּאָר כאָדאָשים לעבן. ארבעט איז נאָך פאַראַנען... און עסן גיט מען צו זאַט. די דײַטשן זאָגן, אז ארבעט האָבן זײ פאר אונדז איבערגענוג אויך אַנדערשוווּ... בײַטן מיר זיך? איך האָב שוין מער קײן קויעך ניט. כ׳קאָן דעם סאָף זיך ניט דערוואַרטן. נאָר שנעל, שנעל מאַכן מיר עס... לאַנג טאָר איך זיך ניט פארהאַלטן בא אײַערע גראַטעס. מע קאָן דערזען...

כ׳פארטראַכט זיך: „עפשער טאַקע בײַטן זיך מיט די גוירלעס?“ דער באַקאַנטער איז גרײט. וואַרט אָפּ מײַן צושטימונג.

— זאָל שוין זײַן, ווי יעדערן איז באַשערט, — באַשליס איך.

בײדע שווײַגן מיר א ווײַלע.

— זאָל זײַן אזוי, — טוט א קרעכץ דער באַקאַנטער, שלעפּט זיך אוועק צו זײַן קאַמערע און פארשווינדט הינטער דער אײַזערנער טיר.

— אזוי זײַנען מיר געבליבן איטלעכער מיטן אייגענעם גורל, ווי אין יענער מײַסע. איר געדענקט מיסטאמע, ווי איינער איז געקומען קלאָגן זיך פארן ריבוינעשעלוילעם אף זײַן ביי־טערער דאָליע. האָט גאָט אויסגעשטעלט א גאנצע שערענגע גוירא̄לעס פון מענטשן, צווישן זיי אויך פון דעם, וואָס איז געקומען באקלאָגן זיך, און געזאָגט: „קלײַב זיך אויס". האָט דער מענטש געקוקט, געקליבן, געוויגן, געמאָסטן, איבערגעטראכט און א כאַפּ געטאָן דעם אייגענעם גורל...

— און ווי מיר ווייסן, האָט מען אין די וואגאָנען טאקע ארויסגעפירט פון געטאָ עטלעכע טויזנט מענטשן. פארשלעפּט ערגעץ־ווו. אונדז, מיר זאָלן ניט אויספלאפלען וועגן דעם, וואָס מיר האָבן געטאָן אף דער אײַזנבאן, האָט מען פארהאלטן און אף מאָרגן נאָך דער ארויספּי־רעניש צוריקגעבראכט אין געטאָ, — האָט פארענדיקט דאָס קליינע פּיפּיקע יידל.

דערווײַל איז דערגאנגען אונדזער ריי צו באקומען די שפּײַז־פּאָרציע.

אַן א העמד

דאָ גיב איך איבער א דערציילונג פון איינער, וואָס איז פון געטאָ פארשלעפּט געוואָרן אין א ספּעציעלן קאָנצלאגער פאר פרויען.

— אָנגעקומען אין לאגער, האָט מען אונדז אויסגעטאָן נאקעט און גלאט אָפּגעראזירט. די האָר פון קאָפּ, פון גאנצן קערפּער. „פון היגיענע וועגן", — האָבן דערקלערט די עסעסאָווצעס. פּאַקטיש — צוליב רוישטאָף אף מאכן ווייכע און לײַכטע מאטראצן פאר די פאַרשטייער פון דער העכערער ראסע. אָנשטאָט די צוגענומענע מאלבושים ארויסגעגעבן איין אָפּגעטראָגן העמד און איין צעשמאטעט קליידל — „אפן גאנצן לעבן"...

האָבן מיר געהיט, געציטערט איבערן דאָזיקן איין־איינציקן פארמעגן, אָן וועלכן מע איז געווען נאקעט־הויל, ווי אָפּגעשונדן. ווי האָט מען אָבער געקאָנט וואשן דאָס העמד, קאָכן, עס זאָל, כאָליע, ניט פארלײַזיקט ווערן? אז אפילע אין טרינקוואסער איז געווען א דויכעק. מיר פלעגן קריגן אָפּגעמאָסטן א האלבע גלאָז וואסער א טאָג. וואָס איז שוין צו ריידן וועגן וואשן זיך צי אויסוואשן דאָס העמד. און ניט אופהיטן ציכטיקײַט איז געווען דאָס זעלבע, ווי מאכן שוטפעס מיטן מאלעכהאמאָוועס.

ס'האָט אונדז אָבער געטראָפן א גליק. גראָבנדיק אף א פעלד א לאנגן טיפן קאנאל, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אף גרונט־וואסער. א דין ריטשקעלע וואסער אפן דעק פונעם לאנגן, לאנגן קאנאל. פלעגן מיר ביגנייווע פון די וואכלײַט ארומוואשן זיך. האָבן איין מאָל אפילע געוואגט אויסוואשן די העמדער. עטלעכע פרויען פארשטעלן זייערע א כאוורטע, וואָס כאפּט אראָפּ איר העמד, טוט עס האסטיק א שווענק און ציט עס ארויף א נאס' אפן הוילן לײַב.

געקומען פארנאכט אין לאגער ארײַן, איז איינער א פרוי אײַנגעפאלן אויסטריקענען דאָס נאסע העמד. אופגעהאנגען עס אפן שטעכדראָטענעם צוים און געבליבן שטיין היטן. די שטראלן פון דער פארגייענדיקער זון זײַנען מילד, ווארעם, און ס'וואָלט געוויס זיך געהאט אויסגעטריקנט דאָס העמד. נאָר דאָ האָט מען געקלונגען צו דער „אָוונט־קאָווע" — אָפּנעמען א שעפּ־לעפל ברוין־שווארצע פליסיקײַט און א פענעצל ליימיק ברויט.

פארגעסן אין אלץ, האָבן זיך אלע א לאָז געטאָן צו דער פעלד־קיך. דער פרוי, וואָס האָט איר העמד געטריקנט, איז א רעגע אופגעקומען א צווייפל: גיין צי ניט גיין? פונדעסטוועגן האָט זי באשלאָסן צולויפן אָפּנעמען כאָטשבי די פּאָרציע ברויט.

שוין אפן צוריקוועג האָט זיך איר אנטקעגנגעטראָגן א געלעכטער. ס'האָבן געלאכט, גע־קאטשעט זיך פון געלעכטער די לאגער־פרויען. א קו פון א פארבײַגעטריבענער טשערעדע האָט געהאט ארופגעכאפּט אף די הערנער דאָס אופגעהאנגענע העמד און אוועק.

— פרויען, מײַן איינציק פארמעגן! — האָט היסטעריש זיך צעשריִען די געליטענע. צוגע־פאלן צום צוים, בעטנדיק ראכמים באם פאסטעך, ער זאָל אומקערן איר העמד. זשעסטיקולירנ־דיק מיט די הענט, געגעבן צו פארשטיין, וואָס זי בעט. און אפילע צוגעזאָגט פארגיטיקן. מיט וואָס? וואָס קאָן געבן א געפאנגענער מענטש, דערצו נאָך אָן א העמד אפן לײַב? נאָר די פרוי האָט צוגעזאָגט אלע גליקן. אויך דאָס, אז גאָט וועט אים ניט פארגעסן...

דער פאסטעך האָט עפּעס יאָ געפּרווט אראָפּנעמען דאָס שלימאזלדיקע העמד פון די הערנער. די קו האָט אָבער פלינק אויסגעדרייט זיך אין א זײַט. דער פאסטעך האָט זיך צעהיר־זשעט און אוועקגעטריבן די טשערעדע ווײַטער, איבערלאָזנדיק הינטערן שטעכדראָט א זיך צאפּלענדיקע, פארצווייפלט שרײַענדיקע פרוי.

מיסטאמע האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט דער פאסטעך, אז ער לאָזט איבער א מענטש אָן א העמד אפן לײַב, א מענטש, וואָס וועט קיין העמד ניט קאָנען קויפן, ניט אויסבעטלען, ניט

אפילע ערגעצווו גאנוועגען... און די אונטן זײַנען שוין קילבלעכע, די נעכט און באגינענס — קאלטע. א מענטש אָן א ווארעמען מאלבעש בלײַבט איצט נאָך אָן דעם העמד, וואָס איז אים ארויסגעגעבן געוואָרן „אפן גאנצן לעבן"...

דאָס געלעכטער אין לאגער איז פארשטיקט געוואָרן.

טיף אײַנגעוואָרצלט

און דאָס איז נאָך א דערציילונג פון א פרוי, וואָס איז פון געטאָ פארשלעפט געוואָרן אין ספּעציעלן קאָנצלאגער פאר פרויען.

— א היץ. די זון באקט אָן ראכמאָנעס, כאָטש ס'איז שוין סענטיאבער. פון דער כמימע איז דער אספאלט אזש ווייך ווי טייג. אף אונדזערע שיך — פודן אָנגעקלעפּטע ליים. שווער צו הייבן די פיס נאָך א טאָג קאטאָרגע־ארבעט אין די ליימיקע טראנשייען, וועלכע מיר גראָבן. מיר קערן זיך אום אין לאגער — הונגעריקע, פארשמאכטע, אויסגעשעפּטע, פארצווייפלטע. און דער קרעמאטאָרי־קוימען רייכערט...

אָנגעקומען „אהיים", אויסגעזופּט די „אָונט־קאווע", צעשיטן מיר זיך איבערן לאגער־שעטעך, צעזעצן זיך אין שאָטן פון די הילצערנע בײַדלעך. זײַנען זיך א ביסל מעכײַע מיט דער פארנאכטיקער קילקײַט, מיט דער פרישער פעלד־לופט. קיינער קריכט ניט אין די קאָנורעס, ווו מיר נעכטיקן.

בא איינעם אזא בײַדל האָט זיך אײַנגעמאָסטעט א געוועזענע מאָלערן און אף א געפונען שטיקל קארטאָן געצייכנט עפּעס מיט א שטיקעלע קויל, אָן ארויסגעשארטס פון אונטערן קעסל אין דער לאגער־קיך. דער מאָלערן האָבן פּאָזירט צוויי יונגע, ליבלעך־צוגעטוליעטע איינע צו דער אנדערער ארעסטאנטנס.

ערשט ווי פון אונטער דער ערד וואקסט אויס לעבן דער מאָלערן אונדזער אופזעער, דער ראָטענפיורער פון עסעס — א בלוטדאָרשטיקער גאזלען, וואָס ווייסט נאָר צו שלאָגן, פּײַניקן מענטשן אָדער שיקן אין קרעמאטאָרי. עס שטארבן אונדז אָפּ די גלידער. ווײ, ווײ, וואָס וועט דאָ זײַן?

שטייט אזוי דער עסעסאָוועץ א רעגע, באקוקט דאָס געמעל, די צעשראָקענע „מאָדעלן".

— אָך, גאָט, ווי טיף דאָס לעבן זיצט! — טוט ער א וואָרטשע און גייט אוועק, קיינעם ניט שלאָגנדיק, ניט שטראָפנדיק...

מיר זײַנען געבליבן געפלעפטע. זײַן פראזע און די ניט אייגנטימלעכע פאר אים אופירונג האָט אונדז אלעמען דערשיטערט. דאכט זיך, געמאכט אונדז פאר אויס מענטשן — דערנידער־ריקט, צעבראָכן, צעטראָטן, באשפּיגן. און ס'העלפט ניט! צוויי יונגע פּענעמער — שיינע, לעבנס־דאָרשטיקע, מיט האָפענונג־פלעמלעך אין די אויגן — האָבן אראָפּגעקוקט פון דער צייכענונג, וואָס א מענטש האָט געשאפן אין שאָטן פון קרעמאטאָרי־רויכן.

דער היטלעראָוועץ האָט אונדז דאָס מאָל ניט געשטראָפט. ניט געשלאָגן.

בעעמעס. טיף איז אײַנגעוואָרצלט אינעם מענטשן דאָס מענטשלעכע.

איבער קריעס

ווער האָט קליינערהייט ניט פארגאָסן קיין טרערן אפן גוירל פון די נעגער־קנעכט אין אמעריקע, לייענענדיק „אָנקל טאָמס שטיבל"? און ווער קאָן פארגעסן די הארצרײַסנדיקע סצענע וועגן דער אנטלויפנדיקער פון אירע פארפאָלגער עליזען מיטן קינד אף די הענט? איבער שווי־מענדיקע קריעס אפן מוטנעם טײַך־וואסער האָט זי זיך געלאָזט, ווען די שקלאפן־הענדלער האָבן זי דעריאָגט. דאָס אײַז שפאלט זיך אונטער די פיס. עליזע שפרינגט פון איין קריע אף דער צווייטער. רויטע שפּורן לאָזן איבער אירע צעבלוטיקטע פוסטריט. זי דערגרייכט אָבער דעם אנטקעגנדיקן, פרײַערן ברעג...

מײַן אייגענע פרוי איז איצט געגליכן צו עליזען. מיט אונדזער איינ־יאָריק טעכטערל אף די הענט האלט זי אין שטענדיקן לויפן פון די הײַנטצײַטיקע מענטשן־פארפאָלגער. דער פיליעוו־דיקער מוטערשער אינסטינקט טרײַבט צו טאָן אלדאָס מעגלעכע און אומעגלעכע פאר איר אומבאהאָלפן אייפעלע.

מיר האָבן שוין לענגער זיך געהאט אנטשלאָסן — ניט ווארטן אפן כעסעד פון גוירל. א נעם טאָן אים... רופט ער אונדז ארויס פון צײַט צו צײַט צום געפעכט — אף לעבן און טויט.

אַ פראָסטיקער אָוונט פון סאָף דעקאַבער 1941. עס רוקט זיך אָן די פּאָליציי־שאַ. באַלד טאָר מען זיך שוין ניט באַוועגן איבער דער געטאָ. אַלע זײַנען מיר אויף די ערטער, גרייטן זיך צום נאַכטלעגער. וואַרטן בלויז אויפן ברודער. אויך דאָס מאָל וועט ער מיסטאָמע אָנלויפן אין דער לעצטער רגע.

אַזוי איז עס טאַקע. ער קומט אַ פאַרסאָפּעטער, צעטומלטער, אויפגעבראַכטער. און ברענגט אַ שלעכטע ידיעה. איינער אַ גוט אינפאָרמירטער מענטש פון דער ייִדישער געטאָ־אַדמיניסטראַציע האָט אים פאַרטרויט בסוד, אַז עפּעס גרייט זיך, עפּעס רוקט זיך אָן אויף אונדז. אַ סימן — די אומגעהייערע שיסערײַ הײַנט אָוונט בײַ די צוימען. קיינער, קיינער זאָל ניט וואַגן דערנענטערן זיך. שוין אָפּגערעדט, קריכן דורכן שטעכדראָט. שטענדיק ערעוו אַן „איבערזידלונג“ ציִען אַקציע שיסן די וואַכלײַט אַ גאַנצע נאַכט בײַ די צוימען.

נאָך דער לעצטער, ביז איצט גרעסטער „איבערזידלונג“ (מיר האָבן זי אָנגערופן — „די גרויסע אַקציע“) האָט דער היטלעריסטישער מעמונע פאַר די „יודען־אַנגעלעגנהײַטן“ פאַרזיכערט, אַזש געגעבן אַן „ערנוואָרט פון אַ דײַטשישן אָפיציר“, אַז דער פּעריאָד פון אַקציעס איז געענדיקט, די געטאָ וועט איצט לעבן אין רו און אָרדענונג...

איז וואָס ווידער? איז די קלוימערשטע „רו און אָרדענונג“, וואָס האָט געהערשט עטלעכע וואָכן, געווען בלויז אַ צוויִעסדיק שפּיצל פון די הענקער?

ס'קומט אויך אויף אַזאַ השערה. ביז איצט האָבן די היטלעראָווצעס קיין „פּאָליטישע“ אָבלאַוועס אָדער אַקציעס אין געטאָ ניט געהאַט דורכגעפירט. עפּשער קלײַבן זיי זיך עס מאָרגן טאָן? מיר דערמאָנען זיך באַלד, אַז מיט איניקע טעג צוריק האָט דאַפּקע בײַ אונדז אין שטוב איינער אַ פאַרדעכטיקער פאַרשוין געטײַנעט, אַז מע וועט מאַכן אַ טאָלק מיט די אַלע איבערגעבליבענע קאָמוניסטן, אַנטיפאַשיסטן, פּראָגרעסיווע, וועלן די דײַטשן זיך באַרויִקן, און ס'וועט נעמען אַ סאָף צו די צאָרעס... אונדזער מישפּאָכע האָט געהאַט אַ גרונט צו זײַן באַזונדערס וואַכזאַם...

— איך ריזיקיר. כ'וועל גיין דורכן צוים, — גיט האַסטיק צו וויסן דער ברודער. ער איז שוין ניט איין מאָל, אָנגעטאָן אין אַ דאָרפיש טולעפּל, אַרומגעגאַנגען אין לאַטעס אין שטאָט. קעדײַ אויסצוזען „אַריש“, האָט ער זיך געהאַט פאַרלאָזט אַ פּאָר לאַנגע וואָנצעס, אָפּגעפאַרבן אויף העל די האָר.

— איך ריזיקיר אויך! און מיטן קינד! טאָמער כאַפּט מען מאָרגן קינדער? היטלער דאַרף ניט האָבן קיין ייִדישע קינדערלעך, — זאָגט אַנטשלאָסן מײַן פרוי. און שוין אין די רייד נעמט זי אָנטאָן אונדזער שלאָפנדיק מיידעלע. אָנגעפּעלצט אויף דעם, וואָס נאָר געפונען אונטער דער האַנט, אַליין אָנגעטאָן אויף זיך, וואָס עס לאָזט זיך, מעלדעט זי: — איך בין פאַרטיק.

דער ברודער איז געשטאַנען די גאַנצע צײַט אָן אָנגעטאָנענער, גרייטער.

מיר האָבן קימאַט ווי ניט געזעגנט זיך. ניט צעקושט זיך. ניט געווען קיין צײַט. קיין טרער ניט אַרויסגעלאָזט. ניט געווען קיין טרערן. מיר האָבן בלויז פאַרקלעמטע געטאָן אַ קוק איינער אויפן צווייטן, מעגלעך — צום לעצטן מאָל... איך האָב, טראָגנדיק דאָס קינד, זיי באַגלייט אַ שטיקל וועג. גיין ביזן צוים און אומקערן זיך וואָלט ניט געסטײַעט קיין צײַט. ס'האָט אָט־אָט געזאָלט שלאָגן די פּאָליציי־שאַ.

שטאָקפינצטער אין דרויסן. מײַן ברודער, וואָס האָט דאָס קינד איבערגענומען, מײַן פרוי האָט פולשטענדיק אײַנגעהילט דער כוישעך. בלויז דער סקריפּענדיקער שניי... שניי, שניי, מאַך ניט יאַדאַכאַס מיט היטלערן, גיב ניט אַרויס מײַנע טײַערסטע!

געבליבן זײַנען מיר אין שטוב צוויי אַווײלים — איך און דער פאָטער. אין איין רגע פאַרלוירן די לעצטע נאָענטע. פאַרלוירן? און עפּשער, עפּשער וועט זיי באַשירעמען דער גאָט פון די דרייסטע? עמעצער וועט אויף יענער זײַט אויסשטרעקן אַ האַנט, געבן אַ צײַטווײַליקן אָפּדאַך, פּונקט ווי עליזען פון „אָנקל טאָמס שטיבל“?

און דאָ אין געטאָ האָט דער אוילעם שוין אויף מאָרגן אינדערפרי אַ קאָפּ לײַכטער אָפּגעאָטעמט... ס'האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן אַן אַקציע, אָבער... אויף פעלצן, פוטערוואַרג, וואָלענע יאַקן, הענטשקעס, סקאַרפּעטקעס. דעם פירערס סאָלדאַטן זײַנען מיִעס אַרײַנגעפאַלן אין פאַסטקע פונעם רוסישן ווינטער. דאַרף זיי אַרויסהעלפן די געטאָ. יאָ, אונדזער נעכטיקע שרעק איז געווען, קאָן מען זאָגן, אומזיסט. אָבער רײַסן זיך אויף דער פרײַ, וואַגן דאַרף מען סײַוויסײַ. הינטערן שטעכדראָט דערוואַרטן אונדז בלויז פּוראָניעס, גזירעס, אומקום.

עס וועלן אַוועקגיין אַ גוטע פּאָר וואָכן, ביז מירן זיך דערוויסן, וואָס מיט אונדזערע אייגענע, די געלאָפענע פון געטאָ אין יענער פינצטערער ווינטער־נאַכט, איז געשען. בעמעשעך פון די דאָזיקע פּאָר וואָכן האָבן מיר איבערגעטראַכט דאָס ערגסטע: מע האָט זיי פאַרהאַלטן בײַסן קריכן דורכן צוים; מע האָט זיי געכאַפּט באַם אַראָפּנעמען פון זיך די געלע לאַטעס; זיי זײַנען

אַרײַנגעפֿאַלן אין אַן אַבלאַווע; געסטאַפּאָ האָט זײ אַרעסטירט, דורכפֿירנדיק אַ נאַכט־קאָנטראָל בײַ די ליטווינער, וועלכע האָבן זײ צוגעטוליעט; עמעצער האָט זײ אָפּ דער גאַס דערקענט און אָנגעוויזן פּאָליציי, — איטלעכער שטאָטישער אײַנוווינער האָט דאָך ניט בלויז רעכט, נאָר איז מחויבֿ צו פֿאַרהאַלטן ייִדן און איבערגעבן זײ געסטאַפּאָ... די פֿאַנטאַזיע האָט געמאָלט בילדער — אײנס שרעקלעכער פֿאַרן צווייטן. ביז אײנעם אַ לויטערן, פּראָסטיקן נאָכמיטיק.

די בריגאַדע, ווו כ'האָב דעם טאָג געאַרבעט, קערט זיך פֿריִער אום אין געטאָ. מיר האָבן הײַנט געראַמט שניי. דער שאַרפֿער ווינט, דער טרוקענער פֿראָסט האָבן ווי געצוווּנגען אונדזערע קאָנוואָירן מאַכן וואָס קירצערע מאַכזאָקעס. זײ האָבן פֿאַרגעבן אָפּראַמען אַ שעטעך, און ווי נאָר מיר ווערן פֿאַרענדיקן, צוגעזאָגט פֿירן „נאָך האַוזע". אַרום צוויי באַטאָג זײַנען מיר געווען פֿאַרטיק, און די דײַטשן האָבן געהאַלטן וואָרט.

אַן אומגעוויינלעך געפֿיל — אינמיטן העלן טאָג אײַנגעפֿינען זיך אין געטאָ. ס'איז ביטער קאַלט, און יעדערער אײַלט אַ צופֿרידענער צו זײַנע אייגענע. צו וועמען זאָל איך אײַלן? ווייניק פֿאַרבײַגייער אין די געסלעך. בלויז באַם אַזויגערופֿענעם „העלדזל", ווו דער צוים קוועטשט צונויף די געטאָ, איבערלאָזנדיק אַ פֿאַרבינדונג פֿון די צוויי געטאָ־טיילן דורך אַ שמאָל געסל, איז אַ געזעמל. אַ ייִדענע שטייט און ברעכט מיט די הענט:

— אַ באַלאָנעס פֿון אַ ווײַבל! אָט־אָ־דאָ, אָקאָרשט, באַטאָג, אונטער דער נאָז פֿון דײַטשן, קריכן דורכן צוים! און מיט אַ קינד אָפּ די הענט.

„עס זאָלן אַמאָל ניט זײַן מײַנע..." פֿאַלט מיר טײַקעף אײַן. און נעם שפּאַנען אין איין אָטעם. מײַן פֿאַרגעפֿיל האָט מיך ניט אָפּגענאַרט.

— געמוזט, געמוזט זיך צוריקערן, — איז זייער אויפֿגערעגט און קאָן צו־זיך ניט קומען מײַן פֿרוי. — ס'האָט געקאָנט ווערן צו שפּעט. איינער אַ טיפּ האָט זיך אײַנגענאַדיעט, איז געוואָרן צודרינגלעך. געגעבן אָנצוהערעניש, אַז ער ווייסט, וואָס פֿאַר אַ ליטווינערן איך בין... און דאָס שוואַרצהאָריקע מיידעלע, ווייסט ער, איז פֿון דער בוינע אַרויסגעטראָגן... סײַדן איך וועל זיך אויסקויפֿן. מיט גאָלד, מיט ליבלעכקײַט. כ'האָב אים געבעטן האָבן געדולד ביז אין אָוונט. כ'וועל באַשטימט באַזאָרגן גאָלד־כפּייצים... ער איז מסכּים געווען צו וואַרטן. און איך האָב מיך אָפּגעטראָגן.

ניט האָבנדיק איצט אין שטאָט קיין זיכערן אָפּדאַך, האָט זי געזוכט אַ רעטונג אין געטאָ. עליזע איז ווידער, לויפֿנדיק מיטן קינד איבער די שווימענדיקע און אונטער די פֿיס זיך קרישלענדיקע קריִעס, ניצל געוואָרן פֿון איר פֿאַרפֿאָלגער.

ערשט איצט האָב איך זיך דערוווּסט די פּראָטים פֿונעם שפּרונג „אָפּ דער פֿרײַ", וואָס מײַנע אייגענע האָבן געטאָן אין יענער ווינטער־נאַכט.

מײַן פֿרוי האָט אויספֿירלעך געשילדערט זייער אָדיסיי:

— מיר האָבן פֿאָרזיכטיק געטאָפּטשעט אינעם טיפֿן שניי, זיך צוגעשאַרט צום צוים. ס'איז שטאָקפֿינצטער. דער שניי העלט אַ ביסל אויף דעם כוישעך. און ס'ווילט זיך, עס זאָל זײַן וואָס פֿינצטערער. אָפּ יענער זײַט פֿונעם שטעכדראָט שפּאַנט אָפּ זײַן וואַך־אָפּשניט דער פּאָסטן. ס'ווערט אַזוי שרעקלעך דאָ זיך צו פֿאַרהאַלטן. מע מוז וואָס גיכער זיך אַנטשליסן. האַסטיק נעמען מיר אַראָפּ די לאַטעס — פֿון ברוסט, פֿון רוקן. ווען דער פּאָסטן דערווײַטערט זיך אַ ביסל, הייבט מײַן דרייסטער מיטגייער אויף דעם אונטערשטן דראָט פֿונעם צוים־געפֿלעכט. איך צי זיך אויס אָפּן שניי, פּויזע אַרויס פֿון געטאָ דורך דער געשאַפֿענער עפֿענונג אונטער די דראָטן. דאָס קינד איז אויך מיט מיר. אַ גליק, אַן עמעס גליק — עס האָט קיין פּיפּס ניט געטאָן. ווי ס'וואָלט בעכוש געפֿילט די געפֿאַר. האַסטיק טראָגן מיר זיך אַלע דרײַ אָפּ פֿונעם אָרט, ווו מיר זײַנען באַגאַנגען דאָס „פֿאַרברעכן", און גייען זיך פֿאַנאַנדער. איצט טאָר מען ניט זײַן צוזאַמען. יעדערער מוז וואַגן אייגינקער אַליין. וווּהין איצט? אויך אין שטאָט האָט זיך אײַנגעשטעלט די פּאָליציי־שאָ. מיר איז אײַנגעפֿאַלן אַרײַנכאַפּן זיך אין דעם דערבײַיִקן קלויסטערל. באַם אַרײַנגאַנג שטויס איך זיך אָן אין אַ הויכן, אומגעלומפּערטן מאַנצבל. ניט באַטראַכטנדיק, וואָס איך טו, פֿאַרטרוי איך אים דעם גאַנצן עמעס... אָן אַ וואָרט צו זאָגן, עפֿנט ער די שווערע קלויסטער־טיר און לאָזט מיך אַרײַן אינווייניק, טוענדיק דאַן אַ וואָרטשע: „בלײַב דאָ ביז אינדערפֿרי". וועט ער מיך אָפּמאַסערן, אַרויסגעבן? דער ערשטער באַגעגנטער מענטש אויסער דער געטאָ האָט ניט אַרויסגעגעבן. ווער איז דאָס געווען? מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז ניט אומזיסט האָט ער געאַרבעט אַלס הייצער אָדער שומער פֿונעם קלויסטערל — אויך ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן... אָפּגעפּוצט פֿון זיך דעם שניי, אײַנגעניורעט זיך אין אַ ווינקל. פֿאַרקאָטשעניִעטע פֿון קעלט זײַנען מיר איבערגעקומען אינעם האַלב־טונקל די נאַכט. דערוואַרט די ערשטע מיספּאַלעלים, האָב איך זיך געלאָזט אין וועג. געהאַט בעדייע, ווי מיר האָבן פֿריִער שוין געטראַכט, אויספּרוּוון אונדזער געוועזענע שטוב־אַרבעטערן. צו איר איז אָבער געווען — פֿאָלג מיך אַ

גאנג! צווײ באוואכטע בריקן דארף מען אריבער — איבער דער ווילִיע און דעם ניעמאַן. באַם ווילִיע־טײַך בין איך שטיין געבליבן א נידערגעשלאָגענע: די וואכפּאָסטנס אף דער בריק האָבן זיך דײַטלעך אויסגעטיילט אינעם פרימאָרגן־גרוי. קלאָר, איך טאָר ניט גיין. עס קאָן זײ אײַנ־פאלן קאָנטראָלירן דאָקומענטן. דאָס אייגענע לעבן מעג מען שטעלן אין קאָן. אָבער מיטן קינד האָט דאָס הארץ ניט געלאָזט ריזיקירן. כ׳קוק זיך ארום — אן אָרעם געקליידטע עלטערע פרוי גייט באַ מײַן זײַט. א גוט פּאָנעם ווארפט אף מיר ווארעמע בליקן. האָב איך זיך געווענדט צו דער פרוי, געבעטן טאָן מיר א גרויסע טויווע: אריבערטראָגן דאָס קינד איבער דער בריק. איך אײַל מיט דעם צום דאָקטער, בין אויסגעשעפּט און האָב נאָך א ווײַטן מעהאלעך צו גיין... די פרוי האָט א נעם געטאָן אונדזער טעכטערל, צוגעדריקט צום הארצן, זאָגנדיק: „די נאכט האָט זיך מיר געכאָלעמט א קינד...״ כאָטש מײַן אויסערלעכער אויסזען האָט ניט געקאָנט פאַר־ראטן, ווער איך בין און פונוואנען איך קום, האָט די פרוי אָבער אלץ פארשטאנען. און זיך ניט דערשראָקן. פארקערט. איז געווען גליקלעך צו קאָנען העלפן. און גלײַך פאָרגעשלאָגן נעמען באַ איר א קינדער־וועגעלע. זי לעבט דאָ גלײַך דערנעבן. כ׳האָב זיך דערפרייט: א וועגעלע וועט זײַן אי באקוועם, אי די בעסטע מאסקירונג. קיינער וועט דאָך ניט כוישעד זײַן, אז געלאָפּענע פון געטאָ פירן זייערע קינדער אין וועגעלעך... אויך איבער דער ניעמאַן־בריק האָט די ליטווישע פרוי געפירט אונדזער קינד. איך בין געגאנגען פונווײַטן. טאָמער א קאָנטראָל, האָט זי געהאט מיטגענומען איר פּאספּאָרט. דעם נאָמען פון דער פרוי האָב איך צוליב פארשטענדלעכע סיבעס ניט געפרעגט. זאָל זי שלאָפן רויִק... עס איז ווידער געווען א מענטש. און אז מיר זײַנען געבליבן „אף דער פרײַ״, האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן אונדזערע וואָגלענישן. פון אָרט צו אָרט. איך וועל קיינמאָל ניט פארגעסן די געציילטע טעג, וואָס מיר האָבן זיך אויסבאהאלטן אין צענטער שטאָט, אין א דאכשטיבל פון א הויז, ווו ס׳האָט געהאט זיך אײַנגעקווארטירט עפּעס א היטלעריסטי־שער אנשטאלט. דאפקע דאן האָט אונדזער קליינס גענומען שטעלן אירע ערשטע זעלבשטענ־דיקע טריטעלעך. ס׳איז געווען אן עמעסע סאטיספאקציע. אונטן — אָפּגעפרעסענע היטלע־ריסטן אין אויסגעצאצקעטע מונדירן, פאריסענע „וועלט־באצווינגער״. און דאָ — א קליין נעפּעשל, וואָס זײ האָבן צום טויט פארורטיילט, האָט אָנגעהויבן זײַן מארש אין לעבן. די סאָנים אף צולאָכעס... קלאָר, אז מ׳איז געווען געצוווּנגען היטן זיך פאר א בייז־אויג, פאר א שלעכטן שאָכן, פאר א מאָסער. און אזוינע זײַנען געווען ניט ווייניק. מע האָט ניט געטאָרט שטעלן אין געפאר די הילפסגרייטע און נאָבעלע מענטשן. אָבער אז די מעגלעכקײַטן האָבן זיך אויסגע־שעפּט...

זי איז דאן אינמיטן העלן טאָג ארײַנגעקראָכן דורכן צוים אין געטאָ מיטן קינד אף די הענט. דער אָנגעשפּיצט־וואכזאמער מוטערשער אינסטינקט האָט איר רוען ניט געלאָזט. אקשאָ־נעסדיק האָט זי זיך געהאלטן באַ דער מיינונג:

— מע טאָר ניט זאָגן: „זאָל עס גיין ווי עס גייט״. מע טאָר ניט זיצן מיט פארלייגטע הענט. די קינדער זײַנען אפן ערשטן פּײַער, מוזן ארויס פון געטאָ!

ווידער און ווידער, אײַנשטעלנדיק דאָס לעבן, האָט זי געזוכט און צולעצט געפונען אין שטאָט נײַע הילפסגרייטע מענטשן. דאן זיך אנטשלאָסן צו א נײַעם פּרוּוו.

דאָס ארויסטראָגן אונדזער קליינס אין שטאָט האָבן מיר דאָס מאָל, אזוי צו זאָגן, אָרגאַ־ניזירט. באַם געטאָ־טויער איז מיצאַד דער יידישער געטאָ־אדמיניסטראציע געווען אוועקגע־שטעלט א „ציילער״ פון די ארויסגייענדיקע מענטשן אף ארבעט — א פּיפּיק און דרייסט באַ־כערל, וועלכן אלע האָבן היימיש גערופן „יאנקעלע״. האָבנדיק א געוויסן קאָנטאקט מיט די וואכלײַט, האָט ער זיך דערוואָרבן צווישן זײ „אייגענע מענטשן״. פאר שויכעד פלעגן זײ זיך מאכן ניט זעענדיק, ווי ס׳גייען ארײַן און ארויס געטאָ־אסירים, ניט ארײַנגערעכנטע אין די בריגאדעס. פאר א זילבערן רינגעלע האָט יאנקעלע דורכגעמאכט, דער וואכמאן באַם טויער זאָל ארויסלאָזן מײַן פרוי און קינד — „צו א דאָקטער אין שטאָט״.

א קאלטער רעגנדיקער הארבסט־טאָג. אין א פירהויז פון א שטוב באַם געטאָ־טויער שטייען מיר — איך, מײַן פרוי און קינד. ווארטן אף יאנקעלעס צייכן, אז „מע מעג שוין״. באַם טויער לעשן זיך פּלוצעם אויס די פּראָזשעקטאָרן. מיר פארשטייען, אז די „פארטונקעלונג״ איז אראנ־זשירט פון אונדזערטוועגן. אן עמעס בראַווער יאט, דער דאָזיקער יאנקעלע! ער הייבט אוף זײַן האנט... מײַן פרוי כאַפּט דאָס קינד אף די הענט און טוט זיך א ריס פאָרויס. איר סילועט, דערזע איך, שארט זיך דורך דעם קוים געעפנטן טויער. די אומגעהייערע שפּאנונג לאָזט אָפּ. גאָט צו דאנקען, זי איז ארוף אפן טראָטואר פון דער „ארישער זײַט״! נאָר פּלוצעם — דער וואכמאן צינדט אָן זײַן עלעקטריש לאמטערנדל און לאָזט ארוף אף מײַן פרויס רוקן א שארף אויסגערונדיקטן ליכט־סנאָפּ. עס דארף איצט קומען א שאָס.

— יאנקעלע! — שרײַ איך ווילד אויס, א וואָרף טוענדיק זיך צום טויער.

יאַנקעלע האָט ניט געוואַרט אויף מײַן הילפֿרוף. ער האָט אין אויגנבליק געהאַט אַ כאַפּ געטאָן דעם וואַכמאַנס האַנט מיטן לאַמטערנדל און אַראָפּגעקוועטשט דעם ליכט־סנאָפּ צו דער ערד־צו.

דער וואַכמאַן האָט בלויז געטריבן לייצאָנעס.

מײַן פֿרוי און קינד האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן מיט דער כאַשכעס פֿון דער צוליב לופֿט־אָנגריפֿן פֿאַרטונקלטער שטאָטישער גאַס.

און וווּ זײַנען זיי איצט?

מיטן קינד אויף די הענט לויפֿט אוואַדע מײַן פֿרוי איבער שווימענדיקע אויפֿן מוטנעם לעבנס־טײַך קרייעס. דאָס אײַז שפּאַלט זיך אונטער אירע בלוטנדיקע פֿיס. זי שפּרינגט פֿון קרייע אויף קרייע. די, וואָס יאָגן איר נאָך, קאָנען זי דערגרייכן מיט זייערע קוילן. זיי גייט דאָך ניט אַזוי אין כאַפּן און פֿאַרקויפֿן פֿאַר שקלאַפֿן, ווי אין אומברענגען, אויסראָטן, פֿאַרטיליקן. פֿאַר די הונדערט יאָר, וואָס זײַנען פֿאַרבײַ, זינט עליזע איז געלאָפֿן פֿון די שקלאַפֿן־הענדלער, האָבן די פֿעלקער־מערדער שטאַרק פֿאַרפֿולקומט זייערע קליי־מאַשכיס.

אַנטריק, טײַערע, לויף! טראָג אונדזער קינד הויך איבער דער צעבושעוועטער סטיכיי. דערטראָג עס צו אַ זיכערן ברעג, דערוואַרט זיך אויף אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און פֿאַרבאַהאַלט עס אין אַ באַוואָרנט ווינקל. וואָס טונקעלער, וואָס פֿאַרהוילענער זאָל עס זײַן — — —

דעם לייענער, אין וועמענס הענט ס'וועלן איצט אַרײַנפֿאַלן די דאָזיקע נאָטיצן און וואָס וועט זיך באַאומרויִקן וועגן ווײַטערדיקן גורל פֿון מײַן פֿרוי און קינד, וויל איך באַוואָרענען פֿון אַגמעסנעפּעש. דער סאָף איז געווען אַ גוטער. זיי זײַנען ביידע אַרויס מיטן לעבן פֿונעם פֿאַרמעסט מיט די טויט־סאַקאָנעס און זיך דערוואַרט די באַפֿרײַונג. בײַ אַ פֿריִערדיקער געלעגנהײַט האָב איך וועגן דעם דערציילט גענויער.

אַ באַגעגעניש אין שטאָט

צו אַלע אונדזערע צאָרעס — נאָך אַזוינע שרעקלעכע קעלטן. די נאַטור, ווי זי וואָלט צונויפֿגעזונגען זיך מיט די צוירערים. אָפּגעשאָטן די וועלט מיט טרוקענע שנייען, אײַנגעקלעמט זי אין פֿראָסט־צוואַנגען. צוזאַמען מיט די היטלעראָווצעס צעקוועטשן זיי אײנעם, אַ צווייטן. אַנדערע גיבן זיך ניט אונטער, גלײַכן זיך אויס און גייען אַנטקעגן אַלע געפֿאַרן מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ.

שוין די דריטע וואָך, ווי דער ברודער איז פֿאַרשוווּנדן פֿון געטאָ. ווי קומט ער אויס אין שטאָט? האָט ער געפֿונען הילפֿסגרייטע מענטשן, קאַמפּס־כאַווייריִם? מיר האָבן זיך פֿאַרפֿאַנצערט מיט געדולד און געוואַרט. האָבן מיר, רעכטלאָזע, פֿון דער אַרומיקער וועלט איזאָלירטע, צום אומקום פֿאַרורטיילטע מענטשן, געהאַט אַן אַנדער ברייִרע? מיר האָבן געוואַרט — אומגעדולדיק.

אין איינעם אַן אָוונט איז אומגעריכט צו אונדז אַרײַן אַ ווײַטער באַקאַנטער, אַן אָנפֿירער פֿון אַ בריגאַדע געטאָ־אַסירים, וועלכע מע פֿלעגט טאָגטעגלעך טרײַבן צו דער צוואַנג־אַרבעט אין שטאָט. ער האָט געבראַכט אַ דערפֿרייענדיקע ידיִעה. באַטאָג איז צו אים אויפֿן אַרבעטס־פּלאַץ געווען אַרויף דער ברודער. אין אַ שינעל און היטל פֿון דער אַמאָליקער בורזשואַזער ליטווישער אַרמיי, נאָר אָן עפּאָלעטן. געבעטן איבערגעבן, אַז ער האַלט זיך אויף בײַ אַן אָרעמער ליטווישער מישפּאָכע אויף אַ בוידעם. ס'איז דאָרט מוירעדיק קאַלט. גאָר שלעכט איז מיט דער אַכילע. אין דער טקופֿע פֿון שפּײַז־קאַרטלעך און קאַלאָרייִ באַשרענקונגען וועסטו זיך קיין אַנדער אייצע ניט געבן, סײַדן קויפֿן אויפֿן שוואַרצן מאַרק. בעט ער ברענגען אים עפּעס אַ כייפֿעץ, וועלכן מע זאָל קאָנען אויסבײַטן אויף שפּײַז. כאָטש דעם, וויל ער אויפֿהאַלטן אַן ענגערע פֿאַרבינדונג מיט דער געטאָ. שלאָגט ער פֿאָר, עמעצער זאָל מאָרגן אַרויסגיין מיט דער בריגאַדע פֿון אָט דעם באַקאַנטן, וואָס אַרבעט בײַם אײַזנבאַן־וואָקזאַל. אין דער מיטיק־פּויזע וועט ער דאָרט וואַרטן אויף אינעם עפּנטלעכן אָפּטריט.

איך רייד אָפּ מיטן בריגאַדיר, ער זאָל מיך מאָרגן מיטנעמען אין שטאָט.

וואָס טראָגט מען אַוועק דעם ברודער? בײַם אויסברוך פֿון דער מילכאָמע האָבן מיר געמאַכט אַן אומגעלונגענעם פּרוּוו צו אַנטלויפֿן פֿון די אָנגרײַפֿנדיקע היטלעראָווצעס און אינגאַנצן פֿאַרלוירן דאָס ביסל אייגנס. אין געטאָ האָט מען אונדזער מישפּאָכע אַרײַנגעטריבן מאַמעש נאַקעט־הויל. ווי גיט מען זיך איצט אַן אייצע? אַרויסגעהאָלפֿן האָט אַ כאַווערטע, פֿאַרשלאָגנדיק אירע נײַע וואַרעמע שטיוועלעך.

אויף מאָרגן גאַנצפֿרי בין איך טאַקע מיטן באַקאַנטנס בריגאַדע אויף איר אַרבעט־פּלאַץ. די היטלעראָווצעס שטעלן אונדז אויס אין אַ שערענגע און, אָפּמעסטנדיק יעדן איינעם פֿון קאָפּ ביז פֿוס, נעמען זיי אָפּקלײַבן אַ גרופּע אויף אַרבעט אַנדערשוווּ. כ'לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ, האָב מוירע אויפֿצוהייבן די אויגן.

— דעם נײַלינג אַהער! — דערהער איך אַ שנײַדיקן אויסרוף אין דײַטש.

כ׳בין זיכער, אַז דאָס מיינט מען מיך. כ׳טו זיך אָבער ניט קיין ריר.

מע טוט מיך פּלוצעם אַ כאַפּ פאַר די לאַצן און אַ שלײַדער צו די אָפּגעזונדערטע. זידלענדיק מיט די געמיינסטע ווערטער און שלאָגנדיק מאַקעס־רעצעך, שטופּט מען אונדז צו צו אַ געדעקטן לאַסט־אויטאָ און באַפוילט „אײַנשטײַגן“. פון מײַן געפלאַנטער באַגעגעניש, הייסט עס, וועט שוין קיין זאַך ניט אַרויס. אונטערן אויבערהעמד אויפן בויך זײַנען בײַ מיר צוגעבונדן די שטיוועלעך. אַנדערש וואָלט איך זיי דאָך פון געטאָ אַרויסטראָגן ניט געקאָנט. ווי וועל איך איצט מיטן פּעקל אונטערן האַרצן אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג? און ווי וועל איך עס אַרײַנטראָגן צוריק אין געטאָ? בײַם טויער טאַפּט מען אונדז דאָך אויס קידעבאָעדיק. ווען מע געפינט עפּעס, נעמט מען צו און, אַז גאָט גיט, ציילט מען נאָך אַרײַן אַ פּאָרציע מאַלקעס. נאָר דעריקער — די געפּלאַנטע באַגעגעניש וועט דאָך ניט צו שטאַנד קומען. נייך, איך טאָר ניט אַוועק פונדאַנען. כ׳פּרוּוו צורוקן זיך צו די מענער, וועלכע בלײַבן אויף אַן אָרט. ערשט — מע טוט מיך אַ כאַפּ פאַרן קאָלנער, מע נעמט מיך ברייקען אין מעכילע אַרײַן, שטויסן אין די זײַטן, האַקן איבערן קאָפּ. ווען כ׳קריך ניט אַריבער דעם באָרט פונעם אויטאָ־קוזאָוו, וואָלט מען מיך דווירעס געווען.

מע ברענגט אונדז צו פירן אין אַ הויף פון אַ געוועזענער מיטלשול, ווו ס׳איז איצט סטאַנציאָנירט אַ היטלעריסטישער מיליטערישער שפּיטאָל. מע באַפוילט זעגן און האַקן האָלץ. צוועלף אַזייגער באַקומען מיר אַ האַלבשאָעדיקע האַפּסאָקע. באַוואַכט פון אַ פּאָסטן, צעזעצן מיר זיך אויפן סטאָס ניט צעזעגטע קלעצער און כליאַבען זשעדנע די פּאָרציע וואַסערדיקן קרויט־זופּ, וואָס מיר באַקומען. ס׳איז אַ דורכגאַנג־הויף. פון צוויי זײַטן קומען מענטשן אַרײַן און אַרויס. עפּעס אַ שלעפּער ריעט זיך אינעם מיסטקאַסטן, קלײַבט אָפּפאַל און וואַרפט אַלץ בליקן אין אונדזער זײַט. כ׳טו אויך צומאָל אַ קוק אויף אים. דערפילנדיק עס, קומט יענער צו אַ ביסל נענטער. כ׳זע, ס׳איז אַ מיטלוואָקסיקער, שרעקלעך אָפּגעריסענער און אָפּגעשליסענער מענטש, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שטריק. זײַן פּאָנעם פאַרדעקט אַ טיף אַראָפּגערוקט, צעשמאַטעט פּעלץ־היטל מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערלעך. עס זעט זיך אַ ברייטלעכע נאָז, סטאַרטשענדיקע העלבלעכע וואָנצעס. אונדזערע בליקן באַגעגענען זיך. אין די אויגן פונעם מענטשן דערזע איך טרערן... ס׳איז דער ברודער! ער גיט אַ וווּנק אויפן ווײַסן מויערל אין הויף, דעם עפּנטלעכן אָפּטריט, און שאַרט זיך אַוועק אַהין. כאַפּט זיך אַרײַן אינווייניק, אומבאַמערקט פון וואַכמאַן.

— הער פּאָסטן, דערלויבט אַרויסגיין... אַ דרינגענדע זאַך... — ווענד איך זיך אין אַ ווײַלע אַרום צום וואַכמאַן.

— אויף איין מינוט! — וואָרנט דער דײַטש.

ער בלײַבט זיצן אויף די קלעצער. ווערט מיך היטן פונדערווײַטנס, ניט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פון דער אַרײַנגאַנגס־טיר. אויף יעדן פאַל לייגט ער אַרויף זײַן ביקס אויף די קני.

ווען כ׳האָב מיך אומגעקערט און בין צוגלײַך מיט די איבעריקע אסירים שוין געזעסן אויף די קלעצער, איז פון מויערל אַרויס דער „שלעפּער“ און אָפּגעטראָגן זיך. דער וואַכמאַן האָט אים באַמערקט.

— נאַ, האָסטו מיט יענעם דאָרט געמאַכט גוטן שאַכער־מאַכער? אויסגעביטן דײַנע וואַנצן אויף יענעמס לײַז. — דער דײַטש איז מאַמעש צעגאַנגען פון זײַן „שאַרפזין“.



„איצט קאָנסטו כויזעקן“, — האָב איך געטראַכט. מיר איז אַן עמעסער שטיין אַראָפּ פון האַרצן. האָט זיך דאָס האַרץ מאַמעש געצאַפּלט פון פרייד. אונדזער באַגעגעניש מיטן ברודער האָט געדויערט אַ גאָר קורצע ווײַלע, און אַלץ איז דערגרייכט: איך האָב אים איבערגעגעבן דאָס פּעקל, און ער, ווי שטענדיק, אַן אָפּטימיסטישער, האָט אַ שעפּטשע געטאָן:

— זאָג די כאַווײרים, אַז איך טו אַלץ, וואָס מעגלעך... כ׳זוך פאַרבינדונגען, זוך קאַמפּס־כאַווײרים... שווער, געפערלעך... זאָל קיינער ניט טראַכטן, אַז זײַענדיק אין שטאָט, בין איך אויסן צו ראַטעווען די אייגענע פעל... און לאָמיר פּרוּוון זיך טרעפן אין דרײַ טעג אַרום. אויפן וואָקזאַל צי דאָ. כ׳וועל אויסזען אַנדערש.

פון ליבע־ציקל

זשעניע קאַטיַעווען

אַן אלטע ליד

אויב איך וועל דיר זאָגן עפּעס אַלטס,
נעם פאַרצי דעם שטריק מיר אפן האלדז.
אויב איך וועל דיר זאָגן אויסגעדראָשנס,
זאָל בא מיר דאַן אָפּנעמען דאָס לאָשן.
הער זיך צו: עס שלאָגט מײַן וואָרט פון האַרץ,
דאָס וועט זײַן א וואָרט א ניט־דערוואַרטס.
הער זיך צו: אין גאָרגל איז דאָס וואָרט,
ס׳קומט אַליין, כ׳האָב רופן עס פאַרשפּאַרט.

הער! עס איז דאָס וואָרט שוין אף מײַן ליפּ:
„טײַערע,
איך
האָב
דיך
ליב...“
אויב איך האָב געזאָגט דיר עפּעס אַלטס,
נא — פאַרצי דעם שטריק מיר אפן האלדז.

אָן דײַגעס, אָן זאָרגן

דער וואלד איז שוין וואך. ס׳איז נאָך רוי דער
פרימאָרגן.
עס פאָרען זיך ביימער, פאַרשטעלט מיט א נעפּל.
דו גיב נאָר א קוק אף די ביימערשע זאָרגן... —
די איווע נעמט שנעל זיך פאַרפּלעכטן א צעפּל,
די שיינע בערעזע — פון פרעמדע אויגן
פאַרשטעלט — נעמט דאָס ציצענע העמד זיך
פאַריכטן,
דער דעמב, ווי א טאטע, פּאַטשט אָן א פויגל
און שיקט אים א גאַנג אין די קוסטעס געדיכטע.

אף יענער זײַט וואלד טוען מענטשן דאָס זעלבע.
און בלויז איך און דו זײַנען ווײַט פונעם
שטייגער.
וואָס טויג אונדז די זאָרג דער בערעזעס,
אשטייגער,
אז ס׳לײַב מיט א צווײַגל פאַרדעקן מיר זעלטן...

דער וואלד איז שוין וואך. ס׳איז נאָך רוי דער
פרימאָרגן.
מיר האָבן דערווײַל ניט קיין דײַגעס, קיין זאָרגן.

א טפילע

וויסן זאָל יעדער:
כ׳פאָר שוין אוועק.
מײַנע — די רעדער,
דײַנער — דער וועג.

גיב מיר א ווילן,
הייב איך זיך אוף.
מײַנע — די טפילע,
דײַנער — דער רוף.

זאָג מיר: ס׳איז מעגלעך,
קום איך געשווינד.
מײַנע — די זעגלען,
דײַנער — דער ווינט.

גיב מיר איין פעדער,
פלי איך אָן שרעק.
וויסן מעג יעדער:
כ׳פלי שוין אוועק.

גיב מיר א ווילן,
הייב איך זיך אוף.
מײַנע — די טפילע,
דײַנער — דער רוף.

10—2998

קינסטלער סטאַסיס קראַסאַוסקאַס





צוויי אילוסטראַציעס צום בוך
פון ע. מעזשעלייַטיס
„קאַרדיאָגראַמע“

פון דער סעריע „שיר־השירים“

קינסטלערן אדע סקליוטאוסקײַטע

מוזיקאַלישער טרוים

קורצע ידיעות וועגן די קינסטלער

סטאַסיס קראַסאַוסקאַס איז געבוירן געוואָרן אין קאַונאַס אין 1929. אין 1958 פֿאַרענדיקט ער מיט אַן אויסצייכענונג דעם ליטווישן מעלוכישן קונסט־אינסטיטוט. ס. קראַסאַוסקאַס איז איצט איינער פֿון די אָנגעזעענסטע גראַפֿיקער. זײַנע אילוסטראַציעס צו פֿיל ליטווישע און רוסישע ביכער, וועלכע זײַנען געווען אויסגעשטעלט אויף רעפּובליקאַנישע, אַלפֿאַרבאַנדישע און צווישנפֿעלקערלעכע קונסט־אויסשטעלונגען, זײַנען אָפּגעמערקט געוואָרן מיט דיפּלאָמען און גראַמאָטעס.

אַדע סקליוטאַוסקײַטע איז געבוירן געוואָרן אין 1931 אין קאַונאַס. אין 1955 האָט זי פֿאַרענדיקט דעם גראַפֿישן פֿאַקולטעט פֿון ווילניוסער מעלוכישן קונסט־אינסטיטוט. באַזונדערס צייכענען זיך אויס אירע טאַלאַנטפֿולע גראַפֿישע אַרבעטן. מיט גרויס דערפֿאָלג אילוסטרירט סקליוטאַוסקײַטע ביכער פֿאַר קינדער.

פרילינג

א מײַסעלע

דרייַ גאָרנס פון דער נאכט

מייַן צווייגאָרנדיקע נאכט...
אינעם כאָלעם, אף דעם צווייטן גאָרן —
א געמיש פון קלאָרקייַט און פון מעשוגאַס.
קלוימערשט, איך און דו — מיר זייַנען דול געוואָרן,
און מיר פירן זיך ווי אָדעם־כאַווע אף דער גאַס.
קומט פון ערשטן גאָרן א באַשטראָפער,
זיצט אין צווייטן גאָרן א ליוציפער...
און די נאכט —
אליין אריבער זיך א הייב־קראַן הייבט זי אוף
און פון ביידע גאָרנס ארכיטעקטן טוט א רוף,
און א דריטן גאָרן
בויט אף לאנגע יאָרן
מייַן צווייגאָרנדיקע נאכט.
און איך ווייס ניט,
וואָס געשען ס׳איז אינדערעמעס
און וואָס האָט זיך מיר געדאַכט...

צו דיר געהערט די נעשאָמע און דער גוף

— זאָגסט: איך האָב ניט ליב...
טוט עס מיך א שטאָך:
האַנעשאָמע לאָך וועהאַגוף שעלאָך.
כ׳רעד צו דיר א שאָ,
א מעסלעס, א וואָך:
האַנעשאָמע לאָך וועהאַגוף שעלאָך.

אלץ איך גיב דיר אָפּ,
איז דיר ווייניק נאָך? —
האַנעשאָמע לאָך וועהאַגוף שעלאָך.
— האַנעשאָמע לאָך וועהאַגוף שעלאָך...
כ׳האָב באַקומען אלץ,
און איך וויל שוין נאָך.

ל א ג ב ו י מ ע ר

וואָס איך וועל דיר באַלד דערציילן,
איז פון לאנג דיר שוין באַוווּסט.
לאָמיר מער די צייַט ניט ציילן
בלויז פון פייסעך ביז צו שוועס.

ווען איך צייל די טעג פון ספירע,
מייַן לאגבוימער — דאָס ביסטו.
צוויי און דרייַסיק טעג — מיט שירע,
איין־און־איינציקער — אָן רו.

וויפל טעג שוין נאָכן אוימער?
פעסט איך האלט זיך בא דעם קלאל,
כ׳זאָל ניט בלייַבן נאָך לאגבוימער
א לאגבוימער־גענעראל.

וואָס איך וועל דיר באַלד דערציילן,
איז פון לאנג דיר שוין באַוווּסט.
לאָמיר מער די צייַט ניט ציילן
בלויז פון פייסעך ביז צו שוועס.

ב ע ז

ראטעוועט דאָס צווייַגעלע בעז!
וויאַזוי ראטעווען דאָס צווייַגעלע בעז —
מע זאָל דאָס ניט אראָפּרייַסן,
דאָס שטענגעלע
מיט א צוועַנגל
ניט אייַנבייַסן,
אין די הענט עס ניט האלטן?
עפּשער דאָס צווייַגעלע בעז באהאלטן? —
אזוי טראכט די מאמע וועגן איר קינד,
וועגן איר מיידעלע.

די מאמע איז בלינד.
דער טאטע איז בלינד.
בלינד די באָבעשי. בלינד דער זיידעניו.

טוט א זאָג דאָס מיידעלע פעסט:
— וויאַזוי ראטעווען דאָס צווייַגעלע בעז? —
לעמאַנעשעם עס אראָפּרייַסן!
דאָס שטענגעלע
מיט א צוועַנגל
אייַנבייַסן!
אין די הענט דאָס צווייַגעלע האלטן,
פון מענטשן דאָס צווייַגעלע ניט באהאלטן.

מײַן רעכט

קאָן זײַן, אַז איך בין שוין אַ לעצטער,
אַ שווימער באַם קאַסטן מיט צירונג,
און ס׳פרוּוון גאַנאָווים פאַרלעצן
מײַן רעכט צו פאַרשליסן די טירן.

און פלוצעם, אינמיטן דעם שעלטן,
זיי שטייען מיט אָפענע מײַלער:

ווי קומט עס, כ׳זאָל לאָזן אַ שפּעלטל?
פאַרגעסן מײַן פליכט אַף אַ ווײַלע?

זיי ווייסן ניט דאָס, וואָס איז וויכטיק —
פאַרוואָס כ׳לאָז אַ שפּעלטל פאַר זון־שײַן.
ווײַל צירונג לויכט אויף, ווען ס׳איז ליכטיק,
ווײַל שײַן איז פאַר צירונג געוווּנטשן.

די ניט־פאַרגינערן

צו דער טיר פון אונדזער היכל
האָט זי שטעכלקעס געבראַכט,
און געמאַכט זיך, אַז זי שמייכלט,
און געמאַכט זיך, אַז זי לאַכט.

האָבן מענטשן זיך געכידעשט.
בלויז דו איינע האָסט דערקענט,
אַז זי איז ניט זאַרגלאָז אימערשט —
ס׳ציטערן בא איר די הענט.

ניט געקאָנט זי האָט באַהאַלטן
אונטער ווײַסן גלאַנץ פון צייך
דעם נעשאָמע־בראָך דעם קאַלטן:
איר געלעכטער האָט געוויינט...

ס׳איז עמעס

ס׳איז עמעס, אַז ברענען ברען איך גיך,
אַז איך כאַפּ זיך אָן ווי טרוקענע שטרוי,
איך גיי אַוועק מיטן פלאַם, מיט דער ליכט,
און אָט בין איך בלאַנד, און אָט בין איך
גרוי.

ביסט שטילער פון מיר — אַ שוועבעלע בלויז,
קאָנסט אופזידן שנעל אַ טראַפּנדל טוי,
איך צינד דיך אָן,
ווערט ליכטיק אין הויז,
און איך בין דײַן מאַן, און דו ביסט מײַן פרוי.

ש נ יי

אַ טאָג מיט אַ נאַכט פאַלט אַ שניי אַף דער ערד,
אַזוי ווי עס פליסט אַ טײַך —
אַ שנייעלע נאָך אַ שנייעלע,
אַ שניי־פאַל נאָך אַ שניי־פאַל,
אַ שניי־דעק נאָך אַ שניי־דעק.
ריבוינעשעלוילעם, ווּהין קומט אהין דער שניי?
פאַרוואָס ליגט ער אַלץ אונטער די פיס?
פאַרוואָס פאַרדעקט ער מײַן קאָפּ ניט?

שוין וויפל מעסלעס
פאַלט דער שניי, פאַלט און פאַלט...
ווען דער הימל זאָל זײַן געמאַכט פון שניי,
דאַרף ער אויך ווען־ניט־איז
זיך אינגאַנצן אויסשיטן,
ענדיקן זיך
און מער זיך ניט שיטן.
ריבוינעשעלוילעם, שוין וויפל מעסלעס...

עפשער דערפאַר, וואָס עס דרייט זיך די ערד,
טרעפט, אַז ס׳טרייסלט סיביר אויס דעם שניי אַף
מײַן גאָרטן.

און וואָס איז דען שניי?
אַ הימל־זאַך (מיט פליגל עס פאָכן די ווײַסע
מאַלאָכים).
אַ פרישקײַט אַזאַ.
אַ קאַלטער טרונק.
אַ זויבערע דעק.
אַ העמד פאַר דער ערד.
אַ יאַלעם דעם בוים.
אַ היטל דער שטוב.
אַ טולעפּ דעם פעלד.
אַ קאָלדרע דעם בער.
אַ שליטוועגס דעם קינד.
אַ צערטלעכע קרעל אַף דײַן וואַרעמען האַלדז.
אַ פרײלעכע גרויקײַט אין דײַנע האָר.
אַ גענדזענע פעדער אַף שרײַבן די ליד
וועגן דיר.
ריבוינעשעלוילעם, זאָל שיטן דער שניי!

ווערק פון אונדזערע לייענער

די באַקאַנטע ייִדישע אַקטריסע נעכאַמע סיראָטינע האָט געבראַכט אין רעדאַקציע עטלעכע סקיצן, וועלכע זי האָט פאַרשריבן באַ אירע אייגענע און קרויוים.

— ס'איז טאַקע עמעסע געשעענישן, ניט קיין אויסגעטראַכטע, — האָט סיראָטינע געזאָגט און געבעטן כאָטש איינע פון די סקיצן אָפּגעבן אפֿן מישפּעט פון די לייענער.

מיר פּילן אויס די באַקאָשע פון נעכאַמע סיראָטינע.

נעכאַמע סיראָטינע

ווען עס איז שרעקלעך...

זיי האָבן כאַסענע געהאַט פּונקט ערעוו דער מילכאָמע. ער איז אוועק אפֿן פראָנט.

סאָף 1943 האָט ער זיך דערוווּסט, אַז זי איז אין מאָסקווע, אַרבעט אַף אַ זאַוואָד... האָט ער זיך דערשלאָגן, מע זאָל אים אָפּלאָזן אַף צוויי־דרײַ טעג, קעדיי צו באַגעגענען זיך מיט איר.

און זיי האָבן זיך באַגעגנט!

צום ערשטן מאָל זינט זייער שיידונג האָבן זיי ווידער שפּאַצירט איבער די גאַסן און געסלעך, וווּ זיי פלעגן זיך באַגעגענען, וווּ זיי האָבן פאַרליבטע אַרומגעבלאָנקעט אין די נעכט און ביגנייווע צערטלעך זיך געקושט...

צום ערשטן מאָל פאַר די צוויי יאָר האָט זי צו זאַט אָפּגעגעסן...

אַלץ איז געווען צום ערשטן מאָל...

זי האָט אים אַוועקגעפירט צו זיך, אין דעם הויז, וווּ זי האָט איצט געוווינט.

די געוועזענע באַלעבאַטים פון דער שטוב האָבן, ווײַזט אויס, אין גרויס אײַלעניש פאַרלאָזט זייער נעסט, זיי האָבן פאַרכאַפּט מיט זיך נאָר דאָס סאַמע נייטיקסטע (ווײַל זיי זײַנען געווען זיכער, אַז זיי וועלן זיך גאָר אינגיכן אומקערן), און אַלץ, וואָס איז געשטאַנען אין די צימערן, האָט אויסגעזען אַזוי, ווי דאָס איז געווען, ווען יענע מענטשן האָבן נאָך דאָ געוווינט, ס'האָט געדאַכט, אַז אָט באַלד וועלן אַרײַנקומען די באַלעבאַטים, וועלכע האָבן צענדליקער יאָרן זיך גענוצט מיט אָט די אַלע זאַכן, מיט דעם מעבל, מיט דעם געשיר, און אַלץ וועט זײַן ווי געווען...

אין איינעם פון די צימערן, אין סאַמע גרעסטן, זײַנען געשטאַנען שווערע אַלטמאָדישע שטולן, אַ קײַלעכיקער טיש אַף דרײַ געשניצטע פיס, אַ ברייט בעט פון רויטהאָלץ און אַן אַלטער שוואַרצער ראָיאַל.

ס'האָט אָנגעהויבן טונקלען. און אָט איז געקומען דער אָוונט, דערנאָך די נאַכט... זיי זײַנען געזעסן אפֿן ראַנד פונעם בעט צוגעטוליעט איינס צום אַנדערן. זיי האָבן לאַנג געשוויגן. ער האָט זי אַרומגענומען און שטאַרק צוגעדריקט צו זיך. זיי האָבן עפּעס שטיל געמורמלט, זיך געסוידעט, פּונקט ווי זיי וואָלטן מוירע געהאַט, אַז עמעצער הערט זיי און זעט זיי, כאָטש זיי האָבן זייער גוט געוווּסט, אַז זיי זײַנען איינע אַליין אינעם גאַנצן פאַרלאָזטן הויז. אַזוי זײַנען זיי געזעסן לאַנג־לאַנג אין דער פינצטער. אָבער דער גרויסער שטראָם פון ליבע האָט זיי סאָפּקאָלסאָף באַהערשט, און ער האָט פלאַמיק און צערטלעך אָנגעהויבן קושן אירע אויגן, פון וועלכע ס'האָבן געפלאָסן טרערן פון גליק, געקושט אירע באַקן, וועלכע זײַנען געוואָרן נאַס פון די טרערן, געקושט אירע ליפּן, וועלכע זײַנען געווען טרוקן, ווײַל זיי האָבן געברענט ווי פײַער... זיי זײַנען ווי פאַרשיקערט געוואָרן. זי איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, כאָטש ס'איז סײַווי געווען פינצטער, און האָט מוירע געהאַט זיך אַ ריר טאָן, קעדיי ניט צעשטערן די גליקלעכסטע מינוטן פון זייער באַגעגעניש. און זיי האָבן ביידע געגלייבט, אַז אַזוי וועט זײַן אייביק...

און פּלוצעם האָבן זיי דערהערט מוזיק, קלאַנגען, וועלכע האָבן זיך בוילעט צעטראָגן איבערן צימער און ווי געוואָלט זיי פאַרקישעפן. אָבער זיי האָבן אין קיין שום קישעף ניט געגלייבט. איז וואָס זשע איז דאָס אַזוינס? זיי האָבן אָנגעהויבן אָנגעשטרענגט זיך צוהערן צו דער פינצטערניש. יאָ, עס דערטראָגן זיך קלאַנגען, אָט גאַנץ בוילעטע און אָט פאַרדומפּטע. פונוואַנען? פון ראָיאַל? אָבער וויִאַזוי? ווער שפּילט אַף אים? אומפאַרשטענדלעך...

— דו הערסט? — האָט זי קוים אַרויסגעפּלי־
סטערט.

— יאָ, — האָט ער שטיל געענטפערט.

— עפּשער, דער ראַיאַל...

— אַליין? — ער האָט זיך עטוואָס אופגע־
הויבן. — מע דאַרף גיין אַ קוק טאָן.

— נייך, וואַרט, און עפּשער...

— וואָס?

— עפּשער וויַזט זיך אונדז אויס?

און ווי ענטפערנדיק אַף איר פראַגע, האָבן די קלאַנגען זיך נאָך בוילעטער דערטראָגן צו זייער געהער.

ווי געפּלעפּטע, זיַינען זיי געזעסן און ניט גע־קאָנט זיך רירן פון אָרט. פּלוצעם האָט ער דער־פילט, אַז אים באַהערשט, אָט ווי אין די ערשטע טעג אַפן פראָנט, שרעק, פּאַכעד, וועלכן מע מוז אין זיך דערשטיקן!

אָבער די מוזיק, ריכטיקער, די סומבורע קלאַנ־גען אָן אָרדענונג, אָן שום מאָטיוו, זיַינען געוואָרן אַלץ רעאַלער. ניט אַנדערש, ווי עמעץ האָט, ניט קענענדיק ריכטיק שפּילן, דאָך מיט גרויס פאַרגעניגן געשפּילט אַף די קלאַווישן.

סאָפּקאַלסאָף האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט, איז אַרויסגעקראָכן פון אונטער דער קאָלדרע, זיך געשטעלט באָרוועס אַפן קאַלטן דיל, וועל־כער האָט אָנגעהויבן סקריפּען.

זי האָט זיך דערשראָקן און האָט אויסגעשריִען:

— גיי ניט!

דאַן האָט אַף עטלעכע סעקונדעס אופגעהערט צו שפּילן. אָבער גלײַך נאָכדעם האָבן ווידער זיך דערטראָגן די קלאַנגען. נאָך מיט מער אומרויִ־קײַט און אײַנגעשפּאַרטקײַט.

ער האָט אָנגעהויבן אַרומשפּרײַזן איבערן צי־מער, טאַפּן די ווענט, זוכן דעם שטעפּסעל, קעדיי אײַנצושליסן ליכט. פּלוצעם האָט עפּעס אָנגע־הויבן טרעשטשען, עפּעס איז אַראָפּגעפאַלן, זיך צעבראָכן.

ס'איז געוואָרן נאָך שוידערלעכער.

— וואָס איז דאָס? ווער איז דאָרט? — האָט זי ווילד אַ געשריי געטאָן, נאָר קיין ענטפער האָט זי ניט באַקומען...

זי האָט גיכער דערפילט, ווי דערזען, אַז עפּעס אַ שאָטן בלאָנדושעט איבערן צימער און דער־נעענטערט זיך צו איר. מיט אַ שרעקלעכן אויס־געשריי האָט זי געכאַפּט אַ קישן, אַ וואָרף געטאָן מיט אַלע קויכעס אין דעם שאָטן און אַליין זיך פאַרקליבן אין סאַמע ווינקל פון בעט.

ער האָט זיך אויך דערשראָקן, ווען אין אים האָט געטראָפן עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכע ווײַסע זאַך. ער האָט זיך קוים געהאַלטן אַף די פיס.

— דאָס בין איך, — האָט ער, קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם, זי געפּרוווט באַרויִקן, — שרעק זיך ניט!

ג. מײַזעלס

(באָברויסק)

באַ דער אַרבעט

באַם וואָרשטאַט שטיי איך פרײלעך און
מונטער,
שנײַד די ברעטער די ברייטע מיט שטאָלץ,
און אַ רייעך אַ פרישער, געזונטער
שטראָמט געשמאַק פונעם זאַפטיקן האָלץ.

אויסגעגלײַכט ווי אַ סטרונע די זעגן,
ווי געהעריק געשאַרפט כ'האָב די ציין, —
דער מאַשין זאָלן קויכעס קלעקן
איבערזעגן אַ סוק, ווי אַ שטיין.

ווען צום כאַווער דעם בליק מײַנעם ווענד איך
און דערפיל, אַז ער יאָגט מיך שוין אָן,
גיט מײַן נײַגער נאָך מער אַ צעברען זיך
און נאָך שנעלער דאָס בלוט מײַנס שטראָמט.

גוט איז זײַן באַ דער אַרבעט דער בעסטער,
ווען אַ ליבע אין האַרץ איז פאַרזייט,
די מאַשין ווי אַ צאַרטער אָרקעסטער
גיט מיר צו נײַע קויכעס און פרייד.

יאָ, די פרייד נעמט אין ברוסט זיך צעשטראַלן,
ווען די אַרבעט — זי ברענט אונטער האַנט,
ווײַל אַף מײַן אַרבעט וואַרטן אַלע,
ווײַל עס וואַרט אַף מײַן אַרבעט מײַן לאַנד.

כאַיִם קאָלעסניק

(בערדיטשעוו)

דער בוים און די זון

ס'טרעפט אין האַרבסט: די זון אין טיפן רוים
וועקט אוף פון שלאָף דעם דרעמלענדיקן בוים,
די קנאָספּן כאַפּן ווידער זון אין שויס,
בלעטלעך פיקן זיך, ווי טויבן, אויס.
אַ ווײַלע שטייט דער רוים שוין העל־צעבליט,
באַהאַנגען, דאַכט זיך, נאָכאַמאָל מיט צוויט.

דער בוים איז שיקער פון זײַן לעבנס־גאַנג
און זינגט דער זון אַ הייסן ליבעגזאַנג.
עס רוישט דער בוים, פאַרכלינעט זיך פון גליק,
נאַר פּלוצעם קאַלט ווערט בײַ דער זון דער בליק,
די גרויע כמאַרעס האָבן זי פאַרשטעלט —
דער ווינטער קומט שוין מיט זײַן שטאַרקער קעלט.
אָ בוים, דו ווערסט דער זון נאָך מער געטרײַער,
ניט אײביק איז דער ווינטער מיט זײַן פײַער.

ער האָט איר אָנגעהויבן דערקלערן, אַז דאָס האָט זיך צעבראָכן איינער פון די דעקאָראַטיווע טעלער, וואָס זײַנען געהאַנגען אַף דער וואַנט.

— ער איז אַראָפּגעפאַלן, ווען איך האָב געזוכט דעם שטעפּסעל. אָבער ווו איז דער שטעפּסעל? ער איז דאָך לעבן דער טיר. ווו איז די טיר? איך פאַרשטיי שוין גאָרניט, איך בין ווי צעדולט...

זיי האָבן קוים זיך דערוואַרט, ביז ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. דאַן האָבן זיי אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן, געזוכט כאָטש אַ סימען פון אַ לעבעדיק באַשעפעניש... אָבער ס׳איז קיינער, כוץ זיי, אין צימער ניט געווען און באַם ראַיאַל איז קיינער ניט געזעסן.

ער איז צוגעגאַנגען צום אינסטרומענט, געפּרוּווט אופהייבן דאָס דעקל. עס האָט זיך ניט אונטערגעגעבן, דער ראַיאַל איז געווען פאַרשלאָסן.

— צום טײַוול! וואָס קומט דאָ פאָר? וואָס פאַרא שיידים באַהאַלטן זיך דאָ? — האָט ער זיך געוווּנדערט.

— איך האָב מוירע... — האָט זי ווידער קוים אַרויסגערעדט.

— וואַרט! עפּשער איז דאָ ערגעץ פאַרבאָרגן אַ רעפּראָדוקטאָר, אַן אופנעמער, — ער האָט אָנגעהויבן זוכן, אַ קוק געגעבן אונטערן טיש, אַ קוק געגעבן אַפן אַלמער און הינטערן ראַיאַל. אָבער קיין שום סימען פון עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל קאָנען אַרויסברענגען קלאַנגען, איז ניט געווען.

אין דער צײַט, וואָס ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן צימער, איז געוואָרן שטיל. מער קיין קלאַנגען האָבן זיך ניט געהערט.

— נו, ס׳איז גאָרניט מיט נישט. לאָמיר נאָך אַ דרעמל טאָן. ס׳האָט זיך אונדז געוויס אויסגעגעבן, — האָט ער געזאָגט, און זיי האָבן לײַכט אָפּגעאָטעמט און זיך אפילע צעלאַכט.

אָבער זיי האָבן ניט באַוויזן זיך אײַנאָרדענען אַף צו פּרוּוון אײַנשלאָפן, ווי ס׳האָט נאָכאַמאָל אָנגעהויבן שפּילן. זיי האָבן ווידער זיך אופגעזעצט, צוגעטוליעט זיך איינס צום אַנדערן. בײַ איר האָבן געקלאַפּט די ציין. ער איז געווען זייער אָנגעשטרענגט און האָט מוירע געהאַט ענדערן די לאַגע, אין וועלכער זיי זײַנען געזעסן, ווי פאַרגליווערטע. אָבער ס׳איז דאָך טאַקע לעכערלעך און מאָדנע. דער ראַיאַל האָט פאַרגעזעצט אַליין צו שפּילן.

אַז ס׳איז געוואָרן אינגאַנצן ליכטיק, האָט ער זיך ווידער אָנגענומען מיט מוט און איז צוגעגאַנגען צום ראַיאַל. און דאַן האָט ווידעראַמאָל אופגעהערט צו שפּילן. ער האָט אַרומגעקוקט דעם אינסטרומענט. געפּרוּווט אים רירן פון אָרט, דערנאָך אופגעהויבן די אייבערשטע דעק, אַרײַנגעקוקט אינווייניק, און איז גלײַך ווי אַן אָפּגעבריטער אָפּגעשפּרונגען... פון ראַיאַל איז אַרויס און פאַרבײַ אים דורכגעלאָפן אַן אַף טויט דערשראָקן קליינינק מײַזעלע, וואָס איז גלײַך אַנטרונען געוואָרן אין אַ שפּאַלט פון פּלינטוס...

גאָר אינגיכן, נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אומגעקערט צוריק אַפן פראָנט, האָט זי באַקומען אַ בריוו פון אים. ער האָט געשריבן וועגן פאַרביטערטע שלאַכטן, וואָס זייער דיוויזיע פירט. אַ סאַך שפּעטער האָט זי זיך דערוווּסט, אַז ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין אָט די שלאַכטן און באַקומען אַ מעדאַל „פאַר געוואַגטקייט“.

אױף היסטאָרישע טעמעס

הילעל אַלעקסאַנדראָוו

רוסלאַנד — אונדזער היימלאַנד

אַרײַנפיר

אָנהייבנדיק צו באַקענען זיך מיט דער פאַרגעשיכטע פון די ייִדן אין רוסלאַנד, שטויסן מיר זיך אָן, קוידעמקאָל, אױף דעם פאַקט, וואָס האגאם דער ייִדישער קיבוץ אין ביזרעוואָליוציאָנערן רוסלאַנד איז אין נײַנצנטן יאָרהונדערט געווען דער גרעסטער אין אייראָפּע, און ניט נאָר אין אייראָפּע, האָט ער קימאַט אַבסאָליוט ניט עקזיסטירט אין דער מאָסקווער רוס, פון וועלכער עס האָט זיך מיט דער צײַט אויסגעבילדעט גרויס־רוסלאַנד. אין מיטלאַלטער, ווען עס האָבן עקזיסטירט גרויסע ייִדישע קיבוצים אין דאָרעם־ און מײַרעוו־אייראָפּע (שפּאַניע, דײַטשלאַנד, פּוילן אאַ.), זײַנען געווען ייִדישע קיבוצים אין דער אַזויגערופענער קיִעווער רוס און אין ווײַסרוסלאַנד — ביידע זײַנען זיי שפּעטער אַרײַן אין באַשטאַנד פון דער פּויליש־ליטווישער מעלוכע; אין דער מאָסקווער רוס זײַנען קימאַט קיין ייִדן ניט געווען. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז מיט דער מאָסקווער רוס האָט מען אין דער ייִדישער היסטאָריאָגראַפיע קימאַט ווי זיך ניט פאַרנומען. עס איז געווען אַ געוויסער אינטערעס צו איר אין די זיבעציקער — אַכציקער יאָרן פונעם פאַריקן יאָרהונדערט; דעמאָלט האָבן זיך מיט איר פאַרנומען אַ ריי געלערנטע און פּובליציסטן, וועלכע האָבן פּובליקירט זייערע אַרבעטן אױף די שפּאַלטן פון דער העברעיִשער און רוסיש־ייִדישער פּרעסע — אַ. האַרקאַווי, דער יונג־פאַרשטאָרבענער און אינגאַנצן פאַרגעסענער יוינע בערכין[1] אאַ. שפּעטער איז דער אינטערעס צו דער מאָסקווער רוס אין דער ייִדישער היסטאָריאָגראַפיע געפאַלן, מע האָט אױף איר געקוקט ווי אױף אַ מין ווײַסן פלעק אױף דער היסטאָרישער קאַרטע פון די ייִדן. אַ צווייטער מאָמענט, אױף וועלכן מיר שטויסן זיך אָן, באַשטייט אין פאָלגנדן. ניט געקוקט, וואָס אין דער מאָסקווער רוס זײַנען קימאַט קיין ייִדן ניט געווען, האָט דאָך עקזיסטירט בײַ די מאַכטהאָבער פון לאַנד אַ באַשטימטע באַציִונג צו ייִדן בכלל און בפרט צו די ייִדן פון די שכנישע ליטע, פּוילן, קרים, מיט וועלכע די מאָסקווער רוס האָט געפירט אַ האַנדל. די באַציִונג צו ייִדן איז געווען אַ טייל פון דער באַציִונג צו אויסלענדער, אױף וועלכע מע האָט אין דער מאָסקווער רוס געקוקט קוידעמקאָל ווי אױף אַנדערשגלייביקע. אומצוטרוי צו אַנדערשגלייביקע איז קולטיווירט געווען מיצאַד דער קירך, וועלכע האָט „פאַרגעשטעלט מיט זיך די העכסטע פאַראַלגעמיינערונג און סאַנקציע פון דער עקזיסטירנדיקער פעאָדאַלער אָרדענונג“ (ענגעלס).

די פּאָליטישע אידעאָלאָגיע פון די מאַכטהאָבער פון דער מאָסקווער רוס און פון זייער אַרומרינגלונג האָט געטראָגן קוידעמקאָל אַ רעליגיעזן כאַראַקטער. אירע טרעגער האָבן געקוקט אױף זיך ווי אױף יאָרשים פון ביזאַנץ, ווו די ראָל פון דער קירך איז געווען אויסשליסלעך גרויס. אין ביזאַנץ האָט זיך גערעכנט פאַר אַ פולבאַרעכטיקטן בירגער נאָר אַ פּראַוואָסלאַוונער. אויב עמעצער האָט אָנגענומען דאָס פּראַוואָסלאַוונע גלויבן, איז ער שוין פאַררעכנט געוואָרן, צי ער וויל, צי ער וויל ניט, פאַר אַן אונטערטאַן פונעם אימפּעראַטאָר. „טעאָלאָגישע פאָרשטעלונגען האָבן אין ביזאַנץ געהאַט די קראַפט קימאַט און עפּשער אינגאַנצן — פון יורידישע נאָרמעס“[2]. די דאָזיקע פּרינציפּן זײַנען געוואָרן אײַנגעשלאָסן אין אָפיציעלן רעליגיעז־פּאָליטישן קאַטעכיזיס פון דער מאָסקווער רוס.

מע דאַרף זאָגן, אַז ניט געקוקט אױפן שטאַרקן אַווטאָריטעט פון דער קירך, האָט דאָס לעבן אַרײַנגעטראָגן וויכטיקע קאָרעקטיוון, וועלכע האָבן אין דער פּראַקטיק געמוזט אָפּשוואַכן די סינע צו אַנדערשגלייביקע. פּאָליאַקן און ליטווינער זײַנען קאַטאָליקן — מע דאַרף דאָך אָבער מיט זיי האַנדלען, אָן זיי קאָן מען ניט אויסקומען. די טאָטערן זײַנען מאַהאָמעטאַנער — מע קאָן זיי אָבער אויך ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט, בפרט ווען אין משך פון צוויי יאָרהונדערטער האָט זיך די מאָסקווער רוס געפונען אונטער זייער יאָך. בענוגע די אויסלענדער האָט די פּאָליטיק פונעם גרויספירשט, שפּעטער פונעם צאַר און אימפּעראַטאָר, ניט געקאָנט ניט זײַן בייגעוודיקע. אָפּהענגיק פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער סיטואַציע, פון די צווישנבאַציִונגען מיט דער אָדער יענער מעלוכע. בײַ די באַדינגונגען פון דער מאָסקווער רוס, ווו דער צאַר איז געווען אַן אַליינהערשער, האָבן אַ באַשטימענדיקע ראָל ניט געקענט ניט שפּילן די פּערזענלעכע אייגנשאַפטן פונעם ראָש פון לאַנד. דער ניכטערער און רעאַליסטיש־דענקענדיקער איוואַן III, וועמען די פאָרשטייער פון דער קירך האָבן אױפגעוואָרפן, אַז ער איז גלײַכגילטיק צו אירע אינטערעסן, האָט זיך בענוגע

אויסלענדער געפירט אנדערש, איידער דער פאנאטישער איוואן IV („גראָזני"). די באַציִונג צו אויסלענדער אין מאָסקווער רוס קאָן אויך ניט באַטראַכט ווערן גראַדליניק. דאפקע אין איוואן גראָזניס צײַטן זײַנען פארבונדן געוואָרן האנדלס־באַציִונגען מיט ענגלאַנד דורך ארכאַנגעלסק; אין מאָסקווע, אויך אין זײַן צײַט, איז געבילדעט געוואָרן די ערשטע אויסלענדישע סלאָבאָדע — אף דעם טײַך יאוזע. ווי מיר וועלן ווײַטער זען, איז די באַציִונג צו ייִדן אין מאָסקווער רוס אויך ניט שטענדיק געווען איינע און די זעלבע, ווי עס ווילן זי פאָרשטעלן אייניקע היסטאָריקער.

וועלכע זײַנען די כראָנאָלאָגישע ראַמען פון דער פאָרגעשיכטע פון די ייִדן אין רוסלאַנד? עס זײַנען ניטאָ קיין כלל־קעדייעס ארום דעם, אז די פאָרגעשיכטע ענדיקט זיך מיט די צעטיילונגען פון פוילן (אָנהייבנדיק פון יאָר 1772), אין רעזולטאַט פון וועלכע גרויסע ייִדישע מאַסן פון ליטע, ווײַסרוסלאַנד, אוקראַיִנע און שפּעטער פוילן זײַנען אַרײַן אין באַשטאַנד פון רוסלאַנד און אויסגעבילדעט דאָרט דעם היפּשן ייִדישן קיבוץ. דיסקוסיאָנעל איז אָבער די פראַגע — פון ווען הייבט זיך אָן די פאָרגעשיכטע?

אייניקע היסטאָריקער — דובנאָוו, העסען, דער ייִסראָעלדיקער היסטאָריקער עטינגער אאַ. — פּרוּוון אָנהייבן די פאָרגעשיכטע פון די רוסישע ייִדן פון דער באַוועגונג פון די „זשידאָווסטוויושטשיִע" אין דער צײַט פון איוואן III (1462—1505). זיי האַלטן, אז די דאָזיקע ערעטישע באַוועגונג, וועלכע האָט אין איר צײַט געהאַט א באַדײַטנדיקע ווירקונג און פארשפרייטונג, איז געשאַפן געוואָרן דורך א קיִעווער ייִדן זכריה. מיר האָבן שוין אין אונדזער ארבעט „וועגן איינער א געשיכטלעכער רעטעניש" (זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 8, 1970) באַוויזן, אז די סאָוועטישע היסטאָריאָגראַפיע איז געקומען צו גאָר אַנדערע אויספירן אין דער דאָזיקער פראַגע, דעהײַנע — זי האַלט, אז זכריה קאָן ניט אָנגענומען ווערן פאַר א היסטאָרישער פיגור און אז די ווירקונג פון יודאַיִזם אין דער דאָזיקער באַוועגונג האָט זיך ווינציק וואָס געפילט. דעריבער וועלן מיר זיך דאָ ניט איבערכאַזערן.

אף וויפל אין מאָסקווער רוס, אין די עלטערע פעריאָדן פון איר געשיכטע, זײַנען קימאַט קיין ייִדן ניט געווען און עס גייט א רייד נאָר וועגן איינצלנע ייִדן, קאָן מען ניט ריידן וועגן געשיכטע אין אָנגענומענעם זין פון וואָרט. און דאָך האַלטן מיר, אז ידיעות וועגן די איינצלנע ייִדן אין מאָסקווער רוס זײַנען וויכטיק — פאַר דעם ייִדישן קיבוץ פון רוסלאַנד איז וויכטיק צו וויסן, ווען עס האָבן זיך אין מאָסקווער רוס באַוויזן די ערשטע ייִדן.

ערשטע ידיעות וועגן ייִדן אין מאָסקווער רוס

אין פעריאָד פון דער אַזויגערופענער „פעאָדאַלער צעברעקלונג", ווען אף דער טעריטאָריע פון דער קינפטיקער מאָסקווער רוס האָבן עקזיסטירט פילצאָליקע „אודעלנע" פירשטנטומס, זײַנען קיין ייִדן דאָרט ניט געווען. דאָך, ווי עס ווײַזן אָן די רוסישע כראָניקעס (לעטאָפּיסי), האָבן זיך אָנגעטראָפן איינצלנע ייִדן. אין דעם יאָר 1174, ווען עס איז פאָרגעקומען אין וולאַדימיר־סוזדאַלער פירשטנטום די הויף־איבערקערעניש, אין רעזולטאַט פון וועלכער עס איז דערהארגעט געוואָרן דער פירשט אנדריי באָגאָליובסקי, זײַנען פארצייכנט די נעמען פון צוויי הויפלײַט ייִדן: אמבאַל (אָדער אנבאַל) יאַסין און אָפרעם מאיזיטש. אמבאַל איז אָנגעקומען פון אָסעטיע (יאַסין הייסט — אָסעטין), ער האָט פארנומען א וויכטיקע הויף־שטעלע (קליוטשניק) און איז, צוזאַמען מיט באָגאָליובסקיס שוואָגער קוטשקאָוו, געווען איינער פון די אָנפירער אין דער הויף־איבערקערעניש. עס דערציילט זיך, אז איינער פון די הויפלײַט, וועלכער איז געבליבן טרײַ באָגאָליובסקין, האָט פאָרגעלייגט אמבאַלן, ער זאָל צודעקן דעם הוילן קערפּער פונעם דערהארגעטן פירשט, דערבײַ האָט ער אים דערמאָנט, אז ווען ער איז אָנגעקומען צום פירשט, איז ער געווען אָנגעטאָן אין טראַנטעס, און איצט איז ער אָנגעטאָן אין סאַמעט. אמבאַל האָט אויסגעפילט די באַקאָשע. אין שמועס, וועלכער איז געפירט געוואָרן וועגן דאָזיקן איניען, איז אמבאַל אָנגערופן „יערעטישטשע" און „זשידאָווין". בענעגייע דעם צווייטן, וועלכער איז פארצייכנט אין דער כראָניקע, האַלטן די רוסישע היסטאָריקער, אז דער נאָמען „אָפרעם מאיזיטש" (עפראַיִם, זון פון מוישען) איז א ייִדישער[3]. די געבראַכטע פארצייכענונגען גיבן א יעסאָד צו טראַכטן, אז אין אנדריי באָגאָליובסקיס הויף, בא וועלכן עס האָבן געדינט פארשיידענע אויסלענדער, ווי עס ווײַזט אָן די כראָניקאַלע פארצייכענונג, זײַנען געווען קאַווקאַזער ייִדן.

אונטערן יאָר 1445 לייענען מיר אַזאַ כראָניקאַלע פארצייכענונג[4]: „אין דער צײַט פון הונגער אין נאָווגאָראָד זײַנען א סך אוועקגעגאַנגען — אייניקע קיין ליטע, אַנדערע צו די דײַטשן, אַנדערע קיין פּסקאָוו, אַנדערע האָבן זיך אָפּגעגעבן פאַר ברויט צו בוסורמאַנען (טאָטערן), זשידעס און אַנדערע סאָכרים". כאָטש דער טערמין „אָפּגעבן זיך" איז ניט גאָר קלאָר, דאָך קאָן מען אורטיילן, אז צווישן נאָווגאָראָד און די ייִדן אין שכײנעסדיקע לענדער האָבן עקזיסטירט עקאָנאָמישע באַציִונגען.

דאָ איז אפּן אָרט צו דערמאָנען, אז אין דער צײַט, ווען פאַר נאָווגאָראָד איז געשטאַנען שארף די פּראָבלעם פון פּאָליטישער אָריִענטאַציע — אף מאָסקווע אָדער אף ליטע, — איז אָנגעקומען אין יאָר 1471 א דעלעגאַציע פון ליטע, אין באַשטאַנד פון וועלכער עס זײַנען געווען ייִדן הענדלער. ביידע געבראַכטע פארצייכענונגען באַווײַזן, אז נאָווגאָראָד האָט געוווּסט וועגן ליטווישע ייִדן און ליטווישע ייִדן האָבן געהאַט באַציִונגען מיט נאָווגאָראָד[5].

צו דער צײַט, וועגן וועלכער מיר ריידן, איז אין באַשטאַנד פון דער מאָסקווער רוס פארצייכנט בלויז איין שטאָט, אין וועלכער עס איז געווען א שטענדיקע ייִדישע באַפעלקערונג — דאָס איז סמאָלענסק. סמאָלענסק האָט זיך געפונען הארט בא דער גרענעץ צווישן ליטע־פוילן און מאָסקווער רוס; דאָ זײַנען געווען ייִדישע מיטניקעס. אין מעשעך פון איר אנטוויקלונג איז די שטאָט עטלעכע מאָל אריבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט: פון 1404 ביז 1514 איז זי געווען אין באַשטאַנד פונעם ליטווישן גרויס־פירשטנטום; פון 1514 ביז 1611 אין דער מאָסקווער רוס; פון 1611 ביז 1686 איז זי געווען אין פוילן; פון 1686 איז זי אָנגעשלאָסן צו רוסלאַנד. ווי עס גיבן אָן ראַבאָנישע מעקוירעס, איז אין סמאָלענסק געווען אין יאָר 1616 בא אכציק ייִדן. די שטאָט האָט געהאַט א קאָהאָל. צווישן די ייִדן זײַנען געווען פיר אָדער פינף באַלעבאַטים, אָנגעקומענע פון קראָקע. סמאָלענסק האָט זיך גערעכנט פאַר א וויכטיקער האַנדלס־שטאָט[6].

פאַרבינדונגען פון ייִדן מיט דער מאָסקווער רוס אין XVI—XV יה.

די פאַרבינדונגען פון דער מאָסקווער רוס מיט ייִדן פון שכיינעסדיקע לענדער זײַנען געווען באַזונדערס לעבהאַפטע אין דער צײַט פון דער הערשאַפט פונעם גרויספירשט איוואַן III (1462—1505), צו וועמענס צײַט עס באַציט זיך דער אָנהייב פון דער אויסבילדונג פון דער גרויס־רוסישער צענטראַליזירטער מעלוכע. מאַרקס כאַראַקטעריזירט איוואַן דעם דריטן אַלס אַ גלענצנדן דיפּלאָמאַט, וועלכער האָט פאַרשטאַנען, וויאַזוי אויסנוצן די צווישנפעלקערלעכע סיטואַציע אין די אינטערעסן פון דער רוסישער מעלוכע. איינע פון די וויכטיקע אויפגאַבעס, וועלכע איז געשטאַנען פאַר איוואַן III, איז געווען — באַפרײַען זיך פונעם טאָטערישן יאָך. די דאָזיקע אויפגאַבע איז פאַרווירקלעכט געוואָרן איינצײַטיק מיטן פאַרענדיקן די פעאָדאַלע צעבראָקלונג, ווען די „אודעלנע" פירשטנטומס זײַנען אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין באַשטאַנד פון דער מאָסקווער רוס (מ א ר ק ס און ע נ ג ע ל ס. ווערק. ב. 16, ט. 1, ז. 450).

קעדיי צו פאַרגיכערן די ענדגילטיקע באַפרײַונג, איז פאַר איוואַן III געווען וויכטיק ניט צו דערלאָזן קיין בונד צווישן ליטע און דער טאָטערישער „זאָלאָטאַיאַ אָרדאַ". צוליב דעם איז נייטיק געווען דערנעענטערן זיך מיטן קרימער כאַן מענגלי־גיריי. אין דער דאָזיקער ריכטונג האָט אין יענע יאָרן אַקטיוו געאַרבעט די דיפּלאָמאַטיע פון איוואַן III. איינער פון די פּערזאָנען, וועלכע האָבן געהאַט אַ ווירקונג אויף מענגלי־גיריי, איז געווען אַ קרימער ייִד, וועלכער האָט געלעבט אין קאַפאַ (פעאָדאָסיע) — כאָזע קאָקאָס[7].

אין יאָר 1474 האָט איוואַן III געשיקט אַ דעלעגאַציע צו מענגלי־גיריי אין שפּיץ מיטן באָיאַרין ניקיטאַ וואַסיליעוויטש בעקלעמישעוו. די דעלעגאַציע האָט געהאַט אַן אינסטרוקציע איבערצוגעבן כאָזע קאָקאָסן אַ גרוס פונעם גרויספירשט צוזאַמען מיט אַ פאַרטרויונגס־בריוו, אין וועלכן עס דערציילט זיך, אַז איסוף, קאָקאָס' שוואָגער, איז געווען באַם גרויספירשט און איבערגעגעבן אים אַ בריוו פון קאָקאָסן, אין וועלכן ער אינפאָרמירט, אַז ער פּילט אויס אַקטיוו די אויפטראָגע פונעם גרויספירשט — דערנעענטערן אים מיטן קייסער (כאַן. — ה. א.) און אויסכלאָפּאָטשען פאַר אים אַ יאַרליק; צוליב דעם האָט דער גרויספירשט געשיקט זײַן טאָלמאַטש איוואַנטשן. דער קייסער אָבער האָט איבערגעגעבן דעם גרויספירשט דורכן פּאָסאָל אַלי־באַבאַ נאָר צוזאָגן פון פרײַנטשאַפט, אָן ענדגילטיקן יאַרליק האָט ער נאָך ניט געגעבן; קעדיי צו דערליידיקן דעם איניען, שיקט דער גרויספירשט אַ פּאָסאָל צום קייסער און בעט קאָקאָסן, ער זאָל העלפן זײַנע מענטשן אַזוי ווי פריִער. בײַ פּאָזיטיווע רעזולטאַטן זאָגט ער צו קאָקאָסן זײַן גוטע באַציִונג; ער פאַרענטפערט זיך פאַר די „גרינגע" מאַטאָנעס, וועלכע ער האָט געשיקט. דעם פּאָסאָל ווערט פאַרגעלייגט איבערגעבן קאָקאָסן: אויב ער וועט דאַרפן שיקן דעם גרויספירשט אַ בריוו צוליב וועלכע־ניט־איז איניאָנים, זאָל ער ניט שרײַבן „זשידאָווסקים פּיסמאָם", נאָר אין רוסיש אָדער בוסורמעניש (טאָטעריש).

אין סאָף בריוו פאָדערט זיך פון בעקלעמישעוון, ער זאָל איבערגעבן קאָקאָסן, אַז אין כעזשבן, וועלכן ער האָט צוגעשטעלט אויף די הויצאָעס פאַר אויסקויפן די רוסישע לײַט, וועלכע זײַנען פאַרהאַלטן געוואָרן, זײַנען אָנגעוויזן ניט ריכטיקע ציפערן: ער האָט פאַר זיי אײַנגעצאָלט מאַמאַקן און זײַנע הויפלײַט ניט 4000 אַלטין, נאָר 1100; קליידער האָט ער אויך געגעבן ווינציקער, ווי ער האָט אָנגעוויזן. ניט געקוקט אויף דעם, זײַנען זיי אים דאַנקבאַר.

צום סאָף ווענדט זיך דער גרויספירשט מיט אַ באַקאָשע צו קאָקאָסן, ער זאָל נאָכקוקן, אַז די סאָכרים פונעם גרויספירשט, וועלכע קומען צו פאָרן אין קאַפאַ, זאָל מען ניט ראַבעווען.

אין יאָר 1475 שיקט איוואַן III ווײַטער אַ דעלעגאַציע צו מענגלי־גיריי אין שפּיץ מיטן באָיאַרין אַלעקסיי איוואַנאָוויטש סטאַרקאָוו. אין אַ „פּאַמיאַטקע וועגן מאַנגופּער איניען" איז אָנגעוויזן פּאָלגנדיקס. אַלעקסיי דאַרף אָנקומען אין קאַפאַ, זען זיך מיט קאָקאָסן, בעטן אים, ער זאָל צוזאַמען מיט אים גיין צום מאַנגופּער פירשט איסײַקאַ און זאָגן אים: „איך דאַרף דיר עפּעס דערמאָנען אין נאָמען פונעם גרויספירשט און דאַרף מיט דיר ריידן". סטאַרקאָוון איז איבערגעגעבן געוואָרן, ער זאָל פאַרפירן אַ שידעך צווישן דעם גרויספירשטס זון מיט פירשט איסײַקעס טאָכטער.

ביידע בריוו, וועלכע זײַנען געשריבן מיט עטלעכע יאָר פריִער פאַר דער באַפרײַונג פונעם טאָטערישן יאָך (1480), זײַנען אינטערעסאַנט אין פיל פּראָטים. ערשטנס, באַווײַזן זיי, אַז די קאָרעספּאָנדענץ צווישן דעם גרויספירשט און קאָקאָסן איז ניט געווען קיין צופעליקע, זי האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פאַרן יאָר 1474 (דער גרויספירשט בעט דאָך קאָקאָסן, „ער זאָל העלפן זײַנע מענטשן אַזוי ווי פריִער"). צווייטנס — קאָקאָס האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויפן קרימער כאַן מענגלי־גיריי, און, ווי מיר ווייסן, האָט ער אויסגעפּילט די וויכטיקע דיפּלאָמאַטישע אויפגאַבע, וועלכע איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן. דריטנס — קאָקאָס איז ניט נאָר אַ דיפּלאָמאַט, ער איז בײַ איוואַן III אַן אַגענט אויף אויסצופילן פאַרשיידענע אויפגאַבעס — אַזעלכע, ווי אויסקויפן רוסישע סאָכרים, וועלכע פלעגן אָפט פאַרהאַלטן ווערן דורך די קרימער טאָטערן. דער גרויספירשט טרויט קאָקאָסן אפילע דאַן, ווען ער כאַפּט אים בײַ צו גרויסע רעוואָכים, וועלכע יענער לאָזט איבער פאַר זיך. ער פאַרטרויט אים אפילע אַזאַ איידעלן דיפּלאָמאַטישן איניען, ווי מיטהעלפן דורכצופירן דעם שידעך פון דעם גרויספירשטס זון מיט דער טאָכטער פונעם טאָטערישן פירשט.

די קאָרעספּאָנדענץ צווישן איוואַן III מיט קאָקאָסן ווערט פאָרגעזעצט אויך נאָך דער באַפרײַונג פונעם טאָטערישן יאָך. אין יאָר 1484 גיט איבער דער פירשט וואַסיל איוואַנאָוויטש נאָזדרעוואַטי אַן אויפטראָג פונעם גרויספירשט צו קאָקאָסן, ער זאָל קויפן פאַר אים בריליאַנטן: „ער וועט באַצאָלן אַ גרויסע פרײַז, און אויסער דעם וועט ער אים זײַן דאַנקבאַר". מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין אַן אינסטרוקציע צום פּאָסאָל סעמיאָן באָריסאָוויטש, איז אָנגעוויזן: „גיב איבער קאָקאָסן אין נאָמען פונעם גרויספירשט: „אַזוי ווי דו האָסט אונדז פריִער געדינט און נאָכגעקוקט אונדזערע אינטערעסן, אַזוי זאָלסטו אונדז איצט ווײַטער דינען; און מיר, אַז גאָט וועט העלפן, וועלן דיר זײַן דאַנקבאַר"[8].

קאָקאָס איז ניט געווען דער איינציקער ייִד אין קרים, אין וועמען איוואַן III איז געווען פאַרינטערעסירט אויף צו פאַרבינדן זיך מיט דער קרימער כאַנסטווע. נאָך דער באַפרײַונג פונעם טאָטערישן יאָך האָבן זיך פאַרברייטערט די פּלענער פונעם גרויספירשט אין דער ריכטונג פון פאַרשטאַרקן די רוסלענדישע האַנדלס־פּאָזיציעס אויפן

שווארצן יאם. צוליב דעם איז נייטיק געווען צו פארבינדן זיך מיט די שווארציאמישע האנדלס־קאָלאָניעס, וועלכע זײַנען געגרינדעט געוואָרן אין אָנהייב 15־טן יאָרהונדערט דורך די איטאליענישע האנדלס־רעפּובליקן גענוע און ווענעציע.

אין יאָר 1419 איז א גענועזער ייִד סימעאָן דע גוויזאלפי געוואָרן דער פירשט פונעם טאמאנישן האלב־אינדזל, וועלכער איז געווען אונטער דער שוץ פון דער גענועזער רעפּובליק. שפּעטער, ווען נאָכן פאלן פון ביזאנץ (1453) זײַנען די טערקן געוואָרן באלעבאטים אפן שווארצן יאם, איז איינער פון סימעאָנס אייניקלעך, זאכאר (זכאריע) דע גוויזאלפי, אנטלאָפן פון טאמאן, באזעצט זיך מיט זײַנע מענטשן אפן אינדזל מאטריצע און געווארט אף הילף פון דער גענועזער רעפּובליק קעגן די טערקן. איוואן III האָט געפּרווּט אויסנוצן די שווערע לאגע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען זאכאר דע גוויזאלפי, און אײַנלאדן אים קיין מאָסקווע, ער זאָל איבערגיין דינען דעם גרויספירשט. אין יאָר 1484, אין דער אינסטרוקציע, וועלכע איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם אויבנדערמאָנטן פירשט נאָזדרעוואטי, איז אָנגעוויזן: איבערגעבן דעם ייִדן זכאריע (זאכאריִ יעווריעאנינו) אן אײַנלאדונג צו קומען צו פאָרן. „ווּעסטו זײַן בא אונדז, ווּעסטו פילן אונדזער דאנקבארקײַט; מיר ווילן, דו זאָלסט בא אונדז דינען; אויב דו ווּעסט ניט וועלן בא אונדז בלײַבן און ווּעסט וועלן אוועקפאָרן צוריק צו זיך אהיים, וועלן מיר דיך פרײַוויליק אָפּלאָזן, ניט פארהאלטן“.

אין א בריוו פון 8 יוני 1487 שרײַבט „אין לאטײַנישן שריפט“ גוויזאלפי דעם גרויספירשט: ער האָט אים שוין צוויי מאָל געשריבן וועגן דעם, אז אפן וועג צו אים האָט אים בארויבט דער וואָיעוואָדע סטעפאן און אזוי שטארק אויסגעמאטערט, אז ער האָט באשטימט אומקערן זיך אהיים. איצט איז ער ווײַטער מאסקים קומען צו פאָרן, קעדיי דינען דעם גרויספירשט, ער קאָן קומען מיט זײַן גאנצן הויזגעזינד, אָדער פריִער אליין, „מיט עטלעכע קליינע מענטשן“, — ווי דער גרויספירשט וויל; קעדיי זײַן געזיכערט, בעט ער דעם גרויספירשט, ער זאָל אים געבן א באגלייטער. אין די יאָרן 1487 און 1488 כאזערט איבער איוואן III זײַן פריִערדיקע אײַנלאדונג צו גוויזאלפי, ער זאָל קומען קיין מאָסקווע אף דינסט צו אים. אין לעצטן בריוו, וועלכער איז איבערגעשיקט געוואָרן דורכן באָיארין דמיטרי וואסיליעוויטש שעיִן, גיט דער גרויספירשט צו וויסן, אז ער האָט געבעטן דעם כאן מענגלי־גירײ, יענער זאָל געבן זאכארן צוויי באגלייטער ביז מאָסקווע; ער לייגט פאָר שעיִנען, ער זאָל פון זײַן זײַט אויך געבן א באגלייטער א טאָטער.

ניט געקוקט אף דעם, וואָס איוואן III איז געווען אזוי פארינטערעסירט אײַנצולאדן גוויזאלפין צו זיך, האָט זיך פון דעם גאָרנישט ניט באקומען. אין יאָר 1500 האָט גוויזאלפי געדינט באם כאן מענגלי־גירײ; אין זעלבן יאָר כאזערט דער גרויספירשט ווידער איבער זײַן אײַנלאדונג צו גוויזאלפין[9].

אין די יאָרן 1488—1489 זשאלעוועט זיך איוואן III אין בריוו צום פוילישן קיניג קאזימיר, אז יענעמס ייִדישע מיטניקעס האָבן אין א ריי פאלן שלעכט באהאנדלט מאָסקווער סאָכרים — גענומען בא זיי העכערע פּאָשלינעס, צוגענומען פארשיידענע זאכן פארן קיִעווער נאמעסטניק און פאר זיך[10].

אין דער „פּולער זאמלונג פון רוסישע כראָניקעס“, אונטערן יאָר 1490, איז פארשריבן, אז „יענעם ווינטער איז אָנגעקומען פון רוים קיין מאָסקווע דער ברודער פון דער גרויספירשטן סאָפיע, אנדריי פאָמיטש, און געבראכט מיט זיך צום גרויספירשט א דאָקטער „מיסטראָ לעאָן, זשידאָווין פון ווענעציע“. דעם דאָקטער האָט מען געבראכט צום גרויספירשטס קראנקן זון איוואן איוואנאָוויטש. מיסטער לעאָן האָט זיך בארימט, אז ער וועט אויסהיילן דעם קראנקן, אויב ניט — זאָל מען אים טייטן. דער קראנקער איז געשטאָרבן. דער גרויספירשט האָט פאראָרדנט, מע זאָל דעם דאָקטער אָפּהאקן דעם קאָפּ. די עקזעקוציע איז פאָרגעקומען אף באלוואנאָווקע דעם 22 אפרעל 1490[11]. מע דארף אָנווײַזן, אז פאלן פון באשטראָפן אף טויט דאָקטוירים, וועלכע האָבן ניט אויסגעהיילט הויכגעשטעלטע כאלאָיִם, זײַנען אין מיטלאלטער געווען ניט זעלטן.

אין דער צײַט פונעם רעגירן פון וואסילי III (1505—1533) איז פאָרגעזעצט געוואָרן בענעגייע די ייִדן די זעלבע ליניע, וואָס אין די צײַטן פון זײַן פאָרגייער. אין א קאָנפליקט, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1539, נאָך וואסילי דעם דריטנס טויט, צווישן פוילישן קיניג סיגיזמונד און איוואן IV (1533—1584), האָט אים סיגיזמונד אופגעוואָרפן, אז „אין די פריִערדיקע צײַטן, בא דײַנע פאָרגייער, האָבן אלע אונדזערע סאָכרים, סײַ קריסטן, סײַ ייִדן, געקאָנט פרײַ קומען אין דײַן מעלוכע קיין מאָסקווע און ארומגיין מיט סכוירע און האנדלען איבער דײַן גאנץ לאנד“[12]. דער באוווּסטער דיפּלאָמאט גערבערשטיין, וועלכער האָט באזוכט אין יענער צײַט (1517 און 1526) מאָסקווע מיטן ציל אײַנצושטעלן גוטע באציִונגען צווישן דעם גרויספירשט און דעם פוילישן קיניג, גיט איבער, אז ניט פאר יעדן סויכער איז אָפן דער ארײַנפאָר קיין מאָסקווע, אויסער ליטווינער און פאָליאקן און זייערע האנדלס־אָנגעשטעלטע; צוזאמען מיט זיי קומען אויך צו פאָרן ייִדן.

אין דער צײַט פון איוואן V האָט זיך די באציִונג צו די ייִדן געענדערט. אָפטע קאָנפליקטן פלעגן פאָרקומען צווישן מאָסקווע און פוילן. דאָס האָט פארערגערט די באציִונג צו פוילישע סאָכרים און מעמיילע אויך צו ייִדישע, וועלכע זײַנען געקומען פון פוילן.

אין יאָר 1563, ווען איוואן IV האָט פארנומען פּאָלאָצק, האָט ער, ווי עס איז באוווּסט פון היסטאָרישע קוואלן, אלע ייִדן, וועלכע האָבן ניט געוואָלט זיך שמאדן, „פאראָרדנט דערטרינקען אין טײַך דווינא“[13]. פאראן א יעדיִע, אז צוזאמען מיט די ייִדן זײַנען אויך דערטרונקען געוואָרן אָרטיקע קסיאָנדזן — בערנארדינער[14].

די מעקוירעס וועגן ייִדן אין די יאָרן פון די פויערישע אופשטאנדן און דער פוילישער אינטערווענץ (אזוי־גערופענע „סמוטנאָיע ווערעמיא“) זײַנען אזעלכע, וואָס ניט אומעטום קאָן מען זיך אף זיי פארלאָזן. אין איין מאָקער לייענען מיר, אז צווישן די אויסלענדער, וועלכע האָבן געהאָלפן דעם ערשטן סאמאָזוואניעץ (לזשע־דימיטרי I) אָטרעפּיעוון, האָבן זיך געפונען ייִדן[15]. און א צווייטער מאָקער גיט צו, אז לזשע־דימיטרי I האָט פול געמאכט די רוסישע מעלוכע מיט אנדערשגלייביקע ערעטיקער, ליטווינער, פּאָליאקן, זשידעס און אנדערע; צווישן די, וועמען לזשע־דימיטרי I האָט געהייסן אָנפאלן אף די באָיארעס און שארפן געווער, זײַנען אָנגערופן „פּאנעס, סענאטאָרן, זשידעס און אלע אויסלענדער“[16]. אין אן אנדער מאָקער, וועלכער באציט זיך צום יאָר 1613, ווען אפן צארישן טראָן האָט זיך אוועקגעזעצט דער ערשטער פון די ראָמאנאָווס, מיכאיל פיאָדאָראָוויטש, איז איבערגעגעבן, אז

דער צווייטער סאַמאָזוואַניעץ, וועלכער איז באַוווּסט אין דער געשיכטע אונטערן צונאָמען „טושינער גאַנעוו“ (זיַין עמעסער נאָמען איז נאָך ביז איצט ניט פעסטגעשטעלט), איז געווען לויטן אָפּשטאַם א ייִד („ראָדאָם זשידאָווין“). אַזוי ווי די לעצטע ידיעה איז אין ערגעץ ניט איבערגעכאַזערט, איז קיין סאָפעק ניט, אַז זי האָט ניט אונטער זיך קיין פאַקטישן יעסאָד[17].

יעדיִעס פון XVII יה.

נאָכן דורכפאַל פון דער פוילישער אינטערווענץ אין דער צייַט פון די ערשטע ראָמאַנאָווס (מיכאיל פיאָדאָראָוויטש, 1613—1645, זיַין זון אַלעקסיי מיכייַלאָוויטש, 1645—1676) איז, לויטן פּאָליאַנאָווער שאָלעם־אָפּמאַך (1634), געווען פאַרווערט די ייִדן צו פאָרן צוליב האַנדל קיין מאָסקווע און אין די שטעט הינטער מאָסקווע.

אין יאָר 1667 איז אַרויסגעגעבן געוואָרן א „נייַער האַנדל־אוסטאַוו“ (נאָוואָטאָרגאָווי אוסטאַוו), לויט וועלכן אויסלענדישע סאָכרים איז פאַרווערט געווען אַרומפאָרן איבער שטעט פון רוסלאַנד, ספּעציִעל איבער מאָסקווע. אין יעדן באַזונדערן פאַל האָט מען געדאַרפט באַקומען פון דער רוסישער רעגירונג אַן אַנטשפּרעכיקע גראַמאָטע מיט א רויטן שטעמפּל. פריִער איז געווען דער האַנדל אין די גרענעץ־שטעט. דער היסטאָריקער סאָלאָוויאָוו גיט איבער, אַז „אין דער רעגירונג פון אַלעקסיי מיכייַלאָוויטש פלעגן ייִדן באַקומען אַזעלכע גראַמאָטעס מיט א רויטן שטעמפּל; זיי פלעגן קומען קיין מאָסקווע מיט געוואַנט, פערל און אַנדערע סכוירעס, באַקומען „קאָמיסיע“ פון הויף“. וועגן כעזשבוינעס פון ייִדישע סאָכרים (פונעם בוכאָווער סויכער יודע איסייַעוו, פונעם שקלאָווער — סאַמויִל יאַקאָוולעוו) מיט קאַזנאַ פאַר פאַרשיידענע סכוירעס זיַינען פאַראַן ידיִעס אין רעג. II נומ. 1154 פאַרן יאָר 1674. וועגן דעם זעלבן שקלאָווער ייִד סאַמויִל יאַקאָוולעוו ווערט דערמאָנט, אַז אין יאָר 1672 איז ער, צוזאַמען מיט שותפים, אָפּגעפאָרן פון מאָסקווע קיין אויסלאַנד קויפן אונגערווייַן[18]. אַזוי אַרום זעען מיר, אַז אין דער פראַגע פון דערלאָזן אויסלענדישע ייִדן צום האַנדל האָט זיך דאָס אייַז א ביסל געריִרט. א ביסל — און ניט אויף לאַנג. אין יאָר 1678, אין דער צייַט פון אַלעקסיי מיכייַלאָוויטשעס יורעש פיאָדאָר אַלעקסייעוויטש (1676—1682), איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך מיט פוילן, לויט וועלכן עס איז געווען דערלויבט האַנדלען אַלעמען, „אויסער ייִדן“, אין קראָקע, וואַרשע, ווילנע — פון איין זייַט, אין מאָסקווע — פון דער צווייטער. דער זעלבער אָפּמאַך איז איבערגעכאַזערט געוואָרן אין יאָר 1686[19].

אין 1654, אין דער צייַט, ווען עס האָט רעגירט אַלעקסיי מיכייַלאָוויטש, איז פאָרגעקומען א וויכטיקע היסטאָרישע געשעעניש — אוקראַיִנע האָט זיך פאַראייניקט מיט רוסלאַנד. דאָס האָט דערפירט צו א מילכאָמע מיט פוילן, וועלכע האָט זיך פאַרענדיקט אין 1667 מיטן אַנדרוסאָווער אָפּמאַך. די מילכאָמע איז פאָרגעקומען אויף דער טעריטאָריע פון ליטע — ווייַסרוסלאַנד, א געגנט מיט א קאָמפּליצירטער נאַציאָנאַלער און רעליגיעזער סטרוקטור: פּאָליאַקן — קאַטאָליקן, ווייַסרוסן און אוקראַיִנישע קאָזאַקן — פּראַוואָסלאַוונע, און, לעסאָף, — ייִדן. די לעצטע האָבן זיך געפונען איבערהויפּט אין שטעט און שטעטלעך, פאַרנומען זיך מיט מעלאָכע און קליינהאַנדל. אין פאַרגלייַך מיט אוקראַיִנע האָט דאָ די דאָרפישע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרענדע פאַרנומען צווישן ייִדן א קלענער אָרט. אין די דאָזיקע געגנטן איז געגאַנגען א לאַנגיאָריקער קאַמף צווישן די שטאָטישע מעשטשאַנעס און די ייִדן — א קאַמף, וועלכער, בא געוויסע סיטואַציעס, האָט אָנגענומען גאַנץ שאַרפע פאָרמען. די שטאָטישע מעשטשאַנעס פלעגן זיך אָפט ווענדן צו דער פוילישער מאַכט, זי זאָל זיי באַשיצן פון ייִדישער קאָנקורענץ; עס פלעגן צוגעטראַכט ווערן פאַרשיידענע בילבולים, קעדיי באַגרענעצן די ייִדן אָדער אינגאַנצן פּאָטער ווערן פון זיי.

אין דער צייַט פון דער רוסיש־פוילישער מילכאָמע (1654—1667), ווען וויטעבסק איז פאַרנומען געוואָרן דורך רוסיש מיליטער, האָט דער וואָיעוואָדע וואַסילי שערעמעטיעוו פאַראָרדנט איזאָלירן די ייִדן און די פוילישע שליאַכטע און אַרויספירן זיי קיין נאָווגאָראָד. נאָכן אַרומפאָרן איבער פאַרשיידענע שטעט פון רוסלאַנד האָט מען זיי ענדגילטיק פאַרהאַלטן אין קאַזאַן, ווו זיי האָבן זיך געפונען ביזן שאָלעם־אָפּמאַך (1667, רעג. I, 961). פאַר די מענטשן, וועלכע מע שיקט אַרויס אין צייַט פון מילכאָמע, איז באַשטימט געוואָרן איין און דער זעלבער „צאַרישער געהאַלט“, „סייַ פאַר ליטווישע מענטשן און סייַ פאַר ייִדן“ (רעג. I, 957). אַגעוו, פונעם לעצטן דאָקומענט איז קאָנטיק, אַז „ליטווישע מענטשן און ייִדן“ זיַינען פאַרהאַלטן געוואָרן אין קאַלוגע און אין בריאַנסק און פון דאָרט האָט מען זיי אָפּגעשיקט קיין ניזשני־נאָווגאָראָד.

א טראַגישע לאַגע האָט זיך געשאַפן פאַר די ייִדן אין מאָהילעוו (אויפן דניעפּער). נאָך אין יאָר 1585 האָט דער פוילישער קיניג, פאַרופנדיק זיך אויף באַקאָשעס פון די מעשטשאַנעס, אַרויסגעגעבן א „ליסט“, לויט וועלכן ייִדן זאָלן זיך מער אין מאָהילעוו ניט געפינען (רעג. I, 655). ניט געקוקט אויף דעם, האָבן ייִדן אין מאָהילעוו פאָרגעזעצט זיך צו באַזעצן. אין יאָר 1645 האָבן מאָהילעווער ייִדן אָנגעגעבן דעם ליטווישן העטמאַן ראַדזיוויל אַן אָנקלאָגע אויף דעם מאָהילעווער בורמיסטער רעבראָוויטש, אַז ער רייַסט זיך אַרייַן אין הייַזער, אָרגאַניזירט קעגן ייִדן פּאָגראָמען. די אָנקלאָגעס האָבן קיין רעזולטאַט ניט געגעבן. אין 1654 האָט אַלעקסיי מיכייַלאָוויטש פאַראָרדנט אויספילן די פריִערדיקע פאַראָרדענונג פון דער פוילישער מאַכט און אַרויסשיקן אַלע ייִדן פון מאָהילעוו (רעג I, 954, 955). די אָרטיקע מיליטערישע מאַכט האָט ניט אויסגעפילט די פאַראָרדענונג, און ייִדן זיַינען נאָך פאַרבליבן אין שטאָט. ווען צו מאָהילעוו האָט אין 1655 זיך דערנענטערט דאָס פוילישע מיליטער, האָט דער אָרטיקער מיליטערישער אָנפירער פּאָלקאָווניק פּאָקלאָנסקי, ניט פאַרופנדיק זיך אויף העכערע אינסטאַנצן, אונטערן אויסרייד, אַז „אין צייַט פון באַלאַגערונג דאַרפן זיַין אין שטאָט וואָס ווינציקער מענטשן“, אַרויסגעפירט מיט געוואַלד די ייִדן הינטערן שטאָט, אַליין מיט מיליטער געקומען צום באַשטימטן פונקט און אויסגעהאַרגעט די ייִדן, וועלכע האָבן זיך דאָרטן געפונען.

די רוסיש־פוילישע מילכאָמע האָט זיך פאַרענדיקט מיטן אַנדרוסאָווער שאָלעם־אָפּמאַך (1667), לויט וועלכן די לינקבערגיקע אוקראַיִנע (טשערניגאָווטשינע, פּאָלטאַווטשינע און די שטאָט קיִעוו) איז אַריבער צו מאָסקווע, די רעכטבערגיקע (וואָלינשטשינע, פּאָדאָלשטשינע, קיִעווטשינע אָן קיִעוו) איז פאַרבליבן בא פוילן, בא איר זיַינען אויך פאַרבליבן ליטע און ווייַסרוסלאַנד. די פונקטן, וועלכע האָבן א שייַכעס צו ייִדן, זיַינען ענלעך צו די אַנטשפּרעכיקע פונקטן

פון פּאָלֿיאַנאָווער אָפּמאַך (1634), וועלֿכער איז געשלֿאָסן געוואָרן נאָך אין דער צײַט פון דער רעגירונג פון מיכאיִלֿ פיאָדאָראָוויטש צווישן מאָסקווע און פוילן. אין 1634 האָט מיכאיִלֿ פיאָדאָראָוויטש פאַראָרדנט, אַז די געפאַנגענע — לֿיטווינער, דײַטשן, ייִדן, טאָטערן, אוקראַיִנער — קאָנען פאָרן צו זיך אַהיים, אויב זיי ווילן; אויב זיי ווילן בלֿײַבן אין רוסלֿאַנד, קאָנען זיי בלֿײַבן[20]; די דאָזיקע באַציִונג צו געפאַנגענע אָן אונטערשייד פון נאַציִאָנאַלֿיטעט איז פאַרוואַנדלֿט געוואָרן אין אַ פּרעצעדענט פאַרן אַנדרוסאָווער אָפּמאַך. אין פּונקט 11 פון דעם דאָזיקן אָפּמאַך איז אָנגעוויזן, אַז אויך די געפאַנגענע ייִדן, וועלֿכע האָבן זיך ניט געשמאַדט, קאָנען צוזאַמען מיט זייערע ווײַבער און קינדער און מיט זייער גאַנצן פאַרמעגן אומקערן זיך קיין פוילן; אויב זיי ווילן פרײַוויליק בלֿײַבן אין רוסלֿאַנד, קאָנען זיי בלֿײַבן. אויך „פּרויען פון פוילישן און לֿיטווישן פאָלֿק און ייִדישע, וועלֿכע האָבן כאַסענע געהאַט מיט רוסישע מאַנען, קאָנען בלֿײַבן בײַ די מאַנען דאָ אין לֿאַנד“[21].

מיטן פאַרייניקן אַ טייל פון אוקראַיִנע מיט מאָסקווע האָט זיך פאַר דער לֿעצטער געשטעלֿט אַ נײַע אויפגאַבע, מיט וועלֿכער זי איז פריִער ניט געווען באַשעפטיקט. ביזן אַנדרוסאָווער אָפּמאַך האָט מאָסקווע געהאַט צו טאָן אָדער מיט איינצלֿנע ייִדן, אָדער מיט ייִדן הענדלֿער, וועלֿכע האָבן געלֿעבט אין אַן אַנדער לֿאַנד. נאָכן שלֿיסן דעם דאָזיקן אָפּמאַך, לֿויט וועלֿכן די ייִדן פון דער לֿינקבּרעגיקער אוקראַיִנע זײַנען געוואָרן אונטערטאַנען פון רוסלֿאַנד, האָט זיך שוין געמוזט אויסאַרבעטן בענעגייע די ייִדישע אונטערטאַנען אַ באַשטימטע לֿיניע.

ערשטע ייִדן אין מאָסקווע

ביסלֿעכווײַז האָבן ייִדן אָנגעהויבן זיך באַזעצן אין מאָסקווע.

אין רעג. I, 1060 איז איבערגעגעבן, אַז דער פוילישער קיניג יאַן קאַזימיר האָט דערלֿויבט (1667, 28 מײַ) איבערגעבן אַף אייביק צו אַ קלֿויסטער אין וויטעבסק אַ הויז און אַ פּלֿאַץ, וועלֿכע האָבן געהערט צו אַ ייִדן מאָרדכע („יעווריי מאַרדוכאַי“), וועלֿכער איז געשטאָרבן אין מאָסקווע. דער דאָזיקער דאָקומענט באַווײַזט: 1) אַז אין מאָסקווע האָבן זיך אין יענער צײַט געפונען ייִדן, וועלֿכע האָבן פאַרמאָגט אייגענע הײַזער און פּלֿעצער; 2) אַז דער ייִד מאָרדכע האָט געשטאַמט פון וויטעבסק און איז געשטאָרבן אָן יאָרשים; מיט דעם קאָן מען דערקלֿערן, וואָס זײַן הויז און דער פּלֿאַץ זײַנען איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ וויטעבסקער קלֿויסטער. ס'איז פאַראַן, אַגעוו, אַ יעסאַד צו טראַכטן, אַז אַף וויפל לֿויט ביידע אָפּמאַכן פון מאָסקווע מיט פוילן — דעם פּאָלֿיאַנאָווער און דעם אַנדרוסאָווער אָפּמאַך — איז געגעבן געוואָרן אַ מעגלֿעכקײַט פאַר געפאַנגענע פון אַלֿע נאַציִאָנאַלֿיטעטן צו פאַרבלֿײַבן ווו זיי ווילן, זײַנען איינִיקע ייִדן פאַרבלֿיבן אין די „איננווייניקסטע“ רוסישע געגנטן.

העסען פאַרופט זיך אַף אַ דאָקומענט פון 1659, אין וועלֿכן עס זײַנען אָנגערופן איינִיקע ייִדן, וועלֿכע האָבן געלֿעבט אין מאָסקווע. עס ווערן אָנגערופן: מאַרקאַ מיט זײַן פרוי (געהאַנדלֿט מיט אַלֿטוואַרג); אָספּאַ מיט זײַן פרוי און זון (געווען פאַרנומען מיט שוואַרצאַרבעט); יאַקובקאַ איזראַיִלֿעוו (געלֿעבט פון דעם, וואָס ער האָט געבאַקן ברויט צו פאַרקויפן); מאַסקאַ מאַרקאָ (געהאַנדלֿט מיט פלֿייש). ס'איז קלֿאָר, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט איבערגעאַנדערשטע ייִדישע נעמען: מאַרקאָ — מאָרדכע, אָספּאַ — יויסעף, יאַקובקאַ — יאַנקעוו. אין דעם געבראַכטן דאָקומענט, און אויך אין אַנדערע, איז לֿעבן איינִיקע אָפּגעצייכנט — „ייִד“ (יעווריי), „ייִדישער אָפּשטאַם“. די געפאַנגענע, וועלֿכע זײַנען געוואָרן באַפרײַט אַפן סמך פונעם אָפּמאַך פון 1667, האָבן זיך באַזעצט אין מאָסקווע מיטן וויסן פון דער העכערער מאַכט. איינִיקע פון זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט האַנדלֿ. די דאָזיקע הענדלֿער, לֿויט העסענס מיטיילֿונג, האָבן געוווינט אין דער מעשטשאַנישער סלֿאָבאָדע, וועלֿכע איז דורך זיי אויסגעבילֿדעט געוואָרן. איינע האָבן געלֿעבט אין אייגענע הײַזער, אַנדערע — אין געדונגענע. די מעשטשאַנעס, וועלֿכע זײַנען רײַך געוואָרן, פלֿעגן אַריבערגיין אין סאָכרישן שטאַנד. אַזויווי די נעמען זײַנען בײַ זיי ניט אומעטום ייִדישע און זייער גלֿויבן איז ניט אַלֿעמאָלֿ אָנגעוויזן, קאָן מען ניט שטענדיק זאָגן, מיט וועמען מע האָט צו טאָן — מיט ייִדן אָדער ניט־ייִדן, מיט געשמאַדטע אָדער ניט־געשמאַדטע[22].

וועגן דעם, אַז אין מאָסקווע האָבן זיך באַזעצט ייִדן אין די דאָזיקע יאָרן, גיט איבער דער הויף־דאָקטער בײַם צאַר אַלֿעקסיי מיכײַלֿאָוויטש, קאָללֿינס, אין זײַן בוך „איצטיקער צושטאַנד פון רוסלֿאַנד“: „פון ניט לֿאַנג אָן זײַנען געוואָרן פיל ייִדן אין שטאָט און בײַם הויף; זיי איז מעקאַרעוו אַ דאָקטער אַ ייִד (מע האַלֿט אים פאַר אַ געשמאַדטן, וועלֿכער האָט אָנגענומען דאָס לֿיוטעראַנישע גלֿויבן)“[23].

ווער זשע איז דער דאָקטער, וועמען קאָללֿינס רופט ניט אָן בײַם נאָמען? דאָס איז דאַניִעלֿ פאָן־גאַדען (אין רוסישע דאָקומענטן איז ער אָנגערופן פונגאַדאַנאָוו). ווי עס איז קאָנטיק פון זײַן אויטאָביִאָגראַפיע, איז זײַן פאָטער געווען אַ דאָקטער, אַן איטאַלֿיענישער ייִד. דאַניִעלֿ פאָן־גאַדען איז געהאַרגעט געוואָרן אין צײַט פון בונט פון די שיסער (סטרעלֿעצקי בונט, 1682). מע האָט אים באַשולֿדיקט, אַז ער האָט קלֿוימערשט פאַרסאַמט דעם צאַר פיאָדאָר אַלֿעקסייעוויטש; צוזאַמען מיט אים איז געהאַרגעט געוואָרן זײַן זון מיכאיִלֿ (זײַן ייִדישער נאָמען איז געווען צווי־הירש), וועלֿכער האָט זיך גערעכנט צווישן די הויפלֿײַט. נאָכן זון איז געבלֿיבן אין פוילן אַן אַלֿמאָנע, זײַן ייִדישע פרוי. קעדיי זי זאָלֿ מעגן כאַסענע האָבן, האָט מען געדאַרפט פעסטשטעלֿן דעם טויט פון צווי־הירש. פון די איידעס, וועלֿכע מע האָט צולֿיב דעם צונויפגערופן, דערוויסן מיר זיך, אַז אין מאָסקווע זײַנען אין יענער צײַט געווען ייִדן, וועלֿכע האָבן אין די דאָקומענטן גערופן זיך אָנסים[24]. וועגן זייער עקזיסטענץ האָט געוווּסט דער צאַר, און ער האָט געגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז איינִיקע פון די אַנוסים זאָלֿן באַגראָבן דאַניִעלֿן און זײַן זון. די דאָזיקע געשיכטע איז באַשריבן אין אַ בוך פון ראַבאָנישע שײַלֿעס־אוטשוּוועס:

„בכן בין איך געגאַן עם שארי אונסים דען עש איז אין ציווי גיוועזן מהקיסר זאָלֿ זיין הורג בהאלֿטין. וכן בין איך געגאַן עם שארי אונסים אונ' האבין גינומען דניאלֿ (גדן) גאַר צר האַקט אויף שטיקלֿ אונ' ער איז גאַנץ גיוועזן רק איין פוס איז אפ' גיהאַקט וגם איין יד. וגם דורך גישלֿאַגין מיט איין קאַפּי'הא [שפּיז] אונ' איין האַק איבערן קאָפּ. בכן האבין מיר זיא גנומן אונ' האבין מקבר גיוועזין דהיינו איך עצמי עם שארי אונסים אין פעלֿד דניאלֿ ובנו צבי ה"נלֿ"[25].

מיט אַנוסים וועט אונדז נאָך אויסקומען באַגעגענען זיך.

אנמערקונגען

1 יאנא באריסאוויטש בערכין — היסטאָריקער, געשטאָרבן אין עלטער פון 24 יאָר. פּובליקירט אין די יאָרן 1883—1884 א ריי ארבעטן איבער געשיכטע פון יידן אין מאָסקווער און קיִעווער רוס; זע „יעווריי־סקאיא ענציקלאָפּעדיִא", ב. 4, ז. 339.

2 זע מ. נ. פּאָקראָווסקי — רוסישע געשיכטע פון די עלטסטע צייטן (אין רוסיש), ב. 1, זז. 127, 147, 148, 149.

3 „רעגעסטן און נאָדפּיסי" — מאַטעריאַלן צו געשיכטע פון יידן אין רוסלאַנד. ב. I, נומ. 173, 174; ווייטער — רעג. פּגל. סאָלאָוויאָוו — געשיכטע פון רוסלאַנד (אין רוסיש), ב. II, ז. 255; קאָסטאָמאַראָוו — רוסישע געשיכטע אין לעבנס־באַשרייבונגען פון אירע וויכטיקסטע טוער (אין רוסיש), ב. I, קאַפּ. 5.

4 רעג. I, נומ. 188.

5 זע ה. אלעקסאנדראָוו — „וועגן איינער א היסטאָרישער רעטעניש", „סאָוו. היימל." 1970. נומ. 8, ז. 136.

6 בענציִען קאַץ — צו דער געשיכטע פון יידן אין רוסלאַנד, פּוילן און ליטע (אין העברעיש). בערלין, 1899, ז. 56.

7 פון דעם נאָמען איז קאַנטיק, אז כאָזע קאַקאַס האָט געהערט צו די איינגעוואָרצלטע קרימער יידן, וועלכע הייסן קרימטשאַקעס. אין קאַפאַ (פעאָדאָסיע) איז אין יענער צייט געווען א היפּשע צאָל יידן. יאָהאַן שילטבערגער, א רייזנדער פונעם XV יה., גיט איבער אין זיין בוך „א רייזע איבער אייראָפּע, אזיע און אפריקע": „אין קאַפאַ זיינען פאַראַן צוויי גרופּעס יידן, וועלכע האָבן צוויי סינאַגאָגעס אין שטאָט און 4000 הייזער אין פאָרשטאָט". מע קאָן רעכענען, אז די אָנגעגעבענע בא שילטבערגערן צאָל יידישע הייזער איז איבערגעטריבן. אלנפאַלס, אין קאַפאַ איז געווען א היפּשע צאָל יידן. זיי האָבן געהערט צו צוויי גרופּעס — קרימטשאַקעס און קאַראַימער (זע רעג. I, נומ. 185).

8 די קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע איז פאַרבונדן מיט קאַקאַסן — זע רעג. I, נומ. 193, 194, 195, 197; זאמלבוך פון רוסישער היסטאָרישער געזעלשאַפט (אין רוסיש), ב. 61.

9 די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע איז פאַרבונדן מיט זאַכאַר דע גוויזאָלפי, זע רעג. I, נומ. 195, 198, 199, 204, 218.

10 צווישן די יידישע מיטניקעס, וועלכע עס באַשולדיקט איוואַן III, זיינען פאַראַן אויך יידן פון סמאָלענסק. אף די באַשולדיקונגען האָט דער פּוילישער קיניג געענטפערט, אז לויט די ידיעות, וועלכע ער האָט באַקומען פון די מינסקער און סמאָלענסקער מיטניקעס, פּירן די סאָכרים פונעם גרויספירשט זייערע סכוירעס מיט אנדערע וועגן, קעדיי אויסמיידן פּאָשלינעס; די מיטניקעס רעכענען זיך מיט אזוינע אָפּ. — רעג. I, נומ. 200, 203, 208; זאמלבוך פון רוסישער היסטאָרישער געזעלשאַפט, ב. 35.

11 רעג. I, נומ. 205, 207. פאַראַן א יעסאָד צו רעכענען, אז „דאָקטער מיסטרא לעאָן" איז דער ערשטער ייִד, וועלכער איז אָנגעקומען קיין מאָסקווע אין יאָר 1490.

12 רעג. I, נומ. 470; אין יאָר 1550 האָט איוואַן IV פאַרווערט יידן צו פאָרן אין רוסלאַנד צוליב האַנדל. פּגל. העסען „געשיכטע פון יידן אין רוסלאַנד" (רוסיש), ז. 6. ווייטער — העסען.

13 „וויטעבסקאיא סטאַרינאַ", ב. 4, ז. 232; רעג. I, נומ. 530.

14 העסען — ז. 8.

15 „רוסקאיא איסטאָריטשעסקאיא ביבליאָטעקאַ" — ב. XIII, זע רעג. I, נומ. 728, 729, 744.

16 רעג. I, נומ. 744.

17 מ. נ. פּאָקראָווסקי, פּאַרופנדיק זיך אף א היסטאָרישן מאָקער, וועלכער באַציט זיך צו דער צייט פון „טושינער גאַנעוו", ווייזט אָן, אז דער ריכטיקער נאָמען פון דעם לעצטן איז געווען „מאַטיושקא ווערעאָווקין, א זון פון א גאַלעך" („רוסישע געשיכטע פון די עלטסטע צייטן", ב. II, ז. 300); רעג. I, נומ. 743.

18 „יעווריייסקאיא ענציקלאָפּעדיִא", ב. XI, ז. 331.

19 העסען — ז. 13.

20 רעג. I, נומ. 805; אקטן פון ארכעאָגראַפישער עקספּעדיציע (אין רוסיש), ב. III, ז. 389.

21 רעג. I, נומ. 1055.

22 העסען — ז. 10. מע קאָן רעכענען, אז ניט צופעליק פּאַלט צונויף דאָס באַזעצן זיך פון יידן אין מאָסקווע מיטן באַזעצן זיך פון אויסלענדער אין די אזוינגערופענע „אויסלענדישע סלאָבאָדעס". ווי עס איז אָנגעוויזן אין דער „גרויסער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע" (ב. 18, צווייטע אויפלאַגע, ז. 172—173), זיינען אין די פופציקער יאָרן פון XVII יאָרהונדערט געווען זיבן „אויסלענדישע סלאָבאָדעס", אין וועלכע עס האָבן געלעבט גריכן, פּאָליאַקן אא.

23 רעג. I, נומ. 1052.

24 העסען — ז. 14. העסען גיט אָן, אז אין די דאָקומענטן איז פעלערהאַפט פאַרשריבן אין רוסיש „אָנסים". מע קאָן צוגעבן, אז אין דעם יידיש־העברעיִשן טעקסט, וועלכן מיר ברענגען ווייטער, איז אויך פעלערהאַפט פאַרשריבן „אונסים". ריכטיק איז, פאַרשטייט זיך, „אנוסים".

25 „שיִלעס־אוטשוועס" פון זיסקינד רוטנבורג; ציטירט לויט עטינגערן. (זע זיין ארבעט אין זשורנאַל „ציון", 1953, נומ. ג.־ד. — „מאָסקווער רוס אין איר באַציונג צו יידן").

(פאָרזעצונג קומט)

וולאַדימיר אַגניעוו

ליטעראַטור און קינאָ

די „צענטע מוזע“ — מיט אזא נאָמען האָט מען באקרוינט די קינעמאטאָגראַפיע. ניט מעלפּאָמענע, ניט יעווטערפּאָ און ניט קיין אנדער נאָמען האָט מען איר געגעבן, נאָר א נומער — „די צענטע“, און א סאָף... עס לאָזט זיך דאָ פילן דער יאָרהונדערט פון פיזיקער, די ליבע צו פּינקטלעכקייט. קינאָ איז מערער ווי וועלכע־עס־איז אנדער מין קונסט א לייבלעך קינד פון דער טעכניק. נעמט, אשטייגער, די ליטעראַטור. דאָס ארבעט־געצייג איז באשטאנען פון א גענדזענעם פעדער צי פון א פעדער פון אן אנדער מין פויגל. מע האָט געקאָנט זיך דורכלעבן אין א נאטורעלער ווירטשאפט: פליק אָפּ א גאנדז און שרייב זיך א סאָנעט, אן עלעגיע, א בריוו דעם שאַכן אָדער א ווידמונג דער געליבטער... אָבער קינעמאטאָגראַף? דאָ דארף מען קינאָ־טאשמעס, מע דארף זיי היטן אין אן עלעקטרישן אייז־קעלטער (ווען מע האָט אין א מידבער געמאכט דעם פּוילישן פילם „פאַראַאָן“, זיינען צעשמאָלצן געוואָרן טויזנטער מעטער קינאָ־טאשמעס), מע דארף רעמאָנטירן די קינאָ־קאַמערעס, בויען כימישע לאַבאָראַטאָריעס, צוגרייטן קינאָ־טעכניקער, זיך אויסלערנען מאָנטירן די קאַדרען, מאכן דעקאָראַציעס. כוץ אלעמען, דארף מען נאָך דערצו זיין אי א פּסיכאָלאָג, אי א בוכהאלטער, אי א יוריסט, אי א פּלאַנאָוויק. און דאָס איז נאָך אויך ניט אלץ. מע דארף פארמאָגן טאלאנט אָפּ צופּאסן זיך צום כאראקטער פון א קינפּטיקן קינאָ־שטערן, נאָך שרעקלעכער איז — צו א געוועזענעם! מע קאָן פון זינען אראָפּ!.. נאָר די „צענטע מוזע“ לעבט און בליט, זי איז געוואָרן דער ליבלינג פון מיליאָנען מענטשן, ווי פוטבאָל צי די קאָרידע אין שפּאניע. מע מוז זיך רעכענען מיט איר.

און מע רעכנט זיך. עס באדינט זי די ליטעראַטור. זעט נאָר, סארא מאסע באוווסטע ראָמאנען די קינעמאטאָגראַפיע האָט עס איבערגעהאלטן אין אירע הענט! אין אלע עקן וועלט שניידט מען צו, מע מעסט אָפּ קילאָמעטערס סוזשעטן פון דער וועלט־ליטעראַטור — אָנגעהויבן פון „אָדיסייע“ און דעם „קייסער עדיפּ“ און געענדיקט מיט דעם „שטילן דאָן“ און סארטרס ראָמאנען. איז דאָס גוט צי שלעכט? ווי זאָל איך אייך זאָגן? אז עס באקומט זיך גוט — איז אוואדע גוט, אָבער אז ס׳באקומט זיך שלעכט, — איז בעסער וואָלט מען זיך שוין אינגאנצן פאר דעם איניען ניט גענומען. אזוי און נאָר אזוי קאָן, לויט מיין מיינונג, פארענטפערט ווערן די פראגע וועגן דער רעכט אָפּ עקראניזאציע. אָפּהענגיק פונעם קינסטלערישן רעזולטאט. עס קאָן זיין, אז עמעצער פון די קינאָ־טעאָרעטיקער וועט זיך באליידיקן אָפּ מיר. מע זאָגט, אז די „וויסנשאפט“ באטראכט די דאָזיקע פּראָבלעם ניט אזוי איינפאך. מע טיינעט, אז די קינעמאטאָגראַפיע בארויבט, אזוי צו זאָגן, די ליטעראַטור, אז זי לעבט מיט אירע זאפטן, ווי די ליאַנע אפן בוים. מע טיינעט אויך, אז די סצענישע פארקערפּערונג און דאָס וואָרט זיינען לויט זייער כאראקטער אָפּ אזויפיל ניט ענלעך, אז ס׳איז אן אומנוצלעכע זאך צו עקראניזירן ליטעראַרישע ווערק: אלציינס ווערט עס, קלוימערשט, פּראָפאנירט, עס פארבלייבט א הוילער סוזשעט, אן אינפאָרמאציע. די נעשאָמע אָבער, דער געדאנק, די פּסיכאָלאָגיע אדג. גייען פארלאָרן.

דאָס איז אָבער ווייט ניט אזוי. מיר האָבן אזעלכע קינאָ־ווערק, וואָס פארמאָגן סיי הארץ, סיי פּסיכאָלאָגיע, סיי אינהאלט, סיי פילאָסאָפיע אפילע א סאך מערער, איידער פיל ליטעראַרישע ווערק. איך וועל דאָ דערמאָנען אזעלכע נעמען, ווי קוראָסאווו, בוניועלי, פעליני, בערגמאן, אנטאָניאָני, וואָס זיינען פּאָפּולער בא אונדזער קינאָ־צושויער. און אויך אזעלכע סאָוועטישע קינאָ־מייסטערס, ווי טארקאָווסקי, טשוכריי, באָנדארטשוק, ראָם, טאלאנקין, געראסימאָוו, זשאלאקיאוויטשיוס. צי אנטפּלעקן דען ניט זייערע פילמען די סאמע טיפסטע קאָנפליקטן פון דער היינטצייטיקער וועלט און די סאמע ראפינירטע און אינטימע געפילן פון די העלדן? געוויס אנטפּלעקן זיי דאָס, און אפילע ניט אָנשפּארנדיק זיך אָפּ קיינע ליטעראַרישע אורקוואלן.

קינאָ ווערט א מעכטיקער קאָנקורענט פון דער ליטעראַטור אינעם שילדערן און אינעם אויסטייטשן דאָס לעבן. אפילע די, וואָס האָבן ניט איבעריקס ליב לייענען ביכער, גייען קוקן קינאָ. דאָרטן זעען זיי ניט בלויז קיין פאָרשטעלונג, דאָרט באהעפטן זיי זיך ביסלעכווייז צו דער קונסט, הייבן אָן צו באהערשן די נייע פאר זיי שפּראך פון קינסטלערישן געשטאלט. אָט אזוי הייבט אָן די קינעמאטאָגראַפיע, בא איר וועזנטלעכן אונטערשייד פון די אנדערע, מער על־

טערע מינים קונסט, שפּילן אָן אָנגעזעענע ראָליע אין דער עסטעטישער דערציִונג פונעם מענטשן. טאקע פון די קינאָ־פילמען דערוויסט זיך דער ברייטער אוילעם מעלאָדיעס פון לידער, דערשפירט די שיינקײַט פון פּייזאזש, באקומט וויכטיקע קולטור־ידיִעס וועגן פארשיידענע לענדער און פארשיידענע געביטן פון דער וויסנשאפט אדג. קינאָ איז דער סאמע דעמאָקראטישער קונסט־געביט.

נאָר לאָמיר א קוק טאָן, וויאַזוי די ליטעראטור נעמט לעבן אפן עקראן. לויט דער דערפארונג פון דער קינעמאטאָגראפיע איבערצײַגן מיר זיך, ווי קאָמפּליצירט עס איז איבערצודיכטן דאָס קינסטלערישע ווערק אף דער שפּראך פון קינאָ. די גרעסטע שטערונג איז דערבײַ דער פאקטאָר פון צײַט. די עקראן־צײַט איז אָנדערהאלבן שאָ. פארשטייט זיך, עס קאָנען זײַן צוויי און אפילע פינף סעריעס. דער צושויער ווערט אָבער פון דעם מיד, נאָר ער וויל זיך ניט אײַנמידן, ער וויל האָבן פארגעניגן. אויסער דעם, פארמאָגט ניט יעדערער קיין פרײַע צײַט. אויב ער לייענט ניט קיין ראָמאנען, קעדיי אײַנשפּאָרן צײַט, צוליב וואָס זשע זאָל ער פאטערן זעקס־אכט שאָ אף אָפּזיצן אין א טונקעלן זאל...

נאָר די עקראנישע צײַט, אפילע בא איר קורצוויײַליקײַט, שיידט זיך אונטער פון דער סוזשעט־צײַט אינעם ליטעראַרישן ווערק אויך מיט דעם, וואָס זי איז מערער געפּרעסט. אין קינאָ טראָגן מיר זיך לײַכט אריבער אין פארשיידענע צײַטן, אינאיינעם מיט די העלדן באווײַזן מיר צו זײַן אין פארשיידענע ערטער, דערזען זייער אָנשוילעך אי דאָס ווײַטע, אי דאָס נאָענטע. נאטירלעך, די אינערלעכע ריִע, אונדזער פאנטאזיע דערלויבן אונדז צו פארווירקלעכן אזעלכע רײַזעס אויך בייסן לייענען א בוך. אָבער די קראפט פון קינאָ באשטייט אין דער אָנשוילעכקײַט פון דעם, וואָס עס קומט פאָר, און עס פאָדערט זיך ניט קיין באזונדערע פאנטאזיע, ווי באם לייענען. בעסער איז איין מאָל זען, איידער צען מאָל זיך פאָרשטעלן.

צוליב דעם, וואָס עס פעלט זיך ניט צונויף די צײַט, צוליב דער ספּעציפישער באדינגלעכקײַט פון דער קינאָ־צײַט זײַנען מיר געצווונגען צו פארקירצן דעם אינהאלט פונעם ראָמאן אָדער דערציילונג באם איבערדיכטן דעם ליטעראַרישן מאטעריאל פאר א קינאָ־סצענאַרי. די דורכשניטלעכע גרייס פון א סצענאַרי באטרעפט ניט מערער ווי 60—90 זײַטלעך, אָפּגעדרוקטע אף א שרײַב־מאשינקע. באם קירצן א ליטעראַריש ווערק פאלט א סאך ארויס. אָבער דאָס, וואָס עס פארבלײַבט, דארף זײַן אָנגעזעטיקט מיט דעם וויכטיקסטן פון דער פאבולע. די העלדן דארפן פארבלײַבן פולבלוטיקע, מיט זייערע כאראקטערס. מיט איין וואָרט, ס׳איז ניט פון די גרינגע זאכן — די עקראניזאציע.

ווען מיר קוקן, אשטייגער, דעם קינאָ־פילם „האמלעט“, וועלכן עס האָט געשטעלט דער רעזשיסער גריגאָרי קאָזינצעוו, איז כאָטש מיר ווייסן שעקספּירס טראגעדיע, וווּנדערן מיר זיך ניט, וואָס א סאך איז פארבליבן אויסער דער קינאָ־לענטע. מיר באווונדערן א צווייטע זאך: ס׳איז פארבליבן קימאט אלץ. אָט דער „קימאט“ איז א באווײַז, אז די עקראניזאציע איז געלונגען, ווײַל כאָטש פארבליבן איז ווייניק, נאָר די פארלוסטן פילן זיך קימאט ניט. עס האָט זיך באקומען א פארגאנצט קונסט־ווערק. דער געדאנק, די אייגנארטיקע אופאסונג פון דער ווירקלעכקײַט — אָט וואָס עס פארורזאכט, ווי עס באהויפּט ל. טאָלסטאָי, — די פארגאנצטקײַט פונעם ווערק. אינעם פילם „האמלעט“ איז פאראן אָט דער געדאנק: „פארן עמעס דארף מען קעמפן“. איר קאָנט זאָגן, אז דער דאָזיקער געדאנק איז אויך געווען בא שעקספּירן. ריכטיק. אָבער בא שעקספּירן זײַנען געווען אויך א סאך אנדערע געדאנקען, און דער רעזשיסער האָט אויסגעקליבן גראָד יענעם געדאנק אלס צענטער פונעם גאנצן פילם.

ניט ווילנדיק שווימט אוף די פראגע: אויב די קינאָ קלײַבט אויס פון אלע געדאנקען בלויז איין געדאנק, זאָל אפילע זײַן א נייטיקן, צי פארארעמט זי ניט מיט דעם די ליטעראַטור? אין קונסט איז אָבער ניטאָ קיין איינפאכע פארהעלטעניש: געדאנק — געשטאלט. די „אנדערע“ געדאנקען ווערן אין קינאָ אויך פארהיט, אָבער אין הינטערגרונט. אויב דו וועסט זיך פרווון פארהיטן אינעם פילם אלע געדאנקען, וועסטו זיי אלע פארלירן; אויב אָבער דו וועסט אויסטיילן פאר זיך איין געדאנק, וועלן די איבעריקע אויך זיך אוועקשטעלן אין סטראָי און זיך אָפּזוכן זייער באהילפיק אָרט.

אינעם קינאָפילם „אנא קארענינא“ האָט דער רעזשיסער נ. זארכי פארהיט קימאט דעם גאנצן הויפּט־פערסאָנאזש, נאָר יעדן פון זיי האָט מען געגעבן שפּילן בלויז די גרונט־עפּיזאָדן, וואָס דערלויבן געדאנקלעך ארומצוכאפּן פיל פון דעם, וואָס איז פאָרגעקומען „ביז“ אָדער „נאָך“ די געשעענישן, וועלכע דו האָסט געזען אפן עקראן.

פאר די לעצטע יאָרן זײַנען עקראניזירט געוואָרן א סאך גוטע ווערק. „דער איין־און־פערציקסטער“ — דער באוווּסטער פילם פונעם רעזשיסער ג. טשוכרײַ — איז אן עקראניזירונג פון ב. לאווריעניאָווס א דערציילונג (מיט דעם זעלבן נאָמען) וועגן דער רעוואָליוציע, וועגן א מיידל מאריוטקא, וואָס פארהאסט די ווײַסע אָפּיצערן, האָט זיי אָן ראכמאָנעס פארניכטעט, אף איר סנײַפּערישער קאָנטע זײַנען שוין געווען פערציק, נאָר פלורצעם האָט זי זיך אײַנגעליבט אינעם איין־און־פערציקסטן, וועלכן מע האָט זי באופטראָגט צו באוואכן אלס געפאנגענעם. א צופאל פירט זיי צונויף אף א וויסט אינדזל. אָבער אלץ — די ליבע, דער פארלאנג צו פארשטיין איינער דעם צווייטן, די ערשטע אופבליצן פון באזיניקן דורך דער ליבע די וועלט — אלץ צעשמעטערט דער קלאסן־אנטאגאָניזם. אפן אינדזל זעצן זיך ארויס די ווײַסגווארדייער — מאריוטקעס סאָנים, און זי הארגעט דעם געליבטן, קעדיי פארבלײַבן טרײַ איר קלאס, דעם קלאסנקאמף. א דראמע פון דער צײַט, ווען די נאטירלעכע ליבע־געפילן קאָנען ניט קומען צום אויסדרוק, ווען צוליב פרײַער, נאטירלעכער ליבע מוז אין בלוטיקן געראנגל זיגן די גערעכטיקײַט. די דאָזיקע דראמע איז אין טשוכרײַס פילם אנטפּלעקט זייער רעליעף.

אנדריי טארקאָווסקיס פילם „איוואנס קינדהײַט“ איז אויך אן עקראניזאציע פון באגאָמאָלאָווס א דערציילונג. באם שרײַבער זײַנען א סאך געשעענישן פאָרגעקומען אנדערש. דער יונגער רעזשיסער האָט גענומען בלויז איין טעמע: די פארביטערונג, וואָס די מילכאָמע רופט ארויס בא א קינד; די אופרודערונג פון דעם נאָך ניט רײַפן באוווּסטזײַן, וואָס מאָנט נעקאָמע נעמען; די שוידערלעכע רויִנירונגס־קראפט פון דער מילכאָמע, וואָס איז דאָס שרעקלעכסטע בייז פארן מענטשן. ס׳האָט זיך באקומען ניט קיין פאציפיסטישער פילם, פארקערט, דער פילם לערנט אונדז ניט בלויז ניט דערלאָזן צו קיין מילכאָמע, נאָר אויך קעמפן, ניט שוינענדיק די קויכעס, קעגן די סאָנים

פון שאָלעם און מענטשלעכקײַט. אין דעם באשטייט די קינסטלערישע און מאָראלישע קראפט פון דער דאָזיקן פילם.

לאָמיר זיך דערמאָנען דעם פילם „דעם מענטשנס גורל“ (רעזשיסער און אויספילער פון דער הויפּטראָל — סערגיי באָנדארטשוק). מיכאיל שאָלאָכאָווס דערציילונג איז געוואָרן דער צענטער פון א קינאָשילדערונג וועגן דעם שיקזאל פון א רוסישן סאָלדאט, וואָס האָט איבערגעלעבט דעם שוידער פון געפאנגענשאפט, האָט פארלוירן אלע זײַנע לײַבלעך־נאָענטע, נאָר ניט אָנגעווירן דאָס איקערדיקע: דעם געפיל פון מיטלײַד, די גרייטקײַט צו לעבן צוליב א קליין יִנגעלע, א זון.

דאָס זײַנען אלץ בײַשפּילן פון געלונגענעם איבערדיכטן די שפראך פון ליטעראטור אף דער שפראך פון קינאָ. מיר האָבן אָבער געהאט ניט בלויז דערפאָלגן. ס׳האָט, אשטייגער, ניט אָפּגעגליקט טשעכאָוון. די דערציילונגען פונעם גרויסן רוסישן שרײַבער — אָט דעם ראפינירטן און פילבארן פּסיכאָלאָג, — וועלכע טיילן זיך ניט אויס מיט קיין שפּאנענדיקן סוזשעט, נאָר זײַנען פולשטענדיק געבויט אפן כאראקטער פון די געשטאלטן, אפן אונטערטעקסט, אף דער באגלייטונג פונעם אווטאָרס איראָנישן אָדער טרויעריקן נוסעך, האָבן ניט געקראָגן קיין געלונגענע פארקערפּערונג אין די פילמען „דרײַ שוועסטער“, „דושענקא“. אינעם פילם „די דאמע מיטן הינטל“ (רעזשיסער — אי. כייפעץ) האָט זייער גוט געשפּילט די אקטריסע איִיא סאווינא, אָבער ביזן סאָף האָט דער פילם זיך ניט אײַנגעגעבן, פונקט ווי ס׳האָבן זיך באקומען ניט מאָנאָליטיש די פילמען לויט ל. טאָלסטאָיס „קאזאקן“ און מ. לערמאָנטאָווס „בעלא“.

דאָ ניט לאנג האָט מען בא אונדז גענומען עקראניזירן די ווערק פונעם אינטערעסאנטן הײַנטצײַטיקן רוסישן שרײַבער אנדריי פּלאטאָנאָוו. עס זײַנען שוין ארויס אפן עקראן די פילמען „די שקלאפן“ (לויט דער דערציילונג „טאקיר“), „פּראָ“, „דאָס אומקערן זיך“ און אנדערע. פאר פּלאטאָנאָווס דערציילונגען איז כאראקטעריסטיש די ניט־גע״לטע שילדערונג פון די פאָלקס־כאראקטערן, שטייגער, די קאָלאָריטפולע שפּראך פונעם פערסאָנאזש. אינעם קלאנגען־קינאָ איז די שפראך ניט קיין פּראָבלעם, קינאָ האָט ניט ליב קיין בארײדעוודיקײַט, און דעריבער שיידט זיך שטארק אונטער דער דיִאלאָג אפן עקראן פונעם דיִאלאָג אינעם בוך. אין קינאָ שפּילט די רעפּליק בלויז איין ראָליע — זי באוועגט די האנדלונג, זי רעדט פארן דערציילער. אין א ראָמאן וועט דער שרײַבער נאָך די ווערטער פונעם פערסאָנאזש צוגעבן: „האָט ער געזאָגט באדראָענדיק“, און אינעם פילם וועלן מיר דעם דאָזיקן „באדראָענדיק“ דערפילן לויט דער אינטאָנאציע, מיר וועלן עס דערהערן. אין קינאָ ווערט דאָס וואָרט באגלייט מיט א זשעסט, וואָס זאָגט אונדז זייער א סאך. און אינעם ראָמאן מוז דער שרײַבער אָפּשטעלן די האנדלונג און אונדז דערציילן, אז דער העלד, צום בײַשפּיל, האָט אויסגעצויגן די האנט און דערלאנגט א פּאטש דעם, וואָס האָט אים באליידיקט... איז פּלאטאָנאָווס ווערק טאקע שווער צו עקראניזירן. דער שרײַבער קוקט זיך אײַן די גאנצע צײַט אין דער נעשאָמע פונעם העלד, זײַנע העלדן טראכטן, זייערע איבערלעבונגען זײַנען „שטילע“, אָן עפעקטפולע אנטפלעקונגען פונעם טעמפּעראמענט. פונדעסטוועגן ציִען זיך די רעזשיסערן צו אָט דעם שרײַבער, ווײַל בא פּלאטאָנאָוון איז אינטערעסאנט נאָכצושפּירן נאָך דער פּסיכאָלאָגיע פונעם מענטשן, נאָך זײַן גײַסטיק לעבן. פריִער, ווען די קינעמאטאָגראפיע האָט, הויפּטזאכלעך, זיך אינטערעסירט מיט דער אויסערלעכער האנדלונג, האָבן פּלאטאָנאָווס ווערק ניט געקאָנט געפינען פאר זיך קיין אָרט אפן עקראן. אָבער איצט שטרעבט די קינאָ צו פּסיכאָלאָגיזם, זי האָט זיך אויסגעלערנט אויסצודריקן די אינערלעכע גײַסטיקע וועלט פונעם מענטשן.

באזונדערס קאָמפּליצירט איז די אופגאבע צו באווײַזן אפן עקראן פאנטאסטיק. דאָ איז פאראן א ברייט פעלד פאר דערפינדערישקײַט. און ס׳איז נאטירלעך, וואָס די דערפאָלגן פון דער וויסנשאפט, וואָס זעען אליין אויס פאנטאסטיש, באזונדערס די דערפאָלגן פון דער קאָסמישער וויסנשאפט, ציִען שטארק צו די אופמערקזאמקײַט פון די קינאָ־טוער. די אמעריקאנער פארמאָגן עטלעכע געלונגענע פילמען פון אָט דעם זשאנער. אשטייגער, „דער גראנגל פון וועלטן“ צי דער פילם וועגן א קאָסמישער „אָדיסייע“, וואָס הייבט זיך אָן מיט בילדער פון א וועלט־כורבן, וואָס איז, ווײַזט אויס, פאָרגעקומען אין רעזולטאט פון א קאָסמישער קאטאסטראָפע. דער סאָוועטישער רעזשיסער א. טארקאָווסקי עקראניזירט איצט דעם טאלאנטפולן ראָמאן „סאליאריס“ פונעם פּוילישן שרײַבער סטאניסלאוו לעם. די געשעענישן קומען פאָר אף אן אומבאוווסטער ווײַטער פּלאנעטע. עס קומט אהין צו פליִען א מענטש פון דער ערד און טרעפט דאָרטן עטלעכע געלערנטע, וועלכע זײַנען שרעקלעך אויסגעצערט און זײַנען שוין נאָענט צו מעשוגאַס. אף דער פּלאנעטע „סאליאריס“ געוועלטיקט עפּעס א קראפט, וואָס רופט זיך „דענקענדיקער אָקעאן“ און רעפלעקטירט געוויסע אימפּולסן. דער קאמף קעגן די דאָזיקע אימפּולסן האָט דערווײַל קיין דערפאָלג ניט געהאט. אהער, צום „סאליאריס“, דערגרייכן די „געדאנקען“ פון לעמס העלדן, די דאָזיקע געדאנקען ווערן מאטעריִאליזירט: בא איינעם דריקט זיך עס אויס אין א פארטונקלונג פונעם זיקאָרן. ער טײַנעט, אז זײַן פרוי איז געשטאָרבן, וועגן דעם, אז ער איז, ווײַזט אויס, שולדיק אין איר טויט. די פרוי גופע ווייסט ניט, אז זי געפינט זיך אונטער א שרעקלעכן היפּנאָז, זי געדענקט גאָרנישט ניט. פארניכטן דעם מאטעריִאליזירטן געדאנק מיט אן אומפאָרזיכטיקן עקספּערימענט האָבן די געלערנטע מוירע. אָבער אין דער זעלבער צײַט שטויסט זיי דער געדאנק אָפּצוזוכן אן אויסוועג פון זייער שרעקלעכער לאגע.

לעמס פילאָסאָפישער געדאנק איז אן עכט הומאנישער, ער וויל מיט זײַן ראָמאן אונדז זאָגן, אז מיר אלע טראָגן די אכרײַעס פאר דעם, וואָס מיר טוען, אז אף קיין שום אנטוויקלונגס־שטופע פון דער ציוויליזאציע וועלן מיר ניט זײַן פרײַ פון מאָראלישער פאראנטוואָרטלעכקײַט, אז אלץ, וואָס מיר האָבן ווען־עס־איז אופגעטאָן, וועט שטענדיק אונדז נאָכפאָלגן און דעריאָגן. עס וועט זיך ניט אײַנגעבן צו פארגעסן דעם באגאנגענעם פארברעכן. איז דען אָט דער געדאנק איצטער ניט אין איינקלאנג מיט א סאך פאָליטישע קאָליזיעס אין דער הײַנטצײַטיקער וועלט?

די מאָדערנע טעכנישע מעגלעכקײַטן אפן געביט פון פאָטאָגראפיע דערלויבן אונדז צו „זען“ געדאנקען און אויסדריקן געדאנקען אין בילדער. כאלוימעס, מיראזשן, זעונגען, דערמאָנונגען, נעוויִעס — אלץ איז איצט צוטריטלעך פאר דער קינאָ־קאמערע. די טעכנישע מעכיצעס ווערן אָפּגעווישט, אָבער דער גײַסטיקער

זין פון שאפן, די שווערִיקייטן, וואָס
זיינען פאַרבונדן מיטן באַגרייפן דאָס
לעבן, פאַרבלייבן און וועלן קעסיי־
דער זיין.

מע דאַרף ניט מיינען, אַז די יונגע
קינאָ־מוזע לעבט אָפן כעזשבן פון
דער ליטעראַטור. ניין, גופע די קינאָ
האָט גענומען אופווירקן אַף דער
קונסט פון וואָרט. דער אָנהייב פון
אָט דעם פּראָצעס דאַרף מען זוכן אין
דער דערפינדונג פון פאָטאָגראַפיע.
שוין דעמלט, ווען די אָפּבילדונג פון
דער רעאַלער וועלט איז נאָך געווען א
פאַרגליווערטע, האָט דער פראַנצויזי־
שער דיכטער שאַרל באָדלער געזאָגט,
אַז, ווען די פאָטאָגראַפיע וועט נעמען
אָנגרייפן אַף דער „נעשאָמע" פון
זאַכן, וועט קומען א סאָף צו דער
פּאָעזיע. באָדלער איז געווען ניט גע־
רעכט. די פּאָעזיע גופע לערנט זיך
היינט רעאַליזם בא דער קינאָ. איך
האָב ז'אָ גערעדט וועגן דער אַנט־
שטייונג פון פאָטאָגראַפיע. נאָר ריכ־
טיקער וואָלט, מיסטאַמע, געווען צו
זאָגן, אַז נאָך ביז דער אַנטשטייונג
פון פאָטאָגראַפיע האָט זיך אָנגעהויבן
דער פּראָצעס פון צונויפשמעלצונג
פון וואָרט מיט געמעל און די פּרווון
צו פאַרבינדן דאָס וואָרט מיט דעם אָנ־
געמאָלטן געשטאַלט אַף אַזא אויפן,
אַז ס'זאָל זיך פון דעם אויסקריסטאַ־
ליזירן א נייער, א דריטער באַגריף.
אָנגעמאָלטע בילדלעך זיינען שוין פון
לאַנג באַוווּסט אין דער פאָלקס־שאַ־
פונג. צוערשט איז דאָס וואָרט און
דאָס געמעל געגאַנגען פּאַראַלעל. דאָס
געמעל האָט זיך גענייטיקט אין אַן
אונטערשריפט. דערנאָך, אין אָנהייב
פון אונדזער יאָרהונדערט, איז געקו־
מען דער פּעריאָד פון ערשטן סינטעז.
עס דרייט זיך שוין דאָס רעדעלע פּו־
נעם קינעמאַטאָגראַף. די ברידער ליו־
מיער דעמאָנסטרירן פאַרן שטילגע־
וואָרענעם זאַל די ערשטע כראָניקאַלע
קינאָ־קאַדרען. די קינאָ גייט פונעם
דאָקומענט, שפּעטער ווערט די ריט־
מיק אַריבערגעטראָגן אָפן געמעל.
דאָס, וואָס עס זיינען געווען בעקויעך
צו טאָן די מאָלער, — שילדערן די
פּלאַסטיק, דעם זשעסט, די באַוועג־
גונג — נאָר האָבן דאָס פריִער ניט
קעסיידער געטאָן, — ווערט איצט
דאָס איקערדיקע. דער קינסטלער דע־
גאַ מאָלט באַלערינעס — פּאָזעס, ראַ־
קורסן. די באַוועגונגען ווערן גע־
צייכנט שאַרף, קאָנטראַסטפול און
דרייסט. דער גרויסער פראַנצויזישער
דיכטער גיִיאָם אַפּאָלינער איניינעם
מיטן מאָלער דערען לאָזן אַרויס אַן
אַלבאָם, וווּ די לידער און די געמעלן
שטרייטן צווישן זיך און דערגאַנצן
איינס דאָס אַנדערע. אַן ענלעכן בוך
לאָזן אַרויס פּיקאַסאָ און דזשעקאָב...

אין סאָף פון די פופציקער יאָרן
האָט דער פּוילישער דיכטער וולאַ־
דיסלאַוו בראָניעווסקי, ניט לאַנג פאַר
זיין טויט, מיר באַוויזן אין שפּיטאָל
אַף דער כאָזשי־גאַס אין וואַרשע א
פּעקל קינסטלערישע פאָטאָגראַ־
פיעס — פּוילישע ביימער: ביימער
בייס א שטורעם, ביימער מיט טשאַ־
טעס פייגל, ביימער, וואָס שפּיגלען
זיך אין אָזערע, אומגעוואָלגערטע און
פאַרסאַרפּעטע פונעם מילכאָמע־פייער,
ביימער מיט וואָרצלען, וואָס שטאַרצן
צום גרויען הימל... בראָניעווסקי האָט
פאַרטראַכט א ציקל לידער וועגן די
פּוילישע ביימער. א טייל פון די דאָ־
זיקע פאָטאָגראַפיעס האָבן אין מע־
שעך פון א סאַך טעג און וואָכן באַ־
גייסטערט דעם דיכטער אָנצושרייבן
לידער. דער טויט האָט איבערגעריסן
דעם דיכטערס פאַרטראַכט.

„מיין לעבן איז דער קינעמאַטאָ־
גראַף, די שוואַרץ־ווייסע קינאָ..." די
דאָזיקע שורע געהערט דעם סאָוועט־
טישן דיכטער יורי לעוויטאַנסקין. דאָ
ניט לאַנג האָט ער אָפּגעדרוקט אין
די זשורנאַלן „נאָווי מיר" און „יו־
נאָסט" לידער פון זיין בוך „קינעמאַ־
טאָגראַף". די לידער זיינען געבויט
ווי א מאָנטאַזש פון קינאָ־קאַדרען, וווּ
די פאַרגאַנגענהייט (מילכאָמע־דער־
מאָנונגען: דער אַוטאָר האָט זיך באַ־
טייליקט אין דער פאָטערלענדישער
מילכאָמע) פלעכט זיך איבער מיט
דעם היינט, מיט די געדאַנקען פונעם
העלד: וועגן געשיכטע, וועגן דעם
לעבנסוועג, וועגן מוזיק, מיט סימבאָ־
לישע כאַלוימעס וועגן דעם זין פון
אונדזער לעבן. פונקט ווי אין קינאָ,
איז אין לעוויטאַנסקיס לידער־זאַמלונג
פאַראַן יענע רעליעפקייט פון דער
דעטאַל, וואָס הייסט „מעטאָנימיע"
(ווען לויט א טייל פון דער זאַך זעט
זיך אָן דאָס גאַנצע). צום ביישפּיל:
קינדער, וואָס בויען אויף פּלאַצן פון
זאַמד (א סימבאָל פון ניט פאַרווירק־
לעכטע טרוימען פונעם לירישן העלד
אופצובויען זיין פּערזענלעך לעבן);
אָדער וואַסער־קרייזן אַף א טייך, וואָס
סימבאָליזירן פאַרשווּנדענע דערמאָ־
נונגען. און פונקט ווי אין קינאָ, ווערן
די וואַסער־קרייזן פאַרוואַנדלט אין
גרויסע פרויִשע אויגן, וואָס זיינען
פול מיט דערוואַרטונג אַף גליק... די
קרייזן, ווי עס זאָגט דער דיכטער,
פּערסאָניפיצירן „דעם נעס פון ווידער־
געבורט, באַנייִונג און פאַרגאַנצט־
קייט..." אַלץ שוועבט דורך אָפן ווייסן
עקראַן פון זיקאָרן, קעדיי ווידער זיך
אומקערן. עס הייבט זיך אָן דאַכטן,
אַז מע קאָן אָפּדאָסנייִ אָנהייבן דאָס
לעבן. אָ, די צויבער־קראַפט פון עק־
ראַן! עס לעשט זיך אויס די שיין,
און דער מעכאַניקער — דער קישעף־
מאַכער וועט „דורכדרייען" פאַר דיינע
אויגן דיין גאַנץ לעבן. יענע ערטער,
וואָס זיינען דיר באַזונדערס טייער,
וועט ער דרייען לאַנגזאַמער... נאָר דו
קוקסט שוין אַף דעם אַלץ ניט ווי
נעכטן, עטוואָס אַנדערש... און דער
אומעט נעמט פּרעסן דאָס האַרץ —
שוין זשע טרייבט די צייט, אָט דער
דולער דיריזשאָר, אַלץ נעענטער צום
סאָף, צום סאָף?

אָט דאָס זיינען איניקע מאָטיוון
פון דער לידער־זאַמלונג „קינעמאַטאָ־
גראַף". פון דעם שניט איז יורי לע־
וויטאַנקיס לידער־זאַמלונג ניט די
איינציקע. ניט מער, אין אָט דעם בוך
האָט זיך אומיטלבאַרער, אַזוי צו
זאָגן — אָנזיכטיק, אָפּגעשפּיגלט די
ווירקונג פון דער קינעמאַטאָגראַפיע
גופע אַף דער סטרוקטור פון דער
פּאָעזיע, אַף אירע מעטאָדן, אַף דער
פאָרם פון דער געשטאַלטן־אַרכיטעק־
טאָניק.

נאָך טיפער קאָן מען זען די דאָזיקע
ווירקונג אָפן ביישפּיל פון דער היינט־
צייטיקער פּראָזע. די לאַקאָנישקייט
פון דער פּראָזע, די אָנשוילעכקייט
פונעם בילד, די אופמערקזאַמקייט צו
די וועזנטלעכע פּראַטים, דאָס אַקצענ־
טירן ניט די באַדאַכטונג, נאָר די באַ־
שרייבונג, — דאָס אַלץ גיט צו דער־
פילן דעם געמיט־צושטאַנד פונעם
העלד, זיין שטימונג, זיין כאַראַקטער.
דאָס זיינען בלויז איניקע סימאָנים
פון דעם, ווי די קינאָ ווירקט אַף דער
פּראָזע, און דער וויכטיקסטער סימען
איז די לאַקאָנישקייט, די אָפּגעהאַקטע,
קאַדערמעסיקע סיסטעם פון דערציילן.

פאַרשטייט זיך, מע דאַרף ניט
טראַכטן, אַז דאָס זיינען ספּעציפישע
אייגנשאַפטן, וואָס זיינען כאַראַקטע־
ריסטיש בלויז פאַר קינאָ. אונדזער
באַרימטער רעזשיסער סערגיי אייזענ־
שטיין האָט געשריבן, אַז אין פּוש־
קינס פּאָעמע „פּאָלטאַווע" קאָן מען די
באַשרייבונג פון פּיאָטער דעם גרויסן
איינטיילן אַף „כאַלאָקים" און עקראַ־
ניזירן — אַף אַזויפיל האָט פּושקין
געהאַט דעם פאָרגעפיל פאַר דעם
„מאָנטאַזש־פּרינציפּ". דאָס באַטייט,
אַנדערש גערעדט, אַז דער זין פון
צונויפקייטלען, פון מאָנטאַזש ליגט

גופע אינעם כאראקטער פון דער בילדערישער אנטוויקלונג פון דער טעמע סיי אין דער ליטעראטור, סיי אין דער קינאָ. אין דער הינזיכט קאָן מען זאָגן, אז ווען די ברידער ליומיער וואָלטן ניט דערפינדן די קינאָ, וואָלט דאָס געטאָן א צווייטער. די „צענטע מוזע" וואָלט אומבאדינגט געמוזט קומען אף דער וועלט!

מיר ווייסן, אז היינט־צו־טאָג האָט די קינאָ באהערשט אי דעם קלאנג, אי דעם קאָליר, אי פארשיידענע מינים עקראנען — דעם געוויינלעכן, פון ברייטן פאָרמאט, דעם אזויגערופענעם וואריאָ־עקראן (לויט דעם ווילן פון די שעפער פונעם פילם קאָן אזא עקראן בייטן די פאָרם און די גרייס). לויט דער ריזיקער פייִקייט איבערצוגעבן דעם געדאנק און דעם געפיל דעריאָגט צוביסלעכווייז די קינאָ — די קונסט פון וואָרט.

די ווירקונג פון קינאָ אף דער ליטעראטור אנטפלעקט זיך אויך אין דעם, וואָס קינאָ פארשארפט באם מענטשן דאָס אויג, געוווינט עס צו צו באאָבאכטן, צו דערשפּירן אינעם קאדער דאָס וויכטיקסטע. מע דערציילט, אז איינער א געלערנטער האָט געמאכט אזא עקספערימענט: ער האָט באוויזן א קינאָ־פילם פאר מענטשן פון אן אָפּגעשטאנענעם שייוועט. האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די דאָזיקע מענטשן האָבן גאָרנישט ניט געזען פאר זיך. דאָס ניט־טרענירטע אויג זייערס האָט ניט אופגעכאפּט דעם האסטיקן אומבייט פון די קינאָ־קאדרען. אפילע די שארפע ריִע פון די יעגער, וואָס דערזעען געוויינלעך א פויגל פון העט־ווייט, איז ניט אימשטאנד געווען אופצוכאפּן די מאסשטאביקע בילדער. אשטייגער, א קאָפּ פון א מענטשן, וואָס איז באוויזן געוואָרן שטארק פארגרעסערט, האָט זיך זיי ארויסגעוויזן, ווי אָפּגעזונדערט פונעם גוף...

אדאנק דער מאסעוודיקייט, וואָס ווערט איצט נאָך שטארקער מיט דער הילף פון טעלעוויזיע, איז קינאָ געוואָרן א וויכטיק אידעאָלאָגיש געווער. די מאסעווע פאָרמען פון קולטור קאָן מען אויסנוצן אף א פארשיידענעם אויפן און מיט פארשיידענע צילן. די פּראָגרעסיווע קינסטלער, די הומאניסטן זיינען שטארק באאומרויִקט פון דעם, וואָס אין איינִיקע מייַרעוודיקע לענדער ווערן פארשפרייט פּאָרנאָגראפישע פילמען, פילמען וועגן מאָרד און סאדיזם. דער קינדערישער באוווסטזיין איז זייער פילבאר צו אזא מין גייסטיקער פעסט, וואָס פארדארבט די נעשאָמע. די קינאָ יאָגט באדייטנדיק אריבער די ליטעראטור, דאָס געדרוקטע וואָרט. קיין שום טיראזשן, די סאמע מאסעווע, זיינען ניט אימשטאנד צו קאָנקורירן מיטן עקראן, וואָס פארמאָגט אן אויסערגעוויינלעכע עמאָציאָנעלע אופווירקונגס־קראפט.

אָט פארוואָס עס ווערט אָפּגעגעבן אזויפיל אכטונג דעם ווייַטערדיקן אנטוויקלונגס־וועג פון קינעמאטאָגראף. מיר דאכט זיך, אז די געשטיגענע אופמערקזאמקייט, וואָס עס מערקט זיך אין דער היינטצייטיקער ליטעראטור צו די אינטימע מאָמענטן פון די מענטשלעכע באציִונגען, איז אין א געוויסער מאָס פארורזאכט פונעם קינעמאטאָגראף, וואָס קאָן אלץ „זען" אינעם פריוואטן לעבן. כאָטש דאָס וואָרט, וואָלט זיך געדאכט, קאָן אויך שילדערן די סאמע ריזיקאלע זאכן, נאָר לויט עפּעס א פארצייטיקער טראדיציע איז דאָס וואָרט „שעמעוודיקער", ווי דאָס אויג. מע קאָן אָבער די נייַגעריקייט פון דער „צענטער מוזע" א קערעווע טאָן אין א גוטער זייט. די באהאלטענע קינאָ־קאמערע, וואָס באאָבאכט די רעאלע לעבנס־פּראָצעסן, איז קרויוויש מיט די טראדיציעס פון דער ליטעראַרישער פארצייכענונג און פארמאָגט אין דער זעלבער צייט אויך נייע שטריכן. דער קינאָ־דאָקומענט שטעלט אונדז פּאָנעם־על־פּאָנעם מיטן לעבן, אָט אזא, ווי עס איז. טאקע דערפאר, ווייַזט אויס, נערט זיך היינט־צו־טאָג די קינאָ, אין א גרויסער מאָס, מיט די זאפטן פונעם רעאליזם אין דער קונסט, מיט זיין אומשטערבלעכער קראפט.

אונדזער קינאָ־קונסט פארמאָגט וווּנדערלעכע טראדיציעס פון אזעלכע גרויסע מייַסטערס, ווי אייזענשטיין, ווערטאָוו, שוב, דאָווזשענקאָ, פּודאָווקין און אנדערע. זיי האָבן געלייגט דעם יעסאָד פון א געזונטן, סאָציִאל־אקטיוון, מענטשלעכן קינעמאטאָגראף, וואָס איז פעסט פארבונדן מיט די בעסטע מוסטערן פון דער ליטעראטור. די אנטוויקלונג פון קינאָ אין אונדזערע טעג גייט מיט דעם וועג פון אָט די טראדיציעס.

די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד", וואָס אינטערעסירן זיך מיט די פּראָבלעמען וועגן די פארהעלטענישן פון דער קינאָ און דער ליטעראטור, וואָלט איך געייצעט איבערצולייענען אזעלכע ביכער: וויקטאָר שקלאָווסקי — „פאר פערציק יאָר", רענע קלער — „ראיוינעס וועגן דער קינאָ־קונסט", מיכאיל ראָם — „שמועסן וועגן קינאָ", בערגמאנס און פעליניס ביכער, וואָס זיינען בא אונדז דערשינען אין 1968 און 1969. דער דאָזיקער פּראָבלעם איז אויך געווידמעט מיין בוך — „דער עקראן — די פּאָעזיע פון פאקט", וואָס וועט אינגיכן דערשייַנען.

נאָטיצן פון א ייִדישן בוכוויסט

„בחינת עולם"

אין אכצנטן יאָרהונדערט איז דערשינען, קימאט איינ־צײַטיק אין ייִדיש און אין דײַטש, די פילאָסאָפיש־דידאק־טישע פאָעמע „בחינת עולם" פון יעדאיע פניני בעדרעשי (1270—1340).

די ייִדישע איבערזעצונג האָט געמאכט אײַזיק אויער־באך. זי איז געדרוקט געוואָרן אין זאלצבאך מיט א באַ־גלייט־וואָרט פון יונעסן אייבשיץ. אין דײַטש זײַנען דער־שינען גרעסערע פראגמענטן אין דער איבערזעצונג פון מוישע מענדעלסאָן. לעסינג און געטע, וועלכע האָבן גע־לייענט מ. מענדעלסאָנס איבערזעצונג, האָבן הויך אָפּ־געשאצט דעם קינסטלערישן און אידייִשן ווערט פון דער פאָעמע.

קוידעמקאָל דארף אָפּגעמערקט ווערן י. בעדרעשיס טי־פער גלויבן אין די אומבאגרענעצטע מעגלעכקײַטן פון דעם אקטיוון אינטעלעקט (שכל הפועל), אדאנק וועלכן דער מענטש איז מעסוגל זיך צו אבסטראהירן פון דער עמפּירישער כושעמדיקער וועלט און דערגרייכן א פולע גײַסטיקע הארמאָניע. דער וועג דערצו איז זייער א שווע־רער און קאָמפּליצירטער, ווײַל דער מענטש געפינט זיך אין א וועלט, וואָס איז ווי דער ברויזנדיקער יאם, אָן אומענדלעך ברייטע, מיט טיפע אָפּגרונטן, און די צײַט איבער איר איז א וואקלדיקע בריק, וואָס הענגט אף פוילע שטריק. —

העולם ים זועף,
רב מצולה, רחב ידים,
והזמן גשר רעוע
בנוי עליו...

די פאָעמע „בחינת עולם" איז פון די ערשטע קינסטלע־רישע ווערק אין דער אייראָפּעיִשער ליטעראטור, ווו אין צענטער שטייט בלויז דער מענטש. אין זײַן גע־ראנגל מיט די קויכעס פון דער נאטור, האָבנדיק אייגענע אינערלעכע ווידערשפּרוכן און לײַדנשאפטן, באדארף ער זיך פארלאָזן אף זיך אליין, אף זײַנע אייגענע גײַסטיקע און פיזישע קויכעס. אין דעם מענטשן קרייצן זיך איבער פארשיידענע ווידערשפּרעכלעכע אייגנשאפטן. מיט דעם שווונג פון זײַן געדאנק איז ער ענלעך צו אן אָדלער, וואָס רײַסט זיך אין די הייכן מיט מעכטיקע פליגל. און גלײַכ־צײַטיק גריבלט ער זיך, ווי א פלעדערמויז, אין קליינלעכע פינצטערע טײַוועס און פארלאנגען.

איבער דעם מענטשן, „דעם טײַערסטן איידלשטיין פון דעם אוניווערס", הערשן בלינדע צופאלן און גרויזאמע געזעצן. עס לויערן אף אים מיטלאלטערלעכע קאָשמארן, געזעלשאפטלעכע אנטאגאָניזמען און מענטשן־האס. —

כי אראה חמס וריב בעיר —
צלמי אבזה.

כי אתבונן לתמורות במדינות —
שנאתי נפשי.

און דער פאָעט הייבט אוף זײַן לייבן־געשריי קעגן דער צײַט, וואָס מאכט צונישט די בעסטע און שענסטע טרוימען. —

כל נאקתי וצעקתי
על עתי
בבגדו בי.

ער איז איבערצײַגט, אז דער מענטש איז אימשטאנד בײַצוקומען אלע שטערונגען. אויב נאָר ער וועט באצײַטנס זיך לאָזן פירן פונעם סייכל, קאָן ער אויסמײַדן דאָס שלעכטע.

דער הומאניסטישער פאטאָס פון דער פאָעמע, איר רײַכע בילדערישע שפּראך, וועלכע איז דורכגעפלאָכטן מיט אנטיטעטישע וואָרטשפּילן, אליטעראציעס און אסאָ־נאנסן, אנציקן נאָך הײַנט־צו־טאָג דעם לייענער, ניט קוקנ־דיק אף איר שוין קימאט זיבנהונדערטיאָריקן עלטער.

י. בעדרעשיס שאפן איז א כאראקטעריסטישע דער־שײַנונג אין דער ייִדישער קולטור, וואָס איז אין דרײַצנטן יה. אופגעקומען צווישן די אלפּן און די פּירענייען.

פונקט ווי אין 18־טן יה. די פראנצויזישע, אזוי איז אין 13־טן און 14־טן יה. די פּראָוואנסאלע שפּראך און ליטע־ראטור געווען די אײַנפלוסרײַכסטע. די קולטור פון פּראָ־וואנס האָט אין מעשעך פון דוירעס געווירקט אף דעם שאפן פון די גרעסטע אייראָפּעיִשע דיכטער, אָנהייבנדיק פון דאנטען און ביז אלעקסאנדער בלאָקן. די וואָרצלען, לעמאָשל, פון דעם באוווּסטן „זיסן נײַעם סטיל" אין דער איטאליענישער ליטעראטור שטאמען פון פּראָוואנס. אויך די ייִדישע קולטור האָט ניט אויסגעמיטן די דאָזיקע האשפּאָעס. אין מאָנפּעליע, לונעל, מארסעל און אנדערע שטעט איז אופגעקומען א שעפערישע אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך אנטוויקלט אונטער דער אומיטלבארער ווירקונג פון דער פּראָוואנסאלער קולטור. לויט דעם מוסטער פון זייערע ניט־ייִדישע קאָלעגן האָבן אויך ייִדישע דיכטער אײַנגעאָרדנט פּאָעטישע טורנירן, געזונגען לויבגעזאנגען דעם ווײַן און דער פרוי.

ניט בלויז די קינסטלערישע ליטעראטור, אפילע דער טעגלעכער לעבנס־שטייגער ווערט אלץ מער דורכגעדרונ־גען פון דעם פּראָוואנסאלן גײַסט. אין דעם „ספר הקנה", האגאם ער זאָל שטאמען פון א ביסל א שפּעטערן פעריִאָד (וועגן דער צײַט און אָרט פון זײַן אנטשטיין זײַנען פאַ־ראן פארשיידענע מיינונגען), געפינען מיר שילדערונגען, וועלכע זײַנען אויך כאראקטעריסטיש פאר דער גײַסטי־קער אטמאָספער אין דער פּראָוואנסאלער ייִדישער סווי־ווע. „דער זאָקן האָט מיך בא דער האנט גענומען, — דערציילט דער אנאָנימער אווטאָר, — און מיך אין זײַן הויז געבראכט. און דאָס הויז איז געווען פול מיט פרויען און קעפּסווײַבער, מיט דינסטן און קנעכט־מוידן. ווײַן שטייען גאנצע פעסער, און פול זײַנען די שפּײַכלער מיט אלערליי מײַכאָלים.

זאָג איך צו אים: יאָ, רעבע! גאָט האָט אײַך געבענטשט מיט אלעם גוטן, אײַער אופירונג פאסט אָבער ניט פאר קיין טאלמידכאָכעם.

האָט זיך יענער אוועקגעזעצט און אזוי געזאָגט: מײַן זון! איך זע, דו בלאָנדזעסט און טוסט דאָס, וואָס גאָט האָט פײַנט. לויט דײַן אויסזען נאָך ביסטו א בען־גדוי־לים, דײַנע עלטערן האָבן אָבער זייער ניט גוט געטאָן, וואָס זיי האָבן דיך ניט דערצויגן לויטן גײַסט פון דער

וועלט, ניט צוגעווינט דיך צו די פאָדערונגען פון דעם רעאַלן לעבן. ווײַל דער ריבוינעשעלוילעם האָט דאָך געשאַפן דעם מענטשן מיט אַלע כושים, ער האָט אים באַשאָנקען מיט אויגן, זיי זאָלן קאָנען געניסן דאָס ליבע און שיינע... ער האָט אים באַשאָנקען מיט כיישעק און טײַוועס, דאַרף דער מענטש די דאָזיקע טײַוועס באַפרידיקן און פון אַלעמען געניסן, אויך פון פרויען־שיינקײַט. און דו, מײַן זון, פאָלג מײַן אייצע, ניט אומזיסט האָט דאָך אונדז גאָט באַשאַפן: מע דאַרף עסן און טרינקען און אַלץ געניסן, עלע ניט, וועלן מיר הונגעריקע און אומבאַפרידיקטע אין קייווער גײן"...

דער גרעסטער טייל לידער און פאַראָדיעס פון יענער צײַט זײַנען מאַמעש דורכגעדרונגען מיט פרייד און געלעכטער, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די גאַלאַנטע פּראָוואַנסאַלער טרובאַדורן. עס קלינגען אומופהערלעך אין אָט די לידער האַרפעס, פידלען שפּילן. ניט פאַראַן, דאַכט זיך, קיין מוזיקאַלער אינסטרומענט, וועלכן די פּאָעטן זאָלן ניט האָבן אויסגענוצט אין זייערע קאָמפּאָזיציעס. אין די פּאָעטישע טורנירן און לידער־קאַמפּן פּלעגן, זעט אויס, די דיכטער דעקלאַמירן אָדער זינגען זייערע לידער אין דער באַגלייטונג פון מוזיקאַלע אינסטרומענטן.

די עפּיטעטן „זינגער און דיכטער" (מנגן ומשורר) קומען שטענדיק צוזאַמען. דערבײַ איז דער מנגן סראָוו אויפן ערשטן אָרט. דער דיכטער אַבֿרהם בעדרעשי (יעדאיעס פאָטער), איינער פון די ערשטע ייִדישע טרובאַדורן, קלאָגט זיך אויף זײַן דאָר און האַלט, אַז ער איז פאַריאָסעמט, ווײַל עס זײַנען אַנשוויגן געוואָרן די „זינגער און דיכטער" (נרדמו נוגני ושרי). און דער טיפּישער פּראָוואַנסאַל אַבֿרהם גורני שטעלט זיך פאָר אַלס פאָטער פון די פידלער און גרויסער האַרפן־שפּילער (אבי כל תופשי כנור, גדול הפורטים עלי נבל). ער האַלט זיך פּאָשעט פאַר אַ גוטן מענאַגן, וואָס וועט אייביק לעבן (גורני מנגן טוב — לדור דורים יהי). איך ווייס, — גייט ער צו, — אַז

דער פאָטער בין איך פון ג ע ז א נ ג;
אין אונדזער דאָר — דער איינציקער ד י כ ט ע ר.
עס שאַלט מײַן ליד — טאַנצן די בערג רונד־אַרום,
עס צאַפּלען פאַר פרייד אַלע טאָלן און וועלדער.
נעם איך מײַן האַרף אין די הענט —
לאָזן זיך פריילעך אין טאַנצנדיקער ראָד
די ייִדישע טעכטער...

אויף דער גײַסטיקער קרויוועשאַפט מיט דער פּראָוואַנסאַלער ליטעראַטור האָבן די דיכטער אַליין אָנגעוויזן. אין א. בעדרעשיס פּאָעמע „חרב המתהפכת" איז צווישן אַנדערן פאַראַן אַ קורצער איבערזיכט פון דער העברעיִשער פּאָעזיע. א. בעדרעשי האַלט יעהודע האַלייווי פאַר דעם גרעסטן דיכטער, דעם, ווי ער דריקט זיך אויס, „אורים ותומים" פון דער העברעיִשער פּאָעזיע. אין זײַן צײַט, — קלאָגט זיך א. בעדרעשי, — זײַנען אַזעלכע באַדײַטנדיקע דיכטער ניט אַנטשטאַנען, און ווער עס וויל האַנאָע האָבן פון גוטער דיכטונג, מוז זיך ווענדן צו די פּראָוואַנסאַלער און צו די איטאַליענער.

אין אָט דער גײַסטיקער אַטמאָספער האָט זיך אויסגעפאָרמירט י. בעדרעשיס ליטעראַרישער קרעדאָ. אין זײַן „ספר הפרדס", וואָס באַשטייט פון פאַרשיידענע עטישע, פילאָסאָפישע און רעליגיִעזע סענטענצן, האָט י. בעדרעשי אויך אײַנגעשלאָסן אַ ספּעציִעל קאַפּיטל וועגן רעטאָריק און דיכטונג, באַהאַנדלענדיק ספּעציִעל די פראַגע וועגן דעם אָרט פונעם דיכטער אין דער געזעלשאַפט. דער דיכטער מיט זײַן פאַנטאַזיע באַרײַכערט די גרויעווירקלעכקײַט. דאָס בעסטע אין דער ליד איז דער פּאָעטישער געדאַנק, אָדער, לויט דער דעמאָלטיקער טערמינאָלאָגיע, דער „פּאָעטישער ליגן" (מיטב השיר כזבו). ער ווירקט מער, ווי די עמפּירישע וואָר. דעריבער פירט אויס י. בעדרעשי, „השמר משנאת המשורר, כי יותר יאמינו בכזביו מאמתך" — דו זאָלסט זיך היטן צו דערוועקן דעם דיכטערס סינע, ווײַל מע וועט מער גלייבן אין זײַן ליגן, איידער אין דײַן עמעס.

די פּאָעמע „בחינת עולם" איז אידייִש פאַרבונדן מיט בעדרעשיס פילאָסאָפישע אַרבעטן וועגן די פאַרשיידענע קאָנצעפּציעס אַרום אַריסטאָטעלס באַגריף פון מאַטעריעלן אינטעלעקט (הדעות בשכל החומרי), אַרום אַווראַעסעס לאָגיק (ביאורים להגיון) אאַ.

י. בעדרעשי איז פון די ערשטע איבערזעצער און קאָמענטאַטאָרס פון אַווראַעסעס ווערק. ער האָט אויך איבערזעצט דעם „ספר השכל" פון אַלפאַראַבי און אין דער פאָרם פון אַ דיִאַלאָג געשאַפן אַ קאָמענטאַר צו אַוויצענאַס קאַנאָן. גלײַכצײַטיק האָט ער, ווי אַ טיפּישער פּראָוואַנסאַל, געדינט אויך דעם פרויען־קולט. זײַן פּאָעטישע פּאָעמע „צלצול כנפים או אוהב נשים" (פליגלגעשאַל אָדער דער פרויען־פרײַנט) איז אויסגעהאַלטן אין גײַסט פון דער „אַקאַדעמיע פון ליבע", ווי הערדער האָט אָנגערופן די פּראָוואַנסאַלע ליטעראַטור.

בעדרעשיס לידער, וואָס באַשטייען פון טויזנט ווערטער און ווו יעדעס וואָרט הייבט זיך אָן מיט איינעם און דעם זעלבן אָס („בקשת הממין" — דאָס געבעט פון די מעמען, „אלף אלפין" — טויזנט אַלעפן), דערמאָנען מיט זייער ווירטואָזישקײַט אין די פּראָוואַנסאַלער דעווינאַלעס.

וועגן „בקשת הממין" האָט י. בעדרעשיס פאָטער, אַבֿרהם, אָנגעשריבן אַ ספּעציִעלע לויב־ליד, אין וועלכער ער רופט באַגײַסטערט אויס: בני חוצב להב — בטורי מי זהב (מײַן זון שלאָגט אויס פײַער מיט זײַנע גאָלדענע סטראָפן). אין 1662 איז די ליד „בקשת הממין" דערשינען אין אַ ספּעציִעלער לאַטײַנישער אויסגאַבע, איבערגעזעצט פון הילאַריך פּראַכע. זי איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין דײַטש פון וואָלף פּרעראַו (1799) און פון כ. ה. שוואַבאַכער (1808). עס איז פאַראַן וועגן איר אַ ספּעציִעלער קאָמענטאַר פון ק. אַטענסאַסער.

י. בעדרעשיס פּאָעמע „בחינת עולם" איז ניט צוגעבונדן צו דער שטייגערישער בילדערישקײַט פון זײַן סוויווע. דעם דיכטער האָט דעריקער אינטערעסירט די אידייען־וועלט פון דער צײַט. שוין דער טיטל פון דער פּאָעמע שטרײַכט אונטער איר אוניווערסאַלן כאַראַקטער. אָט די אייגנשאַפטן האָבן איז אַ גרויסער מאָס גורעם געווען, וואָס די פּאָעמע האָט אַריבערגעשפּרײַזט די נאַציִאָנאַלע ראַמען. אין פאַרשיידענע אייראָפּעיִשע שפּראַכן האָט מען וועגן איר געשריבן. מע האָט זי איבערזעצט אין פראַנצויזיש (1629, 1808), ענגליש (1806), פּויליש (1846), איטאַליעניש (1880). אין דײַטש זײַנען פאַראַן צען פאַרשיידענע איבערזעצונגען. שוין אָפּגערעדט פון דער גרויסער צאָל העברעיִשע אויסגאַבעס, מיט וועלכע עס האָבן זיך באַנוצט אויך ניט־ייִדן. דער ביבליִאָגראַף ש. ווינער האָט פאַרצייכנט, אַז זינט דער ערשטער אויפלאַגע פון 1480 ביז דער צווייטער העלפט פון 19־טן יה. זײַנען דערשינען 70 אויפלאַגעס.

די לאַטײַנישע איבערזעצונג פון דעם פּראָפעסאָר אַלהאַרדוס אוכטמאַן איז אין 1688 דערשינען אין אַ צוויי־

טער אופלאגע (די ערשטע איז דערשינען אין 1650) אונ־טערן נאָמען „הבל הבלי חלד", אונטערשטרײַכנדיק דער־מיט די ענלעכקײַטן פון דער פּאָעמע מיט דעם ביבלישן בוך „קהלת".

אין דער ליטעראַטור־פאָרשונג זײַנען טאַקע פאַראַן פרוּוון אופצושטעלן א בעשוטפעסדיקן אידייִשן בריק צווישן די ביידע ווערק. דער פאָרשער י. רייפמאַן האָט, לויטן מוסטער פון די ביבל־קריטיקער, געפּרוּווט אפילע דערווײַזן, אז פּונקט ווי „קהלת", באשטייט אויך דער „בחינת עולם" פון צוויי קעגנזעצלעכע ווערק.

אויבנויפיק קאָן זיך אויסדאַכטן, אז „קהלת" און „בחינת עולם" זײַנען צווישן זיך זייער ענלעך. עס איז פאַראַן א סאַך געמיינזאַמס אין זייער סטרוקטור, אין דעם אפּאָריסטישן כאַראַקטער פון זייער סטיל. אין ביידע ווערק ווערן אויך באהאַנדלט איינע און די זעלבע טעמעס און פּראָבלעמען. אָבער דער צוגאַנג, דער אויפן פון באַנעמען די פּראָבלעמען, די אויספירן, צו וועלכע די אַוטאָרן קומען, זײַנען לאַכלוטן פאַרשיידענע. דער סקעפּטיציזם, וואָס איז אייגנטימלעך פאַר די צוויי ווערק, איז פון א דיאַמעטראַל קעגנזעצלעכן כאַראַקטער. עס שאַפט זיך אַן איינדרוק, אז בעדרעשי פירט אן אומופּהערלעכע פּאָלעמיק מיט קויהעלעסן, ווידערשפּרעכט זײַנע גרונט־האַנאָכעס. אף קויהעלעסעס באַרימטן העוול־האַוואָלים ענטפערט בעדרעשי: שקר אתה דובר כי הבל ימיך עלי ארץ. וכל אשר תתרשל על הטוב מעשותו בדחותו למחרתו תוסיף כסל — דו לײַגסט, ווען דו זאָגסט, אז זינלאָז זײַנען דײַנע טעג אף דער ערד. און וואָס מער דו פוילסט זיך צו טאָן גוטס, אָפלייגנדיק עס אף מאָרגן, פאַרמערסטו די נאַרישקײַטן.

ווי א דירעקטע דערווידערונג קעגן קויהעלעסעס קאָנסטאַטירונג, אז עס איז ניטאָ קיין כילעק צווישן מענטש און בעהיימע (ומותר האדם מן הבהמה אין כי הכל הבל), קלינגען בעדרעשיס ווערטער: פאַרוואָס זאָל עס דער מענטש אומקומען און ענלעך זײַן צו בעהיימעס און כייעס פון פעלד — למה זה יגוע אדם ואיו כבהמות שדי וחיתו? און בייס קויהעלעס האַלט, אז דעם מענטשנס הארץ איז פול מיט שלעכטס, האַלט בעדרעשי פאַרקערט: איך האָב זיך באַמיט צו פאַרשטיין דעם מענטשן, אויספרוּוון זײַן גײַסט, און האָב קיין כיסאָרן אין אים ניט געפונען — אבינה באנוש, אבחינה יצירתו ולא מצאתי בה חסרון. קויהעלעס האַלט, אז אַלץ, וואָס דער מענטש טוט, ווערט פאַרגעסן און אז איבעריק זײַנען אַלע זײַנע באַמיִונגען — כי אין זכרון לראשונים וגם לאחרונים שיהיו. וויפל דער מענטש זאָל זיך ניט מיִען, וועט ער סײַווי ניט פאַרשטיין, וואָס עס קומט פאָר אף דער וועלט. בעדרעשי, פאַרקערט, האַלט, אז דער מענטש גייט אַלץ פאָרויס, דרינגט מיט זײַן סייכל טיפער אַרײַן אין די סוידעס פון דער וועלט און זײַנע באַמיִונגען האָבן א טיפן זין און גייען ניט לעיִבעד — הלא ידעת כי יש למעשיך זכרון.

עס זײַנען פאַראַן א סאַך אזעלכע אנטיטעטישע ערטער אין ביידע ווערק. אָבער שוין פון די געבראַכטע בײַשפּילן איז צו זען, אז ניט קויהעלעסעס סקעפּטיציזם איז אייגנטימלעך פאַר י. בעדרעשין, און אז די מעקוירעס פון זײַן אידייען־וועלט דאַרף מען זוכן ערגעץ אנדערש, און קוידעמקאָל אין דעם פּאָזיטיוון ראַציאָנאַליזם פונעם ראַמבאַם.

צוויי היסטאָרישע געשעענישן האָבן באַשטימט דעם כאַראַקטער און דעם אינהאַלט פון בעדרעשיס פּאָעמע: דער גײַרעש פון די פּראָוואַנסאַלער יידן (1306) און דער הונדערטיאָריקער פילאָסאָפישער שטרײַט ארום דעם ראַמבאַמס ווערק.

י. בעדרעשי איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע אָנטיילנעמער אין דער פּאָלעמיק. זײַן באַרימטער פּאַרטיידיקונגס־בריוו (כתב ההתנצלות) לייענט זיך נאָך הײַנט־צו־טאָג ווי א דאָקומענט פון גרויסער גײַסטיקער גוווּרע: „איר האָט א קאַמף דערקלערט דער פילאָסאָפיע און דעם פרײַען געדאַנק. אומזיסט איז אײַער מי. דער פילאָסאָפישער געדאַנק האָט זיך אײַנגעבירגערט בא יידן נאָך אין סאַדיע גאָענס צײַטן, האָט אופגעבליט אינעם דאָר פון אַווראָם איבן עזראַ, און דערגרייכט די העכסטע מאַדריגע, ווען ס'האָט אופגעלויכטן דער שטערן פון מוישע בען מײַמאָן, וואָס זײַן נאָמען איז גרויס און טײַער ניט נאָר בא יידן, נײַערט אויך בא די כאַכמיי אומעס האָאוילאָם... מיר קאָנען און ווילן זיך ניט שיידן פון דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג. זי איז אונדזער אָטעם, אונדזער לעבן"...

וועגן דעם „כתב ההתנצלות" און י. בעדרעשיס באַציִונג צום ראַמבאַם איז בכלאַל פאַראַן א רײַכע ליטעראַטור. ווייניקער אָבער איז געשריבן געוואָרן וועגן די פעדעם, וואָס פאַרבינדן „בחינת עולם" מיט דעם ראַמבאַמס ווערק. עס איז פאַראַן א מערקווירדיקע אידייִשע נאָענטקײַט צווישן דער פּאָעמע מיט די קאַפּיטלען אין דריטן טייל פון „מורה נבוכים", ווו דער ראַמבאַם באַהאַנדלט די סיבעס פון דעם מענטשנס ליידן און די וועגן, וואָס ברענגען אים שליימעס און גליק.

אין סאַמע לעצטן אַקאָרד פון דער פּאָעמע ווײַזט י. בעדרעשי אַליין אָן דעם אידייִשן קוואַל פון זײַן ווערק: „צי וועט דײַן הארץ זיך ווענדן אף רעכטס, צי אף לינקס, גלייבן זאָלסטו אין אַלץ, אין וואָס עס האָט געגלייבט דער לעצטער פון די גאָונים, נאָר דער ערשטער לויט זײַן כשיוועס, דער גרויסער לערער ראַביינו מוישע בען מײַמאָן, וואָס קיינער פון די כאַכמיי יִסראָעל פון נאָך כסימעס האַטאַלמוד קאָן זיך צו אים ניט גלײַכן".

צווישן דער גרויסער צאָל עפּיגראַמען אין לידער, וועלכע זײַנען געשאַפן געוואָרן וועגן דעם ראַמבאַם און זײַנע ווערק, איז פאַראַן אן עפּיגראַם, וואָס האָט אַרויסגערופן שטוינונג בא א סאַך פאָרשער צוליב זײַן קימאַט קריסטלעכן כאַראַקטער:

אדם ולא אדם ואם אדם היית
ממלאכי — רום אמך הרתה
או אומרה לאל באין אשה ואיש
מלאך בעולם תחתון בואת![1]

דער פאָרשער פון דער העברעיִשער פּאָעזיע כאַיִם בראַדי האַלט, אז דעם עפּיגראַם האָט אָנגעשריבן י. בעדרעשי.[2] עמעס, כ. בראַדי האָט דערבײַ אוועקגעשטעלט א פראַגעצייכן. אויב אָבער אין זינען האָבן די עפּיטעטן, מיט וועלכע י. בעדרעשי באַנוצט זיך אין „בחינת עולם"

---

[1] א מענטש ניט קיין מענטש, און אויב ביסט א מענטש געווען,
איז דײַן מאַמע שוואַנגער געוואָרן פון א מאַלעך,
אָדער גאָט האָט דיך, אָן מאַן און ווײַב, ווי א
מאַלעך פאַרן אוילעם האַטאַכטן, באַשאַפן.

[2] חיים בראדי: מכתמים על הרמב"ם וספריו. אין זשורנאַל „מאזנים", וואָס איז דערשינען צום 800־יאָריקן געבורטסטאָג פונעם ראַמבאַם. תל־אביב, 1935.

(עד היותו כאלוהים. בר אלוהין), איז עפשער מעגלעך, אז כ. בראדיס פראגעצייכן איז אן איבעריקער.

אין אָנהייב פון דער הײַנטיקער נאָטיץ איז דערמאָנט געוואָרן א. אויערבאכס איבערזעצונג פון „בחינת עולם“. אגעוו איז זי דערשינען אין 1744 אונטערן נאָמען „צפנת פענח“. פאראן נאָך אן איבערזעצונג א. נ. „שפה ברורה“ — פון עליעזער פאוויר (זשאלקיעוו, 1805). איןביידע איבערזעצונגען איז פאראן א רײַכער שפּראַך־מאטעריאל, וועלכער זאָגט אײדעס וועגן דעם אָפּגאנג פון די אלטע ליטעראַרישע קאנאָנען און דעם אָנהייב פון א נײַעם נוסעך אין דער ייִדישער ליטעראטור.

אײַזיק אויערבאך שטעקט נאָך אינגאנצן אין אלטן נוסעך. עליעזער פאוויר געהערט צו די פּיִאָנערן פון דעם נײַעם ליטעראַרישן סטיל. ער איז געווען איינער פון די ערשטע ייִדישע שריפטשטעלער, וואָס האָט, פאר מענדל לעפין און יוסעף פּערל, געפרווט איבערײַסן מיט דעם פארגליווערטן טראדיציאָנעלן „הויכדײַטש“ און באנוצן זיך מיט דעם לעבעדיקן פאָלקס־ייִדיש.

די אייגנארטיקע וואָרט־שפּילן, אליטעראציעס און אסאָנאנסן, מיט וועלכע י. בעדרעשי האָט זיך באנוצט אין זײַן פּאָעמע, זײַנען זייער שווער צו איבערזעצן. עס איז באשטימט אינטערעסאנט נאָכצופאָלגן, וויאזוי די ייִדישע איבערזעצער האָבן בײַגעקומען די שוועריקײַטן.

נאָר דאָס איז שוין א טעמע פאר א באזונדערער נאָטיץ.

ל. פּאָדריאטשיק

כראָניק

ביראָבידזשאַנער נײַעס

א באריכט־פארזאמלונג פון דער קאנטישער שרײַבער־אָרגאניזאציע

אין כאבאראָווסק איז פאָרגעקומען א באריכט־ און וואל־פארזאמלונג פון דער קאנטישער שרײַבער־אָרגאניזאציע. אין זײַן באריכט וועגן דער טעטיקײַט פון די ווײַטמיזרעכדיקע שרײַבער האָט דער פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר פון דער ביוראָ פון די כאבאראָווסקער שרײַבער וויקטאר אלעקסאנדראָווסקי אָפּגעמערקט א ריי שפּעריקע דערפאָלגן פון די ליטעראַטאָרן.

די פארזאמלונג האָט אויסגעוויילט א נײַעם באשטאנד פון דער ביוראָ פון דער כאבאראָווסקער שרײַבער־אָרגאניזאציע. צווישן אנדערע איז אין דער ביוראָ אויסגעקליבן געוואָרן דער ייִדישער פּראָזאיִקער, מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פון זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“ בוזי מילער.

„קומט צו פאָרן!“

אזוי הייסט די נײַע ווײַטמיזרעכדיקע זינגליד, וואָס איז פארעפנטלעכט אינעם נײַיאָר־נומער פון „ביראָבידזשאַנער שטערן“. די אווטאָרן פון דער ליד זײַנען די ביראָבידזשאַנער טוישווים — דער ליטעראַטאָר מאקס עפּשטיין און דער קאָמפּאָזיטאָר אוראַם גערשקאָוו.

אָט ווי עס קלינגט די ערשטע סטראָפע פון דער ליד:

אפן ווײַטן מיזרעך קומט
צו פאָרן, פרײַנט!
ס'איז דער ווײַטער מיזרעך גאָר
ניט ווײַט שוין הײַנט.
נאָכן מאָסקווער פרישטיק פלי
אויף אין דער לופט,
און צום מיטיק פרײַנטלעך דיך
כאבאראָווסק רופט.

א סעמינאר פון קולטור־טוער

אין ביראָבידזשאַן איז דורכגעפירט געוואָרן א סעמינאר פון די אָנפירער מיט די פּראָפאַריינישע קלובן און ביבליאָטעקן. מיט א פּאָרטראָג וועגן די אויפגאבן פון די קולטור־טוער אין דער צוגרייטונג צום XXIV פּארטיי־צוזאמענפאָר איז ארויסגעטראָטן דער פאָרזיצער פונעם געגנטלעכן פּראָפאריינען־ראט כ' בראָווצין. מיט מיטיילונגען וועגן די מעטאָדן און פאָרמען פון דער קולט־מאסן־ארבעט אין די קלובן און ביבליאָטעקן זײַנען ארויסגעטראָטן די פּעדאגאָגן פון דער קאנטישער קולטור־אופקלערערישער שול ראדעצקאיא און פּײַן.

די אָנטיילנעמער פונעם סעמינאר האָבן זיך באקענט מיט די טעמאַטישע קאָמפּאָזיציעס פונעם געגנטלעכן קאנטקענטעניש־מוזיי.

טוריסטישע רײַזעס איבערן לאנד

פיל שילער פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט האָבן אין פארגאנגענעם יאָר דורכגעמאכט טוריסטישע רײַזעס איבער אונדזער לאנד. הונדערט פון זיי האָבן געווײַלט אין מאָסקווע. אן אנדער גרופּע פון פופציק שילער איז געפאָרן קיין לענינגראד, ווו זי האָט זיך באקענט מיט די היסטאָרישע ערטער פון דער לענין־שטאָט. אריבער 400 שילער האָבן גערײַזט איבערן ווײַטן מיזרעך מיטן טוריסטן־צוג „פּאקעל“.

אין נײַעם יאָר זײַנען פארפלאנירט דורכצופירן נײַע טוריסטישע רײַזעס. די ערשטע גרופּע פון דער געגנט אין באשטאנד פון 35 שילער האָט באגעגנט דאָס נײַ־יאָר אין מאָסקווע ארום דער גרויסארטיקער נײַיאָר־יאָלקע אין קרעמל.

● ● ●

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

וואָס אין ענטפער איז ניטאָ, — דאָס איז דאָ אין די ראַנד־באַמערקונגען

„סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער טרעטן ארויס מיט א רוף פארן שאָלעם אפן נאָענטן מיזרעך“ („אונדזער פרײַנט“, מאָנטעווידעאָ); „מיר סאָלידאריזירן זיך פול־שטענדיק מיטן דערהויבענעם רוף“ („פאָלקס־שטימע“, ווארשע); „דער רוף דריקט אויס פרײַנטשאפט צו ייִסראָעל, פונקט אזוי ווי צו אלע מעלוכעס אין מיטעלן מיזרעך“ („מאָרגן־פרײַהײַט“, ניו־יאָרק); „מיר האלטן פאר נייטיק אויסצודריקן די גרויסע פרייד, וואָס עס האָט אונדז פאר־שאפט די ווענדונג פון 59 ייִדישע שרײַבער פון ראטנ־פארבאנד, וועלכע איז פארעפנטלעכט געוואָרן אין סעפ־טיאבער־נומער (פון 1970. — רעד.) פון „סאָוועטיש היימ־לאנד“. דער וויכטיקער באדײַט פון אָט דער ווענדונג באַ־שטייט קוידעמקאָל אין דער טיפער זאָרג, וואָס זי דריקט אויס פאר א שנעלן און גערעכטן שאָלעם צווישן ייִסראָעל און די אראבישע מעלוכעס און פעלקער“ („נײַע פרעסע“, פאריזש).

„פארוואָס איז די ווענדונג ניט געדרוקט אף דער ער־שטער זײַט פון „סאָוועטיש היימלאנד“, נאָר אף דער 118־ער? פארוואָס האָבן די ווענדונג ניט אונטערגעשריבן אלע הונדערט שרײַבער?“ („לעצטע נײַס“, טעל־אוויוו).

דעם לייענער איז דאָ אלץ קלאָר: עס גייט א רייד וועגן דעם אָפענעם בריוו פון סאָוועטישע ייִדישע שרײַ־בער צו די ייִדישע שרײַבער פון דער וועלט, אין וועלכן די לעצטע ווערן גערופן „מיטצווּוירקן, עס זאָל געשאפן ווערן אן אטמאָספער פון פרײַנטשאפט צווישן די פעלקער פון ייִסראָעל און די אראבישע לענדער“; די גרעסטע מערהײַט ייִדישע שרײַבער, זשורנאליסטן פון פעריאָדישע אויסגאבעס אין אויסלאנד האָבן באגריסט און באַ־גיטיקט דעם דאָזיקן לײַדנשאפטלעכן רוף. אין דער זעלבער צײַט זײַנען אנדערע ארויסגעטראָטן מיט דעם מין קלאָץ־קאשעס, וואָס מיר האָבן אויבן געבראכט. דער אווטאָר פון דעם ארטיקל אין דער טעל־אוויווער צײַטונג איז ל. לענעמאן, אן עקסטרעם אנטיסאָוועטישער פאריזשער זשורנאליסט, און דער דיסאָנאנס אין דעם פרינצי־פיעל־וויכטיקן דיאלאָג, וועלכן ער טראָגט ארײַן מיט זײַנע קליינקאליבערדיקע „פארוואָסן“, איז ניט קיין אומ־געריכטער, אויב נעמען אין אכט דעם נידעריקן ניוואָ ביכלאל פון דער אנטיסאָוועטישער און רעאקציאָנערער זשורנאליסטיק אף דער ייִדישער גאס.

און דאָך קאָנען מיר ניט פארבײַגיין דאָס ארטיקל אין די „לעצטע נײַס“, און אָט פארוואָס.

לענעמאנס ארטיקל איז באטיטלט „ענטפער פון ייִדישע שרײַבער אין פראנקרײַך אף דער שאָלעם־ווענדונג פון זייערע סאָוועטישע קאָלעגן“. אין אונטערקעפל, וואָס מיר האָבן שוין אויבן טיילווײַז ציטירט, איז פאראן, אויסער די געבראכטע שורעס, נאָך איינע, דעהײַנע — „ווער דער פאריזשער ענטפער פארעפנטלעכט ווערן אין מאָסקווע?“.

דארפן מיר דאָ, קוידעמקאָל, באשטעטיקן, אז יאָ, די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד“ האָט דערהאלטן פון פאריזש א בריוו, אונטערגעשריבן (אויסער ל. לענע־מאנען) פון ב. קוטשערן, ב. גוטערמאנען, ל. מאקאָווסקין, ש. קלינגערן, א. סקורניקן, מ. ליטווינען, ש. פרידריכן. דער בריוו איז באקומען געוואָרן, ווען דער הײַנטיקער פעווראל־נומער פון „סאָוועטיש היימלאנד“ איז שוין געווען אין זאץ, און דאָך, קעדיי ניט האָבן צו טאָן מיט נאָך איין „פארוואָס“, האָט די רעדאקציע אָנגענומען די נייטיקע מיטלען, אז אין פעוראל־נומער זאָל דער שמועס פאָר־געזעצט ווערן. מיר, פון אונדזער זײַט, זאָגן דערבײַ צו, אז מיר וועלן ניט פרעגן, לעמאָשל, פ א ר װ א ָ ס עס זײַנען אונטער דעם פאריזשער בריוו ניט אונטערגעשריבן אזעלכע וויכטיקע פאריזשער שרײַבער, ווי כאַיִם סלאָוועס, מוישע שולשטיין, דאָרע טייטלבוים, א. שלעווין, ג. קעניג אא. און צי קאָן מען מאסקים זײַן, אז אן ענטפער פון א „פאריין“, אָן די אונטערשריפטן פון אָט די שרײַבער, קאָן פארעכנט ווערן אלס ענטפער „אין נאָמען פון די ייִדישע שרײַבער אין פראנקרײַך“? מיר וועלן זיך באגיין אָן אזעלכע „פארוואָסן“ און וועלן בעסער פרווּון ענטפערן ל. לענעמאנען, וועלכער טוט פרעגן מיט גרויס פארדאכט: אזיוויי אין נומ. 1 פון „סאָוועטיש היימלאנד“ פארן יאָר 1961 איז פובליקירט א רעשימע פון העכער 100 אווטאָרן פון „סאָוועטיש היימלאנד“ און אונטער דער ווענדונג פון סענטיאבער 1970 זײַנען אונטערגעשריבן 59, — איז ווּ זײַנען „די איבעריקע“?

מיר זײַנען שוין געווינט, אז די לענעמאנס און זייערע שוטפים אין אנדערע לענדער האלטן אין איין ציילן די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, וועלכע טרעטן ארויס מיט דער אָדער יענער געזעלשאפטלעך־נוצלעכער מעלדונג. זיי זוכן אזעלכע שרײַבער, וועלכע „האָבן ניט געוואָלט אונ־טערשרײַבן“. עס כאָלעמט זיך זיי „אָפאָזיציע“. אונדז זעט אזא אריפמעטיק אויס פאָשעט לעכערלעך. אף לענע־מאנס „פארוואָס“ ענטפערן מיר, אז „ארומכאפן אלעמען“, „ניט דורכלאָזן קיינעם“ איז ניט אין דער טעווע פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור־סוויווע ווען עס גייט א רייד וועגן אן אלגעמיין־נויטווענדיקן ווּנטש, וואָס ווערט געבראכט אין נאָמען פונעם קאָלעקטיוו.

ס׳וואָלט אויך ניט שאטן, ווען עמעצער אין פאריזש אָדער אין טעל־אוויוו וואָלט געהאָלפן לענעמאנען צו אונ־טערפירן זײַן באלאנס אויך פון אן אנדער זײַט. אף לע־נעמאנס פראגע „ווּ זײַנען די איבעריקע? ס׳איז געווען העכער הונדערט, איצט שרײַבן אונטער די ווענדונג 59!“ דארף מען אים אונטערזאָגן, ווּ עס זײַנען איצט נאָכעם

אויסלענדער, אויזער האַלדעס, מוישע טייף, כאַים לויצקער, כאנע לעווין, כאַים נאדעל, מוישע נאָטאָוויטש, לייב פולווער, אווראָם קאהאן, יויסעף קאָטליאר און אנדערע.

די זשורנאַליסטישע „עטיק" פון דער ייִדישער בירגערלעכער „זײַט פון דער באריקאדע" האָט דערלויבט ל. לענעמאנען צו פארעפנטלעכן שאנטאזשיסטישע „ראנד־באמערקונגען", איידער די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער האָבן געהאט די מעגלעכקײַט אָפּדרוקן דעם בריוו, אונטער וועלכן ער אליין, לענעמאן, האָט זיך אונטערגעשריבן. איינצײַטיק דערגייען צו אונדז די מילכאָמע־אונטערצינדערישע ארויסטרעטונגען בעשײַכעס דער סיטואציע אפן נאָענטן מיזרעך, די ווילדע אנטיסאָוועטישע קאמפאניע, וואָס ווערט געפירט, צום בײַשפּיל, אין פאריזשער ציִעניסטישן „אונדזער וואָרט", צו וועלכן עס האָבן א דירעקטע שײַכעס די אונטערגעשריבענע אָנפירער פונעם אויבנדערמאָנטן „פארייין".

אין אזעלכע אומשטענדן פאלט אָפּ, פארשטענדלעך, די נויטווענדיקײַט צו פובליקירן אין „סאָוועטיש היימלאנד" דעם ענטפער פון לענעמאנען און קאָמפּאניע. דער קאמף פארן שאָלעם און פארן ווילזײַן פון די פעלקער פונעם נאָענטן מיזרעך איז צו אן ערנסטער איניען. מיט ספעקוליאציעס וועט קיינער דאָ גאָרניט אופטאָן.

דעם אָנדענק פון א גרויסן קינסטלער

אפן איין־און־אכציקסטן יאָר פון זײַן לעבן איז געשטאָרבן נאטאן אלטמאן. ס'איז אוועק פון אונדז א גרויסער קינסטלער, וואָס איז ביז דער טיפער עלטער געווען שעפעריש אקטיוו. אף די מאָלבערטן אין זײַן קינסטלערישער אטעליע זײַנען פארבליבן פיל ניט לאנג צוריק פארענדיקטע און אָקאָרשט אָנגעהויבענע בילדער, וואָס שמעקן נאָך מיט פרישער פארב... די לענין־טעמע, איבער וועלכער אלטמאן האָט ניט אופגעהערט צו ארבעטן אין מעשעך פון צענדליקער יאָרן, האָט אים גערופן צו נײַע און נײַע שעפערישע אנטפלעקונגען. אין צענטער פון דער אטעליע שטייט דער נײַער לענין־ביוסט, וועלכן ער האָט וואָס ווײַטער אלץ מער פארפולקומט. אינעם לענין־יאָר האָט נאטאן אלטמאן פובליקירט זיכרוינעס וועגן זײַנע באגעגענישן מיט וולאדימיר איליטשן אין 1920. די דאָזיקע באגעגענישן האָבן געהאט די גרעסטע ווירקונג אפן קינסטלער, אף זײַן גוירל, אף זײַן גאנצער טעטיקײַט.

פילארטיק און פרוכטבאר איז געווען נאטאן אלטמאנס שאפונג. פינף און זעכציק יאָר האָט ער אָפּגעגעבן דער קונסט. אָבער באזונדערס האָט זיך צעבליט זײַן טאלאנט אין דער סאָוועטישער טקופע. גלײַך נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע שליסט זיך אלטמאן אײַן אינעם ברויזנדיקן געזעלשאפטלעכן לעבן פון דער יונגער סאָוועטן־רעפובליק. ער ארבעט אינעם פאָלקס־קאָמיסאריאט פאר בילדונג, אונטער דער דירעקטער אופירונג פון א. וו. לונאטשארסקין נעמט ער א טיכטיקן אָנטייל אין דער קולטור־בויונג פון לאנד.

אף דער יובילײַ־אויסשטעלונג, געווידמעט נאטאן אלטמאנס אכציקסטן געבורטסטאָג, האָט מען זיך געקענט באקענען מיט אלע זשאנרען פון זײַן פילפאכיקער שאפונג — גראפיק, אייל־בילדער, סקולפטור, טעאטער־דעקאָראציעס, נאָר מער פון אלץ האָבן די טויזנט עקספּאָנאטן פון דער אויסשטעלונג גערעדט וועגן דער טיפער ארײַנדרינגונג פונעם קינסטלער אין לעבן פון זײַן לאנד.

נאטאן אלטמאן איז געבוירן געוואָרן דעם 22 דעקאבער 1888 אין וויניצע. די שטעטלדיקע ווירקלעכקײַט, די ארומיקע סוויווע האָבן אים אין דער יוגנט געגעבן גענוג שטאָף אף שאפן אײַנדרוקספולע בילדער פון זײַן היים. פון דאן אָן גלידערט זיך אײַן אין זײַן שאפונג די ייִדישע טעמע, וואָס פארנעמט אף באזונדערע עטאפּן פון זײַן קינסטלערישער ביִאָגראפיע אן אָנגעזעען אָרט. ער האָט געזוכט און אויסגעפונען נײַע אייגנארטיקע פאָרמען פאר דער ייִדישער גראפיק, אָפּט איליוסטרירט ייִדישע ביכער. א ריי יאָרן געווען דער הויפּט־קינסטלער פונעם מאָסקווער גאָסעט.

נאטאן אלטמאן איז געווען א קינסטלער מיט א וועלט־נאָמען. זײַנע ווערק זײַנען באוווּסט און פאָפּולער אין אייראָפּע און אין אמעריקע. מיט אייניקע כאדאָשים פאר זײַן טויט האָט די קונסט־אקאדעמיע פון דער דײַטשישער דעמאָקראטישער רעפובליק אים אויסגעוויילט אלס מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט. זײַנע בילדער זײַנען עקספּאָנירט אין דער טרעטיאקאָווער גאלעריי, אינעם לענינגראדער רוסישן מוזיי, אינעם אלפארבאנדישן לענין־מוזיי, אין פיל אנדערע קונסט־גאלערייען פונעם סאָוועטנפארבאנד און פון אויסלאנד.

גרויס איז דער פארלוסט. נאָר די ירושע פונעם קינסטלער וועט ניט אופהערן לעבן. זי וועט פארבלײַבן אף דורעס ווי א קוואל פון עכטער שיינקײַט, ווי א מוסטער פון הומאניסטישער קונסט, וואָס איז שטענדיק טרײַ דער פּראָגרעסיווער מענטשהײַט, די אידעאלן פון רעוואָליוציע און קאָמוניזם.

ז. קאהאן

פאַרשיידנס

א נײַע געבײַדע פאַרן ליטעראַרישן מוזיי

ווער ס'איז געווען אין מאָסקווער ליטעראַרישן מוזיי, ווייסט, אַז דאָרט געפינען זיך זעלטענע ביכער, אוניקאַלע אויסגאַבעס, כראָניקעס פון 11—16־טן יאָרהונדערטן, ווערק מיט אויטאָגראַפן פון די אויטאָרס — באַ א מיליאָן עקספּאָנאַטן. די מוזיי־פאָנדן וואַקסן פון טאָג צו טאָג; ס'קומט אויס צו עקספּאָנירן בלויז א דריטל פון די פאַראַנענע פאָנדן. לויטן פּראָיעקט וועט די נײַע געבײַדע פונעם מוזיי שטיין לעבן דער אַלטער געבײַדע אין מאָסקווע, אויף דער דימיטראָוו־גאַס. דער שטעטח פון די אויסשטעלונג־זאַלן וועט פאַרגרעסערט ווערן אין צען מאָל. יעדער זאַל, וואָס עקספּאָנירט די ליטעראַטור פון דער אָדער יענער עפּאָכע, וועט זײַן אויסגעפאָרעמט אַנטשפּרעכיק דער צײַט, וואָס ווערט אין אים אָפּגעשפּיגלט. אינעם קאָנפערענץ־זאַל אויף 500—600 ערטער וועלן פאָרקומען שעפערישע אָוונטן פון שרײַבער, באַהאַנדלונגען פון נײַע ביכער. ס'איז באַשטימט געוואָרן צו עפענען דאָ אויך א קינאָ־לעקטאָרי. אין די זאַלן פון דער ליטעראַטור פון 20־טן יאָרהונדערט און פון דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ליטעראַטור וועלן די באַזוכער קענען הערן די שטימען פון די שרײַבער, פאַרשריבענע אויף א מאַגניט־טאַשמע.

אי. טאָלטשינסקאַיאַ („נעדיעליאַ").

די געשיכטע אין פּאָרצעלײַ

ווען דו קוקסט אויף די פּאָרצעלײַענע כפייצים פונעם אינזשעניער א. בעלי, העסטו ניט אויף צו כידעשן זיך: ווי האָט דאָס אַלץ זיך געקאָנט אײַנהיטן אין מעשעך פון צוויי יאָרהונדערטן! העכער פיר הונדערט פיגורלעך, טעלער, קופּלען... און יעדער עקספּאָנאַט גיט איבער דעם קאָלאָריט פון זײַן צײַט, דערציילט וועגן אירע מידעס, קליידער, געשמאַקן.

אין בעלים קאָלעקציע זײַנען פאַראַן אוניקאַלע זאַכן. צווישן די זעלטן שיינע טעלער, מיט וועלכע ס'איז באַהאַנגען דער צימער, זײַנען פאַראַן אַזעלכע, וואָס איר וועט ניט טרעפן אין קיין איין מוזיי. אייניקע טעלער זײַנען אינקרוסטירט פון באַרימטע קינסטלער. אויף די קופּלען זײַנען אָנגעמאָלט פאַרשיידענע שטאָט־אַנסאַמבלען פון פּעטערבורג.

דרײַסיק יאָר האָט געזאַמלט זײַן קאָלעקציע א. בעלי. און איצט קלײַבט ער זיך איבערגעבן זי אַלס מאַטאָנע דער שטאָט.

א. קנאָפּ. אָדעס („איזוועסטיאַ")

דאָס געפינס פון אַן אַרכעאָלאָג

די אַמעריקאַנער געלערנטע אײַריס לאַוו, פּראָפעסאָר פון אַרכעאָלאָגיע פונעם לאָנג־אײַלענדער אוניווערסיטעט, איז אַרויסגעטראָטן מיט א באַהויפּטונג, אַז דער קאָפּ פון מאַרמאָר, וואָס זי האָט געפונען אין די קעלערס פונעם בריטאַנישן מוזיי, איז א טייל פון דער באַרימטער סטאַטוע „אַפראָדיטע", וואָס עס האָט געשאַפן פּראַקסיטעל. דער דאָזיקער שעדעווער פון דער אַלטגריכישער קולטור איז באַוווּסט אין דער וועלט בלויז אין קאָפּיעס. לאַוו דערקלערט, אַז די מאָסן פון דעם ניט צעשעדיקטן טייל פונעם קאָפּ פאַלן פּינקטלעך צונויף מיט די מאָסן פון די אײַנגעהיטע קאָפּיעס און אַז דער קאָפּ איז געמאַכט פון דעם זעלבן מאַרמאָר, וואָס די פּראַגמענטן פון דער סקולפּטור, וועלכע מע האָט דאָ ניט לאַנג געפונען בײַס די אויסגראָבונגען אין דער טערקישער שטאָט, ווו ס'איז אַמאָל געשטאַנען אַפראָדיטעס טעמפּל.

די דערקלערונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין ניו־יאָרק, האָט אַרויסגערופן א שטורעם אין די קונסט־קענטעניש־קרײַזן פון לאָנדאָן. אַנערקענענדיק, אַז דער מאַרמאָרנער קאָפּ איז ווירקלעך א טייל פון דער אַלט־גריכישער סטאַטוע פון 4־טן יאָרהונדערט ביז אונדזער ערע, צווייפלט אָבער די מערהײַט ענגלישע עקספּערטן אין דעם, אַז די סטאַטוע איז טאַקע פּראַקסיטעלס „אַפראָדיטע" אַליין. איינע האַלטן, אַז די סקולפּטור האָט געשאַפן פּראַקסיטעלס א מיטצײַטלער, וואָס האָט זיך געפונען אונטער זײַן ווירקונג. אַנדערע באַהויפּטן, אַז דאָס איז בכלל ניט אַפראָדיטע, נאָר פּערסעפאָנע — די טאָכטער פון דער געטין פון דער ערד דעמעטרע. באַ די ענגלענדער רופט אַרויס פאַרדראָס די דערקלערונג פון דער אַמעריקאַנערן וועגן דעם, אַז דער קונסט־שעדעווער האָט זיך געוואַלגערט „111 יאָר אין שטויב פון די קעלערס".

ג. וואַסיליעוו („פּראַוודאַ").

געטעס א מאַטאָנע

געטעס א פּאָרטרעט, וואָס איז געמאָלט געוואָרן פון אן אומבאַוווּסטן דײַטשישן קינסטלער, געפינט זיך אינעם פאַמיליען־אַלבאָם פונעם פּערמער מוזיקאַנט־פּעדאַגאָג יעקאַטערינאַ אַלעקסייעוונאַ טרייטער. ווי־אַזוי קומט דער דאָזיקער פּאָרטרעט קיין רוסלאַנד, אף אוראַל?

אָט די פראַגע איז געוואָרן פאַר יע. טרייטער איינע פון די טעמעס באַם שטודירן די געשיכטע פון די רוסיש־דײַטשישע קולטור־פאַרבינדונגען אינעם ערשטן דריטל פון נײַנצנטן יאָרהונדערט. א שטויס דערצו זײַנען אויך געווען די רעליקוויעס פונעם פאַמיליען־אַרכיוו, ווו ס׳געפינט זיך געטעס אן אווטאָגראַף, און די מישפּאָכע־מעסוירע וועגן געטעס קרויוועשאַפט מיט דעם רוסיפיצירטן אָפּצווײַג פון דער טרייטער־דינאַסטיע, וואָס איז אַריבערגעפאָרן אין 1806 יאָר פון ווײַמאַר קיין רוסלאַנד. טאַקע די פאָרשטייער פון אָט דעם אָפּצווײַג האָבן עס געבראַכט פון דײַטשלאַנד געטעס אוניקאַלן פּאָרטרעט.

(„וועטשערניאַיאַ מאָסקוואַ“)

די ביבליאָטעק איז אַלט 400 יאָר

אויב אויסשטעלן אין איין ליניע די פּאָליצעס מיט ביכער פון דער וויסנשאַפטלעכער ביבליאָטעק פונעם ווילניוסער מעלוכע־אוניווערסיטעט אף וו. קאַפּסוקאַס נאָמען, — וועט די ליניע האַלטן עטלעכע צענדליק קילאָמעטער. פאַר פיר יאָרהונדערטן, וואָס די ביבליאָטעק עקזיסטירט, זײַנען פון דער גאַנצער וועלט צונויפגעזאַמלט געוואָרן העכער צוויי מיט א האַלבן מיליאָן בענדער, געדרוקטע און מאַנוסקריפּטן. דאָ זײַנען פאַראַן זעלטענע פאָליאַנטן, וואָס זײַנען אף א סאַך עלטער פון דער ביבליאָטעק. צווישן זיי — די ערשטע אויסגאַבע פון נ. קאָפּערניקס ווערק „וועגן דער באַוועגונג פון די הימל־ספערן“, א זעלטענע גראַמאַטיק פון דער סלאַווישער שפּראַך, געאָגראַפישע אַטלאַסן, אף וועלכע דער סקאַנדינאַווישער האַלב־אינדזל איז נאָך באַצייכנט אַלס אינדזל, און אַפּן אָרט פון אייניקע מאַטעריקן זײַנען פאַראַן ווײַסע פלעקן.

די אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק האַלט אונטער ענגע פאַרבינדונגען מיט 350 ביבליאָטעקן און וויסנשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס פון דער וועלט. מיט אירע פאָנדן נוצן זיך שטענדיק העכער 15 טויזנט לייענער, צווישן זיי די געלערנטע פון פוילן, דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, ענגלאַנד, פינלאַנד, פּשא.

דאָס אַרײַנטרעטן פון דער ביבליאָטעק אינעם פינפטן יאָרהונדערט פון איר עקזיסטענץ איז אָפּגעמערקט מיט א כאַנוקאַס־האַבאַיִס: העכער א מיליאָן ביכער און מאַנוסקריפּטן זײַנען אַריבערגעפירט געוואָרן אין א נײַעם מאָדערנעם ביניען.

אי. קאַסיוקאָוו („איזוועסטיאַ“)

צי רעדט איר אף שווייצאַריש?

אַזאַ פראַגע האָט מיר דאָ ניט לאַנג פאַרגעבן א מענטש, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז מײַן קינדהײַט איז דורכגעגאַנגען אין שווייצאַריע. קיין שווייצאַרישע שפּראַך איז אָבער ניט פאַראַן. אין די מײַרעווּדיקע קאַנטאָנען רעדט מען אף פראַנצויזיש, אין טעסין (טיטשינאָ) — אף איטאַליעניש, אין דער מערהײַט קאַנטאָנען — אף דײַטש, צווישן פאָלק זײַנען פאַרשפּרייט דיאַלעקטן. יעדער „דײַטשישער“ קאַנטאָן, צום בײַשפּיל, פאַרמאָגט זײַן דיאַלעקט.

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז די שפּראַך־סיטואַציע אין דער הויפּטשטאָט פונעם קאַנטאָן גראַוביונדען־קור (בור). אין אָט דעם שטעטל רעדט מען אף זעקס שפּראַכן! אויך אף אַזויפיל שפּראַכן ווערן אַרויסגעלאָזט לערנביכער פאַר די שולן. אַלס מוטערשפּראַכן האַלט מען דאָ דײַטש, איטאַליעניש און די אַזויגערופענע רעטאָראָמאַנישע שפּראַך, וואָס עקזיסטירט אין פיר וואַריאַנטן, און זיי אונטערשיידן זיך גאַנץ שטאַרק איינער פון צווייטן.

אַלזאָ, ס׳איז ניט פאַראַן קיין שווייצאַרישע שפּראַך, ווי ס׳איז ניט פאַראַן קיין „אַמעריקאַנישע שפּראַך“, טראָץ די זעקס גרויסע בענדער פונעם לינגוויסט מענקען. ס׳איז ניט פאַראַן קיין בעלגיש — אין וואַלאָניע רעדט מען אף פראַנצויזיש, און אין פלאַנדריע — אף פלאַמאַנדיש. ס׳איז ניטאָ קיין טשילישע שפּראַך, ווי ס׳איז ניטאָ קיין אַרגענטינישע אָדער מעקסיקאַנישע: פון 25 לאַטײַן־אַמעריקאַנישע מעלוכעס רעדט מען בלויז אין בראַזיליע אף דער פּאָרטוגאַלישער שפּראַך, און אין אַלע איבעריקע לענדער פון אָט דעם ראַיאָן — אף שפּאַניש. אף ענגליש רעדט אַן ערעך א האַלבער מיליאַרד מענטשן פון פאַרשיידענע לענדער.

עס באַקומט זיך אַן אינטערעסאַנט בילד: אין א סאַך לענדער רעדט מען אף איין און דער זעלבער שפּראַך, און פונדעסטוועגן קאָן מען די צאָל לענדער פון דער וועלט באַצייכענען מיט דרײַ ציפערן, און שפּראַכן איז פאַראַן קימאַט 3000. אין אינדיע, צום בײַשפּיל, רעדט מען אף 500 דיאַלעקטן.

ט. אווערבאַך, קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן („נעדיעליאַ“)

נאָטיצן אַפן קאַלענדאַר

שרײַבער און ווערק

מיט 80 יאָר צוריק, דעם 6 פעווראַל 1891, איז אין דער ווײַסרוסישער שטאָט פינסק, אין געזינד פון א לערער פון מאטעמאטיק, געבוירן געוואָרן דער ייִדישער סאָוועטישער פילאָלאָג אײַזיק זארעצקי.

ערעוו דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט א. זארעצקי פארענדיקט דעם מאטעמאטישן פאקולטעט פון דערפּטער (איצט טארטוער) אוניווערסיטעט און איז געוואָרן באקאנט אלס באגאבטער מאטעמאטיקער. פון 1917 גיט ער זיך אָפּ דער ייִדישער פילאָלאָגיע, וואָס איז געוואָרן זײַן לעבנסבארוף. פארענדיקט אין כארקאָוו די אספּיראנטור אף דער פאָרשונגס־קאטעדרע פאר שפּראכוויסנשאפט, האָט ער א לענגערע צײַט געארבעט אלס וויסנשאפט־טוער פון דער קאטעדרע און אָנגעשריבן א לערנבוך „פּראקטישע ייִדישע גראמאטיק“.

אין 1936 ווערט א. זארעצקי א לעקטאָר פון ייִדישער גראמאטיק אף דער ליטעראריש־לינגוויסטישער אָפּטיילונג פונעם פּעדאגאָגישן פאקולטעט באם צווייטן מאָסקווער אוניווערסיטעט.

אײַזיק זארעצקי איז געווען אן אָנגעזעענער טעאָרעטיקער און אקטיווער בויער פון דער ייִדישער סאָוועטישער שפּראך. ער איז איינער פון די אָרגאניזאטאָרן פון דער אָרטאָגראפישער רעפאָרם פון סאָוועטישן ייִדיש, הויפּט־פאָרטרעגער וועגן אן איינהײַטלעכן ייִדישן אויסלייג אף דער אָרטאָגראפישער קאָנפערענץ אין כארקאָוו אין 1928 (אף אָט דער קאָנפערענץ איז אויסגעטיילט געוואָרן די צענטראלע מעלוכישע אָרטאָגראפישע קאָמיסיע בעראָש מיט מוישע ליטוואקאָוון), אווטאָר פון א גרויסער צאָל וויסנשאפטלעכע ארטיקלען וועגן ייִדיש אין דער פּעריאָדישער פּרעסע, באזונדערס אין זשורנאל „אפן שפּראכפראָנט“ (וועגן גראמאטיק, אָרטאָגראפיע, אָרטאָעפּיע, סטיליסטיק אאוו.). אף זײַנע וויסנשאפטלעכע ארבעטן איז דערצויגן געוואָרן א היפּשע פּאלאנגע ייִדישע סאָוועטישע שפּראכפאָרשער.

אין א בוכפאָרם זײַנען דערשינען א. זארעצקיס פאָלגנדע ווערק (אויסער דאָס שוין דערמאָנטע לערנבוך „פּראקטישע ייִדישע גראמאטיק“): „גרײַזן און ספּייקעס“, „קורס פון ייִדישער שפּראך“, „ייִדישע שפּראך פאר לערער“, „פאר א פּראָלעטארישער שפּראך“, „ייִדישע פּונקטואציע“ (אָנגעשריבן צוזאמען מיט עליע פאלקאָוויטשן), „מעטאָדיק פון ייִדיש“, „קלאָלים פון רעפאָרמירטן ייִדישן אויסלייג“ און אנד. אין 1961 (שוין נאָך זײַן טויט) איז ארויס אין רוסיש זײַנס א היפּש בוך וועגן רוסישער גראמאטיק.

דעם 15 פעווראַל ווערט 90 יאָר, זינט אין ווילנע איז געבוירן געוואָרן דער פילאָלאָג און זאמלער פון ייִדישן פאָלקלאָר יעהודע־לייב קאהאן.

ווען י.־ל. קאהאן איז געווען נאָך גאָר יונג, איז בא אים אופגעקומען דער פארלאנג צו אופזאמלען די ייִדישע פאָלקסלידער, וועלכע ער האָט געהערט זינגען אין יעדער קעלערשטוב, אין יעדן ווארשטאט. וווינענדיק אין ווארשע, האָט ער אין עלטער פון 18 יאָר נאָענט זיך באקאנט מיט דער גרופּע יונגע ייִדישע שרײַבער — אווראָם רייזען, שאָלעם אש, ה.־ד. נאָמבערג — און פון צײַט צו צײַט זיך געטראָפן אויך מיט י.־ל. פּערעצן. די שרײַבער האָבן אים שטארק דערמוטיקט צו אָט דעם וויכטיקן אופטו. אליין א האָרעפּאשניק, געקניפּט און געבונדן מיט די ברייטסטע קרײַזן פון דער ווארשעווער ייִדישער באפעלקערונג, האָט ער אין 1896—1901 אָנגעזאמלט גאָר א היפּשע צאָל ייִדישע פאָלקסלידער צוזאמען מיט די מעלאָדיעס.

אין 1901 איז י.־ל. קאהאן אריבערגעפאָרן קיין לאָנדאָן, ווו ער האָט זיך פארנומען מיט זײַן פאך (זייגערמאכערײַ) און פון צײַט צו צײַט געזאמלט פאָלקלאָר צווישן דער לאָנדאָנער ייִדישער באפעלקערונג. אין 1904 איז ער געקומען קיין אמעריקע. דאָ האָט זיך אים אײַנגעגעבן היפּש צו פארגרעסערן זײַן קאָלעקציע מיט די לידער פון די ליטווישע, פּאָדאָליער, גאליציאנער און רומענישע ייִדן. אין 1912 זײַנען אין ניו־יאָרקער פארלאג „אינטערנאציאָנאלע ביבליאָטעק“ ארויס אין א פּראכטאויסגאבע צוויי בענדער פון י.־ל. קאהאנס געזאמלטע לידער אונטערן נאָמען „ייִדישע פאָלקסלידער מיט מעלאָדיעס, אויס דעם פאָלקס־מויל געזאמלט“ (די צווייטע אופלאגע איז ארויס אין 1920). אין זיי זײַנען ארײַן 331 לידער און 171 מעלאָדיעס. אין 1929 האָט ער ארויסגעגעבן א זאמלבוך „ייִדישע פאָלקסמײַסעס“.

יעהודע־לייב קאהאן איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 3 מארט 1937.

דעם 25 פעוראל וועט אָפּגעמערקט ווערן דער 100־טער געבורטסטאָג פון דער אוקראַיִנישער שרײַבערן לעסיא אוקראַיִנקא (איר עמעסער נאָמען — לאריסא פעטראָוונא קאָסאטש־קוויטקאָ).

מיט אירע ערשטע לידער האָט ל. אוקראַיִנקא דעביוטירט אין דער פּעריאָדישער פּרעסע אין 1884. די גרונט־טעמע פון איר דיכטונג איז געווען — קאמף פאר דער סאָציאַלער און נאציאָנאלער באפרײַונג פון נעם אוקראַיִנישן פאָלק. אירע לידער האָבן פאָרגעזעצט די מאָטיוון פון ט. שעווטשענקאָ, אי. פראנקאָ, נ. נעקראסאָוו. אזעלכע זײַנען די פּאָעמעס „די לעוואָנע־לעגענדע" (1893), „ראָבערט בריס, דער קיניג פון שאָטלאנד" (1894), „אן אלטע מײַסע" (1896) און אנד. אין פּעריאָד פון דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע פון 1905—1907 האָבן די לידער פון ל. אוקראַיִנקא לײַדנשאפטלעך גערופן צום קאמף פאר פרײַהײַט („לידער וועגן פרײַהײַט", „דעם טרוים ניט פאראט!" אא.).

אין איר דראמאטורגיע האָט ל. אוקראַיִנקא אָפּט פאנאנדערגעארבעט סוזשעטן פון דער ווײַטער פארגאנגענהײַט און געמאָלט טיפּישע כאראקטערן פון די מענטשן פון איר צײַט („די געפענקעניש פון באָוול" (1903), „אף די כורוועס" (1904), „א הארבסט־מײַסעלע", „אין די קאטאקאָמבעס" (1905), „די אָרגיע" (1913). איר דראמע־פעיעריע „די וואלד־ליד" איז פול מיט פאָלקס־נעגינע און מײַסעלעך. די פּיעסן פון ל. אוקראַיִנקא „דער שטיינערנער באלעבאָס", „די וואלד־ליד" ווערן ביז הײַנט געשפּילט אין פיל סאָוועטישע טעאטערן.

ל. אוקראַיִנקא האָט אויך געשריבן דערציילונגען („אזא איז איר מאזל", „די ליליע", „פרײַנטשאפט", „א פעלער" און אנד.).

לעסיא אוקראַיִנקא איז געשטאָרבן דעם 1 אווגוסט 1913 אין דער שטאָט סוראמי (גרוזיע).

כראָניק

סאָוועטישע ייִדישע לידער אין ארגענטינער „איפט"

ווי עס טיילט מיט די ארגענטינער צײַטונג „אונדזער לעבן", איז אין בוענאָס־אײַרעס, אין זאל פון טעאטער „איפט", פאָרגעקומען אן אָוונט, געווידמעט דער סאָוועטישער ייִדישער דיכטונג און זינגליד.

מיט א וואָרט וועגן דער סאָוועטישער ייִדישער פּאָעזיע און אירע שעפער איז ארויסגעטראָטן דער שרײַבער צאלעל בליץ, וועלכער האָט דערציילט וועגן די גרונט־עטאפּן אין דער אנטוויקלונג פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג זינט דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. אין דער רײַכער קאָנצערט־פּראָגראם האָבן זיך באטייליקט די באקאנטע ייִדישע זינגערן פּאולינא סאק און קאָנצערט־מייסטער כואניטא דיִאמאנט.

פּאולינא סאק האָט מיט גרויס געפיל אינטערפּרעטירט פיל לידער פון איציק פעפער, שיקע דריז, ארן קושניראָוו, ארן ווערגעליס, מוישע בראָדערזאָן, לייזער קאצאָוויטש, איזי כאריק אא.

נייעס פון לוואָוו

א פּאָעמע, געווידמעט נאפּטאַלע באַטווין

פּיל קאָמוניסטן און קאָמיוגיסטן פון מיטל־אוקראַיִנע האָבן אין פּריצישן פּוילן העלדיש געקעמפט פאַר א גליקלעכער צוקונפט פון די אַרבעטנדיקע. איינער פון זיי איז געווען דער יונגער יידישער אַרבעטער נאפּטאַלע באַטווין, וועמענס אָנדענק די איינוווינער פון סאָוועטישן לוואָוו האָבן פאַרייביקט, אָנרופנדיק איינע פון די גאַסן פון דער שטאָט אָף זיין נאָמען.

ניט לאַנג צוריק האָט דער לוואָווער דיכטער מיקאַלאַ ראַמאַנטשענקאָ אָנגעשריבן א פּאָעמע, געווידמעט דעם דרייסטן רעוואָלוציאָנער. די דאָזיקע פּאָעמע, וועלכע דער דיכטער האָט אָנגערופן „באַטווינס שאָס“, איז פאַרעפנטלעכט אין דער געגנטלעכער ציַיטונג „לוואָווסקאיא פּראַוודאַ“.

גאַסטראָלן פון אַנע גוזיק

אין זאַל פון דער היגער מעלוכישער פּילהאַרמאָניע און אין קולטור־פּאַלאַץ אָף גאַגאַרינס נאָמען זיינען מיט דערפאָלג דורכגעגאַנגען די קאָנצערטן פונעם לאורעאַט פונעם אַל־פאַרבאַנדישן קאָנקורס פון עסטראַדע־אַרטיסטן אַנע גוזיק.

די שוישפּילערן האָט אויסגעפילט אינסצענירטע בילדער לויט די ווערק פון שאָלעם־אַליכעמען און פראַגמענטן פון מוזיקאַלישע פאָלקס־פאַרשטעלונגען.

קאָנצערטן פאַר די טריקאָטאַזש־אַרבעטער

פון קינדערווייז האָבן זיך פאַרגעדענקט די ווערטער פון איציק פעפערס א ליד:

פרילינג, זומער, האַרבסט און ווינטער —
אַלע טאָג פון פרי באַגינען
אין א פרעמדן ענגן צימער
נייען מיידלעך בא מאַשינען...

איצט זיינען אַנדערע ציַיטן געקומען. אין די ליכטיקע, גראַמע, פולע מיט זונענשיין צעכן פון דער לוואָווער טריקאָטאַזש־פירמע „לוטש“ („שטראַל“) אַרבעטן בא זעקס טויזנט טריקאָטאַזשניצעס בא מאָדערנע מאַשינען־אויטאָמאַטן.

— דער קאָלעקטיוו פון אונדזער פירמע, — דערציילט דער הויפּט־אינזשעניר פון דער אונטערנעמונג נאָום מאַרקאָוויטש קליימאַן, — האָט נאָך אין אָקטיאַבער 1970 אויסגעפילט די פינפיאָר־פּראָגראַם. אַריבער 700 טריקאָטאַזשניצעס אַרבעטן שוין אָפּן כעזשבן פון 1972.

מיט א קורצער ציַיט צוריק איז פאַרן קאָלעקטיוו פון דער פירמע אַרויסגעטראָטן מיט א קאָנצערט די באַוווּסטע לעניגראַדער זינגערן רובינא קאַלאַנטאַריאַן, וועלכע האָט אויסגעפילט פיל לידער פון די סאָוועטישע פעלקער, דערונטער פאָפּולערע יידישע פאָלקסלידער.

א. ראַכלין

א קונסט־אויסשטעלונג

אין די זאַלן פונעם מעלוכע־מוזיי פון אוקראַיִנישער פּלאַסטישער קונסט איז פאַנאַנדערגעוויקלט געוואָרן אַן אויסשטעלונג פון די לוואָווער מייסטערס פון מאָלעריי, סקולפּטור און גראַפיק. צווישן אַנדערע איז דאָ פאָרגעשטעלט מיט א ריי גראַפישע ווערק אָף יידישער טעמאַטיק דער קינסטלער שימען גרוזבערג.

ווערק פון שאָלעם־אַליכעם אין דער וואָלגאָגראַדער טעלעוויזיע

די מאָסקווער אַרטיסטן יוסעף און לייע קאַלין האָבן געהאַט א ריי קאָנצערטן פון יידישן קינסטלערישן וואָרט אין דער העלדן־שטאָט וואָלגאָגראַד. זיי זיינען דאָ אויך אַרויסגעטראָטן פאַרן בלויען עקראַן מיט פאַרלעזונגען פון „טעוויע דער מילכיקער“ און „בלאָנדזנדע שטערן“.

נייע ביכער פון יידישע שרייבער

צוויי ביכער זיינען לעצטנס דערשינען אין מאָסקווער פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“:

„אומרוויקער ווינט“ הייסט מאָטל גרוביאַנס זאַמלונג, וואָס שליסט איין לידער־ציקלען פון פאַרשיידענע פעריאָדן.

מאָטל האַרצמאַנס בוך „געזאַנג און שווערד“ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיטן 60־טן געבורטסטאָג פון דעם דיכטער פראַנטאַוויק, וואָס איז אומגעקומען אין די שלאַכטן פון דער פאַטערלענדישער מילכאָמע. אין דער זאַמלונג איז איינגעשלאָסן די פּאָעמע „דער טויט־אורטייל“, וואָס ווערט געדרוקט צום ערשטן מאָל.

* * *

עס זיינען לעצטנס דערשינען א ריי ווערק פון יידישע שרייבער אין דער איבערזעצונג אָף פאַרשיידענע שפּראַכן פון די ברידערלעכע סאָוועטישע פעלקער: אין קעשענעווער פאַרלאַג „קאַרטיאַ מאָלדאָוועניאַסקע“ — יעכיעל שרייבמאַנס א בוך נאָוועלן, סקיצן און מיניאַטיורן „יאָרן און רעגעס“, אָף מאָלדאַוויש; אין קיִעווער פאַרלאַג „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק“ — שלוימע טשערניאַווסקיס לידער־זאַמלונג „הויכע טאָפּאָלן“, אָף אוקראַיִניש.

„שיר־השירים“ אָף אוקראַיִניש

דער ליטעראַרישער זשורנאַל „דניפּראָ“ האָט אין דעקאַבער־נומער פון 1970 פאַרעפנטלעכט אונטער דער רובריק „פון דער וועלט־דיכטונג“ פראַגמענטן פון „שיר־השירים“ אין א פרייער איבערזעצונג פון סטאַניסלאַוו זינטשוק.

„שיר־השירים“, — ווערט געזאָגט אינעם אַריינפיר צו דער איבערזעצונג, — איז איינער פון די העכסטע באַרג־שפּיצן פון דער ליריק אין דער וועלט־דיכטונג... צו די געשטאַלטן פון דער דאָזיקער פּאָעמע האָבן זיך געווענדט בייראָן און היינע, פּושקין און שעווטשענקאָ, פראַנקאָ און לעסיא אוקראַיִנקאַ, שאָלעם־אַליכעם און קופּרין, פּעט און כאָטקעוויטש...“ גאַנץ „שיר־השירים“ אָף אוקראַיִניש איז ביז אהער דערשינען אין די איבערזעצונגען פון פּ. קוליש און אי. כאָמענקאָ.

דער ווײַנשלבוים

ווערטער פון אווראָם גאָנטאַר
מוזיק פון מאָטל פּאָליאַנסקי





דער ווייַנשלבוים, וואָס קלאַפּט אין מייַנע שויבן,
ער בעט זיך: לאָז אַרייַן, איך שטאַרב פון קעלט.
דער ווייַנשלבוים וועט מיר געוויס ניט גלויבן,
אַז אַף זייַן אָרט כ׳וואָלט זיך אַליין געשטעלט.

אַז כ׳וואָלט געוואָלט, ווי ער, אום פרילינג בלִיִען,
זיך קושן מיטן ווינט, וואָס יאָגט פאַרבייַ,
אַז יונגע שוואַלבן זאָלן צו מיר פלִיִען
מיט פויגלשן געזאַנג און פּלאַפּלערייַ,

און זומער ווערן רייַף מיט פרוכטן זיסע,
וואָס זייער רום זאָל שעמען אַף דער וועלט.
מייַן בוים מייַן טייַערער, דו מעגסט עס וויסן:
איך בין מעקאַנע דיר, כאָטש פרירסט פון קעלט.

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

Упр. Следующие предложения переведите на еврейский язык, правильно употребляя герундив настоящего или прошедшего времени:

1. Читая литературу на еврейском языке, я выписываю все непонятные слова. 2. Прочитав рассказы Иосифа Рабина, я написал ему письмо. 3. Уезжая в командировку, я всегда беру с собой книжки любимых поэтов. 4. Закрепив весь материал по еврейской грамматике, я начал систематически читать еврейскую литературу.

XXI. О ПРАВОПИСАНИИ ГЕБРАИЗМОВ И О ЕВРЕЙСКОМ АЛФАВИТЕ

§ 1. Согласно правилам еврейского правописания, принятого в Советском Союзе, слова древнееврейского (гебрайского) происхождения, так называемые гебраизмы, пишутся в основном по фонетическому принципу: их написание отражает (правда, лишь приблизительно) их произношение в современной еврейской литературной речи.

За рубежом придерживаются (за редкими исключениями) другой системы еврейской орфографии; в особенности это относится к правописанию гебраизмов: сохранено их традиционное написание, такое же, как в гебрайском письме — с использованием гебрайского алфавита, во многом отличного от советского еврейского.

В советской еврейской литературе приходится иногда употреблять, главным образом для речевой характеристики персонажей, отдельные устаревшие слова и целые обороты гебрайского происхождения, притом часто — в их традиционном написании. Так, например, в небольшой повести И. Друкера „דער שרײַבער און זײַן העלד“ («Писатель и его герой») встречается более 25 таких слов или выражений (см. № 10 за 1970 год, стр. 118—132; в сносках там дано их фонетическое написание, а их толкование приводится автором в самом тексте).

Обычно мы не меняем традиционное написание гебраизмов и в названиях произведений или периодических изданий (см. там же на стр. 122). Помимо того, и в пределах нашей страны такое написание гебраизмов соблюдалось в дореволюционных еврейских изданиях, а также в советском еврейском письме первых послеоктябрьских лет.

Вот почему полезно ознакомиться и с гебрайским алфавитом. При этом надо учесть, что в древнееврейском письме гласные звуки обычно не обозначаются на письме, а в тех случаях, когда их принято обозначать (в словарях, в стихотворных произведениях, в учебниках для начальной школы), чаще всего используются для этой цели не буквы, а диакритические знаки (три таких знака мы употребляем и в советском еврейском письме, но не **вместо** букв, а **в сочетании** с буквами, имеющими сами по себе значения определенных гласных звуков, — см. № 2 за 1969 год).

§ 2. Важнейшие отличия гебрайского алфавита от советского еврейского алфавита:

1) Гебрайский алфавит включает несколько дополнительных букв, а именно: а) букву ח („хэс”), соответствующую, наряду с כ, русскому согласному звуку **х**; б) букву כּ („коф”), соответствующую, наряду с ק, русскому согласному **к**;

в) буквы שׂ („син”) и ת („сов”), соответствующие, наряду с ס, русскому согласному **с**;

г) букву תּ[1] („тов”), соответствующую, наряду с ט, русскому согласному **т**.

[1] Точка обычно опускается, особенно на письме.

2) Две буквы, обозначающие согласные звуки, имеют другое звуковое значение по сравнению с теми же буквами в советском еврейском алфавите, а именно:

Буква ב („вейс") обозначает не звук **б**, а звук **в**; для обозначения же звука **б** употребляется та же буква с точкой внутри ее בּ („бейс"), причем на письме эта точка обычно не ставится.

Буква ו может обозначать также и звук **в**.

Буквы **א** и **ע** обозначают гласные не сами по себе, а лишь в сочетании с соответствующими диакритическими знаками. Без диакритических знаков эти буквы остаются „немыми": они никаких звуков не обозначают, а служат только для различения значений слов (на письме); в древние времена они в гебрайском языке имели свои звуковые значения.

Примеры (к §§ 1 и 2):

Гебраизм עפּשער (быть может); его традиционное написание — אפשר; באַריכעס (подробно) — באריכות; באָכער (парень) — בּחור, также без точки — בחור; גאַניידן (рай) — גן־עדן; גענעם (ад) — גיהנום; דאַלעס (нищета) — דלות; האַנאָע (наслаждение, удовольствие) — הנאה; ווידע (исповедь) — וידוי, также ווידוי; זאָקן (старик) — זקן; כאַווער (товарищ) — חבר; טאָעס (ошибка) — טעות; יאַבאָשע (суша) — יבּשה, также יבשה; קויעך (сила) — כּוח, также כוח; קימאַט (почти) — כּמעט, также כמעט; לעוואָנע (луна) — לבנה; מײַכל (кушанье) — מאכל; מיזרעך (восток) — מזרח; נאָווי (пророк) — נביא; סכוירע (товар) — סחורה; אַזעס (дерзость) — עזות; פּאָנעם (лицо) — פּנים; צאָרע (беда) — צרה; קוינע (покупатель) — קונה; ראַכמאָנעס (жалость) — רחמנות; שאַבעס (суббота) — שבּת, также שבת; סוינע (враг) — שׂונא, также без точки — שונא; טשוווע (ответ) — תּשובה, также תשובה.

§ 3. В словарях с переводом еврейских слов на другой язык, а также во всех других случаях, когда возникает необходимость расставлять еврейские слова в алфавитном порядке, у нас в Советском Союзе принят один порядок, за рубежом — другой.

Сравним:

в СССР

א, אָ, ב, ג, ד, ה[1], ו, וּ,
וו, ז, זש, ט, טש,
י, יי, ײַ, כ (ך), ל, מ (ם),
נ (ן), ס, ע, פּ, פ (ף),
צ (ץ), ק, ר, ש

за рубежом

א, ב, ג, ד, ה[1], ו, ז,
ח, ט, י, כּ, כ (ך), ל, מ (ם),
נ (ן), ס, ע, פּ, פ (ף),
צ (ץ), ק, ר, ש, שׂ, ת (ת)

Упр. Все примеры к §§ 1 и 2 впишите в свой словарик, соблюдая алфавитный порядок и правописание, принятые у нас.

Упр. Среди тех же примеров найдите и спишите по правилам нашего и зарубежного правописания слова, включающие в зарубежном их написании дополнительные буквы (отсутствующие в нашем алфавите).

---

[1] Название этой буквы — „hej"; в № 4 за 1969 год, где даны названия букв, это название пропущено.

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Год издания одиннадцатый

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), **Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69; отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер, С. Черняк

Корректор Х. Поташник

Подписано к печати 16/I-1971 г. Формат 70×108 1/16. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125.
Цена 50 коп. Зак. 2998.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
пер. Аксакова, 13

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА № 2

1971

В НОМЕРЕ:

Публицистика

А. Беляев. Как американские «советологи» пытаются выставлять советскую литературу в кривом зеркале.

Против войны, за дружбу между народами Ближнего Востока. Третья встреча солидарности между еврейскими и арабскими писателями в Израиле.

Б. Ицик. Ошибки в новом издании.

Трибуна жизни

Н. Глазков. Поездка в Биробиджан.

М. Грубиан. Воспоминания поэта.

Стихи А. Вергелиса, И. Гегермана, Х. Мальтинского, М. Могилевича, П. Тычины, Ш. Холоденко, Ш. Чернявского, Я. Штернберга.

Г. Полянкер. Ицхок Сантос и его наследники (роман).

Рассказы М. Кобрянского, Ю. Рытхэу, Я. Якира, М. Елина.

На исторические темы. Г. Александров. Россия — наша родина.

В. Огнев. Литература и кино.

Заметки букиниста. Разное. Хроника. Заметки на календаре.

М. Шапиро. Беседы о еврейском языке.